STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02892

DER BARGREYSER

Joseph Shavinsky

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יוסף שטשאַווינסקי

✶

דער באַרגרייסער ראָמאַן

דאָס בוך איז דערשינען מיט דער מיטהילף
פון נשיא המדינה מר זלמן שזר

יוסף שטשאַווינסקי

דער באָרגרייסער

ראָמאַן

פאַרלאַג ברונפן, תל־אביב
תשל״ג — 1973

DER BARGREISER
THE UPROOTER OF MOUNTAINS
a novel
by Josef Shavinsky

Bronfman's Publishing House
2, Tchlenov Street, Tel Aviv

דאָס בילד פון מחבר: מיכאל מילבערגער
שער־בלאַט: א. עין־דור

©
כל הזכויות שמורות למחבר
Copyright, 1973, by
Josef Shavinsky
All rights reserved

אַרויסגעגעבן מיט דער מיטהילף
פון ווילי און ליזאַ שאַר־פאַנד ביים
ייִדישן שרייבער־פאַראיין אין ישראל

דפוס „אורלי", רח' עקיבא איגר 8, תל־אביב
Printed in Israel

פאַר מיינע קינדער

יפה און דוד

מיט ליבשאָפט

במקום אַ הקדמה

ווי לאַנג איז עס דען, ווי דער קליינער סאַברע איז יעדן פרימאָרגן פאַרבייגעגאַנגען פאַר מיין פענצטער מיט דער אָנגעהאָנגענער שולטעקע אויף די פּלייצעס? און שוין האָב איך זיך גענומען וועגן אים אָנשרייבן אַ גאַנצן ראָמאַן.

די שטריכן פון זיין פּנים און דער אויסזען פון זיין קעפּל שטייען מיר איצט מער נישט פאַר די אויגן. וואָס ס׳איז מיר יאָ געבליבן אין זכרון פון זיינע קינדער־יאָרן, איז, אַז ער איז געווען אַ שטיפער און אַ ווילד יונגל.

ער פלעגט אָנטאָן צו להכעיס־שטיק די שכנים. אין די נאָכמיטאָג־שעהען, ווען מ׳האָט געוואָלט האָבן אַ צוויי שעה מנוחה, האָט ער געליאַרעמט און געשפּילט באַלעם אין גאָרטן. און אָט איז אים גאָר איינגעפאַלן צו עפענען די קראַנען און לאָזן לויפן די וואַסער־דריידלעך. ער האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דאָס דינע העמדל און געמאַכט זיך אַ טוש אין די בלויזע הייזלעך. טייל מאָל, אַז ס׳האָט זיך אים פאַרגלוסט, האָט ער גענומען פייפן מיט די קלאַקסאָנען פון די מאָטאָציקלען, וואָס האָבן געפּאַרקט אויפן הויף. שפּעטער האָט ער זיך גאָר געקויפט אַ מויל־האַרמאָשקע און געהאַלטן אין איין פייפן מיליטערישע מאַרשן.

— יורם, דאָ איז נישט קיין ספּאָרטפּלאַץ, דאָ איז אַ גאָרטן, און ס׳קאָסט געלט אים אויסצוהאַלטן — האָט מען אַראָפּגעשריגן פון די פענצטער, אָבער דער קליינער איז פון דעם נישט נתפעל געוואָרן.

איינער פון די שכנים האָט אויף אים געלויערט, געוואָלט אים פּאַקן און אָנקלאַפּן אין די קורצע הייזעלעך אַריין, אָבער ער איז געווען פלינק ווי אַ קאַץ.

— נישטאָ וואָס מיט אים צו מאַכן, אַ מזיק! — און מ׳האָט אים געלאָזט לויפן.

מיט אַ מאָל האָט מען געזען ווי דאָס יינגל איז אָנגעטאָן אין אַן אוניפאָרם פון אַ מיטלשול. ווי ער האָט זיך געלערנט, איז קיינעם נישט אָנגעגאַנגען. וואָס ס׳איז יאָ געווען אַ פּלא — ווי אַזוי האָט אַזאַ מזיק געקאָנט אַריינקומען אין אַ גימנאַזיע?

ערשט ביים סוף שוליאָר איז ער געוואָרן אַ ביסל סטאַטעטשנע, און ביסלעכווייז האָט דאָס יינגל זיך געענדערט נישט צו דער־קענען, ער האָט אפילו אָנגעהויבן זאָגן די שכנים „שלום"!

אַזוי לאַנג ווי ער איז געווען אין דער היים, האָב איך אים כמעט נישט באַמערקט, אפילו זיין נאָמען האָב איך קוים געדענקט. ס׳האָט נישט לאַנג געדויערט, און מ׳האָט אים אין גאַנצן מער נישט געזען. עמעצער האָט געזאָגט, אַז ער איז געפאָרן שטודירן.

ס׳זענען אַדורך אַ פּאָר יאָר, און כ׳האָב אין דעם יינגל אין גאַנצן געהאַט פאַרגעסן. ערשט ווען מ׳האָט אָנגעהויבן אין די קאַפּעען פון אים צו רעדן און כ׳האָב געזען זיין בילד אין די צייטונגען — האָב איך זיך געכאַפּט, אַז דאָס איז דער „מזיק" פון מיין הויף. אַלע מחשבות וועגן אים זענען מיט איין מאָל צוריקגעקומען. איך האָב אָנגעהויבן נאָכצוגיין טריט ביי טריט זיין לעבנסוועג. כ׳האָב מיר געשאַפן אַ קלאָרע פאָרשטעלונג וועגן אים און געמיינט, אַז מיט דעם וועל איך אָפּקומען. ערשט ער איז ווידער דאָ! דער „מזיק" שטייט פאַר מיין פענצטער, ווי אין כיתה ב׳, אָבער דאָס מאָל האָט ער מיר אָפּגעטאָן אַ שפּיצל: ער האָט מיך צוגענאָגלט צום שרייבטיש און נישט אָפּגעלאָזט, ביז כ׳האָב נישט פאַרענדיקט דאָס לעצטע קאַפּיטל פון דעם בוך.

דער מחבר

ורוח גדולה וחזק, מפרק הרים ומשבר סלעים.

מלאכים א׳ יט, יא

קאַפּיטל איינס

דאָס לעצטע שטיקל וועג איז די באַן געלאָפן מיט אַ שטאַרקערן אימפּעט. די רעלסן האָבן זיך געצויגן האַרט ביים ים־ברעג. קעגן איבער זענען געלעגן אויסגעשפּרייט די כרמל־בערג.

דער כרמל האָט זיך שוין לאַנג געהאַט אָנגעהויבן. אויף זיינע שפּיצן זענען געוועזן אַריינגעפּאַסט ווייסע הייזער, אַרומגעהילטע מיט ביימער און גרינס. צו ערשט זענען די הייזער פאַרבייגעלאָפן שיטער, אָפּגערוקטע איינע פון די אַנדערע, אָבער וואָס ווייטער זענען זיי געוואָרן געדיכטער און העכער. באַלד איז די באַן אַרײַן צווישן מויערן און פּלויטן, וואָס האָבן פאַרשטעלט דעם אָפענעם ים און די בערג. ס׳האָבן נאָר אַרויס־געשטאַרצט די שפּיצן פון די הייבמאַשינען און די שיפקוימענס אינעם פּאָרט. באַלד האָבן גענומען סקריפּען די רעדער פון וואַגאָן און די מענטשן האָבן זיך אַוועקגעשטעלט ביי די טירן.

אַ יונגער בחור מיט אַ קליין רענצל אין דער האַנט, איז אַראָפּ־געגאַנגען פון וואַגאָן. ווען ער איז אַרויס אין גאַס, האָט ער זיך אַרומגעקוקט און דערזען אַ שפּיגלדיקן קופּאָל, וואָס קוקט אַראָפּ פונעם באַרג. ס׳האָט זיך אים געדאַכט, אַז דער קופּאָל, וואָס טובלט זיך אין זונליכט לאַכט צו אים, ווי דער איינציקער, וואָס איז געקומען אים באַגריסן ביים אָנקום אין שטאָט אַריין. ער איז דאָ געווען פרעמד. ער האָט די שטאָט נישט געקענט. דערווייל איז געוואָרן אַ שטיקל טומל. מ׳האָט זיך געוואָרפן אויף יעדער טאַקסי, וואָס איז צוגעפאָרן צום וואָקזאַל. קעגן

איבער זענען געשטאַנען אויטאָבוסן מיט פֿאַרשידענע נומערן, וואָס צעלויפֿן זיך איבער דער שטאָט, אָבער ער האָט זיך געפֿוילט צו פֿרעגן אין וועלכן פֿון זיי ער זאָל איינשטייגן. ער האָט אַ ביסל אָפּגעוואַרט, גענומען אַ טאַקסי, און געהייסן זיך אַרויפֿפֿירן אויפֿן באַרג.

דער וועג אויפֿן באַרג אַרויף איז אים פֿאַרגעקומען אַ ביסל משונהדיק. פֿון „הדר"־אָן איז וואָס אַ מאָל דער כביש געוואָרן שמעלער און זיך געשלענגלט ביים ראַנד פֿון הויכע אָפּגרונטן. דער שאָפֿער — האָט זיך אים אויסגעדאַכט — איז אַ ווילדער. אין שאַרפֿע ווינקלען האָט ער אַלעמען אויסגעמיטן און געטריבן מיט אַ נישט דערלויבטער שנעלקייט.

דער בחור איז געווען אַ תּל־אביבער און צוגעווינט צו פֿלאַכלאַנד, צו גאַסן, וואָס הייבן זיך אָן און לאָזן זיך אויס ווי לאַנגע בענק, ווי גלייכע טישן. ער האָט פֿון דער טאַקסי אַרויס געזען, ווי די הייזער שטייען ווי אויף אַ לייטער — אַראָפּ ביזן פֿאַרט, זיך איינגעקוקט אין די דעכער, וואָס האָבן אויסגעזען איינגעבויגענע צום טאָל צו. זיין אויג האָט נישט פֿאַרטראָגן די משופּעדיקייט, ווען דער דאַך פֿון איין הויז קומט צו צו דער שוועל פֿון צווייטן. אויב אינזשיניערן — האָט ער געטראַכט — קאָנען זיך נישט העלפֿן אַרויסצוברענגען אַ שטיקל פֿלאַכלאַנד פֿונעם באַרג — וואָס זשע איז דאָ אויפֿגעטאָן געוואָרן?

יורם רביב — אַזוי האָט דער בחור געהייסן — האָט פֿון קינדוויַיז אָן געהאַט אַ נייגונג עפּעס צו טאָן מיט די אייגענע הענט, אַ באַגער צו מאַכן עפּעס אַזוינס, וואָס איז קעגן דער נאַטור. אַ געמישט געפֿיל איז אין אים געווען פֿאַרבאָרגן: פֿון איין זייט האָט ער ליב געהאַט די נאַטור — די לאַנדשאַפֿט, בערג, דעם ים, און פֿון דער צווייטער האָט ער זיך געבונטעוועט קעגן דעם, וואָס מ׳מוז אַלץ נאָכגעבן דער נאַטור און אויספֿירן ווי זי וויל. טייל מאָל האָט ער אַפֿילו געקלערט, אַז יעדע הערשאַפֿט אויף דער ערד: רייך איבער אָרעם, שטאַרקער איבער שוואַכן, לאָזן זיך בייגן און ענדערן. אין דער אמתן איז דער בן־אדם פֿאַרשקלאַפֿט צו איין־איינציקן האַרטנעקיקן כוח — די נאַטור. וואָס זי וויל, טוט זי מיט דיר. אויף איין אָרט — צו פֿיל היץ, און אין אַ צווייט ווערטווינקל — צו פֿיל קעלט. דאָרט ווו ס׳איז נייטיק פֿלאַכלאַנד, שיסן בערג אין הימל אַריין, און ווו ס׳איז פֿאַראַן פֿלאַכלאַנד, פֿאַרגיסן ימען און טייכן. דאָרט ווו זומפּן, גיסט בשפֿע רעגן, און ווו גליִענדי־קע זאַמדן זעט מען נישט קיין וואָלקן. ביים אָפּגעבן די מאַטורע־עקזאַמענס

האָט ער אַפילו אַריינגעשריבן אַזאַ אויסטערלישן זאַץ: „ווען ס׳וואָלט זיך געשאַפן אַן אַרמיי צו באַקעמפן די נאַטור־סטיכיע, וואָלט איך געווען פון די ערשטע וואָלונטערן״.

אַ סך חלומות האָט יורם רביב מיטגעבראַכט מיט זיך קיין חיפה. ווען ער איז נאָך געווען אַ צוועלפיאָריק יינגל האָט ער שוין אַריינגעטראַכט אין ערנסטע זאַכן. ער האָט ליב געהאַט צו פרעגן אַ סך שאלות. איין מאָל האָט ער אַפילו געפּרוווט מאַכן אַ קינסטלעכן רעגן אויפן גערטנדל ביים הויז. ער איז נישט געווען קיין גרינג קינד: אַן אַמביציעזער, אַן איינגעשפּאַרטער, אָבער אַ גוט קעפּל האָט ער געהאַט.

ווען ער איז אַרויפגעקומען אויפן באַרג, איז אים לייכטער געוואָרן; די נאַטור־שיינקייט האָט אים אויפגעוועקט. ער האָט פון דער ווייטנס דערזען דעם ברייטן ים־בעקן, זעגלען, שיפן און דעם לויטערן האָריזאָנט, וואָס הענגט איבער דעם אַלעם. ס׳האָט אים באַנג געטאָן, וואָס ער האָט נישט מיטגענומען מיט זיך די קליינע לאָרנעטקע פון זיין שופלאָד.

די טאַקסי איז שוין געהאַט פון אים אַוועק, אָבער יורם איז נאָך אַלץ געשטאַנען מיטן רענצל אין האַנט אויף איין אָרט. ער האָט געגנוי זיך אַרומגעקוקט איבערן שטח פון די נאַפּט־ראַפינעריעס און געזוכט מיטן אויג די ברעגעס פון לבנון. אפילו קפריסין — האָט ער געוווסט — זעט מען פון שפּיץ כרמל.

ער האָט זיך אויסגעדרייט פון דער ים־זייט און אַרומגעקוקט איבער די בערג און בערגלעך, וואָס לאָזן זיך אַראָפּ צופוסנס, צום טאָל. דער עמק איז געלעגן אויסגעשפּרייט, ווי אַ גרינער טעפּעך, אין וועלכן שוואַרצע און ברוינע שטיקלעך ערד האָבן אויסגעהאַפטן בלומען. טייל בערגלעך, וואָס קוקן אַראָפּ צום עמק, זענען נאָך נאַקעטע; אַנדערע ווידער — באַוואַקסענע מיטביימלעך, וואָס פון דער ווייטנס זעען זיי אויס ווי גראָזבייטן. און דאָ האָט דער פרעמדער געהאַט אַ גאָר אַנדער געפיל, ווי ווען ער איז געשטאַנען מיטן פנים צו דער ים־זייט. דער שפּיל פון באַרג, וואָדי און טאָל האָט זיך מיט אים גערייצט, געוויזן מיט אַ גרויסן פינגער — נאַ, זע, ווער ס׳האָט דאָ צו זאָגן — אַזאַ גרויסע שטאָט קניט אונטערטעניק פאַר אונדז...

אַ לאַסטאויטאָ האָט זיך דערנענטערט, שטאַרק געפּיפן, און דער שאָפער האָט אים אפילו געדראָט מיט דער האַנט. ערשט איצט האָט ער זיך

געכאַפּט, אַז ער שטייט אין מיטן כביש. ער איז אַרײַן אינעם הויף פֿונעם פּאָליטעכניקום.

ער האָט זיך אינעווייניק נישט לאַנג געזוימט. ער איז שוין געווען פֿאַרשריבן צו די לימודים און איז באַלד אַרויסגעקומען מיט אַ קליין ביכעלע אין דער האַנט. דערנאָך האָט זיך יורם רביב דערמאָנט, אַז מ׳דאַרף דאָס רענצל אָוועקלייגן. ער האָט געהאַט אַ שטאַרקע נייגעריקייט צו דער שטאָט, צום כרמל, וועגן וועלכן ער האָט אַזוי פֿיל לעגענדעס געהערט. ער האָט געוואָלט באַקענען די געגנט איידער ער נעמט זיך צו די לימודים.

ס׳איז געווען אין אָקטאָבער. דער כרמל האָט זיך שוין אָנגעהויבן פֿאַרצירן מיט וואָלקנס און אַרײַנגעוועבט אין זיי די שפּיצן בערג. די לופֿט איז געווען אַן אַנדערע, אַ פֿייכטערע, ווי אין תל־אביב. קיין חברים האָט ער דאָ נישט געהאַט, בלויז אויף אַ קליין צעטעלע איז בײַ אים געווען פֿאַרשריבן אַן אַדרעס, וווּ ער וועט וווינען. אַ צימער איז שוין געווען פֿאַר אים באַשטעלט אויף אַ גאַנץ שוליאַר.

ווען ער איז פֿאַרבײַגעגאַנגען דעם קלויסטער וואָס אויפֿן באַרג, איז אַ נאָנע אים אַקעגנגעקומען. ער האָט אַ בליק געטאָן אויף איר פּנים און איז אויפֿגעציטערט געוואָרן: ס׳איז געווען אַ מיידל, אפֿשר אַכצן יאָר אַלט, מיט אַ פּאָר בלוי־שיינענדיקע אויגן. אײַנגעהילט אין די שווערע, שוואַרצע קלויסטער־קליידער, האָבן אירע אויגן נאָך מער געלויכטן. זייערע בליקן האָבן זיך צונויפֿגעטראָפֿן, אָבער נאָר אויף איין רגע. ער איז אַרײַן דורכן אָפֿענעם ברייטן טויער: אַ פֿריש געפּלעגטער גאָרטן מיט בלומען־קעמפּעס אין ביידע זייטן וועג ציט זיך ביז צו דער קלויסטער־טיר. ער איז אַרײַן אינעווייניק, זיך אַרומגעקוקט, און געזוכט אַ מענטש וואָס צו פֿרעגן, אָבער די טענער, וואָס האָבן זיך געטראָגן פֿונעם אַלטאַר, האָבן אים אָפּגעהאַלטן צו רעדן. ער איז געבליבן שטיל ביז די תּפֿילה האָט זיך געענדיקט, און ווען דער עולם האָט אָנגעהויבן אַרויסצוגיין, האָט ער געפֿרעגט אַ קלויסטער־שמש:

— אפֿשר איז פֿאַראַן דאָ אַ בוך, וווּ ס׳שרייבן זיך איין באַזוכער?

— יאָ, אָבער נישט אין קלויסטער גופֿא, נאָר אין פּאַליש. אָט דאָרט אין ווינקל!

אַ פּאָר מינוט האָט ער געבלעטערט אינעם דיקן, באַשריבענעם בוך מיט פֿאַרשידענע האַנטשריפֿטן. ער האָט געזען, ווי אַלע אײַנשרײַבונגען

ענדיקן זיך מיט ברכות און מיט אָמן, אָבער ער האָט אין זינען געהאַט עפּעס אַנדערש; ער האָט פאַרשריבן:

„פאַרשלייערט נישט קיין אַכצן־יאָריקע בליִענדיקע מיידלעך אין שוואַרצע קלויסטער־קליידער. הרגעט נישט אַוועק זייער שיין לעבן. גאָט וויל, אַז זיי זאָלן ווערן געליבט, ווערן מוטערס פון זיין בצלמו ברא אותו און זויגן קינדער".

ער האָט צוגעמאַכט דאָס בוך און אַרויסגעגאַנגען. ער האָט דערפילט אַ פאַרלייכטערונג און געהאַט אַ געפיל, אַז ער האָט אָפּגעטאָן אַ גוטע זאַך. נישט צוליב פּראָטעסט אָדער קעגנערשאַפט צו אַ פרעמדער רעליגיע האָט ער דאָס געטאָן. פשוט, דאָס האַרץ האָט אים ווי געטאָן, אַז אַזאַ יונג־בליִענדיקע באַשעפעניש, ווי אויסגעמייסטערט דורך גאָטס האַנט אַליין, זאָל דאָס גאַנצע לעבן מוזן בלייבן איינגעראַמט אין שוואַרצן און אָפּגעשיידט פון די תענוגים פון אַ בשׂר־ודם.

און וואָס וועט זיין ווען די נזירים וועלן עפענען דאָס בוך? צי וועלן זיי איבערלאָזן זיינע שורות, אָדער אויסמעקן, אַז קיינער זאָל זיי נישט קאָנען איבערלייענען? ער האָט באַשלאָסן, אַז אין אַ שטיקל צייט אַרום וועט ער אַריינגיין אין קלויסטער און זען, ווי די נזירים האָבן רעאַגירט. וועלן זיי האָבן זיינע שורות אויסגעמעקט — וועט ער דאָס זעלבע ווידער אַריינשרייבן.

אַ ביסל שפּעטער איז ער אָנגעקומען, מיט דעם צעטעלע אין האַנט, אויף דער קוואַרטיר. מ'האָט אים פיין אויפגענומען און אַריינגעפירט אין זיין צימער. ער האָט, אַ נישט דרייסטער, אַוועקגעשטעלט דאָס רענצל אין אַ זייט און זיך אַרומגעקוקט. ס'איז געווען אַלץ וואָס אַ סטודענט דאַרף האָבן: אַ וואַסערקראַן מיט אַ וואַששיסל, אַ שרייבטיש מיט שופלעדער, אַ ביכערשאַנק, און ביי דער ברייטער קאַנאַפּע — אַ נאַכטלעמפּל. אַלץ איז אים געפעלן געוואָרן, נאָר ווען ער איז צוגעגאַנגען צום פענצטער, האָט ער געזען, אַז דאָס הויז שטייט אין טאָל און ער וועט דאַרפן יעדן טאָג אַרויפשטייגן אויפן באַרג. ס'ערשטע — האָט יורם געטראַכט — וועט ער דאַרפן ברענגען דאָ אַהער זיין מאָטאָציקל.

אין שטוב איז איצט געווען בלויז די באַלעבאָסטע און מ'האָט זי בכלל נישט געהערט. ערשט ווען דער פאַרנאַכט איז צוגעפאַלן איז דאָס הויז באַלעבט געוואָרן. די הויזמענטשן זענען צוריקגעקומען פון דער

אַרבעט. צו ערשט איז אַריין אין שטוב דער בעל־הבית פון דער דירה. און ער האָט באַלד געוואָלט זען דעם נייעם סובלאָקאַטאָר. ער האָט זיך פאַר יורמען פאָרגעשטעלט אַלס פאַרט־אַרבעטער און אַרומגעפירט אים ווייזן די גאַנצע דירה.

— איך וועל אייך געבן דעם שליסל פון דער צווייטער טיר — האָט דער בעל־הבית צו אים געזאָגט — און איר וועט גלייך פון די טרעפן קאָנען אַריינגיין אין אייער צימער.

אַ ביסל שפּעטער האָט ער יורמען באַקענט מיט זײַנע קינדער — אַ זון און אַ טאָכטער. די באַגעגעניש איז געווען אַ קורצע. יורם האָט פאַרשטאַנען, אַז זיי זענען מיד נאָך דער אַרבעט. ער האָט זיי נישט געוואָלט שטערן און איז צוריק אַריין אין זיין צימער. באַלד האָט ווער אַן עפן געטאָן די טיר.

— אַנטשולדיקט, כ׳האָב דאָ איבערגעלאָזט עטלעכע ביכער...

יורם איז געווען צופרידן פון דער באַגעגעניש. ס׳איז געווען דער פרי̆ערדיקער איינוווינער פונעם צימער. ביידע האָבן זיך דערלאַנגט די הענט. יורם האָט אַ בליק געטאָן און געזען, אַז דאָס זענען טעכנאָלאָגישע לערנביכער.

— איר הייבט ערשט אָן ?

— ניין, שוין געענדיקט.

— וואָס האָט איר געלערנט ? — האָט יורם געפרעגט.

— אַרכיטעקטור.

— אַרכיטעקטור איז אַ זייער געפּאָדערט פאַך. מ׳בויט אין יעדן ווינקל פון לאַנד.

— און איר ? וואָס לערנט איר ?

— איך בין פאַרשריבן אויף באַרג־אינזשעניריע.

דער אַרכיטעקט האָט אַ קוועטש געטאָן מיט די פּלייצעס, ווי איינער זאָגט : וואָס קאָן מען דערמיט אויפטאָן ? אויף יאָרן פרי̆ער איז שוין אויף איין פּאָסטן פאַראַן צען באַרג־אינזשענירן.

— איר האָט דאָ לאַנג געוווינט ?

— דורך דער גאַנצער צייט פון מיינע לימודים. פּשוטע, אָבער זייער פיינע מענטשן. איר האָט גוט אַריינגעטראָפן.

יורם האָט זיך גענומען איינקוואַרטירן. ער האָט אויסגעסדרט זיינע זאַכן אויף די טישלעך און שופלאָדן. קיין סך צו טאָן האָט ער נישט געהאַט,

ווייל ער האָט נאָר מיטגענומען דאָס גייטיקסטע: אַ פּאָר העמדער, טואַלעט־זאַכן און ביכער. אין תל־אביב וואָלט ער זיכער נישט געקענט אײַנזיצן אין אַזאַ אָוונט אין שטוב, אָבער דאָ האָט זיך אים נישט געגלוסט אַרויסצוגיין אַליין אין גאַס. ער האָט אַ טראַכט געטאָן, אַז ער וועט דאַרפן בלײַבן אין דער פרעמד, צווישן באַרג און טאָל, אַ פיר־פינף יאָר. די מחשבות האָבן אים אַ ביסל מיד געמאַכט און ער האָט זיך צוגעלעגט. די בענקשאַפט צו זיין שטאָט מיט אירע פאָרשטעט יפו און רמת־אביב האָט זיך אין אים פאַרשטאַרקט. ווי אַזוי וועט ער קאָנען אויסהאַלטן אין דער פרעמד אַזאַ לאַנגע צייט? ער האָט געוואָלט עפענען דאָס בוך, וואָס ער האָט אָנגעגרייט לעבן דער קאַנאַפּע, אָבער זיין האַנט האָט זיך נישט אויסגעצויגן. ס׳האָט זיך פאַר אים באַוויזן די יונגיטשקע נאָנע פונעם קלויסטער אויפן באַרג. אַצינד האָט ער זי גאַנץ אַנדערש געזען — אָן שוואַרצע בגדים און אַרומגעוויקלטע שנירלעך קרעלן אויף דער ווייס־אַלעבאַסטער האַנט. ס׳האָבן בלויז אויף אים געקוקט אירע בלויע אויגן און די רויִקע אומשולד פון איר פּנים.

יורם איז איצט געווען פעסט אַנטשלאָסן, אַז ער בלייבט אין חיפה. ער האָט זיך איבערגעדרייט אויף דער קאַנאַפּע מיטן פּנים צו דער וואַנט און זיינע מחשבות האָבן אָנגעהויבן זיך באַוועגן: רעאַלע לערע אין אַ הויכשול מיט אַזאַ היפּער־עמפּינדלעכקייט, ווי ער האָט היינט אַרויסגעוויזן, וועלן זיך נישט לאָזן צוזאַמענפּאָרן. וואָס איז דען אייגנטלעך פאָרגעקומען? ער האָט באַגעגנט אויפן באַרג אַ יונגע נאָנע. איז וואָס? וואָס קאָן דערפון אַרויסקומען? ווייסט זי דען, וואָס ער האָט אַריינגעשריבן אין קלויסטערבוך? און אויב זי האָט יאָ זיינע שורות איבערגעלייענט, צי וועט זי זיך וועגן דעם פאַרטראַכטן אָדער אָפּלענקען פון איר וועג? גיכער וועט זי תפילה טאָן פאַר אַ זינדיקער נשמה, וואָס האָט איבערגעטראָטן די שוועל פון קלויסטער און זיך נישט מתוודה געווען.

דער תל־אביבער סטודענט האָט ליב געהאַט פרי אויפצושטיין. די שטוב־מענטשן זענען דערפון נישט געווען צופרידן; זיי זענען געוווינט געווען צו ליגן ביז דער וועקזייגער האָט זיך צעקלונגען. אָבער יורם, ווי נאָר ער האָט דערזען טאָגליכט, האָט ער מער נישט געקאָנט איינליגן אין בעט. ער האָט ליב געהאַט גאַנץ פרי, ווען די גאַסן זענען נאָך ליידיק און

שטיל, צו מאַכן אַ שפּאַציר. דאָס גיין אויף די בערגיקע טראָטואַרן האָט אים ווידער דערמאָנט, אַז ער געפינט זיך אין אַ פרעמדער שטאָט. מיט די הויזמענטשן האָט ער זיך זעלטן צוזאַמענגעטראָפן. טייל מאָל, ווען ער איז צוריקגעקומען פון אַ שפּאַציר, זענען זיי ערשט אַרויסגעגאַנגען צו דער אַרבעט. אין איילעניש האָבן זיי אים צוגעוואָרפן אַ פּאָר ווערטער:

— איר שפּאַצירט אַליין? אָבער מאָרגן קומען מיר פרי פון דער אַרבעט, וועלן מיר מיט אײַך אַרויסגיין ווײַזן די שטאָט, די בערג.

גראָד צו מאָרגנס האָט ער נישט־באַדאַכט זיך צוגעלענט נאָכמיטאָג. אַ קלאַפּן אין טיר האָט אים איבערגעוועקט:

— מיר וואַרטן אויף אייך!

— גאָר פאַרגעסן. אָט שוין, און כ'וועל זיין גרייט!

זיי זענען געגאַנגען צו פוס אויפן באַרג אַרויף, און פון דאָרטן האָבן זיי פאַרקערעוועט צווישן ברייטע באַרגשפּאַלטן און שמאָל־זאַמדיקע וועגלעך, באַוואַקסענע מיט יונגע סאָסנעביימער.

ביי אַ נאַקעטן באַרגקאָפּ, וואָס האָט אויסגעזען אַלט און פאַרוואָרלאָזט, האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט. דער חיפהער בחור האָט זיך אָנגערופן:

— דאָס, זאָגט מען, איז די הייל פון אליהו הנביא.

ביים אַריינגאַנג אין הייל זענען געשטאַנען עטלעכע אָריענטאַלישע פרויען מיט טיכלעך אויף די קעפּ. פון ווײַטנס האָט זיך יורמען אויסגעדאַכט, אַז זיי זאָגן אַ תפילה, אָבער ווען די דריי יונגע מענטשן זענען צוגעקומען, זענען זיי געבליבן שטיל און אַריינגעקוקט אין דער הייל אַריין.

די וואַנט פון באַרג האָט אויסגעזען, ווי געלער ליים געמישט מיט קליינע שטיינדלעך. יורם האָט זיך אַ ביסל איינגעבויגן און אַריינגעגאַנגען עטלעכע טריט. אונטער די פיס האָט געשטויבט אַן אַשיקער זאַמד און די טיפקייט פון דער הייל איז געווען פאַרהילט אין פינצטערניש. ער איז באַלד אַרויס און הויך געזאָגט:

— נישטאָ וואָס צו זען.

— אָבער צו הערן איז שוין יאָ דאָ וואָס! — האָט זיך אָנגערופן אַ מאַן, וואָס איז נאָר וואָס צוגעקומען צו דער הייל.

יורם האָט אים באַטראַכט און נישט געקענט דערגיין פון וואָס פאַר אַן עדה ער איז. ער האָט אויסגעזען ווי איינער פון די דרוזן, וואָס ווינען אויפן כרמל, אָבער ער איז געגאַנגען אָן אַ כפּיָה אויפן קאָפּ, און אין

די פּאָר ווערטער עברית, וואָס ער האָט פון דעם פרעמדן געהערט, האָט ער דערקענט אַן אומבאַקאַנטן דיאַלעקט.

ער האָט דעם פרעמדן גוט אָנגעקוקט: פאַר אים איז געשטאַנען אַ געזונטער מאַן אין די מיטליאָרן מיט אַ ביינערדיק אָפּגעבריענט פּנים. ער איז געווען באַוואַקסן מיט אַ שוואַרץ בערדל, און זיין הולך איז געווען אויסטערליש. דער פרעמדער האָט געטראָגן ברייטע הויזן, וואָס האָבן אויסגעזען, ווי אַ צוזאַמענגעלייגט קלייד, אַ העמד פון דיקן לייוונט און אַ בלוי מיצל אויפן קאָפּ.

— איר זענט אַ ייִד? — האָט יורם, אַן צערעמאָניעס אַ פרעג געטאָן.

— מ׳קאָן זאָגן יאָ און ניין.

— וואָס מיינט דאָס?

דער פרעמדער האָט אַ שמייכל געטאָן. זיין שמייכל האָט אויסגעזען ווי אַ שטיקל זון, וואָס גיט אַ קוק אַרויס פון אונטער אַ טונקעלן וואָלקן און באַהאַלט זיך באַלד צוריק אונטער אים. ער האָט דאָס מויל אַ ביסל געעפנט, ווי ס׳וואָלט אים אַ הנאה געטאָן יורמס נייגעריקייט. יורם האָט אים נישט אָפּגעלאָזט:

— אַ היגער?

— ניין.

— אַ דרוז?

— ניין.

— וואָס דען זענט איר? — איז שוין יורם געוואָרן אויפגערעגט — חצי יהודי וחצי גוי?

— כולו יהודי וקצת מחמדני. — האָט יענער געלאַכט יורמען אין פּנים אַריין.

דער חיפהער בחור האָט זיך אַריינגעמישט:

— בוודאי שומרוני!

— כן.

— פון חולון?

— כן.

— וואָס טוט איר אויפן באַרג?

— אליהו איז אונדזער נביא.

— ווייסט איר עפּעס צו דערציילן וועגן אייער נביא?

— זייער אַ סך. ביי אונדז איז אַ גרויסע מצווה צו דערציילן ברבים נסים ונפלאות פון אליהו הנביא הקדוש.

זיי האָבן זיך אַנידערגעזעצט אויף די שטיינער, וואָסביים אַריינגאַנג אין הייל. דער שומרוני האָט אָפּגעריבן די הענט מיט זאַמד און אַרויסגענומען פון טאַש אַ דין ספרל מיט צעקנייטשטע טעוועלעך. ער האָט געמישט אין די פּאַרגעלטע בלעטלעך, וואָס האָבן אויסגעזען ווי אַלטער פּאַרמעט. ער האָט געהאַלטן דאָס ספרל אין ביידע הענט, אַריינגעקוקט אין אַ בלעטל, דערנאָך האָט ער עס פאַרמאַכט, גענומען אין איין האַנט אַריין, און דאָרט ווו ער האָט געהאַלטן האָט ער אַריינגעשטעקט דעם גרויסן פינגער.

ווי נאָר דער שומרוני האָט פאַרמאַכט דאָס ספרל, האָבן זיך די ווייבער אָוועקגעזעצט אַ ביסל פון ווייטנס אין אַ האַלבראָד. דער מאַן אין בלויען מיצל האָט נאָך אַלץ געוואַרט. זיינע אויגן האָבן געצײלט די קעפּ, ווי ער וואָלט נישט ווען אָנהייבן אָן אַ מנין. ערשט ווען ס׳זענען צוגעקומען נאָך עטלעכע מענטשן צו דער הייל, האָט ער אָנגעהויבן.

ער האָט ווידער געעפנט דאָס ספרל, גענומען עס אין ביידע הענט אַרייַן, און די גאַנצע צייט, וואָס ער האָט גערעדט, האָט ער געקוקט אויף זיינע הענט:

— פאַר וואָס איז אליהו הנביא אַרומגעגאַנגען אויפן כרמל־באַרג? אָט דערפאַר איז אליהו הנביא אַרומגעגאַנגען אויפן כרמל־באַרג, ווייל ער האָט צוגעזאָגט יעקב אבינו, אַז ער וועט היטן די שיפן פון שבט זבולון, וואָס האָט זיך באַזעצט ביים ברעג ים, געפירט מסחר מיט צידון און געלעבט פון שיפעריי. אַז ס׳האָט זיך געמאַכט אַ שטורעם אויפן ים און אַ שיפל פון שבט זבולון האָט געהאַלטן ביים אונטערגיין, האָט ער געוואַרט ביז זיי וועלן תפילה טאָן. און אַז די בני זבולון האָבן זיך אָוועקגעשטעלט מיטן פנים צום כרמל־באַרג, האָט אליהו הנביא די שיפלייט דערלאַנגט אַ האַנט און זיי צוגעצויגן צום ברעג.

די גאַנצע צייט ווען דער שומרוני האָט גערעדט, האָט יורם פון אים קיין אויג נישט אַראָפּגעלאָזט. זיין בראָנדזלעך פנים מיט די טיפע קנייטשן אויפן שטערן האָט גאָר אויסטערליש אויסגעזען, ווען ער האָט געהאַלטן דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט. זיין עברית האָט אים אַ ביסל געשטערט, אָבער ער האָט אים פאַרשטאַנען, און זיין דערציילונג האָט אים פאַרכאַפּט.

דער מאַן מיטן בלויען מיצל האָט זיך אַ ביסל אָפּגערוט, אָבער ער

איז נישט געזעסן רויִק, נאָר זיך געשאָקלט, ווי ער וואָלט אַריינגערעדט אין דער הייל אַריין. באַלד האָט ער ממשיך געווען:

— איין מאָל, מיט אַ סך יאָרן צוריק, ביים סוף פון מלכות יהודה, איז די שיינע בבתא אַרויסגעפאָרן אויף אַ לענגערער רייזע אין איר אייגענער יאַכט, באַצירט מיט קופּער און זילבער־בלעכן. אין צידון האָט זי אויסגעגעבן אַ סך געלט; זילבערנע שקלים און גאָלדענע דינאַרס. וואָס האָט זי אַלץ נישט איינגעקויפט? פּורפּורענע מאַנטלען, געשטיקטע וועש און בלויען זייד; ווייסע שאַלן און געלע גאַרטלען פון ריינעם וואָל; זילבערנע און גאָלדענע טאַצן און רויע איידלשטיינער פאַר אירע שלייפעררייען; אויך שמעקעדיקע איילן און פּאַרפומען, שמירעכצן און זאַלבן צו היילן קרעציקע. זי האָט מיט זיך געפירט טייערע מתנות פאַרן בית המקדש און פאַרן כהן־גדול. פאַר די הערשער פון יהודה האָט זי געקויפט די דינסטע ווייסע שאַלן און שיך מיט גאָלדשנאַלן.

די שיינע בבתא איז געווען זייער צופרידן פון איר רייזע, און דאָס געלט, וואָס איר איז איבערגעבליבן, האָט זי פונאַנדערגעטיילט די מאַטראָסן. אויף דער שיף האָט זי זיך אויפגעפירט ווי אין דער היים. איידער זי האָט געדאַוונט, האָט זי אויסגעקעמט אירע לאַנגע האָר און פאַרדעקט דעם קאָפּ מיט אַ זיידן טיכל. און ווײַל זי האָט נישט געקאָנט גיין אין בית המקדש אַריין און ברענגען חלות און איילן — האָט מען פאַר איר געמוזט לייענען אַ גאַנץ קאַפּיטל פון דער פרשה צו, פון „וזאת תורת זבח" ביז „במדבר סיני".* נאָכן לייענען האָט זי אַריינגעוואָרפן אַ גאָלדשטיקל אין קלפּי, געהייליקט פאַרן בית המקדש.

אין ירושלים האָט די שיינע בבתא געהאַט אַ טבע יעדן פרימאָרגן זיך איבערצושפּאַצירן, לויפן איבער וועגן און טאָלן, כדי אָפּצוהיטן די אויס־געטאָקטע טיילן פון איר קערפּער — זי זאָל נישט דיק ווערן. אויך אויף דער שיף האָט זי אויף דעם נישט מוותר געווען. באַלד נאָכן אָפּדאַווענען איז זי אַרויס פון איר קאַיוטע, אָנגעטאָן אין אַ געפּאַסט טיולן קליידל. זי האָט זיך אַרויפגעזעצט אויף דער גאָלדענער וויגשטול און די מאַטראָסן האָבן זי אַרויפגעטראָגן אויפן דעק. אָבער אַזוי ווי דער דעק איז געווען צו קליין פאַר אירע איבונגען, האָט זי געקלעטערט אַרויף און אַראָפּ אויף די

* ויקרא ז׳, יא.

לייטערס פון זעגלבוים, ביז ס׳איז אויסגעקומען אַ פערטל פון דעם מהלך, וואָס זי פלעגט גיין צו פוס אין די בערג פון ירושלים.

דעם טאָג איז דער ים געווען רויִק. די שיף האָט זיך נישט קיין בייג געגעבן, נישט רעכטס און נישט לינקס, און מ׳האָט גאָרנישט געפילט, אַז מ׳פאָרט אויפן ים. האָט זיך די שיינע בבתא לענגער פאַרזוימט אויפן דעק. נאָך אירע איבונגען האָט זי גענומען אַ טייער שפּיגעלע, וואָס זי האָט געקויפט אויף איר רייזע, און זיך לאַנג דערין איינגעקוקט. די זון איז שוין געשטאַנען אין מיטן הימל און דער אָפּשיין, וואָס איז געפאַלן אין שפּיגעלע אַריין, האָט די באַלעבאָסטע פון יאַכט געמאַכט נאָך שענער. נישט קיין קנייטשעלע אויף איר פּנים און נישט קיין איין גראָע האָר צווישן די גאָלד־סנאָפּעס, וואָס האָבן באַדעקט אירע בריסטן ביזן נאָפּל — האָט זי געפונען. זי האָט געוווּסט, אַז מ׳האַלט זי פאַר אַ שיינהייט, אָבער אַזוי שיין ווי זי האָט זיך איצט געזען — האָט זי פריִער אַליין נישט געוווּסט, אַז זי איז. דעמאָלט האָט זיך די שיינע בבתא אַרויסגעכאַפּט מיט אַן אומפאַרזיכטיק וואָרט: „כ׳בין שענער ווי מלכּת ירושלים" — האָט זי געזאָגט. באַלד האָט איר גענומען ציִען קיין ירושלים, זיך צו באַווייזן מיט איר שיינקייט, וואָס זי האָט אויסגעפונען אין צידונער שפּיגעלע. זי האָט געהייסן אַרויפציִען אַלע זעגלען און מיט אַ גרויסער שנעלקייט טרייבן די שיף צו די ברעגעס פון יפו.

אָבער ווי נאָר זי איז אַראָפּ פון דעק צוצוגרייטן איר טואַלעט — ווייל צום ברעג פון יפו איז שוין געווען נישט ווייט — האָט דער ווינט זיך אויסגעדרייט און גענומען טרייבן די יאַכט אין אַ זייט אַוועק. אויפן הימל האָבן וואָלקנס זיך פאַרצויגן; אַ שאַרפער ווינט האָט אויפגערודערט די כוואַליעס און געדרייט די שיף אין אַ האַלבראָד. וואָס אַ מאָל איז דער שטורעם שטאַרקער געוואָרן. דער ווינט האָט געטריבן אין מיטן ים אַריין און געריסן שטיקער פון די זעגלען. די כוואַליעס האָבן פאַרגאָסן דעם דעק און די יאַכט האָט זיך געוואָרפן, ווי אַ צעווייקט קלעצל האָלץ. דעמאָלט איז דער עלטסטער מאַטראָס אַריינגעגאַנגען צו דער שיינער בבתא אין דער קאַיוטע און איר געמאָלדן, אַז די שיף האַלט ביים אונטערגיין. דער עלטסטער מאַטראָס האָט מיטגענומען מיט זיך נאָך צוויי מאַטראָסן, ווייל ער האָט זיך גערעכנט, אַז די שיינע פרוי וועט אָנהייבן שרייען און וויינען, און מ׳וועט זי מוזן אַריינזעצן אין דער גאָלדענער שטול אַריין און צוהאַלטן,

זי זאָל נישט פאַר דער צייט אַראָפּשפּרינגען פון דער שיף אין די שטורמישע וואַסערן אַריין. אָבער די שיינע בבתא האָט די שלעכטע בשורה אויפגענומען רויִק און אַפילו נישט איבערגעפּרעגט וואָס מ׳דאַרף טאָן, און צי ס׳איז פאַראַן אַ מעגלעכקייט זיך צו ראַטעווען. איר פּנים איז נאָר אַ ביסל בלייך געוואָרן און די סנאָפּעס גאָלדהאָר פון איר קאָפּ האָבן זיך אַ טרייסל געטאָן אַראָפּ און אַרויף — אַ צייכן, אַז זי ווייסט ווי ס׳האַלט. מיט אַ האַנטבאַוועג האָט זי געהייסן די מאַטראָסן אַרויסגיין פון דער קאַיוטע.

ווי נאָר די מענער זענען אַרויס, האָט די שיינע בבתא אַריינגערופן אירע דינסטמיידלעך און זיך געהייסן אָנטאָן אין די שענסטע קליידער, וואָס זי האָט געהאַט אויף דער שיף. אויפן האַלדז האָט מען איר אָנגעהאָנגען שנירן בריליאַנטן און פּערל. זי האָט זיי געהייסן אויסשמירן זיך מיט טייערע אייל און שפּריצן אויף אירע קליידער די שמעקעדיקסטע פּאַרפומען. אירע גאָלדהאָר האָט מען איר אויפגעפלאָכטן אין אַ הויכן קויש און אַריינגעשטעקט אין זיי טייערע העלפאַנטביין־קעם מיטן הערב פון ירושלים. אויף די פיס האָבן די דינערינס איר אַרויפגעצויגן הויכע שיך, אויסגעאַר־בעטע פון דינע לעדער־לאָקשן, געמישט מיט גאָלדפעדעם, און זי איז אַרויס אויפן דעק.

דערזעענדיק זי, האָבן זיך די מאַטראָסן זייער דערשראָקן. זיי האָבן מורא געהאַט, אַז דער ווינט און די כוואַליעס קאָנען זי נאָך אַראָפּרייסן פון דעק. זיי האָבן באַלד אויסגעפונען אַ זיכער אָרט, צווישן דעם שטאַם פון זעגלבוים און די הויכע שטריקבייגל, וואָס זענען געלעגן אויפן דעק, און זי אַוועקגעזעצט. די מאַטראָסן האָבן זיך אַרום איר אַרומגעשטעלט אַקסל בײַ אַקסל, זי צו שיצן פונעם ווינט און פון די וואַסערצונגען, און קיינער האָט נישט געוואָגט איר צו ראָטן, זי זאָל אַראָפּ פון דעק.

— שיינע האַרין אונדזערע, מיר זענען אין אַ גרויס געפאַר — האָט דער עלטסטער מאַטראָס מיט אַ געבראָכענער שטימע צו איר געזאָגט — וועגן זיך טראַכטן מיר נישט. מיר זענען פון שבט זבולון, זענען מיר, תמיד צוגעגרייטע צו ים־אומגליקן. מיר טראַכטן נאָר, ווי אַזוי דיך צו ראַטעווען, זאָלסט קענען בשלום צוריקקערן אין דער הייליקער שטאָט ירושלים. באַפעל, און מיר וועלן אַלץ טאָן פאַר דיר.

אַ מוטערלעך געפיל האָט זיך אין דער שיינער בבתא אויפגעוועקט. דאָס האַרץ האָט איר ווי געטאָן אויף די יונגע מענטשן, וואָס זענען געשטאַנען

אַרום איר און זי האָט געקוקט אויף זיי, ווי אויף אייגענע קינדער, אָבער קיין טרער אין אירע אויגן האָט זיך נישט געזען.

— אין וועלכער ריכטונג טרייבט אונדז דער ווינט? — האָט זי געפרעגט.

— גנעדיקע פרוי, איך וויל גאָרנישט באַהאַלטן פאַר דיר. מיר האָבן אין גאַנצן פאַרלוירן די ריכטונג און ווייסן נישט ווו מיר געפינען זיך. דער שטורעמווינט דרייט אַזוי מיט די זעגלען, אַז ס׳איז שווער זיך צו אָריענטירן וווהין די „נאָז" פון דער שיף איז געלענקט, אָבער לויט מיין שׂכל קומט אויס, אַז דער ווינט טרײַבט אונדז צו קפריסין.

ווי נאָר די שיינע בבתא האָט דאָס דערהערט, האָט זי זיך אויפגעהויבן פונעם קאַסטן, אויף וועלכן זי איז געזעסן, און פונאַנדערגעשפּרייט מיט די הענט די מאַטראַסן. די קלוגע בבתא האָט פאַרשטאַנען, אַז זי האָט בעת איר ים־רייזע געמוזט מיט עפּעס זיך פאַרזינדיקן, ווייל אויף אַזאַ שטורעם האָט זי ביז איצט, ביי אַלע אירע רייזעס, נישט אָנגעטראָפן. זי האָט אַזוי לאַנג דעריך אַריינגעטראַכט ביז ס׳איז איר געקומען אויפן געדאַנק, אַז דער זאָג „כ׳בין שענער ווי מלכת ירושלים", מוז זיין די ריכטיקע סיבה דערצו.

מודה זיין, אַז ס׳איז פאַראַן אַ שענערע פרוי פון איר אין ירושלים — האָט די שיינע בבתא נישט געוואָלט. ס׳זענען איר אָבער דאָך אַ שאָד געווען די יונגע מענטשן פון דער שיף. האָט זי זיך גענומען דרייען אין אַלע זייטן, ביז זי האָט זיך אָפּגעשטעלט מיטן לינקן אָרעם צו דער נאָז פון שיף, און ס׳איז אויסגעקומען, אַז זי איז געבליבן שטיין מיטן פּנים צום כרמל־באַרג.

צו ערשט האָט זי אירע אויגן פאַרדעקט מיט ביידע הענט און שטיל־געשוויגן, אָבער ווען דער שטורעם האָט אַ ריס געטאָן איר לייב און די מאַטראַסן האָבן זי קוים דערכאַפּט — האָט זי אַראָפּגענומען די הענט פון די אויגן, אויפגעהויבן דעם קאָפּ, און גערעדט, ווי זי וואָלט געשטאַנען מיט וועמען פּנים אל פּנים:

— גאָט פון אברהם יצחק ויעקב, פאַר וואָס קומט מיר אַזאַ שטראָף, כ׳זאָל מוזן אַראָפּנידערן צום אָפּגרונט פון ים מיט מיינע שיינע קליידער, מיטן הערב פון יהודה וואָס כ׳טראָג צווישן מיינע בריסטן, מיט מיין צירונג און די מתנות, וואָס כ׳פיר פאַרן בית המקדש און כהן־גדול? אַפילו אַ

מלך בשר־ודם וואָלט דאָך מיך אַזוי האַרב נישט באַשטראָפט. אמת, כ׳האָב טאַקע געזאָגט „כ׳בין שענער ווי די מלכת ירושלים", כ׳האָב דאָך אָבער נישט געמיינט די שכינה וואָס רוט אין ירושלים...

דער שטורעם האָט אָוועקגעכאַפּט איר קול, אויסגעמישט עס מיט די זשומענדיקע כוואַליעס און מיטן געוויי פון ווינט, אַוועקגעטראָגן עס ווייט, ווייט, ביז די ברעגעס פון דער יבשה. באותו הרגע האָבן די אויגן פון דער שיינער בבתא געגומען לײַכטן פון נעפּלדיקן שטורעם אַרויס, ווי דער מאָרגנ־שטערן. דער בליץ פון איר שיינקייט האָט אָפּגעשלאָגן אויפן כרמל, און אליהו הנביא האָט אויסגעשטרעקט די האַנט און דער שיינער בבתאס יאָכט צוגעצויגן צום ברעג.

דער שומרוני פון חולון האָט אַ קוש געטאָן דאָס ספרל, וואָס ער האָט געהאַלטן אין די הענט און עס פאַרמאַכט, ווי ער וואָלט דערמיט אָנגעזאָגט, אַז ער האָט שוין מקיים געווען די מצווה פון דערציילן נסים פון אליהו הנביא, אָבער ווען ער האָט זיך אַרומגעקוקט און דערזען, אַז דורך דער צייט וואָס ער האָט גערעדט איז זיך צונויפֿגעקומען אַ גרויסער עולם, און אַלע הערן זיך צו מיט נײַגער צו זײַנע רייד, האָט ער דאָס ספרל צוריק געעפנט און ס׳האָט אויסגעזען ווי ער וואָלט דערפון אַרויסגעלייענט:

— איר ווילט אוודאי וויסן וואָס ס׳איז ווייטער געשען? אָבער פריִער וועל איך אײַך דערציילן ווער די שיינע בבתא איז געווען. די שיינע בבתא איז געווען אַ זייער רײַכע פרוי. געלעבט האָט זי אין די צײַטן, סוף פון צווייטן בית המקדש. גאַנץ ירושלים איז געווען באַצויבערט פון איר שיינקייט, געקאָכט מיט איר רייכטום און באַוווּנדערט איר חכמה. דאָס איז נישט געווען קיין שטילע יפת־תואר, וואָס זיצט איינגעשלאָסן אין אַ פּאַלאַץ. זי איז געווען אַ שטורמישע נאַטור, האָט ליב געהאַט גרויסע אַוואַנטורעס. זי איז אָפט געקומען אין דער עזרת־נשים פון בית המקדש און זיך שיין אויפגעפירט מיט אירע מתנות פאַר די כהנים, אָבער גלייכ־צײַטיק האָט זי זיך אויך אַרויסגעלאָזט אויף ווייטע וועגן, כדי בײַצוווינען אָקסנקאַמפן און אָנטייל גענומען אין געיעג פון פלינקע פערדרייטער. די רייכסטע מענער פון לאַנד און די פירשטן פון מעסאָפּאָטאַמיע און בבל האָבן געלעכצט צו איר. אָבער בבתא האָט שוין ביי פערצן יאָר געוווּסט צו וועמען איר האַרץ ציט. זי האָט חתונה געהאַט פאַר אַ גרויסן מיליטער־מאַן,

דערנאָך מיט אַ צווייטן, אָבער זי האָט מיט קיין שום מאַן נישט געקענט אויסלעבן מער, ווי אַ קורצע צייט. צו איר שיינקייט האָט זי נאָך געהאַט אַן אייגן גרויס פאַרמעגן: פעלדער און וויינגערטנער האָבן צו איר געהערט. וועבשטולן און שלייפערייען פון איידלשטיינער האָט זי פאַרמאָגט. אין זומער־און ווינטער־פאַלאַצן האָט זי געוווינט. זי האָט געוווּסט אָנצופירן מיט אירע צענדליקער פאַסטעכער, וואָס האָבן געפּאַשעט אירע סטאַדעס רינדער און שאָף, און געהאַלטן אַן אויג אויף די פאַרוואַלטער פון אירע פאַרמעגנס. זי האָט אַליין געפירט משפּטים קעגן מענטשן, וואָס האָבן געהאַלטן אירע גיטער און נישט געצאָלט די אַרענדע צו דער צייט. זי האָט זיך אויך פּראָצעסירט איבער גרויסע ירושות נאָך אירע פריִערדיקע רייכע מענער און די משפּטים געוווּנען. איר גוטער שם, חכמה און שיינקייט זענען געווען באַקאַנט אין גאַנצן לאַנד. מיט איין וואָרט — מ׳האָט געזאָגט, אַז די שיינע בבתא איז אַ נישט געקרוינטע קעניגין מיט אַ געטלעכן חן.

אירע רייכע מאַלצייטן, אויף וועלכע ס׳זענען געקומען די גרויסע לייט פון יהודה און שומרון, האָבן זי נאָך באַרימטער געמאַכט, און ס׳איז נישט געווען קיין מאַן פון דער הויכער געזעלשאַפט, וואָס האָט זי נאָר איין מאָל געזען און נישט געוואָרן פאַרליבט אין איר.

צו איר זענען געקומען גרויסע האַרן פון אשדוד און בבל. אַפילו די שופטים, וואָס האָבן געמשפּט דאָס פאָלק, זענען געווען אונטער איר איינפלוס. אימעטום, ווו די שיינע בבתא האָט זיך באַוויזן, האָט מען זי אויפגענומען מיט ערפאָרכט און ליבשאַפט.

דער שומרוני האָט אַראָפּגענומען זיין בליק פון ספרל, און ווען ער האָט אַ קוק געטאָן, אַז צווישן דעם עולם, וואָס איז צוגעקומען, שטייען די פרויען מיט די מענער צוזאַמען — האָט ער אויפגעהערט צו רעדן. די פּערסישע פרויען, וואָס זענען געזעסן אָפּגערוקט פון דער וויַיטנס, האָבן גענומען ווייזן מיט די הענט, אַז די ווייבער זאָלן צוקומען צו זיי. ערשט דעמאָלט, ווען אַלע פרויעז זענען געווען באַזונדער, אַ ביסל אָפּגערוקט פונעם קרענצל מענער, וואָס האָט אים אַרומגערינגלט, האָט ער ווידער אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ צום ספרל צו:

— יאָ, ווי האַלטן מיר? — האָט ער איצט אַ צופרידענער העכער גערעדט — ביים נס מיט דער האַנט, וואָס האָט די שיף צוגעצויגן צום כרמל־באַרג. די שיינע בבתא האָט נישט געזען דאָס געשטאַלט, וואָס האָט

זי געראַטעוועט. זי האָט נאָר געזען די בלויזע האַנט, אפילו נישט די גאַנצע האַנט, אָבער פון די שפּיץ פינגער, וואָס זי האָט יאָ געזען, האָט איר דמיון געוויזן, אַז אויסגעשטרעקט צו איר די האַנט האָט אַ יונגער גיבור מיט לאַנג־געקרייזלטע האָר, אָנגעטאָן אין אַ פּעלערינע, פון וועלכער ס׳זעט זיך אַרויס אַ ברייט־געלער גאַרטל, און איר האַרץ האָט געצויגן צו אים.

ווי נאָר מ׳האָט די יאַכט צוגעבונדן צום ברעג, און די שיינע בבתא האָט זיך אַרומגעקוקט און דערזען, אַז זי געפינט זיך טאַקע קעגן איבער דעם כרמל, האָט זי געהייסן מ׳זאָל זי אַרויפטראָגן אויפן באַרג.

צוויי טעג האָט זי אַרומגעזוכט דעם מאַן, וואָס האָט איר אויסגעשטרעקט די האַנט, און אים נישט געפונען. געגעבֿטיקט האָט זי אויף איר ווילגשטול און זיך נישט געוואָלט איבערטאָן. אַפילו אירע האָר האָט זי דורך דער צײַט נישט געלאָזט אויסקעמען און מיט איילן און פּאַרפומען האָט זי זיך נישט געשמירט. דעם דריטן טאָג האָט זי געזאָגט, אַז זי וויל דאָ לענגער נישט בלייבן. מ׳האָט איר געברענגט אַן אָנגעזאָטלטן קעמל און זי האָט אָנגעהויבן אַראָפּצונידערן פון באַרג צום ים. אין מיטן וועג איז פון אַ באַרגשפּאַלט אַרויס איר אַקעגנגעקומען אַן אַלטער מאַן, אָנגעטאָן אין אָרעמע, אָבער זויבערע קליידער. זיין ברייט־גרויע באָרד האָט זיך געוויגט אין ווינט. דער אַלטער איז געגאַנגען איינגעבויגן און אָנגעשפּאַרט אויף אַ גרויסן סענקעוואַטן שטעקן. און ווייל דאָס איז געווען דער ערשטער פּרעמדער מענטש, וואָס זי האָט אויפן כרמל באַגעגנט — האָט זי זיך מיט אים שטאַרק דערפרייט און בײַ אים נאָכגעפרעגט, צי ער קען נישט אַ מאָל אַ יונגן גיבור, וואָס ווינט דאָ אויפן באַרג — און זי האָט פּאַרן זקן געשילדערט זיין אויסזען, ווי איר דמיון האָט אים פּאָרגעשטעלט. דער אַלטער האָט איר גאָרנישט געענטפערט, נאָר געצויגן מיט די אַקסלען, ווי ער וואָלט דאָס ערשטע מאָל פון אַזאַ איינעם געהערט. האָט די שיינע פרוי געמיינט, אַז ער וויל אפשר, זי זאָל אים פאַר דער טירחה באַלוינען, האָט זי אַראָפּגענומען פון זיך דאָס צירונג, דערלאַנגט דעם אַלטן און געבעטן אים, ער זאָל זי פירן אין פּאַלאַץ פון דעם געטלעכן מאַן. אָבער דער זקן האָט אפילו נישט אויסגעשטרעקט די האַנט צו נעמען די מתנות און געזאָגט: „ווי זינדיק וואָלט איך געווען, ווען כ׳נעם צו ביי דער שיינער בבתא דאָס צירונג וואָס באַשיינט איר האַלדז״.

איז די ירושלימער שיינהייט זייער דערשראָקן געוואָרן — „פון וואַנען

וויסט דער אַלטער אַנצורופן מיין נאָמען״? אָבער זי האָט געשוויגן און וועגן דעם אים נישט איבערגעפרעגט. און אַזוי ווי זיי שטייען און רעדן, האָבן געדיכטע וואָלקנס איינגעהילט דעם באַרג און ס׳האָט אָנגעהויבן רעגענען. האָט דער אַלטער איר אָנגעוויזן מיט דער האַנט, זי זאָל מיט דער שמאָלער סטעזשקע, פון וואַנען ער איז אַרויסגעקומען, אַריינגיין אין אַ הייל. ער אַליין איז געבליבן שטיין אין דרויסן ביים אַריינגאַנג. אין אָנהייב האָט זי מורא געהאַט צו גיין אין דער פינצטערניש, אָבער ווי נאָר זי האָט געשטעלט די ערשטע טריט, האָבן אין דער הייל זיך אָנגעצונדן שטורקאַצן און ס׳איז ליכטיק געוואָרן ווי ביי טאָג. פאַר גרויס איבערראַשונג האָט די שיינע בבתא זיך אויסגעדרייט און געוואָלט אַרויס פון דער הייל — און אָט דערזעט זי, אַז ס׳איז גאָרנישט דער אייגענער אַלטער, וואָס האָט זי געהייסן אַריינגיין אין הייל: ער גייט מער נישט אָנגעטאָן אין אָרעמע קליידער. דער שטעקן, וואָס ער האָט געהאַלטן אין האַנט, איז גאָר אַ שפּיז, זיין פּנים שיינט, און די האָר, וואָס הענגען אַראָפּ אויף זיין נאַקן, מאַכן אים אויסזען, ווי דעם ריטער, וואָס זי האָט זיך פאָרגעשטעלט אויפן אָפענעם ים...

ערשט דעמאָלט האָט די קלוגע בבתא פאַרשטאַנען, אַז דער זקן איז אַ הייליקער מאַן, און ער, אליהו הנביא, האָט דאָס צו איר אויסגעשטרעקט אַ האַנט און צוגעצויגן איר שיף צום ברעג.

ווען דער רעגן האָט אויפגעהערט, איז אין דער הייל צוריק פינצטער געוואָרן. דער געטלעכער מאַן, וואָס איז געשטאַנען ביים אַריינגאַנג, האָט זי געהייסן אַרויסגיין פון דער הייל און איר פאַרבאָטן זיך צוריק אויפצוזעצן אויף דער שיף און שווימען קיין יפו. — „קער צוריק קיין ירושלים רייטנדיק אויפן קעמל!״ — האָט ער צו איר געזאָגט. אָבער די שיינע בבתא האָט זיך נישט גערירט פון אָרט. זי האָט זיך איינגעשפּאַרט, אַז זי וועט נישט פריִער אַראָפּ פון באַרג ביז ער וועט איר נישט דערלויבן צו באַהאַלטן אַ טייל פון אירע איידלשטיינער אין דער הייל. זי האָט מורא — האָט זי געטענהט, אַז אויפן וועג קיין ירושלים וועלן זי באַפאַלן שודדים און מ׳וועט איר אַלץ צורויבן. האָט דער געטלעכער מאַן איר דאָס דערלויבט, נאָר בתנאי, אַז זי וועט אים צוזאָגן, אַז אַלע טײַערע זאַכן צו היילן הויטקראַנקע וועט זי, באַלד ווי זי וועט אָנקומען אַהיים, נאָך פריִער ווי זי וועט אַריינגיין אין איר הויז, צעטיילן אין דער הינטערשטאָט פון ירושלים, ווו ס׳וווינט

דאָס אָרעמקייט, און אַלע שמעקעדיקע איילן וועט זי ברענגען צום כהן־גדול אין בית המקדש אַריין...

דער שומרוני איז, ווייזט אויס, שוין אַ ביסל מיד געווען פון דער לאַנגער דערציילונג. ער האָט האַסטיק אַ פאַרמאַך געטאָן דאָס ספרל, און די לעצטע פּאָר ווערטער האָט ער שוין געזאָגט פון אויסנווייניק, אָנקוקנדיק מיט אַ שאַרפן בליק די מענטשן אַרום אים.

יורם האָט זיך קוים געקענט דערוואַרטן די דערציילונג זאָל זיך ענדיקן. ער האָט געוואָלט דעם שומרוני איבערפרעגן וועגן אַ סך זאַכן, וואָס זענען פאַר אים נישט קלאָר געווען, אָבער איידער ער האָט זיך צו אים גענענט, איז דער מאַן אין בלויען מיצל אַוועק פון דער הייל און זיך אויף קיינעם נישט אומגעקוקט.

קאַפּיטל צוויי

אין עטלעכע וואָכן אַרום איז שוין דאָס קליינע צימער, ווו יורם האָט געוווינט, געווען אָנגעוואָרפן מיט ביכער. אומעטום האָבן זיי זיך אַרומגעוואַלגערט; אויפן טיש, אויף די בענקלעך, אויף דער קאַנאַפּע. יורם איז קוים אויסגעקומען מיטן טאָג. אין די אָוונטן איז ער כמעט נישט אַרויסגעגאַנגען פון שטוב. ער האָט זיך נישט פאַרגעשטעלט, אַז ס׳וועט זיין אַזוי פיל צו טאָן. סטודענטן, האָט ער געוווּסט, גייען אַרום האַלב ליידיק, ליאַרעמען, דעמאָנסטריר׳ן — און דאָ קאָן מען גאַרנישט אַרויסקריכן פון דעם מאַטעריאַל. און דאָס איז ערשט דער אָנהייב. ער האָט אַ בליק געטאָן, ווי דער צימער זעט אויס, און גענומען מאַכן אַ ביסל אָרדענונג. ער האָט אָבער נישט באַוויזן עפּעס צו טאָן, ווי מ׳האָט אָנגעקלאַפּט אין דער טיר.

ס׳זענען אַריינגעקומען גרשון מיט זיין חברטע.

יורם האָט אַ שאַרפן בליק געטאָן אויף גרשונען. ער האָט זיך געפילט נישט באַקוועם פאַרן עלעגאַנטן פרעמדן מיידל, און ס׳האָט אים פאַרדראָסן אויף זיין חבר, וואָס ער איז מיט איר אַריינגעפאַלן אומגעריכט אין צימער, און נאָך דערצו אין אַזאַ אומאָרדענונג.

— שלום, שלום, זיצט. — האָט ער זיי מעכאַניש באַגריסט און אין איילעניש גענומען אַראָפּרוימען די ביכער פון דער קאַנאַפּע און בענקלעך.

— אייל זיך נישט אַזוי — האָט גרשון געזאָגט — מיר האָבן צייט, און פֿאַר איר דערפֿסטו זיך נישט זשענירן. זי ווײנט אויך נישט אין קיין פּאַלאַץ.

רינה! — האָט דאָס מיידל דערלאַנגט יורמען די האַנט.

יורם האָט אויף זיך אַרויפֿגעצויגן צו מאַכן אַ מינע, אַז זיי זענען אַנגעלייגטע געסט און ער האָט סתם אַזוי געזאָגט:

— רינה, רינה — עפּעס אַ באַקאַנטער נאָמען. ווער האָט דאָס מיר וועגן אַ רינה דערציילט?

— אוודאי ער — האָט דאָס מיידל שפּאַסנדיק געוויזן אויף איר באַגלייטער.

— מעגלעך — האָט יורם מסכים געווען. אָבער אין זיך האָט ער געוווּסט, אַז נישט דער נאָמען זאָגט אים עפּעס, נאָר דאָס פּנים פֿון מיידל.

די געסט האָבן זיך אַוועקגעזעצט אויף דער קאַנאַפּע. דאָס מיידל האָט פֿון האַנטבייטל אַרויסגענומען אַ שאַכטל פּאַפּיראָסן און יורם האָט איר דערלאַנגט אַן אָנגעצונדן שוועבעלע.

ביים פֿלאַם פֿון שוועבעלע האָט אַ בליץ געטאָן אין זיין געדאַנק: „אַצינד דערמאָן איך זיך שוין. אין גאַנצן ענלעך צו דער יונגער נאָנע״...

ער איז שוין געווען צופֿרידן פֿון דעם וויזיט און געפֿרעגט:

— אפשר מאַכן אַ גלעזל קאַווע?

— שפּעטער. איצט וועלן מיר סתם אַ ביסל פּלאַפּלען.

— אַ תל־אביבער? — פֿרעגט דאָס מיידל.

— אַ רמת־אביבער.

— וואָס מיינט דאָס?

— רמת־אביב איז אַ פֿאַרשטאָט אין צפֿון תל־אביב.

— ווי אַ שטייגער ברוקלין מיט ניו יאָרק — וויצלט זיך גרשון.

— אויך אַ סטודענטין?

דאָס מיידל האָט אַ לייַכטן שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און געפֿרעגט:

— איר האָט שוין באַקענט די פּראָפֿעסאָרן און לעקטאָרן?

יורם האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ בענקל קעגן איבער דעם פּאָרל.

— כ׳האָב שוין באַוויזן וועגן זיי צו טראַכטן. קיין גרינטלעכע מיינונג האָב איך נאָך נישט, אָבער כ׳האָב זיי איינגעטיילט אין צוויי קאַטעגאָריעס.

גרשון האָט ווידער געוואָלט אַריינוואַרפן אַ וויץ, אָבער רינה האָט אים אָנגענומען ביי דער האַנט און אָפּגעהאַלטן.

— לאָמיר הערן — האָט זי געזאָגט — און יורם האָט ממשיך געווען.

— אין דער ערשטער קאַטעגאָריע האָב איך אַריינגענומען יענע פּראָפּעסאָרן, וואָס האָבן ליב זייער קעגנשטאַנד. זיי רעדן מיט התלהבות, וועגן שיכטעס ערד, וואָס זיי רופן אָן מיט געאָלאָגישע נעמען און שטרייכן אונטער זייער מיליאָניקן עלטער. ס'דאַכט זיך דיר, אַז דו הערסט אַן אינטערעסאַנטן רייזענדן, וואָס איז נאָר וואָס צוריקגעקומען פון אַ פאַרוואָרפן לאַנד און ער טיילט זיך מיט דיר מיט זיינע איינדרוקן.

צו דער צווייטער קאַטעגאָריע געהערן די לעקטאָרן, וואָס רעדן מיט אויסגעקליגלטע, געשליפענע זאַצן, קאַלט און טרוקן, ווי זיי וואָלטן אַרויס־געלייענט פון אַן אַלטן פּאַפּירוס. זיי וויקלען אַריין אייגענע קאָמענטאַרן, וואָס אָפט מאָל זענען זיי נישט קלאָר און ס'איז זיי שווער צו פאַרשטיין. זייערע בליקן פאַלן פון אויבן־אַראָפּ, ווי זיי וואָלטן שוין מיד געווען יאָר־יערלעך איבערצוחזרן דעם זעלבן פזמון.

רינה האָט זיך צוגעהערט, ווי ער וואָלט איבערגעזאָגט אירע אייגענע געדאַנקען, אָבער גרשון האָט געוואָלט פּטור ווערן פון דעם שמועס און ער האָט געפרעגט:

— גייסט אפשר מיט אונדז אין קינאָ?

— כ'וויל בעסער בלייבן אין שטוב. כ'האָב נאָך אַזוי פיל אַרבעט.

זיי האָבן זיך אויפגעשטעלט און יורם האָט זיי באַגלייט ביז די שטיגן.

— אַ טיפּ פון אַ גוטן תלמיד — זאָגט רינה, אַראָפּגייענדיק פון די טרעפּן.

און זי האָט קיין טעות נישט געהאַט. יורם האָט פאַר זיך אָנגעצייכנט אַ שטרענגן לימוד־דיסציפּלין. ער האָט געשטרעבט גרינטלעך צו באַהערשן זיין לערע. נישט קיין פרייע פּראָפעסיע, וואָס וועט באַלד זיין פאַר אים אַ פּרנסה־מקור, האָט ער זיך אָפּגעקליבן. אויך דער טיטל „אינזשעניר" האָט אים נישט געלאָקט. ער איז געווען ווייט פון די אַמביציעס, וואָס טליִען אינעם רוב פון דער שטודירנדיקער יוגנט. טייל מאָל האָט ער געהאַט אַ געפיל פון אַ פּרייוויליקן, וואָס האָט זיך פאַרשריבן אין אַ לעגיאָן, כדי צו ווערן אַוועקגעשיקט אין אַ ווייט, פרעמד לאַנד אַריין. אין זיין חלום האָט ער דאָס בעסער געזען: די מאַמע ערד איז געלעגן ווי אַ זקנה און האָט אים געוויזן ווו זי האָט באַהאַלטן די גרויסע אוצרות, וואָס זינט איר קערפּער

האָט זיך אָפּגעקילט, זענען זיי געבליבן אין איר אײַנגעווייד. טייל מאָל האָט ער אַפילו געהערט ווי זי זאָגט: נעם דאָס און צעטייל די קינדער, וואָס קריכן אַרום אויף מײַן הויט".

נאָך אַזאַ חלום איז ער מיט נאָך מער חשק און אימפּעט געלאָפן אויפן באַרג צו די לעקציעס. גראָד דעם טאָג איז אויפגעטראָטן אַ נײַער לעקטאָר מיט אַ לעקציע וועגן דער קראַפט פון פאַרשידענע אויפרייס־מאַטעריאַלן. די סטודענטן אַרום אים האָבן געצויגן מיט די פּלייצעס, נישט געפונען דעם צוזאַמענהאַנג צווישן קראַפט און זייער לערע, אָבער יורם האָט באַלד געפונען די שייכות, אויסטייטשנדיק דאָס מיט די זעונגען פונעם בייַנאַכטיקן חלום...

ווען ער איז אַראָפּגעפאָרן פון באַרג אין טאָל אַריין האָט ער אין דעם נאָך מער אַרייַנגעטראַכט און אַלץ נישט געקאָנט דערגיין, פאַר וואָס די לעקציע האָט אין אים אויפגעוועקט אַ געוואַלדיקן אינטערעס. ביי זיך אין צימער האָט ער זיך היינט גענומען צו דער אַרבעט פריִער ווי אַלע מאָל, און ווידער דאָס אייגענע: T.N.T. איז דאָך אַ צעשטער־כוח, וואָס ברענגט אומעטום חורבן. ער האָט דערפון קיין מאָל נישט געקענט הערן, טאָ פאַר וואָס ציט אים צו די חשבונות פונעם צעשטער־כוח, פון אַ גראַם ביז אַ טאָן דינאַמיט? אַ ווידערגעפיל האָט אים באַהערשט. און וואָס וועט שוין זיין ווען כ'וועל זיך אויסצייכענען? — האָט ער צו זיך גערעדט — און אַז כ'וועל שוין יאָ קענען באַווייזן צוצומישן צו T.N.T. עפּעס אַן אַנדערן שטאָף און מאַכן דערפון אַן אויפרייס־מאַטעריאַל, וואָס וועט זיין פינף מאָל שטאַרקער — וואָס וועט דערפון אַרויסקומען? וואָס וועט זיין מיין לוין?

יענעם אָוונט איז יורם וואַך געווען ביז שפּעט ביי נאַכט, און ווען ער איז אייַנגעשלאָפן, האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער איז נאָך אַלץ אין טעכניקום. ער איז געזעסן אויף זיין פּלאַץ. דער זאַל איז שוין געווען באַזעצט און די סטודענטן האָבן צווישן זיך הויך גערעדט. מ'האָט דערוואַרט דעם פּראָפעסאָר יעדע רגע. באַלד איז ער אַרייַנגעקומען און מיטגעבראַכט מיט זיך נאָך צוויי עלעגאַנטע מענער צום שטענדער פון דער קאַטעדרע. אָבער אָנשטאָט אָנצוהייבן זיין לעקציע, האָט ער די פרעמדע פאָרגעשטעלט. — דאָס זענען די פּראָפעסאָרן אָפּענהיימער און טעלער — האָט ער געזאָגט און אַראָפּ פון דער קאַטעדרע.

אין זאַל איז געוואָרן שטיל. אַלע האָבן אָנגעשטעלט די אויערן, געריכט זיך עפּעס אינטערעסאַנטס צו הערן, אָבער אַנשטאָט איינער פון זיי זאָל אָנהייבן רעדן, האָבן זיי ביידע מיט איין מאָל אויסגעבראָכן אין אַ געוויין. אין געוויין האָבן זיי צוגעמישט ווערטער, עפּעס געזאָגט, זיי האָבן אָבער אַזוי געכליפּעט, אַז ס׳איז שווער געווען צו פאַרשטיין אַ וואָרט.

דער חלום האָט אים אַזוי אויסגעמאַטערט, אַז ער האָט זיך אויפ־געכאַפּט מיט אַ שטאַרקן קאָפּווייטיק. פאַר נאַכט איז ער אַוועק צו גרשונען און אים דערציילט וועגן אויסטערלישן חלום.

גרשון האָט אים אויסגעלאַכט:

— אַ סטודענט דאַרף נישט זיין קיין בעל־חלומות. פון וואַנען האָסטו מיטגעבראַכט אַזעלכע אַלטמאָדישע געדאַנקען? פון רווישיקן תל־אביב? גייסט אַריין אין אַ הויכשול, נעמסט זיך אונטער עפּעס צו לערנען, ווילסט וואָס דערגרייכן, איז אויס מיט חלומות! פאַר דיר דאַרף זיין איין ציל, איין אידעע — די וויסנשאַפט גופא. ביסטו אַ מעדיצינער, מוזטו אויך לערנען וועגן פאַרשידענע סמען; נישט נאָר, ווי אַזוי מ׳היילט אַ מענטשלעכן גוף, נאָר ווי אַזוי מען פאַרסמט אים. ביסטו אַ פיזיקער, אַ באַרג־אינזשעניר — דאַרף דיך נישט אָנגיין די שיינקייט פון באַרג. דאָס לאָז איבער פאַר די דיכטער... לערן בעסער ווי אַזוי מ׳באַצווינגט אים, און ווי מ׳רייסט אים אויף. כ׳קאָן דיר פאַרזיכערן, אַז אָפּענ־היימער און טעלער האָבן אויף קיין איין רגע נישט באַדויערט, וואָס זיי האָבן אויפגעטאָן אָדער אָפּגעטאָן. נאָר אין אַ בייזן חלום איז מעגלעך דו זאָלסט זיי זען וויינענדיק. מיט חלומות קאָן מען אָבער דעם חיפהער טעכניקום נישט ענדיקן...

יורם האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין.

— איך האָב מיין חלום אַנדערש אויסגעטייטשט.

— וואָס פאַר אַ פּירוש האָסטו אים געגעבן?

— אַז פון אַ צעפּלאָסענעם חלום קאָן מען אפשר מער זען, וואָס ס׳טוט זיך אין יענעמס האַרצן, ווי פונעם שמייכל, וואָס מ׳זעט אויף דער וואָר אויף זיין פּנים.

— אויב אַזוי — זאָגט גרשון מיט איראָניע — דאַרף מען זיצן מיט פאַרלייגטע הענט און גאָרנישט טאָן. אָדער בעסער געזאָגט: אויב דו האָסט דערטאַפּט עפּעס אַ שטיקל דערפינדונג, דאַרפסטו ניין צענטל צייט

אַוועקגעבן אויף „וואָס וועט דערפון אַרויסקומען" און איין צענטל פֿאַר דער זאַך גופא. לויט דעם, וואָס כ'האָב דאָ פון דיר געהערט, שטעל איך מיר פאָר, אַז ווען ס'וואָלט געווען אַ טעלעפאָן־פאַרבינדונג מיטן גן־עדן, וואָלסטו עדיסאָנען אויך נישט געלאָזט צו רו, אים אָנגעקלונגען און אָרייַנגעזאָגט ווי ס'דאַרף צו זיין. צו ערשט וואָלסטו אים געלויבט פֿאַר ליכטיק מאַכן די וועלט, אָבער דו וואָלסט זיך נישט אָפּגעהאַלטן און אים אויסגערעכנט וויפל עלעקטראָטעכניקער ס'זענען ביי דער אַרבעט געבליבן הענגען אויף די דראָטן, וויפל מענטשן ס'זענען געבליבן דאַכלאָז, ווייל זייערע הייזער זענען פֿאַרברענט געוואָרן פון אַ קורצשלוס, און וויפל מאָל דער הענקער ביי דער עלעקטרישער שטול האָט זיך באַנוצט מיט זיין דערפינדונג...

ווער ווייס ווי לאַנג דער שמועס וואָלט זיך נאָך געווען פאַרצויגן, אָבער גרשון האָט אַ קוק געטאָן אויפן האַנטזייגערל.

— איך באַדויער — האָט ער זיך אויפגעשטעלט — וואָס כ'קאָן דיך נישט אויסהערן. כ'איל זיך. רינה וואַרט אויף מיר.

קאַפּיטל דריי

אין יענעם יאָר האָט דער זומער זיך אַריינגעריסן מיט שווערע דעמפיקע חמסינען אין מיטן פרילינג. דער כרמל איז אָנגעגליט געוואָרן און אויפגעבראָכן מיט שפּראָצונגען. ציטערנדיק האָבן די גראָזן פון צווישן די שטיינער אַרויסגעשטעקט די קעפּלעך, צו ערשט — שטייף, ווי שפּיצן פון העלגרינע נאָדלען, דערנאָך, ווען זיי זענען ברייטער געוואָרן און אָנגעהויבן זיך הייבן העכער קעגן איבער דער זון, זענען זיי געוואָרן שלאַבעריקער און טונקעלער. דאָ און דאָרט עפנט זיך אַ גרעזל און באַווייַזט זיך מיט אַ געל העמדל און רויט קעפּל. די וועלדלעך אויפן באַרג הייבן אָן צו שמעקן מיט סאָסנע־ריח און די פייגל היפּן פון צווייַג צו צווייַג, זינגען אויף קולי קולות.

יורם האָט אַפילו נישט באַמערקט, ווי דער ווינטער איז אַנטלאָפן, און קלאָרע הימלען האָבן געגומען גליִען אויפן באַרג. ער איז געווען פאַרנומען מיט די לעקציעס און מיט אויפגאַבעס פון גרופּן, אין וועלכע ער איז

אַריינגעצויגן געוואָרן. די סטודענטישע סביבה, וועלכע האָט אים אין אָנהייב אויסגעזען צו זיין טרוקן און אַפּאַטיש, האָט אים איבערראַשט מיט איר אינטערעס צו געזעלשאַפטלעכע און פּאָליטישע געשעענישן. ס׳האָט ביי אים אויסגעזען, אַז זיי גיבן אַוועק צו פיל צײַט פאַר זײַטיקע זאַכן אויפן חשבון פון די לימודים. אויך ער אַליין, ווי ווייט ער איז געווען אָפּגעהיטן מיטן באַאַרבעטן די לעקציעס, איז אַ שפּאַר ביסל הינטערשטעליק געבליבן און ער וועט עס מוזן דעריאָגן אין „חופש הגדול”.

אָבער נאָך איידער די וואַקאַציעס האָבן זיך אָנגעהויבן, איז ער אַריינ־געצויגן געוואָרן אין אַ גרופּע, וואָס גייט אין די דערפער העלפן די פּויערים, און זיי נוצן דערצו אויס די קורצע איבעררייסן אין מיטן יאָר. די לאָזונג „למען הספר” איז אים אַזוי געפעלן געוואָרן, אַז ער האָט נישט געוואַרט ביז מ׳וועט אים בעטן, נאָר זיך אַליין פאַרשריבן צו גיין אַרבעטן אין אַ גרענעץ־דאָרף.

מ׳האָט זיי געשיקט אין חולה־טאָל. אַ שפּאַר שטיק וועג זענען זיי געפאָרן מיט אַ שמאָל וועגל, וואָס האָט זיך געשלענגלט לענג־אויס דעם גרענעצפּאַס. ס׳איז געווען מיטאָגצייט. אין טאָל האָט געהערש אַ שטילקייט. נישט קיין טראַקטאָר האָט מען געהערט און נישט קיין מענטש האָט מען געזען אויף די פעלדער. פון דער ווײַטנס האָט געגומען אַרויסשיילן זיך דאָס דאָרף, אין וועלכן זיי זענען געפאָרן. ס׳איז געלעגן צופוסנס די סירישע בערג, און אויסגעזען האָט עס, ווי אַ גיגאַנטישע האַנט וואָלט אַ שאַר אַראָפּ געגעבן די הייזלעך פון באַרג און זיי צעשאָטן אין די זומפּן אַריין, און אַזוי זענען זיי געבליבן שטיין מיט די ווייסע ווענט און רויטע דעכער, איינס ווייט אָפּגערוקט פון אַנדערן. נאָענט פון דאָרף איז זיי אַקעגנגעקומען אַ שטאַרקע היץ, ווי ס׳וואָלט ווער געעפנט אַ טיר פון אַ גרויסן באַקאויוון. אַרום האָבן זיך געשפּרייט סעדער, און יורם האָט זיך געוווּנדערט: ווי קומען דאָ אַהער עפּלביימער אין אַזאַ גרויסער היץ?

זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט ביי אַ הויז, וואָס איז געווען אין גאַנצן ליידיק און אויסגעזען ווי אַ הילצערנער וואָקזאַל אויף אַ קליין פאַרוואָרפן סטאַנציעלע. מ׳האָט זיי מכבד געווען מיט אַ קאַלטן טרונק און געהייסן וואַרטן.

שפּעטער זענען אַריינגעקומען עטלעכע פּויערים. זייערע פּנימער זענען געווען פאַרסמאַליעט פון דער זון און אויף די קעפּ האָבן זיי געטראָגן

„טעמבעלס״ ביז צו די אויגן. אַלע זענען זיי געווען אין די מיטעלע יאָרן, מיט ברייטע פּלייצעס און אַ גראָבער הויט אויף די דלאָניעס. די העמדער זענען ביי זיי געווען פאַרשוויצטע, אָפענע און ס׳האָבן אַרויסגעקוקט גוט־אַנטוויקלטע האָריק־באַוואַקסענע ברוסטן. מיט איין האַנט אין דער קעשענע פון די קורצע כאַקי־הויזן האָבן זיי אַ בליק געטאָן אויף די שמאָל־דינע בחורים מיט אויסגעאיידלטע הענט, וואָס מ׳האָט זיי דאָ אַהער־געשיקט צו הילף, און זיי זענען שטיל אַרויסגעגאַנגען.

זעענדיק די קרעפּקע מושבניקעס, האָט יורם שוין חרטה געהאַט וואָס ער איז אַהערגעקומען. אַקעגן זיי — האָט ער געטראַכט — זענען מיר מפיל־קינדער. אַזאַ, האָט ער פאַרשטאַנען, איז געווען דער איינדרוק פון די דאָרף־תושבים, וואָס האָבן זיי אָנגעקוקט און שטיל אַרויסגעגאַנגען. נישט בחינם לאָזט מען זיי וואַרטן, זיי וועלן נאָך חרטה האָבן...

ווען די זון האָט זיך געזעצט און ס׳איז אַ ביסל קילער געוואָרן, זענען אינעם לייטיקן הויז אַריינגעקומען אַ גרעסערע צאָל פּויערים פון דאָרף מיטן מדריך, וואָס האָט זיי געבראַכט, און יעדער האָט גענומען צו זיך אַהיים צוויי פון די מתנדבים.

יורם און גרשון זענען אַריינגעקומען אין אַ הויז מיט געראַמע צימערן. די בעלי־הבתים האָבן זיי וואַרעם אויפגענומען:

— איר קאָנט זיך דאָ פילן, ווי ביי זיך אין דער היים — האָט די בעל־הביתטע געזאָגט.

דער בעל־הבית האָט זיך אַנידערגעזעצט אויף אַ נידעריק פלאַך בענקל מיט דריי פיס, וואָס איז געווען אין מיטן אויסגעהוילט. ס׳האָט אויסגעזען, אַז ס׳איז אים נישט באַקוועם צו זיצן אויף אַ שטול, ווייל ער איז צוגעוווינט קניִענדיק צו טאָן פעלדאַרבעט.

פאַר די אורחים האָט מען אַוועקגעשטעלט עסן אויפן טיש — אַ סך מילכיקס און סאַלאַטן פון ירקות. זיי האָבן זיך אַ ביסל געקווענקלט צו נעמען די גאָפּלען אין האַנט אַריין, ווייל פון די הויזמענטשן האָט זיך צום טיש קיינער נישט אַוועקגעזעצט. יורם האָט געפרעגט:

— און איר?

— מיר האָבן שוין אָפּגעגעסן — האָט דער בעל־הבית געזאָגט. מאָרגן וועלן מיר עסן צוזאַמען.

ער האָט פאַרשטאַנען, אַז די אורחים איז נישט ניחא, וואָס מ׳האָט

זיי אַליין אַוועקגעזעצט בײַם טיש, האָט ער אָנגעשטאָפּט טאַבאַק אין דער פּייקע, און כדי אַרויסצוווייזן פריינדלעכקייט זיי אונטערגעהאַלטן מיט אַ שמועס.

— הייס דאָ, האַ? הייס! פון וואַנען קומט איר, פון חיפה? אויפן כרמל איז קילער. אַ פרעמדער, אַז ער קומט אַהער און ס׳גיט אים אַ ברי, מיינט ווער ווייס וואָס... אָבער מיר זענען שוין צו דער היץ צוגעוווינט. שוין דרייסיק יאָר אויפן באָדן און מ׳קומט אַדורך... אין דער היץ וואַקסן אונדזערע קינדער, אונדזערע פעלדער און סעדער, אונדזערע סטאַדעס שאָף און רינדער. כ׳זאָג אייך, מ׳קאָן בעסער אויסקומען מיט היץ ווי מיט קעלט. פריִער האָב איך געוווינט אין יסוד המעלה. געגוג זיך אָנגעגעסן מיט מאַלאַריע און די ענגלענדער. יעדן מאָנטיק און דאָנערשטיק האָבן זיי געזוכט באַהאַלטן געווער. געמוזט דאָס מיסט פון די שטאַלן אַרויסוואַרפן... געפּאַקט און געמאָזלט, ביז כ׳בין דאָ אַהערגעקומען. די אויסגעטריקנטע זומפּן צאָלן אָפּ פאַר אַלע צייטן...

אויף צו מאָרגנס האָט מען זיי פרי אויפגעוועקט. אויפן וועג אין פעלד אַריין האָט דער באַרג גענומען בלישטשען, ווי ס׳וואָלט אויף אים אַ שפּיגל אַרומגעלאָפן. אין טאָל איז נאָך געווען קיל. קאַלטע טויטראָפּנס זענען געהאָנגען אויף די צווייגן, געוויקט די גראָזן און געוואַשן די פיס פון די דורכגייער. דער טונקל-גרינער חציר איז געווען געדיכט צוזאַמענ־געוואַקסן, געריסן זיך אין דער הייך, ווי ער וואָלט וועלן איבעריאָגן די וויצפעלדער. דער גאַנצער טאָל איז געווען אויסגעגאָסן ווי מיט אַ גרינער פעטקייט.

ווען די זון האָט זיך אַרויסגערוקט פון הינטערן באַרג אַפער, האָט דער צעפלאַמטער טאָג גענומען באַקן דעם טאָל. אַ פּאַרע איז אויפגעגאַנגען פון דער ערד, ווי פון אַ זידיקן טאָפּ אַרויס, געהויבן זיך, ווי אַ שיטערער נעפּל און פאַרשטעלט די קלאָרקייט פון באַרג. די שיינקייט פון דער נאַטור אַרום האָט אים געמאַכט נישט פילן די גרויסע היץ. יורמען איז געקומען אין געדאַנק אַ סוגיה, וואָס ער האָט אַ מאָל געלערנט: „למה נברא בן אדם אחרון?״ — פאַר וואָס איז דער מענטש באַשאַפן געוואָרן דער לעצטער? „שלא יגיד שהיה שותף למעשה בראשית״ — ער זאָל נישט זאָגן, אַז ער איז געווען אַ שותף צו מעשה בראשית — אָבער דאָ, דאָ — האָט ער צו זיך גערעדט — איז עס דאָך נישט אַזוי באַשאַפן געוואָרן, נאָר איבער־

געאַנדערשט געוואָרן דורך מענטשן נישט צו דערקענען: אַ ים־בעקן איז פאַרשוווּנדן, וואַסערן און זומפּן מיט מאַלאַריע־פליגן זענען אויסגעטריקנט געוואָרן. אַ שטיק נאַטור־אָרעמקייט האָט אַראָפּגעוואָרפן די אַלטע טראַנטעס און זיך איבערגעטאָן אין יום־טובדיקע מלבושים.

די אַרבעט איז אים שטאַרק געפעלן געוואָרן און ער האָט זיך צו איר גענומען מיט ברען. וואָס מ׳האָט אים געהייסן, האָט ער געטאָן, און אַפילו נישט איבערגעפרעגט, ווי אַזוי מ׳טוט עס. דער שווייס איז אים גערונען פון שטערן און פנים, אָבער צופרידן איז ער געווען, וואָס ער שטייט נישט אָפּ פון די פויערים פון דאָרף.

— נישט מיטן גאַנצן כוח אויף איין מאָל — האָט איינער פון די פויערים צו אים געזאָגט — „לאַט־לאַט״, וועסטו מער אויפטאָן...

אויפן צווייטן טאָג איז אים שוין לײַכטער אָנגעקומען און ער האָט געטאָן די אַרבעט שפּילעוודיק. אָבער דער ערשטער איינדרוק פון נעכטן — אַ שותפות פונעם מענטש צו מעשׂה בראשית — האָט אים אַלץ נישט אָפּגעלאָזט. נישט דאָס אויסערגעוויינלעכע גערעטעניש און נישט דער זאַטער באָדן איז אַצינד געווען דער ווּנדער פון זיינע אויגן, נאָר דער געזונטער טאָל גופא. אויפבויען פאַבריקן קאָן מען אויף יעדן פּלאַץ. אַריינזעצן זיך אין לאַבאָראַטאָריעס און מאַכן עקספּערימענטן איז שוין אַ מעשׂה בכל יום, אָבער אַרויסגיין אין אַ שלאַכט מיט דער נאַטור, אָוועקנעמען ביי איר אַ זומפּיקן טייך, אָפּמעקן אַ ים פון דער מאַפּע און אויסשפּרייטן אויף אים זאַטע ווייץ־און חציר־פעלדער — אין דעם שטעקט שוין געוואַגטקייט.

אַרום האָבן גערוישט קאָמביינען. שניידמאַשינען האָבן זיך אַריינגעריסן אין די תבואות און אָפּגעגאָלט די פעלדער. אויף דער צווייטער זייט ביים באַרג־אַראָפּהאַנג זענען געשטאַנען אַראַבישע פויערים מיט זייערע ווייבער און געטאָן די זעלבע אַרבעט מיט קאָסעס און שערפּן. נאָר אַ קליינער שטח האָט זיי אָפּגעטיילט פון די ישׂראל־שניטער, און דאָך האָט איינער צום צווייטן זיך נישט גענענטערט.

ווען די זון האָט זיך העכער אויפגעהויבן, האָט שוין דער באַרג זיך געלאָזט אָנקוקן אָן טונקעלעברילן. אויבן האָט אַלץ אויסגעזען פאַרוואָרלאָזט און פּוסט. אין מיטן באַרג האָבן זיך געשנירלט נאַקעטע הייזקעס, אָן אַ בוים און אָן גרינסן.

מיט אַ לאַנגע גראַבליע אין האַנט איז יורם נאָכגעגאַנגען דעם קאָמביין. די מאַשין האָט זיך געדרייט קיילעכדיק, ביז זי איז צוגעקומען צום עק פעלד, וואָס האָט זיך געגרענעצט מיט אַ שמאָל וועגל, אַנגעשיט מיט קורקאַר־זאַמד. לעבן וועגל זענען געווען גריבער און גרויסע שטיינער זענען געלעגן ביי די זייטן. ער האָט דערפילט, ווי הינטער אים האָט זיך עפּעס אַ ריר געטאָן, און אומקוקנדיק זיך, איז ער געבליבן שטיין אַ פאַרגאַפטער. דריי צה״ל־זעלנער זענען דאָרט געלעגן. פון דער ווייטנס האָבן זיי אויסגעזען ווי שטיקער שוואַרץ־גרין געפלעקטע ערד, אָבער פון דער נאָענט האָט ער געזען, ווי זייערע „עוזיס״ זענען אָנגעשטעלט אויפן באַרג אַרויף. פון די טיפע קאַסקעס האָבן אַרויסגעקוקט שטיקלעך פון זייערע אָפּגעברענטע פנימער, און אין גאַנצן זענען זיי געווען איינגעהילט אין שטויב. יורם האָט געוואָלט מיט זיי עפּעס רעדן, אָבער דער מאַן אין טעמבעל־היטל, וואָס איז געזעסן אויפן קאָמביין, האָט שנעל אויסגעדרייט די מאַשין און אָנגעשריגן:

— ווו קריכסטו דאָרט?...

ס׳איז שוין געווען צייַט צו עסן פרישטיק. די שנייַדמאַשינען האָבן אויפגעהערט רוישן און די שניטער האָבן זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ שטיקל אָפּגעגאָלט פעלד. קייןביימל אַרום איז נישט געווען, האָבן זיי זיך אויס־געדרייט מיט די פּלייצעס צו דער זון־זייט און אויסגעצויגן די פיס. פון ווייטנס האָט מען געזען אָנקומען פרויען און מיידלעך אין פעלד אַריין מיט קיישלעך און קריגלעך. די שניטער האָבן זיך געווישט דעם שווייס מיט די אַרבל פון די העמדער און געוואַרט אויף אַ קאַלטן טרונק.

— וואָס ווילסטו טרינקען, מילך אָדער וואַסער?

— אויב ס׳איז קאַלט — מילך.

— נאָך אַ מאָל אָנגיסן?

— גיס!

— פאַר וואָס האָסטו אַלע שניטער אויסגעמיטן און צוגעקומען צו אונדז? — פרעגט דרייסט גרשון.

— אַ׳ דורונס טאָכטער, דאַכט זיך... יעל! קאַלטע מילך, גוטע מילך, גיס אָן נאָך אַ טעפּל.

קניִענדיק האָט זי אויסגעליידיקט דאָס קריגל. אַרויסגענומען פון קיישל די איבערגעדעקטע קעסעלעך עסן. דאָס ברויט און דעם גרויסן טעלער סאַלאַט

האָט זי פּאָר זײ אַװעקגעשטעלט אױפֿן גראָז. פֿלינק האָט זי זיך אַ הײב אױף געטאָן און געזאָגט צו די יונגען:

— פֿאַרגעסט נישט אַהײמצוברענגען די לײדיקע כּלים.

װען זי איז אַװעקגעגאַנגען האָט גרשון איר נאָכגעקוקט.

— זי איז שײן װי די װעלט — האָט ער געזאָגט צו יורמען.

צו מאָרגנס האָט מען זײ געשיקט אַרבעטן אין די סעדער אַרײן. די צװײַגן זענען געװען שװער באַלאָדן מיט עפּל. יעדע צװײַג, װאָס זײ האָבן אָפּגעלײדיקט, האָט זיך אַ הײב געטאָן אין דער הײך, װי זי װאָלט נאָכן אַראָפּנעמען פֿון איר די פּרוכט פֿרײער אָפּגעאָטעמט. די קעסטלעך עפּל זענען שױן פֿול געװען און ס׳איז נישט געװען װו אַרײַנצושיטן. גרשון האָט װעמען געזוכט זיך אַרומדרײען אין סאָד און ער האָט זיך צעשריגן אױפֿן קול:

— נישטאָ װו אַרײנצושיטן!

— שיט אָן קופּקעס אױף דער ערד — האָט אַ קול געענטפֿערט פֿון צװישן די בײמער.

און אַזױ װי זײ זענען געשטאַנען אונטערן עפּלבױם, האָט פּלוצעם אַ „שטעפּן” פֿון מאַשינביקסן פֿאַרהילכט דעם אַרום.

— שאַ־אַ! דאַכט זיך מ׳שיסט!

— לײגן זיך אױף דער ערד! — האָט אַ קול אָפּגעשלאָגן פֿון בױם צו בױם.

אין אַ פּאָר מינוט אַרום איז װידער שטיל געװאָרן. יורם און גרשון זענען אַרױס פֿון סאָד און געװאָלט װיסן װאָס ס׳איז געשען, װאָס מ׳הערט. דורון און נאָך אַ מאַן איז זײ אַקעגנגעקומען. דער בעל־הבית האָט זײ באַרויִקט:

— בלויז דער טראַקטאָריסט איז פֿאַרװוּנדעט געװאָרן. קײנעם מער האָט נישט געשאַדט. באַלד װעט קומען אַ העליקאָפּטער אים צונעמען... דאָס איז חבר סופֿרין, דער אינזשעניר פֿון חולה־געביט — האָט ער דעם מאַן אין די קורצע כאַקי־הײזלעך פֿאָרגעשטעלט — ער האָט דאָ אױסגעטריקנט די זומפּן.

דער אינזשעניר האָט געזען װי בײדע סטודענטן זענען איבערגעשראָקן, האָט ער זיך צו זײ אָנגערופֿן.

— אָט שיסט מען און אָט אַרבעט מען װידער. די מאַלאַריע איז

געווען אַ מער געפערלעכער שונא, ווי אָט די פּוסטע הייזלעך, וואָס זיי האָבן אויפגעשטעלט אויפן באַרג און פון אונטער זייערע ווענט שיסן זיי אין טאָל אַריין. פון דעסטוועגן האָבן מיר פון דאַנען נישט עוקר געווען.

— איז די גערעטעניש, וואָס מיר זעען דאָ, אַ רעזולטאַט פון גוטער באַמיסטיקונג, נאַטירלעכער אָדער כעמישער? — פרעגט יורם דעם אינזשע־ניר.

סופרין איז צוגעגאַנגען צו די סטודענטן, און ווען ער האָט גערעדט, האָט ער מיט די הענט אָנגערירט זייערע אָרעמס, ווי ער וואָלט וועלן, זיי זאָלן בעסער פאַרשטיין.

— דער אגם החולה האָט טויזנטער יאָרן געוויקט דעם באָדן און אים אָנגעפילט מיט פאָספאַטן. אַצינד, נאָכן אויסטריקענען די זומפּן, זענען די כעמיקאַלן געבליבן אין דער ערד. הונדערט יאָר קאָן די ערד זיין אַזוי פרוכטבאַר ווי איר זעט זי איצט, און מ׳וועט זי נישט דאַרפן באַמיסטיקן.

— און די פלוצעמדיקע שיסערייען?

— דאָס איז דער „דאַנק״ פון די סיריער, פון די סירישע פּויערים, וואָס ציִען זייער חיונה פון טאָל, טאַקע פון דעם טאָל, וואָס מיר האָבן געזונט געמאַכט פון מאַלאַריע. צענדליקער דורות זענען זיי דאָ געזעסן, און ס׳איז זיי נישט איינגעפאַלן, און אפשר האָבן זיי זיך געפוילט, דאָס צו טאָן. איצט געניסן זיי פון טאָל ווי מיר. זיי קומען אַהער מיט זייערע סטאַדעס, זיי זייען און שניידן, קיינער פון אונדז שטערט זיי נישט. מורא פאַר זיי האָבן מיר נישט, אָבער אויפן אויג מוז מען זיי האַלטן.

— און אַזוי האָט איר זיך שוין צוגעוווינט — שיסערייען און פעלד־אַרבעט — זאָגט יורם.

ווען די נאַכט איז צוגעפאַלן, האָט זיך גרשון אַנידערגעלייגט אויפן געלעגער און טיף איינגעשלאָפן. יורמען האָט געצויגן צו יעלן.

יורם האָט אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער. ער האָט געזען, ווי זי ליגט אויף אַן אויסלייגשטול אַליין אויף דער טעראַסע און ער איז צו איר אַרויסגעגאַנגען.

— מ׳קאָן דאָ אויך אַרויסגיין ביי נאַכט? — האָט ער געפרעגט.

— איר זענט אַ סאַברע?

— אַקעגן וואָס פרעגט איר דאָס?

— ס׳קומט מיר פּאַר — האָט יעל געצויגן מיטן קליינעם נעזל — ווי איר וואָלט געווען אַ פרעמדער.

— וואָס, אין מיין העברעיִשן אַקצענט דערקענט איר דאָס?

— גראָד אייער עברית איז אַ סאַבּרישער, נאָר אייער פּסיכאָלאָגיע איז אַ ברוקלינער. ביי אייך אין אַמעריקע, אַז ס׳ציִען זיך אַריין אַ פּאָר נעגער אין אַ ייִדישן קוואַרטאַל, „מופּט״ די גאַנצע גאַס. פון וואַנען קומט איר, פון די בראָנקס, שיקאַגאָ? דאָרט, אַז די נאַכט פאַלט צו, זיצט איר הינטער פאַרשלאָסענע טירן און האָט מורא דעם קאָפּ אין גאַס אַרויסצושטעקן. ביי אונדז, „מופּט״ מען נישט, אַפילו ווען מ׳שיסט פון באַרג־אַראָפּ. מיר גייען ווו מיר ווילן און ווען מיר ווילן.

יורם האָט זיך צעלאַכט אויפן קול:

— האַלט איר מיך טאַקע פאַר אַן אַמעריקאַנער? כ׳בין נאָך קיין מאָל אין די פאַראייניקטע שטאַטן נישט געווען.

— טאָ וואָס זשע פרעגט איר אַזעלכע קשיות?

— איך האָב נאָר — האָט יורם געשטאַמלט — געוואָלט וויסן, וואָס איר וועט טאָן היינט ביי נאַכט.

— אויב ס׳וועט נישט זיין קיין „קומזיץ״, וועלן מיר זיך אַ ביסל איבערשפּאַצירן.

זיי זענען אַרויס פון שטוב און זיך געשלייכט ביים ראַנד פון די סעדער. יורם האָט איר דערציילט פריילעכע מעשׂיות פונעם סטודענטישן לעבן. ער האָט שטיל גערעדט, אָבער יעל האָט ביי יעדע פּאָר טריט הויך געלאַכט. די דאָרף־הייזקעס מיט פענצטער צום באַרג זענען נאָך געווען העל באַלויכטן. אין טאָל איז געווען שטיקנדיק הייס, אָבער ווען זיי האָבן זיך אַ ביסל דערווייטערט פון דאָרף, האָט אַ קיל ווינטל אַ פאָכע געטאָן פון באַרג און זיי געמאַכט שווייגן. יעל האָט אַ ציטער געטאָן אונטער זיין אָרעם.

— גאָרנישט איבערגעלאָזט פון דעם חולה־ים — האָט ער סתּם אַזוי געזאָגט.

— אַ זכר איז יאָ געבליבן: די געזעלשאַפט אַפּצוהיטן די נאַטור־פּלעצער האָט „אָפּגעראַטעוועט״ אַ שטיקל וואַסערזומפּ, ווו ס׳האַלטן זיך נאָך די אַלע מינים פייגל און עופות, וואָס זענען פריִער דאָ געווען.

— און איר וועט מיר דאָס ווייזן — האָט ער זי שטאַרקער צוגעדריקט צו זיך.

— אויב איר וועט דאָ בלייבן שבת. אויף ווי לאַנג זענט איר געקומען?

— אויף צען טעג. מיר האַלטן נאָך אין מיטן די לימודים.

— וואָס לערנט איר?

— באַרג־אינזשעניעריע.

— וואָס זאָגט איר צו די בערג קעגן איבער אונדז?

— ווען זיי זענען אין אונדזערע הענט, וואָלט מען געקאָנט מיט זיי עפּעס מאַכן.

— וואָס אַ שטייגער?

— גענוי קאָן איך אייך נאָך נישט זאָגן. כ׳מיין אָבער, אַז מ׳וואָלט זיי געקענט אַ ביסל אָפּשניידן און אַריינוואַרפן אין טאָל אַריין.

— און פאַרשיטן דעם טאָל?

— ס׳לוינט!

— דאָס ערשטע יאָר ביי די ביכער, און איר ווילט שוין טרייסלען מיט בערג...

יורמען זענען אירע ווערטער גאָר געפעלן געוואָרן.

— דו ביסט אַ ווייל, ווייל מיידל...

אויפן באַרג האָבן געפינקלט פאַרשטעלטע פייערלעך פון די אַראַבישע הייזקעס, וואָס האָבן אין דער פינצטערניש אויסגעזען, ווי רויטע אויגן מיט בעלמעס פאַרצויגן. זיי האָבן שפּאַצירט מיט שמאָלע סטעזשקעלעך, צווישן סאָד און פעלד. אַ שטילקייט, אַז מ׳האָט געקאָנט הערן, ווי אַ וואָרעם וואַרפט זיך אין גראָז. יורמס קאָפּ איז געווען צוגעבויגן צו יעלס. ער האָט געפילט איר הייסן אָטעם און געציילט די קלעפּ פון איר האַרץ... זי האָט פאַרקלענערט די טריט און מיט איין מאָל שטיין געבליבן.

— מיר וועלן צוריקגיין — האָט זי געזאָגט שטיל.

זייערע פּנימער זענען געווען נאָענט צו זיך. יעלס אויגן האָבן אַ פייערדיקן גלאַנץ געטאָן און אירע ליפּן האָבן זיך ציטערנדיק גערוקט פאָרויס ביז זיי האָבן אָנגערירט זיין פּנים. דערנאָך האָט זי מיט פאַר־מאַכטע אויגן געפונען זיינע ליפּן.

קאַפּיטל פיר

אויף די פּעריעז איז יורם אַהיימגעקומען מיט אַ בינטל גוטע אויס־ צייכענונגען.

די זעלבע היים, אין וועלכער ער איז אויסגעוואַקסן, האָט אים אויסגעזען צו זיין פרעמד. ער האָט זיך אַרומגעדרייט אין שטוב, ווי אַ גאַסט, וואָס איז געקומען אויף באַזוך צו קרובים.

די ערשטע טעג האָט ער געשריבן בריוו צו חברים. צו יעלן האָט ער געשריבן אַ לאַנגן בריוו פול מיט איינדרוקן פון חולה־טאָל. אַ גאַנץ ציַיטל האָט ביי אים פאַרנומען דאָס קריגל מילך, וואָס זי האָט אים געברענגט אין פעלד אַריין. אָבער ער האָט נאָך אַלץ נישט געהאַט מיט וואָס אויסצופילן די לאַנגע טעג. ער האָט געלייענט, וואָס ס'איז נאָר געקומען אין האַנט אַריין; זשורנאַלן, ביכער, און אין אָוונט האָט ער ווידער געבלעטערט אין זיינע לערנביכער. ער האָט זיך אַרומגעקוקט אויפן גרויסן שטויס העפטן, וואָס ער האָט מיטגעבראַכט פון חיפה, אַלע — געדיכט־באַשריבענע מיט צייכענונגען און באַמערקונגען אויף די מאַרגינעסן פון די זייטלעך, און ער האָט זיך אַליין געוואונדערט: נאָך וואָס האָב איך דאָס אַלץ מיטגעבראַכט? צו וואָס דאַרף איך דאָס, ס'זאָל זיך אַרומוואַלגערן און פאַרשטויבט ווערן? אַז אַלץ איז שוין סיי ווי פאַראַן אין קאָפּ.

נאָך מיטאָג, ווען די מוטער איז איינגעשלאָפן אויף דער קאַנאַפּע און אין שטוב איז שטיל געווען, האָט ער זיך אויסגעצויגן אויף אַ ליגשטול אויף דער פאַרמאַכטער טעראַסע און אָנגעהויבן אַריינקלערן אין זיך. ס'ערשטע, וואָס ס'איז אים געקומען אויף דער מחשבה, איז געווען, אַז דער גאַנצער שוווּנג זיינער אין חיפה איז דאָ לחלוטין אויסגעלאָשן. ער איז נאָך אַ מאָל אַדורכגעגאַנגען אין געדאַנק דעם שפּאַציר מיט יעלן אין די סעדער פון חולה־טאָל. ס'האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז ער איז דעם דאַרפסמיידל עפּעס שולדיק געבליבן.

און אַזוי ווי ער איז געווען פאַרנומען מיט זיך אַליין, האָט זיך ווי צו להכעיס אַריינגעריסן אין זיין קאָפּ אַ צאָל מאַטעמאַטישע ציפערן און געאָלאָגישע נעמען, וואָס זענען שוין לאַנג פאַרשריבן אינעם הויפן אָפּ־ געריבענע העפטן.

אין חיפה איז ער געווען זיכער, אַז צווישן לערע און לעבנס־

גלוסטונגען ליגט אַ טיפער תהום. ער האָט אויסגעווײלט לערע און פון גלוסטונגען האָט ער זיך אויסגעהיטן ווי פון אַ משחית, וואָס וויל אין אים פאַרדאַרבן עפּעס אַ וויכטיקע זאַך. אַפילו אין דער יונגיטשקער נאָנע, וואָס ער האָט ביים אָנקומען באַגעגנט אויפן באַרג, האָט ער זיך באַמיט צו פאַרגעסן. ווען נאָר זי האָט זיך באַוויזן פאַר אים מיט איר צניעותדיקן פּנים, האָט ער אַ כאַפּ געטאָן אַ סטענצל פון אַ לעקציע, איבערגעלייענט עטלעכע שורות און אויסגעלאָשן איר בילד ווי מ׳פאַרמאַכט אַ טעלעוויזיע־אַפּאַראַט. דאָ אָבער, אין דער היים, האָט ער זיך איבערגעלייגט, אַז דאָס איז נישט מער ווי אַ קינדערישער באַגריף. מ׳קאָן לאַכן און וויינען, און דאָס שטערט נישט צו שטודירן און לערנען, צו טראַכטן און עקספּערימענטירן. אויסמיידן פּרויען וואָס רייצן, ציִען צו זיך — איז אויך אַ נאַרישקייט. אמת אין יעדן פּלירט, ווי זיס און אָנגענעם ער זאָל נישט זיין, ליגט באַהאַלטן ווייטיק, אַנטוישונג, אָבער דאָס פאַרשווינדט מיטן נאַטירלעכן גאַנג.

דער טעלעפאָן האָט זיך צעקלונגען. יורם איז אַריין אינעם פּראָנט־צימער און אויפגעהויבן דאָס טרייבל.

ס׳איז געווען אופיר. ער האָט מיט אים לאַנג גערעדט און געווען צופרידן, סיי פון דעם, וואָס ער האָט איבערגעריסן זיינע מעדיטאַציעס און סיי פונעם געשפּרעך. אופיר האָט אים אַרויסגערופן צו קומען אין אַ קאַפע אויף דיזענגאָף־גאַס.

אין פאַרגלייך מיט אַן אַנדער מאָל איז דער זומער געווען אַ מילדער. אין אָוונט זענען די גאַסן געווען פול און די טישלעך אין די קאַפעען — באַזעצט. ס׳האָט אויסגעזען, ווי דער עולם וואָלט גאָרנישט אַרויסגעפאָרן אויף פעריען.

ווען יורם איז געקומען אין „כסית״ איז שוין ביי די טישלעך אָנגעגאַנגען אַ לעבהאַפטער ויכוח. מ׳האָט גערעדט וועגן אַ פרוי, וואָס איז געוואָרן פּאָפּולער ביי דער אינטעליגענץ פון שטאָט און סביבה. מאַנכע האָבן זי געקענט, אַנדערע האָבן בלויז געהערט פון איר. אופיר האָט זיך אַפילו נישט באַגריסט מיט יורמען. ער האָט אים אַ וויִנק געטאָן ער זאָל זיך אָוועקזעצן; ער האָט געהאַלטן אין מיטן רעדן.

— גברת איתן לאָזט זיך נישט אַזוי אויבנאויפיק אָפּשאַצן ווי איר מיינט, נישט לויט איר געשמאַק פון אָנטאָן זיך און אַפילו נישט לויט אירע קאַפּריזן. נישט אומזיסט רינגלען זי אַרום אַזוי פיל אינטערעסאַנטע

מענטשן, וואָס זעען אין איר סיי די רייצנדיקע פרוי און סיי דעם רעוואָלט פון אונדזער געזעלשאַפט קעגן פאַרעלטערטע אָנשויונגען. דאָס אינטע־רעסאַנטע איז אָבער, וואָס דווקא אינעם ראַשיקן תל אביב איז מען אויף איר נישט ווייניקער אייפערזיכטיק ווי בשעתו אויף ראַשעלן, ווען זי האָט געטאַנצט אויף אַ פּאַריזער בינע.

— אַ גוזמא! — רייסט איבער עזרא — ס'שטעקט נישט אין איר מער ווי אַ בינטל קאַפּריזן פון אַ צעפּיעשטשעטע גבירטע. וואָס פּאַראַ דברי תורה האָסטו פון איר געהערט? ליב האָבן די אַראַבער און דינען די עבודה־זרה פון פרייער ליבע. די כנענים האָבן אַ ברייטערן פּראָגראַם פון אָנגעמען די אַראַבישע קולטור, פון דעסטוועגן איז זייער השפעה גאָר אַ קנאַפּע.

— אויב דו רעדסט אַזוי, קענסטו נישט צילען — רייסט איבער אופיר — נישט נאָר איז זי נישט קיין גבירטע, נאָר אַפילו די ווילע ווו זי וווינט איז נישט איר מאַנס פאַרמעגן. דאָס האָט איר פאָטער אויסגעבויט. די אינטערעסאַנטקייט, וואָס ליגט אין איר, איז נישט דערפאַר, ווייל זי איז אַן אָפּטריניקע פון דער געזעלשאַפט, נאָר טאַקע דערפאַר, וואָס זי איז מיט איר ענג פאַרבונדן. ווען צילעס סאַלאָן געפינט זיך נישט אין סביון, נאָר אין פּאַריז, וואָלט זיכער דאָרט זיך אויסגעהאָדעוועט אַ קרייז קינסטלער און אידעען־פּרעדיקער, וואָס וואָלט משפּיע געווען אויפן קולטור־לעבן פון אַ גרויסער מעטראָפּאָליע. דאָ אָבער, ביי אונדז גייט מען פאַרביי זעלטענע אַנטפּלעקונגען און מ'קוקט זיך אַפילו אויף זיי נישט אום. ס'איז גענוג זאָלסט פאַרברענגען איין אָוונט אין איר הויז — און באַפליגלט ווערן מיט אַ נייער אידעע, מיט אַ פרייד צום לעבן, פון וועלכער דו האָסט פריִער נישט געוווּסט.

— איר ווייסט וואָס, חברה — זאָגט עזרא — לאָמיר ווייניקער פון איר דאָ אָפּריכטן און בעסער זיך צו איר אַריינכאַפּן. מאָרגן קומט ביי צילען פאַר אַן אָוונט פּאַר געסט, אפשר דער לעצטער פון זומער. באמת, אַ שאָד אַזאַ אָוונט אַדורכצולאָזן.

יורמען האָט דער שמועס וועגן דער פרוי אָנגעהויבן אינטערעסירן און ער האָט געפרעגט.

— דו פאַרבעטסט אַלעמען, ווי דו וואָלסט דאָרט געווען דער בעל־הבית. סתם אַזוי אַריינמאַרשירן אין יענעמס הויז?

— איך נעם אויף מיר, אַז איר וועט נישט זיין קיין אומגעבעטענע געסט...

אויפן וועג קיין סביון האָט יורם זיך דערוווּסט מער פּרטים וועגן גבֿרת איתן, ווי זי האָט געהייסן לויטן מאַנס נאָמען. זי איז אַן אָפּשטאַמיקע פֿון אַ ייִדיש־איטאַליענישן אַרכיטעקט, אַ בת־יחידה. כאָטש איר פֿאָטער איז אַ רייכער מאַן, האָט ער נישט פֿאַרוואָרפֿן זיינע לינקע אידעען. דער אַרכיטעקט האָט געלעבט אַליין און איז געווען צוגעבונדן צו זיין איינציקער טאָכטער, וואָס זיין פֿרוי האָט אים איבערגעלאָזט, ווען זי איז יונג אַוועק פֿון דער וועלט. ווי ווייט ער איז געווען פֿאַרנומען, האָט ער אָבער אַלע מאָל געהאַט צייט זיך אָפּצוגעבן מיטן קינד און זי איז אויפֿגעוואַקסן אונטער זיין השפּעה. ווען צילאַ איז געוואָרן אַ דערוואַקסן מיידל, איז ער געווען צוגעגרייט דערצו, אַז זי וועט אויסוויילן איר באַשערטן צווישן דער קריסטלעך־איטאַליענישער יוגנט, אין וועלכער זי האָט זיך אויסגעלעבט. ער האָט קיין מאָל נישט געוואָגט מיט איר וועגן דעם צו רעדן, אָדער עפּעס מרמז זיין, אָבער זיין האַרץ האָט דערפֿאַר געציטערט. צו זיין גרויס דערשטוינונג האָט זי אים איבערראַשט מיט פֿאָרשטעלן אים אַ יונגן־מאַן, אַ טיפּ וואָס איז פֿאַר אים פֿרעמד געווען. ער האָט געמאַכט דעם איינדרוק פֿון אַ שטילן בחור. אַ טונקלהויטיקער, מיט אַ צעפּלאָסענער טשופּרינע, און שווערע ברילן האָבן געהאָנגען אויף זיין סענקעוואַטער נאָז. פֿאַרן פֿאָטער איז גענוג געווען, אַז זיין טאָכטער האָט געזאָגט: „דאָס איז מיין באַשער־טער", און ער האָט אַפֿילו נישט געפֿרעגט וואָס זיין פֿאַך אָדער פּראָפֿעסיע איז. שפּעטער, ווען ער איז געוואָר געוואָרן, אַז דער יונגער־מאַן האָט בכלל קיין פֿאַך נישט, אַז ער פֿאַרנעמט זיך מיט שרייבן זאַכן פֿאַרן טעאַטער און טראָגט זיך אַרום מיט אַ חלום צו ווערן אַ גרויסער דראַמאַטורג — האָט זיין סאָציאַליסטישע איינשטעלונג דאָס אויך נישט געזען פֿאַר פּסול, ער זאָל ווערן דער מאַן פֿון זיין איינציק קינד. פֿאַרקערט, ער האָט נאָך געמאַכט אַ צופּרי־דענעם אָנשטעל, כדי נישט צו צעשטערן די ערשטע ליבע פֿון זיין טאָכטער. דעם איינציקן תּנאַי וואָס ער האָט יאָ אויסגענומען ביי זיין צוקינפֿטיקן איידעם איז געווען, אַז ער זאָל צוזאַמען מיט אים פֿאַרלאָזן איטאַליע און עולה זיין קיין ישראל. אינזשעניר סאַפּאָרטאַ איז טאַקע געווען אַן איבערגעגעבע־נער סאָציאַליסט, אָבער פֿון זיין צוגעבונדקייט צו ישראל האָט ער זיך קיין

מאָל נישט אָפּגעזאָגט. ער איז אויך געווען אַ שאַרפער קעגנער פון דער שיטה, אַז מ׳קאָן זיין אַ גוטער ציוניסט און וווינען אין חוץ לארץ. באַלד נאָך צילעס חתונה האָט ער ליקווידירט זיין פאַרמעגן און געקומען אין לאַנד אַריין. ער האָט אַריינגעטראָפן אין אַ גאָלדענער צייט. ווי אַ געניטער אַרכיטעקט האָט ער געבויט הייזער און פאַבריקן. פאַר צילען האָט ער אויסגעבויט אַ פּרעכטיקע ווילע און דעם ערשטן פון יעדן חודש אויסגעשריבן פאַר זיין טאָכטער אַ טשעק, כדי זי זאָל קאָנען פירן אַ באַקוועם לעבן.

דער רײַכער קוואַרטאַל סביון ליגט נאָענט צו תל־אביב, אָבער פאַר יורמען האָט דער וועג אַהין אויסגעזען ווייט און לאַנג. ער האָט שוין געוואָלט זען די פרוי וועגן וועלכער מ׳רעדט אין „כסית״. ער האָט געהאָט דעם איינדרוק, אַז זייַנע חברים זעען זי פאַרשידנאַרטיק, ווי אַ שטייגער זי וואָלט זיך באַוויזן אין צוויי באַזונדערע געשטאַלטן. טייל האָט געצויגן איר רייצנדיקער קערפּער, איר שיין לאַנג־געשניטן פּנים. אַנדערע ווידער זענען געווען געשפּאַנט פון איר ענערגיע צו פרעדיקן נישט פּאָפּולערע אידעען.

ווי נאָר זיי זענען אַריינגעקומען, האָט יורם געזען, אַז דער סאַלאָן איז אויסגעשטאַט אין אַן אָריענטאַלישן סטיל: פּערסישע טעפּיכער מיט אויסגעלייגטע קישעלעך אויף דער ערד, דער סופיט — אויסגעמאָלן מיט מזלות, אַ גרויסע האַרפּע ביי דער וואַנט, צוויי זילבערנע נאַרגילעס אין די ווינקלען.

ס׳האָבן זיי אויפגענומען צוויי דינסטמיידלעך. צילאַ איז נאָך אין זאַל נישט געווען. יורם האָט זיך אַרומגעקוקט און דערזען ווי אויף אַ געשניצט טישל ליגט דער תנך און דער קאָראַן. אין דעם מאָמענט איז געוואָרן אַ באַוועגונג. אין מיטן זאַל איז געבליבן שטיין אַ יונגע פרוי. זי איז געווען אָנגעטאָן אין אַ דינעם שוואַרצן וואַל־קלייד, פון וועלכן ס׳האָט אַרויס־געשלאָגן די אַלבאַסטער־הויט פון איר לייב. איר פאַרריסענער קאָפּ און לאַנגגעשניטענע זוכנדיקע אויגן האָבן זי געמאַכט אויסזען, ווי אַ הירש, וואָס איז אַרויסגעלאָפן פון וואַלד און זיך אָפּגעשטעלט ווען ער האָט דערזען אַ מענטש. זי האָט מיט איר בליק אַלעמען אַרומגענומען.

בעת מען האָט פאַר איר פאַרגעשטעלט יורמען, האָט זי אים לאַנג אָנגעקוקט ווי זי וואָלט באַגעגנט אַן אַלטן באַקאַנטן און קאָן זיך נישט דערמאָנען ווי לאַנג ס׳איז שוין, ווי זי האָט אים נישט געזען. זי האָט

אַ ווײַלע געהאַלטן זײַן האַנט און שנעל אויסגעטוישט מיט אים עטלעכע באַקענונגס־פֿראַגן.

דאָס ערשטע איז יורמען געקומען אויפֿן זינען, אַז זי איז גאָרנישט אַזאַ ערנסטע, ווי מ׳רעדט וועגן איר אין „כסית״. ווען ער זאָל זי דאַרפֿן אורטיילן לויטן ערשטן בליק, וואָלט ער גאָר געזאָגט, אַז דאָס דאַרף זײַן אַן אינטערעסאַנטע, אָבער עקסצענטריש־קאַפּריזנע פֿרוי, וואָס לאָזט זיך נישט צוימען דורך אַ מאַנס האַנט. ער האָט געצווייפֿלט צי זי איז אַ באַרעדעוודיקע און צי ס׳וועט בכלל אויסקומען ער זאָל האָבן מיט איר אַ פּערזענלעכן שמועס, ער האָט אָבער נישט באַדויערט, וואָס ער איז אומגעבעטן אַהער־געקומען. דאָס, וואָס זי האָט געהאַלטן לענגער זײַן האַנט, האָט ער אויס־געטײַטשט, ווי זי וואָלט זאָגן: „איר זענט בײַ מיר אַן אָנגעלייגטער גאַסט״.

מיט וואָס דער סאַלאָן „שמעקט״ און וואָס דאָ קומט פֿאָר, האָט ער אַלץ נאָך נישט געוווּסט. מ׳האָט אים בלויז געזאָגט, אַז דער הײַנטיקער אָוונט וועט זיך פֿאַרציִען ביז שפּעט בײַנאַכט, ווײַל איר מאַן איז אַרויס־געפֿאָרן אין די בערג און צילאַ וועט נישט דאַרפֿן זאָרגן דערפֿאַר מ׳זאָל אים נישט שטערן בײַ דער אַרבעט.

דאָ האָט מען זיך נישט אויפֿגעפֿירט ווי אין אַנדערע סאַלאָנען. די בעלי־הבתים האָבן די געסט נישט אויפֿגענומען בײַ דער טיר. דאָס הויז איז געווען אָפֿן, און יעדער, וואָס איז אַרײַנגעקומען, האָט זיך אַוועקגעזעצט ווו נאָר ס׳איז געווען אַ פֿרײַ אָרט. טייל האָבן אַפֿילו אַראָפּגענומען אַ געהאָפּטן קישעלע פֿון די טאַפּטשאַנען און זיך אויסגעצויגן אויפֿן טעפּיך, ווי בײַ זיך אין דער היים. אויף דער גרויסער אָפֿענער טעראַסע איז געשטאַנען אַ קליינער באַר מיט כיבוד, און ווער ס׳האָט געוואָלט אַ טרונק, האָט זיך אַליין גענומען.

די דאָזיקע אַטמאָספֿער האָט צילאַ אײַנגעפֿירט באַלד בײַם ערשטן מאָל ווי זי האָט ברייט געעפֿנט די טירן פֿאַר באַגעגענישן צווישן ייִדישע און אַראַבישע יונגעלײַט. צו צילען אין סאַלאָן זענען געקומען אַ סך אינטעלי־גענטע סאַברעס און יונגע אַראַבער פֿון יפֿו און „משולש״, אַפֿילו פֿון חיפֿה און נצרת איז מען געקומען. באַווײַבטע מענער און פֿאַרהייראַטע פֿרויען זענען נישט געווען פּסול, אָבער זיי האָבן געמוזט זײַן אינטעליגענטע מענטשן פֿון יונגן דור מיט פּראָגרעסיווע אָנשויונגען.

יורם איז נאָך אַלץ געשטאַנען ביים טישל און געבלעטערט אין די ספרים, און ער האָט נישט באַמערקט ווי צילאַ איז צוריק אַריינגעקומען אין זאַל און געבליבן שטיין הינטער זיינע פּלייצעס. באַלד אָבער האָט ער דערפילט איר הייסן אָטעם אויף זיין נאַקן. ער האָט זיך האַסטיק אַ דריי אויס געגעבן און דערזען אַ פייערלעכע שיין אויף איר פּנים.

— כ׳וויל אייך באַקענען מיט דער חברה — האָט זי געזאָגט געלאַסן — אָט דאָס איז אַכמוד צלח מוסטפה פון נצרת, סלח באַטפּיס, רחמן רסמייה פון יפו, מחלוף כנען, גיורא סלומון — אים רוף איך „חאַן" — יוסיף אליזאיף און גירטה עזלית.

זי האָט יורמען גענומען אונטערן אָרעם און צוגעפירט צו אַ צווייטן ווינקל:

— יוסי בן־דור, אָבער איך רוף אים „לאַקש". צביה תמיר, נורית בש און אַלע מיידלעך דאָ.

זי האָט אַרויסגענומען די האַנט פון אונטער זיין אָרעם און אַ זאָג געטאָן.

— עזרא, פיר אַרום אונדזער נייעם פריינד און באַקען אים מיט די רעשט חברה.

— חבר אל מוסא, אַ פּעדאַגאָג — האָט עזרא אים פאָרגעשטעלט.

— און דער מיט וועמען ער דיסקוטירט?

— דאָס איז עודד בן חיים — אַ סאָציאָלאָג.

עזרא איז נישט באַלד אָוועקגעגאַנגען פון יורמען. ער האָט געזען ווי ער פילט זיך דאָ נאָך פרעמד, האָט ער אים אַרומגעפירט צו ווייַזן דאָס גאַנצע הויז. זיי זענען פאַרבייגעגאַנגען דורך איתנס אַרבעטס־צימער. די טיר איז געווען ברייט אָפן.

— קאָנסט אַ בליק טאָן — האָט עזרא געזאָגט — אָבער נישט לאַנג.

יורם האָט אַרויסגענומען אַ בוך און זיך איינגעקוקט אין שער־בלאַט.

— ווער איז דער מחבר יאשאַ איתן?

— צילעס מאַן.

— וואָס, אַ דראַמאַטורג?

ער האָט צוריקגעשטעלט דאָס בוך אין דער ספרים־שאַנק און עזרא האָט אַ שמייכל געטאָן:

— מ׳זאָגט, אַז אין די דראַמעס האָט צילאַ אַ גרויסן חלק...

— דו מיינסט צו זאָגן, אַז זי האָט אים דערמוטיקט?

— נישט נאָר דערמוטיקט. זי האָט דורכגעבראָכן וועגט און אים באַרימט געמאַכט. מ׳קאָן אים אין דער וועלט מער ווי דאָ אין לאַנד.

— דאַכט זיך, איך קען אים. מ׳האָט מיר אים ווו פאָרגעשטעלט. אַ נידעריקער מיט אַ פול פּנים. דאָס איז איר מאַן? אַזאַ קאָנטראַסט...

— קאָנטראַסט? — זאָגט עזרא — אַ שוואַכער אויסדרוק. ער איז דער שאָטן, וואָס דרייט זיך אין איר אַרביטע. זי מעג טאָן וואָס זי וויל, גייט אים נישט אָן.

— אַ לעמעשקע! — האָט זיך יורם אַרויסגעכאַפּט.

— איך מיין אַז דאָס איז דער ריכטיקער זיווג. ער — אַ שווייגנדיקער, וואָס מיידט אויס מענטשן, רעדט נישט וועגן יענעם און איז נישט סובל אַז מ׳רעדט פון אים. זי — פונקט פאַרקערט. ציט צו מענטשן צו זיך. וואָס איך באַוווּנדער ביי די איתנס — האָט עזרא ווייטער געצויגן — איז, אַז דאָס פּאָרפאָלק איז אַ מוסטער מיט דער פרייהייט, וואָס איינער גיט דעם צווייטן. כ׳מיין, אַז אין זייער קינדערלאָזן צוזאַמענלעבן איז דאָס די איינציקע הנאה זייערע.

— וואָס האָט איר זיך דאָ פאַרשטעקט? כ׳זוך דאָך אייך אַרום אין זאַל — זענען זיי איבערראַשט געוואָרן פון צילעס קול.

עזרא, איז אַוועק פון יורמען און אַריין אין סאַלאָן, יורם האָט זיך געפונען אין אַ פאַרלעגנהייט און איז צילען נאָכגעגאַנגען מיט דראָבנע טריט.

— מיר האָבן דאָ געהאַט אַ חברישן שמועס. כ׳האָב זיך וועגן עפּעס פאַרטראַכט און דעריבער אַ ביסל לענגער זיך אויפגעהאַלטן — האָט ער געצויגן די ווערטער ביזן סאַלאָן אַריין.

— מ׳קאָן וויסן וועגן וואָס?

— סתם אַזוי... וועגן אייך, אייער הויז, אייערע אידעען...

— איך וויל אייך שוין באַצייטנס אַרויספירן פון אַ טעות, אויב איר דענקט, אַז איך, מיין הויז און מיינע אידעען זענען עפּעס אַ סאָרט „דריי־איינִיקייט״ — האָט זי אים אויף אַן איידעלן אופן אויסגעלאַכט.

— ס׳קומט אייך אַ דאַנק פאַר אייער טרעפלעכער באַמערקונג. דערלויבט אָבער מיר צוצוגעבן, אַז נישט דאָס בין איך אויסן געווען. איך האָב קיין מאָל נישט געהאַט אַ שוואַכקייט צו הייליקייטן און כ׳בין פריי פון זייער קנעכטשאַפט.

צילעס אויער איז זייער עמפּינדלעך אויף שפּראַך־סטיליזאַציע. דער

אופן, ווי אַזוי יורם האָט אויסגעלייגט זיין ענטפער, איז איר זייער געפעלן געוואָרן.

— כ'האָב געהערט, אַז איר שטודירט.

— יאָ, באַרג־אינזשעניריע.

— באַרג־אינזשעניריע? — האָט זי איבערגעזאָגט און זיך אַ ביסל געוואונדערט — כ'האָב געמיינט, אַז איר לערנט ליטעראַטור. ווי גייט אייך מיט די לימודים?

— איך זיץ אין מיין צימערל אין חיפה, אַרבעט, לערן.

— אויפן בלויזן דיפּלאָם האָרעוועט איר אַזוי שווער?

— איר האָט ריכטיק באַמערקט. איך האָב עפּעס אַ שטיקל פּלאַן.

יורם האָט דערפילט איר דורכדרינגלעכן בליק. ער האָט זיך געריכט, אַז זי וועט עפּעס מער פרעגן, אָבער זי האָט אים אָנגענומען אונטערן אָרעם, צוגעפירט צום טאַפּטשאַן און אַוועקגעזעצט לעבן זיך.

דעם אָוונט האָט צילאַ אויסערגעוויינלעך שיין אויסגעזען. אירע אויגן האָבן געלויכטן און איר שטימע איז געווען ווייך. וואָס מער דער סאַלאָן איז געוואָרן אָנגעפילט מיט געסט, אַלץ מער האָט זי זיך אין אים אָנגעזען. צילאַ האָט אַחוץ עברית אויך גערעדט אַראַביש און איטאַליעניש. די דריי שפּראַכן האָט זי גערעדט מיט חן. זי האָט יעדעס מאָל איינגעפירט עפּעס נייס. טייל מאָל האָט זיך דעם גאַנצן אָוונט געפירט אַ ויכוח איבער אַ טעמע, וואָס זי האָט אָנגערעגט; אַן אַנדערש מאָל האָט זי דעם עולם צעטיילט אין קליינע גרופּקעלעך, וואָס זענען געזעסן באַזונדער און גע־שמועסט, אָבער צו שאַרפע דיסקוסיעס האָט זי קיין מאָל נישט דערלאָזט.

די ליכטער האָבן זיך פאַרטונקלט. אין סאַלאָן איז שטיל געוואָרן. צילאַ האָט אויפגעהויבן די האַנט — אַ צייכן, אַז ס'הייבט זיך עפּעס אָן.

מיט פולער זיכערקייט, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר פאַנאַטיקער, האָט צילאַ אָנגעהויבן רעדן. צו ערשט שטיל און ווייך, אָבער וואָס אַ מאָל איז איר שטימע געוואָרן העכער און קלאָרער.

— איך האָב געטראַכט: וואָס וועט צו אונדזער אידעע — דערנענטע־רונג צווישן יידן און אַראַבער — מער קענען צוהעלפן — מער ליכט, אָדער מער ליבשאַפט. מיר האָבן באַקומען אַ ביסל דערפאַרונג פון די פריִערדיקע צוויי רעזשימען, וואָס האָבן געהאַלטן דאָס לאַנד אין זייערע הענט. די

טערקן איז דאָס פּראָבלעם ייִד־אַראַבער כמעט נישט אָנגעגאַנגען. זיי האָבן נאָר געזאָרגט אָנצוגיין מיט זייער כּוח. די ענגלענדער האָבן שטאַרק געהאַלטן פון פּינצטערניש. וואָס מער פּרימיטיווקייט און אַבערגלויבן, אַלץ זיכערער איז די ענגלישע קרוין דאָ געווען. בעווין האָט אונדז איבערגע־לאָזט אַ גרויסע ירושה פון שׂנאה צווישן ייִדן און אַראַבער. ס׳איז אַ שוואַכקייט פון ביידע צדדים, וואָס מיר האָבן נאָך ביז היינט נישט באַוויזן די דאָזיקע ירושה אויסצוראָטן. מיר מוזן דעריבער אָנהייבן מיט אַ פֿאַרברידערונגס־אידעע, זי פֿאַרטיפֿן, פֿאַרברייטערן און פֿאַרשפּרייטן. פֿאַר וואָס נישט הונדערט אַזעלכע סאַלאָנען אינעם לאַנד?

— און ווי וועלן מיר נעמען הונדערט צילעס? — האָט עזרא זיך אָנגערופֿן.

— בראַוואָ! — איז אויסגעבראָכן אַ פֿאַטשעריי.

אָבער צילאַ האָט זיי מיט אַ האַנט־באַוועגונג איינגעשטילט, און זיך אָפּגערופֿן צו איינעם וואָס איז געזעסן קעגן איבער איר.

— פֿריינד אַל מוסאַ...

אַ טונקל־הויטיקער מאַן מיט קורץ־אונטערגעשוירענע וואָנצעלעך, אַ ברייטפּלייציקער מיט פֿולע באַוועגונגען, האָט זיך גענומען דרייען אויפֿן פֿאָטעל, און געלאָזט וואַרטן אויף זיך ביז ער האָט אָנגעהויבן רעדן:

— יעדער באַרג־קלעטערער האָט דעם זעלבן ציל — דערגרייכן דעם שפּיץ באַרג. אָבער ווען צוויי באַרג־קלעטערער גייען אין אַ געוועט, ווער ס׳וועט פֿריִער דעם שפּיץ דערגרייכן, לאָזט די שרעק, אַז איינער זאָל דעם צווייטן נישט אַ שטופּ טאָן און אַריינשליידערן אין אָפּגרונט — ביידן צום ציל נישט צוקומען... מיר זענען נאָר אַ קליינע צאָל אַראַבער, צו וועלכע מ׳קאָן צוקומען מיט פֿרייע דעמאָקראַטישע געדאַנקען. אַפֿילו צו די אַראַבישע מאַסן פֿון אונדזער געגנט קאָן מען נישט צוקומען מיט אידעען און געדאַנקען, וואָס האָבן נישט אין זיך קיין רעליגיעז־מוסולמענישע פּרינציפּן, אַפֿילו נישט פֿאַרן פּרייז פֿון פֿאַרבעסערן זייער לאַגע און ווילשטאַנד. דער קאָראַן, וואָס ליגט דאָ אויפֿן טיש, איז נישט אַזאַ שטיל לעמעלע, ווי איר שטעלט זיך פֿאָר. ווי איך ווייס, קאָן מען די לערע פֿון איסלאַם, וואָס אין איר תּוך שטרעבט זי צו פֿאַרניכטן אַנדערע רעליגיעס; די ייִדישע און קאַטוילישע — פֿאַרגלייכן צו אַ סמבטיון, וואָס שפּייט מיט פֿייער און שוועבל אויף יעדן, וואָס גלייבט נישט אין מחמדס תּורה און נעמט נישט אָן דעם גזר־דין פֿון

קאַראַן צו זיין אונטערטעניק און דערנידעריקט. איך וויל מיט אייך זיין אָפנהאַרציק אין אָט די ביידע ספרים געפינט איר — אין תנך די מלחמת־מצווה, און אין קאַראַן דעם „דזשיהאַד״. דער אונטערשיד איז נאָר אפשר אויף אַזוי פיל, וואָס די מלחמת־מצווה באַציט זיך צו לאָקאַלע און טעריטאָריאַלע קאַמפן אַרום די גרענעצן פון לאַנד, און דער „דזשיהאַד״ ווייסט נישט פון קיין גרענעצן אינעם רעליגיעזן קאַמף, סיי קעגן יחיד און סיי קעגן רבים, אַפילו קעגן פעלקער און נישט־סעמיטישע ראַסן, וואָס לעבן ווייט פון אָריענט. אין אונדזערע צייטן ווערט נאָך צו דעם צוגעגאָסן אייל אויפן פייער דורך דעם פּאָליטיש־מיליטערישן קאָנפליקט צווישן מדינת ישראל און אירע שכנים.

— איך האָב אָנגעהויבן מיט דער פּעסימיסטישער זייט, כדי אויסצו־לאָזן מיט דער אָפּטימיסטישער. אינערלעך זעט נאָך אַלץ אויס דער גרעסטער טייל פון דער אַראַבישער וועלט, ווי מחמד איז אָקערשט אַוועק אויפן לעגענ־דאַרן אַל־בּוּרך־פערד אין זיבנטן הימל אַרײַן. אָבער פון אויסן זענען שוין אין דער וועלט פון איסלאַם פאָרגעקומען אַ סך שינויים. דער עצם פאַקט, וואָס אַ סך אַראַבער זענען קריסטן און דער איסלאַם פּרעדיקט נישט קעגן זיי „דזשיהאַד״, איז ווידערשפּעניקונג קעגן איסלאַם גופא און זיין תורה, דעם קאַראַן. מיטן אַרײַנרייסן זיך פון דער מערב־אייראָפּעיִשער קולטור אין אונדזער ראַיאָן, וואָס ס׳האָבן אַרײַנגעבראַכט די טערקן, האָבן גענומען אויסוועפּן אַ ביסל פאַנאַטיזמען, למשל, אַ סך אַראַבער האָבן אַראָפּגעוואָרפן די כּפּיות פון די קעפּ, אויסגעטאָן די לאַנגע עביות און זיך גענומען קליידן אייראָפּעיִש. הגם זיי זענען געבליבן גלויביקע, זענען זיי אָבער, לויט מיין מיינונג, מער געניײגט אויפצונעמען אַ פאַרברידערונגס־אידעע מיט די ייִדן. ערשט דער קאָנטאַקט פון מסחר, אַרבעט און טעכנישן פּראָגרעס, וואָס קומט פאָר צווישן אונדז און די ייִדן, טוט כסדר דאָס זייניקע און אינעם אונטערבאַוווסטזיין קומט פאָר אַ דערנענטערונג צווישן ביידע צדדים.

דער פּעדאַגאָג אַל מוסאַ איז אַריין אין טראַנס פון אַנטוויקלען זיין צוגאַנג. די אויפמערקזאַמקייט צו זיינע רייד האָט אים דערמוטיקט ווייטער ממשיך צו זיין:

— אָדער נעמט די פּרוּוון צו שיקן מעדיצינישע עקספּעדיציעס צו די בעדויִנער אין ווייטן מידבר און זיי איבערצייגן, אַז אַ דאָקטער איז נישט

קיין שד, און אַ קראַנקן שוועסטער, וואָס מאַכט אַן איינשפּריצונג, טרייבט נישט אַריין אין גוף אַ דיבוק — דאָס איז פון די גרויסע זאַכן. היינט זעען מיר שוין פאַלן, ווען בעדואינישע פרויען געבוירן קינדער אין די קליניקעס. די בעדואינער פון באר־שבע האָבן זיך געלאָזט איבערצייגן, אַז אַללאַ וועט נישט פאַרשעלטן זיינע „מידבר־קינדער", ווייל זיי האָבן איבער־געריסן דאָס וואַנדער־לעבן און אַריינגעגאַנגען וווינען אין דערפער, וואָס די ישראל־רעגירונג האָט פאַר זיי אויסגעבויט. אָבער פון דער צווייטער זייט האָב איך אַ גרויסן פאַרבאַהאַלט צו דער מלוכהשער באַציִונג צו דעם פּראָבלעם. לויט דער מגילת העצמאות זענען אַלע תושבים גלייכע בירגער. טאָ פאַר וואָס רופט מען נישט די אַראַבער אין אַקטיוון מיליטער־דינסט? אַ בירגער, וואָס ווערט געפּסלט צו דינען אין מיליטער, קאָן נישט האָבן דאָס געפיל, אַז ער איז גלייַכבאַרעכטיקט.

— די דרוזן דינען דאָך אין צה"ל! — האָט ווער איבערגעריסן.

— איך רעד נישט וועגן די דרוזן, נאָר וועגן די אַראַבער. — די אַרמיי האָט בייגעטראָגן דעם גרעסטן חלק צו אייער שווערן פּראָבלעם פון „מיזוג גלויות" — דאַרף די אַרמיי אויך מיטהעלפן אין דעם פאַל. יונגע מענטשן, וואָס עסן פון איין קעסל און שלאָפן אויף איין קויקע, ווערן פאַרברידערט!

— אמת, — האָט מוסאַ פאַרענדיקט זיין רעדע — גרויסע אידעען האָבן זיך אויסגעפּיקט אין ענגע בוידעם־שטיבלעך, אין פייכטע קעלערס. מיר געניסן פון מער פרייהייט און באַהאַנדלען אָפן דאָס פּראָבלעם אין אַ סאַלאָן. אָבער איך האַלט, אַז ביז וואַנען די רעגירונג וועט דאָס נישט נעמען אין האַנט אַריין, אָדער ביז וואַנען די געזעלשאַפט וועט זיך נישט כאַפּן, ווי ווייט נוצלעך דאָס איז, וועלן מיר מיט אונדזער לאָזונג נישט קאָנען ווייט אָנגיין. די גאַס וועט אונדז אויפנעמען ווי אַ נייע גרופּע ביטניקעס...

מוסאַ איז שטיל געבליבן. זיינע רייד האָבן צעשטערט די וואַרעמע אַטמאָספער. ס'האָבן זיך געהויבן הענט און מען האָט אים געוואָלט ענטפערן, אָבער צילאַ האָט פאַרגעזן, אַז ס'וועט אַרויסקומען אַ קריגעריי, און זי האָט געפּרוווט פאַרגלעטן דעם איינדרוק מיט אַ פּאָר ווערטער:

— דער אַראַבישער מענטש — האָט צילאַ געזאָגט — איז נאָענט, ווי די פּאַנאָראַמע פון לאַנד. נישט היינט איז מאָרגן. ס'וועט געשען, ייִדן און אַראַבער וועלן זיך דערנענטערן!

יורם האָט געוואָלט דער שמועס זאָל זיך ווייטער פירן. אָבער צילאַ האָט זיך ענערגיש קעגנגעשטעלט.

— אויף היינט וועט גענוג זיין! דער צווייטער צד וועט רעדן אויפן נאָענטסטן אָוונט.

דער עולם האָט זיך אויפגעשטעלט און צוגעגאַנגען צום באַר. דערנאָך האָבן זיך די מענטשן פונאַנדערגעטיילט און צוזאַמענגעזעצט אין גרופּ־קעלעך. יורם האָט זיך געפונען אין אַ קרייז פון אַראַבישע מיידלעך. ער האָט זיך געוויצלט אויפן חשבון פון ביידע רעדעס — צילעס און מוסאַס. די מיידלעך האָבן הויך געלאַכט.

קאַפּיטל פינף

אויף צו מאָרגנס איז יורם שפּעט אויפגעשטאַנען און ס׳האָט אים נישט געגלוסט אַרויסצוגיין אין גאַס. ער איז געווען אין אַזאַ צושטאַנד, ווי איינער, וואָס האָט אַריינגעבראַכט די זון אין שטוב אַריין און דאַרף זיך נישט וואַרעמען אין דרויסן.

דער נעכטיקער אָוונט האָט אויף אים געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק. צילעס סאַלאָן האָט אים פאַרשיכורט. דער אינטימער קרייז, אין וועלכן ער האָט פאַרבראַכט, איז אים נאָענט געוואָרן, און ער האָט צו אים געפילט אַ בענקשאַפט.

אַ פּאָר נעכט נאָך אַנאַנד, ווי נאָר זיינע ווי̇עס האָבן זיך צוגעקלעפּט אין שלאָף, האָט אים צילאַ נישט אָפּגעלאָזט. זי איז אויפגעבראַכן פאַר אים מיט איר צעבושעוועטער ווייבלעכקייט. צו ערשט האָט ער זי געזען פון ווייטנס, ווי אין אַ דינעם נעפּל, וואָס אַ מאָל איז זי צוגעקומען נענטער און ער האָט קלאָר געזען איר רייפן גוף.

ער האָט פאַרשטאַנען אַלץ, וואָס אויף יענעם אָוונט איז פאָרגעקומען: די אידעע פון דער דערנענטערונג און פאַרברידערונג, דעם זין פון די צוויי „אָפּיציעלע״ רעדעס און פון די זייטיקע שמועסן. איין זאַך איז געווען פאַר אים פאַרהוילן — ווער איז צילאַ? ווי קומט דאָס, אַז אַ פרוי זאָל זיין אַזוי אינטעלעקטועל און אַזוי עקסצענטריש? אַזוי פאַרביסן קעגן אַלע און אַלץ וואָס שטייט איר אין וועג, און גלייכצייטיק אַזוי סענטימענטאַל

און סעקסועל ווירקנדיק? האָב איך זי ליב באַקומען? — האָט ער זיך אַליין געפרעגט.

ער איז אַרויס אויף אַ שפּאַציר אין שיטערן וועלדל ביים ירקון־טייך. צו ערשט איז ער געגאַנגען נאָענט ביים ברעג, אָבער דער טוכלע ריח, וואָס האָט זיך געטראָגן פון וואַסער, האָט אים אַריינגעטריבן צווישן די סאָסנע־ביימלעך. ס'איז געווען שטיל אין וועלדל. מ'האָט קיינעם נישט געזען. די ביימער זענען געשטאַנען רויִקע און נישט געפלעגטע, און די ערד אַרום זיי איז געווען פאַרטריקנט. קיין באַנק אַרום אָדער אַ פּיען פון אַ בוים האָט ער נישט געזען. אַנידערלייגן זיך האָט ער נישט געוואָלט.

— פאַרסמט זיך אין תל־אביב — האָט ער מיט זיך איינגעטענהט — כ'מוז זיך נעמען אין די הענט אַריין. מער טאָר איך צו איר אין סאַלאָן נישט גיין! ווען איך זי נאָך אַ מאָל באַגעגענען, איז אַ סוף צו מיין לערע, צו מיין פּלאַן. זי מוז איך אויסמיידן. כ'וועל בעסער אַוועקפאָרן צו יעלן. ביי איר וועל איך זיך גוט פילן. ביי צילען קאָן איך נאָר ווערן אַ קנעכט. אַ קנעכט, וואָס אָן באַלעבאָס קאָן ער גאָרנישט לעבן. און דאָס ערגסטע, אַז דער רייץ צו איר מאַכט מיך פאַרגעסן, אַז זי איז אַ פאַרהייראַטע פרוי...

צוריקוועגס, ווען ער איז אַהיימגעגאַנגען, האָט ער פּרובירט אויסצו־ניכטערן זיך פון דעם איינדרוק.

— איז ער דען נישט געווען גערעכט, דער מוסאַ? ער האָט דאָך מרמז געווען וואָס איך האָב געוואָלט זאָגן. איז דאָס נישט קיין פּיקסאַידעע? אין דער צייט, ווען צווישן יִדן און אַראַבער קומען טאָג־טעגלעך פאָר אינצידענטן, בלוטיקע און פּאָליטישע, נעמט זיך די פרוי אונטער אַזאַ אַרבעט — ברידערשאַפט, דערנענטערונג. און ווי זי גלייבט אין איר אידעע, מיט וואָס פאַראַ אַנטשלאָסנקייט זי גייט אָן אין איר טעטיקייט, ווי זי שטרעבט וואָס מער אָנהענגער פון ביידע צדדים אַריינצוציִען.

מיט אָט די געדאַנקען האָט ער פאַרלאָזט תל־אביב.

כאָטש יורם האָט קיין מאָל נישט גערעדט וועגן זיינע עלטערן, האָט ער זיי אָבער שטאַרק ליב געהאַט. קודם כל דערפאַר, וואָס זיי האָבן אים געגעבן די פולע פרייהייט און אים נישט צוגעבונדן צו דער שטוב. ער איז נישט געווען דאָס איינציקע קינד אין שטוב. ס'זענען געווען נאָך

צוויי, שוועסטערן. ער האָט פון דער היים באַקומען אַ סך בריוו. אָפט מאָל גערעדט טעלעפאָניש. באַזונדער האָט ער ליב געהאַט די מוטער. כאָטש זי האָט געבענקט נאָך אים, האָט זי אים אָבער נישט געמאַכט קיין פאָרוואורף, וואָס ער איז נישט אַהיימגעקומען אויף די וואַקאַציעס, נאָר פאַרבראַכט אין דערפער און קיבוצים. פון דער היים האָט מען אים כסדר באַזאָרגט מיט געלט פאַר זיין אויסהאַלט, און ער האָט דאָס אָפּגעצאָלט מיט לערנען מיט התמדה. ער איז געווען אַריינגעטאָן איבערן קאָפּ אין זיין לערע און די פּראָפעסאָרן האָבן פון אים שטאַרק געהאַלטן.

ער האָט שוין געהאַט אַ ברייטן קרייז פון חברים. אַ סך שיינע מיידלעך און יונגע פרויען האָבן אים אַרומגערינגלט מיט סימפּאַטיע, גערן געוואָלט מיט אים פאַרברענגען, אָבער ער האָט שטאַרק מורא געהאַט זיך אַריינצולאָזן אין אינטימע באַציִונגען, אַפילו מיט איינער פון זיי. מ׳קאָן זאָגן, אַז ער האָט זיי בלויז געזען אַרום זיך, גערעדט מיט זיי, פאַרברענגט ווי מיט אָנגענעמע פריינד, אָבער נישט געוואָרן צוגעבונדן. טייל מאָל האָט זיך אים אַפילו געדאַכט, אַז יעדע מינוט וואָס ער גיט זיי אַוועק, שטערט אים אין זיינע לימודים.

די איינציקע צוויי פרויען, אין וועלכע ער האָט נישט פאַרגעסן, זענען געווען די יונגע נאָגע, וואָס ער האָט ביים אָנקומען אין חיפה באַגעגנט אויפן כרמל, און צילאַ פון סביון. זיי זענען אים אַלע מאָל געשטאַנען פאַר די אויגן. ער האָט אַ מאָל אויך אַ טראַכט געטאָן וועגן יעלן, אָבער זי האָט אים אויף זיינע בריוו נישט געענטפערט און ער האָט שוין כמעט אין איר געהאַט פאַרגעסן. געבליבן אין געדאַנק זענען בלויז די בערג איבערן חולה־שטח און דער זאַטער טאָל. אויך די יונגע נאָגע האָט געגומען אויסבלאַקירן. ער האָט נישט געהאַט קיין געלעגנהייט נאָך אַ מאָל זי צו זעען און באַנייען דעם ערשטן איינדרוק, וואָס זי האָט אויף אים געמאַכט. אָבער צילאַ? צילאַ האָט צו אים גערעדט, כאָטש זי איז געווען ווייט פון אים, זי האָט הילכיק געלאַכט, כאָטש אין צימער איז שטיל געווען, און זי האָט אים געוועקט מיט איר ווייבלעכקייט, אַפילו ווען ער איז געווען אַריינגעטאָן אין די ביכער. ער איז נישט געפאָרן זי זען, ווייל ס׳איז אים שווער געווען זיך מיט איר צו שיידן; ער האָט זי נישט געוואָלט באַגעגענען, ווייל ער האָט זיך געשראָקן פאַר איר. ער האָט געוווּסט, אַז ווען ער וועט זיין אין דער היים, וועט ער זיך געוויס צו איר אַריבערכאַפּן.

האָט ער די היים אויך אויסגעמיטן, און קיינער פון דער משפּחה האָט אַפילו נישט געוווסט פאַר וואָס. ערשט אין צוויי יאָר אַרום איז ער פּלוצעם געקומען אין שטוב אַריין.

אין שטוב האָט ער געטראָפן די מוטער אַליין און איר פרייד האָט אים גערירט. זי האָט זיך אָנגעהאָנגען אויף אים מיטביידע הענט:

— יורם, ווי שיין דו זעסט אויס! וואָס האָט דיך נאָך אַזאַ לאַנגער צייט געבראַכט אין שטוב אַריין?

— כ׳בין געקומען זיך געזעגענען.

דער מוטערס פּנים איז בלאַס געוואָרן.

— פאָרסט אַוועק, פאַרלאָזט אונדז?

— ניין, מאַמע. איך פאָר אויף אַ קורצער רייזע, נישט אויף לאַנג.

— וווהין?

— מיט אַ גרופּע חברים, אויף אַ באַזוך אין סאָוועט־רוסלאַנד.

— אַ מאָדנע אַרויסגעקומען — האָט די מוטערס פּנים זיך פאַרכמאַרעט — אַלץ פאָרט קיין רוסלאַנד. פון אַלע רייזע־ביוראָס שרייען אַרויס פּלאַקאַטן „באַזוכט רוסלאַנד״. דער קרעמל איז פאָטאָגראַפירט אין ראָזע פאַרבן און לאַכעדיקע מענטשן שפּאַצירן אין די מאָסקווער גאַסן... ווען פאָרסטו?

— די צווייטע וואָך.

— און געלט אויף הוצאות?

— נישט נייטיק, מאַמע. כ׳האָב זיך אָנגעזאַמלט פון פּריוואַטע לעקציעס.

נאָך מיטאָג איז דאָס גאַנצע געזינדל געווען אין שטוב, געהאַלדזט און געקושט יורמען.

שפּעטער איז ער געבליבן מיט זיין עלטסטער שוועסטער, בתיה. יורם האָט זיך געריכט, אַז זי וועט אים עפּעס דערציילן וועגן זיך. דער עיקר האָט ער געוואָלט וויסן, וואָס עס הערט זיך מיט אַ שידוך... אָבער פרעגן זי וועגן דעם האָט ער נישט געקענט. ער האָט נישט געוואָלט אָנרירן אַ ווייטיקלעכן ענין, מיט וועלכע אַלע האָבן זיך אַרומגעטראָגן אין שטוב.

— ווייסט — האָט בתיה געזאָגט — ס׳זענען דאָ געווען אַ סך טעלעפאָנען צו דיר. מ׳האָט קיינעם נישט געגעבן דיין אַדרעס, ווי דו האָסט אָנגעזאָגט. צום מיינסטן האָט זיך אויף דיר נאָכגעפרעגט איינע, וואָס מער ווי איר נאָמען, צילאַ, האָט זי נישט געוואָלט אָנגעבן.

— יאָ, כ׳קען זי — האָט יורם גלייכגילטיק געזאָגט און אין האַרצן האָט אים אַ טיאָכקע געטאָן. צ י ל אַ . . . הייסט עס, אַז זי געדענקט מיך, וויל מיך זען... און ווי פיר איך זיך אויף? ווי אַ קליין יינגל.

ער איז אַרויס אָנקוקן די שטאָט. דאָ און דאָרטן זענען שוין דורך דער צייַט פון זיין אָפּוועזנהייט אויסגעוואַקסן נייע בנינים. תל־אביב הייבט זיך אין דער הייך — האָט ער געשאָקלט מיטן קאָפּ. די גאַסן האָבן אים אויסגעזען ברייטער און ריינער. די אַלעען — מער באַביימערט, און גרינס — אומעטום גרינס.

פאַר נאַכט איז ער אַוועק אויף דער הירקון־גאַס.

ביים שפת הים האָט ער פון ווייטנס דערזען אַריהן און גדן, זיינע צוויי שול־חברים פון דער גימנאַזיע. זיי האָבן זיך מיט אים דערפרייט און זיך אַוועקגעזעצט אין אַ קאַפע.

— לאָמיר הערן, ווי עס גייט דיר אין דער פרעמד — האָט אריה אָנגעהויבן.

— חיפה איז גאָרנישט אַזוי פרעמד. מיר דאַכט זיך, אַז כ׳בין אין חיפה געבוירן געוואָרן.

— שיינע מיידלעך פאַרזיסן דיר דאָרט ס׳לעבן — זאָגט גד.

— כ׳האָב ווייניק צייט צו דעם... כ׳זיץ און לערן, גרייט זיך צו די עקזאַמענס.

— ווי האַלטסטו שוין?

— שוין דריי יאָר אָפּגעהאָרעוועט. און ווי גייט אייך דאָ אין תל־אביב?

— מיר אַרבעטן. טעכניקער אין אַ געווער־פאַבריק.

— און געזעלשאַפטלעך?

— אין פאַרטייִשער אַרבעט האָבן מיר זיך נישט אַריינגעלאָזט. אָבער אין ייִדיש־אַראַבישן קולטור־קאָמיטעט זענען מיר יאָ טעטיק.

יורם האָט זיך ווי עפּעס דערשראָקן. ער האָט געוואָלט איבערפרעגן מער פרטים, אָבער גד האָט זיך אָנגערופן:

— וואָלטסט געמעגט באַזוכן אונדזער קלוב.

— וווּ געפינט ער זיך?

— ס׳איז נישט קיין אָפענער קלוב. מיר קומען זיך צונויף אינעם הויז פון צילאַ איתן.

— ביי וועמען? — האָט יורם איבערגעפרעגט.

— כ׳זאָג דאָך דיר — ביי פּרוי איתן, צילאַ רופט מען זי. וואָס, האָסט גאָרנישט וועגן איר געהערט?

יורם האָט מיט אַלע כוחות זיך איינגעהאַלטן נישט אַרויסצווייזן קיין איבעררעשונג.

— מיינט איר, אַז ס׳וועט דערפון עפּעס אַרויסקומען?

— די פראַגע איז נישט צי ס׳וועט יאָ אָדער נישט אַרויסקומען. וויכטיק איז דער פאַקט גופא, אַז אַזאַ באַוועגונג עקסיסטירט. צילאַ האָט אַ געוואַלדיקן אָרגאַניזיר־כוח. מ׳האַלט שטאַרק פון איר.

יורם האָט נישט געקאָנט דערזיצן אויפן בענקל. אַלע רעפלעקסן וועגן צילען האָבן אין אים אויפגעבראַכן. ער האָט זיך מיט זיי אָפּגעזעגנט, אַריבערגעגאַנגען די גאַס און זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ באַנק נאָענט פון ים־ברעג. אַ ברייטער הימל האָט געזילבערט מיט שטערן, קליינע און גרויסע. אַ קיל ווינטל האָט אָנגעשלאָגן אין ברעג און אָפּגעקילט זיין פּנים. ער איז דאָרט לאַנג געזעסן און גענומען באַטראַכטן וואָס ער האָט געהערט פון זיינע חברים. צו ערשט האָט אים אַ בענקשאַפט אַרומ־גענומען און ער האָט אַליין נישט געוווסט צו וועמען ער בענקט, אָבער וואָס לענגער ער איז געזעסן מיטן פּנים צום ים, אַלץ מער איז ער געקומען צו זיך. ער האָט זיך אויפגעשטעלט און אויפן וועג אַהיים האָט ער ווידער דערפילט די פריילעכקייט פון זיין שטאָט.

ווען ער איז צוריקגעקומען אין שטוב אַריין, האָט ער שוין געוווסט, אַז ער וועט נישט קענען פאַרלאָזן תל־אביב ביז ער וועט צילען נישט זען. וואָס זאָל ער איצט טאָן? ווייַזן זיך פאַר איר פלוצעם? וואָס האָט ער אייגנטלעך צו רעדן מיט איר? מיט וואָס וועט ער פאַרענטפערן וואָס אַזאַ לאַנגע צייט האָט ער נישט געלאָזט הערן פון זיך? און בכלל, ווי וועט זי דאָס פאַרשטיין? נאָך וואָס איז ער דאָ אַהערגעקומען? פעלט ער דען איר צו דער קאַמפּאַניע? דאָך האָט ער אויפגעהויבן דאָס טעלעפאָן־טרייבל און אָנגעקלונגען.

— כ׳האָב אַ סך געסט אין הויז און כ׳בין שטאַרק פאַרנומען — האָט זי טרוקן געענטפערט — אויב איר ווילט מיך באַזוכן, קומט סוף וואָך.

— אָבער... אָבער איר וועט זיך נישט בייזערן פאַר מיין לאַנגן נישט באַווייזן זיך?

אין טרייבל האָט אָפּגעקלונגען איר געלעכטער.

— קומט, קומט... אָבער נאָר סוף וואָך. רופט מיך פריִער אָן.

אַ שעה פאַר דער באַשטימטער צייט איז ער שוין אַרויס פון שטוב, און ווען ער איז אָנגעקומען אין סביון, שוין נאָענט פון צילעס הויז, איז נאָך געווען פופצן מינוט צו פרי. ער האָט זיך אַ ביסל אַרומגעדרייט און געפרוווט פאַר זיך אויפלעבן איר געשטאַלט. איז זי נאָך אַזוי שיין און רייצנדיק, ווי מיט צוויי יאָר צוריק? פרויען, האָט ער געוווּסט, בליען ווי די ביימער. פאַראַן אַ צייט, ווען די קנאָספּן עפענען זיך, אַ צייט, ווען דער בוים איז אין גאַנצן צעבליט, און אַ צייט, ווען דאָס בליִעכץ פאַלט אַראָפּ. אָבער ביי פּרוכטביימער קומט דאָס פאַר יעדעס יאָר און ביי פרויען נאָר איין מאָל אין לעבן. דערפאַר אָבער בליט די פרוי אַ סך לענגער, ווי דער בוים. בליט זי נאָך?

ער האָט מיט ציטערניש אַ דריק געטאָן אויפן גלעקל, אָבער ווי נאָר ער האָט זי דערזען, איז ער נשתומם געוואָרן. זי איז געוואָרן נאָך שענער. — ווער האָט אייך אויסגעלערנט די קונסט צו ווערן וואָס אַ מאָל ייִנגער און רייצנדיקער? — האָבן זיך אים שיר־נישט אַרויסגעגליטשט די ווערטער פון מויל — אָבער זי האָט אים אויפגענומען מיט אַזאַ גלייכגילטיקייט, אַז די ווערטער זענען אים געבליבן שטעקן אין האַלדז און ער האָט נישט געוווּסט פון וואָס אָנצוהייבן.

ער האָט זיך גערעכנט צו טרעפן געסט, אָבער קיינער אויסער צילאַ איז אין שטוב נישט געווען. זי האָט אים געבעטן זיצן, און אַליין איז זי אַרויסגעגאַנגען, אַנטשולדיקנדיק זיך שוין ווייט, ביי דער טיר פון אַן אַנדערן צימער.

ער האָט זיך אַרומגעקוקט. אין סאַלאָן האָט זיך גאָרנישט געענדערט, בלויז נייע בילדער זענען געווען אויף די ווענט. ער איז צוגעגאַנגען צום טישל, אויף וועלכן ס׳זענען אַ מאָל געלעגן דער תנך און דער קאָראַן. דאָס טישל איז געשטאַנען אויף דעם זעלבן אָרט, אָבער די הייליקע ספרים זענען אויף אים נישט געווען. אַנשטאָט זיי איז געלעגן אַן אַלבום, אין וועלכן ס׳זענען געווען אַריינגעקלעפּט די שער־בלעטער פון איתנס דראַמעס און די רעצענזיעס, וואָס עס זענען געווען וועגן זיי געדרוקט. דער אַלבום איז

געוועזן איינגעטיילט לויט די שפּראַכן, אין וועלכע די פּיעסן זענען איבער־געזעצט און געשפּילט געוואָרן. אַ סך פון די שפּראַכן האָט יורם נישט געקענט לייענען און ער האָט נאָר געקוקט אויף קעפּלעך פון די אַריינגעקלעפּטע בלעטער. ס'איז ווער אַריין אין סאַלאָן. ער האָט זיך אומגעקוקט. אַ דינסטמיידל האָט אַוועקגעשטעלט כיבוד אויפן טיש און איז שטיל אַרויסגע־גאַנגען.

ער האָט זיך אַוועקגעזעצט ביים נידעריקן טיש און נישט געוווסט וואָס צו טאָן. עפּעס איז דאָ נישט בסדר, וואָס זי לאָזט אים וואַרטן אויף זיך. ער האָט זיך ווידער אויפגעשטעלט און געוואָלט צוגיין צום פענצטער, אָבער אין דעם מאָמענט איז צילאַ ראַש אַריינגעקומען און אויסגעקומען אים אין מיטן וועג. זי איז געווען אַ שטראַלנדיקע און גאָר אַ פאַרענדערטע ווי דאַן, ווען ער איז אַריינגעקומען. אָנגעטאָן אין אַ לייכט מיני־קליידל האָט איר קערפּער אָפּגעשלאָגן מיט אַ ראַזער פרישקייט. דאָס מאָל האָט ער זיך מער נישט געקענט איינהאַלטן, און אַרויסגעוואָרפן די ווערטער וואָס זענען אים פריִער געקומען אויף דער צונג:

— איר ווערט דאָך וואָס אַ מאָל יִנגער און שענער!

צילאַ האָט אַפילו נישט רעאַגירט, ווי זי וואָלט געווען צוגעוווינט דאָס צו הערן זיבן מאָל אין טאָג.

— זעצט זיך — האָט זי אים אָנגעוויזן אַן אָרט — און אַליין זיך אַוועקגעזעצט קעגן איבער אים.

— זייט זיך מכבד — האָט זי אים דערלאַנגט אַ קליין וואַזעלע שאָקאָלאַדקעס.

צילאַ האָט שוין געהאַט אַ סיגאַרעט צווישן אירע געשמינקעוועטע ליפּן און ער האָט שנעל איר דערלאַנגט פייער אָנצוצינדן.

עפּעס האָט דאָ נישט „געקלאַפּט". צילאַ האָט זיך געשפּילט מיטן סיגאַרעט צווישן די פינגער, אים פאַרשנדיק אָנגעקוקט און געשוויגן.

— ווי אַזוי דאַרף איך אייך אייגנטלעך אויפקלערן מיין אָפּגעריסנקייט און שטילשווייגן דורך דער גאַנצער צייט?

— נישט וויכטיק!

זי האָט נאָך אַ מאָל אַריינגענומען דעם פּאַפּיראָס אין מויל און זיך טיף פאַרצויגן.

— פאַר מיר איז עס אַ סימן, אַז איר האָט זיך נישט אַרומגעדרייט ליידיק...

— כ׳בין ווירקלעך געווען פאַרנומען — האָט ער זיך אָנגעכאַפּט אין אירע רייד — אַפילו די עלטערן נישט געזען.

זי האָט אים אַריינגעקוקט אין די אויגן.

— כ׳בין סײַ ווי צופרידן, אַז איר זענט געקומען מיך באַזוכן פאַר דער נסיעה קיין רוסלאַנד.

— פון וואַנעט ווייסט איר עס שוין?

— אַז מ׳וויל וויסן, מאַכט זיך אַ געלעגנהייט... דער מדריך פון דער גרופּע, וואָס פאָרט מיט אײַך, איז דאָ צופעליק געווען און מיר געוויזן די רשימה.

— כ׳בין טאַקע זיך געקומען געזעגענען...

— אַן איבעריקע זאַך געווען.

— פאַר וואָס?

— דאָס וועט איר שפּעטער געוואָר ווערן.

יורמען איז געוואָרן אומהיימלעך פון דעם פאַרנעפּלטן ענטפער, אָבער צילאַ האָט אונטערגעהאַלטן דאָס געשפּרעך.

— וואָס הערט זיך אין חיפה? האָט איר באַוויזן עפּעס אויפצוטאָן אויפן געביט פון אַראַביש־ייִדישער פרײַנדשאַפט?

ער האָט געוווּסט, אַז דאָ מוז ער זײַן פאָרזיכטיק מיט יעדן וואָרט, אָבער די נאַטור פון אַ סאַברע, וואָס ווייסט נישט צו זאָגן קיין ליגן, אַפילו ווען ס׳איז צו זײַן שאָדן, האָט איבערגעוויגן. ער האָט איר געמוזט זאָגן דעם אמת, נאָר געזוכט אַ נוסח, ווי אַזוי עס ווייכער אַרויסצוברענגען.

— מיר געפעלט אײַער אידעע, אָבער מענטשן... איר ווייסט דאָך, דער עולם האָט ליב, אַז מ׳טראָגט אים אַלץ צו גרייט אויף אַ טאַץ...

ער האָט געזען ווי איר פּנים איז ערנסטער געוואָרן און געוואָלט פאַרריכטן:

— איך פּערזענלעך בין מיט אײַך, נאָר דער ברייטער עולם...

זי האָט פאַרשטאַנען, וואָס ער וויל זאָגן, און אַפילו אים נישט געלאָזט פאַרענדיקן דעם גאַנצן זאַץ.

— איר טוט נישט ריכטיק, ווען איר חזרט איבער דאָס וואָס פּוילענצער, און שוואַרצזעער האָבן שוין פריִער געזאָגט. מיר האָבן מצליח געווען

אין ברייטע, פּראָגראַמען, ווי עליה, קליטה, זיכערקייט און אויפבוי, און מיר קענען אויך די אידעע איינשליסן אין אַ ברייטערן מדינה־פּראָגראַם. שוין איצט פּאָדערט זיך, אַז אַראַבישע און ייִדישע קינדער זאָלן לערנען צוזאַמען אין די שולן. מ׳דאַרף טאָן ווי דער ניו־יאָרקער שטאַטראַט, וואָס שיקט ווייסע קינדער צוזאַמען מיט נעגערישע, כדי זיי זאָלן לערנען אין איין פאָלקסשול. צי מיינט איר, אַז מוסאַ איז נישט גערעכט געווען? איר שטעלט זיך דען פאָר, וואָס פאַר אַ בײשטייער די פאַראייניקטע פאָלקסשולן און די אַרמיי קאָנען דערצו געבן? ווער האָט געלייזט דאָס פּראָבלעם פון מיזוג גלויות, אויב נישט די צוויי קערפּערשאַפטן?

— זייט נישט בייז אויף מיר. ס׳קאָן זיין, אַז איר ווילט עס נישט הערן, אָבער איך פיל צו אייך אַ טיפע אויפריכטיקייט, דעריבער וויל איך פרעגן: וואָס וועט זיין, אַז מיר וועלן פאַרלייגן אונדזער פריינדשאַפט, און דער צווייטער צד וועט זי אָפּוואַרפן?

— יורם! האָט זי אויף אים כמעט אַ געשריי געטאָן — איר פרוווט אויסזוכן אַלץ, וואָס איז קעגן מיר. כ׳מיין, אַז כ׳וועל מוזן אָפּרייסן אַ ביסל צייט און זיך פאַרנעמען מיט אייך...

זי האָט אויפגעהויבן די קרוג און אָנגעגאָסן צוויי טעפּלעך קאַווע.

— טרינקט — האָט זי געזאָגט, און אַליין האָט זי אויך איינגענעצט די ליפּן אין טעפּל.

קאַפּיטל זעקס

צוריקקומענדיק קיין חיפה איז יורם געווען זייער פאַרנומען. ער האָט זיך צוגעגרייט צו דער רייזע, און איידער ער פאָרט אַוועק, האָט ער נאָך באַדאַרפט פאַרענדיקן אַ דיסערטאַציע און איבערגעבן דעם אַקאַדעמישן סעקרעטאַר. אַ ביסל איז ער אויך געווען אויפגערעגט, וואָס דער לעצטער באַזוך ביי צילען איז אַרויסגעקומען מאָנאָטאָן, אַנדערש ווי ער האָט זיך פאָרגעשטעלט. איז עס געווען אירס אַ שטימונג, אַ קאַפּריז, אָדער האָט זי בכוונה אים געוואָלט אָפּקילן פון זיין צעבלאָזענער פאַנטאַזיע? ער האָט דאָך מיט קיין וואָרט נישט מרמז געווען, אַז ער בענקט און ס׳ציט אים צו איר. פון וואַנעט זאָל זי וויסן, אַז זי האָט זיך אין אים אַריינגעריסן

און האָט די פולע שליטה איבער אים? אָבער דאָס — האָט ער ווידער איבערגעקלערט זיינע געדאַנקען — קאָן נישט וויסן נאָר אַ נאַיִווּ מיידל, וואָס האָט נאָך נישט געהאַט קיין מאַן... און ער האָט דאָך דאָ נישט צו טאָן מיט דער פרימיטיווער יעל, נאָר מיט אַ ראַפינירטער צילאַ, און אויף איר קאָן ער גלייבן, אַז זי לייענט זיינע געדאַנקען, ווי אַ פרישע צייטונג וואָס מ׳שפּירט נאָך פון איר דעם ריח פון דער פאַרב. און אפשר — האָט ער איבערגעקלערט — איז עס צופעליק אַזוי אַרויסגעקומען? זי האָט דאָך אים פאַרבעטן אין אַזאַ צייט, ווען קיינער איז נישט געווען אין שטוב. אלזא וואָס? ער אַליין האָט אַלץ קאַליע געמאַכט. אינעם וויכוח אַרום צילעס פאַרברידערונגס־אידעע, פון וועלכער זי וויל נישט אָפּטרעטן, האָט ער אַ ביסל איבערגעכאַפּט די מאָס. ער האָט נאָך אַזוי אויך גוט אָפּגעשניטן; זי האָט געקאָנט זיין נאָך שאַרפער און זיך מיט אים צעקריגן... אָבער ווי ס׳איז נישט אַרויסגעקומען, איז ער דאָך געווען צופרידן, אַז ער האָט זי געזען. און זען האָט ער דאָך זי געמוזט! אַלץ האָט דאָך אין אים געשריגן און געטריבן צו איר. אָבער פון וואַנעט האָט זי געוווּסט, אַז ער פאָרט אויף אַ באַזוך קיין סאָוועט־רוסלאַנד? צוליב וואָס האָט איר דער מדריך געוויזן די רשימה פון דער גרופּע?

דאָס האָט אים נישט געלאָזט רוען און ער איז אַוועק צום מדריך פון אויספלוג.

— ווען פאָרן מיר, מנשה?

— מ׳פאָרט נישט, מ׳פליט!

— נישט מיט דער שיף ביז פּירעוס, און פון אַטען איבער סאָפיאַ און אָדעס?

— די חברה האָבן זיך איינגעשפּאַרט, אַז זיי מוזן זען פּאַריז און מ׳האָט געמוזט איבערדרייען דעם מאַרשרוט. פּרעג שוין גאָרנישט וואָס פאַראַ צרות כ׳האָב געהאַט! דער „אינטוריסט״־פאַרטרעטער האָט זיך געלייגט אין דער לענג און ברייט ביז ער האָט דאָס דורכגעפירט. ער טוט דאָס — האָט ער געזאָגט נאָר פאַר סטודענטן. אפנים ער קען זייערע משוגעתן. פליִען מיר קיין פּאַריז, און פון דאָרט מיט אַן „אילױשין״ דירעקט קיין מאָסקווע. געקאָנט אויך פליִען מיט „עיר פראַנס״, אָבער אָנקומען קיין מאָס־קווע מיט אַ סאָוועטישן עראָפּלאַן איז געזונטער... ס׳קאָסט איצט אַ סך טייערער. דו ווערסט אויך דאַרפן צוצאָלן.

— וועל איך צוצאָלן. אָבער זאָג מיר, ס׳האָט זיך נאָך ווער פאַרשריבן ?

— די רשימה איז אָפּגעשלאָסן.

— ווייז מיר די רשימה פון די באַטייליקטע.

— אָט ליגט זי דאָ אויפן טיש.

יורם איז שנעל אַרומגעלאָפן מיט בליק איבערן בויגן פּאַפּיר און אָנגעוויזן אויף אַ נאָמען :

— ווער איז דאָס ?

— אַ סטודענטין.

— פון טעכניקום ?

דער מדריך האָט אים אָנגעקוקט מיט פאַרדאַכט.

וואָס גייט דיך אָן ווער און וואָס ? וואָס ביסטו, אַ שין־ביתניק* וואָס דו ביסט געקומען מיך קאָנטראָלירן ? זי וויל פאָרן, האָט באַצאָלט, פאָרט זי ! קענסט זי אפשר ?

— אוודאי !

דער מדריך, אויך אַ סטודענט, האָט אים אַ מינוט אָנגעקוקט, און באַשלאָסן צו רעדן „דוגרי״.

— ביסט שוין גרייט צו דער רייזע ?

— איינגעפּאַקט.

— האָסט גאָרנישט פאַרגעסן ?

— כ׳דערמאָן זיך נישט, כ׳זאָל האָבן עפּעס פאַרגעסן.

— און מיר דאַכט זיך, אַז דו האָסט יאָ עפּעס פאַרגעסן... אַ קליין מוילשלעסל האָסטו פאַרגעסן מיטצונעמען. אַז מ׳פאָרט קיין רוסלאַנד, איז עס פון דער ערשטער נויטווענדיקייט. ס׳קומט צו נוץ נאָך איידער מ׳פאָרט... קענסט צילאַ איתן ? מאַך אַ שוויג ! פּאָליטישע פּערזאָנען זענען דאָרט נישט געוווּנטשן. זי וויל דווקא פאָרן. מיט אונדז איז זי מער זיכער. אויסזען זעט זי אויס ווי אַ יונג מיידל. מיר וויסן נישט פון איר, און דו קענסט זי נישט, אַפילו ווען מ׳פרעגט דיך...

ערשט איצט האָט ער פאַרשטאַנען, פאַר וואָס זי האָט אים געזאָגט : „נישט וויכטיק געווען זיך צו קומען געזעגענען״. די מיינונג, וואָס ער האָט זיך אויסגעאַרבעט צוליב דעם קאַלטן אויפנעם אירן, האָט ער מיט איין מאָל

---

* ש. ב. שרות בטחון — זיכערהייטס־דינסט.

אָפּגעוואָרפֿן. אָבער פֿאַר וואָס האָט זי אים דערוועגן נישט געזאָגט? פֿאַר וואָס היט זי זיך פֿאַר אים?

ס'האָט אים אַ צי געטאָן צום טעלעפֿאָן. ער האָט איר געוואָלט זאָגן, אַז ער ווייס דערפֿון. זיינע פֿינגער האָבן גענומען דרייען די ציפֿערן. „זאָל עס אַזוי בלייבן" — האָט ער אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט — און אָוועקגעלייגט דאָס טרייבל.

ער האָט זיך געדרייט אַרויף און אַראָפּ איבערן צימער און אַן אומרויִקע שטימונג האָט אים באַהערשט. פֿון איין זייט איז אים באַפֿאַלן אַ גרויסע פֿרייד, וואָס ער וועט זיין אַ פֿאַר וואָכן לעבן איר. און פֿון דער צווייטער — האָט ער זיך עפּעס געשראָקן פֿאַר איר נאָענטקייט, ווי ס'וואָלט דערפֿון געוועז איינגעשטעלט זיין ווילן, זיין פֿרייהייט...

אַ נאַכט פֿריִער, איידער זיי האָבן פֿאַרלאָזט חיפֿה, האָט ער מיט קיין אויג נישט צוגעמאַכט. צי דאָס איז געוועז צוליב „רייזע־פֿיבער", אָדער פֿון דער איבעררעשונג, אַז צילאַ פֿאָרט מיט מיט זייער גרופּע?

יורם האָט געהערט צו די נאַטורן, וואָס פֿרויען אין זייער אויפֿגעבליטער ווייבלעכקייט, ביי וועלכע דאָס סעקסועלע לעבן איז אַ טאָג־טעגלעכער ענין — צעטרייסלט זיי. אויף זיין שטילער און אָפּט מאָל צוריקגעהאַלטענער נאַטור האָבן נישט געווירקט מיידלעך מיט פֿאַרשלאָסענער צניעותדיקייט. זיין באַציִונג צו זיי איז געוועזן ווי צו חברים, פֿריינד, דער אונטערשייד פֿון געשלעכט האָט אים נישט אויפֿגעטרייסלט. אַזוי איז געוועזן מיט יעלן און אַזוי אויך מיט אַנדערע. אמת, מיט קיין חבר וואָלט ער זיך נישט אַזוי געקושט, ווי מיט יעלן, אָבער ווי נאָר ער איז פֿון איר אַוועקגעפֿאָרן, איז אַלץ איבערגעריסן געוואָרן. אַנדערש איז אָבער מיט צילען. בעת ער איז געזעסן מיט איר אין סאַלאָן און זי האָט אָנגעצונדן אַ שוועבעלע צו פֿאַרויכערן אַ פּאַפּיראָס, איז זי ווי אויסן געוועזן אָנצוצינדן זיינע בלוטן... און וואָס וועט איצט זיין, ווען ער וועט לעבן איר זיין צוואַנציק טעג? זיי וועלן צוזאַמען פֿליִען, מאַכן רייזעס, צוזאַמען עסן, שפּאַצירן, רעדן, זיי וועלן נעכטיקן אונטער איין דאַך...

— נאַרישקייטן — האָט ער זיך אַליין אָפּגעענטפֿערט — צילאַ איז אַ פֿאַרהייראַטע פֿרוי. אמת, זי איז אַרומגערינגלט מיט אַ סך יונגע מענטשן, זי האַלט זיך פֿריי, אָבער זי האָט אויף זיך אַ קלאָרן קאָפּ. און בכלל — ווי קום איך צו איר?

אויפֿן פֿליפֿלאַץ אין לוד איז דער מדריך אַרומגעגאַנגען אַ צעטראָגענער. מ׳האָט שוין אַרויסגעלאָזט צום עראָפּלאַן, און זיין גרופּע איז נאָך געשטאַנען און געוואַרט. צו דער גרופּע פֿון צוואַנציק מענטשן האָט נאָך געפֿעלט איין פּערזאָן. ער איז פֿאַרבייגעגאַנגען נאָענט פֿון יורמען און אַ זאָג געטאָן:

— כ׳האָב אָנגעזאָגט זי זאָל קומען צו פֿאָרן קיין חיפֿה און מ׳וועט צוזאַמען אַרויספֿאָרן, און זי האָט זיך דווקא איינגעשפּאַרט, אַז זי וועט אַליין קומען צום פֿליפֿלאַץ. כ׳האָב געוווּסט, אַז מיט איר וועט זיין צרות...

יורם האָט געוווּסט וועמען ער מיינט, און ער האָט זיך אַפֿילו נישט איבערגעפּרעגט.

נאָך צען מינוט האָט דער מדריך געזאָגט: „גיי, גיב אַ בליק אין דרויסן״!

יורם איז אַרויסגעלאָפֿן, אַרומגעקוקט זיך אין אַלע זייַטן פֿון וואָקזאַל. ס׳איז אָנגעקומען אַן אויטאָבוס מיט פּאַסאַזשירן, עטלעכע טאַקסיס, אָבער צילען האָט ער נישט געזען.

— פֿינף מינוט — האָט דער מדריך געזאָגט — לענגער וואַרט איך נישט!

ער האָט די גרופּע אַרויסגעשיקט צום סטאַרטפּלאַץ. דורכן פֿענצטער האָט ער געזען ווי זיי גייען שוין אַרויף אויף די טרעפּ פֿון עראָפּלאַן. ער מיט יורמען האָבן נאָך געוואַרט.

— נאָך דריי מינוט.

יורם איז ווידער אַרויסגעלאָפֿן אין דרויסן. אַ טאַקסי איז אָנגעלאָפֿן מיט אימפּעט. דורכן פֿענצטערל האָט ער דערזען צילען.

ער האָט געעפֿנט די טיר פֿון דער טאַקסי, געהאָלפֿן איר אויסשטייגן און אַריינגעשריגן אינעווייניק צו מנשהן:

— זי איז דאָ!

זיי זענען געלאָפֿן צום עראָפּלאַן. ביים אַרויפֿגאַנג האָט געוואַרט אַ סטיוואַרדעס, און ווי נאָר זיי זענען געווען אינעווייניק האָט מען אַוועק־גענומען די טרעפּ.

— ווי קומט מען דאָס אין דער לעצטער מינוט? — האָט די סטיוואַרדעס געזאָגט און זיי אָנגעוויזן די פּלעצער, וואָס זענען אויסגעקומען ביים סאַמע עק פֿון עראָפּלאַן.

יורמען האָט די גאַנצע מעשׂה פון צילעס פּאַרשפּעקטיקן פאַרשאַפט אַ גוטן הומאָר, און ער האָט צו איר געזאָגט:

— אי מאַכן אַ פאַרוואורף און אי אַזוי שיין שמייכלען, ווי די סטיואַרדעס האָט עס געטאָן — דאָס געהער שוין צו דער קונסט פון שיינע פרויען...

— דאָס האָט גאָרנישט צו טאָן מיט אָט דער קונסט — האָט צילאַ אין איילעניש געענטפערט — דאָס איז פאַכמענישקייט. אַ סטיואַרדעס מוז זיין דערצו אויסגעשולט.

די מאָטאָרן האָבן גענומען רוישן. דער עראָפּלאַן האָט זיך לאַנגזאַם אויסגעדרייט אין אַ האַלבראָד, ווי אַ גרויסער וואָרעם וואָלט געקראָכן אויפן בויך. פּאַרזיכטיק איז ער אַרויפגעקראָכן אויף אַ ברייטן שאָסיי. אַ מינוט איז ער שטיין געבליבן. דערנאָך האָבן די מאָטאָרן וואָס אַ מאָל זיך מער צעבייזערט, פּאַרטויבט די אויערן. ער האָט זיך צעלאָזט אין אַ שנעלן גאַלאָפּ, ביז ער האָט אַ שטופּ אַוועקגעגעבן פון זיך די ערד און מיטן גרויסן שנאָבל זיך געריסן אין הימל אַריין.

לאַנג איז יאַשאַ איתן, צילעס מאַן, געשטאַנען אויף דער טעראַסע פון עראָדראָם און נאָכגעקוקט דעם „באָינג", מיט וועלכן צילאַ איז אַוועק־געפלויגן. וואָס אַ מאָל האָט דער עראָפּלאַן זיך געהויבן העכער, געוואָרן קלענער, ביז ער האָט אויסגעזען ווי אַ בלויער פויגל. ער האָט דעם עראָפּלאַן נישט אָפּגעלאָזן פון אויג, ביז ער האָט זיך איינגעוויקלט אינעם קלאָרן הימל־געוועב און איז אַוועק, ווייט, ווייט איבערן ים.

ער איז אַראָפּ אין וואַרטעזאַל. דאָרט איז געווען אַ געדרענג פון די מענטשן, וואָס זענען אַריין און אַרויסגעגאַנגען. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט ביי אַ טישל אין רעסטאָראַן. ווידער איז אַרויס אַ שערענגע און זיך געלאָזט צו די טרעפּ פון אַן עראָפּלאַן. אויך דער עראָפּלאַן איז געווען אַ פיר־מאָטאָריקער און דורך דער גרויסער גלאָזוואַנט האָט ער געזען, ווי ער מאַכט נאָך די זעלבע טעכנישע שטיק, ווי דער פריערדיקער; ער האָט זיך אויך אָפּגעריסן מיט אַ געבייזער פון דער ערד און געריסן אין הימל אַריין, אָבער אין איתנס אויגן האָט ער גאָר אַנדערש אויסגעזען — אַן אַלומיניום־קאַסטן. ווי קומט ער צו יענעם בלויען פויגל, מיט וועלכן צילאַ האָט זיך אויפגעהויבן!

ווען ער איז אין אָוונט אַהיימגעקומען, האָט דער גרויסער סאַלאָן אויסגעזען פוסט און אומהיימלעך. ער האָט גענומען שפּאַנען פון ווינקל צו ווינקל, ביז ער איז געבליבן שטיין אין מיטן פון פּערסישן דיוואַן. ער האָט ווידער דערזען דעם בלויען פויגל, אָבער אַצינד שוין נישט פון דער טעראַסע אויפן אַעראָדראָם, ווי ער רייסט זיך אין דער גרויסער וועלט אַריין, נאָר הינטער פאַרמאַכטע טיר און פענצטער — ווי ער רייסט זיך אין זיין אייגענער וועלט אַריין. אין זיין אומרויִקייט האָט ער אָבער נישט געזען אין ווייבס פּלוצעמדיקער רייזע אַ צעלאָזענע אויפפירונג. גיכער האָט ער דאָס באַטראַכט פאַר אַ שריט פון אַ פרוי, וואָס האָט איר אייגענעם וועג אין לעבן. אַ מינוט פריִער איידער זי איז אַרויס פון שטוב, האָט ער געטראַכט, אַז ער וועט איר גאָר זיין דאַנקבאַר — ער וועט האָבן פולשטענדיקע רו ביי דער אַרבעט. דערמאָנענדיק זיך אין דעם, איז ער אַרויסגעלאָפן פון סאַלאָן, אַריין צו זיך אין צימער און צוגעמאַכט די טיר, ווי ער איז עס געוווינט געווען צו טאָן, ווען אין סאַלאָן האָט גערוישט מיט געסט. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט צום שרייבטיש מיט דער זעלבער ליבשאַפט, ווי דער מוזיקער צום פּאָרטעפּיאַן. אָבער באַלד איז ער אויפגעשפּרונגען פון בענקל און אַוועקגעוואָרפן די פעדער.

אין יענער צייט איז יאַשאַ איתן געווען אַ ביסל צעטראָגן. ער האָט געהאַט צו טאָן מיט זיך אַליין. שוין יאָרן־לאַנג ווי די רעזשיסאָרן פלעגן אים אויפמערקזאַם מאַכן, אַז זיינע פּיעסן, ווי אינטערעסאַנט זיי זאָלן נישט זיין, זענען זיי אָבער צו שווער, צו פיל אָנגעלאָדן מיט פּראָבלעמען. די העלדן זענען נעגאַטיווע טיפּן, און דעם עולם צושויער זענען זיי נישט ניחא. קיין אײן שמייכל, קיין איין העלער שטראַל גייט נישט אויף אויף דער בינע. אָבער ער, יאַשאַ איתן, האָט דערפון נישט געוואָלט הערן און ווייטער געטאָן דאָס זייניקע.

ס׳איז אים איינגעפאַלן אַדורכצוקוקן אַ פּעקל רעצענזיעס פון טעאַטער־קריטיקער. אַלע האָבן אים געלויבט, אָבער דאָך געהאַט צו אים טענות פאַר זיין איבערגעלאָדענעם טראַגיזם. ווען ער האָט אָנגעטראָפן אין אַ רעצענזיע דעם אויסדרוק „טייל מאָל מאַכן יאַשאַ איתנס פּיעסן דעם רושם, ווי ס׳וואָלט גאָר קיין פרייד אויף דער וועלט נישט געווען" — איז אים יאָ עפּעס אַריין אין די אויערן. ער האָט אַרויסגענומען פון דער ביכער־שאַנק איין בוך נאָכן צווייטן און אָנגעהויבן אַריינטראַכטן אינעם בוי

פון דער מאָדערנער פּיעסע. טעכניש וואָלט דאָס אים שווער נישט אָנגעקומען, אָבער זיין מענטאַליטעט — האָט ער געפילט וועט דערצו נישט דערלאָזן. ס'וועט אַרויסקומען נישט אָריגינעל, געקינצלט, ווי מ'שלייפט און שלייפט „פּאַריזער שטיינדלעך" זיי זאָלן גלאַנצן, אָבער קיין נשמה אין זיי, ווי אין עכטע דיאַמאַנטן, קאָן מען נישט געפינען. אַצינד, ווען צילאַ איז נישט געווען אין שטוב, האָט ער זיך דערמאָנט, אַז אויך זי האָט אים צוגערעדט זיך צו מאָדערניזירן, נישט נאָר אין תוכן, נאָר אַפילו אין דער שרייַב־טעכניק. „פאַר וואָס באַנוצטו זיך נישט מיט דער שרייבמאַשינקע און טייפּרעקאָרדער ווי יעדער מאָדערנער שרייבער?" — פלעגט זי זאָגן. אָבער ער האָט די מכשירים פיינט געהאַט. „גרויסע ווערק זענען געשריבן געוואָרן מיט דער גענדזענער פעדער" — האָט ער געטענהט. דאָס באַנוצן זיך מיט מיטלען שנעל צו פאַרפיקסירן דעם געדאַנק, איז אַ ביליקע זאַך. אמת, די מחשבה איז אַ פליִענדיקער פויגל: כאַפּסטו זי נישט באַלד, פליט זי אַוועק. אָבער פון דער צווייטער זייט האָט די פעדער מער מעלות: דער האַסטיקער געדאַנק ווערט אָפּגעקילט, קריסטאַליזירט, און ביז ער קומט אויפן פּאַפּיר, איז ער קלאָרער און רייפער, די זאַצן זענען בעסער געבויטע. ס'זענען פאַראַן איינפאַלן, וואָס אויפשוועבנדיק אין דער נשמה, זענען זיי צאַפּלדיק, און אין מיקראָפאָן פון טייפּרעקאָרדער פליִען זיי אַריין ווי פלעדערמייז. ווען מען פירט זיי שפּעטער איבער אויפן פּאַפּיר שעמט מען זיך...

ער איז פאָרט געווען צופרידן וואָס ער האָט פאַרברענגט מיט זיך אַליין אַ שיינע פּאָר שעה און אַדורכגעמאַכט אַ געראַנגל, פון וועלכן — אַזוי האָט זיך אים געדאַכט — ער איז אַרויס מיט אַ שטיקל זיג. ווען וואָלט ער דאָס צייט געהאַט אַזוי לאַנג צו זיין מיט זיך? אָבער באַלד האָט ער זיך געכאַפּט, אַז די רו וואָס זי האָט אים געגעבן, גייט אים אויס באָקעם. לויטן שׂכל קאָן ער דאָך איצט אינעם הויז, וואָס איז ליידיק פון צילען, ליידיק פון געסט, אַ סך אויפטאָן, רויִק שרייבן און טראַכטן, אָבער ס'פעלט אים פאָרט עפּעס. ער האָט לאַנג אין דעם אַריינגעטראַכט און אויסגעפונען, אַז ווען זי איז אין הויז, פילט ער זיך האַפּערדיקער ביים שרייבטיש. די פען האַלט זיך זיכערער אין זיינע הענט. ערשט איצט דערמאָנט ער זיך, אַז ער האָט געהאַט אַזאַ פאָרגעפיל. היינט, פאַר איר אַוועקפאָרן, האָט ער עפּעס דערוועגן אַ זאָג געטאָן, אַ זאָג, וואָס איז אין גאַנצן קעגן זיין טבע, ווערטער, וואָס פּאַסן פאַר עפּעס אַ קליין באַלעבעסל, אַ סוחרל: „וויפל

סעזאָנען אין יאָר דאַרף איך זײַן אַ שטרויענער אלמן״? — האָט ער געפרעגט. אָבער זי האָט נישט געענטפערט.

ער איז אין זיין זכרון צוריקגעגאַנגען צו די יאָרן ווען צילאַ האָט געהאַט איין און איינציקע אידעע: ער זאָל ווערן גרויס, באַרימט. זי האָט דעמאָלט געפיבערט און מיטגעלעבט מיט זיין שאַפן. פון יעדער סצענע, וואָס איז נאָר וואָס אַרויס פון זײַן פעדער, איז זי געווען די ערשטע לייענערין. זי האָט אַרויסגעזאָגט מיינונגען, געעצהט איבערצואַנדערשן סיטואַציעס און געהאַלטן פון אים ווי פון „אַ גאָט פון יצירה״. זי האָט אַפילו אים אָפּגעלאָזט אַלס מאַן... אַז אַ פּיעסע איז פאַרטיק געוואָרן, איז געווען גלייך ווי אַ קינד וואָלט געבוירן געוואָרן. זי איז געלאָפן דערמיט נישט צום דאָקטער, נאָר צו רעזשיסערן, אימפּרעסאַריאָס, אַליין געלייענט פאַר ליטעראַטור־קריטיקער, איבערגעזעצט און געפירט קאָרעספּאָנדענצן מיט רוים, געשטורעמט דעם בראָדוויי, געפאָרן קיין איטאַליע און פּאַריז און צוריקגעקומען מיט אַ קאָנטראַקט אין האַנט.

מיט איין מאָל האָט זיך אַלץ איבערגעדרייט. זינט זי האָט זיך אַריינגעגומען אין קאָפּ אַריין די „פאַרברידערונגס־אידעע״, האָט זי מער נישט קיין אינטערעס פאַר זיין שאַפן. ס׳אינטערעסירט זי נישט, צי ער שרייבט יאָ אָדער נישט. אַפילו ווען ער זאָגט איר, אַז ער האָט עפּעס פאַרענדיקט, פרעגט זי אַפילו נישט וואָס. ס׳קלינגט אים איצט אין די אויערן אירס אַ קורצער אָבער שאַרפער זאָג, וואָס ער האָט פון איר געהערט, ווען ער האָט זי דערויף אויפמערקזאַם געמאַכט: „גענוג! באַרג־אַראָפּ וויל איך דיר נישט נאָכלויפן״! — האָט זי אויסגעשריגן. דאָס איז געווען נאָך דעם, ווי זי האָט אַדורכגעלייענט די לעצטע דראַמע, וואָס ער האָט אָנגעשריבן. ווען אַ צווייטער זאָגט אים דאָס, וואָלט ער זיך דערפון גאַרנישט געמאַכט, אָבער צילאַ? צילאַ, ווייסט ער, איז אַ מבין...

ער איז אַריין אין שלאָפצימער, זיך געגומען אויסטאָן. אין גרויסן שפּיגל האָט ער געזען זיין מאָגערע געשטאַלט. „אַ שאָטן דרייט זיך אַרום אין דער ליידיקער שטוב״ — האָט ער אויפגעציטערט.

ער האָט זיך אַוועקגעלייגט אויפן געלעגער און געלאָזט ברענען די ליכט.

זי וועט שוין מער נישט צוריקקומען — האָבן זיינע ליפּן געשעפּטשעט. און וואָס וועט שוין זיין, אַז זי וועט צוריקקומען אין בעט אַריין? אָבער מיט

דער מחשבה וועט זי שוין מער נישט פיבערן און פלאַטערן איבער אים.

ווי אַ דראַמאַטורג האָט ער אויך געוואָלט דעם ענין פסיכאָלאָגיש צעקייען.

אויף וויפל ער קען זי, איז פאַר איר שווער געווען זיך אַרומצודרייען גייסטיק פוסט. די גאַנצע כאַפּטע יונגע מענטשן, מיט וועלכע זי איז אַזוי שטאַרק באַפריינדט, איז נישט מער ווי אַ שאָל וואָס באַדעקט די פּרי. די סאַמע פרוכט — איז ער געווען זיכער — איז די אידעע גופא. די אַלע צוציקעס נאַרן זיך אַליין, ווען זיי מיינען, אַז זיי גייען איר אָן. אָנגיין גייט איר אָן דער גרויסער פאַרמעסט, צו וועלכן זי האָט זיך אָנגעגורט. מ׳קאָן דאָך נישט זאָגן, אַז דאָס איז אַ קליינער עפּיזאָד אינעם איצטיקן ישׂראל־לעבן, אַ נעבנזאַך, אָן וועלכער מ׳קאָן זיך באַגיין. ס׳קאָן זיין, אַז ס׳וועט איר געלונגען עפּעס אויפצוטאָן, און ס׳איז מעגלעך — לויט ווי ער קען זי — אַז זי וועט נאָך אַ שטיקל צייט די אידעע פאַרוואָרפן. קיין זיכערקייט איז אין דעם נישטאָ. און ער אַליין איז דען יאָ געווען זיכער, ווען ער האָט אָנגעהויבן שרייבן זיינע פּיעסן? וועט עס איר געלונגען, וועט זי, בלי ספק, ווערן באַרימט נישט ווייניקער ווי ער מיט זיינע טעאַטער־פּיעסן. וועט זיך אָבער די אידעע אַרויסגליטשן פון אירע הענט, פון איר דמיון — איז אַ סוף צו דער גאַנצער כאַפּטע סאַברעס און אַראַבער, וואָס רינגלען זי אַרום.

און וואָס איז ווידער מיט דער עקסקורסיע קיין רוסלאַנד? וואָס ציט זי קיין מאָסקווע? — דער קרעמל, ווו סטאַלין האָט געקיניגט, אָדער דער „באָלשאָי באַלעט”?

אַזוי איז ער איינגעדרימלט. די ליכטער האָבן העל געברענט, און ער האָט קלאָר געזען, ווי צילאַ שטייגט אויס, גייט אַראָפּ פונעם עראָפּלאַן מיט אַ ווייסן בוקעט רויזן אין דער האַנט...

קאַפּיטל זיבן

צילאַ איז געזעסן ביים פענצטער, און לעבן איר — יורם.

— אויף די הינטערשטע פלעצער וואַרפט ווי אין קדחת — האָט זי געזאָגט.

— כ׳וועל אייך צוהאַלטן.

— אַ דאַנק פאַר דער טובה. כ׳האָב אַ גאַרטל ביים פאַטעל...

— איר ווייסט — האָט ער זיך צוגעבויגן צו איר — ווען כ׳בין געווען דאָס לעצטע מאָל ביי אייך, האָט איר מיר אויסגעזען יינגער, ווי ביים ערשטן מאָל. איצט האָב איך אַ געפיל, אַז איר זענט אויך לייכטער געוואָרן. נישט ווי דער עראָפּלאַן וואָלט אייך געטראָגן, נאָר ווי איר וואָלט געפלויגן מיט אייגענע פליגל...

זי האָט אַ בלאַנדזשע געטאָן מיט די אויגן אויף זיין פּנים — „דער בחור איז אין אַ גוטער שטימונג" — איז זי געווען צופרידן — „און אַז ער וויל, קאָן ער זיך אויך האַלטן ווי אַ קאַוואַלער"... ס׳האָט זיך איר פאַרגלוסט מיט אים אַ רייץ צו טאָן.

— אויב איר צילט מיר געפעלן צו ווערן, מוזט איר זיך אויסזוכן אַן אַנדער פאַרטל, ווי מיר אַנצוקלעפּן פליגל...

— אין דעם ליגט אַ שטיק אמת — האָט ער געשמייכלט — אַ פרוי מיט פליגל קאָן זיין געפערלעך; אָט ליבט זי דיך, ווי אַ פייגעלע וואָס גיט אַ פּיק אַ ביסן אויף דער ערד, און אָט פליט זי אַוועק און דו בלייבסט שטיין ווי אַ גולם... אָבער מיר דאַכט, אַז אַ שיינהייט וואָס איז נישט געפערלעך, קאָן אויך נישט זיין אינטערעסאַנט...

— אויך דאָס צווייטע פאַרטל איז אייך נישט געלונגען... איר וועט דאָך מיר נישט איינרעדן אַז איר זענט אַזאַ בעל־נסיון מיט פרויען, אַז איר קענט שוין אַרויסציִען מסקנות... אפשר קאָנט איר מיר זאָגן לעבן וועמען איר זיצט איצט — לעבן אַ שיינהייט, אָדער לעבן אַ געפערלעכער פרוי? — האָט זי אים געלאָכט אין פּנים אַריין.

יורם איז פון אַזאַ אַריינזאָגן אַ ביסל צעמישט געוואָרן. ער האָט געוואָרט ס׳זאָל אונטערקומען עפּעס אַ צויבערוואָרט, מיט וועלכן ער זאָל זיך קענען אַוועקדרייען פון דער וואַנט, צו וועלכער זי האָט אים צוגעפּרעסט. ווי צו להכעיס, איז אים מער ווי דאָס וואָרט „פרילינג" נישט אונטער־געקומען. ער האָט נישט געוווּסט, ווי עס צו באַנוצן, אָבער לענגער האָט ער נישט געקאָנט וואַרטן נישט צו ענטפערן.

— פרילינג! איר ווייסט וואָס ס׳הייסט פרילינג? אָט דאָס זענט איר!

דער רויש פון די מאָטאָרן איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז מ׳האָט זיך געמוזט אַריינרעדן אין די אויערן. צילאַ האָט זיך צו אים צוגעבויגן.

— איר מוזט זיין אַן אויסגעהונגערטער מאַנספּאַרשוין...

זיי האָבן אַרויסגעקוקט דורכן פענצטערל. מ'האָט נאָך געזען ווי דער ים ליגט ווי אַ שטיק פאַרגליווערט אייז. אַ ביסל ווייטער האָט דער עראָפּלאַן זיך אויפגעהויבן העכער. העלע וואָלקנס האָבן אים אין גאַנצן אָפּגעטיילט פון דער ערד. די וואָלקנס זענען וואָס אַ מאָל געדיכטער געוואָרן און פון ווייטנס האָבן זיי אויסגעזען ווי שפּיציקע שנייבערג. אַנגעוואָרפן איינער איבערן אַנדערן, לויפן זיי פאַרביי דעם פענצטער. די „בערג" זענען געווען קליינע, מיטעלע און גאָר הויכע און אונטער דעם בליאַסק פון דער זון האָבן זיי אויסגעזען ווי דורכזיכטיקער קרישטאָל. אַז מ'האָט זיך צו זיי גוט צוגעקוקט, האָט מען געקאָנט באַמערקן, אַז זיי שפּרייטן זיך נישט אויף אַ גלאַטן שטח, נאָר אין די עקן פון דער פּאַנאָראַמע זענען זיי רונדיק, ווי זיי וואָלטן געשוועבט צוזאַמען מיט אַ גרויסן באַלעם.

— זעט נאָר דאָס פאַנטאַסטישע בילד פון די „שנייבערג" — האָט יורם איר געוויזן מיט די פינגער אין פענצטער אַריין.

— איר זעט דאָס אוודאי צום ערשטן מאָל. איך בין שוין צו דעם צוגעוווינט. איר פילט זיך גוט אין אַזאַ ווייסער וועלט ?

— אין אייער סאַלאָן פילט מען זיך בעסער ווי דאָ איבער די וואָלקנס...

זי האָט געעפנט דעם האַנטבייטל, אַרויסגענומען אַ פּודערניטשקע און אַריינגערעדט אין שפּיגעלע.

— איר בענקט נאָך מיין סאַלאָן ? אַ שאָד. ווען כ'וואָלט דאָס געוווסט פריִער, וואָלט איך אייך איבערגעלאָזט דעם שליסל. איר וואָלט אין אים געקאָנט וווינען עטלעכע וואָכן. מיין מאַן פאָרט סיי ווי אַוועק אין די צפתער בערג.

— אָן אייך און אייערע געסט וואָלט איך פון דער שטייג אַנטלאָפן.

— אויב אַזוי, וועט שוין פון אייך קיין לייט נישט ווערן... אַז דער קאָפּ ליגט נאָר אין טומלדיקע סאַלאָנען קאָן מען שוין גאָרנישט דער־גרייכן. מיין מאַן איז גאָר אַן אַנדערער.

— מיט וואָס ?

— ער האָט ליב שטילקייט, איינזאַמקייט. ער פילט זיך צום בעסטן ווען ער איז אַליין.

— קינסטלער, וואָס קען מען ביי זיי וויסן ? — יורם איז געווען אויפגערעגט, וואָס זי גיט אים אָנצוגעהערן אַז זי איז פאַרהייראַט.

— און ווען ער איז נישט קיין קינסטלער, וואָלט ער דען אַנדערש געווען? — האָט זי דווקא געצויגן דעם געשפּרעך וועגן איר מאַן.

— מעגלעך...

— און איך זאָג אייך, אַז נישט!

— נו, איר קענט דאָך אים בעסער...

— ווי כ'וואָלט אים באַשאַפן אָדער געבוירן.

— מוז ער דאָך אייך ליב זיין. פאַר וואָס האָט איר אים נישט מיטגענומען?

— ציט מיך נישט ביי דער צונג. אַז כ'וועל וועלן, וועל איך אייך אַליין דערציילן.

— כ'בין גאָרנישט אויסן געווען.

— כ'וויים...

די סטיואַרדעסעס האָבן זיך צעשטעלט אין לאַנגן קאָרידאָר מיט טאַצן. יורם און צילאַ האָבן געעפנט די אויסלייג־דעקלעך פון די פאָטעלן און מ'האָט אָנגעשטעלט קאָנסערווירטע מאכלים. שפּעטער זענען זיי געקומען מיט קרוגן און אָנגעגאָסן קאַווע. דער עראָפּלאַן האָט זיך אַ וואָרף געטאָן, דאָס טעפּל קאַווע האָט זיך איבערגעדרייט און באַשפּריצט יורמס העמד.

— איר זיצט דאָך נישט ביי מיר אויף דער טעראַסע — האָט זי געשפּאַסט — דאָ שאָקלט זיך אַלץ.

— איך הייב שוין אָן בענקען נאָך דער יבשה — האָט ער געווישט דאָס איינגענעצטע העמד.

ערשט איצט האָבן זיי זיך ערנסט צעשמועסט. צילאַ האָט אַרויסגעוואָרפן פון זיך אַ שווערע לאַסט, וואָס האָט זי געדריקט, און זי איז אים געווען דאַנקבאַר, וואָס ער הערט זי אויס. אָבער אין מיטן דערינען האָבן זיך אָנגעצונדן די רויטע לעמפּלעך. מ'האָט געהייסן זיך אַרומגאַרטלען און נישט רויכערן. דער עראָפּלאַן האָט זיך גענומען אַראָפּלאָזן. יורם האָט אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער.

— שוין אין פּאַריז? — האָט ער נישט געגלייבט — ווען דו הערסט אַ לעקציע פון אַ פּראָפעסאָר, איז יעדע מינוט אַ שעה, און דאָ, מיט אייך, ווי שנעל די פיר שעה זענען אַדורך.

— איר שניידט זיך אויף אַ חברהמאַן — האָט זי געטאָן אַ זיסן שמייכל און אים געדראָט מיט אַ פינגער.

ווען זיי זענען אַראָפּ פון עראָפּלאַן האָט דער מדריך זיך אומגעקוקט אויב אַלע זענען דאָ.

— מיר בלייבן אין פּאַריז בלויז נעכטיקן — האָט ער אָנגעזאָגט — מאָרגן צען אַזייגער פרי פליִען מיר ווייטער.

ס׳איז נאָך געווען גענוג ליכטיק און זיי האָבן געהאַט אַ געלעגנהייט אָנצוקוקן דעם אַעראָדראָם.

— „אָרלי״ — זאָגט זי — זעט אויס ווי אַ באָמבאַניערקע. געבויט מיט אַ ריין פראַנצויזישן טעם.

— די פראַנצויזן צייכענען זיך אויס אין אַרכיטעקטור און אין נאָך עפּעס...

— אין ליבע, ווילט איר זאָגן?

— כ׳האָב געמיינט אין ליטעראַטור.

— זינט כ׳האָב באַקענט מיין מאַן, האָב איך שוין אַזוי פיל ליטעראַטור אין שטוב, אַז ס׳איז מיר געוואָרן איבערדריסיק.

— איבערדריסיק?

— ווי איר הערט.

— טאָ וואָס איז פאַר אייך דער תוך?

— אידעע.

— איז דען ליטעראַטור נישט פול מיט אידעע?

זי האָט נישט באַוויזן צו ענטפערן. אין דרויסן איז שוין געשטאַנען גרייט אַ טוריסטן־אויטאָבוס און די גרופּע האָט מיט פריילעכע געלעכטערס זיך גענומען אַריינשטופּן אינעווייניק. וויפל יורם האָט זיך נישט באַמיט, איז אים נישט אויסגעקומען צו זיצן לעבן צילען. זיי האָבן זיך ווידער באַגעגנט ווען דער אויטאָבוס האָט זיך אָפּגעשטעלט אויפן פּלאַס דע לאַ רעפּובליק, ביים אַריינגאַנג אין האָטעל „מאָדערן״.

אין האָטעל איז געווען אַ געפּילדער. ער איז געווען איבערפולט מיט מענטשן. ס׳האָט לאַנג גענומען ביז די גרופּע האָט באַקומען די שליסלען פון די צימערן. יורם איז געשטאַנען לעבן צילען. ער איז געווען אומגעדולדיק, געוואָלט זען פּאַריז, און ווען מ׳האָט צוגענומען די זאַכן אין די צימערן אַריין, האָט ער זי אַ פרעג געטאָן:

— איר בלייבט דעם אָוונט אין אייער צימער?

— כ׳וועל זיך אַ ביסל אָפּרוען און איבערטאָן. ס׳וועט נעמען בערך

אַ שעה צייט. וואַרט אויף מיר אין דער לאָבי. פאַרגעסט נישט איבער־צוטאָן אייער מיט קאָווע באַפלעקט העמד...

אין אַ פערטל שעה אַרום איז שוין יורם געווען צוריק אין דער לאָבי. אין צימער האָט ער נישט געקאָנט דערזיצן און ס׳האָט זיך אים אויסגע־דאַכט, אַז אין דער לאָבי וועט די שעה שנעלער אַדורכלויפן. אָבער אויך דאָ איז דער גרויסער ווייזער פון זיין האַנטזייגער אומדערטרעגלעך געקראָכן. ער האָט זיך קוים דערוואַרט אויף איר.

צילאַ איז אַראָפּגעקומען פּינקטלעך צו דער שעה. דאָס אַליין, וואָס זי האָט אים נישט געלאָזט לענגער וואַרטן אויף זיך, האָט אין אים אויפ־געוועקט עפּעס אַ באַהאַלטענע פרייד, און ער האָט גלייך דערפילט, אַז זי איז צו אים פריינדלעכער, ווי אין איר אייגן הויז און אפילו ווי אין עראָפּלאַן. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף איר און ס׳האָט זיך אים געדאַכט, אַז זי האָט זיך אויך אָנגעטאָן לויט זיין געשמאַק. זי האָט געטראָגן אַ לייכטן זייער דינעם זומער־קאָסטיום פון העלן קאָליר מיט אַ קרעם בלוזקעלע, וואָס איז געווען געפּאַסט און אָנגעצויגן אין פאַסעק אַריין. די קאָנטורן פון איר טאַליע האָבן זיך אויסגעלייגט מיט אַ מיידלישער שטראַמקייט. צילאַ איז געווען פאַרקעמט הויך און גלאַטיק, אַזוי, אַז איבערן גאַנצן פּנים האָט אָפּגעשלאָגן דער שיין פון די טורקיז־שטיינדלעך אין אירע לאַנגע אָריענטאַ־לישע אויערינגען. די באַקן און נאָז, נישט אָנגערירט מיט פאַרב, האָבן אויס־געזען רויִקער, לענגער און פרישער. בלויז די ברעמען, צוגעפאַרבטע, ווי צוויי שוואַרצע האַלבע לבנות, האָבן געמאַכט גלִיִען אירע אויגן, און די העלע וויינשל־פאַרב פון די ליפּן האָט געשפּראָצט מיט פולבלוטיקער זאַפטיקייט. יורם איז איר אַ פּאָר טריט אַקעגנגעגאַנגען. אַזוי שיין האָט ער זי נאָך נישט געזען!

ווי נאָר זיי זענען אַרויס פון האָטעל האָט ער איר דערלאַנגט דעם אָרעם און זי האָט אים פעסט אָנגענומען.

— און אָונטברויט האָסטו כאָטש דורך דער צייט באַוויזן אָפּצועסן?

— כ׳האָב געוואַרט אויף דיר — האָט ער רײזיקירט דאָס ערשטע מאָל זי צו דוצן.

אין פּאַריז האָט זיך צילאַ דערפילט, ווי ס׳וואָלטן איר אָנגעוואַקסן פליגל. זי קען פליִען ווי נאָר זי וויל, פונקט ווי די פרייע טויבן, וואָס אַרום

דעם רעפובליק־פּלאַץ, וואָס פּלאָנטערן זיך אונטער די פיס און האָבן פאַר קיינעם קיין מורא נישט.

די נאַכט האָט זיך אויסגעלייגט מיט אַ געמיטלעכער פריילעכקייט איבער די פּאַריזער גאַסן. צו ערשט האָבן זיי זיך אַרומגעדרייט אַרום דעם פּלאַץ פון דער רעפּובליק. דער גרויסער דענקמאָל איז געווען העל באַלויכטן. די קאַפעען אַרום, אַרויסגערוקטע אויף די טראָטואַרן, זענען געווען פול באַזעצט. צילאַ און יורם האָבן געזוכט אַ פלאַץ ביי אַ טישל אין דרויסן און נישט געפונען. אַריינגיין אינעווייניק האָבן זיי נישט געוואָלט.

— אַזוי אָנגעפּראָפּט — זאָגט יורם.

— וואָס ווונדערסטו זיך? אַ פּראָנצויז פּאַרראַט זיין ווייב, אָבער נישט זיין קאַפע.

זיי זענען געגאַנגען ווייטער, געדרייט זיך אין גאַסן און געסלעך. אומעטום איז געווען פול. פּאַרלעך האָבן זיך געפירט אונטער די אָרעמס, אָפּגעשטעלט זיך ביי די שויפענצטער פון קליידונג און ביזשוטעריע און זיך געקושט.

— נו, ווי געפעלן דיר די פראַנצויזן?

— ווילסט אַנטוואָפענען אַ פראַנצויז, נעם אים צו די נקבה...

— לאַך נאָר נישט פון די פראַנצויזן.

— איך לאַך גאָרנישט.

— אפשר וועלן מיר נעמען אַ טאַקסי און ערגעץ ווו צופאָרן?

יורם האָט אויפגעהויבן די האַנט. אַ טאַקסי האָט זיך אָפּגעשטעלט.

— מאָנמאַרט — האָט צילאַ געזאָגט צום שאָפער.

— ס'איז נאָך צו פרי צו זען דאָס פּאַריזער נאַכטלעבן. מיר וועלן זיך פריִער אַ ביסל איבערשפּאַצירן. איבעריקנס, אפשר איז בעסער דו זאָלסט עס אין גאַנצן נישט זען. דו קאָנסט זיך נאָך אָפּרייסן פון דיין טעכניקום און קומען דאָ אַהער — זי האָט זיך צו אים צוגערוקט.

יורם האָט דערפילט, אַז זי פלאַמט אין גאַנצן. איז דאָס מעגלעך? איז דאָס די אייגענע צילאַ פון תל־אביב? ער האָט זי לייַכט אַרומגענומען.

— וואָס ציטערסטו אַזוי, ס'איז דיר קאַלט?

— ס'איז מיר וואַרעם — האָט זי זיך ווי באַליידיקט.

די טאַקסי האָט זיך געטרייסלט אויף די ברוקירטע גאַסן און זיי געמאַכט אָנשלאָגן איינער אין צווייטן. וואָס נענטער זיי זענען געקומען צום

מאָנמאַרט, אַלץ מער האָבן זיך בעזעם־ליכט אַריינגעריסן דורכן פענצטער, און ער האָט דערזען, אַז דער פאַרבן־שפּיל פון ליכט און שאָטן אויף איר פּנים מאַכט זי מער פאַרהוילענער, ווי זי וואָלט געווען אַ געשטאַלט פון אַ פרוי, וואָס באַווייזט זיך פון אַ בליץ אַרויס.

די טאַקסי האָט זיך אָפּגעשטעלט און זיי זענען געבליבן שטיין אין גאַס. דאָ, אין דער העל באַלויכטענער גאַס האָט זי אַנדערש אויסגעזען: גראַציעז, מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ און מיט אויפגעריסענע אויגן. די גאַס, וואָס איז געווען פול מיט קאַפעען און גאַסטהייזער, האָט געשווימלט מיט טוריסטן. די ענגליש־רעדנדיקע צווישן זיי זענען אויף טריט און שריט אָפּגעשטעלט געוואָרן דורך שטאַרק־געפאַרבטע מיידלעך מיט סיגאַרעטן אין מויל. יורם האָט געזען די גאַס ווי אַ געמיש פון שיינקייט, פריילעכקייט און זינדיקן לעבן, אָבער אַזוי צוזאַמענגעשמאָלצן, אַז מ׳קאָן נישט אָפּטיילן איינס פון אַנדערן. ס׳האָט זיך אים געדאַכט, אַז צילאַ קוקט אויף דעם אַלעם, ווי אויף איר אייגנטום, און דאָס טערפּקע געפיל צו אַנטלויפן פון יענעמס ווייב איז פון אים אין גאַנצן אַוועק.

— ערשט איצט זע איך — זאָגט ער צו איר — אַז אונדזער תל־אביב איז אַ צניעותדיק שטעטל.

— האָסט נאָך גאָרנישט געזען — שמייכלט צילאַ — אינעווייניק, אין אָט־אָ די נאַכטלאָקאַלן איז אַלץ אָפן, נאַקעט. דו וואָלסט געמעגט דאָ אַריינגיין — ווייזט זי אים אויף אַ טיר, אַ באַלויכטענע מיט געלע לאָמפּן — אָבער מיט מיר וועסטו זיך נישט גוט פילן...

— איך טראַכט נישט מותּר צו זיין אויף דיר אַפילו איין רגע פון אונדזער זיין אין פּאַריז.

זי האָט זיך צו אים צוגעדריקט און אונטערגעשטעלט די באַק צו זיינע ליפּן.

— און אָוונטברויט וועלן מיר שוין היינט נישט עסן?

— מיר וועלן טאַקע ערגעץ ווו אַריינגיין אָפּעסן.

זיי זענען אַריין אין אַ גרויסער קאַפע־וועראַנדע, פון וואַנעט אַ גלעז־ זערנע דרייטיר האָט געפירט אינעווייניק אַריין. אַ סך געדעקטע טישלעך זענען נאָך געווען ליידיק. דער קעלנער איז זיי אַקעגנגעגאַנגען און צוגע־ פירט צו אַ ווינקל־טישל מיט אַ ברייטער קאַנאַפּע. ער האָט אַראָפּגענומען איין געשיר פון טיש און אַוועקגעלייגט פאַר זיי די מעניו־קאַרטן.

— אַן אָונטבערויט פּאָר צוויי — האָט יורם באַשטעלט — זאָג אים וואָס דו ווילסט עסן.

צילאַ האָט אַרומגעזוכט אין דער רייכער מעניו־קאַרטע. זי האָט זיך נישט געקאָנט אָריענטירן אין אַלע ספּעציפיש־פראַנצויזישע מאכלים און קוים אויסגעקליבן עטלעכע.

— און וואָס פאַר אַ וויין טרינקען די הערשאַפטן? — האָט דער קעלנער געפרעגט.

— באַשטעל ווייסן דעסערט, אָבער פון אַ גוטן סאָרט — האָט צילאַ אונטערגעזאָגט יורמען.

פאַרשרייבנדיק דעם מעניו האָט דער קעלנער אַ צי געטאָן מיט דער נאָז, ווי ער וואָלט דערמיט אויסגעדריקט זיין אומצופרידנקייט, וואָס די געסט אָריענטירן זיך נישט אין פראַנצויזישע גוטע וויינען און מאכלים, אָבער עפּעס פאַרלייגן האָט ער נישט געוואַגט.

דער לאָקאַל איז געווען אַ לאַנגער און שמאָלער. די טישלעך זענען געשטאַנען אַרום די ווענט און געווען מאַט באַלויכטן. קיין אָרט צום טאַנצן איז נישט געווען, בלויז אין אַ ווינקל איז געשטאַנען אַ קליינער דרייפּערזאָניקער אָרקעסטער.

צילאַ האָט זיך גענומען מאַכן באַקוועם. זי האָט אַראָפּגענומען דאָס היטעלע פון קאָפּ, אויסגעטאָן דאָס רעקל פון קאָסטיום. יורם האָט זיך עלעגאַנט אַ הייב געטאָן, גענומען עס פון אירע הענט און אויפגעהאָנגען לעבן זיך. דער שיין פון איר דינעם בלוזקעלע האָט אָפּגעשלאָגן אויפן טישל, און יורמען האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דער ווינקל איז געוואָרן ליכטיקער. די הענט, וואָס זי האָט אַרויפגעלייגט אויפן טישל, האָבן געשמעקט מיט אַ פרישן יאַשמין־ריח. דער ריח האָט אים אַזוי דערוועקט, אַז ער האָט צוגעצויגן צו זיך די שפּיץ־פינגער פון אירעביידע הענט און זיי געקושט.

— די ערשטע פאַרשפּייז — האָט זי אַ צופרידענע אַ לאַך געטאָן.

דער קעלנער האָט צוגעטראָגן די פלאַש וויין מיט אַ טעצל זויערע אָליוון. ער האָט אַ ביסל אונטערגעוואַרט ביז ס'איז אָנגעקומען אַ וועגעלע מיטן עסן און ער האָט סערווירט — אָוועקגעשטעלט אַ טאַץ מיט פאַר־שידענע פליישן און געמיזעס אין מיטן טיש, און אָנגיסנדיק די גלעזער ווייַן איז ער אַוועק.

וואָס אַ מאָל זענען די טישלעך אַרום פולער געוואָרן. די קעלנער האָבן געהאַלטן אין איין צוטראָגן באָקאַלן וויין פון פאַרשידענע סאָרטן, און גלעזער, גלעזלעך פון אַלע גרויסן. די פלעשער זענען נאָך געווען פול און די געסט ניכטער, אָבער ווי נאָר דער קליינער אָרקעסטער האָט זיך אָפּגערופן מיט עפּעס אַ סערענאַדע, האָבן הענט איבערגעבויגן די פלעשער איבער די גלעזער.

זיי זענען דאָ געווען פרעמד און נישט געוווּסט אין וואָס פאַר לאָקאַל זיי געפינען זיך. דער ערשטער איינדרוק איז געווען, אַז ס׳איז אַ בעל־הבתישע אכסניה ווו מ׳קומט אָפּעסן, אָבער ווען זיי האָבן זיך אַרומגעקוקט, האָבן די געסט מאָדנע אויסגעזען. ביי איין טיש זיצט אַ יונגפרוי מיט צוויי, דריי מענער, און ביים צווייטן, איין מאַן מיט צוויי פרויען. אויך ייִדישע פּנימער האָט מען געזען ביי די טישלעך, אָבער דאָס איינציקע פּאָרל אין זאַל זענען זיי געווען.

יורמען האָט דאָס פראַנצויזישע עסן נישט געשמעקט. ער האָט מער געטרונקען ווי געגעסן, געווען צופרידן זעענדיק ווי צילאַ עסט מיט אַפּעטיט.

— טרינק צו — האָט ער צו איר געזאָגט — דער וויין איז נישט שלעכט. ער מאַכט אַפּעטיט.

— ביסט אַוודאי שוין געווען הונגעריק. ס׳מוז זיין אַן אונגאַרישע קיך. אַזעלכע געפעפערטע קאָטלעטלעך אין סאָס איז אַ זעלטנקייט אין פּאַריזער רעסטאָראַנען. נאַ, נעם — האָט זי אים מיט אַ גאָפּל דערלאַנגט אַ שטיקל קאָטלעט אין מויל אַריין. ס׳שמעקט?

— פון דיין האַנט האָט עס גאָר טויזנט טעם...

דער קעלנער איז פאַרבייגעגאַנגען און זיך אָפּגעשטעלט נאָענט פון זייער טישל מיט דער פּלייצע, ווי עס טאָן דאָס געניטע פּאַריזער קעלנער, ווען זיי ווילן נישט שטערן און גלייכצייטיק פרעגן, אויב מ׳וויל באַשטעלן נאָך עפּעס.

— אין דער פלאַש „טאָגט שוין״. באַשטעל שאַמפּאַניער. מ׳וועט פאַרזוכן, אויב ער איז באַטעמטער פונעם איטאַליענישן — ווייזט זי אים אויפן קעלנער וואָס שטייט ביים טישל.

— אין מיטן עסן שאַמפּאַניער?

— אויב מ׳טרינקט נאָר נישט פריִער זייער רויטן „באָרדאָ״ האָט

דער שאַמפּאַניער דעם זעלבן גוטן טעם. איבעריקנס, ביז ער וועט אים ברענגען, וועלן מיר שוין האָבן אָפּגעגעסן. קיין לאַנגן סדר־טיש אין די פּאַריזער רעסטאָראַנען האָב איך נישט ליב צו פירן.

— האָסט געזען — איז יורם געווען גוט אויפגעלייגט — די פּאַריזער קעלנער האָבן אויך אויגן אין די פּלייצעס, ווי נאָר כ׳האָב אויפגעהויבן די האַנט, האָט ער זיך באַלד אויסגעדרייט.

מיט אַ באַזונדערער פּיַערלעכקייט האָט דער קעלנער צוגעטראָגן דעם בוטל שאַמפּאַניער, איינגעבעט אין אַן אייזשיסל. ער האָט אָנגעגאָסן אין ספּעציעל ברייטע גלעזער און צוגענומען דאָס געפּעס פון טיש.

— קאַלטן שאַמפּאַניער לאָזט מען נישט שטיין אין די גלעזלעך — האָט אים צילאַ געלערנט ווי אַ קינד, און באַלד אויפגעהויבן דאָס גלעזל.

— איך טרינק פאַר דיין ערשטן מאָל זיַין אין פּאַריז.

— און איך פאַר... וואַרט, כ׳וועל דיר באַלד זאָגן... — ער האָט אַ שלוק געטאָן, נאָך אַ שלוק. ערשט דאַ האָבן זיך די ווערטער אַרויס־געגליטשט — פאַר דערזען דיך אַצינד אַזוי, ווי כ׳האָב מיר פאַרגעשטעלט דאָס ערשטע מאָל ווען כ׳האָב דיך געזען...

פונעם קליינעם אָרקעסטער האָט זיך אָפּגערופן אַ זינגער מיט אַ האַרצרייסנדיק ליבעליד. די אַבאַזשורן פון מיטן דורכגאַנג האָבן זיך אויסגעלאָשן. פון סופיט האָט אַראָפּגעקוקט אַ נאַכט־פינצטערניש. בלויז קאָלירטע שטיינדלעך, וואָס זענען אין אים געווען איינגעפאַסט, האָבן אָפּגע־בלישטשעט ווי שטערן. דער זינגער האָט אויסגעצויגן דעם האַלדז, עפּעס ווי אַרומגענומען מיט די הענט, אויסגעגאָסן טענער פון בענקשאַפט און געוועקט הערצער... נישט געווען ביי די טישלעך קיין פרוי, וואָס זאָל נישט קושן אַ מאַן, און אַ מאַן, וואָס האָט נישט געקושט אַ פרוי.

— נאַ, זע — האָט יורם זי אַרומגענומען — גאַנץ פּאַריז קושט זיך...

ווען ער האָט אָפּגעלאָזט אירע ליפּן, האָט זי געזאָגט:

— האָסט באמת מזל. פון דער גאַנצער גרופּע קען איך קיינעם נישט. דעם איינציקן, וואָס כ׳קען, איז דער מדריך, לויפט ער איצט אַרום, ווי אַ שד און האָט נישט קיין צייט אַ וואָרט אַרויסצורעדן.

דער שאַמפּאַניער האָט געטאָן דאָס זייניקע. די לייבער האָבן זיך דערוואַרעמט און די צונגען זענען געוואָרן לויזער. צילאַ האָט זיך אין עפּעס דערמאַנט.

— וואָס האָסטו געזאָגט? — „אַזוי האָסטו זיך מיר פֿאָרגעשטעלט״. טאַקע אָט אַזוי... — זי האָט זיך אַרויפֿגעכאַפּט אויף זײַנע קני׳ען און אים אײַגעביסן די ליפּן.

ס׳איז איר נישט אָנגעגאַנגען זײַן ענטפֿער. זי האָט נאָר געפֿילט, אַז נאָכן שאַמפּאַניער איז זײַן פּנים הייסער און די ליפּן — זאַפּטיקער, באַטעמטער... ער האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, אָבער זי האָט געוואָרפֿן מיטן קאָפּ און אַרומגעלאָפֿן מיטן מויל איבער זײַנע ליפּן.

— אין חלום ביסטו נאָך שענער. דו קושסט מיך נאָך פֿלאַמיקער — האָט ער קוים אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם.

— ווער ווייס וואָס דו טוסט מיט מיר אָפּ אין דײַנע חלומות — האָט זי זיך מיט ביידע הענט אַרומגעוויקלט אַרום זײַן האַלדז און אַרײַנגעצויגן זײַן קאָפּ אין איר בוזעם אַרײַן — וואָרט... כ׳וועל נאָר צוריקקומען אין האָטעל אַרײַן, וועל איך דיר שוין דערפֿאַר אָנרייסן די אויערן...

— צילאַ! מ׳קוקט דאָך...

— איז וואָס? זאָלן זיי זעען אַז מיר האַלטן אָן די פּאַריזער טראַדיציע...

זי האָט זיך צוריק אַוועקגעזעצט אויף איר פּלאַץ און ווי באַפֿוילן.

— גיס אָן!

— ביסט אפשר מיד?

— ווי פֿאַלט דיר דאָס אײַן? אין פּאַריז פֿיל איך קיין מאָל נישט קיין מידקייט.

צילאַ האָט זיך געוואָלט אין גאַנצן פֿאַרגעסן. זי האָט אַ ווייז געטאָן מיטן פֿינגער, אַז איר גלעזל איז שוין ליידיק, אָבער יורם האָט זיך נישט געאײַלט אָנצוגיסן.

— איך האָב ביי דיר אין שטוב קיין קינדער נישט געזען — האָט ער פּלוצעם, ווי פֿון דער העלער הויט, אַרויסגעפּראַלט.

אויף איר פּנים האָט אַ בלאָנדזשע געטאָן אַ שאָטן, אָבער זי האָט רויִק געענטפֿערט.

— זיי שטייען אויף די פּאַליצעס אין דער ביכערשאַנק.

— אַזוי? דו מיינסט די גייסטיקע קינדער...

— זעסט, פֿון פֿראַנצויזישן שאַמפּאַניער קריגט מען אַ קלאָרן קאָפּ...

אין דער ווירקונג, וואָס פּאַריז האָט אויף אים געמאַכט, האָט ער אַליין נישט געפֿילט, אַז ער האָט אָנגערירט די עמפּינדלעכסטע סטרונע פֿון איר

האַרץ. אַ ווידערווילן צו דעם פֿאַרהייראַטן לעבן איז אין איר אויפֿגעגאַנגען. ערשט איצט האָט זי דערפֿילט, אַז איר רייצנדיק לייב איז פֿאַרשעמט געוואָרן. דעמאָלט, ווען זי האָט געלעכצט נאָך דעם באַריר פֿון אַ מאַנס האַנט, איז ער געזעסן ביים שרייבטיש אין זיין צימער. זי האָט איצט געזוכט עפּעס, וואָס זאָל זי באַפֿרייען פֿון דעם דאָזיקן נאַגנדיקן געפֿיל, געוואָלט, אַז די פֿאַריזער נאַכט זאָל איר פּאַר דעם אַלעם פֿאַרגיטיקן, מאַכן פֿאַרגעסן די עוולה וואָס זי איז באַגאַנגען קעגן זיך אַליין, קעגן איר פֿאַרשעמטער ווייבלעכקייט.

אויפֿן טיש איז נאָך געשטאַנען אַ האַלבע פֿלאַש שאַמפּאַניער. זי האָט אים ווידער אַ ווייז געטאָן אויף דער אייזשיסל:

— שאַמפּאַניער לאָזט מען נישט איבער...

פּאַמעלעך, אַ שלוק נאָך אַ שלוק, האָט זי אויסגעליידיקט דאָס גלאָז. אַ פֿוכיקע וואַרעמקייט האָט זי אַרומגענומען. זי האָט אַליין נישט געוווּסט צי דאָס טוט דער שאַמפּאַניער, אָדער יורמס לאַנגע פֿינגער, וואָס לויפֿן אַרום איבער אירע נאַקעטע אָרעמס, איבער איר האַלדז...

— האָסט מיך טאָקע ליב?

— ביסט אַ וווּנדערלעכע כישופֿמאַכערין... די שענסטע פֿרוי פֿון מיין פֿאַנטאַזיע — האָט ער איר געשעפּטשעט אין אויער אַריין.

אירע אויגן האָבן גענומען אַרומוואַנדערן, ווי זי וואָלט עפּעס געזוכט, צו ערשט אויף אים, אויף זיין שטערן און פּנים, אַפֿילו יעדעס קנעפּל פֿון זיין העמד האָט זי אָנגערירט, דערנאָך האָט זי זיך אַרומגעקוקט איבער די טונקעלע ווינקלען פֿון דער קאַנאַפּע.

— וואָס זוכסטו? האָסט עפּעס פֿאַרלוירן?

— וואָס איך זוך? כ׳האָב אַ מאָל געהאַט אַ ברילאַנטענע בראָש, וואָס האָט שטאַרק געלויכטן. אין דער בראָש האָט געשטעקט נאָר איין ברילִיאַנט, אָבער אַ ריינער און אַ טייערער... ווען נאָר כ׳האָב זיך אויפֿגעקעמט און דעם ברילִיאַנט אַריינגעשטעקט אין מיינע האָר, האָט זיך זיין פֿייערדיקע נשמה אַריינגעריסן אין מיר, און יעדער אבר אין מיר האָט אָנגעהויבן צו זינגען, טאַנצן און גלוסטן. ביז איין מאָל — כ׳געדענק אַפֿילו נישט ווען דאָס איז געווען — כ׳גיי אויפֿקעמען מיינע האָר — דער ברילִיאַנט איז נישטאָ! צי כ׳האָב אים פֿאַרלוירן אָדער מ׳האָט מיר אים צוגענומען, ווייס איך נישט ביזן היינטיקן טאָג. דאָס איינציקע וואָס ס׳איז מיר געבליבן אין זכרון, איז,

אַז ס׳איז דעמאָלט זייער ליכטיק געווען. איך בין געווען גליקלעך און אַפילו נישט געדענקט, אַז כ׳טראָג אַ בריליאַנט אין מיינע צעפּ... ווען כ׳בין צווישן פריילעכע מענטשן, ווו מ׳זינגט, מ׳טאַנצט, מ׳קושט זיך, דערמאָן איך זיך אין דער אבידה...

— ווילסט אים דאָ געפינען?

— כ׳מוז אים געפונען! — האָט זי אויסגעשריגן.

ווען זיי זענען אַרויס פון לאָקאַל איז שוין געווען נאָך האַלבער נאַכט יורם האָט זי געהאַלטן פעסט אונטערן אָרעם. אויף דער פרישער לופט האָט זי קלאָרער אָנגעהויבן צו זען אויף די אויגן.

— נעם אַ טאַקסי צום האָטעל.

אַ פּאַריזער שאָפער וועט זיך נישט אומקוקן ווען ער נעמט אַריין שפּעט ביי נאַכט אַ פּאָרל. נישט ער מאַכט דערפון אַ ווען, ווען מ׳קושט זיך אין זיין בודע, און נישט ער הייסט זיך דערפאַר מער באַצאָלן — אַ נאָרמאַלע זאַך צו וועלכער ער איז צוגעוווינט. ווען די טאַקסי האָט זיך אָפּגעשטעלט האָט ער נאָך אַלץ נישט אָפּגעלאָזט איר מויל. „שאַמפּאַניער לאָזט מען נישט איבער" — האָט זי געזאָגט...

— דו מיינסט כ׳בין שיכור? — האָט זי געפרעגט אַריינקומענדיק אין האָטעל — אָט זע, ס׳פעלט דיר אַ קנעפּל אין דער מאַרינאַרקע. איך האָב עס אוודאי אָפּגעריסן. ס׳איז געבליבן אין דער טאַקסי. כ׳וועל דיר מאָרגן אָננייען אַ ניי קנעפּל.

מיט אַ ביסל פאַרגאָסענע אויגן האָבן זיי אויסגעשטרעקט די הענט צו נעמען די שליסלען און אַרויף אינעם לאַנגן קאָרידאָר.

— מעג איך דיר זאָגן אַ גוטע נאַכט? — האָט ער אָנגענומען איר האַנט און אַ קוש געטאָן צום געזעגענען.

— אייל זיך נישט, די נאַכט איז גענוג גרויס. כ׳דאַרף דיר נאָך אָנרייסן די אויערן...

יורם האָט אַריינגעלייגט דעם שליסל פון זיין צימער אין טאַש און איז איר שטיל נאָכגעגאַנגען. צילעס צימער איז געווען אין צווייטן ווינקל פון קאָרידאָר און די פּאָר צענדליק טריט האָבן אים אויסגעזען ווי אַ לאַנגער, ווייטער וועג...

ווי נאָר זיי זענען אַריין אין צימער האָט ער באַלד געוווסט, אַז ער וועט נישט קאָנען דערשטיקן זיין חשק צו איר גוף. און אין דער זעלבער

רגע האָט פּאַר אים אַ שוועב געטאָן דאָס אָנגעכמורעטע פּנים פון איר מאַן, וועמען ער האָט נאָר איין מאָל געהאַט געזען. ס׳האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז ער איז זיי נאָכגעגאַנגען, אַז באַלד וועט ער אָנקלאַפּן אין דער טיר, אַראָפּנעמען די שווערע ברילן פון דער סענקעוואַטער נאָז, אים גוט אָנקוקן און אַ פרעג טאָן: „וואָס טוסטו דאָ״ ?...

ער האָט געזען, ווי זי וואַרפט שנעל פון זיך אַראָפּ די קליידער. גייט צו צום שפּיגל און נעמט אַרויס די שפּילקעס פון קאָפּ. אַ געדיכטער סנאָפּ זיידענע האָר צעפאַלט זיך איבער אירע נאַקעטע פּלייצעס. די שטיקער ווײַסע נאַקעטקייט וואָס זענען נישט באַדעקט געווען, שימערן, שײַנען אַרויס און ציִען צו זיך ווי אַ גרויס שטיק מאַגנעס אַ דינע נאָדל...

ער איז נאָך אַלץ געשטאַנען אין מיטן צימער און געזען ווי זי לאַכט אַריין אין שפּיגל. איר געלעכטער איז געווען אײדל, זינגענדיק און פּאַר־פּירעריש. ס׳האָט זיך אים געדאַכט, אַז איר גאַנצע נשמה לעכצט צו אים און באַגערט אים. ער איז נאָך אַלץ געווען זיכער, אַז די איניציאַטיוו וועט קומען פון אים, אָבער פּלוצעם האָט זי אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דאָס לעצטע שטיקל וועש. איר ווייס־ראָזלעכער קערפּער האָט אַ שיין געטאָן און זי האָט זיך האַסטיק אויסגעדרייט.

ער האָט געזען ווי איר לייב פלאַמט, צאַפּלט, און זיך נישט געקאָנט אַ ריר טאָן. אָבער צילאַ האָט שוין נישט געקענט וואַרטן קיין איין רגע.

— כ׳געפעל דיר ? זאָג עס אָפן ! ווילסט מיך האָבן ? נעם מיך אין גאַנצן. דו הערסט ? אין גאַנצן ! אַזוי ווי כ׳וואָלט איצט פאַר דיר געבוירן געוואָרן !...

ווי אָנמעכטיק, איז ער אַרויפגעפאַלן מיטן קאָפּ אויף אירע אָרעמס. זיינע הענט האָבן זיך געגליטשט איבער איר קערפּער. ערשט איצט האָט ער געזען ווי דין זי איז אין די היפטן, דין, ווי אַ מיידל... ער האָט נאָך אַלץ זיך געשעמט, וואָס די איניציאַטיוו איז געקומען פון איר זײַט.

ערשט שפּעטער, ווען ער האָט, נאָכן ערשטן שטורעם, פון איר זיך באַפרייט, האָט ער ניכטערער באַטראַכט איר וווּנדערלעכן קערפּער. ער איז געווען אויסגעדרייט צו איר מיטן פּנים. איין אויג איז געווען פאַרזונקען אין קישן, און דאָס צווייטע, דאָס אָפענע, האָט זיך נישט געקאָנט זאַט קוקן אויף די אויסגעמייסטערטע ליניעס פון איר קערפּער, אויף דעם רייפן פרויען־לייב, צו וועלכן ער האָט געגלוסט. אירע צעשאָטענע האָר, האָבן באַדעקט שטיקער נאַקעטקייט און זי געמאַכט נאָך שענער און פאַנטאַס־

טישער. ער האָט געוואָלט, זי זאָל איינשלאָפן, און ער זאָל קאָנען אויף איר ווייטער אַזוי קוקן. אָבער זי האָט זיך געוואָרפן אויפן געלעגער און אים געצויגן צו זיך.

איצט האָט ער געוווּסט, אַז ער האָט זי אויף אַן אמת ליב. אמתע ליבע ברעכט אויס, ווי אַ שטורעם, וואָס קומט נאָך אַ שטיקנדיקן טאָג. איז עס אין גאַנצן גליק, אָדער שטעקט דערין אויך פאַרשקלאַפונג? — האָט אַ בליץ געטאָן אין זיין קאָפּ. זאָל עס זיין וואָס ס׳וויל — האָט ער זיך אָנגעבייזערט אויף זיך אַליין. ער איז איצט גליקלעך און וויל נישט צומישן טרויער צו פרייד. ער האָט זיך אָבער אַלץ נישט געקענט צוגלייבן, אַז דאָס גרויסע גליק איז אין גאַנצן זיינס, ווי זי האָט עס געזאָגט. זענען ווירקלעך פאַראַן פרויען, וואָס גיבן דיר אַלץ און פאַרלאַנגען פון דיר גאָרנישט? אַזוי זעט עס אויס פון אויבן־אויף — האָבן זיינע געדאַנקען געהאַמערט — אָבער אַביסל טיפער געגנומען איז דער חשבון גאָר אַנדערש; וואָס ווייניקער אַ פרוי פאָדערט פון דיר, אַלץ מער בלייבסטו איר שולדיק...

ווען זי האָט זיך אויפגעכאַפּט איז שוין געווען טאָג און דאָס ליכט אין צימער האָט נאָך געברענט. דאָס ערשטע מאָל ווי זי שלאָפט אַ גאַנצע נאַכט אין אַ באַלויכטן צימער. ער איז געלעגן אויסגעדרייט און זי האָט געמאָסטן מיט די אויגן זיין פּלייצע; אויבן ברייט מיט מוסקולירטע הענט און שטאַרקע אָרעמס, און וואָס אַ מאָל שיפער ביז שמאָל אין גאַרטל. וואָס פאַר אַ ייִנגל ליגט דאָ ביי מיר?

זי האָט אַרויפגעלייגט אויף אים די האַנט. ער איז נאָך אַלץ געשלאָפן.

— האָב איך זיך נישט שיין אויפגעפירט? — איז איר געקומען אויפן געדאַנק. אַן ליבע איז עס דאָך נישט פאַרגעקומען. זי האָט דאָך נישט סתם פאַרבעטן צו זיך אַ מאַן פון גאַס. עפּעס האָט זי דאָך צו אים געפילט. נאָך איידער זיי זענען געקומען קיין פּאַריז, האָט זי דאָך געלעבט אין זיין מוח, אין זיין בלוט, אין זיין חלום, ווי ער אַליין האָט דערציילט, און אויף דער וואָר, וואָס ער האָט זיך געשעמט דערציילן... און זי? זי האָט באַלד דאָס ערשטע מאָל, ווי ער איז געקומען אין איר סאַלאָן, אַ ציטער געטאָן. דער טיף פון אירע מיידלישע חלומות האָט זיך באַוויזן אַ לעבעדיקער... טאָ וואָס פאַר אַ שלעכטס איז דאָ געשען? ס׳האָט דען געקאָנט אַנדערש זיין?

אין דעם מאָמענט האָט זיך דער טעלעפאָן צעקלונגען. צילאָ האָט

נאַכלעסיק אויסגעשטרעקט די האַנט צום נאַכטטישל און אויפגעהויבן דאָס טרייבל.

— באָן זשור, מאַדאַם — האָט זי דערהערט אַ פרויען־שטימע. ס׳איז שוין אַכט אַ זייגער. איר וועט פאַרשפּעטיקן אייער אַוויאָן.

צילאַ האָט מיט איין מאָל אויפגעוואַכט. זי האָט אַ שליידער געטאָן די קאָלדרע און אָפּגעשטופּט פון זיך דעם יונג. יורם איז אַן איבער־געשראָקענער אַרויס פון בעט.

— מיר וועלן פאַרשפּעטיקן! — האָט זי אים געטריבן.

אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז זיי זענען געווען פון די ערשטע, וואָס זענען אַראָפּגעקומען אין דער לאָבי. זיי האָבן נאָך געהאַט גענוג צייט אָפּצועסן פרישטיק. ביים טרינקען קאַווע איז צילאַ געווען מונטער, אָבער יורם האָט אויסגעמיטן איר בליק. ער האָט געהאַט אַ געפיל, אַז די נאַכט האָט ער אויפגעבראָכן אַ פאַנצער־קאַסע, צוגענומען אַ גרויסן אוצר און איצט נעמט ער אים מיט אין וועג אַריין.

— זעסט — האָט זי אַ בליק געטאָן אויף זיין מאַרינאַרקע — כ׳האָב אַפילו נישט באַוויזן דיר אָנצונייען דאָס קנעפּל...

דער מדריך איז אַרומגעלאָפן אַ צעטראָגענער. ס׳פעלן נאָך זיבן! פאַרבייגייענדיק האָט ער אַפילו אויף זיי קיין בליק נישט געטאָן, נאָר געזאָגט:

— אָפּגעגעסן — אַריין אין אויטאָבוס!

אויפן עראָפּלאַן האָט צילאַ באַלד איינגעדרימלט. יורם איז געזעסן לעבן איר מיט אַ צייטונג אין האַנט און איר נישט געשטערט. פון מאָל צו מאָל האָט ער אויף איר אַ קוק געטאָן מיט ליבשאַפט. צו ערשט איז זי געווען אַ ביסל בלאַס, ווי נאָך אַן אויסגעוועפּטער שיכרות. דערנאָך האָבן זיך אירע באַקן גענומען רויטלען, ביז אויפן פּנים האָט זיך אויסגעגאָסן אַ צופרידענער שמייכל.

אין לייכטן חלום איז זי ווידער געווען אַרומגעוויקלט אין זיינע אָרעמס און דער ביינאַכטיקער פיבער האָט זיך אין איר צעגליט. ערשט איצט האָט זי זיך מיט אים אַדורכגערעדט: „זאָג מיר, בין איך די ערשטע ביי דיר״? און אַז ער האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ, האָט זי אים נאָך שטאַרקער געקושט: „כ׳האָב באַלד געפילט, אַז אַזאַ גלי שטעקט נאָר אין אַ נאַיִוון בחור, וואָס האָט נאָך נישט אָנגערירט אַ פרוי״...

אַזוי האָבן זיי פֿאַרבראַכט דעם גאַנצן וועג. אַ מאָל האָט זי געדרימלט און ער האָט געוואַכט איבער איר, און אַ מאָל האָט ער ווידער איינגעדרימלט און ס'איז איר אַ שאָד געווען אים אויפצוּוועקן. ערשט ווען דער עראָפּלאַן האָט אַ טרייסל געטאָן, ווי די רעדער וואָלטן פֿון אים אַראָפּגעפֿאַלן און מ'האָט געהייסן די פּאַסאַזשירן זיך אַרומגאַרטלען, האָבןביידע געעפֿנט די אויגן.

— וואָס איז געשען? — האָט צילאַ אַ פֿרעג געטאָן.

— קיין זאַך נישט. מיר לאָזן זיך אַראָפּ אין מאָסקווע.

אונטערן עראָפּלאַן זענען געווען אויסגעלייגט גראָבע שיכטעס וואָלקנס. אויף דער ערד איז געגאַנגען אַ שטורעם־רעגן און דער קאָנטראָל־טורעם האָט נישט געלאָזט דעם עראָפּלאַן לאַנדן. דער פּילאָט האָט זיך געדרייט מיטן עראָפּלאַן אַרום דעם סטאַרטפּלאַץ און געוואַרט אויף אַ צייכן זיך אַראָפּ־צולאָזן. די מאַנשאַפֿט האָט קיין שום דענערווירונג נישט אַרויסגעוויזן. זיי זענען נאָר געלאָפֿן אַהין און צוריק, ווי זיי וואָלטן וואָס צוגעגרייט און סודותדיק באַהאַלטן פֿאַר די פּאַסאַזשירן. באַלד האָט מען געמאָלדן, אַז דער עראָפּלאַן פֿליט אין דער ריכטונג צו לענינגראַד. אין מיטן וועג האָט מען אָבער מיטגעטיילט דעם פּילאָט, אַז דאָרט איז דער שטורעם נאָך שטאַרקער, האָט ער אויסגעדרייט צוריק קיין מאָסקווע.

— נאָך פֿינף, זעקס מינוט, און מיר וועלן לאַנדן — האָט זיך ענדלעך דערהערט אין הילכער.

זיי האָבן זיך ביידע געהאַלטן ביי די הענט און געזען, ווי דער עראָפּלאַן רייסט זיך אַראָפּ דורך געדיכטע וואָלקנס. באַלד האָבן זיי אינעם טומאַן דערזען די רויטע לעמפּלעך פֿונעם סטאַרטפּלאַץ. דער עראָפּלאַן האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויפֿן מאָסקווער אַעראָדראָם.

קאַפּיטל אַכט

כאָטש די דיפּלאָמאַטישע באַציִונגען צווישן קרעמל און ישׂראל זענען אין יענע יאָרן געווען שטילע, און דער ראַטן־פֿאַרבאַנד האָט געפֿירט אַ ברייטע פּראָפּאַגאַנדע פֿאַר אַ גרויסער טוריסטיק, איז אָבער דער „ברוך־הבא" אין מאָסקווע געווען געוויינטלעך גענוג מאָנאָטאָן. ביי די אָנגעקומענע איז נישט

געווען די פרייליכקייט פון פּאַסאַזשירן, וואָס גייען אַראָפּ פון אַן עראָפּלאַן נאָך אַ לאַנגער נסיעה. די ישׂראלים האָבן זיך באַלד דערפילט אויף פרעמדער ערד, אין אַ פרעמדן קלימאַט. די אויגן פון די באַאַמטע זענען געווען אומהיימלעך, פול מיט חשד צו יעדן איינעם, וואָס איז פאַר זיי פאַרבייגעגאַנגען.

דער באַאַמטער האָט אַ בליק געטאָן אויפן בלויען פּאַספּאָרט מיטן מנורה־עמבלעם און איבערגעפרעגט:

— באַרישניע, איר האָט נישט מער ווי צוויי הונדערט דאָלאַר און זיבעציק פראַנק?

דאָס וואָרט „באַרישניע" האָט צילען אַ שטאָך געטאָן. אָבער זי האָט דרייסט געקוקט דעם מונדירטן באַאַמטן מיט די ברייט־גאָלדענע עפּאָלעטן אין די אויגן אַריין:

— נישט מער ווי כ'האָב דעקלאַרירט. מיר האָבן פאַר אַלעם באַצאָלט פאָרויס!

דער באַאַמטער האָט נאָך אַלץ געהאַלטן דעם פּאַספּאָרט אין האַנט, געבלעטערט אים אַהין און צוריק. דערנאָך האָט ער אַריינגעקוקט אין אַ רשימה מיט נעמען. אין דעם מאָמענט איז אונטערגעקומען אַ פאָרשטייער פון „אינטוריסט". ער האָט עפּעס אַ זאָג געטאָן צום באַאַמטן און מיטגענומען די גאַנצע גרופּע מיט זיך.

דער „גייד" האָט גערעדט אַ גוטן ענגליש. ער האָט די גרופּע צוגעפירט צו אַן אויטאָמאָביל און איז מיט זיי אָוועק אין שטאָט אַריין.

אין אויטאָבוס האָט געהערשט אַ שטילקייט. די ישׂראלים האָבן צווישן זיך נישט גערעדט. אין מאָסקווע — האָבן זיי געוווּסט — האָבן ווענט אויערן, און אונטער יעדן געזעס קאָן זיין אינסטאַלירט אַ טייפּ־רעקאָרדער. ווען זיי זענען אָנגעקומען אין שטאָט אַריין זענען די גאַסן געווען אויסגעוואַשן נאָך אַ רעגן. אַ קיל ווינטל, וואָס האָט פון ווייטנס מיטגעבראַכט דעם ריח פון פריש־געשניטענעם היי, האָט זיי אָפּגעפרישט פון דער רייזע, בעת זיי זענען אַריין אין האָטעל.

דער האָטעל איז געשטאַנען צווישן אַ שורה הייזער, געבויטע אין אַלט־מאָסקווער סטיל, אָבער אינעווייניק איז אַלץ געווען ריין און ציכטיק איינגעאָרדנט.

— פֿאַר וואָס נישט אין האָטעל „ראָסיִאַ״? האָט מנשה געפֿרעגט דעם אינטוריסט־אַגענט.

— איבערפֿולט! — האָט דער „גייד״ אַ שמייכל געטאָן.

מ׳האָט זיי אַלעמען איינקוואַרטירט אויף איין שטאָק, וואָס האָט געהאַט דריי פֿליגל־קאָרידאָרן. אין אַ ווינקל אויף אַ „סטראַטעגישן פּלאַץ״, ווו די קאָרידאָרן קרייצן זיך, איז געזעסן אַ פּרוי ביי אַ קליין טישל.

— דאָס איז די אויפֿזעערין פֿון דעם עטאַזש — האָט דובי אַ זאָג געטאָן יורמען אין אויער אַריין — זי זעט און הערט. פֿאַרנאָטירט ווען דו ביסט אַריין און אַרויס, און ווער ס׳איז צו דיר אַריין. פֿאַרשטייסט? דאָ איז נישט פּאַריז!

יורם איז בלאַס געוואָרן. צי ווייסט ער עפּעס וועגן דער נאַכט אין פּאַריז? ער האָט זיך אָבער געמאַכט כלא ידע.

— פֿון מיינעטוועגן — האָט ער אַ צי געטאָן מיט די פּלייצעס — מעג זי אַפֿילו יעדן פֿאָטאָגראַפֿירן.

זיי האָבן נאָך נישט באַוויזן זיך אָפּצורוען, ווי מ׳האָט זיי פֿאַרבעטן אין עסזאַל. דער מאָלצייט איז געווען אַ זאַטער, מיט פֿלייש, פֿיש, סאַלאַטן און געטראַנקען. די ישׂראלים זענען געוואָרן האָפֿערדיקער און פֿריילעכער. זיי האָבן צווישן זיך גערעדט.

— ווי איז דאָס געהערט געוואָרן? מיר זענען אין מאָסקווע שוין אַ פּאָר שעה און האָבן נאָך נישט פֿאַרזוכט קיין עכטע רוסישע וואָדקע.

— טאָוואַרישטש קעלנער! אַ פֿלעשל וואָדקע, פּאַזשאַלוסטאַ...

— אַבי מ׳זאָגט, אַז אין סאָוועט־רוסלאַנד פֿעלט אויס עסן.

— פֿאַר טוריסטן האָבן זיי פֿון כּל־טוב.

מ׳האָט אויף די טישן אַרויפֿגעשטעלט דאָס אַלט־רוסישע „סאַמאָוואַרל״. זיי האָבן געטרונקען שטאַרקן טיי און גערויכערט אַמעריקאַנער סיגאַרעטן. זייער עבֿרית האָט אַרויסגערופֿן נייגער, אָבער קיינער האָט זיך נישט אַריינגעמישט, געשטערט. זיי האָבן לאַנג פֿאַרבראַכט ביי די טישן ביז ס׳איז געקומען דער „גייד״. ער האָט מנשהן איבערגעגעבן אַ צאָל פּראָגראַם־בלעטלעך פֿונעם באַזוך.

— היינט וועט איר אָפּרוען — האָט דער „גייד״ געזאָגט. מאָרגן הייבן מיר אָן מיט אַ שפּאַציר איבער מאָסקווע. „דאָסווידאַניאַ״!

ווען ס'האָט גענומען שאַרען אויף טאָג איז שוין יורם געשטאַנען ביים פענצטער און אַרויסגעקוקט אין גאַס אַריין. ער האָט אַראָפּגעקוקט פונעם פינפטן שטאָק אין דער ווייטקייט אַריין. וואָס אַ מאָל זענען די קאָנטורן פון די מויערן געוואָרן בולטער, קלאָרער. פון צווישן ברייטן לאַבירינט שאַרע מויערן האָבן העכער אַרויסגעקוקט אַלטע געביידעס מיט קאָפּולן־דעכער. ער האָט נישט געוווסט, צי דאָס זענען צערקוועס אָדער פּאַלאַצן פון די אַמאָליקע צאַרישע הערשער. אין דער נאָענט אַרום האָט ער געזען אַ סך לאַנגגעשניטענע פענצטער, פאַרשטעלטע מיט פאָרהאַנגען. פון די טויערן האָבן זיך מיט איין מאָל אַרויסגעשלייכט גרופּעס מענטשן אין אַרבעטס־קליידער, ווי איין וועקזייגער וואָלט זיי אַלעמען גלייך אויפגעוועקט. די גאַס איז אויפגעשטאַנען מיט אַ לעבהאַפטער באַוועגונג. די דורכגייער האָבן נאָר געאײַלט ביזן ווינקל פון גאַס. דאָרט זענען זיי פאַרשוונדן, אַראָפּלאָזנדיק זיך צו דער מעטראָ.

אַ ביסל שפּעטער האָט די גאַס שוין גאָר אַנדערש אויסגעזען. זי איז געוואָרן היימלעכער און יינגער. פון די הייזער זענען אַרויס מחנות קינדער און שולעלטער. זיי האָבן געפּילדערט און געשטיפּט אייבער מיטן צווייטן. טייל האָבן געהאַלטן סענדוויטשן אין האַנט, יעדע פּאָר טריט אַ ביס געטאָן און געגעסן איבערן וועג.

אין האָטעל איז נאָך שטיל געווען. די זומערדיקע נאַכט אין מאָסקווע פאַרשלעפּערט, און די טוריסטן זענען נאָך געשמאַק געשלאָפן. יורם האָט אַפילו נישט געוווסט אין וועלכן צימער צילאַ געפינט זיך, אָבער שטייענדיק ביים פענצטער האָט ער געזען פון ווייטנס גיין אַן ענלעכע פרוי אין גאַס, און געמיינט, אַז דאָס איז צילאַ. ער האָט געעפנט דאָס פענצטער, טיף אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ אין דרויסן און שיִער נישט געוואָלט שרייען — צילאַ! צילאַ! אָבער ווען די געשטאַלט איז נענטער צוגעקומען האָט ער זיך אַליין פאַרשעמט.

ער איז אַוועק פון פענצטער און אַרומגעשפּאַנט אין צימער. צוריקלייגן זיך אין בעט אַריין, האָט זיך אים נישט געגלוסט. ער האָט געוואָלט זען מאָסקווע פון דער נאָענט, פון אינעווייניק. דאָס נייע מאָסקווע האָט אים אינטערעסירט: טעכנישע זאַוואָדן, אוניווערסיטעטן, באַגעגענישן מיט סטודענטן. אפשר וועט ער אויך טרעפן ייִדן.

פּלוצעם האָט ער זיך דערמאָנט, אַז ער האָט וועמען אין מאָסקווע. זיין

בעל־הביתטע פון דער דירה אין חיפה האָט אים געבעטן ער זאָל באַזוכן אירע אַ שוועסטער. ער האָט גענומען זוכן דאָס צעטעלע מיטן אַדרעס. צום סוף האָט ער עס געפונען אינעם קליינעם טעשל הינטערן פּאַסעק פון די הויזן.

ער האָט נאָך אַ מאָל איבערגעלייענט דעם אַדרעס און זיך אים גענומען אין קאָפּ אַריין. וועט ער דאָרטן קאָנען אַליין אַהינגיין ? די גרופּע וועט זיך דאָך האַלטן צוזאַמען, און ווער ווייסט וואָס ס׳קאָן געשען, ווען די אויפ־זעערין, וואָס זיצט אינעם „סטראַטעגישן ווינקל״, וועט אויף אים וואַרפן אַ פאַרדאַכט.

נאַרישקייטן — האָט ער צו זיך גערעדט — פּחד האָט גרויסע אויגן. מאַלע וואָס מ׳זאָגט אַלץ און ס׳הייבט זיך גאָר נישט אָן. אָפּגעבן אַ גרוס פון ישׂראל איז אַ חוב. און ווער זאָגט דען, אַז מ׳טאָר נישט באַזוכן פריינד, ווען מ׳קומט קיין מאָסקווע ?

ער האָט זיך צוגעאיילט, אָנגעטאָן און אַראָפּ אין דער לאָבי. אפשר איז שוין ווער פון דער חברה דאָרט דאָ ?

דער גרויסער זאָל איז נאָך געווען ליידיק. בלויז אַ פרוי און אַ באַבאָרדטער מאַן האָבן געריניקט די פּאָדלאָגע. זיי האָבן זיך זייער געאיילט. ווי זיי וואָלטן פאַרשפּעטיקט די צייט פון פאַרטיק מאַכן די אַרבעט. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אין אַ ווינקל. דער מאַן אין פאַרשוויצטן העמד איז אויסגעקומען נאָענט לעבן אים. יורם האָט באַמערקט ווי ער קוקט גיריק אויפן פּעקל אַמעריקאַנער סיגאַרעטן, וואָס ליגט פאַר אים אויפן טיש.

— איר ווילט פאַררייכערן ?

יענער האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, אָבער יורם, אַנשטאָט אים מכבד צו זיין מיט אַ סיגאַרעט, האָט אים דערלאַנגט דאָס גאַנצע פּעקל אין האַנט אַריין. דער רייניקונגס־אַרבעטער האָט עס שנעל באַהאַלטן הינטערן פאַרטעך.

— אַ ביסל צו פרי זענט איר אויפגעשטאַנען — האָט ער גערעדט איינגעבויגענערהייט צו דער פּאָדלאָגע. אין מאָסקווע שטייט מען אויף פרי, אָבער אין האָטעל שלאָפט מען ביזן טאָג אַריין. אוודאי צום ערשטן מאָל אין מאָסקווע ? אָבער איר זענט נישט דער ערשטער. ס׳איז שוין דאָ געווען אַ חברטע פון אייער גרופּע, אַ קראַסאַוויצע... זי האָט זיך אַרומגעקוקט און צוריק אַריין אין דער ווינדע.

— וואָס, איר זענט אַ ייִד ?

— וואָס דען? אַ רוס רעדט ייִדיש?

— פון וואַנען האָט איר געוווּסט, אַז איך בין אַ ייִד?

— אין סאָוויעטסקי סאָיוז ווייסט מען אַלץ...

יורם האָט געוואָלט צו אים צוגיין נענטער, אָבער יענער האָט זיך אָוועקגעשאַרט מיטן שטויבזויגער, אָנגעהויבן ברומען עפּעס אַ רוסישן ניגון און אין מיטן אַריינגערעדט.

— גיט איבער אַ גרוס מיינע ברידער. קושט די גיבורי ישׂראל. לשנה הבא בירושלים.

יורמען האָט פאַרכאַפּט דער אָטעם. ער האָט זיך ראַש אויפגעשטעלט, געמאַכט אַ טריט פאָרויס, אָבער באַלד האָט ער זיך געכאַפּט, אַז ער וועט אים טאָן שלעכטס, ווען ער וועט זיך אָפּשטעלן פּנים אל פּנים און מיט אים רעדן ביי דער אַרבעט. זיינע אויגן האָבן זיך נישט געקענט אָפּרייסן פון דעם קרעפטיקן עלטערן מאַן מיטן ברייטן ברוסטקאַסטן און פאַרשוויצטן פּנים, אויף וועלכן ס׳האָט זיך קיין שמץ ייִדישקייט נישט געזען. האָט ער טאַקע ריכטיק געהערט ווי ער האָט געזאָגט „לשנה הבא בירושלים"? ער האָט אַ ביסל געוואַרט. אפשר וועט ער ווידער אַהערקאָלערן דעם שטויב־זויגער און נאָך עפּעס זאָגן?

וואָס לענגער ער האָט געוואַרט, אַלץ ווייטער איז דער ייִד מיטן שטויב־זויגער אַוועק פון אים, ביז ער איז צוגעקומען צו אַ זייטיקער טיר און אַרויס פון דער לאָבי. יורם איז געווען אַזוי פאַרכאַפּט פון דער זעלטענער באַגעגעניש, אַז ס׳האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז קיין גרעסער וווּנדער וועט ער אין מאָסקווע נישט זען. קיין שום זאַך וועט אים דאָ מער נישט דער־פרייען, ווי דאָס שטילע רוסישע ניגונדל, אין וועלכן דער ייִד האָט אַריינ־געמישט די פּאָר לשון־קודשדיקע ווערטער פון דער הגדה. נישט קיין ווערטער, נאָר אַ ים מיט בענקשאַפט — האָט זיך יורמען געדאַכט — האָט דער ייִד אויסגעגאָסן און פאַרפלייצט מיט אים דעם גרויסן זאַל. ער איז צו צו דער ווינדע, געוואָלט אַרויף אויפן שטאָק, אויפוועקן די חברה און זיי דערציילן וועגן ערשטן ייִד, וואָס ער האָט דאָ געטראָפן. ער האָט אַ דריק געטאָן אויפן קנעפּל, אַ מינוט געוואַרט, און ווען די ווינדע האָט זיך געעפנט, איז אַרויס צילאַ.

— בוקר טוב, צילאַ!

— בוקר אור! וואָס איז די שׂמחה?

— פרעג שוין גאָרנישט וואָס פאַר אַ פרייד — האָט ער אַזש געוואָרפן מיט די הענט — כ׳האָב דאָ באַגעגנט דעם ערשטן מאָסקווער ייִד. ווייסט, וואָס כ׳האָב געהערט פון אים? אָבער ניין, נישט איצט... וואָס ביסטו אַזוי פרי אויפגעשטאַנען? ביסט גוט געשלאָפן? דיין האַנטזייגערל גייט ריכטיק לויט מאָסקווער צייט?

— דו הייבסט אָן דעם טאָג ווי אַ זינגפויגל...

יורם האָט זיך צעלאַכט, זי אָנגענומען ביים אָרעם און געגאַנגען צום בופעט.

— כ׳בין אַ גאַנצע נאַכט נישט געשלאָפן — האָט זיך צילאַ באַקלאָגט — ס׳האָט זיך מיר געדאַכט, אַז מ׳דרייט זיך אין צימער און מ׳זוכט עפּעס... כ׳האָב אָנגעצונדן די עלעקטריע, אָבער צום לייענען גאָרנישט געהאַט. מנשה האָט דאָך נישט געלאָזט מיטנעמען קיין זשורנאַלן אָדער ביכער.

— אויך איך האָב נישט געקאָנט שלאָפן, אָבער כ׳האָב געהאַט וואָס צו לייענען... כ׳האָב נאָך אַ מאָל איבערגעלייענט „אַ נאַכט אין פּאַריז״.

— ביסט באמת אַ נאַיִוועך בחור. אַ קוש פון אַ פרוי קען אַוועקלייגן דריי סעמעסטערס פון דיין לערע...

יורם האָט אַראָפּגעשלונגען די ביטערע פּיל. הייסט עס, אַז ביי איר איז עס געווען נישט מער ווי אַ פאַרבייגייענדיקער פלירט אָן אַ באַטייט, וואָס האָט קיינעם גאָרנישט געשטערט, האָט גאָרנישט געענדערט. אַלץ איז געבליבן ביים אַלטן. ער האָט אָבער איצט נישט געוואָלט דערין אַריינ־טראַכטן. ער האָט צוגערוקט צו איר די הייסע טיי:

— טרינק! אַ גלעזל רוסישער טיי וועט דיר גוט מאַכן.

זי האָט גענומען אַ פּאָר לעפעלעך אין מויל אַריין און ווייטער גערעדט מיט ביטערניש.

— ערשט דאָ פילט מען דעם מה יפית־טאַנץ צו מאָסקווע. ביי אונדז באַקומט מען אין די קיאָסקן די „פּראַוודאַ״, „נאָוואָיע ווּרעמיאַ״, „אָגאָ־ניאָק״, די נײַעסטע רוסישע ביכער, און דאָ אַהער טאָר מען קיין העברעיִשע שיימע נישט אַריינברענגען.

— טרינק! האָט ער זי ווידער דערמאָנט — קאַלטע טיי האָט קיין טעם נישט.

זיי האָבן ביידע געטרונקען און יורם האָט נישט אַראָפּגעלאָזט פון איר די אויגן. דער טאָג — איז אים געקומען אויפן זינען — הייבט אָן אויפ־

ברעכן מיט שאַרעז, מיט נעפּל, און ערשט שפּעטער גייט אויף די זון. און זי — האָט ער געזען — ווי נאָר זי עפנט די אויגן, לייכט זי שוין ווי די זון אין מיטן הימל... זי האָט איצט נישט אויסגעזען, ווי זי וואָלט נישט געשלאָפן אַ גאַנצע נאַכט, נאָר ווי אַ פרישער קנאָספּ, וואָס ברעכט אויף אין מיטן טאָג. אירע בעקלעך זענען פוכעוואַטע, ראָזע; די ליפּן — פולע, זאַפטיקע. אַ מאָדנער געדאַנק איז אים געקומען אין קאָפּ אַריין: אפשר האָט ער גאָר אויף אַן אמת חתונה געהאַט מיט איר אין פּאַריז און זי איז זיין ווייב. די פריערדיקע ביטערע פּיל איז גאָר זיס געוואָרן אין זיין מויל. מאָלע, וואָס ווייבער פּלאַפּלען אַלץ נאָך דער חתונה...

— וואָס זאָגסטו צו דעם — האָט ער צו איר גערעדט — וואָס זינט מיר זענען אַרויסגעפאָרן פון תל־אביב ברענגט אונדז אַ צופאַל יעדעס מאָל צוזאַמען?

— וואָס פאַראַ צופאַל?

— נו, למשל, דאָס וואָס מיר האָבן ביידע געהאַט אַ שלאָפלאָזע נאַכט. אָדער דאָס, וואָס כ׳האָב אַן דיין וויסן אויף דיר געוואַרט און געטראָפן דיך אַרויסגיין פון דער ווינדע?

— דער זעלבער צופאַל האָט דיך אויך געקאָנט צוזאַמענטרעפן מיט אַן אַנדערער פרוי, וואָס איז פרי אויפגעשטאַנען און דו פאַרבעטסט זי אויף טיי.

יורם האָט געשוויגן.

— וועגן וואָס טראַכסטו?

— כ׳וואָלט דיר געזאָגט וואָס ס׳איז מיר געקומען אין קאָפּ אַריין...

— נאָר וואָס?

— נאָר... ס׳דאַכט מיר, אַז דו ביסט איצט נישט גוט געשטימט און ס׳קאָן דיר נישט געפעלן ווערן.

— נודניק, זאָג שוין!

— איך טראַכט... אַז אויסער דעם, וואָס דו ביסט אַ שיינע און וווּנדערבאַרע פרוי, ביסטו אויך אַ דיפּלאָמאַטין. מ׳קאָן ביי דיר גאָרנישט געוויר ווערן. דו רעדסט מיט אַ שפּראַך פון אבא אבן: אויף אַ דירעקטער קורצער פראַגע — אַ לאַנגער ענטפער, און מ׳קאָן נישט דערגיין, צי ער האָט געזאָגט יאָ אָדער ניין...

— לויט מיין זכרון דינט מיר, דערמאָן איך זיך נישט, דו זאָלסט מיר האָבן געשטעלט וועלכע ס׳איז דירעקטע פראַגע.

— איז אויב כ׳וועל דיך פרעגן, צי דו האָסט מיך אויף אַן אמת ליב?

— אויף דעם האָב איך דיר שוין אין פּאַריז געענטפערט... אַ רגע, לאָז מיך אויסרעדן! אין פּאַריז, דאַכט זיך מיר, האָסטו געזאָגט, אַז כ׳בין אַ שיינהייט. אין מאָסקווע בין איך אַ דיפּלאָמאַטין, און ביז מיר וועלן אַהיימפאָרן, וועל איך גאָר ביי דיר ווערן אַ גאַנצער מאַנס־פּאַרשוין...

יורם האָט זיך הארציק צעלאַכט. אַ כאַפּ געטאָן איר האַנט און זי געקושט.

— זיי פאַרזיכטיק — האָט זי געשמייכלט — אין מאָסקווע קאָן דאָס באַטראַכט ווערן ווי אַן עפנטלעכע מאַניפעסטאַציע פאַר דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג.

ערשט איצט האָט ער איר גענומען דערציילן וועגן דעם ייִדס רוסישן ניגון מיט לשון־קודשדיקע ווערטער. ער האָט גענומען רעדן מיט התלהבות, אָבער צילאַ האָט אים איבערגעריסן.

— יורם! — האָט זי אויף אים אַ שטרענגן בליק געטאָן — אַזעלכע מיינונגען פּאַקט מען ערשט אויס, ווען מ׳איז שוין אין דער היים...

פאַרן האָטעל האָבן זיך אָפּגעשטעלט עטלעכע גרויסע אויטאָבוסן. די לאָבי איז שוין געווען פול מיט טוריסטן, גרייטע צום אויספלוג. באַלד האָט זיך באַוויזן דער „גייד" פון „אינטוריסט" מיט אַ רשימה אין דער האַנט. ער האָט אויסגערופן די נעמען פון די ישראלים, זיין גרופּע, און זיי געהייסן פאַרנעמען פּלעצער אין איינעם פון די אויטאָס. מיט די אַמעריקאַנער האָט זיך פאַרנומען אַ יונג בלאָנד מיידל.

צילאַ מיט יורמען זענען די ערשטע אַריינגעגאַנגען אינעם אויטאָבוס און זיך געזעצט איינער לעבן אַנדערן.

דער אויטאָבוס האָט נאָך נישט גערירט פון אָרט, און יורם האָט שוין געהאַלטן אַ נאָטיצביכל אין האַנט.

— וואָס גייסטו טאָן?

— כ׳וועל מאַכן נאָטיצן פון די פּלעצער און גאַסן, וואָס מיר וועלן באַזוכן.

— לייג דאָס אַוועק!

— כ׳וויל פאַרנאָטירן... פאַרצייכענען...

— אין זכרון! — האָט צילאַ באַפעלעריש אַ זאָג געטאָן.

יורם האָט מער קיין וואָרט נישט געזאָגט. ער האָט דאָס נאָטיצביכל אַריינגעלייגט אין טאַש. געפילט האָט ער, אַז ער איז אין גאַנצן אונטער איר השפעה, און וואָס נאָר זי זאָל נישט זאָגן, וועט ער מעכאַניש אויספירן.

ווי נאָר דער אויטאָבוס האָט גערירט פון אָרט, האָט אין הילכער אָפּגעקלינגען:

— ס׳ווערט גערעדט רוסיש, ענגליש און פראַנצויזיש.

— פראַנצויזיש! האָט צילאַ די ערשטע אויפגעהויבן די האַנט.

אָבער די איבעריקע פּאַסאַזשירן האָבן באַלד איבערגעריסן:

— רעדט ענגליש!

דער „גייד" האָט זיך אַרומגעקוקט, ווי ער וואָלט געציילט די שטימען.

— אַלזאָ, ענגליש.

דער פּראָגראַם איז געווען אַ באַשטימטער פון פאַרויס. זיי האָבן באַדאַרפט באַזוכן אַ גרויסן טעכנישן זאַוואָד, דעם „מוזיי פון דער רעוואָ־לוציע", לענינס מאַוזאָליי, דעם רויטן פּלאַץ און דעם סאָבאָרנאַיאַ־פּלאָשטשאַד, וואָס געפינט זיך אינעווייניק אינעם קרעמעל.

דער אויטאָבוס איז געפאָרן פּאַמעלעך איבער די ברייטע גאַסן מיט לאַנגע אַלייען. רייגע גאַסן און מאַסיווע געביידעס מיט אַ סך באַפּוצונגען. אין פראַנט שיינע שויפענצטער.

זיי זענען געפאָרן מער ווי אַ שעה ביז זיי זענען צוגעקומען צו אַ גרויסן זאַוואָד. דאָס איז געווען אַ ריזן־פאַבריק, וואָס האָט זיך געשפּרייט אויף אַ גרויסן שטח, ווייט, ווייט הינטער דער שטאָט. די פאַבריק איז געווען אין פולן גאַנג און דער „גייד" האָט זיי אַריינגעפירט אינעווייניק.

צווישן די מאַשינען איז געווען גערוים און לופטיק. די אַרבעטער ביי די עלעקטרישע טאָקאַרניעס זענען געווען פאַרטאָן אין דער אַרבעט און קוים געוואָרפן אַ זייטיקן בליק אויף די געסט.

דער „גייד" האָט אויסגעטייטשט דעם גרויסן פּראָגרעס פון דער טעכניק, וואָס דאָ קומט פאָר. אַלע האָבן אויסגעהערט. טייל האָבן אַפילו געשטעלט פראַגן. צילאַ האָט געזוכט מיט די אויגן אַרום און אַרום. קיין ייִדיש פּנים איז נישט געווען צו זען.

— הער זיך צו — האָט איר יורם אַ שושקע געטאָן אין אויער. ער רעדט זייער זאַכלעך און אינטערעסאַנט.

— מיך גייט דאָס אָן ווי דער פּאַריאָריקער מאָסקווער שניי — האָט זי אים מיט אַן ערנסטער מינע צוריקגעענטפערט.

פון דאָרט זענען זיי צוריקגעפאָרן און זיך אָפּגעשטעלט ביים רעוואָ־לוציע־פּלאַץ, אַרומגערינגלט מיט אַלטע פּאַלאַצן. דער „גייד" האָט נישט פאַרפעלט צו דערציילן די געשיכטע פון די פּאַלאַצן: ווען זיי זענען געוואָרן געבויט, און ווער ס'האָט אין זיי געוווינט. אויפן „רויטן פּלאַץ" האָט ער זיי געוויזן דעם אייגנאַרטיקן „באַזיל־סאָבאָר" און אַריינגעפירט אינעם נאַציאָנאַלן היסטאָרישן מוזיי.

דער „גייד" האָט זיך שוין געהאַט גענוג אָנגערעדט. אָבער דער אויספלוג־פּראָגראַם איז נאָך נישט געווען אויסגעשעפּט. ס'איז נאָך געבליבן גענוג צייט — האָט ער געזאָגט — און מיר וועלן באַזוכן „דעם פאָטער פון דער רעוואָלוציע" — לענינס מאַוזאָליי.

אין דרויסן פאַרן מאַוזאָליי, איז שוין געשטאַנען אַ לאַנגע ריי מענטשן. זיי האָבן זיך גערוקט פּאָרויס צום אַריינגאַנג. די ערנוואַך האָט אויסגעזען, ווי אויסגעגאָסן פון מאַרמאָר: קיין פּינטל מיט אַן אויג, קיין ריר האָט מען ביי די לעבעדיקע סאָלדאַטן נישט געזען. אַ שטילקייט האָט געהערשט אַרום. אונטערן גלאָז איז געלעגן אַ מאָגער געשטאַלט. דער באַלזאַמירטער לענין האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט ביים לעבן געווען מילד און רחמנותדיק און איצטער דרימלט ער אין אַ זיסן חלום.

ווען זיי זענען אַרויס פון מאַוזאָליי איז שוין געווען נאָכמיטאָגצייט. דער אויטאָבוס האָט אויף זיי געוואַרט און זיי זענען צוריקגעפאָרן אין האָטעל אַריין.

פון אויספלוג זענען זיי צוריקגעקומען צופרידענע. אַ ביסל אויס־געהונגערטע, האָבן זיי ביי די טישן געגעסן מיט אַפּעטיט.

— צופרידן, חברה? — האָט מנשה געפרעגט.

— ס'קאָן גאָרנישט זיין בעסער!

— ס'האָט געקאָנט זיין בעסער — איז רפי נישט איינשטימיק.

— מיט וואָס?

— ווען מ'לאָזט אונדז מער רעדן מיט די מיידלעך פון זאַוואָד און זיי פאַרבעטן אויף אַ טענצל.

— קענסט דען רוסישע טענץ?

— פאַרלאָז זיך אויף די קאָמסאָמאָלקעס. זיי וואָלטן דיך שוין געפירט...

יורם איז געווען ערנסטער:

— אַזאַ טעכניק, אַזאַ פאַרנעם — האָט ער זיך נישט געקאָנט אויס־וווּנדערן.

ער האָט באַלד ביים עסטיש גענומען פאַרצייכענען די זאַכן וואָס האָבן אויף אים געמאַכט אַ רושם. אַפילו די געשפּרעכן מיט די אַרבעטער און ווערקמייסטער, האָט ער פאַרצייכנט. ווען ער האָט שוין געהאַט פאַר־פולט עטלעכע זייטלעך, האָט ער אויפגעהויבן דעם קאָפּ זיך צו דערמאָנען, אויב דאָס איז שוין אַלץ פון היינטיקן טאָג. ערשט איצט האָט ער זיך געכאַפּט, אַז דעם עיקר האָט ער גאָר פאַרגעסן — ווי דער טאָג האָט זיך אָנגעהויבן, ווי ער האָט צילען געטראָפן ביי דער ווינדע — וועגן דעם האָט ער קיין וואָרט נישט פאַרנאָטירט. האַסטיק האָט ער זיך ווידער געכאַפּט צו פאַרפולן די ליידיקע בלעטלעך, און ווען ער האָט אַריינגע־לייגט אין טאַש דאָס נאָטיצביכל, האָט ער אַ זיפץ געטאָן:

— וואָס קאָן מען וועגן איר וויסן. אָט איז זי דיר נאָענט לייב צו לייב, און אָט רעדט זי צו דיר ווי דורך אַ דיקער מויער...

די לעבהאַפטע דיסקוסיע ביי די טישלעך האָט איבערגעריסן זיינע אַריינטראַכטענישן אין צילען, און ער איז געווען דערפון צופרידן.

— וואָס זיצסטו אָנגעבלאָזן? — האָט אים ווער פאַרטשעפּעט — וואָס האָט אויף דיר געמאַכט דעם שטאַרקסטן איינדרוק?

— די פאַבריק־אַרבעטער.

— די מענטשן זענען זייער פאַרהאַרעוועט — דאָס דערקענט מען אין זייערע פנימער — זאָגט רפי. נאָך דער אַרבעט — פאַרזאַמלונגען. קומסט נישט — האָסטו עובר געווען אויף דער פאַרטיי־דיסציפּלין.

— פאַרהאַרעוועט זאָגסטו? און אין אַמעריקע איז נישט דאָס זעלבע? דאָ ווערן מענטשן פאַרשקלאַפט פון דער פאַרטיי, דאָרט — פון דאָלאַר.

— אַ שיינער אונטערשיד! קומסט אָן קיין ניו־יאָרק, איז דיך מקבל פנים די פרייהייט־סטאַטוע; קומסט אָן קיין מאָסקווע, זענען דיך מקבל פנים געהיים־אַגענטן.

— אויפהערן! — האָט זיך דערהערט אַן ענערגישער אויסרוף — וואָס איז מיט אייך, חברה? איר פאַרגעסט ווו איר געפינט זיך?...

דעם צווייטן טאָג אין מאָסקווע האָבן זיי דערוואַרט מיט שפּאַנונג. ס'האָט געזאָלט זיין אַן אויספלוג אין דער גרעסטער היכשול פון סאָוועט־רוסלאַנד — אינעם לאָמאָנאָסאָוו־אוניווערסיטעט. לויטן פּראָגראַם איז דער גאַנצער טאָג געווען באַשטימט פאַרן באַזוך, און די ישׂראלים זענען דערפון געווען זייער צופרידן. מער ווי אַלץ האָט זיי אינטערעסירט צו באַקענען זיך מיט חברים סטודענטן, און אויב מעגלעך — כאַפּן מיט זיי אַ שמועס.

דער אויספלוג האָט זיך אָנגעהויבן מיט אַ צוויי־שעהדיקער פאַרשפּע־טיקונג. דער אָפיציעלער תירוץ איז געווען, אַז ביז עלף אַזייגער ווערן קיין באַזוכער נישט אַריינגעלאָזט, כדי נישט צו שטערן די לעקציעס. געמיינט האָט עס אָבער צו פאַרמיידן פון די ישׂראלים זיך צוזאַמענצוטרעפן בעת די איבעררייסן מיט רוסישע סטודענטן.

דער וועג צום אוניווערסיטעט איז אַדורכגעגאַנגען זייער שנעל און זיי האָבן זיך אויף די גאַסן כמעט נישט אומגעקוקט. די חברה איז געווען גוט געשטימט. די געשעעניש פון באַזוכן דעם מאָסקווער אוניווערסיטעט איז געווען ביי זיי די גרעסטע אַטראַקציע. זיי האָבן זיך נישט געהאַט וואָס צו איילן, ווייל ערשט אין אָוונט האָבן זיי געהאַט אין פּראָגראַם צו באַזוכן דעם „מאָסקווער באַלעט”.

ווען זיי זענען אָנגעקומען אויפן לענין־באַרג האָט דער אויטאָבוס פון „אינטוריסט” זיך נישט אָפּגעשטעלט ביים פּאַרק־פּלאַץ, נאָר גלייך אַריינ־געפאָרן אויפן ברייטן הויף. די צענטראַלע דרייסיק־שטאָקיקע געביידע, וואָס האָט זיך אויפגעהויבן ווי אַ טורעם פונעם קאָמפּלעקס קלענערע בנינים, האָט פון דער נאָענט געמאַכט אַ ריזיקן רושם. די ישׂראלים האָבן זיך געפונען צווישן אַ לאַבירינט פון מויערן, פאַרפולטע מיט יונגע מענטשן. דער „גייד” האָט באַמערקט זייער צעטראָגנקייט און איז געווען צופרידן פונעם רושם, וואָס דער אוניווערסיטעט האָט געמאַכט אויף די געסט. ער האָט זיי באַלד אַריינגעפירט אין אַ גרויסן, ציכטיקן וואַרטזאַל, און אַליין איז ער אַוועק אָנמעלדן זייער וויזיט.

דער הויף פונעם אוניווערסיטעט איז געווען כמעט ליידיק. דאָ און דאָרט האָט אַדורכגעשפּאַנט אַ מענטש, אַ באַאַמטער אָדער אַ ריניקונג־אַרבעטער, און איז אין איילעניש ערגעץ ווו פאַרשוואונדן. אינעווייניק זענען די לעקציעס געווען אין פולן גאַנג. זיי זענען אַרויפגעפירט געוואָרן אויף דער

גאַלעריע פון דער פיזיק־קאַטעדרע און האָבן באַוויזן צו פאַרנעמען זייערע פלעצער, עטלעכע מינוט, איידער דער פּראָפעסאָר איז אַריינגעקומען.

אַ ווײַלע איז דער פּראָפעסאָר געשטאַנען און אויף וועמען געוואַרט. באַלד איז אַריינגעקומען אַ יונג מיידל, וואָס האָט געהאַלטן אין האַנט עטלעכע פּאַפּירלעך און אַ נאָטיצבלאָק און זיי אַוועקגעלייגט אויפן פּולפּיט.

יורם און צילאַ זענען געזעסן צוזאַמען.

— כ׳וואָלט געשווירן, אַז דאָס איז אַ ייִדישקע — האָט צילאַ אים אַ מורמל געטאָן אין אויער.

— וואָס קאָן מען וויסן — האָט יורם געצויגן מיט די פּלייצעס — בלאָנדע האָר און גרינלעכע אויגן זענען גאָר דער היפּוך פון דער סעמי־טישער ראַסע.

— אָבער עפּעס זאָגט מיר — האָט צילאַ זיך געהאַלטן ביי דאָס איריקע — אַז זי איז מיט אונדז אַ שטיקל קרובה. איר בליק וואָס זי האָט געוואָרפן דאָ אויף דער גאַלעריע, איז געווען ווי אַ שטילער „שלום״, וואָס איז געשיקט געוואָרן צו אונדז. געוויס האָבן זיי דאָך שוין געוווּסט, אַז אַ גרופּע ישׂראל־סטודענטן וועלן אַהערקומען.

די חברה זענען געזעסן שטיל, רויק, כאָטש זיי האָבן נישט פאַרשטאַנען די רוסישע שפּראַך. זיי האָבן בלויז פאַרשטאַנען עטלעכע אויסדרוקן, וועלכע ער האָט געזאָגט אין לאַטיין אָדער אין טעכנישע טערמינען, אָבער אין וואָס ס׳גייט, האָבן זיי נישט געוווּסט, כאָטש דער פּראָפעסאָר האָט געמאַכט עטלעכע צייכענונגען אויפן טאָוול.

ווען די לעקציע האָט זיך געענדיקט און אַלע סטודענטן האָבן זיך אויפגעשטעלט, האָבן נייגעריקע אויגן געבליקט אויף דער גאַלעריע. עפּעס ווי אַ ווינט איז אַרומגעלאָפן צווישן די סטודענטן: ישׂראלים!

ווען זיי זענען אַרויסגעגאַנגען פון זאַל האָט זיי דערוואַרט דער „גייד״.

— וועלן מיר קענען שמועסן מיט די חברים־סטודענטן?

— איך האָף אַז יאָ — האָט ער געענטפערט — כ׳וועל זיך באַמיִען אַלץ צו טאָן, איר זאָלט זיך מיט זיי צוזאַמענטרעפן. כאָטש איר קענט נישט רוסיש, וועט איר אָבער מיט זיי קענען שמועסן. אַ סך פון זיי רעדן פראַנ־צויזיש און ענגליש.

ס׳האָט נישט לאַנג געדויערט און מ׳האָט זיי פאַרבעטן אין אַ גרויסן זאַל אַריין, וואָס האָט אויסגעזען, ווי אַ קלוב. דער זאַל איז געווען באַפּוצט

מיט טעפּיכער און בלומענטעפּ. אויף די ווענט זענען געהאָנגען אַ סך בילדער, פון וועלכע זיי האָבן געקענט נאָר לענינען און מאַרקסן. אין דער זייט איז געווען אַ קליינער באַר מיט טיי און קאַלטע געטראַנקען.

אין דעם מאָמענט האָט מנשה שטיל אַ זאָג געטאָן:

— נישט אַריינלאָזן זיך אין קיין שום פּאָליטישע דיסקוסיעס!

די מאָסקווער סטודענטן האָבן געמאַכט אויף די ישׂראלים אַ שטאַרקן איינדרוק. זיי האָבן אויסגעזען גוט־דיסציפּלינירט. פון זייערע פּנימער האָבן אַרויסגעקוקט דרייסטע אויגן. די געסט האָבן זיך צעטיילט אין עטלעכע גרופּן. דער שמועס האָט זיך אָנגעהויבן וועגן פּשוטע פראַגן: וועגן דער צייט פון די סטודיעס, וועגן די לעקציעס, וועגן דער פּראָצעדור פון די עקזאַמענס און אַנדערע פּראָבלעמען, וואָס אינטערעסירן סטודענטן אין יעדן לאַנד. קיין שום פּאַכמענישע זאַכן וועגן פיזיק אָדער אַנדערע קעגנשטאַנדן זענען דערוויַיל נישט באַרירט געוואָרן. יעדע וויַילע האָט מען געזען ווי דער „גייד", וואָס דרייט זיך אַרום אין זאַל, העלפט אַרויס אַ גרופּע זיך צו פאַרשטענדיקן. אין דער גרופּע וווּ יורם און צילאַ האָבן זיך געפונען זענען געווען מער מיידלעך ווי ייִנגלעך. לויטן אַלגעמיינעם בליק האָט מען זיך געקענט אָריענטירן, אַז דער פּרויען־מין אין דער אוניווערסיטעט איז נישט ווייניקער פאַרטראָטן, ווי די מענער. אָבער דאָס איז פאַר די ישׂראלים נישט געווען קיין שום איבערראַשונג. קיינער פון זיי האָט נישט געפּרווּווט צו דערציילן עפּעס פון זיין לאַנד, אַחוץ פּערזענלעכע פּרטים: ווי לאַנג איינער לערנט, וואָס מ'לערנט און אין וועלכער שטאָט מ'לערנט. די רוסישע סטודענטן זענען געווען צופרידן פון די שמועסן, און כאָטש ביי קיינעם פון זיי האָט זיך נישט אַרויסגעכאַפּט דאָס וואָרט ישׂראל, איז אָבער זייער באַציִונג געווען אַ דעליקאַטע, אַ חברישע.

יורמען און צילען האָבן זייערע מיטשמועסער אויסגעזען גאָר סימ־פּאַטיש. צילאַ, ווי געוויינלעך מיט איר דרייסטקייט, האָט געפרעגט:

— צי וואָלטן מיר נישט געקאָנט אויך רעדן מיט אייערע פּראָפעסאָרן?

— דאָס ווייסן מיר נישט — האָבן די רוסן שמייכלנדיק געענטפערט. וועגן דעם דאַרפט איר פרעגן אין סעקרעטאַריאַט.

נאָר איינער פון די מאָסקווער האָט זיך פאָרגעשטעלט מיט זיין נאָמען: זאַכאַריאַש — און ער האָט געוואָלט וויסן:

— לערנען ביי אייך אויך סטודענטן פון אַנדערע נאַציעס?

— יאָ — האָט יורם געענטפערט — אַראַבישע, פון די אַפריקאַנישע לענדער און אַפילו פון אַמעריקע.

— איז זייער צאָל גרויס?

— כ׳מיין, אַז בערך צען פּראָצענט.

זאַכאַריאַש האָט אויפגענומען דעם ענטפער אָן װעלכער ס׳איז באַ־מערקונג. זיין זענען װייטער געװען אַריינגעטאָן אין אַ העפטיקן שמועס און אַפילו נישט באַמערקט, אַז דער „גייד״ איז אַװעקגעגאַנגען, אָבער באַלד האָבן זיי אים װידער געזען און געהערט זיין קול:

— פּראָפעסאָר סעמינאַװו װאַרט אויף אייך אין זיין קאַבינעט — האָט ער הויך געמאָלדן אין ענגליש.

מיט איין מאָל האָבן זיך איבערגעריסן אַלע שמועסן. אַ פּאָר מינוט שפּעטער זענען זיי געװען אינעם אויפנעם־צימער פונעם פּראָפעסאָר.

דער פּראָפעסאָר איז געזעסן אין אַ באַקװעמען פאָטעל. זיין פּנים איז געװען ערנסט, װי אַ שטייגער ביים אָפּנעמען עקזאַמענס. לעבן אים איז געשטאַנען אַ יונג מיידל.

— דאָס איז מיין אַסיסטענטין, ד״ר יאַניאַ דאַװידאָװנאַ ציטרין.

דאָס יונגע מיידל האָט זיך קוים אַ נייג געטאָן.

דער פּראָפעסאָר האָט אָנגעהויבן רעדן רוסיש און זיין ערשטע פראַגע איז געװען:

— נו, װי געפעלט אייך מאָסקװע?

— אויסגעצייכנט — האָבן זיך מיט אַ מאָל אָנגערופן עטלעכע שטימען.

אויפן פּראָפעסאָרס לאַנג־געשניטענעם פּנים האָט אַ בלאַנדזשע געטאָן אַ שמייכל, און ער איז איבערגעגאַנגען אויף ענגליש:

— מאָסקװע האָט חן ביי אַלעמען — האָט ער געזאָגט מיט אַן אַנדייט. צי װאָלט עמעצער פון אייך געװאָלט קומען לערנען ביי אונדז?

— מיר האָבן דאָך אונדזערע אוניװערסיטעטן — האָט גבריאל גע־ענטפערט.

— פון אייערע הויכשולן ביז אונדזערע איז אַ גרויסער אונטערשיד. חוץ דעם װאָס מיר לערנען דאָ װי אַזוי אַריינצודרינגען אין דער װיסנ־שאַפט און זי נעמען אין די הענט אַריין, זאָרגן מיר אויך דערפאַר, אַז זי זאָל װערן אויסגענוצט פאַר די מאַסן, פאַרן װויל פון דער מענטשהייט, און נישט פאַרן פּריװאַטן קאַפּיטאַל...

אַלע זענען שטיל געווען, בלויז יורם האָט „די קורצע לעקציע" נישט געקאָנט פאַרטראָגן און זיך אָפּגערופן.

— דענקט איר דען, הער פּראָפעסאָר, אַז ביי אונדז איז אַנדערש?

דער פּראָפעסאָר האָט אַראָפּגענומען די ברילן פון דער נאָז. אַ מינוט האָט ער אָנגעקוקט דעם דרייסטן ישׂראלי, איידער ער האָט געענטפערט:

— איך האַלט אַז דער סטודענט וואָס ווערט דערצויגן אין ראַטן־פאַרבאַנד האָט אַ דאָפּלטן זכות: סיי מיט זיין גרונטיקער לערע און סיי מיטן ציל אויסצונוצן די וויסנשאַפט נישט פאַר זיין קאַריערע, נאָר פאַרן וווּל פון פאָלק.

שפּעטער איז דער געשפּרעך געוואָרן ווייכער און מילדער. דער פּראָפעסאָר האָט זיי געפרעגט אויף וועלכע סעמעסטערס זיי זענען און וואָס יעדער איינער לערנט.

— און איר? — האָט ער אָנגעוויזן אויף יורמען.

— איך לערן באַרג־אינזשעניריע.

— זייער אַ וויכטיקער צווייג — איז ער געווען צופרידן — ביי אונדז איז פאַראַן אַ גרויסע פאַראינטערעסירונג מיט דער דאָזיקער וויסנשאַפט, און מיר שולן אויס גאַנצע קאַדרען אויף די געביטן. און וואָס נאָך פאַר אַ קעגנשטאַנדן לערנט איר אויף דעם זעלבן פאַקולטעט?

יורם האָט זיך אַ ביסל געוואַקלט אין ענטפער:

— מיר לערנען אויך געאָלאָגיע און אַ ביסל פיזיק, וואָס איז פאַרבונדן מיט געאָלאָגישע עקספּערימענטן.

— אָ, זענט איר אויף דעם ריכטיקן וועג, אָן פיזיק קאָן מען די וויסנשאַפט נישט אויסנוצן, אויב מיר ווילן אַריינגיין אין אַ קאָנפליקט מיט דער נאַטור און ענדערן דעם אויסזען פון איר אויבערפלאַך.

— און איר? — האָט ער אַ וווּיז געטאָן אויף צילען.

צילאַ האָט זיך אַ ביסל פאַרשעמט. אירע באַקן האָבן גענומען זיך צינדן מיט אַ רויט פלעמעלע, אָבער זי האָט גלייך געענטפערט.

— סאָציאָלאָגיע.

— און איך האָב געדענקט — האָט דער פּראָפעסאָר אַ זאָג געטאָן שפּאָטיש — אַז ביי אייך לערנט מען נאָר מלחמה־סטראַטעגיע... אייך אוניווערסיטעט אין גאַנצן לענדל?

— פֿאַראַן נאָך אַ צווייטע, און זי וועט אויסוואַקסן אפשר אַ נאָך גרעסערע, ווי אין ירושלים.

— ווו?

— אין תל־אביב.

— דאָס מיינט... אַז די תל־אביבער סוחרים קאָנקורירן מיטן גייסטיקן צענטער פֿון ירושלים?...

מנשה האָט זיך נישט געמאַכט וויסנדיק וועגן פּראָפעסאָרס שטעכווערטל, און ממשיך געווען:

— און אַ דריטע איז פֿאַראַן... בר־אילן־אוניווערסיטעט... ס׳קאָן זיין, אַז אויפֿן געביט פֿון רעאַליסטישע וויסנשאַפֿטן וועט די תל־אביבער אוניווערסיטעט קענען אויפֿנעמען אַ גרעסערע צאָל סטודענטן, ווי די ירושלימער.

— קומט איר אויך אין באַרירונג מיטן ווייצמאַן־אינסטיטוט?

— ביז מיר ענדיקן נישט די לימודים האָבן מיר דאַרטן נישט וואָס צו טאָן. טייל מאָל באַזוכן מיר די דאָרטיקע לאַבאָראַטאָריעס.

דער פּראָפעסאָר האָט עפּעס פֿאַרנאָטירט, און שרייבנדיק האָט ער געזאָגט:

— יאָ, וועגן ווייצמאַן־אינסטיטוט האָבן מיר עפּעס געהערט. איך האָב אַפֿילו געלייענט עטלעכע וויסנשאַפֿטלעכע אַרבעטן פֿון דאָרטן, וואָס האָבן מיך פֿאַראינטערעסירט.

— הייסט עס — האָט זיך יורם אָנגערופֿן, אַז מיר זענען נישט קיין פֿרעמדע ביי אייך. איר הערט אַ מאָל פֿון אונדז...

— פּאָר פּאָזיטיווע דערשיינונגען, פֿון וואַנען־נאָר זיי זאָלן נישט קומען, האָבן מיר תמיד אַ פֿאַראינטערעסירונג, אַפֿילו, ווען זיי באַווייזן זיך פֿון אונטער שוואַרצע וואָלקנס...

די לעצטע ווערטער פֿון פּראָפעסאָר האָבן אַ ביסל אָפּגעקילט די התלהבות פֿון די ישׂראלים. זיי האָבן דערפֿילט דיווירקלעכקייט און די אַטמאָספֿער וואָס הערשט דאָ בנוגע ישׂראל.

ווען דער פּראָפעסאָר איז פֿאַרטיק געוואָרן מיט זיין פֿאַרנאָטירן, האָט ער ווייטער געצויגן:

— איר דאַרפֿט דאַנקען דעם סאָוויעטסקי סאָיוז. אינעם ווייצמאַן־אינסטיטוט געפֿינען זיך געלערנטע, וואָס זענען ביי אונדז געבוירן און

אויסגעבילדעט געוואָרן. זיי האָבן מיטגענומען אַ גרויסן אַרסענאַל פון וויסן און פּראַקטיק. איך קען עטלעכע פון זיי פּערזענלעך און האָף, אַז זיי וועלן צו אונדז צוריקקומען...

יורם האָט געוואָלט אַ פרעג טאָן ווער, אָבער צילאַ האָט אים אַ שטופּ געטאָן מיט דער האַנט.

— האָט ווער פון אייך פאַרשטאַנען מיין לעקציע?

— נאָר עטלעכע, אָבער אויך שוואַך.

— אויב אַזוי וועט איר באַקומען אַ מתנה פון מאָסקווע.

ער האָט עפּעס אַ זאָג געטאָן צו דער אַסיסטענטין. זי איז אַרויס פון קאַבינעט און באַלד צוריקגעקומען מיט אַ פּעקל סטענצלען אין דער האַנט און אָנגעהויבן טיילן.

דער פּראָפעסאָר האָט זיך צוגעקוקט ווי מ׳כאַפּט זיין לעקציע פון איר האַנט. ס׳איז געווען אַ רעפּעראַט וועגן דער באַוועגלעכקייט פון די מאָלעקולן, פאַר סטודענטן פון צווייטן יאָרגאַנג. אין דער וויסנשאַפטלעכער וועלט איז דאָס קיין סוד נישט.

בעת יאַניאַ דאַווידאָוונאַ האָט פאַרטיילט די פּאַפּירן, האָט איר פּנים געשטראַלט. צוקומענדיק צו צילען האָט זי זי אַדורכגענומען מיט די אויגן. צילאַ האָט דערפילט, אַז צוזאַמען מיטן סטענצל, האָט זי איר אַריינגעשטעקט אַ פּאַפּירל און שטאַרק אַ דריק געטאָן די האַנט. זי האָט זיך געכאַפּט, און אָן אַ בליק צו טאָן דערין האָט זי עס פאַרשטעקט אין לאַנגן אַרבל פון איר בלוזקע.

ווי אַ סימן, אַז די אודיענץ איז געענדיקט, האָט זיך דער פּראָפעסאָר אויפגעשטעלט.

— דאָסווידאַניאַ, דאָסווידאַניאַ!

— מיר וואָלטן געווען גליקלעך אויפצונעמען די חברים, וואָס מיר האָבן דאָ באַקענט, אין ירושלים, אין חיפה...

דער פּראָפעסאָר האָט אַ שמייכל געטאָן און אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט:

— דאָסווידאַניאַ! דאָסווידאַניאַ!

אַזאַ ווייכקייט און האַרציקייט האָט יאַניאַ שוין לאַנג, ביי אים נישט באַמערקט.

— ס׳איז אַן אויסערגעוויינלעכער פּאַל, דער ערשטער וואָס איך האָב בייגעוווינט — האָט דער אינטוריסט־אַגענט — אַ צופרידענער געזאָגט.

דער חברה האָט זיך נאָך אַלץ נישט געגלוסט צו פאַרלאָזן דעם קאַמפּוס. די איינציקע וואָס האָט זיך קוים געקענט דערוואַרטן זיי זאָלן צוריקפאָרן אין האָטעל אַריין, איז געווען צילאַ. דאָס צעטעלע, וואָס איז געווען פאַרשטעקט אינעם אַרבל, האָט געררייצט איר נייגעריקייט. זי איז געווען געשפּאַנט צו וויסן, וואָס אַזוינס האָט די יונגע וויסנשאַפטלערין אָפּגעטאָן? האָט זי בלויז איר אַריינגעשטעקט אַ צעטעלע אין האַנט, אָדער אויך אַנדערע? אָבער צילאַ האָט זיך נישט אונטערגעגעבן די נייגעריקייט, און ביז זיי זענען נישט צוריקגעקומען אין האָטעל אַריין, האָט זי אין דעם שטיקל פּאַפּיר נישט אַריינגעקוקט.

ווען זיי האָבן אָפּגעגעסן, האָט צילאַ זיך מער נישט געקענט איינהאַלטן ביז זי וועט אַרויפגיין אין צימער. פאַרזיכטיק האָט זי די הענט אַרונטער־געשטעקט הינטערן טישטעך פון עסטיש און אַרויסגענומען דאָס צעטעלע. מיט איין בליק האָט זי דערזען אַן אַדרעס און אַ צושריפט: „היינט פינף אַ זייגער”.

זי איז צוגעגאַנגען צו יורמס טישל און אים אַ שושקע געטאָן:

— קלאַפּ אָן אין מיין טיר פיר אַזייגער און וואַרט ביז כ׳וועל אַראָפּ־קומען אין דער לאַבי. גיי נישט אַריין אין צימער!

זי איז גלייך אַוועק. יורם האָט נאָר באַוויזן אַ שאָקל צו טאָן מיטן קאָפּ אויף יאָ.

די חברה איז נאָך פאַרבליבן אַ צייט אין דער לאַבי. דעם באַזוך אין דער אוניווערסיטעט האָט יעדער אַנדערש אויסגעטייטשט. געווען אַזעלכע וואָס אין יעדן פּראָפעסאָרס וואָרט האָבן זיי געפונען אַ באַהאַלטענע שׂנאה צו ישׂראל. אַנדערע ווידער האָבן אונטערגעשטראָכן די גוטע זייט — זיין דערמאָנען זיך וועגן חברים פון ווייצמאַן־אינסטיטוט, אָבער אַלע זענען זיי געווען צופרידן פון די חברים־סטודענטן, וואָס האָבן איבערגעלאָזט אַ גוטן רושם אויף אַלעמען.

— מיר דאַכט זיך — האָט יצחק געזאָגט — אַז ער איז געווען אַ ביסל צו פיל גאַליק. אין זיינע רייד האָט ער אַריינגעמישט שטעכווערטלעך פון אַ קאַזיאָנעם נוסח.

— און איך — האָט מנשה געזאָגט — האָב געהאַט דעם איינדרוק, אַז דאָס האָט גערעדט אַ מענטש, וואָס איז איבערגעשראָקן.

— ס׳קאָן זיין, אַז ער איז אַ גוטער מענטש פון דער נאַטור, נאָר דער רעזשים געוועלטיקט אויך אין יעדן ווינקעלע פון אוניווערסיטעט, און ביי אַזעלכע באַדינגונגען קאָן מען נישט פאַרלאַנגען פון אַ מענטשן ער זאָל מאַכן איין טריט ווייטער פון דער אָנגעצייכנטער ליניע.

— און איך האָב געהאַט דעם איינדרוק — האָט איינער פון די חברה זיך אָנגערופן — אַז אין זיינע רייד איז געלעגן אַ באַהאַלטענע בענקשאַפט צו באַזוכן זיינע חברים אינעם וויצמאַן־אינסטיטוט, אָבער דאָס, ווייסט ער אַליין, איז בלויז אַ חלום.

— און וואָס זאָגסטו וועגן זיין שיינע אַסיסטענטין?

— זי זעט אויס צו זיין אַ וווּיל מיידל. זי וואָלט זיך גיכער אַריינגעפּאַסט אין אונדזער סביבה.

— נו גענוג, גענוג! — האָט זיך אַריינגעמישט מנשה — דעם באַגאַזש מיינונגען וועט איר אויספּאַקן אין חיפה... פאַרגעסט נישט צוצוגרייטן זיך צום היינטיקן אָוונט אין „באָלשאָי טעאַטער".

— וואָס, מ׳לאָזט דאָרט נישט אַריין אָן אַ סמאָקינג און צילינדער?

אַלע האָבן זיך צעלאַכט, אויפגעשטעלט און געגאַנגען אין די צימערן.

יורם איז אַריין אין זיין צימער. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן בעט, גענומען אַ בראָשור אין האַנט און אָנגעהויבן לייענען. ס׳איז אים נישט געווען וויכטיק וואָס ער לייענט. פאַר אים האָט אַ שוועב געטאָן דאָס פּנים פון יאַניאַ דאַווידאָווגאַ. ער האָט זיך נישט געקאָנט דערמאָנען, צי אין אירע אויגן האָט זיך אָפּגעשפּיגלט צעטומלונג אָדער פרייד. אָבער איין זאַך איז פאַר אים קלאָר געווען, אַז דער נאָענטער צונויפטרעף מיט זיי איז פאַר איר געווען אַ וויכטיק געשעעניש.

ער איז אויפגעשטאַנען, גענומען דרייען זיך איבערן צימער און צוגעגאַנגען צום פענצטער. פון ווייטנס האָט פון אַ הויכן קופּאָל אַראָפּגעבליצט אַ טאָפּלטער פּראַוואָסלאַווער צלם. נאָך אַ האַלבן יאָרהונדערט אַקטיאַבער־רעוואָלוציע — איז נאָך אַלץ מאָסקווע די שטאָט „פון פּערציק מאָל פּערציק צערקוועס"?

ער האָט אַ קוק געטאָן אויפן זייגער. ס׳איז שוין געווען אַ קנאַפּע שעה, צו דער צייט ווען ער האָט באַדאַרפט אָנקלאַפּן אין צילעס צימער. פאַר

לאַנגווייליקייט האָט ער אָנגעהויבן צו בלעטערן אין זיין נאָטיצביכל און זיך דערמאָנט אינעם אַדרעס, וואָס ער האָט געזאָלט אויפזוכן אין מאָסקווע. אַצינד וואָלט פּונקט געווען גוט דאָס צו טאָן, אָבער צוליב צילעס אָנזאָג צו וואַרטן אויף איר, האָט ער זיך נישט געקאָנט אָפּרייסן. ערשט איצט האָט ער אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, אַז ער ליבט זי. אַ גליִענדיקער קנויל בענק־שאַפט דרייט זיך אין אים, אַרום זיין נשמה. ער האָט דאָס אויפגענומען מיט אַזאַ רויִקייט, ווי איינער לייגט אַרויף זיין פינגער אויף דער צווייטער האַנט און ציילט די קלעפּ פון זיין אייגענעם פּולס. נאָר ווען ס'איז אויפגעשווומען אַ מחשבה: „הייסט דאָס גליק, ווען מ'ליבט יענעמס פרוי"? איז ער ווידער אומרויִק געוואָרן און זיך נישט געקאָנט קיין עצה געבן מיט זיך אַליין.

די רייזע קיין רוסלאַנד האָט זיך אים אויסגעוויזן ווי דער אַריינפאָר אין אַ נייער תקופה, און כאָטש זי איז געווען אויסגעשטעלט בלויז אויף צוואַנציק טעג, איז אים פאָרגעקומען ווי אַ שטיק לעבן שטעקט דאָ אין דעם. וואָס ס'וועט דערפון אַרויסקומען — וועגן דעם האָט ער אַפילו נישט געוואָלט טראַכטן. אַצינד איז ער געווען אַ ביסל ניכטערער און זיך נישט איינ־גערעדט, אַז אין פּאַריז האָט זי זיך צו אים דערנענטערט דערפאַר, וואָס ער האָט געמאַכט אויף איר אַ שטאַרקן איינדרוק. ער האָט אָבער דערפילט אַ ליבשאַפט צו איר פאַר געבן אים אַ ביסל גליק, וואָס האָט דערוועקט אין אים גלויבן צו זיך אַליין. ער האָט קוים, קוים זיך דערוואַרט דער זייגער זאָל ווייזן פיר.

ערשט איצט האָט ער אָנגעהויבן אַריינטראַכטן, אַז צילאַ פירט זיך אויסטערליש אויף. ס'אינטערעסירן זי נישט, נישט די גאַסן און נישט די אויספלוגן, אַפילו נישט די שמועסן, אין וועלכע זי פלעגט אַלע מאָל אַריינגיין טיפער און פלעגן זיך פאַרציִען שעהען־לאַנג. ער האָט אָבער געוווּסט, אַז פון איר וועט ער זיך גאַרנישט דערוויסן, אַז אויב זי וועט אים אַליין נישט דערציילן, וועט ער מיט קיין שום פאָרטל פון איר גאָרנישט קענען אַרויסקריגן.

ראַש איז ער אַרויס פון זיין צימער און געאיילט איבערן שמאָלן, לאַנגן קאָרידאָר ביז ער האָט אָנגעקלאַפּט אין דער טיר.

פון אינעווייניק האָט זיך געהערט אַ קלאָרע שטימע:

— יורם!

— וואַרט אויף מיר, כ׳קום באַלד.

צוריקגעגאַנגען איז ער פֿאַמעלעך. ביים קליינעם טישל איז נאָך אַלץ געזעסן די אָבסערוואַטאָרין. זעענדיק אים צוריקגיין, האָט זי אַ שמייכל געטאָן:

— וואָס אַרט מיך וואָס זי טראַכט וועגן מיר? סיי ווי, אין צוויי טעג אַרום זאָגן מיר „אַדיע מאָסקווע״.

אין דער גרויסער לאָבי איז שטיל געוועז. ווייניק מענטשן האָבן זיך דאָרט געפֿינען. אויך די, וואָס האָבן זיך אַרומגעדרייט, אָדער געזעסן ביי טישלעך, האָבן אין יורמס אויגן אויסגעזען ווי פֿאַרבלאָנדזשעטע, וואָס וואַרטן אויף אַן אָנזאָג אָדער דערלויבעניש פֿון דאַנען אַרויסצוגיין. ער האָט זיך נאָך אַ מאָל אַרומגעקוקט. קיין שום פֿריילעך פּנים האָט ער נישט געזען. ס׳מוזן זיין אַלץ פֿרעמדע, ווייל דער רוסישער מענטש האָט זיך ליב באַקוועם אויפֿצופֿירן: עסט, רייכערט, לאַכט און איז אַלע מאָל גרייט צו כאַפּן אַ טענצל. ער האָט אָפּגעקליבן אַ טישל אין אַ ווינקל ביים פֿענצטער, זיך אַוועקגעזעצט, געוואַרט. ביז צילאַ וועט זיך אָנטאָן — וועט עס נאָך געדויערן. אָבער איידער ער האָט נאָך באַוויזן אויסצורייכערן אַ פּאַפּיראָס האָט ער זי דערזען.

— זיך אויסגערוט?

זי האָט אַ שמייכל געטאָן.

— אין תל־אביב וואָלט איך קיין מאָל נישט געגלייבט, אַז דו ביסט אַזוי פֿאַמיליאַר...

יורם האָט דאָס אויפֿגענומען ווי אַ גוטן שפּאַס.

— דו ווייסט — האָט ער געשמייכלט — אַז אַ וואָרט איז אַ מאָל ווי אַ פֿויגל, וואָס רייסט זיך אָפּ פֿון בוימצווייג, איידער דער בלאָט באַווייזט אַ ציטער צו טאָן.

— אָ, שיין, פּאָעטיש!

באַלד אָבער האָט זיך דאָס ליכט פֿון איר פּנים געביטן און זי איז געוואָרן ערנסטער.

— איך טאָר קיין מינוט צייט נישט פֿאַרלירן, כ׳מוז באַזוכן ווייטע קרובים אין שטאָט. דו וועסט געוויס נישט אָפּזאָגן מיך צו באַגלייטן.

— וואָס פֿרעגסטו? פֿאַר מיר וועט דאָס זיין אַ פֿאַרגעניגן...

דאָס פרייט מיך — האָט זי אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ — ווייזט אויס, אַז דו ביסט באמת אַ ווילער בחור.

זיי האָבן זיך אויפגעשטעלט. צילאַ האָט אים אָנגענומען אונטערן אָרעם און זיי זענען אַרויס אין גאַס. אין גאַס האָט זי אים געדריקט צו זיך. אַ שפּאָר שטיקל וועגס זענען זיי געגאַנגען שווייגנדיק.

— מיר מוזן נעמען אַ טאַקסי — האָט ענדלעך צילאַ זיך אָנגערופן.

אַ פּאָר טריט ווייטער האָבן זיי באַמערקט אַ גאַנצע ריי טאַקסיס. די שוואַרצע היטן מיט גלאַנציקע דאַשקעס, וואָס די שאָפערן האָבן געטראָגן, האָבן געפּאַסט צו זייערע געזונטע, ברייטע פּנימער. ווי נאָר זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט איז איינער פון זיי צוגעגאַנגען און צילאַ האָט אים געוויזן דאָס צעטעלע מיטן אַדרעס.

ער האָט ברייט געעפנט דאָס טירל.

— פּאָזשאַלוסטאַ — גייט אַריין אינעווייניק.

די טאַקסי האָט גענומען זיך שטיל גליטשן איבער די מאָסקווער גאַסן באַלד זענען זיי אַרויס פון די ברייטע אַלעען אין אַ קוואַרטאַל פון נייע סטאַנדאַרט־הייזער. אַ ביסל שפּעטער האָט דער שאָפער גענומען קוקן אויף נומערן פון די הײַזער, און באַלד האָט זיך די טאַקסי אָפּגעשטעלט. ער איז אַרויס און אַ ווײַז געטאָן:

— אָט דאָ איז עס.

— וויפל?

ער האָט געוויזן אַ גאַנצע האַנט פינגער און צילאַ האָט אים נאָך צוגע־לייגט טרינקגעלט.

זיי זענען אַרײַן אין דעם הויז און אויפן פערטן שטאָק אָנגעקלאַפּט אין אַ טיר.

אַן אַלטיטשקע פרוי האָט געעפנט און זיי אָנגעקוקט מיט שטוינענדיקע אויגן, אָבער באַלד איז צוגעקומען אַ מאַן מיט אַ גרויסן באַוואַקסענעם קאָפּ.

דער אַלטער, כאָטש ער האָט אויף זיי געקוקט מיט פאַרדאַכט, האָט זיי אַריינגעבעטן אינעווייניק, און ווען זיי האָבן געזאָגט צו וועמען זיי דאַרפן, האָט ער אָנגעקלאַפּט אין אַ זייטיקער טיר און אַ יונג מיידל איז אַרויס־געקומען.

דאָס איז זי דאָך! — איז יורם איבערראַשט געוואָרן. צום פּראָפעסאָרס

אַסיסטענטין האָט דאָך צילאַ אים מיטגענומען. ווער האָט איר געגעבן דעם אַדרעס? ווי אַזוי טרעפט זי דאָ אַהער?

דאָס מיידל האָט זיך גאָר אַנדערש אויפגעפירט ווי די אַלטע פרוי. בעת יענע האָט זי נאָך אַלץ אָנגעקוקט מיט שרעק, האָט יאַניאַ מיט צופרידנקייט פאַרבעטן די געסט.

— ביטע, קומט אַריין! אַ דאַנק אייך — האָט זי געדריקט צילעס האַנט — מיין פאַרגעפיל האָט מיך נישט אָפּגענאַרט. כ׳האָב געוווסט, אַז איר וועט מיך קומען באַזוכן.

יורם איז געשטאַנען ווי אַ נישט דאָיִקער. ער האָט אַלץ נישט געקאָנט פאַרשטיין, ווי אַזוי צילאַ האָט שוין באַוויזן מיט איר צו פאַרבינדן אַ קאָנטאַקט. יאַניאַ דאַווידאָוונאַ האָט דאָך צו קיינעם קיין וואָרט נישט אַרויסגערעדט, און צילאַ, ווידער, ביז זיי זענען דאָ אַהערגעקומען, האָט זי דאָך אַפילו מיט קיין רמז נישט אָנגעדײַט צו וועמען זיי פאָרן. אַ געדאַנק איז ביי אים פאַרבייגעלאָפן: „דו מיינסט, אַז דו קענסט שוין צילען״?...

— איר בלייבט נאָך לאַנג אין מאָסקווע? — האָט יאַניאַ געפרעגט.

— געציילטע טעג.

זיי האָבן געזוכט אַ שפּראַך זיך צו פאַרשטענדיקן. רוסיש, האָט יאַניאַ געוווסט, קענען זיי נישט. מיט פראַנצויזיש און ענגליש איז אויך שווער אָנגעקומען. אפשר רעדט איר יִדיש? — האָט זי געפרעגט.

— פרוווט — האָט יורם געזאָגט. און שוין ביי די ערשטע ווערטער האָט ער איבערגעריסן אירע רייד:

— ווי קומט צו אייך אין מאָסקווע יִדיש?

— דאָס איז געווען די שפּראַך פון מיינע עלטערן — האָט זי אָפּ־געזיפצט.

דאָס צימער איז געווען אַ קליינס, קלענער פון דעם, ווו די אַלטע לייט האָבן געוווינט, און פאַרוואָרפן מיט ביכער און זשורנאַלן. אין אַ ווינקל איז געשטאַנען אַ קליין סאַמאָוואַר און אַן עלעקטרישע פליטע אויף איין פייערקע.

— כ׳וועל מאַכן טיי.

— קיין סך צייט האָבן מיר נישט — האָט צילאַ באַמערקט.

— אָבער טיי וועט איר מיר נישט אָפּזאָגן צו טרינקען.

בעתן דערלאַנגען די טיי, האָט זי זיך נעענטער צוגעבויגן צו צילען.

— אָ, ווען איר זאָלט וויסן ווי איך האָב זיך דערפרייט מיט אייער באַזוך אין אוניווערסיטעט...

צילאַ האָט באַלד אין יאַניען דערפילט אַן עכאָ פון דערשטיקטער פרייהייט, און נאָך איידער זי האָט עפּעס וועגן איר געוווּסט, געהאַט דאָס געפיל, ווי אַ צופאַל וואָלט איר צוזאַמענגעברענגט מיט אַ פאַרלוירענער שוועסטער.

— טרינקט — האָט יאַניאַ געזאָגט — ביי אונדז נעמט מען אויף ליבע געסט מיט רוסישער טיי.

— אַ רוסיש גלעזל טיי האָט אַ טעם — האָט יורם זיך פּאָסמאַקעוועט. כ׳לעבן ס׳לוינט צו קומען קיין מאָסקווע טרינקען טיי...

— איר זענט איינע אַליין ?

— איינע אַליין.

— און אייערע עלטערן ?

— מ׳האָט זיי צוגענומען ביי נאַכט און אַוועקגעשיקט.

— זיי לעבן נאָך ?

— יינגערע פון זיי האָבן נישט אויסגעהאַלטן.

— פאַר וואָס האָט מען זיי צוגענומען ?

— פינף מיליאָן „פאַרוואָסן" האָט סטאַלין מיטגענומען מיט זיך אין קבר אַריין.

צילען איז דאָס אויסגעקומען מאָדנע. זי האָט זיך אַנגעלייענט און אָנגע־הערט וועגן ראַטן־פאַרבאַנד, און זי האָט געוווּסט, אַז אַ קינד פון אַ פּאָליטיש־פאַרשיקטן ווערט אויך פאַררעכנט פאַר אַ „געפערלעכן עלעמענט" מיט אַ „פלעק" אויפן גאַנצן לעבן. האָט זי דרייסט יאַניען אַ פרעג געטאָן :

— אויב אַזוי, טאָ ווי קומט עס, אַז מ׳האָט אייך אָנגענומען אויף דער אוניווערסיטעט ?

— איך בין דעמאָלט געווען יינגער פון צען יאָר. אפשר איז דאָס געווען מיין מזל, אָדער אומגליק... אין אַזאַ עלטער לייגט מען נישט אַרויף די זינד פון די עלטערן... כ׳וויל אָבער נישט באַלאַסטן אייך מיט מיין טראַגעדיע, כאָטש כ׳פיל, אַז מיט אייער אָנוועזנהייט לינדערט איר דעם ווייטיק אין מיר... דערציילט מיר בעסער פון דער נייער היים, פונעם יידישן לאַנד — אַ געלעגנהייט וואָס טרעפט איין מאָל אין לעבן...

דער שמועס האָט זיך וואָס אַ מאָל מער אַנטוויקלט. די געסט האָבן פאַרגעסן, אַז זיי זענען אין מאָסקווע. יאַניאַ האָט געשלונגען זייערע רייד.

צום מערסטן האָט זי גערעדט מיט צילען, אָבער כדי אויך יורמען אַרויסצווייזן העפלעכקייט, האָט זי זיך געווענדט דירעקט צו אים.

— איר האָט, דאַכט זיך, געזאָגט דעם פּראָפעסאָר, אַז איר לערנט באַרג־אינזשיניעריע?

— ריכטיק! און איר?

— איך האָב געענדיקט אַטאָם־פיזיק. געוועָן ערגעץ־ווו אויף פּראַקטיק, אָבער מ׳האָט מיך צוריקגעשיקט קיין מאָסקווע, און איך העלף צו דעם פּראָפעסאָר.

— ער זעט אויס צו זיין אַ גוטער מענטש.

— יאָ, דאָס קאָן מען נישט אָפּלייקענען, אָבער ער איז זייער אַ שטרענגער, און טייל מאָל — אַ קאַפּריזנער, ווי די מענטשן פון זיין דור.

— פון די לאַבאָראַטאָריעס צו דער קאַטעדרע — הייסט עס, אַז איר האָט אַוואַנסירט.

זי האָט זיך פאַרצויגן מיט אַ פּאַפּיראָס.

— גראָד פאַרקערט... איז ווי האָט איר דאָס געזאָגט? ס׳זענען שוין פאַראַן דריי אוניווערסיטעטן אין ישראל?

— געוויס — אין ירושלים, בר־אילן און דער תל־אביבער אוניווער־סיטעט, און אַחוץ דעם דער חיפהער טעכניקום, קונסט־אַקאַדעמיעס. אַגראַר הויכשולן, און מ׳רעדט אויך וועגן אַן אוניווערסיטעט אין דער הויפּשטאָט פון נגב.

יורם האָט אַ קוק געטאָן אויף איר און געזען ווי אירע אויגן לייכטן.

— און וואָסערע זענען אייערע פּלענער פאַר דער צוקונפט?

— ווי ביי יעדן סטודענט — ענדיקן און אַרבעטן ביי זיין פאַך.

— איר האָט דאָך ביי אייך אַ פרייען אויסוואַל?

— געוויס.

— איר זענט גליקלעכע מענטשן. ווען כ׳האָב געזען אייער גרופּע האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז כ׳בין אין ירושלים...

יורם האָט אַ ציטער געטאָן. „ווער ווייס אויב ס׳איז נישט אַ גוט צוגעגרייטע פּראָוואָקאַציע" — האָט ער געטראַכט. ערשט איצט האָט ער גענומען אַריינקלערן אין דעם אויסערגעוויינלעכן צוזאַמענטרעף. אויך

צילען האָט די גאַנצע פּאַסירונג אָנגעהויבן נישט געפעלן צו ווערן. אָבער זי, מיט איר האַסטיקן טעמפּעראַמענט, האָט באַשלאָסן גלייך צו וויסן „אויף וועלכער וועלט זי איז" און זיך מיט יאַניען אַדורכשמועסן הינטער פיר אויגן.

— יורם, זײַ נישט בייז. כ׳וויל זיך דאָ אַדורכרעדן וועגן אַ פּאָר ווייבערישע זאַכן...

— איך האָב גאָרנישט דאָקעגן — האָט ער זיך גלייך אויפגעשטעלט. ווו זאָל איך אויף דיר וואַרטן, צילאָ?

יאַניאָ האָט נישט פּראָטעסטירט, אַפילו נישט געגעבן אָנצוגעהערן, אַז ער שטערט נישט. זי האָט אים אַרייַנגעפירט אין צווייטן צימער צום אַלטיטשקן פּאָר.

— דערלויבט דעם חבר דאָ צוּוואַרטן, ווייל כ׳וויל זיך איבערטאָן.

— פּאַזשאַלוסטאַ, פּאַזשאַלוסטאַ, זיצט!

— נו, פּרובירט נאָך אַ מאָל מיינע פּאַפּיראָסן.

— ספּאַסיבאָ, נישט שלעכט, אָבער מאַכאָרקע שמעקט בעסער...

ווי נאָר יורם איז אַרויס האָט צילאָ אָפן געפרעגט:

— כ׳פאַרשטיי, אַז איר האָט מיר עפּעס וויכטיקס צו זאָגן, אַנדערש וואָלט איר דאָך מיר דאָס צעטעלע מיט אייער אַדרעס נישט אַרייַנגעשטופּט אין האַנט...

יאַניאָ האָט אַ מינוט געטראַכט, דערנאָך האָט זי האַסטיק אַרויסגעוואָרפן די ווערטער.

— כ׳וויל זיך ראַטעווען.

— וואָס הייסט?

— ווי איר הערט.

— כ׳הייב נישט אָן צו פאַרשטיין — האָט צילאָ געצויגן מיט די אַקסלען — איר געפינט זיך אויף אַזאַ בכבודיקע שטעלע. איר האָט מסתמא אייער געזעלשאַפט, אייערע נאָענטע חברים...

— איך בין דאָ אַ געבוירענע, אַ דערצויגענע, אָבער דאָך טרעף איך אָן אויף אַזעלכע זאַכן, וואָס דערמאָנען מיך, אַז כ׳בין אַ „יעווריעיקאַ", און צי מיין מאָרגן איז אַ געזיכערטער — בין איך שטענדיק אין צווייפל...

— איר זעט אָבער אויס מונטער און גליקלעך.

— איך באַמי זיך אַזוי אויסצוזען... אַנדערש קאָן דאָס אויך אַרויסרופן אַ פאַרדאַכט.

צילאַ האָט זיך אויפגעשטעלט. פאַר איין מאָל וועט דאָס נישט גיין — האָט זי געטראַכט. איך מוז מיר גוט איבערקלערן מיט וועמען כ׳האָב צו טאָן.

— מיר וואָלטן גערן מיט אייך נאָך פאַרבראַכט — האָט זי זיך אַנטשולדיקט — אָבער גראָד האָבן מיר, אונדזער גאַנצע גרופּע, אויף היינט בילעטן אין „באַלשאָי טעאַטער״, איך גלייב, אַז מיר וועלן זיך נאָך אַ מאָל קענען טרעפן.

— זייער גערן. כ׳וועל קומען צו אייך אין האָטעל.

זי איז אַרויס מיט צילען פון צימער און זיי באַגלייט ביז אין דער גאַס אַריין.

ווען זיי זענען צוריקגעקומען אין האָטעל האָט זיך צילאַ אָפּגעשטעלט ביים אַריינגאַנג און יורמען באַפוילן:

— האָסט גאָרנישט געהערט און ביסט ביי קיינעמען נישט געווען!

קאַפּיטל ניין

דער אָוונט אין „באַלשאָי טעאַטער״ איז אַדורך מיט גרויס פייערלעכקייט. יענע צייט איז געווען דער הויכפּונקט פון טוריסטיק קיין סאָוועט־רוסלאַנד; מאָסקווע איז געווען אָנגעשטאָפּט מיט טוריסטן פון די מערב־לענדער. די ישׂראלים האָבן זיך אַרומגעקוקט אין זאַל און געזען אַ גרויסע צאָל אַמעריקאַנער. ס׳איז געווען אַן אָוונט, ווען מ׳האָט פאַרגעסן אין רעזשים, אינעם לאַנד, אין וועלכן מ׳געפינט זיך, און געפילט אַ נאָענט־שאַפט, אַ פאַרבינדונג מיט דער בינע. מ׳האָט באַוווּנדערט די קרעאַציעס פון די טענצערינס און טענצער. די רוסישע מוזיק האָט פאַרשיכורט. איינע אַ יונגע בלאָנד מיידל, אַ פּרימאַדאָנע־טענצערין, האָט זיך באַוויגן ווי אַ ווינט. מ׳האָט נישט אַראָפּגעלאָזט די אויגן פון איר אויסגעטאָקטער פיגור און פון אירע פיס. און ווידער האָט זיך אויף דער בינע באַוויזן דער גאַנצער דינאַמישער אַנסאַמבל, וואָס האָט מיטגעריסן מיט זיך.

ווען די ישׂראלים זענען צוריקגעקומען אין האָטעל אַריין, האָבן זיי

נישט געוואַלט גיין שלאָפֿן. זיי זענען געווען אונטערן איינדרוק פֿון דער זעלטענער דערשיינונג — דעם באַלעט. מאָרגן האָבן זיי געוווּסט, איז אַ פֿרייער טאָג, אָן אַ „פּראָגראַם", און זיי וועלן קאָנען שלאָפֿן אַפֿילו ביז מיטאָגצייט.

אויך יורם איז געגאַנגען שפּעט שלאָפֿן, אָבער אויפֿגעשטאַנען איז ער פֿריִער פֿון אַלעמען. ס'איז שוין געווען צען אַ זייגער, און ער האָט נאָך אַלץ געוואַרט אויף צילען מיט פֿרישטיק. ער האָט געוואָלט וויסן צו וואָס צילאַ איז געבליבן מיט יאַניען אַליין און וואָס זיי האָבן גערעדט. ער האָט פֿאַרשטאַנען, אַז עפּעס איז פֿאָרגעקומען. ביי נאַכט האָט אַ קאָשמאַר אַריינגעפּירט יאַניען אין זיין חלום און ער האָט זי גאָר געזען אַנדערש ווי אויף דער וואָר; זי איז געזעסן דאָרט ביים טישל אין איר צימערל מיט ביידע הענט אונטערגעשפּאַרט דעם קאָפּ און אַ טיפֿער צער האָט אַרויס־געקוקט פֿון אירע אויגן. ער האָט געגלעט אירע הענט, איר פּנים און זי געטרייסט — פֿאַר וואָס ער האָט זי געטרייסט — ווייסט ער אַליין נישט, אָבער דער פֿאַרדאַכט, אַז יאַניאַ מוז זיין אונטערגעשטעלט איז אין גאַנצן פֿאַרשוווּנדן. „צילאַ ווייסט וואָס זי טוט" — האָט ער אויסגעשריגן פֿון חלום. אָבער אויף דער וואָר האָט אים ווידער גענומען עקבערן — „וואָס פֿאַראַ קאָשע גייט זי דאָ פֿאַרקאָכן"?

— ווייבערישע מעשׂיות — האָט ער אָוועקגעמאַכט פֿון זיך דעם געדאַנק — וואָס ווייבער האָבן אַלץ צו רעדן צווישן זיך... ווייבער זענען אומעטום ווייבער. ווי זאָגט די גמרא: „צען מאָס רייד איז געגעבן געוואָרן אויף דער וועלט, האָבן ניין מאָס צוגענומען די ווייבער"... *

ערשט מיטאָגצייט איז צילאַ אַראָפּגעקומען, און ווי נאָר זי האָט זיך אַוועקגעזעצט ביים טישל, איז אים פֿון אירע ערשטע ווערטער קלאָר געוואָרן, אַז זי טיילט נישט זיינע מיינונגען.

— זאָג נאָר — האָט זי אים קאַלט געפֿרעגט — אַז דו האָסט בריִענ־דיקע ליפּן, ווייס איך... אָבער וואָס איז מיט דיין צונג?

— אַ צונג ווי אַלע צונגען — האָט ער געלאַכט — רויט און פֿייכט...

אָבער צילאַ איז געווען ערנסט:

— איז זי נישט אַ מאָל צו לאַנג?...

---

* „עשרה קבין שיחה ירדו לעולם, תשעה נטלו נשים" (קדושין מט).

ער האָט זיך גלייך אָריענטירט, אַפילו נישט איבערגעפרעגט וואָס זי איז אויסן.

— וועגן דעם באַזוך ביי יאַניאַ דאַווידאָוונאַ האָב איך פּאָר קיינעם מיט קיין וואָרט זיך נישט אַרויסגעכאַפּט.

— מיך אינטערעסירט די יונגע וויסנשאַפטלערין מער ווי גאַנץ מאָסקווע — האָט זי צובויגנדיק זיך נאָענט צו זיין פּנים אים אַ שעפּטשע געטאָן אין אויער.

יורם איז שטיל געבליבן און איר גאָרנישט געענטפערט. פון איין זייט איז ער געווען צופרידן, וואָס צילאַ ווייזט אַרויס אַן אינטערעס צו דעם מיידל, וואָס איז אים געפעלן געוואָרן מיט איר האַלטן זיך, דרייסטקייט און שיינקייט, און פון דער צווייטער — האָט אַ טרויעריקער געדאַנק אים אָנגערירט: וואָלט צילאַ געהאַט אַ וועלכן ס׳איז סענטימענט צו אים, וואָלט זי דאָך אין גאַנצן נישט דערמאָנט יאַניען, נישט אַרויסגעוויזן צו איר אַן אינטערעס און זי געלויבט אין זיינע אויגן. פרויען — האָט ער געוווּסט — ווי ווייט באַפריינדט זיי זאָלן נישט זיין, אַפילו געבוירענע שוועסטער, זענען אייפערזיכטיק איינע אויף דער אַנדערער, ווען אַ מאַן שטייט אין דער מיט. וואָס זאָל דאָס באַטייטן? גייט ער איר אין גאַנצן נישט אָן? איז עס נאָר געווען אַ פאַרבייגייענדיקער פּאַריזער קאַפּריז, וואָס לאָזט נישט איבער קיין שפּור אין דער נשמה פון אַ פרוי?

— וועלן מיר זיך מיט איר נאָך טרעפן, איידער מיר פאַרלאָזן מאָסקווע?

— יאָ, איך וועל זי נאָך זען. דו אָבער וועסט בלייבן אין האָטעל...

אַ להיפּוכדיקער געדאַנק איז אים ווידער אַדורך: „אַ פרוי איז אַ פרוי״! זי איז ווירקלעך אייפערזיכטיק.

יורם האָט געשמייכלט, און דער ביליקער פרישטיק, וואָס זיי האָבן געגעסן, האָט אים גוט געשמעקט.

— הייסט עס, אַז איך דאַרף זיך נישט מער זען מיט איר?

— אין פּאַריז וואָלט איך דיר דאָס געוויס נישט פאַרבאָטן, אַפילו נישט אין „כסית״ אין תל־אביב...

— אָבער ווי זאָל איך מיר דאָס פאַרשטעלן?

— כ׳וועל דאָס דיר אויפקלערן, ווען דו וועסט אַרויפקומען צו מיר אין אָוונט העלפן פאַרפּאַקן די וואַליזקעס.

ער האָט זיך גענומען בונטעווען, געוואָלט זיך אַקעגנשטעלן און איר

אָפּן זאָגן, אַז ער וויל זיך נאָך אַ מאָל זעען מיט יאַניען, אָבער ער האָט געוווּסט, אַז צילאַ איז מער ראַפינירט און אויך פּראַקטישער. און אפשר איז זי גערעכט?

— מילא — האָט ער זיך אָפּגערופן — אויב דיר געפעלט אַזוי, מסתמא איז עס ריכטיק.

יורם האָט אַ קוק געטאָן אויף צילען, זי איז היינט ווידער געווען ווּנדערלעך שיין. ער האָט איר דאָס געוואָלט זאָגן, אָבער ער האָט באַמערקט אין איר אַ שפּאַנונג, וואָס לאָזט נישט צו צו זיך קיין ליבע־ווערטער.

צום טישל זענען צוגעקומען עטלעכע פון דער גרופּע.

— נו, איר זענט גרייט? מיר מאַכן היינט אַ שפּאַציר אויף אייגענער האַנט איבער די מאָסקווער גאַסן.

זיי האָבן זיך אויפגעשטעלט. ער איז געווען זיכער, אַז צילאַ וועט מיטגיין.

— זיי וואַרטן דאָך אויף דיר — האָט זי אים דערמאָנט — איך מוז היינט דערליידיקן עטלעכע קלייניקייטן און קאָן נישט מיטגיין.

יורם איז געווען אַ ביסל אָנגעבלאָזן אויף איר האַלטונג. זי האָט אַפילו נישט אָנגעדייט וואָס זי וועט טאָן אַ גאַנצן טאָג. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז זי באַהאַלט פון אים עפּעס אויס. ער האָט איר נאָכגעקוקט, ווי זי גייט צו צו דער ווינדע, אָבער רפי האָט אים אַ צי געטאָן.

— האַלט זיך נישט אָן אין ווייבערישע קליידלעך. אַז זי וויל נישט מיטגיין — דאַרף מען נישט! מאָסקווע וועט נישט אויסזען מיאוסער אָן איר...

זיי זענען אַוועק צופוס. ס'האָט געמוזט זיין נאָך אַ קאָמוניסטישן יום־טוב, ווייל די גאַסן זענען נאָך געווען באַפּוצט מיט רויט. דאָס האָט דער שטאָט צוגעגעבן פייערלעכקייט, אַריינגעצויגן אין שפּאַציר און געוועקט נייגעריקייט וואָס מער צו זען.

זיי זענען פאַרבייגעגאַנגען רייכע גאַסן, ווו די שויפענצטער זענען געווען אויסגעפּוצט מיט אַלערליי סחורות. אַ שפע פון שפּייזן און פרוכטן האָבן אַרויסגעקוקט פון הינטערן גלאָז. ביי אַ גרויס שויפענצטער, ווו טייערע פּרויענפּוטערס מיט טויזנטרובליקע פּרייזן זענען געווען אויסגעשטעלט, האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט.

— אַ שאָד, וואָס צילאַ איז נישט מיטגעגאַנגען — זי וואָלט שוין געזאָגט מבינות — האָט יורם אַ זאָג געטאָן.

— איך זע — האָט רפי זיך אָנגערופן — אַז אָן צילען קענסטו זיך נישט רירן. אַלע גאַסן זעסטו פאַרפולט מיט איר...

איבערן וועג האָבן זיי זיך עטלעכע מאָל אָפּגעשטעלט און געטרונקען סאָדע־וואַסער פון די אויטאָמאַטן.

— וואָלסט זיך דאָס פאַרגעשטעלט — האָט יצחק אַריינגערעדט — אַז מאָסקווע איז אַזוי מאָדערניזירט געוואָרן?

זיי האָבן געזוכט דעם קרעמעל־פּלאַץ און געוואָלט אַליין אים אויס־געפינען, אָבער אַ פאַרבייגייער האָט זיי געראָטן זיך אַריינצוזעצן אין טראַמוויי און צופאָרן אַ שטיקל וועג. ביים אַריינגאַנג האָבן זיי זיך אַרומ־געקוקט וועמען זיי דאַרפן פאַר דער נסיעה באַצאָלן, אָבער אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז קיין קאָנדוקטאָר איז נישטאָ, נאָר יעדער וואַרפט אַריין אַ מטבע אין אַ קעסטל אַריין.

— זעסט — איז יצחק נתפעל געוואָרן — אין מאָסקווע גיט מען דיר קרעדיט. מ׳גלייבט דיר אויפן וואָרט, אַז דו ביסט אַן אָרנטלעכער מענטש...

זיי זענען אויסגעשטיגן נאָענט צום קרעמעל. די גאַנצע געגנט אַרום איז געווען פול מיט מענטשן. אַזוי גייענדיק האָבן זיי זיך צוזאַמענגע־טראָפן מיט אַ גרופּע אַמעריקאַנער און זיך מיט זיי אויסגעמישט. אַלע זענען זיי געגאַנגען אין קרעמעל אַריין זעען אַלטטימלעכקייטן. אומגע־שטערט האָבן זיי באַזוכט מוזייען, צערקוועס. דערנאָך זענען זיי צוגעקומען צום פּרעכטיקן „סאָבאָרנאַי פּלאָשטשאַד״, וואָס געפינט זיך אין סאַמע האַרץ פון קרעמעל. פאַר זייערע אויגן האָט זיך אַ שפּרייט געטאָן אַ גרויסע צאָל צערקוועס מיט קינסטלערישע איקאָנעס, אויסגעהאַמערטע אין מאַרמאָר.

לאַנג האָבן זיי זיך אַרומגעדרייט צווישן די מאַסיווע אַלטערטימלעכע קרעמעל־ווענט, געזען מיט וואָס פאַר אַ פּיעטעט דאָס אַלץ ווערט אָפּגעהיטן, און זיך נישט געקענט צוגלייבן, אַז אינעווייניק אין קרעמעל זיצן נישט אירע היינטיקע הערשער מיט צלמים אויף די ברוסטן...

זיי זענען געווען אַזוי אַריינגעטאָן אין דעם אַלעם, אַז זיי האָבן אַפילו נישט באַמערקט ווי דער טאָג איז אַדורכגעלאָפן און די שווערע קרעמעל־מויערן האָבן זיך גענומען איינהילן אין טונקעלע שאָטנס. ערשט ווען די נאַכט איז צוגעפאַלן זענען זיי צוריקגעקומען אין האָטעל אַריין.

אַלע זענען זיי אַוועק אין די צימערן און זיך אויסגעלייגט אָפּרוען אויף די בעטן, נאָר יורם האָט געוואַרט אויף צילען.

ס'איז אַדורך אַ שעה און צוויי, און ער איז געוואָרן אומרויִקער. ער האָט זיך נאָכגעפרעגט ביי מנשהן און ביי אַנדערע, אָבער קיינער האָט זי נישט געזען. וואָס איז מיט איר געשען? — האָט ער איבערגעקלערט.

ער איז אַרויף צו זיך אין צימער, האָט אַלץ איינגעפּאַקט צו דער רייזע, און ווען ער האָט זיך אַנידערגעזעצט אָפּרוען, איז אים איינגעפאַלן, אַז די אומרויִקייט, וואָס באַהערשט אים אַצינד, איז נישט קיין פּשוטע. אַזאַ אומרויִקייט קאָן מען נאָר פילן צו אַ פרוי וואָס מ'האָט ליב. איז דאָס מעגלעך, אַז ביז איצט האָט ער אַליין וועגן דעם נישט געוווסט? ער איז ווידער אַראָפּ אין דער לאָבי. צילאַ איז נאָך אַלץ נישט געווען.

— נאָך אַ האַלבע שעה וואַרטן מיר — האָט ער אָפּגעשטימט מיט מנשהן — קומט זי נישט, וועלן מיר מעלדן דער פּאָליציי.

ס'איז אַדורך אַ האַלבע שעה, און זי איז ווידער נישט געווען, אָבער גבריאל האָט אים אָפּגעהאַלטן:

— זיי נאָר נישט אַזוי איילִיק מיט דער מאָסקווער פּאָליציי. זיי הייבן אָן ביי די פיס און לאָזן אויס ביים קאָפּ... זיי וועלן פאָרשן ווו זי איז געווען. וואָס זי האָט געטאָן... מיר האָבן צייט צו וואַרטן.

אָבער דאָ האָט אים מנשה אַ קלאַפּ געטאָן אין פּלייצע:

— אָט איז זי!

זיי זענען איר אַקעגנגעגאַנגען צום הויפּט־אַריינגאַנג.

— וואָס איז געשען? — האָט מנשה אויסגעשטרעקט צו איר די הענט — מיר האָבן געמיינט, אַז איר זענט פאַרפאַלן געוואָרן, אָדער... געגאַנגען בעטן אַזיל־רעכט אין מאָסקווע... יורם ציטערט שוין שעהען איבער אייך...

— נאָר יורם?

— מיר האָבן שוין געוואָלט מעלדן דער פּאָליציי, אַז איר זענט פאַרפאַלן געוואָרן.

— גרעסערע שיינקייטן פון מיר דרייען זיך אַרום אין מאָסקווע און ווערן נישט פאַרפאַלן — האָט זי גוטמוטיק געשמייכלט.

— אַוודאי זיך אַריינגעכאַפּט אין צירק?

— איר לערנט זיך אַלע טרעפן, איך בין אָבער באמת הונגעריק.

זיי האָבן זיך אַוועקגעזעצט ביי איין טיש אין רעסטאָראַן. מנשה איז

געווען פֿאַרנומען מיט דער גרופּע און אַוועקגעגאַנגען. צילאַ האָט שנעל אָפּגעגעסן, און אויפֿשטייענדיק פֿון טיש, האָט זי געבעטן יורמען, ער זאָל זי אָננעמען אונטערן אָרעם.

ער האָט זי באַגלייט אויפֿן עטאַזש. די אָבסערוואַטאָרין איז צוגעגאַנגען און געפֿרעגט צילען:

— וואָס, איר פֿילט זיך עפּעס נישט גוט?

— עפּעס בין איך נישט מיט אַלעמען.

זיי זענען ביידע אַריינגעגאַנגען אין צימער.

— נו, וואָס דאַרף איך פּאַקן? — האָט יורם געפֿרעגט.

— זעץ זיך!

יורם האָט זיך אַוועקגעזעצט לעבן איר.

— צילאַ, דו ווייסט, די וואַליזקעס דאַרף מען באַלד אַרויסשטעלן צו דער עקספּעדיציע.

— כ'האָב צייט — האָט זי רויִק געענטפֿערט.

יורם האָט נישט געוווּסט, וואָס דאָס באַטייט, און ער האָט נישט געוואָלט פֿרעגן.

— נו, ווילסט דאָך וויסן וועגן מיין שמועס מיט יאַניען?

— אַוודאי, אַוודאי וויל איך וויסן.

— ס'איז דאָס, וואָס כ'האָב זיך פֿאָרגעשטעלט.

יורם האָט אויפֿגעשטעלט מויל און אויערן.

— יורם — האָט זי אים געקוקט גלייך אין די אויגן אַריין — דו קאָנסט האַלטן אַ סוד?

— וואָס, האַלטסט מיך פֿאַר אַ קינד?

זי האָט אים לאַנג נישט געלאָזט וואַרטן — און דעם גאַנצן סוד אויסגעזאָגט אין איין זאַץ:

— מ'מוז איר העלפֿן זיך אַרויסראַטעווען.

יורם איז געבליבן פֿאַרגאַפֿט, און כאָטש ער האָט נישט געפֿרעגט קיין פּרטים, זענען שוין די פּאָר ווערטער גענוג געווען ער זאָל פֿאַרשטיין, וואָס דאָרט איז פֿאָרגעקומען.

— ביסט גרייט מיר צוצוהעלפֿן? — האָט זי געפֿרעגט.

ער האָט אָנגענומען איר האַנט און אַ קוש געטאָן.

— יאָ! אָבער וואָס טראַכסטו אָנהייבן טאָן?

— כ׳האָב שוין אַלץ אויסגעטראַכט. איצט דאַרף מען עס בלויז אויספירן.

— ס׳איז פאַרבונדן מיט געפאַר?

— מיט גרויס געפאַר.

— און דו ביסט גרייט זיך אַריינצולאָזן איז אַזאַ אַוואַנטורע?

— אַוואַנטורע? ווער האָט דיר דערלויבט דאָס אַזוי אָנצורופן.

— הייסט עס, אַז צוליב דעם האָסטו מיך נישט געוואָלט מיטנעמען צום צווייטן באַזוך מיט יאַניען...

— דו האָסט עס ריכטיק פאַרשטאַנען.

ער האָט זיך נאָך נישט אין גאַנצן אָריענטירט אין וואָס ס׳גייט, אָבער אין זיינע אויגן האָט איצט צילאַ אויסגעזען גרויס, מעכטיק און שיין. איצט איז ער גרייט אויסצופירן אַלץ, וואָס נאָר זי וואָלט פון אים פאַרלאַנגט. ער האָט געפילט צו איר אַ פאַרבינדונג, אַ שטאַרקערע, ווי די פיזישע, וואָס ער האָט מיט איר דורכגעלעבט.

— וואָס דאַרף איך טאָן?

— אַלץ וואָס דו דאַרפסט טאָן איז, אַראָפּגיין זאָגן מנשהן און די חברה, אַז כ׳בין קראַנק געוואָרן.

— דאָס אַלץ?

— הער מיך אויף צו פרעגן שאלות און גיי שוין אַראָפּ, זאָג, אַז איך בלייב דאָ אין האָטעל.

— ווי לאַנג?

— ביז איר וועט צוריקקומען פון לענינגראַד. אָבער זאָג נישט, אַז כ׳ווייס שוין פאָרויס, ווי לאַנג כ׳וועל קראַנק זיין...

— אָבער צילאַ — האָט ער צו איר אויסגעשטרעקט די הענט — איך גיי דאָך אויס פאַר נייגעריקייט!

זי האָט אַ קוק געטאָן אויף זיין בעטנדיק פנים, אויף זיינע אויגן, וואָס האָבן אויסגעזען גרעסער און ליכטיקער, און אַ גלעט געטאָן מיט דער האַנט איבער זיין קאָפּ.

— ביסט אַ צעפּיעשטשעט קינד. מ׳מוז עס נאָכגעבן, אַ נישט ווערט עס ברוגז און צעוויינט זיך... אַלזאָ, ס׳איז נישט מער, ווי איינער פון די טויזנטער פאַלן, וואָס קומען דאָ פאָר.

זי האָט אַ ווײַלע געשוויגן און דערנאָך ממשיך געווען:

— אויב איר קומט צוריק פֿון לענינגראַד און הערט, אַז כ׳בין אַרײַנ־געפֿאַלן, זאָלט איר נישט געוואָלדעווען, אַז מ׳האָט מיך אומשולדיק אַרעסטירט.

— וואָס פֿאַר אַן אַטענטאַט פּלאַנירסטו דאָ אויסצופֿירן?

— קיין פֿיזישער אַקט איז עס נישט, אָבער קעגן ווילן פֿון די היגע הערשער איז עס זיכער אַן אַטענטאַט. און איצט הער מיט קאָפּ: יאַניאַ איז אַ ייִדישע טאָכטער, אַ ביז גאָר פֿעיִקע געלערנטע. נישט על פּי צופֿאַל איז זי דעם פּראָפֿעסאָרס אַסיסטענטין. די צרה איז אָבער, אַז וואָס מער זי ווערט אַ רײַפֿע ווויסנשאַפֿטלערין, אַלץ מער רינגלט זי אַרום די געפֿאַר. זי קומט פֿון צוויי זײַטן: קודם כל די קנאה צו אַ ייִדישקע, וואָס צייכנט זיך אויס אין איר וויסנשאַפֿט־געביט, און דער עיקר — דעם „יחוס״ פֿון אירע עלטערן, וואָס זענען צוליב אַ בלבול פֿון קאָנטער־רעוואָלוציאָנערער טעטי־קייט אָוועקגעשיקט געוואָרן צו די ווײַסע בערן. זיי זענען מער נישט צוריקגעקומען, און זי, נאָך אַ יונג קינד, האָט מען אַרײַנגעגעבן אין אַ קינדערהיים. דאָרט איז זי דערצויגן געוואָרן. ביז איצט — זאָגט זי — האָט זי אַפֿילו נישט געהאַט פֿאַר וועמען אַ זיפֿץ צו טאָן.

— איז עס אײַרס אַ השערה אָדער אַ ריכטיקע געפֿאַר?

— דאָ פֿאַרגעסט מען נישט אַזעלכע זאַכן. זיי אײַלן זיך נישט. זיי האָבן צײַט. פּונקט דעמאָלט, ווען דו שטייסט שוין אַ פּאָר שטאַפּלען העכער אויפֿן לייטער פֿון דײַן קאַריערע — כאַפּט מען דיך אָן פֿון הינטן בײַם קאַרק און מ׳שלעפּט דיך אַראָפּ... און איצט גיב מיר די האַנט: דו ווייסט בלויז, אַז איך בין קראַנק, און מער גאָרנישט.

יורמען האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז אַ וואָלקן האָט פֿאַרשטעלט די וואַרעמע זון. דאָ, האָט ער געפֿילט, איז די צענטראַלע סטאַציע פֿון דער נסיעה; פֿון דאַנען וועט מען זיך צוריקקערן מיט פֿרייד אָדער מיט עגמת נפֿש.

— נו, געגנוג מעדיטירט — האָט זי איבערגעריסן זײַנע מחשבות — פֿרעג איבער מנשהן, אויב מ׳דאַרף וועגן מײַן מחלה מעלדן דעם „אינטוריסט״־אַגענט. כ׳מיין, אַז זיי האָבן קראַנקן־פֿאַרזיכערונג פֿאַר טוריסטן.

ווען ער איז שוין געווען בײַ דער טיר האָט זי אים צוריקגערופֿן.

— געדענק: דו דאַרפֿסט נישט מאַכן קיין רעש צוליב מײַן קראַנק־

ווערן, נישט אַרויסווייזן צו פיל באַדויער אָדער פאַראינטערעסירונג מיט מיר. האַלט זיך מיט דער חברה פריילעך, ווי ס'וואָלט דיר דער גאַנצער עסק גאָרנישט אָנגעגאַנגען, און קום נישט היינט מער אַרויף צו מיר.

אויף צו מאָרגנס באַלד אין דער פרי האָבן מנשה און דער „אינטוריסט"־אַגענט אָנגעקלאַפּט אין צילעס צימער. זי איז געלעגן מיט אַ נאַס טיכל אויפן קאָפּ.

— וואָס איז אייך?

— קאָפּשמערצן און אַ שטאַרקער ווייטיק אין רוקנביין.

— מ'זעט, אַז זי איז קראַנק — האָט געזאָגט דער אַגענט.

ער האָט זיך אַריבערגעבויגן איבערן בעט און גערעדט העכער:

— רופן צו אייך אַ דאָקטער? אָדער אפשר זאָל מען אייך נעמען אין שפּיטאָל אַריין?

— אַזוי ווייט האַלט עס נאָך נישט. איך דאַרף זיך נאָר אַ ביסל אויסרוען.

— בעסער זאָל זי בלייבן אין האָטעל — האָט זיך אָנגערופן מנשה.

— אויף אייער פאַראַנטוואָרטלעכקייט. איך האָב פאָרגעלייגט אַ דאָקטער.

— דאָ אין טאַש — האָט צילאַ אָנגעוויזן — ליגט געלט. נעמט און צאָלט פאַר מיר אין פאַרן האָטעל.

— נישט נייטיק, נישט נייטיק, — האָט געזאָגט דער אַגענט — ביז מיר וועלן צוריקקומען פון לענינגראַד, קאָנט איר דאָ בלייבן אויף אונדזער חשבון. באַשטעלן פאַר אייך פרישטיק?

— ניין, נאָר טיי.

זיי זענען אַראָפּ אין דער לאָבי און ביי דער גרופּע איז געוואָרן אַ צערודערונג.

— וואָס איז געשען מיט צילען?

אויך יורם האָט זיך נאָכגעפרעגט מיט נייגער. אַלע האָבן געוואָלט אַרויפגיין, זען וואָס זי מאַכט, אָבער מנשה האָט קיינעם נישט דערלויבט אַריינצוגיין אין צילעס צימער.

— אַרויף אויפן אויטאָבוס! — האָט ער באַפוילן — מיר פאָרן אָפּ.

נאָך דעם ווי די גרופּע איז אַוועקגעפאָרן, איז צו צילען אַרויפגעקומען אַ פרוי. זי האָט גערעדט ענגליש.

— זייט אַזוי גוט און נעמט דעם טערמאָמעטער אונטער דער צונג. קודם לאָמיר זען, אויב איר האָט נישט קיין פיבער.

בשעת צילאַ האָט געהאַלטן דעם טערמאָמעטער אין מויל האָט זי זיך אַרומגעקוקט אין יעדן ווינקעלע אין צימער.

— קיין היץ האָט איר נישט און איר מעגט זיין אין האָטעל — האָט זי קוקענדיק אויפן טערמאָמעטער גערעדט, נאָר אויב איר פילט זיך שלעכט וועלן מיר אַרויסרופן אַ דאָקטער.

— כ׳גלייב, אַז ס׳איז נישט נייטיק. ס׳איז מיינע אַן אַלטע מחלה: שמערצן אין רוקנביין, און ס׳גייט פאַרביי.

— וואָס זאָל איך אייך ברענגען?

— אויב איר האָט אַ וואַרעם־פלאַש, אָדער אַן עלעקטריש וואַרעם־קישעלע. דאָס מאַכט מיר גוט. קאָן איך בלייבן דאָ אין צימער?

— יאָ, מיר האָבן שוין אַן אינסטרוקציע פון „אינטוריסט”. בלייבט איר ליגן אַ גאַנצן טאָג?

— צו פיל ליגן טויג אויך נישט. מיין דאָקטער האָט מיר אָנגעזאָגט, אַז אַפילו מיט שמערצן זאָל איך זיך אַ ביסל איבערגיין. אָבער אויף דער נסיעה קיין לענינגראַד האָב איך נישט געקענט זיך אַרויסלאָזן.

פון מאָסקווע איז די גרופּע אַוועקגעפאָרן באַזאָרגט. נישט אַלע האָבן געקענט צילען, אָבער דער פאַקט, וואָס איינע אַליין איז זי איבערגעבליבן קראַנק אין מאָסקווע, האָט יעדן אָנגערירט מיט אַ נישט גוט געפיל.

— ס׳איז איר גאָרנישט — האָט יצחק געזאָגט — זי איז אַ ביסל קאַפּריזנע.

— ס׳איז איר שוין יאָ עפּעס — האָט מנשה צוריקגעענטפערט — ווען זי וואָלט נאָר געקאָנט שטיין אויף די פיס, וואָלט זי נישט אַדורכגעלאָזט אַ געלעגנהייט צו פאָרן קיין לענינגראַד.

דער שנעלצוג איז געלאָפן צווישן ברייטע לאַנעס און אַריינגעשניטן זיך אין אַ טיפן סאָסנעוואַלד. אין קופּע פון וואַגאָן איז געוואָרן טונקל, און יורמס געדאַנקען — נאָך מער אָנגעכמאַרעט. נאָך אַלעמען — האָט ער געטראַכט — לאָזט זי זיך אויף גליטשיקע וועגן. ווער ווייס וועלכע אויגן עס אָבסערווירן זי. נישט נאָר וועגן דער געפאַר האָט ער געטראַכט. ס׳איז אים געקומען אויפן געדאַנק, אַז אייגנטלעך קען ער נישט צילען פון איר טעטיקייט. ווער ווייס מיט וועמען נאָך זי איז פאַרבונדן. און אפשר איז

דער גאַנצער ציל פון איר רייזע און דאָס, וואָס זי האָט זיך אַריינגעריסן אין אַ סטודענטן־גרופּע — געווען אַן אויסגעקלערעכנטער? אפשר איז דער גאַנצער אָנשטעל פון באַזוכן יאַניען געווען באַשטימט פון פריִער?

די זון האָט זיך שוין געהאַט אויפגעהויבן איבערן וואַלד און די ביימער־שאָטנס האָבן געמינעט דורכן פענצטער, שנעל און בייז פאַרביי־געלאָפן, אָבער נאָך שנעלער זענען געלאָפן יורמס געדאַנקען.

— ערשטנס — האָט ער מיט זיך איינגעטענהט — לייגט זיך נישט אויפן שׂכל, ס׳זאָל האָבן געווען אַ פּראָסטער צופאַל. צווייטנס, האָט דאָך געמוזט זיין אַ וויכטיקע סיבה, וואָס זי האָט אים געהייסן אַרויסגיין פון יאַניעס צימער און זי איז געבליבן שמועסן מיט איר אַליין. אָבער איין זאַך איז זיכער: זי איז זייער לייַכט זיך איינצושטעלן, אַרייַנצוגייַן אין אַ סכנה, אַ פּערזענלעכע אָדער אַ געזעלשאַפטלעכע.

ער האָט אָנגעהויבן צווייפלען אין דער גאַנצער מעשׂה פון יאַניעס לעבנס־געשיכטע. ס׳האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז דאָס אַלץ איז געווען אויסגעטראַכט, כדי אַרויסצורופן רחמנות. מילא, ווען אַ מאַן למשל ריזיקירט מיטן לעבן פאַר אַ שיין מיידל — קאָן מען דאָס פאַרשטיין, אָבער אַ פרוי פאַר אַ פרוי? און נאָך דערצו פאַר אַ פרעמדער פרוי?

די ביימער פון וואַלד זענען געוואָרן שיטערער און פון צווישן די שטאַמען האָבן אָנגעהויבן אַרויסקוקן ליכטיקע פאַסן טאָגליכט. ס׳האָט זיך געעפנט אַ ברייטע פּאַנאָראַמע. אויף דער שוואַרץ־פעטער ערד האָבן זיך געשלענגלט שמאָלע וואַסער־ריטשקעס און געפלאָסן אין די ראָוועס, נאָענט ביים באַן־פּלאַנט. די קאָרן־ און ווייצן־פעלדער זענען נאָך געווען גרין, נאָר די האָבער־ און גערשטן־פעלדער האָבן שוין געהאַט פלאַכעס רייפיקע ווייסקייט. דער צוג איז געלאָפן איבער אַ גלאַטיקן וועג. אַ פולע זון האָט זיך געשפּרייט אַרום, און יורמס געמיט האָט זיך געביטן.

— נישט שיין, נישט שיין — האָט ער זיך אַליין פאַרגעוואָרפן — נישט צו גלייבן אין צילען, אין אירע רייד, נישט הערן איר אויפריכטיקע שטימע, נישט זען אירע ליבע אויגן, נישט גלייבן די ערשטע פרוי אין לעבן, וואָס האָט זיך אַריינגעוואָרפן מיט אַזאַ טעמפּעראַמענט אין זיינע אָרעמס. הונדערט יאָר ווילטאָג האָט דאָך געשטעקט אין דער פאַריזער נאַכט.

ער האָט זיך קיין אָרט אין וואַגאָן נישט געקאָנט געפינען, אַפילו קיינעם נישט געקאָנט קוקן אין די אויגן אַריין. זיינע איצטיקע געדאַנקען האָבן

געזידלט די פריִערדיקע: „צילאַ איז אַ מענטש מיט אַן אייזערנעם ווילן. באַשליסט זי עפּעס צו טאָן, וועט זי דאָס פריִער גוט אַדורכטראַכטן".

ס'האָט אים אַפילו גענומען פאַרדריסן, וואָס זי האָט אים נישט געוואָלט צונעמען פאַר אַ שותף צו דער געפאַר, אין וועלכן זי איז אַריינגעגאַנגען. ער איז אָבער געווען זיכער, אַז אויב זי האָט זיך אויף עפּעס פאַרנומען, וועט זי עס אַדורכפירן.

וואָס ווייטער דער צוג איז אַוועקגעלאָפן פון מאָסקווע, אַלץ נענטער האָט ער זיך געפילט בייַ איר, און וואָס קירצער ס'איז געווען דער וועג קיין לענינגראַד, אַלץ מער איז ער מיט זיינע געדאַנקען געווען אין מאָסקווע.

ערשט אַצינד האָט ער זיך דערמאָנט וואָס זי האָט אָנגעזאָגט: „האַלט זיך מיט דער חברה פריילעך, ווי ס'וואָלט דיך גאָרנישט אָנגעגאַנגען". אָבער ער האָט דאָס בשום אופן נישט געקאָנט טאָן. אַלע האָבן אַרומגעשטיפּט, אַרומגעלאַכט, נאָר ער איז געבליבן מיט זיינע פאַרכמאַרעטע געדאַנקען. אַזוי האָט געדויערט אַ שעה, צוויי, און ער האָט זיך נאָך אַלץ נישט געקאָנט באַפרייען פון דעם קאָשמאַר, אין וועלכן זי האָט אים אין מאָסקווע איינגעהילט. ערשט ווען עטלעכע פון דער גרופּע האָבן אים געפרעגט, וואָס ער איז אַזוי פאַרזאָרגט, האָט ער אָנגעהויבן פלוידערן מיט דער חברה.

פון איין זייט איז ער געווען צופרידן וואָס קיינער רעדט נישט מער וועגן צילען, פון דער אַנדערער, האָט אים פאַרדראָסן, וואָס מ'דערמאָנט נישט יאַניאַ דאַווידאָווונאַ, וואָס האָט בשעתן פאַרטיילן די סטענצלען אַזוי אויסגענומען ביי חברה. און ער האָט נישט בלויז געדענקט אין איר, נאָר זי געזען פאַר די אויגן. זיין שטימונג האָט זיך פאַרבעסערט, ער האָט זיך געוויצלט, געמאַכט קאָמפּלימענטן די מיידלעך און ס'איז אים פאַרגעקומען ווי יאַניאַ פאָרט מיט זיי קיין לענינגראַד.

אָבער דאָס האָט נישט לאַנג אָנגעהאַלטן, ווי נאָר ער איז אַרויס פון דער קופּע און זיך אַוועקגעשטעלט ביים פענצטער אין קאָרידאָר, איז ער ווידער צוריקגעקומען צו צילען.

— אַז מ'וויל, קאָן מען זי פאַרשטיין — האָט ער זיך געזאָגט. כאָטש זי איז געבוירן געוואָרן אין איטאַליע, האַלט זיך צילאַ פאַר אַ סאַברע. פונעם געבוירן־לאַנד האָט זי מיטגעבראַכט איר טעמפּעראַמענט, אייראָפּעיִשע האַלטונג, און אין ישראל איז זי געוואָרן מער דרייסטער און פרייער. זי איז

איינגעבאַקן אין לאַנד, אין זיינע פּראָבלעמען און געפאַרן, אין זיין אויפבוי און קולטור. לטובת דער מדינה איז זי גרייט אַפילו זיך מקריב צו זיין. און וואָס שטעקט דען אין איר גאַנצער אַרבעט פאַר ברידערשאַפט צווישן ישראלים און אַראַבער, אויב נישט די פרייהייט פון מענטש? טאָ וואָס איז דער וווּנדער, אַז זי וויל זיך איינשטעלן אַרויסצונעמען פון דאַנען יאַניען?

דער צוג האָט זיך מיט אַ שטאַרקן פייף דערנענטערט צו אַ קנופּ־סטאַציע און שטיין געבליבן עטלעכע מינוט. דאָס פענצטער, ווו יורם איז געשטאַנען, איז אויסגעקומען קעגן איבער דעם וואָקזאַל. יורם האָט דורך דער ברייט־געעפנטער טיר אַריינגעקוקט אינעווייניק אַריין, ווי ער וואָלט וועלן דאָרט דערזען דעם באַשייד צו זיינע געדאַנקען, ווען דער צוג איז פון דאָרט אַוועק האָט ער שוין געמאַכט דעם אויספיר:

— אָט דאָס איז עס. צילאַ וויל אים דערנענטערן מיט יאַניאַ דאַווידאָוונאַ און אַזוי אַרום וועט אין איין מאָל אָפּגעווישט ווערן אַלץ, וואָס ס'האָט געטראָפן מיט איר אונטערוועגנס. אַ כיטרע שפּיצל. אין גאַנצן וועט זי אים אפשר נישט וועלן פאַרלאָזן, אָבער אַ שותפטע מוז זי זיך צו אים אויסזוכן.. שוין איצט פילט ער, אַז ער איז געפאַנגען צווישן צוויי פרויען, ווי אַ נאָדל צווישן צוויי מאַגנעט־פּאָדקאָוועס. די נאָדל גיט זיך אַ ריר, אַ צאַפּל אין דער אָדער אין יענער זייט, אָבער קיין איינע פון די צוויי פּאָלוסן האָט נישט דעם כוח צוצוציִען נענטער און אים אין גאַנצן אָפּרייסן פון דעם צווייטער...

אַזאַ שפּאַנונג האָט אים געהאַלטן ביז דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט אויפן לענינגראַדער הויפּט־וואָקזאַל.

אויפן צווייטן טאָג נאָך מיטאָג איז שוין צילאַ אַראָפּגעגאַנגען פון בעט. פּאַוואָליע האָט זי געעפנט די טיר און איז אַרויס אויפן קאָרידאָר.

די אויפזעערין איז איר אַקעגנגעלאָפן:

— וואָס טוט איר? איר וועט זיך נאָך פאַרערגערן.

— כ'וויל זיך אַ ביסל איבערשפּאַצירן אין דער לאָבי. כ'קען זייער גוט מיין מחלה. אויב כ'זאָל זיך נישט אַ ביסל איבערגיין, וועט עס נאָך לענגער אָנהאַלטן.

אונטן האָט שוין אויף איר געוואַרט יאַניאַ. דערזעענדיק צילען, איז זי צו איר צוגעגאַנגען און געהאָלפן אַוועקזעצן. צילאַ האָט צו איר הויך געזאָגט:

— איר זעט מיין מעמד... געווען אַזאַ טייערע רייזע קיין לענינגראַד, און פּלוצעם רופט זיך אָפּ מיין „העקסענשוס״ און כ׳קען זיך נישט רירן.

— ס׳וועט איבערגיין — באַרויִקט זי יאַניאַ — טרינקט נאָר נישט קיין שאַרפע געטראַנקען און רייכערט נישט קיין פּאַפּיראָסן.

— אָן דעם ערשטן קאָן איך זיך באַגיין, אָבער אָן פּאַפּיראָסן קאָן איך נישט אויסקומען.

— וואָלט נישט בעסער געווען מ׳זאָל אַרויפגיין צו מיר אין צימער? — האָט צילאַ אַ פרעג געטאָן.

יאַניאַ האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אויף ניין.

— דאָ איז זיכערער...

זיי זענען געזעסן אין אַ ווינקל. קיינער האָט זיך לעבן זיי נישט געדרייט.

— כ׳האָב אַלץ אַדורכגעטראַכט און כ׳בין גרייט צו טאָן אַלץ וואָס נאָר מעגלעך...

— כ׳בין אָבער נאָך נישט אַדורכגעקומען מיט זיך — זאָגט יאַניאַ — צי כ׳מעג אויסנוצן אייער גוטהאַרציקייט און קרבנות־גרייטקייט.

— דאָס זענען שוין נעבנזאַכן, וואָס נאָך דעם ווי איר האָט מיר אַלץ אויפגעדעקט, האָבן זיי שוין מער קיין באַטייט נישט. דעם ערשטן אַריינטריט האָט איר אין מיין הויז, און אייער פּראָפעסיע פאַרזיכערט אייך עקסיסטענץ, אויב נישט נאָך מער.

— איך בין אייך דאַנקבאַר פאַר אייער גאַסטפריינדלעכקייט, אָבער כ׳מוז אייך זאָגן, אַז נישט די עקסיסטענץ־פראַגע איז דער עיקר, נאָר ווי אַזוי קומט די קאַץ איבערן וואַסער?

— אייער האָפענונג, אַז דער פּראָפעסאָר זאָל אייך מיטנעמען צום וויסנשאַפטלעכן קאָנגרעס, זעט מיר אויס צוויפלהאַפט.

צילאַ האָט זיך צוגעבויגן נענטער צו איר און נאָך שטילער גערעדט:

— און איך מיין, אַז ס׳וועט אים שווער זיין זיך צו באַגיין אָן מיר. איך גרייט תמיד צו זיין פּראָגראַם, שרייב איבער זיינע וויסנשאַפטלעכע רעפעראַטן און העלף אים אויך אַרויס אַלס איבערזעצערין.

— כ׳וויל מיט אייך זיין אָפנהאַרציק — מיר לאָזט זיך דאָס נישט פאַרבינדן: פאַראַן אַ פאַרדאַכט אויף אייך, און דאָך דערלויבן זיי איר זאָלט פאַרלאָזן דאָס לאַנד?

— אַזוי פירט זיך דאָ... ביז דער לעצטער מינוט איז אַלץ אין אָרדענונג, און פּלוצעם... איבריקנס, מזרח־בערלין איז דאָך אונדזער זאָנע.

— און איך וואָלט אייך נישט געראָטן צו וואַרטן און בעסער אַרויספאָרן מיט מיין גרופּע.

יאַניאַ האָט זי דערשטוינט אָנגעקוקט:

— ווי אַזוי? ווי איז דאָס מעגלעך?

— פּשוט. כ׳וועל אייך געבן מיין פּאַספּאָרט און איר וועט זיין איינע פון דער גרופּע...

— און איר?

— פאַר מיר זאָרגט זיך נישט.

יאַניאַ האָט אַ שמייכל געטאָן:

— דאָס דאַכט זיך אייך נאָר אויס...

צילאַ האָט פאַרריכערט אַ פּאַפּיראָס, געעפנט דעם האַנטבייטל און געוויזן איר דעם פּאַספּאָרט:

— אַלץ וואָס איר דאַרפט טאָן איז, אָפּפאַרבן די האָר אויף טונקל בלאָנד. געדענקען, אַז איר הייסט ווי דאָ איז פאַרשריבן — צילאַ איתן, און איבערטאָן זיך אין מיינע קליידער. פאַר מער זיכערקייט וועל איך אייך געבן אַ הונדערט־דאָלאַרדיקן באַנקנאָט אַריינצולייגן אין פּאַספּאָרט, ביים אַדורכגיין...

— כ׳בין מסכים מיט אייך, אַז דעם נסיון פון אַזאַ גראָבע מטבע וועט קיין שום טשינאָווניק נישט קענעןביישטיין... אָבער איך וועל זיך נישט דערלויבן איינצושטעלן אייער גאַנצע גרופּע. ווייסט איר מיט וואָס דאָס שמעקט?

אין אַ מינוט אַרום האָט זי צוגעגעבן:

— איר זענט דאָך נאָר איינע פון דער גרופּע. וואָס וואָלטן געזאָגט די איבעריקע חברים?

— דאָס זעלבע וואָס איך.

יאַניאַ איז געווען גערירט, אָבער גאָרנישט געענטפערט.

— וועגן וואָס טראַכט איר? — האָט צילאַ נישט אָפּגעלאָזט.

— איך טראַכט טאַקע וועגן אייך אַלעמען. וועגן נייעם טיפּ ייִד וואָס איז אויסגעוואַקסן אינעם אייגענעם לאַנד. ערשט אַצינד איז פאַר מיר קלאָר געוואָרן דער סוד פון אייערע נצחונות. פון אייער געוואַגטקייט ביז

איך מער געוואָר געוואָרן, ווי פון דעם אַלעם, וואָס ס׳איז צו מיר דער־גאַנגען וועגן ישׂראל.

— מיר דאַכט זיך, אַז איך, אַ פרעמדע, וואָלט זיך געקאָנט בעסער אָן עצה געבן, ווי איר, אַ דאָ געבוירענע. אָבער כ׳וועל אייך נישט אָנוואַרפן מיינע דירעקטיוון. מיר וועלן לאָזן אין דעם אַריינמישן דעם גורל אַליין. ווערט אייך געלונגען צו קומען קיין מזרח־בערלין, זאָג איך אייך צו, אַז איר וועט בשלום אָנקומען קיין תל־אביב.

— ווי אַזוי, מיינט איר, קאָן דאָס געשען?

— פשוט, כ׳וועל קומען צו אייך מיט פאַפּירן אין דער האַנט. אָבער איר האָט פריִער דערמאָנט, אַז איר העלפט אויך דעם פּראָפעסאָר איבער־זעצן. וועלכע שפּראַכן קענט איר אויסער רוסיש?

— איך האָב זיך אַ ביסל ספּעציאַליזירט אין פראַנצויזיש און דייטש.

— אויסגעצייכנט! האָט איר אַ מעגלעכקייט צו קומען מאָרגן זיך מיט מיר געזעגענען?

— יאָ, אָבער נאָר אין די מאָרגן־שעהען. אַרום ניין אַזייגער.

— איך דערוואַרט אייך ביים אַריינגאַנג אין האָטעל.

יאַניאַ האָט צוגעפירט צילען צו דער וויגדע און געלאָסן אַרויס פון האָטעל.

אויף צו מאָרגנס איז צילאַ פרי אויפגעשטאַנען און געווען צופרידן מיט זיך. זי האָט נאָך געהאַט גענוג צייט ביזן צוזאַמענטרעף און ס׳איז איר געקומען אויפן געדאַנק, אַז זי וועט יאַניען איבערלאָזן אַ ביסל וועש, וואָס וועט איר געוויס צו נוץ קומען. זי האָט איינגעפּאַקט אַ קליין פּעקעלע אין אַ רוסישער צייטונג. אין דער לינקער הענטשקע האָט זי אַריינגע־שטופּט אַ פּאָר שטיקלעך פּאַפּיר און אַרויס פאַרן האָטעל זי אָפּוואַרטן. אַ פּאָר מינוט איז זי געשטאַנען, טיף איינגעטאָעמט די פרישע לופט ביז זי האָט דערזען יאַניען פון וויַיטנס און איז איר אַקעגנגעגאַנגען.

— קומט — האָט יאַניאַ זי גענומען אונטערן אָרעם. אין דער נאָענט איז פאַראַן אַ קליינער פּאַרק, וועלן מיר זיך דאָרט אַוועקזעצן.

אויפן וועג האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט ביי אַ שויפענצטער.

— שיינע זאַכן — האָט צילאַ געזאָגט.

— זייער שיין, אָבער נישט פאַר אונדז. דאָס איז פאַר אויסלענדער און ווערט פאַרקויפט פאַר פרעמדער וואַלוטע.

— קומט אַריין וועל איך אייך עפּעס קויפן.

יאַניאַ האָט אויף איר אַ קוק געטאָן, ווי איינער זאָגט: „האָסט פאַרגעסן ווו דו האַלטסט".

אַ ביסל ווייטער זענען זיי אַריין אין אַ פּאַרק, וואָס האָט געשמעקט מיט פרישקייט. זיי האָבן זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ באַנק.

— איך קאָן זיך שוין נישט דערוואַרטן אויף מיין חברה — האָט צילאַ געזאָגט.

— ווען קומען זיי צוריק?

— היינט אָוונט.

— און מאָרגן פאַרלאָזט איר מאָסקווע?

— באַלד באַגינען.

— די סירקינס זענען אַנטציקט פון פּאָרל, ווי זיי רופן אייך... ער איז אַ דרייסטער, אָבער פרוי סירקין האַלט נאָך אין איין ציטערן, צי ס׳האָט אייך ווער פון די שכנים נישט באַמערקט אַריינגיין.

— בלייבט איר דאָרט וווינען?

— נאָך עטלעכע וואָכן. כ׳האָב באַקומען צוגעטיילט אַ צימער אין די אַקאַדעמישע הייזער.

— איז אַוודאי גוט — האָט צילאַ געטראַכט — און כדי זיכער צו זיין האָט זי איבערגעפרעגט:

— הייסט עס, אַז אויב איר פאָרט קיין בערלין, פאָרט איר נישט אַרויס פון סירקינס דירה?

— זיכער נישט!

— אַ זכרון האָט איר דאָך געוויס אַ גוטן?

— נישט קיין שלעכטן.

צילאַ האָט אַריינגעשטעקט צוויי פינגער אין דער לינקער זומערדיקע הענטשקע, געשיקט איר עפּעס אַריינגעלייגט אין דער האַנט, און נאָך איידער יאַניאַ האָט באַוויזן עפּעס צו פרעגן האָט זי אַ זאָג געטאָן.

— דאָ האָט איר מיין אַדרעס. בעסער איר זאָלט דעם אַדרעס האַלטן אין זכרון און נישט אויף פּאַפּיר. די האַסלע איז: „דער באָבעס געבוירן־טאָג". איר וועט מיך דאַרפן דערמאָנען, ווען ס׳פאַלט אויס דער באָבעס

געבוירן־טאָג — אַ סימן, אַז אין דעם טאָג וועט איר זיין אין מזרח־בערלין. איר האָט דאָרט נאָך עפּעס — אַ פּאָר דאָלאַר־פּאַפּירלעך, טאָמער וועט איר דאַרפן...

יאַניאַ האָט געעפנט אַ פּעקל פּאַפּיראָסן, און פאַרלייגנדיק צילען אַ פּאַפּיראָס, האָט זי פלינק די פּאַפּירלעך אַריינגעשטופּט אין שאַכטל. צילאַ האָט פאַרויכערט און באַלד דעם פּאַפּיראָס פאַרלאָשן.

— אייערע פּאַפּיראָסן זענען צו שטאַרק פאַר מיר.

— און אייער פּאָטאָגראַפיע ?

— אָט דאָ איז זי. זייט פאָרזיכטיק...

זיי האָבן זיך ביידע אויפגעשטעלט און צילאַ האָט איר דערלאַנגט דאָס פּעקלעך.

— וואָס איז דאָס ?

— אַ ביסל וועש פאַר אייך.

— איך באַלאַסט אייך...

— נעמט דאָס און לאָמיר זיך געזעגענען.

יאַניאַ האָט זי צוגעפירט אַ שטיקל וועגס, נאָענט צום האָטעל. דערלאַנגט איר די האַנט, און ביידע פרויען האָבן אין מיטן גאַס רויק און קאַלט זיך געזעגנט, ווי איינע וואָלט גאָרנישט אָנגעגאַנגען דער אַנדערער.

צילאַ האָט שוין נישט געקאָנט איינזיצן אין צימער און קוים זיך דערוואַרט די גרופּע זאָל צוריקקומען. זי האָט זיך געהאַלטן אין איין נאָכפרעגן ווען זיי קומען, און דערזעענדיק זיי ווידער, איז זי געווען ממש גליקלעך. אַלע האָבן זיך מיט איר וואַרעם באַגריסט, טייל האָבן איר אַפילו אַ קוש געטאָן. בלויז יורם איז געשטאַנען פון ווייטנס און זיך נישט געאיילט צו איר צוצוגיין.

— נו, וואָס מאַכט איר ? — האָט געפרעגט דער „אינטוריסט"־אַגענט.

— איך האָב זיך גוט אויסגעשוויצט, גענומען וואַרעמע בעדער, געלייגט וואַרעמע קאָמפּרעסן, און ס'איז אַדורכגעגאַנגען.

יורם האָט בכוונה אויסגעמיטן צילען. דאָס וויצלען זיך פון זיינע חברים בשעת דער גאַנצער רייזע, „אַז ער איז צוגעבונדן צו צילעס ספּאָדניצע", האָט אים דערפון אָפּגעהאַלטן. ער האָט אַלעמען געלאָזט מיט איר רעדן, און אַליין איז ער אַרויף צו זיך אין צימער. תחילת האָט ער געוואָלט זיך אַנידערלייגן אַ ביסל אָפּרוען, אָבער ער האָט דאָס נישט געטאָן,

מחמת ער האָט געחלשט צו דערוויסן זיך ווי ווייט זי האָט זיך שוין פאַרוויקלט אין ענין יאַניאַ.

ווען ער איז מיט צוויי שעה שפּעטער אַראָפּגעקומען אין דער לאָבי, איז זי נאָך געזעסן צווישן דער חברה.

— יורם — האָבן זיי אים גערופן פון ווייטנס — זע נאָר ווי צילאַ האָט זיך פּאַפּראַווועט דורך די פּאָר טעג...

— זי זעט שוין באַלד אויס ווי אַ קאָמסאָמאָלקע — האָט זיך יצחק אָגערופן.

— אַ זעלטענע קאָמסאָמאָלקע — האָט צוגעגעבן רפי.

— מיט וואָס זעלטן?

— אַ קאָמסאָמאָלקע מיט אַ העקסענשוס...

די חברה האָבן זיך צעלאַכט.

— איר זעט — האָט גבריאל זיי געוויזן — ער דרייט זיך אַרום ביי אונדז ווי אַ שאָטן.

זיי האָבן זיך אומגעקוקט. דער „אינטוריסט"־אַגענט איז געווען אין דער לאָבי.

— דאָ אַרבעט מען! — האָט יורם געזאָגט — אַזאַ איינער שטייט אויף די פיס ביי טאָג און ביי נאַכט.

— מיר דאַכט זיך, אַז ער האַלט אַן אויג אויף אונדז...

צילאַ האָט זיך געמאַכט נישט הערנדיק, אָבער אין האַרצן האָט איר אַ טיאַכקע געטאָן. ער קען דאָך אַלע אונדזערע פּנימער. זי האָט נישט אַרויסגעוויזן קיין סימן פון צעטומלונג, אַפילו זיך נישט אומגעקוקט אויפן אַגענט און אָנגעהאַלטן דעם שמועס.

— איר האָט מיר נאָך נישט דערציילט פון אייער רייזע קיין לענינגראַד. געמאַכט אַ לעבן, האַ?

אַלע האָבן זיך גענומען רייסן איר דערציילן זייערע איינדרוקן.

— רעדט נישט אַלע מיט איין מאָל!

— לענינגראַד איז שענער ווי מאָסקווע. זעט אויס יינגער און לעבעדי־קער, די מענטשן — פריילעכער און פריינדלעכער. שפּעט ביי נאַכט זענען די גאַסן רוישיק און פול.

— הערסט, צילאַ, אַ שאַד וואָס דו ביסט נישט מיטגעפאָרן. לענינגראַד איז אַ שטאָט פון אָזיערעס און בריקן. דער טייך ניעוואַ באַשיינט די

שטאָט, קילט אָפּ די לופט. אַזאַ שיינע גאַס ווי „ניעווסקי פּראָספּעקט", זעט מען נישט אין אייראָפּע. ערשט דאָס ביסל דענקמעלער — האָט ווייטער אפרים גערעדט מיט התלהבות — מוזט אויפהייבן דעם קאָפּ צום הימל, זאָלסט קאָנען דערזען דעם שפּיץ פון דער ריזיקער סטאַטוע פון פּיאָטער דעם ערשטן.

— וואָלקן־קראַצער, גראַניט־הייזער מיט אַן אייגנאַרטיקער מאָדערנער סטרוקטור, וואָס דו קאָנסט זיך גאָרנישט פאָרשטעלן.

— סחורה־הייזער, ריזיקע ביכער־געשעפטן אויף טריט און שריט.

— און שיינע מיידלעך...

זיי האָבן לאַנג, זייער לאַנג אין איר אַריינגערעדט, געשילדערט לעניב־גראַד אין שיינע פאַרבן, אָבער צילאַ האָט קוים געהערט וואָס מ'רעדט צו איר. זי איז געווען פאַרנומען מיט אירע געדאַנקען. יעדע מינוט איז פאַר איר געווען אַ שעה און זי האָט געהאַלטן אין איין טראַכטן:

— ווי קומט מען שוין אַרויס פון מאָסקווע!...

קאַפּיטל צען

עטלעכע טעג שפּעטער האָט אַן „עירפראַנס"־עראָפּלאַן געלאַנדט אויפן לודער לופטפאַרט און די גרופּע איז אויסגעשטיגן.

ס'האָט זיי אָפּגעוואַרט אַ גרויסער עולם, משפּחה און באַקאַנטע, אַ סך צילעס פריינד. זי האָט זיך אַרומגעקוקט: איר מאַן איז נישט געווען.

— וואָס איז מיט אים געשען? — האָט זי איבערגעקלערט — האָט ער נישט געוווסט ווען דער עראָפּלאַן קומט אָן, אָדער נישט געוואָלט קומען זי אָפּנעמען?

זי איז אַליין אָנגעקומען אין שטוב אַריין. די עוזרת האָט געעפנט די טיר און גענומען טאַנצן פאַר פרייד.

— ווו איז מיין מאַן? — האָט זי געפרעגט.

— ער איז דאָך געפאָרן קיין לוד אייך דערוואַרטן. אפשר אַ האַלבע שעה ווי ער איז אַרויס פון הויז.

— שלימזל! האָט זי אַ מורמל געטאָן — אַלע קינסטלער האָבן

אײן פּנים — פֿאַר דער װעלט — קינסטלער; פֿאַר די אײגענע װײַבער — שלימזלניקעס.

באַלד האָט דער טעלעפֿאָן גענומען קלינגען פֿון אַלע זײַטן און זי האָט זיך נישט געקאָנט פֿון אים אָפּרײַסן.

אין מיטן פֿון אַ געשפּרעך האָט זיך די טיר ראַש געעפֿנט און איתן איז אַרײַנגעקומען.

ער איז צו איר צוגעלאָפֿן — אַבי כ׳האָב דיך אַרומגעזוכט...

זי האָט זיך מיט אים באַגריסט מיט דער זעלבער רויִקייט און קאַלטקייט, װי זי איז אַװעקגעפֿאָרן. די אױפֿקלערונג פֿון זײַן פּאַרשפּעטיקן זיך האָט זי אױסגעהערט צװישן אײן טעלעפֿאָן־געשפּרעך און דעם צװײטן, און גאָרנישט איבערגעפֿרעגט.

נאָך די צװאַנציק טעג װי זי איז אַרױס פֿון שטוב, האָט ער איצט גאַנץ אַנדערש אױסגעזען אין אירע אױגן, און דער אופֿן, װי ער האָט זי אױפֿגענומען, האָט געװירקט, װי זי װאָלט געװען פֿון אים אָפּגעשײדט צװאַנציק יאָר.

װען די טעלעפֿאָנען האָבן זיך אײַנגעשטילט, זענען זײ אַרײַן אין עסצימער. דער טיש איז שױן געװען געדעקט און איתן האָט מעכאַניש אַ זאָג געטאָן:

— נו, לאָמיר מאַכן אַ לחיים!

זי האָט אַ נעם געטאָן פֿון גלעזל און עס גלײַך אַװעקגעשטעלט.

— װאָס הערט זיך אין מאָסקװע? — האָט ער געװאָלט איבעררײַסן די אָנגעצױגענע שטימונג.

— מאָסקװע שטײט אױפֿן זעלבן פּלאַץ װי אין ניקאָלײס צײַטן...

— דעם קרעמעל האָסטו געזען?

— נאָר די מױערן.

איז טאַקע אמת, אַז טוריסטן פֿון ישׂראל האַלט מען אױפֿן אױג, אױף טריט און שריט?

— מיר האָבן דאָס נישט געפֿילט.

— אָבער מיר דאָ האָבן שטאַרק איבערגעקלערט.

— װעגן מיר? — האָט זי אױפֿגעציטערט.

— װעגן דער גאַנצער גרופּע.

— צוליב װאָס?

— צוליב אַ פּאַל מיט איינעם פון רמת־גן.

— וואָס אַזוינס איז געשען?

— עמעצער איז געפאָרן קיין כאַרקאָוו זיך זען מיט אַן אייגענעם ברודער. האָט מען אים אַרעסטירט אונטער דער באַשולדיקונג, אַז ער האָט בעת דער מלחמה דעזערטירט פון דער רויטער אַרמיי, און ער האָט אַריינגעכאַפּט פינף יערלעך טורמע.

— רוסלאַנד איז גרויס. ס'טרעפט אַזאַ פּאַל אויך. אָבער איך מיין, אַז זיי וועלן אים לאַנג נישט האַלטן.

— פון וואַנען נעמסטו דאָס?

— ווייל אין סאָוועט־רוסלאַנד איז מען איצט זייער אינטערעסירט אין אַ גרויסער טוריסטיק, וואָס ברענגט אַריין פרעמדע וואַלוטע.

איתן האָט באַמערקט, אַז וועגן וואָס נאָר ער זאָל נישט רעדן גייט עס איר נישט שטאַרק אָן. אין אירע קורצע תשובות פילט זיך אַן אומווילן. ער איז געבליבן זיצן ביים טיש, ווי זיין שטייגער איז, אַ פּאַרטראַכטער. ער האָט זיך איינגערעדט: „ס'איז אַ פאַרבייגייענדיקער קאַפּריז".

— אַנטשולדיק — האָט צילאַ זיך האַסטיק אויפגעשטעלט — כ'מוז זיך אַ ביסל אַרומוואַשן און איבערטאָן, איידער ס'קומען אָן געסט.

ווען זי איז צוריקגעקומען, איבערגעטאָן און פאַרקעמט, אין סאַלאָן אַריין, האָט ער זי גוט באַטראַכט. אויסערלעך איז זי מיט גאָרנישט געווען געענדערט, אָבער איתנס קינסטלעריש אויג, האָט איצט דערזען, אַז עפּעס איז מיט איר בשעת דער רייזע דאָך פאָרגעקומען. ער האָט נאָר נישט געוווסט צי בלויז מיט איר, אָדער מיט דער גאַנצער גרופּע. ער האָט געפּרווּוט מיט איר וואָס מער רעדן, אויספרעגן וועגן דער רייזע, אָבער אַלץ, וואָס ער האָט געקאָנט אַרויסבאַקומען, איז געווען, אַז זיי האָבן באַזוכט דעם „באָלשאָי טעאַטער" און זי איז שפּעטער געלעגן עטלעכע טעג קראַנק אין מאָסקווער האָטעל.

מ'קאָן זאָגן, אַז דאָס איז געווען אַן אויסטערלישע אויפפירונג אין זייער פאַמיליע־לעבן, ווייל זינט זייער חתונה האָבן קיין שום אייפערזוכט־געפילן ביי דעם פּאָרל נישט געהערשט. ער האָט געלעבט און געאָטעמט מיט זיין שאַפן, מיט בויען זיינע דראַמעס, און די שפּאַנונג זיי צו זעען אויפפירן אויף דער בינע האָט אים ממש אויפגעגעסן. שיינקייט האָט ער געזען בלויז אינעם קינסטלערישן שאַפן. ער האָט אַפילו נישט געזען ווי

שיין און רייצנדיק זיין פרוי איז. ער האָט זיך מיטביידע הענט געהאַלטן אין היינריך היינעס זאָג: „ווען נישט די פּאָעזיע, וואָלט קיין שום פרייד אינעם לעבן נישט געווען". וואָס ער האָט יאָ באַמערקט און געשעצט אין זיין פרוי, זענען געווען די אידעען, מיט וועלכע זי האָט זיך אַרומגעטראָגן, געפּרעדיקט און געקעמפט פאַר זיי. און כאָטש זיי זענען געווען מענטשן מיט פאַרשידענע נאַטורן און טעמפּעראַמענטן, איז אָבער אַ גרויסע איינשטימיקייט געווען אין זייער לעבן: זיי האָבן ביידע פיינט געהאַט געוואַלט, מיליטער און מלחמה צווישן פעלקער. ביי זיי איז דער דיכטער געווען מער ווי דער גענעראַל, דער קינסטלער — מער פונעם פּאָליטיקער. דער אַרבעטער איז נקי כפּיימדיקער, ערלעכער פונעם אַרבעטסגעבער. זיי האָבן ביידע זיך געהאַלטן פאַר פרייע מענטשן, אָבער איתן האָט געוווסט, אַז טיף אין זיין ווייבס נשמה טליִעט אַ רעליגיעזער פונק, וואָס אויב ער וועט זיך אַ מאָל צעפלאַקערן, וועט ער איבעראַנדערשן איר גאַנצן געדאַנקען־גאַנג. אמת, דאָס וועט נישט קומען צום אויסדרוק אין פּראָווען רעליגיעזע צערעמאָניעס. אָבער זי וועט דערפילן אין זיך אַן איבערמאַכט, אַ נישט געזעענעם אויפזעער, וואָס וועט צוימען איר טעמפּעראַמענט, אירע גלוסטונגען. און ער האָט זיך אַליין געפרעגט: „ווי וועט זי דעמאָלט אויסזען"?

אָבער מיט קיין וואָרט האָט ער זיינע געדאַנקען פאַר קיינעם נישט פאַרראָטן. איתן איז אַ פאַרשלאָסענער, אַן אָפּגעזונדערטער. ער האָט נישט קיין נאָענטע פריינד. מיט חברים פון־קינסטלער האָט ער זייער זעלטן זיך געזען. ער האָט פון זיי נישט געהאַלטן און נישט געלייענט זייערע ווערק. ער האָט געלייענט בלויז די קלאַסישע דראַמאַטורגן און דיכטער. פּראָזע האָט ער בכלל נישט געלייענט. אַפילו אַ שווישפּילערין וואָס האָט אָנטייל גענומען אין זיינס אַ פּיעסע, איז ער נישט געווען להוט צו זען. אויף די איינלאַדונגען פונעם שרייבער־פאַרבאַנד האָט ער קיין מאָל נישט געענטפערט און אויף די וויכטיקסטע אימפּרעזעס האָט מען אים נישט געזען. ער האָט נישט באַדאַרפט אָנצוקומען צו טובות און ציִען פּרנסה פון זיינע דראַמעס. די טשעקן פון זיין רייכן שווער זענען יעדן חודש פּינקטלעך אָנגעקומען, און ווען צילאַ האָט באַדאַרפט אויף ספּעציעלע הוצאותן, האָט איר פאָטער דאָס דערלאַנגט מיט אַ ברייטער האַנט.

איתן האָט געהאַט אַ געוווינהייט נישט צו ענטפערן אויף פּריוואַטע בריוו, אַפילו פון באַרימטע מענטשן. ער האָט קיינעם נישט געוואָלט

אַוועקגעבן קיין מינוט פון זיין צייט. אין דער שרייבער־משפּחה האָט קיינער נישט געקאָנט באַווייזן קיין צעטעלע מיט זיין האַנטשריפט. אַז צילאַ האָט אָפּגענומען די פּאָסט, האָט זי די בריוו, אַדרעסירטע צו אים, אַוועקגעלייגט באַזונדער, ווי אַן אַפּפּאַל, וואָס מ׳וואַרפט אין קויש אַרײַן. זי האָט געוווּסט, אַז אַ סך בריוו עפנט ער אַפילו נישט. ער גיט בלויז אַ קוק פון וועמען דאָס איז — און וואַרפט זיי גלייך אין קויש אַריין ביים שרייבטיש. צילאַ האָט דאָס נישט געקאָנט פאַרטראָגן. איר קאָרעספּאָנדענץ האָט זי אָפּגעהיטן און געהאַלטן פאַר אַ חוב צו ענטפערן אויף יעדן בריוו.

אין די לעצטע טעג האָט זי באַזונדערס שטאַרק אָפּגעהיטן די פּאָסט. ווי נאָר די בריוו זענען אָנגעקומען, האָט זי גלייך ביים פּאָסט־קעסטל אַדורכגעקוקט פון וועמען זיי זענען. זי האָט מיט שפּאַנונג דערוואַרט אַ בריוו פון מאָסקווע, פון יאַניען.

קאַפּיטל עלף

כאָטש יאַניאַ האָט אַזוי שטיל זיך געזעגנט מיט צילען, האָט אָבער די צופעליקע באַגעגעניש מיט די ישראלים געמאַכט אויף איר אַ צעטרייס־לענדיקן איינדרוק. עפּעס אַ באַהאַלטענע בענקשאַפט האָט אין איר אָפּגע־טעמפּט דעם פּחד, אין וועלכן זי האָט געלעבט. זי איז געוואָרן זיכערער, דרייסטער און עקשנותדיקער זיך אַליין צו באַפרייען.

יעדן טאָג, ווען נאָר זי האָט באַגעגנט דעם פּראָפעסאָר ביי דער אַרבעט, האָט זי ביי יעדן וואָרט, וואָס ער האָט אַרויסגערעדט, דערוואַרט צו הערן פון אים עפּעס וועגן זיין רייזע קיין בערלין. ביי יעדן פּעקל פּאַפּירן וואָס זענען איר געקומען אין האַנט אַריין האָט זי קודם־כל אַ בליק געטאָן, אויב דאָס זענען נישט רעפעראַטן, אָדער טאָג־פּראָגראַמען פונעם וויסנשאַפטלעכן צוזאַמענפאָר אין בערלין. זי איז אָבער געווען גענוג פאָרזיכטיק נישט צו פאַרראַטן איר נייגעריקייט און עפּעס וועגן דעם איבערצופרעגן.

ס׳זענען אַדורך טעג און וואָכן און קיין שום צייכן האָט זי נישט געזען. די שפּאַנונג איז געוואָרן ביי איר גרעסער, און די זיכערקייט, אַז זי וועט האָבן אַ געלעגנהייט מיטצופאָרן — שוואַכער. „פאָרט דער פּראָפעסאָר אין

גאַנצן נישט, אָדער היט מען זיך מיט אַ וואָרט״? — האָט זי איבערגעטראַכט. ביסלעכווייז האָט זיך ביי איר געגומען אויסלעשן דער זיסער חלום. די שפּאַנונג האָט נאָכגעלאָזט, און זי איז ווידער אַריין מיט אַלע חושים אין דער אַרבעט.

איין מאָל, ווען זי איז אַהיימגעקומען אַ מידע פון דער אַרבעט און זיך קוים באַוויזן איבערצוטאָן, האָט ווער אָנגעקלאַפּט אין דער טיר פון איר צימער.

ביי דער טיר איז געשטאַנען אַ יונגערמאַן, און לעבן אים — פרוי סירקין מיט אַ בלייך פּנים.

— קאָן מען אַריינגיין?

יאַניאַ האָט דעם פרעמדן דערשטוינט אָנגעקוקט, אָבער נישט פאַר־לירנדיק די רוסישע העפלעכקייט, האָט זי אויטאָמאַטיש אַ זאָג געטאָן.

— ביטע.

דער גאַסט האָט נישט געוואַרט, זי זאָל אים עפּעס פרעגן, און מיט אַ שמייכל אויסגעשטרעקט צו איר די האַנט.

— גריגאָרי זאָרין, אַ סטודענט פון דריטן יאָר געשיכטע — האָט ער זיך פאָרגעשטעלט.

— ביטע, זיצט.

ער האָט עפּעס געזוכט אין די טאַשן. יאַניאַ האָט מיט פאַרדאַכט געקוקט אויף זיינע האַנט־באַוועגונגען, אָבער דער גאַסט האָט אַרויסגענומען אַ פּעקל פּאַפּיראָסן מיט אַ צינדמאַשינקע.

— מעג מען פאַררייכערן?

— ביטע זייער.

ער האָט איר מכבד געווען מיט אַ פּאַפּיראָס, אָבער יאַניאַ, פול מיט פאַרדאַכט אויפן פרעמדן, האָט אָפּגעזאָגט.

— וואָס, איר רייכערט נישט?

— זייער ווייניק.

יאַניען איז די צינדמאַשינקע פאַרגעקומען פאַרדעכטיקט. איר געניט אויג האָט דערזען, אַז זי איז אַ ביסל צו דיק און גרעסער ווי אַ געוויינלעכע. נאָך מער האָט איר שאָקירט, וואָס בשעת ער האָט אָנגעצונדן דעם פּאַפּיראָס, איז דער פלאַם אויסגעקומען פינקטלעך קעגן איבער איר פּנים. דער גאַסט

האָט זיך פאַרצויגן מיט רויך און דאָס פּעקל פּאַפּיראָסן מיט דער מאַשינקע אָוועקגעלייגט אויפן קליינעם טישל.

— וואָס האָט איך דאָ אַהערגעבראַכט ? — האָט זי שוין אַ ביסל אומרויִק געפרעגט.

— ס'האַנדלט זיך — האָט דער „גאַסט" הכנעהדיק אָנגעהויבן — אין אַ חברישער טובה. אויב איר וועט זיין אַזוי ליבלעך און נישט האָבן קיין פאַראיבל אויף מיין צודרינגלעכקייט, קאָנט איר מיר אַ סך העלפן. אייך קאָן עס נישט קיין שאָדן ברענגען, און מיר אַ סך נוצן.

— איך פאַרשטיי אייך נישט !

— נאָר אַ קאַפּעטשקעלע געדולד, חברטע, און כ'וועל אייך אויפקלערן.

— מאַכט דאָס בקיצור.

— ווי וויַט מעגלעך וועל איך זיך באַמיִען דאָס צו טאָן. כ'וואָלט אָבער צופרידענער געווען ווען איר שענקט מיר אַ ביסל מער צייט.

— זענט איר געקומען צו מיר פּערזענלעך, אָדער אין אַן ענין פון דער אוניווערסיטעט ?

— מיין ענין האָט גאָרנישט צו טאָן מיט דער אוניווערסיטעט.

— אויב אַזוי, אפשר האָט איר גאָר געמאַכט אַ טעות מיטן אַדרעס ? ווייל איך קען אייך נישט...

— דאָס זיכער נישט. איך בין געקומען צו ד"ר יאַניאַ דאַווידאָוונאַ ציטרין.

— איך בין אָבער נישט קיין רופא...

— אויך דאָס וויס איך. כ'האָב זיך נישט וואָס צו באַקלאָגן אויף מיין געזונטהייט, דאַקעגן קוועלט מיך עפּעס אַנדערש...

דער „גאַסט" האָט זיך נישט געאיילט, ווי ער וואָלט זיך וועלן רייצן מיט איר אומגעדולדיקייט. ער האָט פּאַמעלעך אָפּגעלאָשן דעם פּאַפּיראָס און אָנגעהויבן שטיל, קוים וואָס מ'האָט געהערט :

— איך בין שוין דאָס דריטע יאָר אין מאָסקווע און האָב נאָך נישט קיין אייגן ווינקל — האָט ער זיך געענומען באַקלאָגן — מ'האַלט מיר אין איין צוזאָגן צו געבן אַ צימער, אָבער ווען כ'קום אין ווינונגאַמט, איז אָדער צו פרי, אָדער פאַרשפּעטיקט. וויפל, מיינט איר, קאָן דאָס געדולד אויסהאַלטן ? ביז איין מאָל האָב איך ריזיקירט דעם באַאַמטן אַ פרעג צו טאָן : „זאָגט מיר

חבר, וויפל פאַר שטיוול דאַרף מען צערייסן ביז מ׳באַקומט צוגעטיילט אַ וווינונג״ ?...

— וואָס מיינט איר, אַז דער באַאַמטער האָט זיך אויף מיר געבייזערט ? חס וחלילה! ער האָט נאָר אויף מיר אַ בייזן קוק געטאָן און געזאָגט: „האָסט מזל, אַז קיינער איז איצט נישטאָ. אַנישט וואָלטסטו זיך שוין איינגעשפּאָרט די גאַנצע טירחה״... צי כ׳האָב אים פאַרשטאַנען ? וואָס איז דאָ שווער צו פאַרשטיין ? אָבער געהאָלפן, זעט איר האָט עס. עטלעכע טעג שפּעטער האָבן זיי מיך גערופן און אָנגעזאָגט די בשורה, אַז ס׳איז שוין באַשטימט פאַר מיר אַ צימער.

יאַניאַ האָט אים איבערגעריסן:

— ווער האָט אייך געשיקט און ווער האָט אייך געזאָגט ?

— נו, זיי דאָרטן פון וווינונגאַמט. איר באַקומט אַ וווינונג אין די אַקאַדעמישע בלאָקן און דאָס צימער גיט איר אָפּ צוריק. אָבער ווען, וואָס — האָב איך פון זיי נישט געקאָנט אַרויסבאַקומען. זיי האָבן מיר נאָר געגעבן אייער אַדרעס און געזאָגט „דאָס איז אָנגעגרייט פאַר דיר״.

— טאָ צו וואָס זענט איר געקומען צו מיר ? איר זענט דען נישט קיין מאָסקווער ?...

— ריכטיק. אַ מאָסקווער בין איך שוין דריי יאָר. מיר גייט נאָר אין דעם כ׳זאָל וויסן דעם טאָג ווען איר גייט איבער אין דער נייער וווינונג, און נאָך עפּעס...

— וואָס איז דער נאָך עפּעס ?

— דאָס איז אפשר דאָס וויכטיקסטע, וואָס כ׳בין געקומען אייך בעטן... מיט אייער צוויילן איבערצוגיין אין דער נייער וווינונג וואָלט איר מיר באמת געטאָן אַ גרויסע טובה.

ער האָט זיך אַרומגעקוקט איבערן צימער און מיט התפעלות אַ זאָג געטאָן:

— אַ, ווי איך וואָלט געקענט אַרבעטן דאָ, שרייבן לידער...

— בעט נישט קיין טובות. אַ סאָוועטישער מענטש בעט נישט קיין טובות. כ׳קאָן אייך זאָגן, אַז אייער גאַנצער „רעפּעראַט״ איז געווען אומזיסט. נאָך די וואָך צי איך זיך איבער אין דער נייער וווינונג.

— נאָך די וואָך ? איז דער „גאַסט״ אַזש אויפגעשפּרונגען פאַר פרייד — ווי ליבלעך איר זענט. ווי דאַנקבאַר כ׳בין אייך...

— וואָס איז די שׂמחה?

— כ׳וועל אייך זאָגן דעם אמת: כ׳האָב געמיינט, אַז די „סוואָלאָטשעס״ האָבן מיך ווידער געמאַכט צו נאַר מיט אַן אויסגעטראַכטער מעשׂה וועגן אייער איבערציִען זיך אין די אַקאַדעמישע הײַזער. זיי גייט דען אָן, אַז איך פּלאָג זיך?...

יאַניאַ האָט אים שטרענג אָנגעקוקט:

— אין סאָוועטסקי סאָיוז פּלאָגט זיך קיינער נישט!

ער האָט אָנגעשטעלט אַ פאַרגאַפּט פּנים, ווי ער וואָלט זיך דערשראָקן פאַר איר באַמערקונג, און באַלד זיך צוריקגעכאַפּט.

— ריכטיק! נאָר ס׳האָט זיך מיר סתם אַזוי אַרויסגעכאַפּט אַ וואָרט... איר ווייסט דאָך, אַ וואָרט שטייט אַלע מאָל ביי אַן אָפענער טיר. אַט גיט עס אַ פּראַל אַרויס — און גיי כאַפּ עס צוריק... נאָך דערצו, אַז מ׳רעדט מיט אַן אייגענע...

— איך זע אייך צום ערשטן מאָל און כ׳ווייס נישט, וואָס פאַר אַן אייגנס איר האָט דערזען אין מיר.

— אַז מיין נאָמען זאָגט אייך גאָרנישט, מוז איך אייך אויפקלערן, אַז כ׳געהער צו דער זעלבער נאַציאָנאַליטעט וואָס איר... צום באַדויערן האָבן מיר נישט קיין ווינקל, ווו מיר זאָלן זיך קענען צוזאַמענטרעפן, און מיר פאַרגעסן ווער מיר זענען... נאָר איין מאָל אין יאָר כאַפּ איך זיך אַריין אין דער סינאַגאָגע צו די טענץ — שׂמחת תּורה...

יאַניאַ האָט גענומען פאַרשטיין מיט וועמען זי האָט צו טאָן, און אים בייז אָנגעקוקט.

— אויב איר מיינט אַז איר האָט אויסגענומען ביי מיר מיט אייער נאַציאָנאַליטעט, האָט איר אַ טעות. איך ווייס נישט אונטערצושיידן צווישן נאַציאָנאַליטעטן. אין סאָוועטן־פאַרבאַנד זענען אַלע גלײַך, און מיט רעליגיע און ייִדישע סינאַגאָגעס האָב איך גאָרנישט צו טאָן.

— מערקווירדיק... ביי מיר טליִעט אַ פונק פון אונדזער אַלטער טראַדיציע און אַ בענקשאַפט צו מדינת ישׂראל.

יאַניאַ איז אויפגעשפּרונגען פון אָרט:

— זייט אַזוי גוט און רעגט מיך נישט אויף. איך וויל נישט הערן קיין לויבווערטער אויף אימפּעריאַליסטישע מדינות...

דער „גאַסט״ האָט זי אָפּגעמאָסטן מיט אַ פאַרשנדיקן בליק.

— צו וואָס זיך אויפרעגן, חברטע דאָקטאָר — האָט ער זי געגומען באַרויִקן. אָבער יאַניאַ האָט זיך נאָך מער אויפגעקאָכט:

— כ׳וויל בכלל נישט אָנקוקן אַ פּרצוף פון אַן אימפּעריאַליסטישן סימפּאַטיקער און סינאַגאָגע־גייער. צי זענט איר טאַקע געקומען מיטן ציל מיך אויפצורעגן?

— ווי מיינע חברים האָבן אייך פאַר מיר פאַרגעשטעלט, האָב איך זיך נישט געריכט, אַז איר וועט מיך אַזוי נישט קולטורעל אויפנעמען. כ׳האָב ווירקלעך געגלייבט, אַז איר וועט מיר טאָן אַ טובה. דעם עיקר האָב איך אייך נאָך אַפילו נישט דערציילט, בעסער געזאָגט, איר האָט מיך נישט געלאָזט קומען צום וואָרט, און איך גיי פון אייך אַוועק מיטן זעלבן שווערן געמיט, ווי כ׳בין אַהערגעקומען.

— איר ווייסט דאָך שוין ווען איך פאַרלאָז די דירה. וואָס נאָך דאַרפט איר?

זאָרינס פּנים האָט זיך פאַרכמאַרעט. ער האָט פון דער בוזעם־קעשענע אַרויסגענומען אַ בינטל כתבי־יד און נישט קוקנדיק יאַניען אין פּנים אַריין, האָט ער גערעדט ווי צו זיך:

— איר קאָנט זיך גאָרנישט פאָרשטעלן וואָס אַ יונגער דיכטער ליידט דערפון, ווען די שופלאָדן זיינע זענען פול מיט געשריבענע לידער און ער קאָן נישט פאַר זיי געפינען אַ תיקון. יעדן פרימאָרגן, ווי נאָר די זון גייט אויף, דערוואַרט איך ס׳זאָל מיטאויפגיין מיינס אַ ליד. יאָרן שוין, ווי אין די רעדאַקציעס ליגן מיינע שאַפונגען און אַ געדרוקטע שורה האָב איך נאָך נישט זוכה געווען צו זען.

— מסתמא זענען אייערע לידער נישט דרוקפעיִק.

— ווייזט אויס, אַז איר זענט נישט באַהאַוונט אין די ענינים. די רעדאַקטאָרן זענען מער פּאָליט־קאָמיסאָרן, ווי מבינים אויף ליטעראַטור. זיי רעכענען זיך נישט מיט ליטעראַרישע ווערטן. אויב מ׳שרייַבט נישט קיין אָדע צום קרעמעל, ווערט מען נישט אָנערקענט... נאָר אין איינציקער נס איז געשען מיט „באַבי יאַר״... אָבער נסים געשען נישט יעדן טאָג... כ׳האָב אַ סך האָפענונגען געלייגט אויף אייך, אויף אייער רייזע...

יאַניאַ האָט דערפילט ווי אַ שלאַנג וואָלט איר אַ ביס געטאָן, אָבער זי האָט זיך באַמיט צו פאַרהאַלטן קאַלט און רויִק.

— איך בין נישט קיינעמס האָפענונג און ווייס גאָרנישט פון רייזעס מחוץ מאָסקווע.

— איך פאַרשטיי אייך — האָט ער געזאָגט מיט אַ טריבער מינע. איך אַליין וואָלט אפשר אויך אַנדערש נישט געהאַנדלט.. איר מאַכט אָבער אַ טעות, אויב איר מיינט, אַז כ׳בין בייז אויף אייך פאַר אייער שטרענגער אויפפירונג. פאַרקערט, דאָס גיט אייך צו מער חן און דערוועקט צוטרוי צו אייך... ס׳איז שיין פון אייער זייט, אַז איר ווייסט צו האַלטן אַ סוד... דערפאַר טאַקע האָב איך באַשלאָסן צו ריזיקירן אייך אַנצופאַרטרויען אויך מיין פערזענלעכן סוד. נישט יעדן איינעם קאָן מען אַזאַ זאַך מגלה זיין... כאָטש איין פּאָעמע מיינע, ווען זי קומט אָן אין מערב, אין דער פרייער וועלט־אַריין, נישט וויכטיק צו קיין לאָנדאָן אָדער בערלין... וואָלט מיר געגעבן אויסדויער ממשיך צו זיין מיין פען־אַרבעט. אָ, ווי זיי וואָלטן געדרוקט מיינע לידער! נאָך „באַבי יאַר״ איז שטיל געוואָרן און מ׳דאַרף ווידער וועקן... און וואָס איז דען דאָס אַזאַ שווערע זאַך, איר זאָלט מיטנעמען אָט־אָ די פּאָר בלעטלעך? איבעריקנס, איר דאַרפט עס נישט טאָן בחינם... כ׳קאָן אייך שוין געבן אַן אַדערויף אַ גאָלדן דאַמען־זייגערל און דעם האָנאָראַר קאָנט איר זיך דאָרט אָפּנעמען... איר דאַרפט אַפילו אַליין זיך נישט מטריח זיין, טאָמער האָט איר קיין צייט נישט, נאָר איבערשיקן אויף דעם אַדרעס... אָבער צו ערשט לייענט, לייענט...

ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און איר דערלאַנגט אַ פּאָר באַשריבענע בלעטלעך, אָבער יאַניאַ האָט זיי אַפילו נישט אָנגערירט.

— זאָל איך אפשר זיי אַליין אייך איבערלייענען?

ווי ווייט זי האָט זיך געשטאַרקט צו באַהערשן, איז זי אָבער דאָך אויסגעבראָכן אין אַ כעס:

— איך וויל אייער „פּאָעזיע״ נישט הערן און אַפילו אייער כתב־יד נישט אָנרירן. פאַרברענט אייערע לידער צוזאַמען מיט אייערע קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע מחשבות!

זאָגנדיק, ווי מ׳וואָלט אים אַראָפּגעוואָרפן אַ קרוין פון קאָפּ, איז אַ באַליידיקטער, אָן אַ וואָרט צו ענטפערן, אויפגעשטאַנען און אַראָפּגענומען זיינע זאַכן פון טיש, מורמלענדיק עפּעס צווישן די ציינער, אַרויס פון יאַניעס צימער.

נאָכן „דיכטערס" באַזוך האָט זיך יאַניאַ נישט געקאָנט באַפרייען פון רושם, אַז מ'האַלט זי אויפן אויג. גאַנץ מאָסקווע — האָט זיך איר אויס־געדאַכט איז אַ גרויס געפּענגעניש, און מ'היט זי אויף טריט און שריט.

אין אַלע פּנימער פון איר סביבה, סיי אין ביוראָ פון אוניווערסיטעט און סיי אין די לאַבאָראַטאָריעס פון פּראָפעסאָר, האָט זי געזען דעם זעלבן פאַלשן שמייכל ווי ביים „יונגן דיכטער", וואָס האָט זי באַזוכט. זי האָט געהאַלטן אין איין אַריינטראַכטן „ווער האָט אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען — ער, אָדער איך"? אָבער וועגן דעם באַזוך האָט זי זיך פאַר קיינעם נישט באַקלאָגט, און אַפילו מיט קיין וואָרט פאַר עמעצן זיך נישט אַרויסגעכאַפּט, אַפילו נישט פאַר די סירקינס. זי האָט גוט געוווסט, אַז דער גאַנצער „שמועס" צווישן איר און דעם געהיים־אַגענט איז שוין אויפגעכאַפּט אויף דער טאַשמע פון דער צינדמאַשינקע, וואָס ער האָט אַרויפגעלייגט אויפן טישל, און ער וועט ווערן גרינטלעך קאָנטראָלירט אין דער פּאָליטישער־פּאָליציי, נישט נאָר ווערטלעך, נאָר אויך לאָגיש און פּסיכאָלאָגיש. אָבער קיין שום פאָרוווּרף צוליב איר האַלטונג האָט זי זיך נישט געקאָנט מאַכן. ס'איז געווען דאָס מאַקסימאַלסטע, וואָס זי האָט געקאָנט טאָן זיך צו ראַטעווען פון יעדן פאַרדאַכט. זי האָט זיך אויך אָריענטירט, אַז דאָס „געשפּרעך" איז נישט אַזוי ווייט וויכטיק, ווי די פּערזענלעכע מיינונג פונעם אויספאָרשער. אויף איר האָט דער „יונגער דיכטער" געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ גוט אויסגעשולטן אַגענט, אַ פלינקער פוקס און אַן אכזר. און אַ געדאַנק האָט זי געמאַטערט: פאַרן געהיים־אַגענט זענען פאַראַן צוויי אויסוועגן; אָדער ער זאָל זיך מודה זיין, אַז ער האָט דאָס מאָל געליטן אַ מפּלה און רעקאָמענדירן זי צו „פאַרבעטן" אין „ביוראָ" און ערשט נעמען אויפן „צימבל", אָדער ער זאָל צוגעבן זיין מיינונג, אַז אירע רייד זענען געווען ריכטיקע, אמתדיקע, און ער גלייבט אין זיי. וועלכע טאַקטיק וועט ער אויסוויילן?

גאַנצע נעכט האָט זי זיך געוואָרפן אויפן געלעגער און נישט געקאָנט איינשלאָפן. געוווסט האָט זי, אַז ביים קלענסטן פאַרדאַכט, אַפילו ווען מ'זאָל זי נישט רופן אין „ביוראָ" און גאָרנישט טאָן, אָבער מיטפאָרן מיטן פּראָפעסאָר קיין אויסלאַנד וועט מען זי שוין נישט לאָזן. דער פאַקט גופא פון „דאָפּראָס" האָט איר נישט אַזוי פיל איבערראַשט, ווי די פּרטים, וואָס דער „דיכטער" האָט וועגן איר געוווסט. זי האָט זיך אָריענטירט, אַז יעדער

איינער וואָס פּאַרט אַרויס, אַפילו אין אַן אָפיציעלע מיסיע, מוז דאָס אַדורכגיין. ביי יעדן פּירט מען דאָס אַדורך אויף אַן אַנדערן אופן. אָן אַ הסכמה פון דער געהיים־פּאָליציי גייט דאָס נישט. צום סוף איז זי מיד געוואָרן פון אַריינקלערן. אַ טיפער יאוש האָט זי באַהערשט — „זאָל זיין וואָס ס׳וועט זיין״...

זי האָט זיך באַמיט צו פאַרגעסן אין דער גאַנצער רייזע, אָבער דאָס פּנים פון דעם „דיכטער״ איז אַלץ געשטאַנען פאַר אירע אויגן. ערשט ווען זי האָט פאַרלאָזט די סירקינס און איבערגעגאַנגען אין דער נייער דירה, זענען די שטריכן פון זיין פּנים אין איר דמיון פאַרטושט געוואָרן.

כאָטש די אַרבעט אין דער לאַבאָראַטאָריע איז געווען שווערער ווי אין פּראָפעסאָרס קאַנצעלאַריע, האָט זי זיך באַמיט מ׳זאָל זי שיקן אין די עקספּערימענטאַלע סטאַציעס. דאָס זיין צוגענאָגלט צו די פיזיקאַלישע אַפּאַראַטן האָט זי געמאַכט פאַרגעסן אין דער אויספאָרשונג און אין דעם „פּיסל״, וואָס מ׳האָט איר געוואָלט אונטערשטעלן אין איר צימער ביי די סירקינס.

איין מאָל, ווען זי איז געווען פאַרנומען אין דער לאַבאָראַטאָריע, פאַרטיפט אין אַן עקספּערימענט, האָט זי אַפילו נישט באַמערקט ווי דער פּראָפעסאָר איז אַריינגעקומען. ער איז געלאָסן צוגעגאַנגען צו איר הינטער־ווייַלעכץ און זיך איינגעקוקט אין איר אָנגעשטרענגטקייט. ווען יאַניאַ האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, האָט ער שמייכלענדיק זיך אָגערופן:

— אינטערעסאַנט, האַ? מיר האַלטן שוין אַ סך ווייטער און איר זענט נאָך אַלץ „פאַרליבט״ אין די אָזאָטאָפּן.

יאַניאַ, דערזעענדיק זיין צופרידן פּנים, איז איר אַ ביסל לייכטער געוואָרן אויפן האַרצן. אינסטינקטיוו האָט זי דערפילט, אַז ער האָט איר עפּעס צו זאָגן, אפשר אַ גוטע בשורה?

— פאַרלאָזט די לאַבאָראַטאָריע און קומט מיט מיר!

ער האָט זי אַריינגעפירט אין זיין קאַבינעט און בעטנדיק זיצן, האָט ער איר דערלאַנגט אַ פּעקל פּאַפּירן.

— ביי די דייַטשע קאָלעגן קומט אַלץ פאַר אַזוי שנעל, אַז ס׳בלייַבט ווייניק צייט עפּעס ריכטיק צוצוגרייטן. ס׳איז אין גאַנצן געבליבן אַ פּאָר וואָכן, און כ׳האָב נאָך אַפילו נישט באַוויזן מיין מאַטעריאַל צו באַאַרבעטן. קוקט אַדורך אַט־אָ די רעפעראַטן און מאַכט אייערע באַמערקונגען אויף די

מאַרגינעסן. שפּעטער וועט מען זיי דאַרפֿן איבערזעצן לכל הפּחות אין צוויי שפּראַכן: דייטש און פראַנצויזיש. כ׳מוז אייך זאָגן, אַז אויף מיין פאָרשלאָג זענט איר באַשטימט געוואָרן אַלס די וויסנשאַפטלעכע סעקרעטאַרין פון אונדזער דעלעגאַציע. דער גאַנצער מאַטעריאַל וועט זיין קאָנצענטרירט אין אייערע הענט. דאָ האָט איר די רשימה פון אונדזער דעלעגאַציע. אָננעמען מאַנוסקריפּטן דאַרפט איר אָן וועלכע באַוואָרענישן פון אַלע דעלעגאַטן. שפּעטער וועל איך מיט פּראָפעסאָר ניקאָלסקי דאָס אַדורכקוקן און באַשטימען וואָס יאָ און וואָס נישט. אַרבעטן וועט איר דאָ אין מיין קאַבינעט. זייט וויסן, אַז אין דער איצטיקער פּאַזע ווערט דער גאַנצער מאַטעריאַל באַטראַכט, אַלס שטרענג סודותדיק. נו, איך איל זיך איצט אויף דער ערשטער זיצונג. אויף ווידערזען!

קאַפּיטל צוועלף

נאָכן נעכטיקן טומלדיקן דיסקוסיע־אָוונט אין איר סאַלאָן איז צילאַ שפּעט געגאַנגען שלאָפֿן. זי איז אויפגעשטאַנען ערשט ווען זי האָט זיך דערמאָנט, אַז ס׳מוז שוין זיין די פּאָסט.

ס׳איז שוין געווען מיטאָגצייט, זי האָט אַרויפגעוואָרפן אויף זיך אַ מאָרגנראָק און אַרויסגעגאַנגען עפענען דאָס פּאָסטקעסטל, וואָס פאַרן אַריינגאַנג אין הויז.

דאָס פּאָסטקעסטל איז געווען אָנגעפּראָפּט. אַ פול קיישל קאָרעספּאָנדענץ האָט זי אַריינגעבראַכט און גענומען אַדורכקוקן: בריוו, צייטונגען, זשורנאַלן, איינלאַדונגען אויף שמחות און אימפּרעזעס; מאָנונגען פון אוצר פאַר פאַרמעגן־שטייער און דירה־שטייער; חשבונות פאַר גאַז, עלעקטריע, וואַסער און טעלעפאָן. איר שאַרף אויג האָט נאָך אַלץ עפּעס געזוכט, און דערזעענדיק אַ בריוו באַקלעפּט מיט רוסישע פּאָסט־מאַרקעס, האָט זי אַלץ איבערגעלאָזט אויפן טיש און אַריינגעגאַנגען אין איר בודואַר אים עפענען.

ס׳איז געווען אַ לאַנג בייגעלע פּאַפּיר, געשריבן אין פראַנצויזיש מיט אַ דראָבנער שריפט. צו ערשט האָט איר דער בריוו אויסגעזען אויסטערליש, געשריבן אַזוי פאַמיליאַר, אַז ס׳האָט זיך גאָרנישט אָנגעקערט מיט

איר, אָבער אין מיטן זענען געווען אַ פּאָר שורות, וואָס איבערלייענענדיק זיי איז זי געוואָרן איבערראַשט.

...וואָס אָנבאַלאַנגט דער באָבע בלומע, פילט זי זיך גוט, הערט גוט און גייט אויף די פיס אָן אַ שטעקן. דעם פופצנטן אָקטאָבער ווערט זי אַלט זיבעציק יאָר. דעם געבוירן־טאָג וועלן מיר פּראַווען ביי איר ייִנגסטן אייניקל — באָריס".

דאָס איז געווען דער אָפּגערעדטער צייכן, און צילאַ האָט פאַרשטאַנען, אַז ס׳בלייבט איר נישט קיין סך צייט אַרויסצופאָרן קיין בערלין.

זי האָט באַטראַכט דעם קאָנווערט. ער איז טאַקע געווען אָפּגעשטעמפּלט מיט אַ מאָסקווער פּאָסט־שטעמפּל. אויך אַן אַדרעס פון שיקער איז געווען אָנגעגעבן, אָבער נישט יאַניעס נאָמען. פון דעם האָט זי פאַרשטאַנען, אַז זי דאַרף אויף דעם בריוו נישט ענטפערן. זי האָט שנעל זיך אָנגעטאָן, איז אַרויס פון שטוב און צוריקגעקומען ערשט פאַר נאַכט.

דעם זעלבן אָוונט איז פאָרגעקומען אין איתנס הויז אַן אויסערגעווײנלעכע זאַך — אַן אינצידענט צווישן מאַן און ווייב.

זי האָט געזאָגט: „כ׳וועל יאָ פאָרן"! און ער: „מען וועט זען"!

אַזאַ זאַך איז נאָך במשך פון זייער גאַנצן צוזאַמענלעבן נישט געשען.

— וואָס האָסטו צו טאָן אין בערלין?

— נישט אויף לאַנג פאָר איך! אין גאַנצן אויף עטלעכע טעג.

— איך האָב דיך נישט געפרעגט אויף ווי לאַנג, נאָר צו וואָס?

— דאָס איז מיינס אַ זאַך.

— טאָר איך נישט וויסן?

— ווער זאָגט, אַז דו טאָרסט נישט?

— נו?

— וועסט עס נאָר וויסן אַ ביסל שפּעטער. סבלנות...

— אָבער ווער פאָרט דאָס מאַכן אויספלוגן קיין בערלין?

— איך!

ער האָט זיך אויפגעשטעלט און געלאָזט זי אַליין. מיט אַ געפיל פון דערנידערונג איז ער אַריינגעגאַנגען צו זיך אין צימער, זוכן אַ טרייסט אין די בערג כתבים, וואָס זענען געווען אָנגעוואָרפן אויף זיין אַרבעטסטיש. ער האָט געבלעטערט, געטראַכט, אָבער מיט דער פען האָט ער נישט געקאָנט רירן. אָפּזיצנדיק אויפן בענקל אַ שפּאָר שטיקל צייט, האָט ער אַ מאַך

געטאָן מיט דער האַנט, ווי ער וואָלט גערעדט צו זיך: „צו וואָס זיך דעם קאָפּ ברעכן? ס'וואָלט געווען אַן עוולה, כ'זאָל דערגיין צו וואָס זי פּאָרט שוין ווידער. האָסט חתונה געהאַט מיט אַ פּרוי, כדי זי לעבנסלענגלעך אַריינצוזעצן אין געפענגעניש"? — האָט ער זיך אַליין מוסר געזאָגט.

אין צוויי טעג אַרום, ווען צילאַ האָט פאַרלאָזט דאָס הויז, איז דאָס גע־פיל פון אומרו בײַ אים אין גאַנצן פאַרשוווּנדן.

זי וועט עס טאָן ווי אַלע מאָל — איז אים געקומען אין קאָפּ אַריין. און וואָס איז דען געווען מיט דריי יאָר צוריק. ווען זי איז געפאָרן קיין אי־טאַליע און אים געבראַנגט אַן אָפּמאַך, אַז זײַנע אַ דראַמע ווערט אויפגע־פירט אין גרויסן טעאַטער אין מילאַנאָ? טאָ צו וואָס די אויפרע־גונג? — מסתמא האָט זי געפונען אַ פאַרלעגער אין בערלין! אמת דײַטש איז אים נישט ניחא, אָבער צילאַ, ווייסט ער, גייט מיטן שטראָם. און אַז „דער שטעלפאַרטרעטער" איז אין מקור געשריבן אין דײַטש, נו איז אים דען נישט די פּיעסע נאָענט צום האַרצן? ערשט איצט דערמאָנט ער זיך, אַז צילאַ פלעגט עטלעכע מאָל לייענען דאָס בוך און פיל מאָל דערוועגן מיט אים גערעדט, דיסקוטירט. איר דינאַמיק און אַמביציע האָט געוויס דערצו דערפירט, אַז אויך זײַן ווערק זאָל זיך אַרויסרוקן אין דער ערשטער ריי. איז דען זײַן דראַמע „X=ריי שטראַלן", שוואַכער, אָדער רעדט ווײ־ניקער צום וועלט־געוויסן ווי הויכהוטס?

אין גאַנצן אַ זיכערער אין זײַן היפּאָטעזע האָט ער זיך אָוועקגעזעצט בײַם שרײַבטיש. די בלעטלעך פּאַפּיר זענען געלאָפן פון אונטער זײַן פעדער, און ווען ער האָט זיך נאָך האַלבער נאַכט אומגעקוקט, האָט ער זיך אַליין געוווּנדערט: „ווען האָב איך דאָס אַלץ אָנגעשריבן?"

— אויף היינט איז גענוג — איז ער געווען צופרידן מיט זיך — און אַ קוק טוענדיק אויפן זייגער האָט ער זיך דערמאָנט — זי האָט שוין געוויס געלאַנדט אין בערלין.

אָבער צילאַ איז גאָר דעמאָלט געווען אין מינכען. זי האָט זיך אָפּגעשטעלט אין איינעם פון די האָטעלן קעגן איבער דעם באַנהאָף און זיך גוט אויסגעשלאָפן.

אויף צו מאָרגנס האָט זי אַ קוק געטאָן אין אַ בלעטל פון איר נאָטיץ־ביכל און אָנגערופן דעם פּאָרטער.

— כ׳בעט מיר אַרויפשיקן דעם טעלעפאָן־בוך.

— ביטע שיין.

אַ פּאָר מינוט שפּעטער האָט אַ פּיקאָלאָ אָנגעקלאַפּט אין טיר. צילאַ האָט בײַ אים גענומען דעם טעלעפאָן־בוך. זי האָט לאַנג געזוכט און דערנאָך אָנגעקלונגען.

אַ פרויען־שטימע האָט זיך אָנגערופן.

— קאָן איך בעטן דעם הער מילער?

— איין אויגנבליק, ביטע.

באַלד האָט זיך אין טרייבל דערהערט אַ באַסאָווע מענער־שטימע.

— מ י ל ע ר!

— הער מילער, קאָן איך וויסן ווען איר נעמט אויף?

— צו וואָס דען?

— איר זענט דאָך אַ פּריוואַט־דעטעקטיוו.

די שטימע איז געוואָרן הייטערדיקער:

— אָ, ניין. נאָך נימאָלס געווען! איין אירטום גנעדיקע פרוי — און דער טעלעפאָן האָט זיך פאַרמאַכט.

צילאַ איז געוואָרן פאַרצווייפלט. זי איז אַרויסגעפאָרן מיט דער אײַ־בערצייגונג, אַז לויט דעם אַדרעס וועט זי זיכער קענען אַרויסבאַקומען יאַ־ניען פון מזרח־בערלין. איצט האָט זי נישט געוווּסט מיט וואָס זיך צו העלפן. ווי אַזוי וועט זי זי פון דאָרטן אַרויסנעמען? מיט איין מאָל האָט זיך איר פּלאַן אויסגעלאָשן, ווי דאָס קול פון טעלעפאָן וואָלט אויסגעלאָשן אַ ליכט אין אַ פינצטער צימער. ערשט איצט האָט איר באַנג געטאָן, וואָס זי איז אַרויסגעפאָרן אין דער פרעמד אָן וועלכער ס׳איז צוגרייטונג. אָבער דאָס האָט נאָר געדויערט מינוטן. איר ענערגיע און איניציאַטיוו האָט אויפגעבראָכן. איז דען נאָר פאַראַן איין מילער אין מינכען?... זי האָט זיך אָנגעטאָן און אַרויס אין גאַס.

זי האָט נישט געקענט די שטאָט און אַרײַנגיין מיט פרעמדע מענטשן אין אַ קאָנטאַקט, האָט זי נישט געוואָלט, און אויך נישט געהאַט די גע־לעגנהייט. דאָס איינציקע, וואָס זי האָט געוווּסט — אַז דער מאַן, וואָס מ׳האָט איר רעקאָמענדירט, האָט אַן אייגענע ביוראָ אין מיטן שטאָט, אין דער געגנט פון „סטאַכוס״. די גאַס האָט יענער נישט געדענקט, און די געגנט האָט זי נישט געקענט.

— אַנטשולדיקט — האָט זי אָפּגעשטעלט אַ דורכגייער — ווו איז דער „סטאַכוס״ ?

אין מינכען, אַ שטאָט פון טוריסטיק, איבערראַשט קיינעם נישט אַזאַ פראַגע.

— אָט זענט איר דאָך דערנעבן... דער פּלאַץ וואָס איר זעט — אָט איז עס !

אין ווינקל פון גאַס איז געווען אַ גרויס וואַרענהויז און זי האָט זיך אַ ווײַלע אָפּגעשטעלט ביי די שויפענצטער. רעכטס האָט זיך געצויגן אַ ברייטע גאַס, פול מיט זון. ווען זי האָט אַ קוק געטאָן אויפן שילדל, האָט אַ שמייכל באַדעקט איר פּנים : „זאָנענשטראַסע״.

זי איז אָן אויפהער געגאַנגען און געלייענט די גאַסן־שילדלעך : ביוראָען, אַדוואָקאַטן, דענטיסטן, אָבער דאָס וואָס זי האָט געזוכט, האָט זי אַלץ נישט געפינען.

מיד איז זי נישט געווען, אָבער איר נערוויזיטעט איז געוואַקסן. וואָס ווייטער, איז זי אַריינגעקומען אין שמעלערע גאַסן מיט אַלטע, אָפּגעבליאַ־קעוועטע מויערן.

זי איז אַריין אין אַ קאַפע און געוואָלט טרינקען אַ טעפּל קאַווע, אָבער דער ריח פון ביר האָט אַ זעץ געטאָן אין דער נאָז. זי האָט זיך אַרומגעקוקט און געזען, אַז אַלע אַרום טרינקען ביר. צילאַ האָט דעם געטראַנק נישט ליב געהאַט. זי האָט נישט פאַרטראָגן דעם ריח און איז באַלד אַרויסגעגאַנגען.

זי האָט צוגערופן אַ טאַקסי און איז איינגעשטיגן. ווען דער שאָפער האָט געפרעגט „ווו אַהין״ ? האָט זי פאַר אויפרעגונג פאַרגעסן דעם האָטעל ווו זי שטייט איין.

— אין האָטעל, ווי הייסט עס דאָרט ? — קעגן איבער דעם הויפּט־באַנהאָף.

— עס גיבט דאָרט עטלעכע האָטעלן.

— נישט וויכטיק, שטעלט זיך אָפּ ביי איינעם פון זיי.

אַ פּאָר שעה איז זי געווען אין צימער און נישט אַרויסגעגאַנגען. דאָס איילעניש, דאָס צעווערטלען זיך מיט מאָן פאַרן אָוועקפאָרן און די פּלוצעמדיקע איבעראַשונגען פונעם מאָסקווער בריוו, האָבן דערצו דערפירט, אַז זי בלאָנדזשעט אין אַ מיליאָנען־שטאָט. אייגנטלעך — האָט זי זיך

איבערגעלייגט — איז דאָך די זאַך נישט אַזוי קאָמפּליצירט. — אויב דער מאַן איז אַ דעטעקטיוו, קאָן מען דאָך אים געפינען אין דער רשימה פון די דעטעקטיוון, וואָס זענען טעטיק אין דער שטאָט. אָבער ווער וועט איר די רשימה געבן? און זי האָט ווידער באַשלאָסן אים צו זוכן.

גענוי האָט מען איר נאָר געשילדערט ווי ס'זעט אויס דאָס הויז און די גאַס, אַ לאַנגע גאַס, און ווי דער מאַן זעט אויס. אָבער גיי זוך אין מינכען אַ לאַנגע גאַס!

נאָך מיטאָג איז זי ווידער געגאַנגען זוכן, און וועלנדיק זיך אַליין צוגעבן מוט, האָט זי זיך געזאָגט „אַז מ'זוכט, געפינט מען".

אין יענער געגנט זענען די גאַסן געווען פול מיט דורכגייער, די געשעפטן — מיט קונים, און די טראַמווייען — איבערפולט מיט פּאַסאַזשירן. זי איז אַרויף אויף אַ טראַמוויי און געפאָרן אין אַ פאַרקערטער ריכטונג ווי פאַר מיטאָגצייט. זי איז געזעסן שטיל ביים פענצטער און געהאַלטן אין איין לייענען די שילדלעך אויף די מויערן.

וואָס אַ מאָל איז דער טראַמוויי געוואָרן ליידיקער, די סטאַציעס — לענגער. ס'האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז זי איז שוין הינטער דער שטאָט. ראַש האָט זי זיך אויפגעשטעלט און אויסגעשטיגן.

צוריק איז זי ווידער געגאַנגען צו פוס, אָבער אויף דער צווייטער זייט פון גאַס. וואָס מער זי איז מיד געוואָרן פון גיין, אַלץ מער איז זי געוואָרן פאַרביסן אין איר אַמביציע צו געפינען דעם מאַן.

אירע טריט האָבן זיך וואָס אַ מאָל פאַרקלענערט, ווי זי וואָלט מיט געוואַלט געשלעפּט די פיס, אָבער צילעס אויגן האָבן נישט אָפּגעלאָזט קיין שום אויפשריפט אויף די מויערן. די זון האָט זיך שוין גענומען זעצן און די גרויע מויערן זענען געוואָרן טונקעלער, פאַרשאָטנט. די קליינע שטיינער פון די ברוקירטע גאַסן האָבן זיך גענומען אויסמישן. מ'האָט מער נישט אָנגעזען דעם צעמענט צווישן זיי, ווי זיי וואָלטן זיך צוזאַמענגעוואַקסן אין אַ לאַנגער פּלאַטע. ס'איז איר געוואָרן אומהיימלעך. זי האָט געצויגן צום ווינקל פון גאַס, אָבער די אויגן האָבן נאָך אַלץ געזוכט אויף די מויערן.

פּלוצעם האָט זי זיך אָפּגעשטעלט ביי אַ „בלינד הויז", וואָס האָט אין פראָנט נישט געהאַט קיין געוועלבער און נישט קיין איינגאַנג. אין אָנהייב האָט זי געמיינט, אַז דער דמיון האָט דאָס איר געמאַכט זען, ווי

אַ דורשטיקן אין מידבר דאַכט זיך אויס, אַז ער האָט דערזען אַ וואַסער־קוואַל, אָבער ווען זי איז נענטער צוגעגאַנגען צום ווינקל פון הויז האָט זי אויף אַ קליין פאַרשטויבט שילדל מיט אָפּגעשפּרונגענע אותיות בפירוש איבערגעלייענט:

„ברונאָ מילער, פּריוואַט־דעטעקטיוו".

זי האָט זיך נאָך אַלץ נישט צוגעגלייבט. זי איז צוריקגעגאַנגען עטלעכע טריט, אַריבער אויף דער צווייטער זייט גאַס און זיך איינגעקוקט. דאָס הויז האָט גענוי אַזוי אויסגעזען ווי מ׳האָט עס איר געשילדערט.

זי איז אַרויף אויפן צווייטן שטאָק און אָנגעקלונגען. אַ יונגערמאַן האָט געעפנט די טיר, זי אַריינגעפירט און געבעטן זיצן.

אַ קליין צימערל, וואָס איז געווען מעבלירט ווי אַ וואַרטזאַל און באַהאָנגען מיט בילדער, האָט געהאַט דריי טירן. אַ קיילעכדיק טישל איז געווען פול מיט אילוסטרירטע זשורנאַלן. קיינער איז דאָרט נישט געווען.

זי האָט נישט באַוויזן צו נעמען אַ זשורנאַל אין האַנט אַריין, ווי די טיר האָט זיך געעפנט און אַן עלעגאַנטער מאַן האָט זיך פאַרנייגט:

— ביטע!

ער האָט זיך אַוועקגעזעצט ביי אַ קליינעם שרייבטיש, איר אָנגעוויזן אַ פאָטעל קעגנאיבער.

— רעד איך מיט הער מילער?

— געוויס.

זי האָט אַליין נישט געוווסט ווי אָנצוהייבן, אָבער דער דעטעקטיוו האָט זי אָפּגעמאָסטן מיט אַ פאַרשנדיקן בליק און איר אַרויסגעהאָלפן.

— אַ ליבעס־געשיכטע? — האָט ער געפרעגט מיט אַ שמייכל.

צילעס אינטעליגענץ האָט אַ בליץ געטאָן און זי האָט תיכף באַשלאָסן ווי זי זאָל אָנהייבן.

— איר האָט נישט געהאַט קיין טעות.

דער דעטעקטיוו איז געווען צופרידן פון ענטפער. ער האָט זי מכבד געווען מיט אַ סיגאַרעט, דערלאַנגט איר פייער.

— איך הער — האָט ער געזאָגט.

אָבער ווי נאָר זי האָט גענומען רעדן האָט ער העפלעך איבערגעריסן.

— אַן אויסלענדערין? פון איטאַליע? צום באַדויערן רעד איך נישט

קיין איטאַליעניש. אָבער אייער דייטש איז נישט שלעכט. איך פאַרשטיי אייך.

— איך רעד אויך פראַנצויזיש.

— נישט וויכטיק. רעדט ווי איר האָט אָנגעהויבן. אָבער פריער ווי אַלץ האָב איך אייך געוואָלט פרעגן: ווער האָט אייך צו מיר רע־קאָמענדירט?

— מער ווי אַלץ — דאָס אַלטע שילדל, וואָס הענגט אין אַ ווינקל פון הויז.

— און נאָך דעם?

— מיין אינטויִציע.

— איר מאַכט דעם איינדרוק פון אַן אינטערעסאַנטער פרוי און איך שטעל זיך פאָר, אַז אייער ליבעס־געשיכטע איז נאָך מער אינ־טערעסאַנטער...

— קאָמפּליצירטער — האָט צילאַ אויסגעבעסערט.

— מיט וואָס?

— ווייל ס׳האַנדלט זיך נישט אין מיין אייגענער ליבעס־געשיכ־טע, נאָר אין מיינער אַ פריינדינס.

דעם דעטעקטיווס פּנים איז געוואָרן ערנסטער. ס׳האָט אים אַ שטאָך געטאָן די דרייסטקייט פון דער פרוי, וואָס האָט מיט איין מאָל אָפּגעוואָרפן זיין פראַגנאָז, און ער האָט שאַרף אַ פרעג געטאָן:

— פאַר וואָס איז זי אַליין נישט געקומען?

— זי וואָלט עס גערן געטאָן, אָבער זי קאָן נישט. זי וווינט אין מזרח־בערלין.

דער דעטעקטיוו האָט נישט געענדערט זיין קאַלטבלוטיקייט.

— איך מיין, גנעדיקע פרוי, אַז ס׳וועט בעסער זיין, איך זאָל אויסהערן אַלץ, וואָס איר ווילט מיר דערציילן, אָבער צו ערשט — דעם תמצית.

— כ׳וועל רעדן קורץ. מיין פריינדין — האָט צילאַ אָנגעהויבן — איז אַלט פיר און צוואַנציק יאָר און איז זייער אַ שיינע פריילין. אָבער נישט אַלע מאָל ברענגט שיינקייט גליק. צופעליק האָט זיך אין איר פאַרליבט אַן אַלטער בחור, אַ מיאוסער און אַ ברוטאַלער טיפּ, וועמענס פאַרגאַנגענהייט זי קען נישט און וויל נישט קענען. דאָס איינע,

וואָס זי ווייסט יאָ פון אים, איז אַז ער איז אַ גאַנצע שישקע אין דער פּאַרטיי און אויסגעקאָכט מיט דער געהיים־פּאָליציי. ער פאַר־פאָלגט זי אויף טריט און שריט און דראָט איר, אַז אויב זי וועט זיך אָפּזאָגן מיט אים צו הייראַטן, וועט זי פוילן אין געפענגעניש. מ׳מוז זי ראַטעווען.

דער דעטעקטיוו האָט זיך נישט געאײַלט צו ענטפערן, ווי ער וואָלט זיך שלאָגן מיט דער דעה, וואָס צו טאָן.

— אָבער דאָס געהער נישט צו מײַן באַרוף. איך פאַרנעם זיך נאָר מיט לעגאַלע ענינים און מײַן טעטיקייט איז באַגרענעצט נאָר אין דער שטאָט...

— אָבער אַן עצה קאָן איך בײַ אײַך בעטן?

— דאָס ענדערט נישט די לאַגע — האָט ער דזשענטלמעניש אויפגעקלערט — כ׳וועל פאַר אײַך נישט לייקענען, אַז ס׳איז פאַראַן אַן עצה — אָבער דאָס קאָן אויך אַן אַנדערער געבן. ווענדט זיך, פּילייכט צו אַן אַדוואָקאַט.

צילאַ האָט פאַרשטאַנען, אַז זי וועט גאָר נישט פּועלן. ס׳האָט איר שוין באַנג געטאָן וואָס זי האָט אַזוי אָנגעהויבן. בעסער וואָלט זי אים באַלד געזאָגט, ווער ס׳האָט איר זײַן נאָמען געגעבן. אָבער דער גע־דאַנק אַז יאַניאַ וועט אַדורכפאַלן מיט איר צוגעגרייטן פּלאַן עוקר צו זײַן און בלײַבן שטעקן אין בערלין, און ווער ווייס, וואָס ס׳וועט מיט איר געשען — האָט זי אָפּגעהאַלטן צו רעזיגנירן. אַ געדאַנק האָט איר אונטערגעזאָגט צו ענדערן די טאַקטיק פונעם געשפּרעך:

— איך בין דאָ אין גאַנצן פרעמד. כ׳ווייס נישט צו וועמען זיך צו ווענדן. כ׳האָב איר צוגעזאָגט צו העלפן. געלט וויל איך זיך לאָזן קאָסטן, אָבער אַריבערגיין אויף יענער זײַט מויער וועל איך נישט ריזיקירן. איצט איז מײַן געוויסן ריין — האָט זי גערעדט ווי צו זיך.

בשעת זי האָט גערעדט, האָט דער דעטעקטיוו נישט אַראָפּגע־לאָזט אַן אויג פון איר. ווען זי איז שטיל געבליבן און געמאַכט אַ באַוועגונג אויפן פּאָטעל, ווי זי איז גרייט זיך אויפצושטעלן האָט ער זיך אָפּגערופן:

— הערט זיך אײַן. מײַן טאַקטיק איז, אַז אין אָנהייב, ווען מ׳ווענדט זיך צו מיר, פרעג איך נישט קיין נאָמען. אויך אײַער נאָמען

ווייס איך נאָך נישט. דער „אויסוווייז" פון מיינע קליִענטן זענען זייערע פנימער... צי קענט איר אָבער מיר פאַרזיכערן, אַז נאָר דאָס שילדל האָט אייך צו מיר געבראַכט?

צילאַ האָט אים געקוקט גלייך אין די אויגן אַריין. קיין ליגן אויף זיין דירעקטע פראַגע האָט זי אים נישט געוואָלט זאָגן. זי האָט פאַר־שטאַנען, אַז אים גייט דעריין, אויב ס'ווייסט שוין ווער דערפון. דאַן וועט ער זיך פון דעם עסק אַרויסדרייען. האָט זי אַזוי געפּלאָנטערט מיט דער צונג, ס'זאָל אויסקומען, אַז וואָס זי זאָגט איז אמת.

— כ'בין אַ גאַנצן טאָג אַרומגעקראָכן איבער די גאַסן און געזוכט אַ שילדל פון אַ פּריוואַט־דעטעקטיוו; פאַרמיטאָג, ביז כ'בין מיד גע־וואָרן, און איצט, פון דריי אַזייגער אָן, ביז כ'האָב אָנגעקלונגען אין אייער טיר. מער ווי נאָך עטלעכע הייזער האָב איך געהאַט באַשלאָסן נישט צו גיין.

— הייסט עס אַז איר האָט געשלאָגן אַ רעקאָרד פון איבערלייענען שילדן אויף די מינכענער גאַסן...

צילא האָט דערפילט, אַז זי איז אויף אַ וועג און די צונג האָט זיך ביי איר אויפגעבונדן. זי האָט אים געשילדערט דעם מאַרשרוט פון „סטאַכוס"־אָן, אַהין און צוריק. נעמען און געשעפטן, וואָס זי האָט אויף שילדן איבערגעלייענט. שויפענצטער פון וואַרענהייזער, ביי וועלכע זי האָט זיך אָפּגעשטעלט, און טויערן, דורך וועלכע דער טראַמוויי פאָרט אַדורך. אַפילו וועגן דער בירהאַלע האָט זי אים דער־ציילט.

— אין וועלכן געגנט פון דער שטאָט וווינט איר?

— קעגנאיבער דעם הויפּטבאַנהאָף.

— פּריוואַט אָדער אין אַ האָטעל?

— אין אַ האָטעל.

דער דעטעקטיוו האָט נישט אַרויסגעוויזן קיין שום איילעניש און אַלץ אויסגעהערט. נאָך דעם האָט ער זיך אויפגעשטעלט. צילאַ האָט דאָס אָנגענומען ווי אַ צייכן, אַז דער געשפּרעך איז געענדיקט און ער וויל זי געזעגענען, אָבער דער דעטעקטיוו האָט געבעטן אַנט־שולדיקונג און זי געלאָזט אַליין אין צימער.

ווער ווייסט אויב ער איז נישט אַרויס אָנרופן די פּאָליציי —

איז אַ געדאַנק ביי איר דורכגעלאָפן — וואָס קאָן מען וויסן? אָבער באַלד האָט זי זיך באַרויִקט — אַ דעטעקטיוו, אויב ער וויל עפּעס טאָן, דאַרף נישט די הילף פון דער פּאָליציי. ער קען זיך אַליין אַן עצה געבן. איבעריקנס וואָלט דאָס נישט געווען שיין פון זיין זייט. ער וואָלט זיך דאָך עפנטלעך קאָמפּראָמיטירט.

ער איז צוריקגעקומען און זיך אַוועקגעזעצט ביים טיש.

— אַ פאָטאָגראַפיע פון דער פּערזאָן האָט איר?

— יאָ!

זי האָט גענומען זוכן אין בייטל.

— דערוויייל נישט נייטיק — איר וועט דאַרפן זיך פאַרגינען דאָס פאַרגעניגן צו זען דייטשלאַנד פון דער הויך. פון מינכען ביז מערב־בערלין איז מיט „פליגל" ממש אַ קאַצנשפּרונג. יעדע צוויי שעה האָט איר אַן עראָפּלאַן. מיט דער באַן ראָט איך אייך נישט צו פאָרן. איר באַקומט פון מיר אַ רעקאָמענדאַציע צו אַ מאַן, וואָס וווינט אין מערב־בערלין. איר גיט מיר אייער וואָרט צו זיין אָפּגע־היטן?

— ערנוואָרט!

— אויב אַזוי איז אַלץ אין אָרדענונג. הערט מיך אויס. כ׳וועל אייך אָנגעבן דאָס אָרט ווו איר קאָנט אים טרעפן. זיין פּריוואַט־אַדרעס דאַרף אייך נישט אָנגיין. ער איז אַ הויכער, אַ בלאָנדער, מיט גרויסע בלויע אויגן, אַריינגעזעצטע טיף אין די אַפּלען און דאַרן קינבאַק. ער רעדט שנעל, דער עיקר ווען ער איז „אונטערן גלעזל". מאַכט זיך נישט דערפון, ווען איר טרעפט אים אַ ביסל בגילופין. איר דאַרפט וויסן, אַז ער איז אַ מענטש מיט הויכער בילדונג, אַ שיכור און אַ גאון אין אונדזער פּראָפעסיע. נישטאָ פאַר אים קיין „קאָמפּליצירטע זאַכן". אַלע טירן זענען פאַר אים אָפן. ער אַרבעט אין אַן אָרגאַניזאַ־ציע, וואָס העלפט פליטים אַריבערקומען פון יענער זייט מויער. מ׳קוקט אויף אים מיט איין אויג, און טייל מאָל קוקט מען אַפילו אין גאַנצן נישט. טרעפט זיך מיט אים נאָר אין אַן עפנטלעך אָרט, דאָרט ווו איך שיק אייך. פליט גלייך קיין מערב־בערלין און מאָרגן, פיר אַזייגער נאָכמיטאָג, וועט ער אויף אייך וואַרטן אין „קאַפע קאָפּ־

לינסקי״. אויף זיין טישל וועט ליגן דער לעצטער נומער פון „שפּי־געל״ מיט אַן איינגעקנייטשטן האַלבן בלאַט.

— און וואָס דאַרף איך אים איבערגעבן?

— קיין זאַך נישט, נאָר אַ צייכן.

— וואָס פאַר אַ צייכן?

— זאָגט אים, אַז דער מאַן, וואָס האָט אייך געשיקט, האָט ליב צום פרישטיק געבראָטענע טויבן...

— דאָס אַלץ?

— מער דאַרף מען נישט.

— וואָס צאָל איך פאַר דער באַראָטונג?

— הונדערט און פופציק מאַרק + 12 פאַרן טעלעפאָן־געשפּרעך קיין בערלין. אין דעם גייט אַריין דער איינטאָגיקער באַטרעף פאַרן צימער אין האָטעל, וואָס איך האָב פאַר אייך באַשטעלט. פאַרצייכנט אייך: „האָטעל קאַפּלינסקי״ אויפן קורפירסטענדאַם. אין דער זעלבער קאַפּע פון האָטעל וועט איר זיך מיט אים טרעפן.

דאָס געלט איז געבליבן ליגן אויפן טיש און ער האָט זי באַ־גלייט ביז דער טיר.

צו מאָרגנס פאַר מיטאָג איז צילאַ אָנגעקומען אויפן טעמפּעל־האָפער לופטפּאָרט. זי איז באַלד צוגעפאָרן צום האָטעל, און צו איר דערשטוינונג איז געווען רעזערווירט אַ צימער אויף איר נאָמען. זי האָט דאָס בשום אופן נישט געקאָנט פאַרשטיין און געשפּאַנט אין צימער אַ דענערווירטע. הייסט עס, האָט זי געטראַכט, אַז כ׳האָב געהאַט צו טאָן „מיטן אמתדיקן פויגל״... פון איין זייט האָט זי דאָס געשראָקן, און פון דער צווייטער האָט עס איר געגעבן מער צוטרוי: „אַזעלכע פייגל פליִען פריי איבער גרענעצן״ — האָט זי זיך אויס־געטייטשט — און זיי וועלן מיר ברענגען יאַניען דאָ אַהער.

קוים זיך דערוואַרט ביז פיר אַ זייגער, איז זי אַראָפּ אין קאַפּע, און באַלד ביים אַריינגאַנג האָט זי געזען זיצן ביי אַ טישל נעבן פענצטער אַ מאַן, וואָס איז געווען ענלעך צו דער שילדערונג פונעם דעטעקטיוו.

ווען זי איז נעענטער צוגעגאַנגען, האָט אַ צווייטער סימן אויך

געשטימט: אויפן טישל איז געלעגן אַ „שפּיגעל" מיט אַן איינגע־קנייטשטן בלאַט.

זיינע פּאַרגאַסענע אויגן האָבן זי אויף אַזוי ווייט שאָקירט, אַז זי איז געשטאַנען און נישט געוווּסט וואָס צו טאָן — אַרויסלויפן פון קאַפע אָדער צוגיין צום טישל? אָבער דער פּאַרשוין האָט זיך אויפגעשטעלט און צוגעגאַנגען צו איר.

— איך וואַרט שוין אויף אייך, גנעדיקע פרוי, מער ווי אַ פערטל שעה.

— זענט איר דער, צו וועמען מ'האָט מיך געשיקט?

— ריכטיק. דאָס בין איך.

— זענט איר גרייט מיט מיין ענין זיך צו פּאַראינטערעסירן?

— אויב איר וועט מיר נאָר זאָגן ווער ס'האָט אייך צו מיר געשיקט.

— געשיקט האָט מיך צו אייך „דער מאַן וואָס האָט ליב צום פרישטיק געבראָטענע טויבן".

— אים האָב איך נאָך קיין שום זאַך נישט אָפּגעזאָגט.

— האָט ער מיט אייך גערעדט טעלעפאָניש?

— זיכער. אַ נישט וואָלט איך אויף אייך נישט געוואַרט.

— ווייסט איר אין וואָס ס'האַנדלט זיך?

— מער ווייניקער אָריענטיר איך זיך, אַז ס'איז „אַן ענין פון דער מויער". וואָס ס'וועט נייטיק זיין, וועט איר מיר אויפקלערן.

ער האָט באַשטעלט אַ טעפּל קאַווע מיט קאָניאַק, אויסגעטרונקען און באַשטעלט נאָך איינס. איר האָט ער גאַרנישט פּאָרגעלייגט צו טרינקען.

אַז ער איז אַ שיכור, זעט מען שוין — האָט צילאַ געטראַכט. ס'איז נאָר אַ פראַגע אויב ער איז אויך אַ וואָרטסמאַן.

ער האָט איר אָנגעהויבן עפּעס דערציילן אין אַזאַ טיפן בערלינער דייטש, אַז צילאַ האָט קוים געקענט פאַרשטיין. זי האָט אָבער נישט גע־וואָלט איבערפרעגן.

— אַ פאָטאָגראַפיע האָט איר? — האָט ער אַ פרעג געטאָן אַן צערע־מאָניעס.

צילאַ האָט אים דערלאַנגט יאַניעס פאָטאָגראַפיע.

— אירע פערסאָנאַליען קאָנט איר מיר אָנגעבן, אָדער זיי דאַרפן זיין פּיקטיווע ?

— בעסער פּיקטיווע.

ער האָט אַרויפגעלייגט די פאָטאָגראַפיע אויפן זשורנאַל מיטן פּנים אַראָפּ און געזאָגט :

— דאָ פעלט נאָך עפּעס.

— וואָס ?

— טויזנט מאַרק.

— כ׳האָב ביי מיר ווייניק מאַרקן.

— גאַנץ עגאַל, ס׳קאָן זיַין צוויי הונדערט און פופציק דאָלאַר — און כ׳ברענג זי אייך דאָ אַהער, אויב פאַרשטייט זיך, זי איז מסכים דערצו.

— ווילט איר דאָס גאַנצע געלט פאָרויס ?

— אַנדערש גייט עס נישט, גנעדיקע פרוי.

— קאָן איך זיך אויף אייך פאַרלאָזן ? געבן געלט אַ מאַן וואָס כ׳ווייס אפילו נישט זיין נאָמען...

— מיין נאָמען דאַרפט איר נישט וויסן. דער „טויבן־פּרעסער” איז פאַר מיר פאַראַנטוואָרטלעך.

— כ׳וויל מיטפאָרן זי ברענגען.

— דאָס איז אוממעגלעך. איר דאַרפט מיר נאָר געבן דעם אַדרעס, ווו כ׳וועל זי טרעפן און עפּעס אַ צייכן וואָס זאָל זי איבערצייגן.

— זאָגט איר, אַז „זי איז איינגעלאַדן צו דער באָבעס זיבעציקסטן געבוירן־טאָג”.

— גוט. צום באַדויערן, גנעדיקע פרוי, איז מיין צייט באַגרענעצט.

צילאַ האָט אַרויסגענומען איר נאָטיצביכל, עפּעס אָנגעשריבן אויף אַ צעטעלע און צוזאַמען מיט פינף פופציקער דאָלאַר־באַנקנאָטן אים דערלאַנגט.

— וועט דאָס גענוג זיין פאַר אייך ? כ׳האָב נאָר אויספגעשריבן דעם נאָמען פון דער קאָנפערענץ, וואָס קומט איצט פאָר אין מזרח־בערלין.

— ביז אַ וואָך צייַט האָט איר זי דאָ !

ווען זי איז אַרויסגעגאַנגען פון קאַפע איז די בערלינער הויפטגאַס געווען באַלעבט און איבערפולט. פון די געדיכטע ביזשוטעריע־געשעפטן

האָבן די בריליאַנטן געבליצט אין גאַס אַריין, אָבער דאָס אַלץ איז איר נישט אָנגעגאַנגען. וואָס גלענצנדיקער און רייכער די גאַס האָט אויסגעזען, אַלץ מער טריב זענען געוואָרן אירע געדאַנקען. דער שיכור האָט אויף איר געמאַכט אַ שווערן איינדרוק און זי האָט זיך נישט געקענט שענקען, וואָס זי איז מיט אַזאַ פאַרשוין געזעסן ביי איין טיש.

ווען זי איז געקומען אין איר צימער אַריין האָט אַ נאָך מער פיינלע־כער געדאַנק זי גענומען באַהערשן — אַריינגעלאָזט זיך אין אַזאַ שפּיל. האָבן צו טאָן מיט אַזעלכע טיפּן, מיט דייטשן. און ווער ווייס, אויב מ׳נאַרט זי נישט אַריין...

די טעג האָבן זיך געצויגן ווי פעך. זי האָט נישט געזען די פּרעכטיקע גאַס אויף וועלכע זי האָט געוווינט, דעם אַרום. אַלץ אין איר האָט גערעדט קעגן דעם, וואָס זי האָט אָפּגעטאָן: אַריין אין אַ קאָנפליקט מיטן געזעץ, און צום סוף, אויב זי וועט וועלן יאַניען ברענגען קיין ישׂראל וועט זי דאַך דאַרפן אָפּנאַרן איר אייגענע רעגירונג. און שוין ברענגט ער זי?

זי האָט געוואָלט אַנטלויפן פון בערלין, אַנטלויפן פון זיך אַליין. צו מיינסטן האָט זי געקרענקט, וואָס זי האָט גענאָסן אַ טובה פון אַזאַ פאַר־שוין, כאָטש באַצאָלט, אָבער פאָרט אַ טובה פון דייטשן. אמת זי האָט איר נאָמען נישט פאַרפלעקט. נישט געזאָגט אַז זי איז פון ישׂראל, אָבער דאָס איז שוין נישט וויכטיק. דער צימער אין האָטעל איז דאָך באַשטעלט גע־וואָרן אויף איר ריכטיקן נאָמען.

דאָס ערגסטע איז געווען, וואָס זי האָט זיך אַרומגעדרייט צווישן שטומע ווענט, און אַחוץ איר אייגן האַרץ האָט קיינער נישט געהערט איר שטימע, איר ווידוי. און אַז זי וועט אַהיימקומען, וועט זי דען יאָ וועמען קאָנען דער־ציילן? יעדער סאַברע, ווען ער הערט דאָס, וואָלט אויסגעשפּיגן. און יורם, ווען ער ווייסט דאָס...

ערשט איצט האָט זי דערפילט אַז וואָס ס׳איז צווישן איר און יורמען פאָרגעקומען, איז געווען שיין און נאַטירלעך. און אַ געדאַנק איז ביי איר דורכגעלאָפן: הלוואי וואָלט ער איצט דאָ געווען... ווי וואָלט ער איר צו נוץ געקומען אין די טעג, וואָס זי דאַרף דורכלעבן.

זי איז געלעגן אויף דער סאָפע אין די קליידער און שיך. פּלוצעם איז זי אויפגעשטאַנען און צוגעגאַנגען צו דער וואַליזקע. זי האָט זיך דערמאָנט, אַז זי האָט מיטגענומען אויף דער רייזע אַ בוך פון לאָרד ראַסעל.

דאָס צימער איז געווען העל באַלויכטן. דאָס בוך האָט זי געהאַלטן אין די הענט און זייער לאַנג געלייענט. אין איר סאַלאָן פלעגט זיך הערן אַן עכאָ פון יעדער לאָרד ראָסעלס טעטיקייט. מ׳האָט אים אַפילו גערופן „דער מאַהאַטמאַ גאַנדי אָן דער ציג״. ווען לאָרד ראָסעל איז געוואָרן באַשטראָפט דורך אַן ענגליש געריכט מיט אַ וואָך אַרעסט, האָט מען ביי צילען אין הויז אָרגאַניזירט אַ שטילע דעמאָנסטראַציע, וואָס איז אַוועק פאַרן ענג־לישן קאָנסולאַט און זי איז אויך אַריינגעגאַנגען אָפּגעבן דעם פּראָטעסט־בריוו.

נאָך האַלבער נאַכט האָבן זיך איר די וויִעס אָנגעהויבן קלעפּן. זי האָט באַוויזן צו פאַרלעשן דאָס נאַכטלעמפּל, און באַלד האָט זי דערזען אַן אַלטן מאַן מיט אַ דאַר ביינערדיק פּנים און קלוגע, גוטמוטיקע אויגן. זי האָט אים דערקענט: דאָס איז ער.

— ווי גוט, וואָס כ׳האָב אייך געטראָפן, לאָרד — האָט זי זיך מיט אים דערפרייט — איך קאָן זיך קיין עצה נישט געבן, כ׳קאָן נישט אַדורכ־קומען מיט זיך אַליין.

זי האָט אים געוואָלט אָנהייבן דערציילן וואָס ס׳פּלאָגט זי, אָבער דער זקן האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט אין דער קווער:

— כ׳ווייס אַלץ.

— איר וועט מיך פאַראורטיילן?

— ניין! — האָט ער אויסגערופן מיט אַ פעסטער שטימע.

— האָב איך דען דאָס נישט פאַרדינט?

— איך מעסט נישט קיינעמס פאַרדינסטן און באַשטים נישט קיינעמס שטראָף. איך אַקער נאָר אַ ביסל אויף די ערד, דער אמת זאָל אַרויסשפּראָצן.

זי האָט זיך איבערגעוועקט. ווען זי האָט זיך איבערגעדרייט מיטן פּנים צום צימער, איז שוין דער זקן נישט געווען. זי האָט אים אַרומגעזוכט מיט די הענט און אָנגערירט דאָס בוך. די טאָוולען פון בוך זענען געווען האַרט און קאַלט. די בלעטער האָבן זיך אויפגעוויקלט. פון יעדן בלאַט איז געוואָרן אַ ציגל און ס׳האָט זיך אויסגעשפּרייט אַ לאַנגע וואַנט.

זי האָט איצט געשפּאַנט אַהין און צוריק און געלייענט די אַלע אויפ־שריפטן, מיט וועלכע די וואַנט איז געווען באַקלעפּט:

„די עבירה פון יחיד ווערט געמשפּט דורך דער געזעלשאַפט. אין דער שפּיץ פון דער געזעלשאַפט שטייט די מאַכט, וואָס זי האָט זיך אויס־

געקליבן, אָדער וואָס האָט זיך איר דורך ירושה אָדער דיקטאַטור אָנגע־וואָרפן. דאָס גאַנצע שלעכטס באַשטייט נאָר דעריין, וואָס ס׳איז אויך נישט פאַרקערט — דער געקריוודעטער יחיד קאָן נישט משפטן די געזעל־שאַפט״...

די גרויסע אותיות האָבן געבלענדט פאַר אירע אויגן און זי האָט איין מאָל און נאָך אַ מאָל געלייענט די שווערע זאַצן:

„פאַרגעבן, מוחל זיין, איז איינע פון די בעסטע מענטשלעכע מידות. דיין גאָט זאָל נישט זיין דער בעל הדין, נאָר דער בעל הרחמים. מיט דעם, וואָס מיר פאַרגיבן אַ יחיד, אַפילו אַ רוצח, לאָזן מיר זיך נישט אַרונטער, נאָר הייבן זיך אויף. אָבער פאַרגעבן אַ גאַנצע געזעלשאַפט, אַ רעזשים — אין דעם ליגט שוין עפּעס עקלהאַפטס״.

„טאָ וואָס איז מיט מיר?״ — האָט זי זיך גענומען וועקן.

„דער יחיד האָט אַ רעכט און אַ חוב זיך אַקעגנצושטעלן אומרעכטן. וואָס ווערן געטאָן דורך דער געזעלשאַפט און אירע מאַכטהאָבער. אויף אייגענער האַנט דאַרף ער שטעלן אַ ווידערשטאַנד קעגן זייען שׂנאה און קעגן אונטערדריקן עטנישע גרופּן אָדער פרייע אידעען״.

„דאָס מיינט מען דאָך מיך״! — האָט זי געשריגן פון שלאָף.

„אַוודאי דיך״! — האָט אַ קול געענטפערט, אָבער קיינעם האָט זי נישט געזען.

„באַפרייען אַ מענטש דאַרף פאַר דיר זיין דער ערשטער געבאָט. ווי שטייט דאָרט געשריבן אין אייערע ספרים: „ווער ס׳ראַטעוועט איין מענטש, איז גלייך, ווי ער וואָלט געראַטעוועט אַ גאַנצע וועלט״.

„און ווי איז מיין מעמד״? — האָט זי זיך דערנענטערט צום ווינקל פון וואַנען די שטימע האָט זיך געהערט.

„דיין מעמד איז זייער אַ שלעכטער״.

„מיט וואָס״?

„מיט דעם, וואָס דו פאַראורטיילסט זיך אַליין, וואָס דו האַלטסט זיך אין איין גריזשען, אַז דו האָסט זיך באַנוצט מיט נישט כשרע מיטלען, מיט דייטשן. פאַר וואָס האָסטו נישט דעם מוט צו פאַראורטיילן דעם רע־זשים, וואָס האָט אויף דיר אַרויפגעצוווּנגען דעם עול צו באַפרייַען אַ יחיד, וואָס דאַרף לעבן אין ציטערניש, נאָר דערפאַר, וואָס זיין נאַציאָנאַ־ליטעט איז אַן אַנדערע, אַ ייִדישע? נישט געגנוג, וואָס מ׳האָט ביי אים צו־

גענומען זיינע עלטערן, דאַרף ער נאָך איבערקלערן, אַז ער וועט נאָך אַ מאָל דאַרפן באַצאָלן דעם חשבון פאַר זייערע „חטאים"... צי לעבסטו אין אַ וועלט אָן קלאַנגען? וועגן אומברענגען די יידישע שרייבער האָסטו נישט געהערט? און אויך נישט וועגן דעם פּראָצעס פון די יידישע דאָק־רים? דאָס איינציקע, וואָס האָט אויף דיר געמאַכט אַ רושם, איז דיין פאַ־ריזער אַוואַנטורע?

דאָ האָט זי אַ ציטער געטאָן. דעם זקנס פנים האָט אויפגעבליצט פאַר אירע אויגן. ער האָט זי אָנגערירט, געוועקט און געוויזן מיט די לאַנגביי־נערדיקע פינגער:

„נאַ, זע"!

אַ פּראָסטיקער טאָג. זי איז אין אַ טיפן, אַלטן וואַלד. דיביימער זענען אַזוי דיק, אַז צוויי מענטשן קאָנען זיי קוים אַרומנעמען מיט די הענט. ווי נאָר זי קוקט זיך אום, באַוועגן זיך מענטשן־שאָטנס, איינגעהילטע אין טראַנטעס. טייל פון זיי קניען און זעגן אונטער די שטאַמען, אַנדערע ווידער שלעפּן שווערע קלעצער, און באַוואָפנטע שומרים יאָגן זיי אונטער.

„ווי קאַלט מיר איז" — האָט זי זיך אַרויסגעכאַפּט.

„דיר איז קאַלט?" — לאַכן זי אויס קולות — „און ביי אונדז גיסט זיך דער שווייס"...

די שורה מענטשן האָט זיך געוויגט, געצויגן פאָרויס, געגלאָצט מיט ווייסלעכע אויגן צום שמאָלן וועגל צווישן די ביימער. נאָר איינער פון זיי האָט דעם קלאָץ אָפּגעלאָזט.

„איך קאָן שוין נישט מער" — האָט ער אַ געשריי געטאָן און ווי אַ שטיק אייז אַנידערגעפאַלן מיטן פנים אַרויף.

אַ קוק טוענדיק אויף די אָפן־געבליבענע, פאַרגלייזטע אויגן פונעם געפאַלענעם, האָט זי זיך אַזוי דערשראָקן, אַז זי איז צוריקגעלאָפן אין אַרבעטס־לאַגער אַריין.

צווישן די שטעכלדראָטן שטייט אַ שטיינערנע וואַנט. הויך און דיק איז די וואַנט, מיט אַ סך גריבעלעך פון רויטן צעמענט. פון גאָר אויבן קוקט אַראָפּ אַ ריזיק בילד פון אַ מאַן, אָנגעטאָן אין אַ פּאַראַד־מונדיר מיט אַ פאַרמאַכטן ביז אונטערן האַלדז קאָלנער און מיט גאָלדענע עפּאָלעטן און קנעפּ. ער זעט אויס אַזוי גרויס, אַז בלויז די וואָנצעס פאַרנעמען אַן אַרשין די ברייט. אָבער ווען זי גיט

אַ קוק צו דער ערד צו, זעט זי, אַז אין דער גאַנצער ברייט פונעם דיקטאַטאָרס געשטאַלט זענען אויסגעשטעלט מענטשן מיט די פּנימער צו דער וואַנט, און הינטער זיי — זשאַנדאַרמען מיט רויטע אָרעם־בענדער און ביקסן אין די הענט.

„ווער זענען די מענטשן?" — פרעגט זי אַן אָפיציר מיט אַ רויט היטל.

„זעסט דען נישט ווער זיי זענען?" — טוט ער אויף איר אַ בייזן קוק — „שפּיאָנען, קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן! האָסט דען ווער צווישן זיי?"

„כ'ווייס נישט, כ'ווייס נישט! פון די פּלייצעס קאָן איך קיינעם נישט דערקענען. לאָז מיך זען זייערע פּנימער".

דער רויטער אָפיציר גיט אַ קוק אויפן זייגער:

„לויטן פּריקאַז איז נאָך צייט. נאָך פינף מינוט... איך אַליין וויל אויך נאָך אַ קוק טאָן אויף זייערע פּרצופים... גוט, וואָס דו האָסט מיך דערמאָנט".

ער האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט — און אַלע האָבן זיך אויס־געדרייט.

„נו, דערקענסט וועמען?"

„אוי וויי! מאַרקיש, דער נסתר, בערגעלסאָן. ווי קומט איר דאָ אַהער?"

ס'ווערט איר אַזוי שלעכט, אַז זי זעט מער נישט קיין מענטשן, קיין פּנימער. אַלץ וויקלט זיך איין אין אַ געדיכטן נעפּל. פּלוצעם הערט זי, ווי מאַשין־ביקסן שטעפּן און אינעם נעפּל רייסן זיך אַריין פייערדיקע קוילן. פאַר גרויס שרעק נעמט זי לויפן, שרייענדיק מיט אַלע כוחות:

„יאַניאַ, מ'שיסט, מ'שיסט! אַנטלויף, אַנטלויף פון דאַנען!..."

ווען זי האָט זיך אויפגעכאַפּט איז שוין געווען גרויסער טאָג. דער אימהדיקער חלום האָט נאָך פריש געשוועבט פאַר אירע אויגן. לאָרד ראַסעלס בוך איז געלעגן אויפגעמישט לעבן איר.

זי איז צוגעגאַנגען צום פענצטער און אַרויסשטעלנדיק דעם קאָפּ פון צווישן די פאָרהאַנגען האָט זי זיך לאַנג איינגעקוקט אינעם טאָגליכט,

ווי זי וואָלט זיך געוועלט איבערצייגן, אַז דאָס אַלץ וואָס זי זעט איז וואָר. די גאַס האָט איר מיט גאָרנישט געלאָקט, אויסגעזען פרעמד און קאַלט.

ערשט דאָ, אין דער פרעמד, האָט זי דערזען ווי שיין איר היים איז. ווי לויטער די זון שײַנט דאָרט אַרײַן דורך דער גלעזערנער וואַנט, וואָס גייט אַרויס צו דער טעראַסע און באַלעבט די סקולפּטורן, בילדער און האַלץ־שניצערייען. פאַר וואָס האָב איך יאַשאַן אָנגעטאָן אַזאַ עגמת־נפש פאַרן אַוועקפאָרן? — האָט זי זיך פאַרגעוואָרפן. און ווי וועט זײַן, אַז כ׳וועל אַהיימקומען אָן יאַניען, ווי וועל איך אויסזען? נאָך וואָס בין איך געפלויגן קיין בערלין? סתם פליִען פליט מען דאָך נישט.

זי האָט געציילט די טעג. פוסטע טעג זענען דאָס געווען, און וואָס נעענטער ס׳האָט זיך אָנגערוקט דער טערמין, אַלץ געשפּאַנטער איז זי געוואָרן. זי איז אויפגעשטאַנען פרי, אַרויסגעקוקט אין גאַס אַרײַן: אפשר וועט זי וועמען זען, אפשר קומט יאַניאַ? נאָך אין גאַנצן אַ טאָג־צווײ...

קעגן איבער דעם פענצטער פון צילעס צימער איז אין אַ זײַטיק שטיל געסל געשטאַנען אַן איינשטאָקיקע געבײַדע מיט ברייטע פענצטער און אַ גלאַטיקן דאַך. אַרום איז געווען אַ ליידיקער פּלאַץ, און דער אַרײַנגאַנג אין הויז איז געווען טיפער פון דער גאַס. שוין פון ערשטן טאָג אָן האָט די געבײַדע, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ רײַכע ווילע, געצויגן איר אויפמערק. די באַוועגונג איז דאָרט געווען אַ גרויסע. מענטשן זענען אַרײַן און אַרויס געגאַנגען. טייל מאָל האָט זיך איר געדאַכט, אַז די פּנימער זענען אַנדערע, ווי מ׳זעט זיי אין די בערלינער גאַסן — סעמיטישע. אַ סך זענען געגאַנגען אין הוטן, צווישן זיי — עלטערע מענטשן מיט האַלב־גרויע קמץ־בערדלעך.

אָבער ווען זי איז הײַנט אויפגעשטאַנען און אַ בליק געטאָן אויף דעם הויז, האָט עס גאָר אַנדערש אויסגעזען. אַרום איז געווען רויִק. קיין מענטש פונעם הויז האָט זיך נישט באַוויזן; קיינער איז נישט אַרײַנגעגאַנגען. וואָס פאַר אַ מיסטעריעז הויז איז דאָס? — זי איז געוואָרן נײַגעריק.

אײַנזיצן אין צימער האָט זי נישט געקאָנט, און די לאָבי פון האָטעל, האָט אויסגעזען בײַ איר צו האַמעטנע. איז זי אַרויס פון האָטעל און צוגעגאַנגען צו דער געבײַדע, וואָס אַקעגן איר פענצטער.

די האַלב גלעזערנע אַרײַנגאַנג־טיר איז געווען פאַרמאַכט. זי האָט געזען ווי אינעווייניק דרייט זיך אַרום אַ פרוי, ריײניקט און שטויבט אָפּ דאָס מעבל.

זי האָט אַ לייכטן קלאַפּ געטאָן. די פרוי אינעווייניק האָט זיך אומגעקוקט און אַ ביסל געעפנט די טיר.

— שבת איז געשלאָסן — האָט די דינערין געזאָגט.

ערשט איצט האָט זיך צילאַ דערמאָנט, אַז ס'איז טאַקע היינט שבת, אָבער זי האָט אַריינגערעדט דורך דער האַלב געעפנטער טיר:

— וואָס קומט דאָ פאַר אין דעם הויז?

— ווייסט איר דען נישט? דאָס הויז איז פון דער יידישער געמיינדע אין בערלין.

— אַזוי... איך בין דאָס ערשטע מאָל אין בערלין — האָט זי זיך פאַרענטפערט — דערלויבט מיר אַריינגיין אויף אַ מינוט.

ביים אַריינגאַנג איז געשטאַנען אַ בראָנדז־ביוסט. צילעס אויג האָט באַלד דערקענט, אַז דאָס איז אַ קונסט־ווערק.

צילאַ האָט זיך דערנענטערט צום ביוסט. דאָס ערשטע האָט זי איבערגעלייענט דעם נאָמען: משה מענדעלסאָן. דאָס פּנים איז געווען באַשעדיקט, אַ האַלבע נאָז אָפּגעבראָכן. אונטן, ביים פּיעדעסטאַל, איז געווען צוגעפּעסטיקט אַ בלעכל, וואָס האָט אויפגעקלערט, אַז דער ביוסט איז אין דער נאַצי־צייט געווען באַהאַלטן אין אַ קעלער. די יידישע קהילה — האָט זי ווייטער געלייענט — האָט בכוונה נישט געוואָלט רעסטאַווירן דאָס ווערק, כדי ס'זאָל נישט פאַרלירן דעם אָריגינעלן אויסזען.

— איך מוז שליסן — האָט די באַדינערין געזאָגט און געוואַרט, אַז צילאַ זאָל אַרויסגיין.

— גענוג. אַ דאַנק!

צילאַ האָט זיך אויסגעדרייט און אַרויסגעגאַנגען. אויף די פאָר טרעפּ, וואָס פירן אַראָפּ, איז איר אַקעגנגעקומען פּנים אל פּנים אַ יינגל. זעענדיק צילען האָט ער געפרעגט:

— ווו איז דאָ די סינאַגאָגע?

אין ערשטן מאָמענט האָט זי אים האַסטיק געענטפערט „איך ווייס נישט" און געוואָלט אַוועקגיין, אָבער די שטימע פון דעם יינגל איז געווען אַזוי ווייך און אָנגענעם, אַזוי צאַרט און שפּילעוודיק, אַז זי האָט נישט געקאָנט תיכף פון אים אַוועקגיין, און ווען זי האָט אַ קוק געטאָן אויף אים, האָט זי געזען, אַז איר ענטפער האָט אַרויסגערופן ביי אים שטוינונג און אומבאַהאָלפנקייט. ער איז געבליבן שטיין ביי דער פאַרמאַכטער טיר.

דאָס ייִנגל איז געווען אַ דאַרער מיט אַ בלאַס לאַנגגעשניטן פּנים, אַ הויכגעוווקסיקער, בערך עלף יאָר אַלט, מיט שיינע הענט און לאַנגע, איי־דעלע פינגער. דאָס העמדל האָט אַרויסגעווייַסט פון זיין שמאָלן האַלדז. ער האָט געטראָגן אַ היטל אויפן קאָפּ און אַ לאַנג מאַנטעלע.

צילאַ האָט זיך אויסגעדרייט און צוזאַמען מיט אים אַראָפּ פון די טרעפּ.

— װעמען, אייגנטלעך, זוכסטו? — האָט זי געפרעגט.

— איך וויל גיין מאַכן פאַר אים דאָס געבעט — האָט ער שנעל אַרויס־געוואָרפן די ווערטער, באַוועגנדיק מיט די הענטלעך.

— פאַר וועמען?

— פאַר גאָט.

— דו זוכסט גאָט?

— יאָ! — האָט ער אַ שאָקל געטאָן מיטן קעפּל.

— און וווּ ווילסטו אים געפינען?

— אין דער סינאַגאָגע, אין דער סינאַגאָגע איז ער דאָ!

דאָס ייִנגל איז געווען אַ באַרעדעוודיקער. ער האָט גערעדט מיט אַ בעטנדיקער קינדערישע שטימע. ער איז צוגעשטאַנען, אַז זי זאָל העלפן אויפזוכן די סינאַגאָגע.

— קום! — האָט זי צו אים געזאָגט.

זי האָט אַליין נישט געוווּסט, ווו די סינאַגאָגע געפינט זיך. פון וואַנען האָט זי דאָס געזאָלט וויסן, אַז זי איז דאָס ערשטע מאָל אין בערלין. זי האָט אַרומגעקרייזט דעם בנין אַרום און אַרום. אין אַ ווינקל האָט געוווינט דער וועכטער פון הויז?

— ווו איז די סינאַגאָגע? — האָט זי אים געפרעגט.

— אָט דאָ נישט ווייַט, צען מינוט גאַנג, נאָכן אייזנבאַן־טונעל, לינקס.

דאָס ייִנגל איז געגאַנגען לעבן איר, ווי אַ קינד לעבן דער מאַמען. עפּעס אַ נאָגנדיק געפיל האָט זי אַרומגענומען, אַ געפיל, וואָס זי האָט קיין מאָל נישט געקענט. נישט געוווּסט פון אים. אָט פירט זי אין שול אַריין אַן אייגן קינד.

— ווי הייסטו? — האָט זי אים געפרעגט?

— איסאַק, איסאַק לעווענטאַל.

— און דיין ייִדישן נאָמען ווייסטו?

— יצחק.

„הייסט ער דאָך טאַקע נאָך מיין זיידן"...

דאָס יינגל האָט שנעל גערעדט און זי האָט געמוזט זיך גוט איינהערן, אָפט מאָל איבערפרעגן, זי זאָל אים קאָנען פאַרשטיין.

וואָס ווייטער זי איז מיט אים געגאַנגען, אַלץ נענטער איז יצחק איר געוואָרן. ס'האָט זיך איר געדאַכט, אַז ער איז שוין ביי איר אַ לאַנגע צייט. פון איר אייגן הויז האָט זי אים מיטגענומען אין וועג אַריין, נישט געוואָלט אים קיינעם אָנפאַרטרויען, און אַזוי וואַנדערט זי מיט אים אַרום איבער שטעט און לענדער...

— האָסטו עלטערן, יינגעלע?

— אַ פאָטער.

— און פאַר וואָס איז דיין פאָטער נישט געגאַנגען מיט דיר אין דער סינאַגאָגע?

— מיין פאָטער איז אַ הויכער רעגירונגס־באַאַמטער און ער קען זיך נישט באַפרייען אום שבת, האָט ער מיר געזאָגט: „גיי דו כאָטש אין דער סינאַגאָגע מאַכן דאָס געבעט".

— און דיין מוטער?

— כ'האָב נישט קיין מוטער.

ביים אַריבערקרייצן די גאַסן האָט זי אים אָנגענומען ביים הענטל. יצחקס קליין הענטל האָט געוואָרעמט איר גאַנצן גוף. זי האָט אָנגעהויבן האָסטיקער צו גיין, זיך געאיילט נישט צו פאַרשפעטיקן. מיט די אויגן האָט זי געקוקט ווייט אין גאַס אַריין, געזוכט אַ בנין, וואָס זאָל האָבן אַן אויסזען פון אַ שול.

ענדלעך האָט זי דאָס הויז געפונען. דער אַרייַנגאַנג אין דער סינאַגאָגע איז געווען דורכן טויער פון אַ באַוווינט הויז, וואָס אונטערשיידט זיך מיט גאָרנישט פון אַ גאַנצער ריי הייזער אין גאַס. ווען מ'קוקט אַריין אין הויף דערזעט מען אַ גרויסע שילד מיט אַ מגן־דוד און עטלעכע ברייטע טרעפ פאַרן אַריינגאַנג. אַן אַלטע געביידע שטייט אַריינגעקוועטשט צווישן רויט־ציגלנע מויערן און פון אַלע זייטן קוקן צו איר אַרויס אָפענע פענצטער. צילאַ האָט נישט געקענט גלייבן, אַז די נאַציס האָבן איבערגעלאָזט אַ בית כנסת אין מיטן בערלין.

זיי זענען אָנגעקומען אין מיטן דאַווענען. ביי דער טיר האָט זיי באַ־געגנט דער שמש און דערלאַנגט סידורלעך.

— וואָס פאַר אַ נס איז געשען מיט דער שול, אַז זי איז געבליבן? — האָט זי זיך נישט געקאָנט אײַנהאַלטן און באַלד געפרעגט דעם שמש.

— דאָס מזל פון דער שול איז געווען, וואָס זי שטייט אין אַ געדיכט באַוווינטן הויף און די נאַציס האָבן זי נישט געקענט אויפרײַסן מיט די־נאַמיט אָדער פאַרברענען — האָט דער עלטערער מאַן מיטן ווײַסן קאָפּל געענטפערט פלעגמאַטיש, ווי ער איז, ווײַזט אויס צוגעוווינט צו ענטפערן אויף דער זעלבער פראַגע. ער האָט זיי אָנגעוויזן פלעצער צום זיצן.

— זונעלע, קענסט עפּעס פון די אותיותלעך? — האָט זי געפרעגט יצחקן.

דער קליינער האָט זיך גוט אײַנגעקוקט, ווי ער וואָלט געזען עפּעס זעלטנס.

— ניין! — האָט ער געזאָגט — איך זע זיי צום ערשטן מאָל. בײַ אונדז אין שול זעט מען זיי נישט.

— טאָ ווי אַזוי ווילסטו מאַכן דאָס געבעט?

— איך וועל רעדן צו גאָט דײַטש, ווי איך רעד צו מיין פאָטער, צו אַלע...

— ווייסטו נישט, אַז צו גאָט דאַרף מען נישט רעדן מיט אַ וואָכעדיקער שפּראַך, אַז גאָט האָט אַ ספּעציעלע שפּראַך — לשון קודש...

— און דײַטש פאַרשטייט ער נישט?

— גאָט פאַרשטייט אַלע לשונות, אָבער ווען דו וועסט צו אים רעדן דײַטש, קאָנסטו אים איבערשרעקן, ווײַל ער געדענקט נאָך ווי מ'האָט אין דײַטש אַרויסגעגעבן באַפעלן צו דערשטיקן און פאַרברענען... גאָט האָט אַ גוטן זכרון, ער געדענקט...

יצחקלס פנים האָט אויסגעדריקט שרעק:

— יאָ, איך האָב עטוואָס געהערט... לערנט מיך אַ תפילה אויף העב־רעיִש...

— און וואָס האָסטו געוואָלט בעטן ביי גאָט?

— ווי אַלע יידן דאָ...

— זאָג זשע דאָ — זי האָט אים געטײַט מיט די פינגער איבער די גרויסע אותיות אין סידורל און דער קליינער האָט איר נאָכגעזאָגט:

— נשמת כל חי תברך את שמך יי אלהינו...

יעדעס וואָרט איז ביי יצחקן אַרויסגעקומען צעבראָכן, אָבער צילאַ האָט

איבערגעחזרט איין מאָל און נאָך אַ מאָל, ביז ער האָט די ווערטער גוט אַרויסגעזאָגט.

— פון וואַנען ווייסטו, אַז דו ביסט אַ ייִדיש קינד? — האָט זי אים געפרעגט.

— כ׳ווייס, כ׳ווייס — האָט דאָס ייִנגל געשאָקלט מיטן קעפּל אויף יאָ — ווען כ׳בין נאָך גאָר קליין געווען, האָט דאָס מיר מיין פאָטער געזאָגט און ער דערמאָנט מיך אָפט דעריין... אַלע שכנים ווייסן, אַז מיר זענען ייִדן, אַלע מיינע שול־חברים ווייסן דאָס...

זי האָט ווידער מיט אים געדאַווענט אַ פּסוק און געפרעגט?

— ווייסט דעם טייַטש דערפון?

— ניין.

זי האָט אים די פּסוקים איבערגעזעצט אין דייַטש. אויפן ייִנגלס בעק־לעך זענען אַרויסגעקומען רויטע פלעמלעך. זייַנע אויגן האָבן גענומען אויפבליצן. צילען האָט זיין בליק אַדורכגענומען. ער האָט איר נאָכגעזאָגט די העברעיִשע ווערטער און זי האָט נישט געהערט דעם חזן, נישט נאָכגע־פאָלגט ווו ער האַלט מיטן דאַווענען.

ווען דער ראַבינער האָט אָנגעהויבן זיין פּרעדיקט האָט דער קליינער אויפגעלעבט. דער ראַבינער האָט גערעדט מיט ערנסטקייט, ווי אַ פּראָפעסאָר פון דער קאַטעדרע אַראָפּ, און יצחק האָט געשלונגען זיין יעדעס וואָרט.

ווען זיי זענען נאָכן דאַווענען אַהיימגעגאַנגען, האָט דאָס ייִנגל שוין פעסט געהאַלטן צילען בייַ דער האַנט. ער האָט מיט קינדערישע התלהבות אָנגעהויבן צו רעדן צו איר וועגן דעם וואָס דער ראַבינער האָט געזאָגט.

יצחק האָט אַפילו נישט באַמערקט ווי אין אירע אויגן האָט זיך גע־שטעלט אַ טרער.

דאָס ייִנגל האָט זיך אָפּגעשטעלט. זי האָט פאַרשטאַנען, אַז ער וויל אַהיימגיין. זי האָט זיך געכאַפּט, אַז זי האָט איבער אים גאָר קיין דעה נישט.

צוריקגעקומען אין צימער איז זי נאָך מיט אַ שווערער געמיט, ווי זי איז אַרויסגעגאַנגען.

— ווי קום איך אין אַ סינאַגאָגע אַריין? און ווער האָט מיך געבראַכט דערצו, אַז כ׳זאָל מיט אַ פרעמד קינד זוכן גאָט אין בערלין? — האָט זי זיך אַליין געפרעגט.

און אַזוי ווי זי איז געווען פֿאַרנומען מיט אירע געדאַנקען האָט זיך דער טעלעפֿאָן צעקלינגען.

אויפֿהייבנדיק דאָס טרייבל האָט זי כמעט אַ ווילדן געשריי געטאָן:

— ווער? יאַניאַ? ווו ביסטו? פֿון וואַנען רעדסטו? דאָ אין האָטעל... קום אַרויף!

— וואָס פֿאַר אַ צימער?

— צימער דריי הונדערט זיבן. קום שוין אַרויף!

זי האָט נישט באַוויזן זיך אָנצוטאָן, נאָר אַרויפֿגעוואָרפֿן אויף זיך אַ מאַנטל און שוין געשטאַנען אין קאָרידאָר ביי דער געעפֿנטער טיר. פֿון דער ווייטנס האָט זי געזען, ווי די ווינדע עפֿנט זיך און ס׳גייען אַרויס עטלעכע פּערזאָן. די לעצטע איז געווען יאַניאַ.

זי איז איר אַקעגנגעלאָפֿן, אַרויפֿגעפֿאַלן אויפֿן האַלדז.

— קום אַריין!

זי האָט פֿאַרשלאָסן די טיר און זיך אַנידערגעזעצט אויפֿן בעט. דאָס בוך איז נאָך געווען געעפֿנט. זי האָט ווייך אָנגענומען די טאָולען און עס צוגעמאַכט.

— זעסט, כ׳בין געקומען אַזוי ווי כ׳שטיי און גיי. מיין טשעמאָדאַן האָב איך אַפֿילו פֿון האָטעל נישט געקאָנט אַרויסנעמען. ס׳וואָלט געווען אַ פֿאַרדאַכט... דיין שליח האָט עס מיר נישט געראָטן טאָן.

— דאָס זאָל זיין דיין גרעסטע זאָרג.

— אָבער מיין דיפּלאָם און פּערזענלעכע דאָקומענטן האָב איך ביי זיך.

דאָס וועט דיר זייער צו נוץ קומען.

— איך האָב צוויי פּאַספּאָרטן.

— וועגן דעם וועלן מיר שפּעטער רעדן. דערווייל וואַש זיך און מיר וועלן אַראָפּגיין עסן פֿרישטיק.

— צילאַ, ס׳איז דאָך שוין מיטאָגצייט.

— וועלן מיר עסן מיטאָג.

ביז זי איז אַרויסגעקומען פֿונעם וואַשצימער איז שוין צילאַ געווען אָנגעטאָן און זיי זענען ביידע אַראָפּ אין עסזאַל.

ביים מיטאָג האָבן זיי אַ סך גערעדט צווישן זיך. ס׳איז געווען צווישן

זיי אַ נאָענטשאַפט ווי צווישן צוויי שוועסטערן, וואָס האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפן נאָך אַ לאַנגער צייט נישט זען זיך.

— דו וואַרטסט שוין דאָ אַוודאי אויף מיר זייער לאַנג.

— ערשט אַ וואָך צײַט ווי כ׳האָב געשיקט נאָך דיר. ווי איז דיר דערגאַנגען דער וועג?

— צילאַ, אָבער דאָ זאָל איך דיר דערציילן?

— דאָ איז נישט מאָסקווע. דער אינטוריסט־אַגענט שטייט נישט הינטער די פּלייצעס...

— אַלץ איז אַדורך אַזוי גלאַטיק, ווי אַ קינדער־שפּאַציר. דיין שליח האָט מיך נאָך נעכטן ביי נאַכט אויסגעפונען, מיר געוויזן, אַז ער האָט שוין פּאַר מיר אַן „אויסוויז" און זיך אָפּגערעדט, אַז ער וואַרט אויף מיר אַ ביסל ווייטער פון האָטעל. קומענדיק צו דער באַשטימטער צייט האָב איך קיינעם נישט געזען, נאָר ווען כ׳בין אַדורכגעגאַנגען די גאַס, איז ער אַרויס פון אַן עלעגאַנטער מאַשין, זיך פאַרנייגט און אַן אַ וואָרט אַרויסצורעדן מיך אַריינגענומען און מיט דער גרעסטער שנעלקייט אַוועק גלייך צו דער „מויער". ס׳האָט אויסגעזען, ווי די פּאָליציסטן האָבן נאָר ווי לשם יוצא וועגן אַ קוק געטאָן אין מיין „אויסווייז" — און שוין בין איך געווען אויף דער מערב־זייט.

— ווייז מיר נאָר דיין „אויסווייז". ווי הייסטו? גיזעלאַ שולץ. זייער אַ שיינער נאָמען... וואָס אַ שיכור קאָן אַלץ באַווייזן...

— ווי לאַנג בלייבן מיר דאָ?

— מיר מוזן וואָס שנעלער פאַרלאָזן בערלין. פלי־בילעטן קיין מינכען האָב איך שוין פּאַר צוויי. כ׳מוז נאָר לאָזן צושרייבן דיין נאָמען. קום, וועסט האָבן אַ געלעגנהייט זיך אַדורכשפּאַצירן איבער די בערלינער הויפּטגאַסן. יאָ, כ׳מוז נאָך באַצאָלן דעם חשבון.

אין מינכען האָבן זיי זיך שוין נישט געאײַלט און געבליבן עטלעכע טעג. ערשט סוף וואָך זענען צילאַ איתן און גיזעלאַ שולץ אויסגעשטיגן פון אַן עראָפּלאַן אויפן לודער לופטפּאָרט. ס׳איז געווען פרייטיק פאַר נאַכט. דער קאָנטראָל־באַאַמטער האָט זיך שטאַרק געאײַלט און אָפּגעשטעמפּלט זייערע פּאַספּאָרטן איידער ס׳ווערט שבת.

קאַפּיטל דרייצן

עטלעכע טעג נאָך דעם, ווי יאַניאַ איז אָנגעקומען אין לאַנד אַריין, איז פאַרגעקומען דער אַרויסלאָז פון אײנזשענירן אויפן חיפהער טעכני־קום. יורם האָט שוין געהאַט פאַרבעטן זיינע בעסטע פריינד. פון אַלע האָט ער באַקומען באַגריסונגען, אָבער צילאַ האָט זיך נישט אָפּגערופן. ער האָט געשיקט אַ טעלעגראַמע, געקלונגען, אָבער מ׳האָט אים געענט־פערט פון צילעס הויז, אַז זי געפינט זיך נישט אין שטוב און מ׳ווייסט נישט ווען זי וועט צוריקקומען. ער האָט דערפון געהאַט עגמת־נפש און ס׳האָט זיך אים אויסגעדאַכט, ווי די גאַנצע שמחה וואָלט אים צעשטערט גע־וואָרן. — „איז עס סתם אַ צופאַל, וואָס זי איז נישט אין דער היים, אָדער ווער ווייס, אפשר האָט זי דאָס ספּעציעל אָפּגעטאָן״ — האָט ער גע־טראַכט.

ווען ער איז אַריינגעקומען אין גרויסן זאַל און דערזען, אַז ער איז פול מיט מענטשן, האָט אויף אים אָנגעהויבן ווירקן די פייערלעכקייט. ס׳האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז באַלד וועט פאַרקומען אַ קאָלעקטיווע חופּה; אַ גרופּע חברים וועלן מקדש זיין איין גרויסע כלה, שליסן מיט איר אַ בונד אויפן גאַנצן לעבן און צושווערן צו זיין געטריי דער וויסנ־שאַפט. אין קעגנזאַץ צו די אַנדערע פון זיינע קאָלעגן, וואָס האָבן גע־וואָלט, אַז די צערעמאָניע זאָל וואָס שנעלער אַדורכגיין, האָט יורם נישט אַרויסגעוויזן קיין איילעניש. ביי אים האָט נאָך נישט געהייסן, אַז די לימודים זענען געענדיקט. זיין קאָפּ איז געווען פול מיט עפּעס אַ פּלאַן, פון וועלכן ער האָט נישט אויפגעהערט צו טראַכטן און זיך אין אים פאַר־טיפן. דאָס אַלץ, וואָס דאַרף דאָ פאַרקומען, האָט אים אויסגעוויזן צו זיין נישט מער ווי אַ פּראָבע צו אַ גרויסן ספּעקטאַקל, וואָס וועט זיך בקרוב אָפּשפּילן אויף אַ ברייטער נאַטור־בינע, צווישן בערג און טאָלן...

ס׳איז שוין געווען אַ פּאָר מינוט פאַרן אָנהייב, און זיינע בליקן האָבן נאָך אַלץ וועמען אַרומגעזוכט. פלוצעם האָבן זיינע הענט זיך גענומען וואַרפן. ער האָט דערזען, ווי צילאַ זיצט צווישן די געסט, און לעבן איר — אַ יונג לאַכנדיק מיידל. ער איז צעטומלט געוואָרן, אַז ער האָט אַפילו זיך נישט אָריענטירט מיט וועמען צילאַ איז געקומען אין זאַל אַריין. ער האָט געוואָלט לויפן צו איר, אָבער ס׳איז שוין געווען צו שפּעט. די

פראָפעסאָרן האָבן שוין פאַרנומען זייערע פּלעצער. אַ שטילקייט האָט געהערשט אין זאַל, ווען דער דיעקאַן האָט זיך אויפגעשטעלט און אָנגעהויבן זיין רעדע.

יורם האָט זיך אָנגעטאָן אַ כוח צו בלייבן רויִק און אויסהערן די רייד פון פּראָפעסאָר, אָבער יעדעס מאָל, ווען ער האָט אַ קוק געטאָן צום ווינקל, האָט ער פאַרלוירן די רויִקייט. ערשט ביים סוף פון דער צערעמאָניע, ווען דער דיעקאַן האָט אים דערלאַנגט דעם דיפּלאָם און געדריקט די האַנט, האָט ער זיך אין גאַנצן דערפילט אין זיין מעמד און פאַרגעסן, אַז צילאַ געפינט זיך אין זאַל.

פון דער בינע איז ער אַראָפּגעגאַנגען אַ גאַנץ אַנדערער, ווי ער איז געווען פריִער. איצט האָט ער זיך שוין געהאַט אָפּגעזעגנט מיט די אַלע, וואָס האָבן אין אים אַריינגעפּראָפּט לערע, וויסן. ער געזעגנט זיך מיט דעם בנין, אין וועלכן ער האָט אַ פּאָר יאָר פאַרבראַכט מיט די קאָלעגן — חברים און חברטעס, און ער בלייבט שטיין איינער אַליין.

אין דער העלער פרייד, וואָס האָט אים אַרומגענומען, האָט זיך אָבער אַרייַנגעכאַפּט אַ קליין שוואַרץ פּינטעלע: צי וועט ער זיך קענען האַלטן אַליין? ס׳איז אים געקומען אויפן זינען אַ ספּאָרט־איבונג, וואָס איז געווען זיין האָבי — שווימען אויפן ים. ס׳האָט זיך געפּירט, אַז די שוואַכערע שווימער האָט מען געלאָזט פאָרויס און די שטאַרקערע — הינטער זיי. יעדעס מאָל, ווען די שוואַכערע, וואָס שווימען פאָרויס, ווערן מיד, גיט מען זיי אַ שטופּ, זיי זאָלן נישט אָפּשטיין. ווער וועט מיך אַ שטופּ טאָן פאָרויס? — האָט ער זיך געפרעגט.

מיט די דאָזיקע געדאַנקען האָט ער געאיילט צו פאַרלאָזן דעם זאַל און אָנגעהויבן צו זוכן צילען. ווען ער איז אָנגעקומען אַ פּאָר טריט נענטער האָט ער דערקענט יאַניען. ער איז צו זיי צוגעפאַלן מיט ברען און התלהבות. ער האָט אַרומגענומען און געקושט צילען. זי האָט אים אָפילו נישט געפּרוווט דערפון אָפּצוהאַלטן.

— ס׳איז היינט זיין יום־טוב — האָט זי נאָר אַ זאָג געטאָן צו יאַניען — ווי זי וואָלט זיך פאַרענטפערט פאַר זיין דרייסטקייט — און מ׳דאַרף אים נישט שטערן.

— איך האָב געקוקט און געקוקט, און זיך נישט געקאָנט צוגלייבן, אַז דאָס זאָל זיין יאַניאַ.

און איידער צילאַ האָט נאָך באַוויזן עפּעס צו ענטפערן, האָט ער זי ווידער אַרומגענומען — צילאַ, צילאַ, — האָט ער איר געברומט אין אויער אַריין — איך האָב אין דיר קיין טעות נישט געהאַט. דו ביסט נאָר באַשאַפן געוואָרן צו גרויסע מעשׂים.

דערנאָך זענען זיי אַריין אין גאָרטן און זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ באַנק. זיי האָבן געקוקט אין טאָל אַריין ביז דער פלאַמיקער זונקויל האָט זיך אין גאַנצן אויסגעלאָשן אויפן ים־שפּיגל. אַ קיל ווינטל האָט גע־בראַכט אויפן באַרג אַרויף דעם אָטעם פון די שטילע ברעג־כוואַליעס.

אין די ערשטע טעג האָט יאַניאַ זיך געפילט אינעם הויז פון די איתנס פרעמד און אַ ביסל אומבאַקוועם, כאָטש ס׳האָט איר גאָרנישט געפעלט. זיי האָבן איר אָפּגעגעבן אַ באַזונדער צימער, זי פאַרגעשטעלט פאַר באַ־קאַנטע, געמאַכט מיט איר אויספלוגן, אָבער יאַניאַ איז נישט געווען צו־געוווינט אַרומצוגיין ליידיק און גאָרנישט צו טאָן. נאָך מער האָט איר געמאַטערט דאָס, וואָס נישט מיט יעדן האָט זי געקאָנט רעדן. עברית האָט זי אין גאַנצן נישט פאַרשטאַנען.

אַפילו פון די נאָענטסטע מענטשן האָט קיינער נישט געוווּסט אויף וואָס פאַר אַן אופן יאַניאַ איז געקומען אין לאַנד אַריין. דאָס ערשטע האָט צילאַ זי געוואָלט פאַרשטעלן פאַר איר פאָטער. איתן האָט אויסגעדריקט זיין ווילן מיט זיי מיטצוגיין אין אינזשענירס הויז. פאַר צילען איז דאָס געווען אַ רעטעניש, ווייל ער האָט זעלטן ווען באַזוכט דאָס הויז פון איר פאָטער. זי האָט נישט געקאָנט פאַרשטיין, וואָס אַזוינס ס׳אימפּאָנירט אים: די גרויסע אַקציע, וואָס זי האָט אַדורכגעפירט, אָדער דאָס מיידל גופא — יאַניאַ דאַווידאָוונאַ ציטרין.

אינזשעניר סאַפּאָרטאַ איז נישט געווען אַנטציקט פון דער גרויסער אונטערנעמונג, און באַלד ווי די געסט זענען אַריינגעקומען האָט ער אַ ברום געטאָן צילען אין אויער:

— ווען דו פרעגסט מיך פריער, וואָלט איך דיך געווען אָפּגעהאַלטן פון אַזאַ שריט.

ער האָט אָבער דעם פאָרגעשטעלטן גאַסט וואַרעם אויפגענומען. נאָך אַ קורצער אויפנאַמע האָט ער יאַניען אַריינגעבעטן צו זיך אין סאַלאָנדל און זיך מיט איר אַדורכגעשמועסט.

דער שמועס האָט זיך לאַנג פאַרצויגן. דאָס מיידל האָט אויף אים געמאַכט אַן איינדרוק. אויך יאַניאַ האָט זיך גוט געפילט, ווייל דאָס איז געווען דער ערשטער מענטש, וואָס האָט מיט איר גערעדט ווי אַ פאָטער. דער אינזשעניר האָט דערפילט איר טראַגעדיע, וואָס זי באַהאַלט אויס, און איר וויסן און אינטעליגענץ האָט אויף אים געמאַכט אַ רושם.

דערנאָך איז ער אַריינגעקומען אינעם פראָנטצימער, ווו צילאַ מיטן מאַן זענען געזעסן און הויך אַ זאָג געטאָן:

— ס'האָט זיך געלוינט! און דו האָסט געוווּסט דערפון? — האָט דער שווער געפרעגט זיין איידעם.

— קיין אַנונג נישט געהאַט! אָבער כ'מיין אַז ס'וועלן נאָך זיין שוועריקייטן.

— מיט וואָס? — האָט צילאַ איבערגעפרעגט.

— לויט איר פּאַספּאָרט וועט זי מוזן בעטן אַזיל־רעכט — האָט יאַשאַ געפּסקנט.

— נאַרישקייטן — האָט דער אינזשעניר זיך אָנגערופן. דער חוק השבות* באַרעכטיקט יעדן ייִדן צו באַקומען בירגערשאַפט, ווען ער באַטרעט דעם באָדן פון דער מדינה.

— אָבער נישט טוריסטן — האָט איתן זיך געשפּאַרט.

— וועט זי דעקלאַרירן, אַז זי בלייבט דאָ.

— מיט אונדזערע פּקידים וועסטו גאָרנישט מאַכן — האָט איתן נישט נאָכגעגעבן. — דער נאָמען איז ביי איר פאַראַנדערשט.

— וועט זי אָננעמען אַ העברעיִשן נאָמען.

— דאָס ענדערט נישט די לאַגע. מיר וועלן זיך מוזן באַראָטן מיט אַן אַדוואָקאַט.

איתן האָט זיך געכאַפּט, אַז יאַניאַ פאָלגט נאָך דאָס געשפּרעך מיט נייגעריקייט, כאָטש זי פאַרשטייט נישט קיין עברית, האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— לאָמיר נישט אויספרעגן אונדזער גאַסט. זי קאָן זיך דאָך נאָך פאָרשטעלן, ווער ווייס, צי מיר זענען נישט קיין שדכנים...

---

* „חוק השבות" — גרונטגעזעץ פון מדינת ישראל (כ' תמוז תש"י), לויט וועלכן יעדער ייִד אין גלות האָט דאָס רעכט עולה צו זיין קיין ישראל.

פון איין זייט איז צילאַ געווען צופרידן, וואָס איר מאַן ווייזט אַרויס אַ פאַראינטערעסירונג צו דעם שטיקל אַרבעט, וואָס זי האָט אַדורכגעפירט, אָבער פון דער אַנדערער זייט האָט זי נישט געוואָלט, אַז ער זאָל זיך אין דעם גאַנצן ענין אַריינמישן. ווען זי איז אַהיימגעפלויגן מיט יאַניען, האָט זי זיך פאַרגעשטעלט, אַז זי וועט אים טרעפן אַ ברוגזן, אַ פאַרכומערטן: ער וועט זי אויפנעמען קאַלט, אַריינגיין אין זיין צימער און זי איבערלאָזן אַליין. אָבער צו איר דערשטוינונג איז ער געווען אין גאַנצן אַ געענדערטער. ער האָט זי אויפגענומען מיט אָפענע אָרעמס. אַנשטאָט איר עפּעס איבערצופרעגן אָדער מאַכן אַ פאַרוואורף, האָט ער אַרויסגעוויזן פרייד, ווי זי וואָלט אים פאַרויס אַלץ דערציילט, און ס׳איז גאָרנישט צווישן זיי פאָרגעקומען.

און ווייל ער האָט זיך אַזוי אויפגעפירט, האָט צילאַ דעם זעלבן אָוונט אים אַלץ דערציילט, וואָס זי איז אַדורכגעגאַנגען און ווי אַזוי זי האָט יאַניען געברענגט, מיט וועלכע וועגן און אומלעגאַלע שפּיצלעך. תחילת האָט זי געמיינט, אַז ער וועט פון דעם זיין אַנטציקט, אָבער יאַשאַ האָט דאָס אַלץ אָוועקגעמאַכט מיט דער האַנט.

— דער עיקר — האָט ער געזאָגט — אַז דו ביסט נישט אַדורכגעפאַלן. דו ביסט מיט איר בשלום אַהיימגעקומען און מ׳זעט זיך...

ערשט אין שלאָפצימער, ווען די לעמפּלעך אין ביידע זייטן בעטן זענען געווען אָנגעצונדן, האָט ער צוגעמאַכט דאָס בוך, וואָס ער האָט געהאַלטן אין לייענען און זיך אויסגעדרייט צום ווייב.

— ס׳איז אינגאַנצן נישט פון מיין זשאַנער. קיין טראַגעדיע אין דעם סיפּור, וואָס דו האָסט דערציילט, זע איך נישט. וואָס איז דען דאָ אייגנטלעך פאָרגעקומען? דו האָסט אָפּגעלאַכט פון לענדער, פון פּאַספּאָרטן, פון וויזעס, פון אַלע די שמאַכטעס, וואָס אָן זיי קאָן זיך קיין מענטש נישט רירן פון איין לאַנד אין אַנדערן. גיכער איז דאָס שטאָף פאַר אַ קאָמעדיע, אָבער קאָמעדיעס האָב איך נאָך קיין מאָל נישט געפּרוווט צו שרייבן.

זיין גוטע שטימונג האָט געווירקט אויף איר ווי אַ קיל ווינטל. ווען מען דערפילט עס בעת מ׳האָט אַ פאַרשוויצט פּנים, פאַרשאַפט עס אַ נחת, אָבער לאַנג פאַרטראָגן קאָן מען עס נישט... צילאַ האָט אַ ציטער געטאָן,

ווען זי האָט דערזען ווי ער נעמט אַראָפּ די ברילן און לעשט אויס דאָס נאַכטלעמפּל.

— איך בין נאָך אויפגערעגט און ס'איז מיר שטאַרק הייס — זי האָט זיך אויפגעהויבן — כ'מוז אַרויס אויף דער טעראַסע זיך אַ ביסל אָפּקילן...

זי האָט אָנגעקלאַפּט אין יאַניעס צימער. יאַניע איז נאָך נישט גע־שלאָפן. צילאַ האָט איר שוין געהאַט באַזאָרגט רוסישע צייטונגען, וואָס דערשיינען אין לאַנד און אויך אַזעלכע, וואָס קומען אָן פון רוסלאַנד. זי האָט איצט געלייענט.

— מיין מאַן איז אַנטציקט פון דיר — איז זי אַריינגעפאַלן מיט אַ געלעכטער, ווי זי וואָלט זיך דאָ געוואָלט באַהאַלטן פאַר קינדער, מיט וועלכע זי שפּילט אין „באַהעלטערלעך״ — ער איז נאָך קיין מאָל נישט געווען אין אַזאַ גוטער שטימונג, ווי זינט דו ביסט געקומען אין הויז אַריין.

— עס פרייט מיך זייער, אַז איך בין גוט־געזען פון גאַנצן הויז — האָט זי פריינדלעך אָפּגעענטפערט, אָבער צילעס ווערטער האָבן איר עפּעס אַ שטאָך געטאָן. אומזיסט האָט די בעל־הביתטע דאָס נישט גע־זאָגט. אפשר מיינט זי עפּעס דערמיט?

יאַניאַ האָט שוין געוווּסט, אַז איתן איז אַ טאַלאַנטפולער דראַמאַ־טורג, אָבער זי האָט אים נישט געלייענט און אפילו נישט געהערט זיין נאָמען.

— כ'וואָלט געוואָלט לייענען אייער מאַנס ווערק אין אָריגינאַל, אָדער זעען זיי אויף דער בינע.

— אויך צו דעם וועסטו צוקומען. אָבער דאָס ערשטע, וואָס דו דאַרפסט טאָן, איז אַדורכגיין אַן אולפּן און לערנען די לאַנדשפּראַך.

דער געדאַנק פון גיין אין אַן אולפּן האָט אויף יאַניען געווירקט צום גוטן. זי איז נישט געווען צוגעוווינט צו אַזאַ ברייטקייט און באַקוועמ־לעכקייט, ווי אין צילעס הויז. ס'האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז דאָ לעבן מענטשן אָן זאָרגן און אָן אַ באַשטימטער אַרבעטסצייט. זי איז געווען צוגעוווינט צו מענטשן באַזאָרגטע, פאַרפראַצעטעווע, מענטשן, וואָס מוזן שווער האָרעווען אויף חיונה און לעבן אין שרעק פאַר זייער אייגענעם שאָטן, מענטשן, וואָס זענען חושד איינער דעם אַנדערן און היטן זיך מיט אַ וואָרט, מענטשן, וואָס האָבן אײַן העמד, וואַשן דאָס אין אָוונט,

ווען זיי קומען פון דער אַרבעט, כדי זיי זאָלן עס קאָנען אָנטאָן אויף צו מאָרגנס; צו דירות, ווו דריי פאַמיליעס קאָכן אין איין קיך; צו ראַדיאָ־אַפּאַראַטן, וואָס רעדן נאָר אין איין שפּראַך און אין איין נוסח... ווען נישט דאָס, וואָס זי האָט געוווסט, אַז דאָ געפינט זיך אַ פען־קינסטלער — וואָלט איר דאָס הויז אויסגעזען ווי אַ פּוסטע קרעטשמע, אין וועלכער זי האָט פאַרבלאָנדזשעט.

צילאַ האָט זיך באַמיט וואָס לענגער מיט איר צו שמועסן, אַבי צו פאַרבלייבן אין איר צימער ביז יאַשאַ וועט איינשלאָפן.

— כ׳גלייב אַז איך שטער דיר נישט — האָט זי זיך פאַרענטפערט

— דו גייסט דאָך נאָך נישט מאָרגן אין דער פרי צו דער אַרבעט און וועסט קאָנען זיך אויסשלאָפן.

— איך בין צופרידן, וואָס איר זענט אַריינגעקומען — האָט יאַניאַ זיך אויפגעזעצט אויפן בעט.

— יאָ, דאָס וויכטיקסטע פאַרגעסן. כ׳האָב דיר געוואָלט זאָגן, אַז די צווייטע וואָך מאַכן מיר אַ ספּעציעלן אויפנעם־אָוונט פאַר דיר. ס׳וועלן זיין אַ סך געסט און יורם האָט שוין געלאָזט וויסן, אַז ער קומט.

דאָס אונטערשטרייכן פון צילען, אַז יורם קומט, דאָס וואָס זי האָט פון אַלע געסט אָנגערופן נאָר איינעם, האָט יאַניען אַריינגעפירט אין אַ חשד, אַז צילאַ וויל וועגן אים עפּעס דערציילן. אָדער זיי זענען גוט באַפריינדט פון קינדוהייט אָן — האָט זי געטראַכט — אָדער ס׳קומט צווישן זיי עפּעס פאָר.

אָבער צילאַ איז געווען פאַרזיכטיק און האָט מיט קיין שום אָנדייט נישט געגעבן יאַניען די געלעגנהייט עפּעס צו פאַרדעכטיקן. זי האָט נאָר גערעדט וועגן יורמען ווי וועגן אַן אַרבעטסזאַמען סטודענט מיט אינטעליגענץ, שוווּנג און וויסנשאַפטלעכער דרייסטקייט. יאַניען איז אָבער אַלץ נישט אַרויס פון קאָפּ די התלהבות, מיט וועלכער יורם האָט זיי באַגעגנט ווען ער איז נאָך דער פייערלעכקייט אַרויס פון טעכניקום. באַזונדער האָבן זיך אין איר איינגעקריצט די עטלעכע שטילע מינוטן, ווען זיי זענען געזעסן אויף דער באַנק אין גאָרטן.

— איך מיין, אַז איר האָט פאַר אים עפּעס גוטס געטאָן, אפשר דאַרף ער אייך גאָר דאַנקבאַר זיין דערפאַר, וואָס ער האָט געקאָנט שטודירן.

— קיין זאַך נישט! — האָט צילאַ אַזש אויפגעציטערט — ער האָט

זיך דעם וועג אַליין אַדורכגעשלאָגן, אָבער איך בין אַלע מאָל גרייט אים צו העלפן, ווען ער וועט זיך אין עפּעס נייטיקן. כ׳זע אַז די אויגן קלעפּן זיך שוין ביי דיר. לילה טוב! דאָס מיינט אַ גוטע נאַכט — האָט זי איר איבערגעזעצט אין פראַנצויזיש.

ווען צילאַ איז אַרויס פון צימער האָט שוין יאַניאַ נישט געקאָנט איינשלאָפן. זי האָט נאָכגעטראַכט — „אָבי כ׳האָב געמיינט, אַז דער בחור איז אין איר פאַרליבט״. אַז זי איז גרייט אים צו העלפן, דאָס קאָן מען גלייבן. האָט זי דאָך מיר, גאָר אַ פרעמדע געהאָלפן און אַפילו צוליב מיר זיך איינגעשטעלט. אָבער צו וואָס דאַרף אַ יונגער מענטש מיט אַן אינזשעניר־דיפּלאָם די הילף פון אַ פאַרהייראַטער פרוי? ס׳וועט איר, דאַכט זיך, אויסקומען לאַנג צו וואַרטן ביז ער וועט פון איר עפּעס בעטן, פונקט ווי מיין פראָפעסאָר האָט יעדן טאָג דערוואַרט כ׳זאָל פון אים בעטן עפּעס אַ טובהלע, ער האָט זיך אָבער נישט דערוואַרט...

ווען נישט דער פאַרגלייך, וואָלט זי אים איצט אפשר גאָרנישט געדענקט, אָבער אַזוי ווי זי האָט אים דערמאָנט, האָט זי זיך אַליין געמאַכט אַ פאָרוואורף פאַר די צרות וואָס זי האָט אים פאַרשאַפט. וואָס וועט ער טראַכטן וועגן איר? ער האָט צו מיר געהאָט צוטרוי. נישט פֿאַרבאָרגן קיין וויסנשאַפטלעכן סוד פאַר מיר. אמת, טייל מאָל האָט ער זיך באַצויגן שטרענג, אָבער נישט גראָב און נישט באַפעלעריש, ווי אַנדערע. דאָס ערשטע וועט ער געוויס זאָגן: „אַ יעווריעיקע בלייבט אַ יעווריעיקע״. אַ יעווריי דאַרף מען נישט גלייבן, מעג ער זיין אַ זקן מיט אַ ווייסער באָרד אָדער אַ שיין מיידל מיט ראָזע בעקלעך. עס זענען איר געקומען אין קאָפּ אַריין די אַלע פאָרוואורפן, וואָס זי האָט זיך אָנגעהערט פון פראָמינענטע קאָמוניסטן, ווען ס׳האָט געטראָפן אַזאַ פאַל — און ווי אַזוי מען האָט אים אויסגעטייטשט אין סאָוועטישע צייטונגען. אָבער באַלד האָט זי זיך צוריקגעצויגן. „כ׳בין צו ווייט אַוועק פון דעם פראָפעסאָרס פערזענלעכקייט און כאַראַקטער״ — האָט זי זיך געכאַפּט. זינט זי קען אים, האָט זי קיין מאָל נישט געהערט, ער זאָל האָסן אָדער באַשולדיקן אַ מענטש צוליב זיין ראַסע. גיכער וועט ער דעם פאַל אויסטייטשן לטובה: זי איז געווען אַליין און געשטרעבט זיך צו פאַראייניקן מיט איר פאָטערלאַנד. ס׳האָט איר געצויגן צו איר פאָלק, צו דער סביבה פון וועלכער זי

שטאַמט. די ווונד פון אירע עלטערן האָט זיך ביי איר נאָך נישט פאַר־היילט און זי איז אַנטלאָפן כדי צו שטילן איר צער. די רוסישע אינטע־ליגענץ — האָט זי געוווּסט — פילט דעם אינערלעכן דראַנג צו מחשבה־פרייהייט. יאָ, זי ווייסט, זי מוז אים אָנשרייבן אַן אַנטשולדיקונגס־בריוו, אַלץ אים אויפקלערן און אויסדריקן איר ווייטערדיקע פאַרערונג צו אים. אָבער ווער ווייס צי אַזאַ בריוו קאָן אים נישט באַלעסטיקן און ברענגען שאָדן?

דאָס ערגסטע, וואָס האָט זי געמאַטערט, איז געווען מ'זאָל איר פּראָ־פעסאָר נישט באַשולדיקן, אַז ער האָט איר צוגעהאָלפן. נאָך וואָס האָט ער באַדאַרפט אַ יעוורעיקע מיטנעמען קיין בערלין? — וועט מען אים פרעגן. וואָס ער וועט אויף דער פראַגע ענטפערן איז נישט וויכטיק. אויב די ק. ג. ב. שטעלט אַ פראַגע, נייטיקט זי זיך נישט, מ'זאָל אויף איר ענטפערן. זי ענטפערט שוין אַליין, און דאָס — אין נאָמען פון פאַרדעכ־טיקטן... אָבער ניין, דאָס וועט נישט געשען. דער פּראָפעסאָר איז פון די גרויסע שישקעס און מ'קען אים אויך אין קרעמעל. ס'וועט אים קיין שלעכטס נישט געשען. קיינער וועט נישט וואַגן מיט אים אָנצוהייבן. גיכער קאָנען זיין אין געפאַר די, וואָס וועלן זיך טשעפּען צו אים. אַזוי פירט זיך שוין אין מאָסקווע...

ערשט ווען זי האָט זיך אָנגעהויבן דערמאָנען דעם פּראָפעסאָרס איבערגעגעבענע חברים, נעמען פאַר וועלכע גאַנץ מאָסקווע ציטערט — האָבן זיך אירע אויגן־לעפּלעך געגומען צוקלעפּן און זי איז איינגעשלאָפן אין אַ רויִקן שלאָף.

קאַפּיטל פערצן

בן־גוריון איז שוין עטלעכע יאָר געזעסן אין שדה־בוקר און גע־שריבן זיינע זכרונות. די מצרים האָבן זיך וואָס אַ מאָל מער אַריינגעצויגן אין האַלבאינדזל סיני און דאָרט זיך באַפעסטיקט מיט שווער געווער. אויף די אַלטע מויערן פון דער ירושלימער אַלטשטאָט האָבן זיך אַרומ־געדרייט די ירדנישע לעגיאָנערן, און ווען ס'האָט זיך זיי פאַרגלוסט, האָבן זיי געעפנט אַ פייער אין די באַלעבטע ירושלימער גאַסן אַריין. פאַר

נאַכט, ווען צילאַ האָט געעפנט דעם ראַדיאָ, איז זי אויפגעציטערט געוואָרן. די שילדערונג פונעם ספיקער האָבן זיך אַזוי איינגעקריצט אין איר דמיון, אַז דאָס בילד איז אַ לאַנגע צייט נישט אָפּגעטראָטן פון אירע אויגן. זי האָט געזען ווי אַ גרופּע יידישע קינדער גייען אַהיים פריילעכע, ליאַרעמדיקע, פון דער פאָלקסשול. מיט קינדערישער לייכטקייט שפּרינגען זייערע פיסלעך אַרויף אויף דעם בערגל לעבן דעם היסטאָרישן „וויאַט־ראַק״. באַלד לאָזן זיי זיך אַראָפּ אין טאָל אַריין צו די איינצלנע הייזלעך, וואָס שטייען קעגן איבער די מויערן, און פונקט אין דער רגע ווען זיי זענען ביי די טירן פון זייערע היימען, דערהערט זיך אַ „שטעפּן״ פון אויטאָמאַטישע ביקסן. איינציקווייז פאַלן אַנידער די קינדער מיט די שולטאַשן אויף די פּלייצעס, ווי אַ קאָסע וואָלט אונטערגעהאַקט זייערע פיסלעך. קיין שום געשריי אָדער וואָרט באַווייזן זיי אַפילו נישט צו לאָזן הערן. ערשט ווען דאָס שיסעריי הערט אויף, גיבן די מאַמעס אַ בליק אַרויס אין דרויסן. זייערע קינדער ליגן פאַרבלוטיקטע ביי די טירן.

אויף די שפּיצן פון די גולן־בערג וואַקסן אויס האַרמאַטן־רערן, וואָס קוקן אַראָפּ מיט שטאָלענער בייזקייט צו די ישובים אין טאָל. ווען דער טאָג ברעכט אויף און די פּויערים גייען אַרויס אויף די פעלדער, קוקן זיי דאָס ערשטע אַרויף אויפן באַרג. אויבן — דאַכט זיך זיי אויס — ליגן ריזיקע שלאַנגען, פאַרוויקלטע אין קנוילן. טייל מאָל זעען זיי אויס ווי זיי וואָלטן נאָר לויערן און ס׳גלוסט זיך זיי נישט צו רירן פון אָרט, און טייל מאָל עפענען זיי די פּיסקעס און שפּייען מיט פייער אויף די דערפער פון טאָל.

ביי נאַכט, ווען די מידע פּויערים ליגן שוין אויף די געלעגערס, שלייכן זיך פון די בערג אַראָפּ שאָטנס אין טאָל אַריין. זיי לייגן אונטער דינאַמיט־פּעקלעך הינטער די דאָרפישע הייזער — — —

אין צילעס סביבה האָט דער עכאָ פון די געשעענישן אָפּגעהילכט נאָך שטאַרקער. איינציקווייז האָבן זיך די אַראַבישע פריינד אָפּגעטראָגן פון איר הויז. זי האָט אַדורכגעלעבט אַן אינערלעכן איבערברוך. טייל מאָל דאַכט זיך איר אויס, אַז דער בוים פון דער יידיש־אַראַבישער פריינדשאַפט האָט נאָר אַ בלי געטאָן און באַלד איז ער פאַרוועלקט געוואָרן. קיין פרוכט וועט ער נישט טראָגן... ווען ס׳זענען ווידער אַדורך אַ פּאָר שטילע טעג, האָט זיך באַנייט איר גלויבן, אַז דאָס זענען נאָר פאַרבייגיי־

ענדיקע דערשיינונגען, וואָס וועלן נישט צעשטערן די האָפענונג פון אַ צוזאַמענלעבן מיט די אַראַבישע פריינד, אָבער אויסאיבן איר השפעה אין דער איצטיקער צייט, האָט איר אויסגעוויזן ווי צורעדן אַ שוואַנגערע פרוי צו גליטשן זיך אויפן אייז, אָדער אַרויסצוטרעטן אין אַ באַלעט...

פאַרנאַכלעסנדיק איר טעטיקייט, מיט וועלכער זי האָט זיך יאָרן לאַנג אָן איבעררייס פאַרנומען, איז איצט יאַניאַ געוואָרן דער קערן פון איר פאַראינטערעסירונג.

דאָס ערשטע האָט זי גענומען פאַר איר איינאָרדענען אַ קבלת פּנים־אָונט. איר ווילן און ענערגיע האָט זיך נאָך מער פאַרשטאַרקט ווען זי האָט אַ קלער געטאָן, אַז צו דעם אָונט וועט זי אויך פאַרבעטן אירע אַראַבישע פריינד, וועלכע זי האָט שוין אַ פּאָר חדשים נישט געזען, און די חברה מיט וועלכע זי איז געווען אין מאָסקווע. זי האָט באַצייטנס באַשטעלט פאַר יאַניען קליידער, זי האָט זיך נישט פאַרלאָזט אויף איר געשמאַק און אַליין מיטגעגאַנגען די זאַכן אויסצוקלייבן.

דער אָונט איז אויסגעפאַלן זייער פייערלעך. דער סאַלאָן איז געווען פול מיט געסט, דער רוב — יונגע מענטשן. נאָר צוויי האָבן זיך אָנגעזען מיט גרויע קעפּ: דאָס איז געווען אינזשעניר סאָפּאַרטאָ, צילעס פאָטער, און פּראָפעסאָר גערבער פון וויצמאַן־אינסטיטוט.

יאַניאַ איז געווען אָנגעטאָן אין אַ שוואַרץ אָונטקלייד, אָן באַפּוצונגען און אָן אַרבל. דאָס קלייד איז געלעגן אויף איר, ווי אויסגעגאָסן, און זי האָט דערין אויסגעזען העכער און שלאַנקער. ס׳האָט געקאָנט זיין אַ רוסיש קלייד, מיטגענומען פון מאָסקווע, און ס׳האָט אויך אויסגעזען, ווי ס׳וואָלט געווען געניית אין תּל־אביב. דער עיקר אָבער — זי האָט זיך דערין גוט געפילט. די האָר האָט זי פאַרקעמט אויפן רוסישן שטייגער — אַרויף, אָן אַ שרונט, און אַ ביסל צעשויבערט, צעפלאָסן. איר שטערן איז אויסגעקומען העכער און די אויגן האָבן געהאַט אַ פרייַ פעלד אַרום, באַלויכטן דאָס גאַנצע פּנים.

צילאַ איז געווען אויסערגעוויינלעך צופרידן, וואָס איר פאָטער איז גע־קומען צום הייַנטיקן אָונט. דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל ווען ער קומט זיך צוזאַמען מיט די חברה יוגנטלעכע אין איר סאַלאָן. זי האָט דערין געזען אַ סימן, אַז נישט נאָר איז ער צופרידן, וואָס זי האָט יאַניען דאָ אַהערגעבראַכט, נאָר אַז ער שעצט דאָס מיידל ווי אַ רייפע וויסנשאַפט־

לעריק. צילאַ האָט נאָך קיין מאָל נישט אַזוי אַרומגעטאַנצט אַרום איר פֿאָ־טער ווי איצט. „פֿאַר זיין געלט האָב איך דאָך זי דאָ אַהערגעבראַכט״ — האָט זי גערעדט צו זיך, און געזוכט אַלע מיטלען, אַז איר פֿאָטער זאָל זיך גוט פֿילן צווישן דער חברה און דעם אָוונט גוט פֿאַרברענגען. אַפֿילו אין מיטן דעריק, ווען זי איז געווען פֿאַרטאָן מיט אויפֿנעמען געסט און פֿאַרשטעלן יאַניען, האָט זי יעדע רגע זיך אומגעקוקט אויפֿן פֿאָטער — וואָס ער טוט, מיט וועמען ער רעדט. „וואָס פֿאַר אַ ליבן טאַטע כ׳האָב — איז זי געווען שטאָלץ — אמת ווען נאָר כ׳דאַרף, גיט ער מיר געלט, אָבער דאָס מאָל האָט ער מיר געגעבן מיט אַ פֿולער האַנט און אַפֿילו נישט גע־פֿרעגט צו וואָס כ׳פֿאַר קיין בערלין״.

נאָך מער איז זי געווען איבערראַשט פֿון איר מאַנס אויפֿפֿירונג. ער איז צוזאַמען מיט איר געשטאַנען ביים אַריינגאַנג און אויפֿגענומען די געסט, פֿעסט געדריקט די הענט און ביי מאַנכע אַפֿילו זיך פֿאַרנייגט. אַ סך פֿון צילעס פֿריינד, וואָס פֿלעגן אַריינקומען אין הויז, האָבן דאָס ערשטע מאָל אים דערלאַנגט די האַנט און זיך געחידושט. אויך צילאַ האָט גע־טראַכט: „אפֿשר איז שוין געקומען די צייט ווען ער ווערט אויס קינסטלער און צוריק מאַן... אָבער טוט ער דאָס פֿאַר מיר, אָדער דערפֿאַר, וואָס יאַניאַ האָט אויף אים געמאַכט אַ רושם״?

פֿאַר אַלע האָט צילאַ פֿאָרגעשטעלט יאַניען ווי אַ קוזינע, אַחוץ פֿאַר דער חברה פֿון דער מאָסקווער גרופּע. און ס׳איז געווען ווי זי האָט זיך געריכט — די סענסאַציע פֿונעם אָוונט איז געווען יאַניאַ אַליין.

ווי נאָר דער עולם האָט זיך דערוווּסט, אַז זי קומט פֿון מאָסקווע, האָט מען געקוקט אויף איר ווי אויף אַ ווונדער.

— אַ יונגן מענטש אַרויסגעלאָזט פֿון רוסלאַנד?

— און נאָך דערצו אַ מענטש מיט העכערער בילדונג?

יאַניאַ איז געווען אַרומגערינגלט פֿון אַלע זייטן. הענט מיט כּוסות האָבן זיך צו איר געהויבן. „לחיימס״ אויף עבֿרית און רוסיש האָבן זיך געלאָזט הערן. מ׳האָט איר געוווּנטשן אויף עטלעכע שפּראַכן און באַשאָטן מיט פֿראַגעס:

— ווי אַזוי זענט איר אַהערגעקומען?

— וואָס פֿאַר אַ זכות־אָבֿות האָט איר געהאַט, וואָס מ׳האָט אייך אַרויס־געלאָזט?

— איר זעט זייער שיין אויס. אַבי מ׳זאָגט, אַז אין רוסלאַנד הונגערט מען.

— און קיין נומערוס-קלאַוזוס הערשט דאָרט נישט פאַר ייִדן?

יאַניאַ האָט אַלעמען געענטפערט מיט אַ בייג פון קאָפּ, אַ שמייכל. באַלד האָבן זיך צו איר צוגעשאַרט צוויי בחורים, וואָס האָבן קוים פאַר־שטאַנען אַ רוסיש וואָרט, און זיך אונטערגענומען צו זיין איבערזעצער.

— ספּאַסיבאַ...

— וואָס איז דאָס?

— עוד פּעם — גיס איר אָן נאָך אַ גלעזל.

— איזווינינטיע....

— זי פרעגט ווען מ׳וועט אָנהייבן טאַנצן...

— וסיע יעוורעיע טאָוואַרישטשי...

— וואָס פאַרשטייסטו נישט? זי זאָגט, אַז מ׳לאָזט אַרויס אַלע ייִדן פון ראַטן־פאַרבאַנד...

יאַניאַ איז נאָך אַלץ געשטאַנען מיט אַ גלעזל אין האַנט. דער עולם, וואָס איז אַרום איר געשטאַנען און געהערט, ווי די „איבערזעצער" מאַכן פון רוסיש עברית, האָבן הילכיק געלאַכט. יורם און יצחק האָבן דערהערט דאָס געלעכטער, אָבער זיי האָבן נישט געקאָנט צו איר נענטער צוקומען.

— נישט שיין! — האָט צילאַ דורכגייענדיק צו זיי אַ זאָג געטאָן — זי וועט זיך באַליידיקן. איר זענט דאָך פון די ערשטע, וואָס האָבן זי „אַנטדעקט".

— אָבער זעסט דאָך, זי איז אַרומגערינגלט און מ׳קאָן נישט צו איר צוקומען.

— טאָ זייט אויך צווישן די אַרימרינגלער — האָט זי זיי אָפּגעענט־פערט, געלאָפן ווייטער און זיך אָפּגעשטעלט ביי פּראָפ. גערבער.

צילאַ האָט אים גוט געקענט. פּראָפ. גערבער פלעגט אָפט אַריינקומען אין איר פּאָטערס הויז. ער איז אַ געמיטלעכער מענטש. זיין פּנים איז תמיד גלאַט ראַזירט און בלאַס. פון הינטער די העלע ברילן אין גאָלד־רעמלעך קוקן אַרויס קלוגע בלאָע אויגן. זי האָט אים ליב צו הערן רעדן. ווען ער רעדט, איז זיין פּנים ערנסט, אָבער נישט פאַרכמאַרעט. יעדעס וואָרט זיינס איז געוויגן און געמאָסטן. זי שעצט אים זייער צוליב זיין אינטעליגענץ און ציכטיקער אויפפירונג. טייל מאָל פילט זי, אַז ס׳שטעקט

אין אים די גוטסקייט פון אַ טויב, וואָס איז צופרידן פון יעדן ברעקל שפּייז, וואָס זי זוכט זיך אַליין אויס און פאַרכט נישט צוצוקומען נאָענט צו מענטשנס פיס...

— ווי כ'פריי זיך מיט אייך, פּראָפעסאָר, וואָס איר האָט באַוויליקט צו באַשיינען מיין הויז.

אויפן פּראָפעסאָרס פּנים האָט אַ שוועב געטאָן אַ שמייכל.

— און מיך פרייט, וואָס דאָס קליינע מיידעלע מיט לאַנגע צעפּלעך איז די בעל־הביתטע פון אַזאַ שיין הויז.

צילעס כוונה איז געווען צו באַקענען דעם פּראָפעסאָר מיט יאַניען און צו באַווירקן מ'זאָל זי אַריינגעמען אין ווייצמאַן־אינסטיטוט אין רחובות. זי ווייסט, אַז ס'איז געגוג זיינע אַ רעקאָמענדאַציע, זי זאָל דאָרט אָנגענו־מען ווערן אַלס סטאַבילע מיטאַרבעטערין און באַקומען אַ געהאַלט. זי איז אָבער געווען אַנטשלאָסן זיך נישט אַריינצומישן אין דער וויסנשאַפט־לעכער זייט, און אויב דער פּראָפעסאָר וועט זאָגן, אַז זי פּאַסט זיך נישט אַריין — ווי ס'פּאַסירט מיט אַ סך יונגע וויסנשאַפטלער, וואָס ווילן דאָרט אָנקומען — וועט זי נישט צושטיין צו אים און מער וועגן דעם נישט רעדן.

— כ'וואָלט געוואָלט, פּראָפעסאָר, איר זאָלט געפינען צייט פאַר אַ געשפּרעך מיט אונדזער גאַסט, די נייע עולה. איר רעדט דאָך רוסיש...

— דו מיינסט פאַר אַ פּריוואַטן געשפּרעך? צום באַדויערן האָב איך צו דעם נישט קיין צייט.

— איך מיין טאַקע אַ שמועס, וואָס פירט צום אינסטיטוט...

— דאָס איז מעגלעך. כ'וועל נאָכקוקן מיין קאַלענדאַר און דיר לאָזן וויסן.

— כ'וועל אייך זייער דאַנקבאַר זיין.

— וואָס אייגנטלעך קאָן זי פאַרבינדן מיט אונדזער אינסטיטוט?

— זי איז אַן אַטאָם־פיזיקערין מיט אַ דאָקטאָר־דיפּלאָם.

— ווו געענדיקט?

— אין מאָסקווע.

— פּראַקטיצירט?

— אַ שטיקל צייט אין פּראָפ. לאַנדאַוס לאַבאָראַטאָריעס.

— דאָס הייבט שוין אָן צו ווערן אינטערעסאַנט... שיק זי צו מיר אין אינסטיטוט דעם קומענדיקן מאָנטיק פאַר מיטאָג.

אַלע מאָל ביי פאַרזאַמלונגען אין איר הויז איז צילאַ געווען דער ראש המדברים, אָבער היינט, צוליבן כבוד פון איר פאָטער און פּראָפ. גערבער, האָט זי געהאַלטן פאַר נייטיק, אַז דער בעל־הבית אַליין זאָל עפענען דעם אָוונט. ס'האָט זי אָבער אַ ביסל געשראָקן, וואָס „ער שרייבט גוט און רעדט שלעכט״, און ווער ווייסט אויב זיין רעדע וועט זיך פּאַסן פאַר אַזאַ פייערלעכקייט.

אָבער ווי נאָר איר מאַן האָט אָנגעהויבן רעדן, האָט זי אים נישט דער־קענט. ער איז געווען אין אַ גוטער שטימונג און געשפּרודלט מיט הומאָר.

יאַניאַ איז געזעסן לעבן רעדנער און זיך צוגעהערט צו די קלאַנגען פון דער העברעיִשער שפּראַך.

— מיין ווייב — האָט איתן אָנגעהויבן — האָט אַ שוואַכקייט צו צוויי זאַכן: צו פאַרשאַפן מיר קאָנטראַקטן אין פרעמדע שפּראַכן אָדער איינצו־האַנדלען שיינע ליאַלקעס צו איר קאָלעקציע. ווען נאָר זי פאָרט קיין חוץ־לארץ ברענגט זי מיט אַ קאָנטראַקט אויף מיינס אַ פּיעסע, אָדער אַ וויכ־טיקן ליאַלקע־עקזעמפּלאַר פאַר איר קאָלעקציע. וועלכע פּיעסע מיינע זי וועט איצטער פאַרהאַנדלען, האָב איך זיך אָריענטירט, אָבער וואָס פאַראַ ליאַלקע זי וועט איצט מיטברענגען — האָב איך נישט געוווּסט. כ'האָב זיך נישט געפוילט און צוגעגאַנגען צו אָט דער גלעזערנער שאַנק, אין וועלכער זי האַלט איר קאָלעקציע, און נאָכגעקוקט, וואָס פאַר אַ ראַסע עס פעלט איר נאָך דאָרט. ווייל וויסן דאַרפט איר, אַז מיין טייער ווייבל גע־דענקט אַלע אירע „טיפּן״ און צוויי פון איין ראַסע לאָזט זי אין הויז נישט אַריין... נאָך אַן „אַנטראָפּאָלאָגישער״ סטודיע האָב איך אויסגעפונען, אַז ס'פעלט איר נאָך אַ יאַפּאַנעריןָ. האָב איך דערוואַרט, אַז זי וועט מיטברענ־גען אַ יאַפּאַנערין. כ'האָב זיך נישט געקאָנט דערוואַרטן ביז זי וועט אויס־פּאַקן די וואַליזקעס און גלייך אַ פרעג געטאָן:

— וואָס פאַר אַ ראַסע האָסטו דאָס מאָל איינגעהאַנדלט?

— אָט די! — האָט זי מיר אַ וויַיז געטאָן אויף איר.

ער האָט יאַניען אָנגענומען ביי די אַקסלען און זיך געווענדט צום עולם:

— נו, זאָגט אַליין, דאַרף מען אַ שענערע ראַסע, ווי אָט דאָס יונגע, שיינע און געראָטענע מיידל?

דער עולם האָט אַפּלאָדירט און געלאַכט, און יאַניאַ, כאָטש זי האָט קיין וואָרט נישט פאַרשטאַנען, האָט מיטגעלאַכט.

בשעת מעשׂה האָט אינזשעניר סאַפּאָרטאָ מיטגעלאַכט מיטן עולם. באַלד אָבער האָט זיך אין אים אָפּגערופן דער פּראַקטישער מענטש און ער האָט געגומען טראַכטן, אַז אין יעדן שפּאַס ליגט אַ שטיק ערנסט. צוויי פּרויען אין איין שטוב ברענגען נישט קיין ברכה... דערנאָך האָט ער גענומען אַנאַליזירן דעם הומאָר־אויסברוך פון זיין אײדעם, וואָס ער הערט דאָס ערשטע מאָל זינט ער קען אים. ער האָט טאַקע אויסגענומען ביים עולם — האָט ער געטראַכט — אָבער ווי פאַר זיין ניוואָ אַלס שרייבער איז די מעשׂה מיט די ליאַלקעס געווען צו ביליק. איז דאָס אַן אויסדרוק פון וועלן פאַרגעסן זיך אַליין, אַוועקשפּרינגען פון דער אייגענער פּערזענ־לעכקייט און זיך אויסמישן מיט אַ זאָרגלאָזער פּלאַכער מיליע, אָדער איז דאָס אַ צוריקציִען זיך פאַר אַ תהום, וועלכן מ׳קאָן נישט אַריבערגיין ?... נאָך אַ לענגערן אַריינטראַכטן איז ער געקומען צום אויספיר, אַז ביים גאַנצן גוטן צוזאַמענלעבן פעלט אָבער ביי זיינע קינדער דאָס עיקרדיקסטע — ס׳פאַרבינדט זיי נישט קיין דריטער נפש. אין אַזעלכע פאַלן — האָט ער געוווסט — איז זייער מעגלעך, אַז די פּערזענלעכקייט פון איינעם פון דער פאָר זאָל זיך גרינטלעך ענדערן, צום גוטן צי צום שלעכטן, צום אויפהייבן זיך אָדער אַראָפּפאַלן. אַן קינדער קאָן אַ צופרידן, גליקלעך פאַמיליע־לעבן זיך נישט האַלטן — האָט ער אָפּגעפּסקנט.

ס׳איז שוין געווען נאָך חצות. די עלטערע געסט האָבן זיך געזעגנט און אַהיימגעפאָרן. געבליבן אין הויז זענען נאָר די יוגנטלעכע. ערשט איצט האָבן זיך די סאַבּרעס אָנגעהויבן בעסער און פרייער פילן, און — ווי ס׳וואָלט ווער אַ פּאַכע געטאָן מיט אַ דיריגענט־שטעקעלע — האָבן די דיסקוסיעס זיך אָנגעהויבן.

דאָס מאָל האָבן אָבער זיך נישט געהערט קיין רייד וועגן אַראַביש־ייִדישע באַציִונגען. דער שמועס האָט זיך גענומען דרייען גאָר אין אַן אַנדער ריכטונג.

— מ׳מוז איין מאָל פאַר אַלע מאָל אָפּוואַרפן די טענות פון אַלטן דור, אַז די יוגנט איז „אויסגעליידיקט", טראָגט נישט אין זיך קיין אידעען, האָט נישט קיין חוש פאַר קונסט, האָט אַ ווידערווילן צו דער קלאַסישער ליטעראַטור און שטרעבט צו ניהיליזם — צו אַ פּוסט לעבן.

— מיט וואָס וועסטו דאָס באַווייזן ? — פרעגט אבנר.

— מיט דער סטאַטיסטיק. בכבודיקע ציפערן באַשטעטיקן דעם הויכן

פראַצענט פון יונגע וויסנשאַפטלער און קינסטלער אויף אַלע געביטן, וואָס פאַרנעמען די פּלעצער פון אַלטן דור.

— דאָס וואָס דו האָסט געזאָגט, זענען נאָר באַווייזן פון דער פעיִקייט צו באַזירן דעם אייגענעם מצב, בכדי צו קענען פירן אַ גוט לעבן.

— ווייסט אפשר זאָגן, אַז די ענגלישע אָדער אַמעריקאַנער יוגנט לערנט וויסנשאַפט, טעכניק און קונסט צוליב אידעען?

— איך רעד וועגן אונדזער יוגנט אינעם קליינעם לאַנד. ווייסט דאָך נישט אַפּלייקענען, אַז עפּעס אַ ווונטש, אַ ציל מוז דאָך דער יוגנטלעכער האָבן. פּרווו, שטעל אָפּ הונדערט יוגנטלעכע אין גאַס און פרעג, וואָס זייער אידעע איז? ווייסט עפּעס וויכטיקס פון זיי הערן?

— ווילסט אפשר פון זיי הערן, אַז זיי זענען ציוניסטן?

— ציוניזם? אפשר איז עס נאָך אַן עסק פאַר ברוקלינער ייִדן, אָדער פאַר שליחים, וואָס פאָרן זאַמלען געלט אין די תפוצות. זינט די מדינה איז אַנטשטאַנען איז עס מער קיין אידעע נישט. דער ציוניזם מעג אַוועק־גיין, ער האָט אַ גוטן פאַרטרעטער: „מולדת" איז פיל שטאַרקער און פּראַקטישער.

פון אַ ווינקל האָט זיך צוגערוקט אַ באַבערדיקטער הויכער מאַן. ער האָט זיך ביז איצט מיט אינטערעס צוגעהערט צו דעם שמועס. זיינע אויגן האָבן געגלאַנצט ווען ער האָט אָנגעהויבן צו רעדן: דאָס איז געווען דער מאָלער בעני.

— אייער וויכוח פירט אין אַ בלינד געסל אַריין, פון וועלכן ס'איז נישטאָ קיין אויסגאַנג — האָט ער געזאָגט מיט זיכערקייט. מ'דאַרף איבער־הויפּט זיך נישט צוהערן צו די, וואָס וואַרפן פאַר אונדזער היינטיקער יוגנט כל מיני חסרונות. איך פאַרזיכער אייך, אַז זינט מלכות שלמה האָט נאָך דאָס ייִדישע פאָלק נישט געהאַט אַזאַ שיינע און דרייסטע יוגנט ווי היינט אין דער מדינה... וואָס שרעקט איר זיך? מ'זאָגט אַז די ישׂראל־יוגנט איז פּוסט? אפשר קאָנט איר מיר זאָגן מיט וועלכע גרויסע אידעען עס טראָגט זיך אַרום די וועלט סיי פון מזרח און סיי פון מערב? האָט דען דער גלעזערנער פּאַלאַץ פון מאַנהעטן בכלל אין זיך אַ נשמה? דער ריי־טער אויפן ראַסאָווע פערד גייט נישט אַראָפּ, ווען ער טרעפט אויפן וועג אַ מידן וואַנדערער מיט אַ שווער פּעקל אויף די פּלייצעס... און די חברים

פון קרעמל לאָזן נישט די הונגעריקע כינעזער פון פעקין באַארבעטן אַ שטיקל דורכן צאַר פאַרנומענע ערד אין מאַנדזשוריע...

זיי האָבן זיך לאַנג פאַרטראַכט און קיינער האָט דערוויל דעם ערנסטן עלטערן מאַלער נישט געענטפערט. פון קעגן איבער אויף דער טעראַסע האָבן זיך דערטראָגן גאָר אַנדערע שטימען:

— כ׳ווייס נישט, אויב אונדזער געזעלשאַפט וועט זיך לאַנג קאָנען האַלטן אויף סאַלאָנען.

— דו ווילסט מאַכן אַ תל פון דער געזעלשאַפט — האָט מנשה אים אויסגעלאַכט.

— ס׳טרעפט אַ מאָל, אַז ווער ס׳מאַכט אַ תל טוט מער אויף, ווי דער, וואָס רעסטאַווירט אַלטע געביידעס.

יורמען זענען די ווערטער אַריין אין די אויערן. ער האָט זיך וועגן עפעס פאַרטראַכט און שטילגעשוויגן.

אָבער מנשה האָט נישט אָפּגעלאָזט:

— אייגנטלעך גייען מיר דאָך אָן פאַר אַ סאָציאַליסטישער געזעל־שאַפט מיט אַן אַרבעטער־רעגירונג. אַן אָרעם לאַנד קאָן זיך נישט פאַר־גינען קיין סאַלאָנען.

— גאָרנישט אַנדערש, ווי אין גאַנצן אַראַבישן אַזיע און אַפריקע. דער שייך האָט ברייטע לאַנד־שטחים און אַ גרויסן האַרעם, און דער פע־לאַך — אַ שטיקל שטיינערדיקן באָדן צווישן בערג און אַ מאָגער אייזעלע...

— מיינסטו אפשר, אַז די אַראַבער וועלן אַראָפּוואַרפן די כּפיה פון קאָפּ, די אַראַבקעס — דאָס שוואַרצע דעקטוך פון פּנים, און אָננעמען דעם קאָמוניסטישן גלויבן?

— כ׳בין נישט קיין אָנהענגער פון דער קאָמוניסטישער אָרדענונג. קאָמוניסטן האָבן אויך ליב צו פאָרן אין אַ „קאַדילאַק״. אָבער דער לוקסוס, וואָס האָט זיך אַריינגעריסן אין אונדזער געזעלשאַפט איז אומדערטרעגלעך. זע נאָר, ווי די פרויען טוען זיך אָן ביי אונדז, ווי זיי פּוצן זיך. די פּאַריזער מאָדע געפינט זיך אין יעדער קליידערשאַנק פון דער שטאָטישער פרוי.

— דערפאַר זענען זיי טאַקע אַ סך שענער, עלעגאַנטער.

— און מיר — זאָגט אפרים — געפעלן בעסער די פרויען פון אינדיע, וואָס גייען אַרום מיט נאַקעטע בריסטן, ווי די צניעות אין לאַנגע קליידער און ביז אונטערן האַלדז פאַרקנעפּלטע מאַנאַ־ליזאַ־בלוזקעס...

— אפשר וואָלסטו טאַקע געקומען מיט אַ פאָרשלאָג צו דער עמאַנ־ציפּירטע פרוי, זי זאָל זיך אַזוי אויפפירן, ווי דיינע אינדיאַנערינס מיט נאַקעטע בריסטן ? — האָט אים רפי אויסגעלאַכט.

— מ׳ווייסט נאָך אַלץ נישט וועלכע פון זיי איז גליקלעכער. אַ פאַקט איז, אַז וויפל די פרוי האָט געוואונען פון דער עמאַנציפּאַציע, האָט זי פאַר־שפּילט פון איר ווייבלעכקייט.

אין מיטן ויכוח איז צילאַ אַדורכגעגאַנגען. זי האָט עפּעס דערהערט פון שמועס.

— ווילט זיך, ווילט זיך אויפן חשבון פון פרויען — האָט זי גע־דראָט מיטן פינגער — ווען די אויגן קלעפּן זיך מיר נישט פון שלאָף וואָלט איך זיך אַריינגעמישט...

זיי האָבן פאַרשטאַנען דעם אָנדײַט אויף דער שפּעטער נאַכט־שעה, זיך אויפגעשטעלט און גענומען געזעגענען.

קאַפּיטל פופצן

באַלד אין די ערשטע טעג ווען יאַניאַ האָט אָנגעהויבן אַרבעטן אין דער אָפּטיילונג פון אַטאָם־פיזיק פונעם ווייצמאַן־אינסטיטוט איז זי געוואָרן ביי אַלעמען באַליבט. קודם־כל האָט זי זיך אויסגעצייכנט מיט טעאָרעטישן וויסן, פּאָרזיכטיקייט, און שטרענגער קאָנטראָל צו יע־דער פאָרמולע. איר נייגיר צו עקספּערעמענטאַלע אונטערנעמונגען זענען דורך די עלטערע מיטאַרבעטער אָפּגעשאַצט געוואָרן. ס׳האָט זיך קוים געגלויבט, אַז אַזאַ יונג מיידל שטייט שוין אויף אַ הויכן שטאַפּל פון וויסנ־שאַפט. אַרום איר האָט זיך געשאַפן אַ קרייז פון פאַרערער. וואָס אַ מאָל איז דער קרייז גרעסער געוואָרן און יעדער האָט געהאַלטן פאַר נייטיק איר אַרויסצוהעלפן אין דער שפּראַך. עברית האָט זי שוין פאַרשטאַנען און אַ ביסל גערעדט, אָבער די וויסנשאַפטלעכע טערמינען, מיט וועלכע מ׳האָט דאָ זיך באַנוצט, זענען געווען פאַר איר פאַרהוילן.

בײַ יאַניען איז דער אינסטיטוט געווען אַ שטיק וווּנדער. זי האָט זיך נישט פאָרגעשטעלט, אַז אין דעם קליינעם לאַנד זאָל זיך געפינען אַ וויסנשאַפטס־באַזע מיט אַזאַ הויכן ניוואָ. וואָס לענגער זי איז דאָרט געווען,

אַלץ מער איז זי צוגעבונדן געוואָרן צו דער אינסטיטוציע. זי איז געווען אַזוי אַריינגעטאָן אין דער אינטענסיווער טעטיקייט, וואָס איז דאָ אין די בנינים פאָרגעקומען, אַז מחוץ איר האָט זי קיין סביבה נישט געהאַט.

דאָס מאָל, ווי נאָר זי איז אַרויס פון ווייצמאַן־טויער, אויפן וועג אַהיים אין צילעס הויז, האָט זי זיך דערמאָנט אין יורמען. מיט איר אַקאַדעמישן צוגאַנג צו זאַכן, האָט זי זיך נישט געקאָנט דערקלערן, פאַר וואָס דאָס פנים פון ערשטן סאַברע, וואָס איז געווען אין איר צימער, לאָזט זי נישט צורו און ער שטייט איר תמיד פאַר די אויגן.

אויף צו מאָרגנס האָט זי ווידער אין דעם אַריינגעטראַכט און זיך שוין אַליין אַ פרעג געטאָן: ליבע? — ניין! האָט זי אַ שליידער געטאָן דעם געדאַנק פון זיך.

אָבער וואָס ווייטער און אָפטער זי האָט דעם געדאַנק אָפגעשטויסן, אַלץ נענטער און שטאַרקער האָט ער אין איר אָפגעשלאָגן, און זי האָט אָנגעהויבן צו פילן צו יורמען אַ בענקשאַפט.

זי איז געגאַנגען צו פוס איבער דער לאַנגער אַלעע ביזן טויער פון שאָסיי און זיך נישט אָפגעשטעלט ביי די בלומען־קוסטעס פון די גערטנער, ווי זי פלעגט דאָס אַלע מאָל טאָן. אירע געדאַנקען זענען געווען ווי אַ פאַרפּלאָנטערטער קנויל פאָדעם, און זי האָט נישט געקאָנט פונאַנדערוויקלען דעם סוד פון צילעס באַציִונגען צו יורמען. דאָס, וואָס יורם האָט זיך אַ לאַנגע צייט נישט געוויזן, איז איר נישט אָנגעגאַנגען און זי האָט זיך געזאָגט: „אַפילו ווען כ'וואָלט אים ליב געהאַט, וואָלט איך אויך אויף אים נישט בייז געווען". זי האָט אָבער געפילט, אַז ס'פעלט איר עפּעס.

דער דאָזיקער צושטאַנד האָט זי געמאַכט אַ ביסל פויל און מיד, ווי אַ שווערע משׂא וואָלט זיך אויף איר אַרויפגעלייגט און לאָזט נישט אַריינטראַכטן אין ערנסטע ענינים, ביז איין מאָל, ווען זי איז נאָך מיטיק אַ ביסל אַראָפּגעגאַנגען אין גאָרטן אַריין, האָט זי פון דער ווייטנס געזען, ווי איבער דער לאַנגער אַליי לויפט אַרום אַ מאַן און ווען ער באַגעגנט שטעלט ער אָפּ און פרעגט עפּעס. איינער ענטפערט אים מיט אַ שאָקל פון קאָפּ אויף ניין, אַ צווייטער ווידער ווייזט אים אָן אין דער ריכטונג פונעם בנין, ווו זי אַרבעט.

דער מאַן איז געווען אָן אַ רעקל און אָן אַ היטל. ער איז נאָך געווען ווייט פון איר, אָבער וואָס מער ער האָט זיך דערנענטערט, אַלץ מער האָט

איר דאָס האַרץ אָנגעזאָגט אויף עפּעס אַ געשעעניש און אָנגעהויבן אומ־רויִק ווערן.

דער יונגער מענטש איז געווען אַזוי פאַרנומען מיט זיך, אַז ער האָט זיך נישט אומגעקוקט אויף די זייטן פון וועג. ער איז פאַרבייגעלאָפן און אַפילו זי נישט באַמערקט, אָבער ביי יאַניען האָט זיך סטיכיש אַרויסגע־ריסן אַ רוף:

— יורם!

ער האָט זיך ראַש אָפּגעשטעלט און צוריקגעגאַנגען עטלעכע טריט.

— יאַניאַ!

ער איז געבליבן פאַר איר שטיין פּנים אל פּנים.

— וואָס טוסטו דאָ יורם? וועמען זוכסטו?

— דיך! טאַקע דיך. כ'האָב געאיילט צו קומען איידער דו גייסט אַוועק פון דער אַרבעט.

— זע נאָר ווי פאַרשוויצט דו ביסט. קום אַרויף אין דער קאַפעטעריע וועסט נעמען אַ קאַלטן טרונק.

— ווירקלעך? ער האָט אַרויסגענומען אַ טאַשנטיכל און אָפּגעווישט דעם שטערן און האַלדז.

— שטער איך דיר נישט, האָסט אַ ביסל צייט?

— בערך אַ האַלבע שעה. וואָס האָט דיך אַזוי אומגעריכט אַהערגע־בראַכט?

— כ'האָב דיר עפּעס וויכטיקס מיטצוטיילן.

יאַניאַ איז בלאַס געוואָרן.

— אפשר עפּעס וועגן מיר פון רוסלאַנד?

ער האָט זי אָנגענומען ביי דער האַנט, כדי צו באַרויִקן.

— דו לעבסט נאָך אַלץ אין שרעק, אַז די רוסישע האַנט קאָן דיך דאָ דערגרייכן? אָבער זיי רויִק. דאָס האָט מיט דעם נישט צו טאָן. ס'איז דערוויל מיינער אַ פּריוואַטער ענין. און כ'האָב געוואָלט, אַז דער ערשטער מענטש וואָס וועט וועגן דעם וויסן, זאָלסט דו זיין.

יאַניאַ האָט אים אַריינגעקוקט טיף אין די אויגן. די פּאָר ווערטער האָבן דערוועקט איר נייגיר און ס'האָט איר אויסגעוויזן, אַז דאָ האַנדלט זיך נישט אין אַ פשוט טאָג־טעגלעך געשעעניש. זי האָט אָבער נישט אַרויסגעוויזן קיין שפּאַנונג און אָנגעגאָסן אים קאַלטן לימאָניאַד.

— טרינק — האָט זי געזאָגט — וועסטו זיך אָפּפרישן.

יורם האָט אויסגעטרונקען און זי האָט געוואָרט, ער זאָל אָנהייבן רעדן:

— וועגן עצם־ענין וועל איך דיר אַצינד נישט דערציילן. כ׳בין געקומען דיך פאַרבעטן אויף אַ שפּאַציר קיין חיפה. דאָרט וועלן מיר אַ פּאָר שעה פאַרברענגען, אַריינטראַכטן, און אפשר וועט דערפון עפּעס אַרויסקומען... כ׳מיין, אַז דו שטויסט זיך אַליין אָן אַז ס׳האַנדלט זיך אין מיינעם אַ ברייטן פּלאַן, וואָס כ׳האָב אויסגעאַרבעט און כ׳וויל דיך מיט אים באַקענען.

— בסדר — האָט זי אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. וועסט נאָר דאַרפן אַ ביסל צוּוואָרטן ביז כ׳וועל זיך באַפרייען פון דער אַרבעט, און אָנקלינגען צילען, אַז כ׳קום שפּעט אַהיים.

„בסדר" איז געווען דאָס איינציקע העברעיִשע וואָרט, וואָס יאַניאַ האָט אַרויסגערעדט מיט דער אויטשפּראַך פון אַ סאַברע. פון ערשטן מאָמענט אָן האָט דאָס וואָרט ביי איר נושא חן געווען. זי האָט עס פאַרגליכן מיטן ענגלישן „אָ קעי", אָבער דער „בסדר" איז איר מער געפעלן געוואָרן; ער איז קורצער, עלאַסטישער און טרעפלעכער, און זי האָט ליב געהאַט ביי יעדער געלעגנהייט זיך מיט דעם צו באַנוצן.

ס׳האָט נישט לאַנג געדויערט און זי האָט זיך צוריקגעקערט. זי איז געגאַנגען מיט שנעלע טריט און איבערגעקלערט: „ווער ווייס מיט וואָסערע נאַרישע פאַנטאַזיעס דער יונג טראָגט זיך אַרום?".

יורם איז צוגעפאָרן מיט דער מאַשין ביז פאַרן בנין, ווו יאַניאַ האָט געאַרבעט און ער האָט געוואַרט אויף איר. פון איין זייט איז ער געווען צופרידן מיטן באַשלוס זיך איר אַנצופאַרטרויען. זי קומט פון אַ רוסישער שול. פון פאַנטאַזיעס ווייסט מען דאָרט נישט, און אויב זי וועט אַרויסווייזן פאַראינטערעסירונג, וועט ער ווייטער קענען דרייסט אָנגיין. פון דער צווייטער זייט — האָט ער אָבער געטראַכט — מאַכן פאַרן פּוסק־אחרון אַ יונג מיידל, מיינט שטעלן אַלץ אויף איין קאָרט...

לאַנג איז אים נישט אויסגעקומען צו וואָרטן. ער האָט זי דערזען אַ לאַכנדיקע און פריילעכע אַראָפּגיין פון די ברייטע טרעפּ. ער האָט געעפנט די טיר פון דער מאַשין און זי האָט זיך אַוועקגעזעצט לעבן אים.

— איך שטעל מיר פאָר, מיט וואָס פאַראַ סודות דו טראָגסט זיך

אַרום, אַז דו האָסט מורא געהאַט אַרויסצונעמען דיינע פּאַפּירן פון שופּ־לאַד און דו פּירסט מיך אַזש קיין חיפה.

— ס׳געשעט אַ מאָל, אַז דער באַרג גייט צום נביא...

די מאַשין האָט זיך אַדורכגעשלענגלט דורכן פּאַרפּאַקטן כביש, וואָס פירט קיין תל־אביב. איןביידע זייטן וועג האָבן געבליט די מאַראַנצן־ביימער און די לופט האָט פאַרשיכורט. ביי מקווה ישראל האָט יאַניאַ אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער און נישט געקאָנט די אויגן אָפּרייסן:

— זע נאָר, וואָס פאַר אַ שוואַרצע ערד, פונקט ווי ביי אונדז.

זיי האָבן אויסגעמיטן די שטאָט און פאַרנומען זיך אויפן שאָסיי צו צפון־זייט, צום כביש החוף, וואָס ציט זיך מיטן ים־ברעג. לייכטע עראָ־פּלאַנען און העליקאָפּטערס זענען מיט געראַוש אַריבערגעפלויגן נידעריק איבערן שאָסיי און זיך אַראָפּגעלאָזט נאָענט צום ים.

— זענען מיר נאָענט צו לוד? — האָט זי געפרעגט.

יורם האָט זיך צעלאַכט.

— ווי קומט דאָ אַהער לוד? אַחוץ אין לוד איז פאַראַן נאָך אַ לופטפּאָרט — שׂדה דב רופט מען אים. גיב בעסער אַ בליק אין דער צווייטער זייַט. דאָס זענען די מוזייען פון תל קתילנה. זעסט דאָס אַרומ־געצוימטע בערגל מיט שטעכלדראָט? דאָ האָט מען אויסגעגראָבן חפצים פון אַ ישוב, וואָס האָט עקסיסטירט מיט פינף טויזנט און פינף הונדערט יאָר צוריק.

נאָך הרצליה האָט פון ווייטנס אַ שפּיגל געטאָן דער ים. קיבוצים זענען געלעגן ביים וועג. זייערע פעלדער זענען געווען גוט באַאַרבעט און האָבן געגרינט מיט זאַטקייט. נתניה איז איר אַזוי געפעלן געוואָרן, אַז זי האָט אים צוגערעדט, ער זאָל אָפּלענקען פונעם וועג און אַריינפאָרן אין שטעטל אַריין. זיי זענען צוגעפאָרן ביזן ים־ברעג און דערנאָך — צוריק.

אַ שטיקל וועג נאָך חדרה האָבן אין דער רעכטער זייט זיך אָנגעהויבן אויסלייגן די צופּיסנס פון די כרמל־בערג. וואָס ווייטער, האָט דער באַרגקייט זיך געוומען העכערן, און אָט האָט ער שוין אַראָפּגעקוקט צו דער שוואַרצער ערד פון זכרון יעקב, וואָס איז געווען באַדעקט מיט ווייַנשטאָקן.

הינטער חיפה קומט דעם ים־ברעג נאָענט צו צום שאָסיי און באַ־

גלייט אים ביזן שטאָט אַריין. די הייזער פון שטאָט הייבן זיך שטאַפּלווייז אויבן־אַרויף, וואָס אַ מאָל העכער און העכער — ביז צו די באַוועל־דערטע שפּיצן פונעם כרמל. יאַניאַ איז געווען אַזוי פּאַרגאַפט אויף דער לאַנדשאַפט, אַז זי האָט אַפילו נישט באַמערקט ווי די מאַשין האָט זיך אָפּגעשטעלט, ביז יורם האָט זי אָנגענומען בײַ דער האַנט און געהאָלפן אַרויסגיין. זי האָט געזען, ווי ער קוקט זי אָן מיט פרעגנדיקע אויגן, אָבער איידער ער האָט נאָך באַוויזן עפּעס צו פרעגן, האָט זי געזאָגט:

— דעם צווייטן מאָל ווי כ׳בין אויף די כרמל־הויכן, אָבער אַזוי שיין ווי איצט, האָב איך נאָך דעם באַרג נישט געזען.

— אָ, האָסט דאָך אַ וווּנדערבאַרן צימער, ממש אַ סאַלאָן — האָט זי געזאָגט, ווי נאָר זי איז אַרײַנגעקומען. איז דאָס נאָך דיין סטודענטישע וווינונג ?

— ניין. פריִער האָב איך געוווינט אין טאָל.

יורמס צימער איז געווען אַ גרויסער און מעבלירט מיט געשמאַק. מ׳האָט דערקענט, אַז אַ געניטע בעל הביתטע גיט אַכטונג אויף אים. גרויסע בלומען־וואַזעס זענען געשטאַנען אין די ווינקלען און אַ מאַסיווע עלעקט־רישע וואַזע־לאָמפּ — ביים בעט. אינעם גאַנצן צימער איז געווען בלויז איין גרויס איילבילד — אַ פּייזאַזש פונעם נגב.

יאַניאַ איז צוגעגאַנגען צום פענצטער, פֿון וואַנען מ׳האָט געזען דעם ים־ברעג. ס׳איז די נאַטור פון מענטשן, וואָס וווינען ווייט פון ים — און זי איז דאָך פון מאָסקווע — זיך איבערצונעמען מיט דער רחבותדיקייט פונעם ים. שיפן האָבן פון ווייטנס אויסגעזען ווי פּאַפּיראָסן־שאַכטלען, וואָס הוידען זיך אויף אַ וואַסער־באַסיין. ווי ווייט דאָס אויג האָט גע־גרייכט — נאָר הימל און וואַסער.

ווען זי האָט זיך אויסגעדרייט פון פענצטער, האָט זי דערזען, אַז ער זיצט נאָך ביים שרייבטיש זייער אַרײַנגעטאָן אין עפּעס. זי האָט דערווייל אַ בליק געטאָן אויפן ספרים־שענקל און דורכגעקוקט די ביכער. די, וואָס זייערע רוקנס זענען געווען באַצייכנט מיט העברעיִשע אותיות, האָט זי אַפילו נישט געעפנט. זי האָט געזוכט צווישן די ביכער מיט לאַטייניש אותיות, עטלעכע אַרויסגענומען, אַ בליק געטאָן און צוריק אַרײַנגעשטעלט, אָבער איין בוך האָט איר שטאַרק פּאַראינטערעסירט.

דאָס איז געווען אַ פראַנצויזיש בוך „סוגעסטיע און אויטאָסוגעסטיע" פון הערמאַן קוע. זי האָט דאָס בוך געעפנט, געבלעטערט און געלייענט. באַלד איז זי צוגעגאַנגען צו יורמען און אָנגעוויזן אויפן שער־בלאַט.

— וואָס, מיט דעם אינטערעסירסט דו זיך אויך? ווי קומט דאָס צו דיר?

יורם האָט אַ גוטמוטיקן שמייכל געטאָן און נישט איבערגעריסן דאָס אויסדרן זיינע פּאַפּירן — בלעטלעך מיט פאַרשידענע ציפערן און צייכענונגען. באַלד האָט ער זיך געכאַפּט אויף זיין קאַלטער גאַסט־פריינדלעכקייט — ער לאָזט זי איבער אָן אַ וואָרט אַרויסצורעדן.

ער האָט איר אָנגעוויזן אַ שטול לעבן זיךביים שרייבטיש, אָבער יאַניאַ האָט אַ שטיפערישן שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

— קום דאָ אויף דער קאַנאַפּע, וועט זיין באַקוועמער.

אויך יורם איז געווען גוט אויפגעלייגט און אין איילעניש איבער־געטראָגן די אַלע העפטן און פּאַפּירן אויף דער קאַנאַפּע.

אָבער ווי נאָר ער האָט זיך לעבן איר אַוועקגעזעצט און יאַניאַ האָט דערוואָרט ער זאָל אָנהייבן רעדן, איז אים עפּעס אַ בייזער געדאַנק אַ לויף געטאָן אין מוח: „ווער ווייס — האָט ער איבערגעקלערט, אויב כ׳מעג דאָס טאָן". פאַרט אַ מענטש פון רוסלאַנד, און אויף וויפל זי איז מיר נאָענט און אָנגענעם — איז אָבער דעם רוסישן מענטש שווער צו דערגיין, באַזונדערס אַ יונגן מענטש, וואָס איז אויסגעוואַקסן אין אַ קאָמוניסטישער שול מיט פיינדשאַפט צו דער מערב־וועלט.

— ס׳איז שווער אָנצוהייבן — האָט ער געזאָגט.

— וואָס מיינסטו דערמיט צו זאָגן?

— אַ זאָג פון אַ באַרימטן שרייבער איז מיר געבליבן אין די געדאַנקען: „דער עיקר — האָט ער געזאָגט — איז אָנצוהייבן אַ דערציילונג, אַ ראָמאַן. דער אָנהייב איז אַלע מאָל שווער".

יאַניאַ האָט באַמערקט ווי יורם האָט דאָס געזאָגט מיט אַ שמייכל, אָבער דאָס איז נישט געווען זיין נאַטירלעכער שמייכל, וואָס זי האָט געקענט. ס׳האָט ביי איר אויסגעזען ווי אַ גרימאַסע פון אומצוטרוי.

— איך מיין, אַז כ׳בין נישט די ערשטע, וועמען דו טרויסט אָן דיינע פּלענער, אונטערנעמונגען, פאַנטאַזיעס — כ׳ווייס אַליין נישט ווי דאָס אָנצורופן...

— יאַניאַ — האָט ער זי לייכט אַרומגענומען — ס׳איז אַזוי ווי כ׳האָב דיר מיט דריי שעה צוריק געזאָגט אין רחובות — די ביסט טאַקע די ערשטע, וועמען כ׳וויל באַקענען מיט מיינע פּלענער און הערן פון דיר אַן אויפריכטיקע מיינונג.

— אַזוי מיינסטו — האָסטו גאָרנישט קיין נענטערע פון מיר אין דיין אייגן לאַנד? און צילאַ?

— צילען האָב איך עפּעס מרמז געווען, מיט עפּעס פאַר איר זיך אַרויסגעכאַפּט. כ׳ווייס נישט, אויב ס׳איז איר אַריין אין די אויערן. אויב אַפילו יאָ, קאָן זי מיר אויך ווייסנשאַפטלעך מיט גאָרנישט העלפן.

— אָבער מיט שׂכל און איניציאַטיוו קאָן זי דיר שוין גאָר, גאָר בייהילפיק זיין.

יורמס פּנים האָט זיך פאַרנעפּלט, פאַר אים האָט אַ שוועב געטאָן צילאַ. ס׳האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער האָט נישט שיין גערעדט וועגן צילען, מיט עפּעס זי באַליידיקט.

— איך לייקן נישט מיך טיפן אָפּשיי און פאַרערונג צו איר. ביי דער נאָענטסטער געלעגנהייט וועל איך איר אַלץ דערציילן און זיך שואל עצה זיין מיט איר.

יאַניאַ האָט דערפילט, אַז זי האָט אַנגעריִרט עפּעס אַ סטרונע, אַ פּולע מיט בענקשאַפט, און זי האָט זי באַלד געוואָלט איינשטילן.

— איך האָב נישט בלויז מכוון געווען צו צילען. די זעלבע פראַגע גילט אויך פאַר דיינעם אַ נאָענטן חבר, איינעם פון דיינע פּראָפעסאָרן, וועמען דו קענסט דיין פּלאַן אָנפאַרטרויען.

— פּראָפעסאָרן? — האָט ער געצויגן דאָס וואָרט — זיי וואָלט איך זיכער נישט געוואָלט באַקענען מיט מיינע פּלענער. זיי רעדן זיך איין, אַז פאַר נייע דערפינדונגען זענען זיי די אויסדערוויילטע. זיי וועלן נישט נעמען ערנסט עפּעס אַ מעשׂה, וואָס ס׳וועט זיי דערציילן זייערס אַ סטודענט, וועלכער איז נאָר וואָס אַראָפּגעקראָכן פון דער אוניווערסיטעט־באַנק. זיי באַציִען זיך מיט ביטול צו יעדן איינעם פון די יונגע וואָס וויל עפּעס מחדש זיין. אַפילו ווען זיי זעען איַין, אַז דער חידוש האָט אַ באַזיס פון טעאָרעטישן און פּראַק־טישן אָנלען און ער קאָן ווערן אַ צושטייער צו דער מאָדערנער טעכנאָ־לאָגיע — וועלן זיי דאָס קיין מאָל נישט מודה זיין. דערמוטיקן — זיכער נישט! און דאָס נאָר צוליב איין און איינציקער סיבה — ווייל זיי אַליין

האָבן דאָס נישט אויסגעטראַכט. דאָס זענען שוין די ערלעכע, די יושרדיקע. ס'איז אָבער פאַראַן אַ צווייטער טיפּ, אַ טיפּ, וואָס וואַרפט אָפּ מיט ביידע הענט אַלץ וואָס ער האָט פון דיר אויסגעהערט. מאַכט פון אַלעם שאַלעכץ, אָבער מיט די זעלבע הענט שאַרט ער צו זיך צו די יאַנדרע, דעם תמצית, פאַראַנקערט דעם געדאַנק ביַי זיך, און שפּעטער, אין יאָרן אַרום, איז שוין ביַי אים דער באַדן טיפער איבערגעאַקערט און די דערפינדונג שפּראָצט אַרויס פון זיין פעלד. דעמאָלט איז שוין צו שפּעט דו זאָלסט אים אָקעגנרעדן, ווייל ער איז שוין אַ גרויסע שישקע, און מיט דיינע טענות ביסטו אויסגעשטעלט נאָר זיך לעכערלעך צו מאַכן.

ער האָט זיך אַ ביסל אָפּגערוט און באַלד ממשיך געווען:

— איך האָב דיך אויסגעוויילט, ווייל מיר דאַכט, אַז חוץ דעם, וואָס דו ביסט ענערגיש, ביסטו אויך ערלעך, און אויב דו וועסט נישט לאַכן, וואָלט איך אַפילו געזאָגט: אַ פאַרגינערין...

— איז דאָס שוין די גאַנצע פאָררעדע און דו גייסט שוין צו צום ענין? — האָט זי שפּאַסיק אים אַ פרעג געטאָן.

— נאָך עפּעס.

— וואָס?

— כ'וויל דיך בעטן, אַז דערוויל בלייבט דאָס אַ סוד, אַ סוד, וועלכן נאָר מיר ביידע וועלן וויסן. קאָנסט דאָס מיר צוזאָגן?

יאַניאַ איז געוואָרן ערנסטער און באַנומען די ראַנגלענישן, וואָס קומען פאָר אין אים. זי פאַרשטייט אים ביזן גרונט. עפּעס אַ סאָלידאַריטעט־געפיל האָט זי אַ ריר געטאָן. און כאָטש זי האָט אָפּגעלאַכט, ווען ער האָט געזאָגט, אַז זי איז די ערשטע, וועמען ער פאַרטרויט זיין געהיימניש, האָט זי אָבער געגלייבט אין דעם אומצוטרוי, וואָס ער האָט צו זיינע חברים. זי האָט פאַר־שטאַנען, אַז די לייַכטסטע גרינגשעצונג צו זיין אונטערנעמונג, אויב זי וועט דאָס אַרויסוויַיזן, קאָן אים אַריַינפירן אין אַ יאוש. און כאָטש ס'האָט זיך איר אויסגעדאַכט, אַז ס'איז נישט מער ווי אַן אונטערנעמונג, פון וועלכער „דער באַרג קאָן געבוירן אַ מויז", האָט זי אָבער ערנסט געזאָגט:

— איך זאָג דיר צו, איך וועל נישט דערציילן און נישט מרמז זיין פון דעם, וואָס דו וועסט מיר פאַרטרויען, כאָטש מיר דאַכט זיך, אַז סיַי ווי פירסטו אַראָפּ דאָס געשפּרעך אויף אַ זייטיקן וועג... איך הער.

יורם איז אַצינד געווען אין פולן טראַנס פון זיינע פּלענער. אין דעם

מאָמענט האָט ער אַפילו נישט באַדאַרפט האָבן די אַלע פּאַפּירלעך און נאָטיצן, וועלכע ער האָט זיך אָנגעגרייט און ער איז אין שטאַנד געווען צו רעפערירן פאַר איר דעם גאַנצן פּלאַן פון אויסנווייניק, אָבער ער האָט נאָך אַלץ געשוויגן.

יאַניאַ איז שוין אַצינד געווען אַ ביסל אומגעדולדיק און מיט שפּאַנונג געוואַרט צו הערן פון אים די ערשטע ווערטער, כדי זיך צו אָריענטירן אין וואָס דאָ גייט. אָט זעט זי ווי זיינע אויגן זענען אַריינגעדרונגען אין די פּאַפּירן, זיינע ליפּן נעמען ציטערן — און באַלד וועט ער אָנהייבן רעדן.

אָבער אין דעם מאָמענט האָט ער האַסטיק אַ וואָרף געטאָן מיטן קאָפּ, געמאַכט אַ שטאַרקע באַוועגונג מיט דער האַנט, וואָס איז אויסגעקומען אין יאַניאַס אויגן, ווי ער וואָלט גערעדט מיט זיך אַליין.

— הער זיך איין, יאַניאַ — האָט ער אָנגענומען איר האַנט — מיר איז איינגעפאַלן, אַז איידער כ׳הייב אָן דיר פאַרלייענען דעם אַריינפיר צו מיין פּלאַן, וואָלט גוט געווען מיר זאָלן פריער מאַכן אַ שפּאַציר אין דער געגנט. אַלץ, וואָס כ׳וועל דיר דאָ פאַרלייענען אָדער דערציילן, וועט נישט האָבן די קראַפט דיך איבערצוציינגן אָדער לכל הפּחות דיר אויפקלערן דאָס בילד. בלויז ווען דו וועסט זען די נאַטור־סביבה, קעגן וועלכער איך וויל זיך פאַר־מעסטן, וועסטו מיך קאָנען פאַרשטיין. דו דאַרפסט זיך נישט ריכטן, אַז כ׳האָב דיר צו ווייזן אויסערגעוויינלעכע זאַכן. נישט מער ווי בערג און טאָלן וועסטו זען, אָבער זען וועסטו זיי מיט אייגענע אויגן, און נישט לויט די קוואַדראַט־אויסמעסטער אויפן פּאַפּיר. נאָך עפּעס: דו וועסט זען ישראל־בערג, בערגלעך און וואַדיס, און אַז כ׳וועל דיר אויסטייַטשן מיט וואָס זיי אונטערשיידן זיך פון אָט אַזעלכע בערגלעך אין אַן אַנדער לאַנד — וועסטו פאַרשטיין צו וואָס איך ציל. וואָס איך קאָן דיר שוין זאָגן איז, אַז אין אַזאַ קליין לאַנד, ווי ישראל, איז וויכטיקער יעדער שפּאַן פלאַכלאַנד ווי די שענסטע פּאַנאָראַמע פון אַ שפּיצבאַרג.

זי האָט אַ צי געטאָן מיט די אַקסלען, ווי ס׳וואָלט איר אַרומגענומען אַן אומווילן צו דער גאַנצער באַגעגעניש, אָבער ער האָט אַלץ נישט אָפּגעלאָזט:

— אַ קורצער שפּאַציר, נישט מער ווי אַ שעה צייט, אַרום די כרמל־בערג, און כ׳וועל דיר ווייזן אַ זייער שיין נאַטורבילד. מיר וועלן באַלד צוריקקומען אַהער און איך וועל ממשיך זיין.

ער האָט געזען, ווי זי געפינט זיך נאָך אין אַ פאַרלעגנהייט, און ער האָט איר צוגעגעבן מוט.

— אייגנטלעך, דאָס שווערסטע האָבן מיר שוין אַדורכגעמאַכט. כ׳האָב שוין ענדגילטיק באַשלאָסן אויפצודעקן פאַר דיר מיינע פּלענער. דאָס איז דער עיקר. דו האָסט דערוועקט אין מיר צוטרוי. און כ׳וויל זיין מיט דיר אָפנהאַרציק, אַז כ׳בין נישט אַזוי לייכט עמעצן צו פאַרטרויען זיך אין אַזאַ וויכטיקן ענין.

ער האָט זיך אויפגעשטעלט. זי איז צוגעגאַנגען צום שפּיגל. באַלד האָט זי אַ נעם געטאָן דאָס קליינע האַנטבייטעלע און זיי זענען אַרויס פון צימער.

ער האָט אָנגעצונדן דעם מאָטאָר און איר אָנגעוויזן אַן אָרט לעבן זיך.

ער איז געפאָרן פּאַמעלעך. די שיינקייט פון כרמל האָט זיך געוומען באַוויזן. דער שפּיץ באַרג איז געווען איינגעהילט אין אַ רויִקייט, ווי די שיטערע וועלדלעך הינטער זיין רוקן. אַ ביסל ווייטער האָט די מאַשין זיך געגליטשט איבער אַ שמאָל וועגל, וואָס האָט זיך אויפגעהויבן צו די בערג און אַראָפּגעלאָזט אין די טאָלן. פון דער ווייטנס האָבן זיך געווייסט שערענגעס גלאַטיקע דעכער.

צום ווּיפלסטן מאָל יורם האָט געזען דאָס בילד, האָט עס אים אַלץ נישט געלאָזט צו רו.

— דו זעסט, וואָס מיך אינטערעסירט דאָ?

— איך מיין — האָט יאַניאַ געענטפערט — אַז דיך אינטערעסירט מיר צו ווייזן, אַז אויף די ליידיקע שטחים אַרום דעם כרמל קאָן מען נאָך באַזעצן אַ מיליאָן יידן...

— מ׳קאָן זאָגן, אַז דו ביסט נישט ווייט פון מיין געדאַנק, אָבער צום עיקר ביסטו נישט צוגעקומען. כ׳וויל אָבער דאָ נישט אָנהייבן מיטן עיקר. וועגן דעם וועלן מיר רעדן, ווען מיר וועלן צוריקקומען אין שטוב אַריין.

ער האָט ווידער פאַרקערעוועט אויף די וועגלעך ביי די ראַנדן פון די בערגלעך, ביז ער איז צוגעקומען צו אַ ברייטערן שאָסיי וואָס פירט צו בית אורן.

— אָ, ווי שיין דאָ איז — האָט זי נישט אָפּגעריסן די אויגן פון דער לאַנדשאַפט אַרום — וואָס פאַר אַן אינסטיטוציע איז דאָס?

— דאָס איז אַ סאַנאַטאָריע, אַן אָפּרוהויז פאַר געזונטע. אָבער אויך דאָס בין איך נישט אויסן געווען דיר צו ווייזן. האָב געדולד. אין אַ פּאָר

מינוט אַרום, אַ ביסל ווייטער פון דאַנען, וועל איך דיר אויף עפּעס אויפ־מערקזאַם מאַכן.

דער כביש האָט זיך אַ הייב געטאָן העכער. ביים סאַמע ראַנד פון וועג זענען געשטאַנען איינצלנע צווייסטאָקיקע הייזער און זייערע דעכער זענען אויסגעקומען גלייך מיט דער אויבערפלאַך פון וועג. וואָס אַ מאָל איז דער טאָל געוואָרן טיפער, דער שאָסיי איז געוואָרן אַנגעשיט העכער און די הייזער זענען אויסגעקומען נידעריקער. צווישן די הייזער זענען געוואַקסן יאָדלע־און נאָדלביימער, אָבער זייערע שפּיצן האָבן קוים דערלאַנגט צו דער הויכ־קייט פון וועג.

ווען זיי זענען צוגעקומען צו אַ שטיקל פלאַכלאַנד אויף ביידע זייטן פון שאָסיי, האָט יורם אָפּגעשטעלט די מאַשין, פאַרלאָשן דעם מאָטאָר און זיי זענען אַוועק אויף אַ שפּאַציר.

ער האָט אויפגעהויבן די האַנט און אָנגעוויזן אויפן אַרום.

— אַלץ וואָס דו זעסט אַרום און אַרום, אַלץ וואָס ווערט דאָ געבויט, בעסער געזאָגט, אָנגעוואָרפן צווישן בערג און טאָלן, איז נישט מער ווי צעטרענצלטע אַרבעט. אָן אַ פּלאַן, אָן שכל, אָן פּראַקטישע פּערספּעקטיוון פאַר דער צוקונפט, און דער עיקר — אָן אַ טעם. דאָס פּאַסט פאַר פּרימי־טיווע באַרג־מענטשן, וואָס לעבן אין פאַרוואָרלאָזטע געגנטן. כ׳שטעל מיר פאָר, אַז ווען אַרכעאָלאָגן וועלן אין אַ טויזנט יאָר אַרום אויפדעקן דעם דאָזיקן בויסיסטעם, וועלן זיי דערפון קאָנען לערנען אין וואָס פאַר אַ נידע־ריקער קולטור־טעכניק מיר האָבן געלעבט. ביי אונדז אָבער, אין די ספּעצי־פיש־טאָפּאָגראַפישע באַדינגונגען, אין וועלכע אַ פאָלק איז געוואָרן אַריינ־געקוועטשט, דאַרף יעדער נייער ישוב, יעדעס פּאַרבויטע ווינקל, ווערן אָוועקגעשטעלט ווי אויף אַן ערדטאַץ און נישט אויף אַ טרעפּן־לייטער, ווי דו זעסט עס דאָ אַרום און אַרום.

ער איז געבליבן שטיל, זיך איינגעקוקט אין דער לאַנדשאַפט, ווי ער וואָלט ווידער אַ מאָל וועלן אָנגעמען זיכערקייט אין זיין מיינונג. יאַניאַ האָט אים מיט קיין וואָרט און באַוועגונג נישט געשטערט, ביז ער האָט ווידער אָנגעהויבן:

— און צו דעם פּירט מיין מיינונג.

— וואָס איז דיין מיינונג? — האָט זי איבערגעפרעגט.

— כ׳גלייב, אַז דו האָסט געזען די מאַפּע פון אונדזער לאַנד און דו

ווייסט, אַז מיר געפֿינען זיך אויף אַ שטח פֿון בערך צוואַנציק טויזנט קוואַ־דראַט קילאָמעטער. ביי אַזאַ מצב מוזן מיר אַריינגיין אין אַ קאַמף מיט דער נאַטור, מיט דער איבערפֿלאַך פֿון די געאָלאָגישע שיכטן פֿון דער ערד און פֿון איר אַרויסבאַקומען וואָס ס'איז פֿאַר אונדז נוצלעך, נייטיק און באַקוועם. וועלן מיר דאָס נישט טאָן, וועלן מיר אין די נאָענטסטע דורות צוזאַמענגע־קוועטשט ווערן.

יאַניאַ האָט אויף אים אַ קוק געטאָן און דערזען פֿאַר זיך אַ גאַר אַנדערן יורם. זי האָט אים איצט געזען העכער, גרעסער — ווי אַ ריז, וואָס געוועל־טיקט איבער די בערג און טאָלן אַרום. ניין, דאָ רעדט נישט קיין פּוסטער פֿאַנטאַסט, נאָר אַ מענטש מיט אַ געוואָגטער וויזיע.

ווען זי האָט זיך אַ ביסל אָפּגעקילט פֿון דער ערשטער איבערראַשונג, איז איר געקומען אויפֿן זינען: „ס'איז אָבער אַ פֿראַגע אויב ער האָט גענוג כוח איבערצוּווענדן אַלע פֿיזישע שוועריקייטן, כדי צוצוקומען צום אָנגע־צייכנטן ציל. אָבער נישט געכאַפּט — לאָמיך הערן ביזן סוף וואָס ער וויל".

זי האָט דערוואַרט נאָך עפּעס צו הערן, אָבער יורם האָט אָפּגעריסן זיין בליק פֿון דער פּאַנאָראַמע:

— קום — האָט ער געזאָגט און געעפֿנט דאָס טירל פֿון דער מאַשין.

אויף צוריקוועגס איז ער געפֿאָרן אין אַן אַנדער ריכטונג, אַרומגע־קרייזט דעם כרמל אין אַ ברייט ראָד פֿון מערבֿ־זייט. די שפּיצבערג, וועלדלעך און אָפּגרונטן זענען געווען פֿאַר איר אַ בילד, וואָס זי האָט צום ערשטן מאָל געזען דאָ אין לאַנד. יאַניאַ האָט שוין אַ מאָל געהאַט באַזוכט קאַווקאַז און קרים, געזען די דאָרטיקע נאַטור־שיינקייט, אָבער דאָ — זי האָט אַליין נישט געוווּסט פֿאַר וואָס — די דאָזיקע בערג, די קליינע „שאַכטעלעך" וואָס זענען אַרום און אַרום צעוואָרפֿן, זענען איר עפּעס פֿיל נענטער, שענער און אינ־טערעסאַנטער. ס'איז אין איר אויפֿגעגאַנגען אַ מאָדנע געפֿיל, אַז אַלץ אַרום און אַרום זענען — אירע בערג, די טאָלן — אירע טאָלן, אַפֿילו דער לויטע־רער הימל, וואָס באַדעקט דעם שטח, איז איר געוואָרן אַזוי קענטלעך, ווי זי וואָלט נאָך קינדווייז אונטער אים זיך געשפּילט. ערשט איצט האָט זי אויפֿגענומען דאָס בילד פֿון דער ענדערונג, וואָס ער וויל דאָ דורכפֿירן. ער וויל די שפּיצן פֿון די בערג אַריינוואַרפֿן אין טאָל אַריין, צודעקן, פֿאַר־שיטן די אַלע הייזער, וואָס שטייען ביי די שיפּועים און, אויסוואַלצן שטיקער פֿלאַכלאַנד, ווי אין דער געגנט פֿון תל־אביב...

— און ס׳איז דיר נישט קיין שאַד די לאַנדשאַפט פון אַרום? — האָט זיך ביי איר אַרויסגעכאַפּט אַ פראַגע.

ער האָט געטריבן די מאַשין זייער שנעל און האָט נישט באַוויזן אויף איר מער ווי אַ בליק צו טאָן. אין די אויערן האָט אים געקלונגען דער באַדויערנדיקער טאָן, מיט וועלכן זי האָט די ווערטער אַרויסגערעדט. אַ ביסל שפּעטער, ווען זיי זענען אַרויסגעקומען צום ברייטן וועג, האָט ער איר געענטפערט:

— די נאַטור וועט נישט מיאוסער ווערן און די בערג וועט גאָרנישט שאַטן, אויב זיי וועלן געבן אַ דריטל פון זייערע הויכקייטן פאַר די שטיקער פלאַכלאַנד פון שטעטלעך און דערפער...

זיי זענען צוריק אַריינגעקומען אין זיין צימער. יאַניאַ האָט זיך געפילט דערפרישט פון שפּאַציר. זי איז איצט גרייט געווען „צולייגן קאָפּ" צו דער „לעקציע", וואָס זי וועט באַדאַרפן אויסהאָרכן. „אַפילו ער זאָל מיר אַ גאַנצע נאַכט אַריינהאַקן אין קאָפּ זיינע פּלענער, וועל איך אים אויסהערן" — האָט זי באַשלאָסן.

— וואָס וועסטו טרינקען, טיי אָדער קאַווע? — האָט ער געפרעגט.

— טיי.

— כ׳האָב באַלד געוווּסט. רוסישע מענטשן האָבן ליב טיי.

— אָבער נישט אַזאַ טיי, ווי איר פאַרבריט דאָ — מיט אַ זעקעלע גלייך אין גלאָז אַריין.

— דו ווילסט שטאַרקן טיי?

— נישט בלויז שטאַרקן טיי, ער דאַרף אויך זיין פאַרבריט אין אַ פאָר־צעלאַן טשייניקל. קיין סאַמאָוואַר האָסטו דאָך נישט...

— נו, כ׳האָב שוין געפונען עפּעס אויף צו פאַרבריען טיי פאַר דיינעט־וועגן. אָבער מיר וועסטו דערלויבן צו טרינקען אַ טעפּעלע טערקישע קאַווע.

יורם האָט אויסגעזוכט עפּעס איבערצובייסן. דאָס טעפּל קאַווע האָט אים דערפרישט און ער האָט אָנגעהויבן רעדן. דעם אַריינפיר — האָט זיך יאַניען געדאַכט — האָט ער אָנגעהויבן נישט ווי אַ וויסנשאַפטלער, נאָר ווי אַ סענטימענטאַלער בחור:

— ווי דו ווייסט, בין איך נאָך אַ „גרינער" אין עקספּערימענטאַלער פּראַקטיק, אָבער מיין פאַך האָב איך גרינטלעך באַהערשט. נאָך איידער כ׳האָב געענדיקט דעם טעכניקום, האָט מען מיר, לויט די רעקאָמענדאַציעס פון

מיינע פּראָפּעסאָרן, אָנגעבאָטן אַ סטאַבילע אַרבעטסשטעל. כ׳האָב דעם „דזשאָב" נישט אָנגענומען, ווייל דאָס איז נישט מיין ציל, און די שטימונג, וואָס באַהערשט מיך, האָט מיך דערצו נישט צוגעלאָזט. כ׳בין געווען פאַר־נומען מיט אַ פּלאַנטער, וואָס האָט זיך פאַרקניפּט אין מיין מוח. צו דעם וואָס כ׳האָב פאַרטראַכט, האָב איך געוווסט, דאַרף מען רו און אַ סך פרייע צייט. ביסלעכווייז האָב איך גענומען דעם פּלאָנטער אויפקניפּן. ס׳האָט מיר גענומען אַ סך צייט נאָכצוטראַכטן נאָך יעדן פּרט. אַ סך איינפאַלן האָב איך אויפ־געגעבן און אין אַ סך נייע זיך אָנגעכאַפּט. כ׳האָב אויפגעשטעלט טעזעס און אַנטיטעזעס ביז כ׳בין געקומען צו אַ קלאָרער דעפיניציע אין רוב פּרטים פון מיין פּלאַן.

ער האָט אַ זופּ געטאָן פונעם טעפּעלע דעם לעצטן שלוק קאַווע און ווייטער גערעדט:

— מיט קיין הימעלייען־בערג האָבן מיר דאָ נישט צו טאָן. די אַלע בערג, ריכטיקער בערגלעך, וואָס דו האָסט אין דער געגנט געזען מיטן בלויזן אויג, האָב איך פיל־ווייניק אויסגעמאָסטן און אויסגערעכנט זייער קוביק־פאַרנעם. איך האָב זיי פאַרצייכנט מיט לויפנדיקע ציפערן, אָנגעמערקט די גראַדן פון זייער ערדהאַרטקייט און כ׳קאָן דיר אָנגעבן די גענויע הויכקייט פון יעדן באַזונדער. כ׳וועל אַצינד נישט אַריינגיין אין פּרטים און דיר נאָר באַצייכענען, אַז זייער הויך איז אין דורכשניט בערך ביז פיר הונדערט מעטער איבערן ים־פּלאַך. באַלד אין אָנהייב, אין צווייטן לערניאָר, ווען כ׳פלעג לויפן צו די לעקציעס אויפן באַרג אַרויף, איז מיר געקומען אין געדאַנק: „ווי גוט וואָלט געווען ווען מען פאַראייניקט די אַלע בערג און בערגלעך מיט אַ נעץ פון טונעלן". איך האָב אָבער באַלד דעם געדאַנק אַרויסגעלאָזט פון קאָפּ, ווייל כ׳האָב געזען מיט וואָס פאַר אַ ביטול מען באַציט זיך ביי אונדז צו טונעל־וועגן. אַפילו ווען דו פאָרסט אויפן כביש רמלה — ירושלים און דו זעסט בפירוש, אַז ס׳איז מעגלעך כמעט אַ העלפט צו פאַרקירצן דעם וועג, דורך עפענען טונעלן צווישן די בערג — וואַגט קיינער נישט צו טראַכטן וועגן דעם. מ׳פאָרט ביי די סכנותדיקע באַרגראַנדן און מ׳האָט מורא צו באַליידיקן חלילה דעם „קאַסטעל" און אַדורכשניידן אין זיין אינגעווייד אַ וועג צו דער הויפּשטאָט. ווען נאָר כ׳בין אַרויף און אַראָפּ־געגאַנגען פון כרמל האָבן מיינע געדאַנקען געהאַמערט כסדר, ביז זיי האָבן אויסגעהאַמערט אָט דעם פּלאַן מיינעם. קיין ערנסטטן מומחה, אויף וועמען

מיין פּלאַן זאָל זיך קענען אָנשפּאַרן, האָב איך אין די ביכער נישט געפונען. האָב איך דעריבער באַשלאָסן אַליין אָנצוהייבן.

— דו מיינסט צו מאַכן פון ישׂראל אַן אַגריקולטור־לאַנד ?

ער האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט — ווי אַ צייכן פון אַ נעגאַטיוון ענטפער.

— נו, זיי ממשיך — האָט יאַניאַ אים צוגערעדט.

— דו ביסט געווען אין ירושלים — ער האָט איר געקוקט גלייך אין די אויגן אַריין — האָסט געזען ווי די שטאָט בויט זיך פון אַלע זייטן. ס׳וואַקסן אויס הײַזער, ווי שוואָמען נאָך אַ רעגן. אומעטום וואַקסן זיי: אויף די שטיינערדיקע בערג, צווישן די פעלדזן און טאָלן. אָבער ווען איך קום קיין ירושלים און קוק זיך אום אויף דער כאַאָטישער בויונג, טוט מיר פּשוט ווײ דאָס האַרץ. אַלץ זעט מיר אויס ווילד. מ׳גרייט בכלל נישט צו דעם פּלאַץ ווי ס׳דאַרף צו זיין. מ׳בויט אויפן רוקן פון באַרג אַזוי ווי ער ליגט פון ששת ימי בראשית אָן. מ׳בויט אָן שׂכל, אָן פאַרשטענדעניש פאַר דער טאָפּאָגראַ־פּישער זייט, אַבי נאָר ס׳זאָל קאָסטן ביליקער. דער אָפיציעלער תירוץ איז: מ׳זאָל נישט קאַליע מאַכן די לאַנדשאַפט. אָבער ס׳קומט אויס, אַז מ׳היט אָפּ איין פעדער פאַרן ווינט, און מ׳לאָזט אַוועקפליען די גאַנצע פערענע... מ׳מאַכט אַלץ קאַליע.

ער האָט גענומען אַ גרעסערן בויגן פּאַפּיר און דערלאַנגט איר אין האַנט אַריין:

— דו זעסט די צייכענונגען, דעם פּלאַן ? אין אָט דעם בייגעלע פּאַפּיר שטעקט יאָרן אַרבעט. דאָ האָב איך גענומען צוויי מיטלהויכע בערג אין גליל העליון, וואָס ליגן קעגן איבער איינער דעם אַנדערן, אָפּגעטיילטע מיט טיפע וואַדיס. דער אויבערפלאַך איז באַדעקט מיט האַרטע גראַניט־שטיינער, אַפילו קיין וואַלד קאָן מען דאָ נישט פלאַנצן. דאָ, אין דער זייט, האָסטו פאַרצייכנט זייער הייך און קוואַדראַט־מאָס. שטעל דיר פאָר, ווען מ׳זאָל זיי קאָנען צוזאַ־מענבינדן, כ׳מיין, די שפּיצן אַראָפּוואַרפן אין די טיפע וואַדיס אַרײַן. ווי שיין וואָלט דאָ געווען! ס׳וואָלט זיך באַקומען אַ שטח ערד פון בערך צוואַנציק קוואַדראַט קילאָמעטער. מ׳וואָלט דאָ געקאָנט אויפבויען אַ גאַנץ שטעטל — מיט סאַנאַטאָריעס, טעאַטערס, הייזער, ספּאָרטפּלעצער — אַ שטאָט אויף פלאַכלאַנד! מ׳וואָלט דאָ געקומען וווינען, אַרבעטן, פאַרברענגען, אָפּרוען זיך, און דער עיקר — זען די מעשׂה־ידיים פון די ישׂראלים. זײַ מיך נישט

חושד אין קאַריעריזם — כ׳מיין נישט זיך פּערזענלעך. מיר גייט בלויז אין ווייזן, אַז אין אַ קליין לאַנד קאָנען ווערן געבוירן גרויסע נוצלעכע ווערק; אַז אַ פֿאָלק, וואָס טראָגט אין זיך דעם באַגער צו שלום, וויל בעסער מיט אַרבעט און שווייס צונעמען שטיקער ערד פֿון דער נאַטור, ווי פֿון אירע שכנים...

— אָבער — האָט אים יאַניאַ איבערגעריסן — אַלץ, וואָס דו האָסט פֿאַר מיר רעפערירט, באַזירט זיך אויף מחשבה און אויף טעאָרעטישע היפּאָ־טעזע, אויסגעלייגט אויפֿן פּאַפּיר. זאָג מיר אָבער, יורם, צי האָסטו ביז איצט אויך געטאָן עפּעס ממשותדיקס, פּראַקטיש? כ׳מיין, צי האָסטו געמאַכט עפּעס אַן עקספּערימענט, זאָל זיין כאָטש דעם קלענסטן?

ער איז געווען צופֿרידן פֿון דער פֿראַגע און איר באַלד אָפּגעענטפֿערט:

— בלויז אַ קליינעם אויפֿרייס־עקספּערימענט, וועלכער האָט זיך מיר איינגעגעבן און מיך דערמוטיקט.

— דערצייל מיר גענויער.

— איך האָב צוזאַמענגענומען פֿאַרשידענע סאָרטן שטיינער, פֿון וועלכע די בערג זענען געבויט און געוואָלט גענוי פֿאַרצייכענען די אויפֿרייסקראַפֿט פֿון דינאַמיט ביי יעדן סאָרט שטיין באַזונדער. בסוד סודות האָב איך גע־האַלטן ביי זיך קליינע קוואַנטומס אויפֿרייס־מאַטעריאַלן און אין די באַגי־נענס בין איך שוין געווען אויפֿן פֿרייען פֿעלד און געמאַכט קליינע אויפֿרייסן. כ׳בין אָבער פֿון די רעזולטאַטן נישט געווען צופֿרידן. כ׳האָב איינגעזען, אַז בכדי אויפֿצורייסן דאָס קלענסטע בערגל דאַרף מען האָבן גרויסע מענגעס טי־ען־טי. אָבער אויך נישט דאָס האָט מיך אינטערעסירט. אַ גאַנץ אַנדער פּראָבלעם האָט מיר געעגבערט אין קאָפּ: כ׳האָב געוואָלט דערגיין, צי מ׳קאָן לענקען די ערד־שאָלן זיי זאָלן אַראָפּפֿאַלן אין דער ריכטונג ווו מ׳וויל און צודעקן דעם פּלאַץ, וואָס איז דערצו באַשטימט. אין אָנהייב האָב איך אויף דעם נישט געלייגט קיין אַכט; איך האָב סתּם אַזוי זיך „געשפּילט״ מיט קליינע אויפֿרייסן. אָבער וואָס מער כ׳האָב עקספּערעמענטירט, אַלץ מער בין איך אַריין אין אַ געפּערלעכער שפּאַנונג. ביז ס׳איז מיר געלונגען צו קאָנסטרויִרן אַ ספּעציעלע איינריכטונג, וואָס באַשטייט פֿון אַ שטאָלענער רער, אין וועלכער מ׳לייגט אַריין דעם מאַטעריאַל, און אַ מכשיר, וואָס לענקט דעם אויפֿרייס אין דער ריכטונג ווו ס׳איז נייטיק. וואַרט אַ ווײַלע — נאַ זע, דאָס שטיקל רער איז אַ מוסטער דערפֿאַר. זעסט, אין איין זייט אַ דיקקייט

פון צוויי און אַ האַלבן צענטימעטער און אין דער צווייטער זייט נאָר באַדעקט מיט אַ דינער בלעך... פאַרשטייט זיך, אַז כ'וועל זיך נאָך אַ ביסל מער אין דעם ענין פאַרטיפן און פאַרפולקאָמען. איך צווייפל אָבער, צי ביי גרויסע אויפרייסן קאָן אָנגיין דער זעלבער פּרינציפּ, ווי ביי די „מיניאַטור־אויפּ־רייסן", וואָס כ'האָב דורכגעפירט.

— אויב אַזוי — האָט יאַניאַ זיך אָנגערופן — איז מעגלעך, אַז דו ביסט אויפן ריכטיקן וועג. דו האָסט מיר אין עפּעס דערמאָנט. מיר דאַכט, אַז אין ראַטן־פאַרבאַנד האָבן געלערנטע טאַקע געמאַכט אַזאַ אויפרייס ווי דו זאָגסט, אָבער אין גרויסן פאָרמאַט, און פון אַ מרחק פון הונדערטער מעטער אַריינ־געוואָרפן אַ פּערטל מיליאָן קוביק ערד געענוי אין דעם טאָל, ווי זיי האָבן אָנגעצייכנט. מיך האָט דאָס דעמאָלט אין גאַנצן נישט אינטערעסירט, און קיין גרויסער אָפּקלאַנג דערוועגן איז אויך נישט געווען. כ'געדענק אפילו נישט גענוי ווו דאָס איז פאָרגעקומען. דאַכט זיך — אין דאָנבאַס. ערשט איצט, ווען דו האָסט מיר דערציילט וועגן דיין „שפּילן זיך מיט דינאַמיט" — האָב איך זיך דעריין דערמאָנט. אָבער אַיין זאַך וויל איך דיך פרעגן: לאָמיר אָננעמען, אַז אַלץ וועט גיין כשורה — מיינסטו טאַקע אָנצוהייבן פון כרמל?

— ניין, די כרמל־בערג זענען אַ שפּאָר ביסל פאַרהייליקט ביים עולם, און אויב אַפילו מ'וואָלט מיר דערלויבט דאָ אָנצוהייבן, וואָלט איך זיך באַ־געגנט מיט אַ פאָלקס־קעגנערשאַפט.

— זענען די בערג אויפן וועג קיין ירושלים מער געאייגנט צו דעם?

— אויך דאָרטן וואָלט איך נישט וועלן אָנהייבן — האָט ער געזאָגט אַנטשלאָסן. — די געזעלשאַפט איז נאָך ווייט דערפון זי זאָל וועלן מוותר זיין פון אירע געפילן פאַר די יהודה־בערג צוליב וויסנשאַפטלעכע אָדער פּראַקטישע צוועקן. אַ באַזונדערער שטער דערצו איז, וואָס אַרום ירושלים געפינען זיך רעליגיעזע הייליקטימער, קלויסטערס, דענקמעלער פון קריסטן און מוסולמענער. איך מיין, אַז פאַר מיינע ערשטע עקספּערימענטן זענען צוגעפּאַסט די בערג פון גליל, די הרי נפתלי, אָדער די געגנט, ווו ס'געפינט זיך „דער גרוב פון יוסף הצדיק",* דאָרט איז די ערד ביי די אַראַבער נישט הייליק. פאַרקערט, די אַראַבער דערציילן גאָר אַ לעגענדע, אַז די דאָזיקע בערג זענען פאַרשאָלטן געוואָרן, ווייל דאָרטן האָבן די בני יעקב אַריינגע־

---

* ג'ב יוסף — דער גרוב ווו יוסף הצדיק איז אַריינגעוואָרפן געוואָרן, געפינט זיך, לויט אַן אַראַבישער לעגענדע, אין גליל העליון.

וואָרפֿן אין אַ גרוב יוספֿן, און פֿון יוספֿס טרערן איז די גאַנצע ערד באַדעקט געוואָרן מיט אַ מין אײַזנשטיין, דאָרט, מיין איך, וועט קיינער נישט שטערן און קיינעם וועט עס קיין שאָדן נישט ברענגען.

ער האָט גענומען אַ בלײַפֿעדער און זיך צוגעבויגן צו יאַניען מיט אַ דיקן העפֿט אין האַנט.

— דאָס איז עברית, אָבער כ׳וועל דיר דאָס אויסטײַטשן אין ענגליש.

לאַנג האָט זי זיך צוגעהערט צו זיינע רייד. די צייכענונגען האָט זי באַטראַכט אויפֿמערקזאַם, און ווען זי האָט פֿאַרשטאַנען, וואָס ער מיינט, האָט זי אַ פֿרעג געטאָן:

— מיינסטו דאָס אַלץ, אין אַזאַ ברייטן פֿאַרנעם, צו מאַכן מיט קאָנווענציאָנעלע מיטלען — מיט דינאַמיט, מיט טי־ען־טי?

— ניין, ווען מיר טראַכטן בלויז וועגן קאָנווענציאָנעלע אויפֿרײַס־מאַטעריאַלן, וואָלט איך געדאַרפֿט פֿון מיין גאַנצן פּלאַן רעזיגנירן.

— וואָס דען?

— איך מיין צו באַנוצן זיך מיט קערן־קראַפֿט.

— אַזוי גאָר?...

— מיט בולדאָזערס און מיט דינאַמיט קאָן מען אַפֿילו נישט אָנהייבן. דער פֿאַרמעסט איז צו גרויס און די ווירקונג צו קליין — איינס צו טויזנט. צו באַנוצן אַטאָם־ענערגיע פֿאַר שלום־צוועקן — פֿאַר דעם, האָף איך, וועל איך געפֿינען אַ סך אָנהענגער. וואָס קאָן נאָך מער זיין געווונטשן „פֿאַר שלום־צוועקן״, ווי פֿאַרוואַנדלען פֿעלדזנבערג אין פּלאַכלאַנד?

— און קיין אַנדערע שטערונגען קומען דיר גאָרנישט אויפֿן זינען?

— אַוודאי וועלן נאָך זיין אַ סך שטרויכלונגען. ווער ווייס, ווער אַלץ ס׳וועט געפֿינען פֿאַר נייטיק מיר צו לייגן שטיינער אויפֿן וועג? דאָס איז נישט קיין נייס. ביי יעדן אויפֿטו האָבן זיך אָפּגערופֿן „קלוגע קעפּ״, וואָס האָבן זיך קעגנגעשטעלט דעם פּראָגרעס. למשל, די ענגלענדער, וועלכע זענען אַרויסגעטראָטן קעגן דער באַן־באַוועגונג, ווײַל די צוגן קאָנען זיין אַ געפֿאַר פֿאַר די סטאַדעס רינדער און שעפּסן...

יאַניען האָט דער ענטפֿער נישט באַפֿרידיקט. בײַ איר איז אויסגעקומען, אַז כאָטש טעאָרעטיש האָט זיין פּלאַן אַ וועלכע ס׳איז באַגרינדונג, האָט ער אָבער קיין אַכט נישט געלייגט אויף דער פּראַקטישער זייט. די רעאַליזירונג האָט איר אויסגעזען צו זיין נאַיוו. נישט קיין וווּנדער — האָט זי געטראַכט —

דעם נסיון פון אַ באַהאַוונטן אינזשעניר האָט ער דאָך נישט. האָט ער דאָך אַפילו קיין איין בלעטל פון זיינע שריפֿטן נישט געווידמעט אויף צו מאַכן אַ קאַלקולאַציע. זי האָט אָבער נישט געוואָלט אים דערויף אויפמערקזאַם מאַכן, כדי נישט אָנצורירן זיין אַמביציע. געפֿרעגט האָט זי אַ גאַר זײַטיקע פראַגע:

— און ווער, רעכנסטו, וועט פינאַנסירן דיין אונטערנעמונג?

— צו דעם בין איך נאָך נישט צוגעקומען. אין דעם עטאַפּ מייד איך אַפילו אויס וועגן דעם צו טראַכטן. וואָס ס'פאַרשאַפט מיר יאָ דאגות, איז די אויסשפרייטונג פון ראַדיאָ־אַקטיווע שטראַלן אין אַ באַפעלקערטער געגנט.

יאַניאַ איז אַזש אויפגעשפרונגען און גענומען שפאַנען אין צימער. מיטן באַרירן די דאָזיקע פראַגע האָט ער געפאַנגען איר אינטערעס און איבערגעגעבנקייט צו זיינע פלענער. אַצינד האָט זי געפילט, אַז זי וועט זיך שוין נישט קאָנען אָפרייסן פון אים און באַגלייטן איבערן גאַנצן וועג, וואָס פירט צום רעאַליזירן זיין פּלאַן; אַ זיג צי אַ דורכפאַל — אָבער פאַר ביידע.

— דאָס איז שוין מיין געביט — האָט זי אים געזאָגט. — כ'וויל דיר איבערגעבן, אַז מיר האָבן שוין אין אונדזערע הענט דעם סוד פון באַפרײַען אַטאָם־ענערגיע אָן גרעסערע ראַדיאָ־אַקטיווע אויסשטראַלונגען. ביי קליינע אונטערערדישע לאַדונגען, אַזעלכע ווי דו דאַרפסט באַנוצן, קאָן די ווירקונג דערגיין צו אַ ראַדיוס פון בלויז עטלעכע הונדערט מעטער, נישט מער! נאָך דריי טעג בלײַבט נישט איבער קיין שפור פון גיפטיקע גאַזן און די מענטשן קאָנען צוריקקערן אין זייערע וווינערטער. איך האָב דערין עוסק געווען און בין באַהאַוונט. די איינציקע שוועריקייט איז נאָר ביים קאָנסטרויִרן דעם אַזוי גערופענעם „קערן־פּלאַסטער", וואָס זייגט איין און נייטראַליזירט די ראַדיאָ־אַקטיווע שטראַלן. אַ „ריינער" קערן־אויפרייס שפרייט אויס ווייניקער פון אַ פּראָמיל ראַדיאָ־אַקטיוויטעט ווי אַ נאָרמאַלער. אָבער דאָס דאַרף באַלד ווערן געמאַכט אינעם אַטאָם־אויוון. די שוועריקייט באַשטייט אין דעם, וואָס מ'מוז צו דעם האָבן ספּעציעלע אַטאָם־אויוונס. דאָס איז דער סוד, וואָס כ'האָב מיט זיך מיטגעבראַכט, און נאָר פאַר דיר, אויב ס'וועט האַלטן דערבײַ, וועל איך זיין גרייט ביי דעם צו אַרבעטן.

פון דעם האָט יורם נישט געוווּסט. אַ ברייטער שמייכל האָט זיך אויסגעגאָסן אויף זיין פּנים און אין די אויגן האָט אויפגעלויכטן די גוטסקײַט פון זיין נשמה.

קאַפּיטל זעכצן

דאָס ערשטע מאָל זינט זי איז אַריין אין אינסטיטוט, האָט זי זיך פֿאַר־שפּעטיקט צו דער אַרבעט. יאַניאַ האָט זיך נאָך אַלץ נישט געקענט באַפרײַען פונעם פּחד־געפיל — פֿאַרשפּעטיקן צו דער אַרבעט — צו וועלכן זי איז געווען געוווינט אין מאָסקווע. אָבער אין אינסטיטוט האָט איר קיינער נישט געמאַכט קיין פֿאַרוואורף. מ׳האָט זי גאָר אויפגענומען מיט אַ שמייכל.

זי איז נאָך אַלץ געווען אונטערן איינדרוק פון דעם באַזוך ביי יורמען און דעם שפּאַציר איבערן כרמל. דאָס, וואָס זי האָט זיך ענדלעך דערוווּסט וועגן זײַנע פּלענער, האָט אַראָפּגענומען פון איר די לאַסט פון דער שפּאַנונג, מיט וועלכע זי האָט זיך ביז איצט אַרומגעטראָגן. אַצינד איז דער רושם פון זיינע רייד געווען אַ סך שטאַרקער, איבערצייגנדיקער, ווי בשעת מעשׂה, ווען ער האָט גערעדט צו איר פּנים אל פּנים.

אַ ביסל שפּעטער איז זי אַראָפּגעגאַנגען עסן פרישטיק, אָבער ווי נאָר זי איז אַרײַנגעקומען אין דער קאַפעטעריע, האָט זיך איר אויסגעדאַכט, אַז אַלץ איז אויפגעקאָכט און אויפגערעגט. אַפילו די וויסנשאַפטלער, וועלכע זי האָט געקענט פון זייער רויִקער נאַטור, האָבן זיך אויך גאָר אַנדערש אויפגעפירט; זיי האָבן נישט געקענט איינזיצן, געלאָפן פון טיש צו טיש, געכאַפּט די מאָרגן־צייטונגען, אַריינגעקוקט, אַוועקגעוואָרפן, ווידער צוריק־גענומען אין האַנט אַריין, אַ בליק געטאָן און אַרויס.

אפשר איז יורמס פּלאַן שוין פאַרעפנטלעכט געוואָרן? — איז איר געקומען אויפן זינען.

אָבער באַלד האָט זי זיך דערוווּסט אין וואָס ס׳גייט. זי האָט אַזש אַ שמייכל געטאָן, ווי זי וואָלט פון זיך אַליין אָפּגעלאַכט: וואָס פאַר אַ יורם, ווער ווייס פון אים? ווער קען אים? ס׳קאָכט זיך דאָך צוליב דעם וואָס די מצרים האָבן אַריינגעפירט פּאַנצער־דיוויזיעס אין סיני...

זי האָט געהערט ווי מ׳רעדט וועגן „אונאַ־סאָלדאַטן”, וועגן עפּעס אַ מאָדנעם נאָמען — „טשאַרם טשייך”. זי האָט נאָך אַלץ נישט געקאָנט זיך אָריענטירן אין וואָס ס׳גייט. ערשט ווען ד״ר אַביגדור, וואָס רעדט אַ גוטן רוסיש, האָט זיך מיט איר באַגריסט און אַוועקגעזעצט ביי איר טיש, האָט זיך דער גאַנצער ענין גענומען פאַר איר אויפקלערן. זי האָט אים באַוואָרפן מיט פראַגעס, געקוקט אים אין די אויגן און דערוואַרט יעדעס וואָרט.

ד״ר אַביגדור האָט געוווּסט, אַז זי דרייט זיך אַרום אין אַ סביבה, וואָס נישט אַלץ איז נאָך פאַר איר צוטריטלעך. ער האָט גענומען די צייטונג אין האַנט און די גרויסע קעפּ געלייענט פאַר איר גלײַך אין רוסיש:

„או טאַנט איז געפאַרן צו נאַצערן. נאַצער האָט אַרויסגעטריבן די אונאַ־סאָלדאַטן פון עזה־פּאַס.״

— ווי לאַנג די אונאַ־סאָלדאַטן זענען געשטאַנען ביי דער גרענעץ — האָט ער איר אויסגעטײַטשט — איז נאָך געווען אַ שטיקל האָפענונג צו פאַרמיידן אַ צוזאַמענשטויס צווישן די צוויי פאַדערשטע רייען, וואָס שטייען קעגן איבער זיך שוין עטלעכע וואָכן, אָבער דאָס אַראָפּנעמען די אונאַ־סאָלדאַטן קאָן דערפירן דערצו, אַז יעדע מינוט זאָל פאָרקומען דער צוזאַמענשטויס.

ער האָט אַ קוק געטאָן אויפן האַנטזייגערל און געעפנט דעם טראַנזיסטאָר, וואָס ער האָט אַרויסגענומען פונעם ווייסן כאַלאַט.

— איך זע — האָט יאַניאַ געזאָגט — אַז די מענטשן קומען צו דער אַרבעט מיט טראַנזיסטאָרס.

— געוויס. נאָך עטלעכע צענדליק סעקונדעס און מיר וועלן הערן די נייס.

„די מכולתניקעס באַהאַלטן צוקער און רײַז״.

„בעגין לויפט צו אשכול, ער זאָל נאָמינירן משה דיין פאַר זיכערהייטס־מיניסטער״.

„דער האַנדלס־מיניסטער פאַרזיכערט, אַז ס׳איז דאָ גענוג שפּײַז אויף עטלעכע חדשים״.

„דער בריטישער פלאָט אויפן מיטללענדישן ים געשטעלט געוואָרן אין מלחמה־גרייטקייט״.

„פּרעזידענט דזשאָנסאָן דערקלערט, אַז ער איז קעגן פאַרמאַכן דעם טיראַן־וואַסערוועג, ווי אַן אינטערנאַציאָנאַלער דורכגאַנג פאַר שיפן״.

יאַניאַ איז שטיל געווען, אָבער ד״ר אַביגדור האָט זיך צוגעהערט מיט נײַגעריקייט און אין מיטן דער אוידיציע אויסגעשריגן:

— אָט דאָס איז עס! נאַצער האָט פאַרמאַכט דעם טיראַן־דורכגאַנג.

— דענקט איר, אַז דאָס איז אַ דעצידירנדיקער שריט צו אַ מלחמה?

— איך גלייב — האָט ד״ר אַביגדור געזאָגט מיט זיכערקייט — אַז אויב די ידיעה זאָל זיך באַשטעטיקן, איז די מלחמה שוין אויסגעבראָכן.

זיי האָבן זיך אויפגעשטעלט און אַרויס פון זאַל. אויפן וועג האָט אים יאַניאַ מער גאָרנישט איבערגעפרעגט. ד״ר אַביגדור האָט זיך צו איר אָנגערופן:

— ווי איך זע, האָט איר זיך שוין אײַנקלימאַטיזירט אינעם לאַנד. די ידיעה וועגן שאַרם־אַ־שייך האָט אויף אייך געמאַכט אַ נישט קלענערן אײַנדרוק, ווי אויף אונדז אַלעמען.

— איך טראַכט נישט וועגן אַ דאָפּלט פּאַטערלאַנד — האָט יאַניאַ געענטפערט.

דער אָנהייב יוני איז געווען זייער אַ הייסער אויפן כרמל. די היץ איז געווען שטאַרק און שטיקנדיק, אָבער נאָך מער האָט געבריט און געשטיקט די מלחמה, וואָס האָט געשוועבט אין דער לופט. טייל פון דער יוגנט איז שוין געווען גערופן אין רעזערוו, געוואַכט אין די גלײַענדיקע זאַמדן לענגאויס דעם עזה־פּאַס און געוווסט, אַז יעדע מינוט קאָן עפּעס געשען.

נאַצער האָט שוין געהאַט אַריינגעפירט אַכציק טויזנט זעלנער אין סיני. דאָס איז געווען דער גרעסטער מיליטערישער כוח, וואָס האָט ווען ס׳איז געפינען זיך אין דער דאָזיקער מידבר. אין פאַרלויף פון דער לעצטער וואָך האָבן די עגיפּטער אַריבערגעוואָרפן פיר פּאַנצער־דיוויזיעס איבערן סועץ. סאָוועטישע ריזן־העליקאָפּטערס האָבן אָן אויפהער צוגעשטעלט פאַר זיי אויסשטאַטונג און שפּײַז. נאַצער איז געווען זיכער, אַז ער וועט בליצשנעל אַדורכברעכן די ישראלדיקע פאַרטיידיקונגס־ליניעס און זיך אַרײַנרייסן טיף אין לאַנד אַריין.

יורם איז געווען אַ רעזערוו־אָפיציר, אָבער זינט ער האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די מיליטערישע בגדים, האָט אים מער די אַרמיי נישט געלאָקט. ער האָט בכלל געהאַט אַ ווידערגעפיל צו געווער און פיזישן קאַמף. אמת, ער איז געווען אַ גוטער סאָלדאַט און זיין „קאַרטע״ איז געווען ריין פון וועלכן ס׳איז פאַרוווּרף, אָבער אין געדאַנק האָט ער זיך באַטראַכט ווי אַ ציווילער און נישט געשטרעבט צו קיין מיליטערישער קאַריערע. מיט אַלע זיינע מחשבות איז ער געווען אַריינגעטאָן אין זיין פּלאַן, אויף אַזוי ווייט, אַז אַלץ וואָס ס׳האָט זיך געדרייט אַרום אים, האָט אים אויסגעוויזן צו זיין ווי קליינע וואָקזאַלן אויף סטאַציעלעך, דורך וועלכע דער שנעלצוג לויפט פאַרביי אויפן וועג צו דער הויפּטשטאָט. ער האָט געוווסט, אַז קוים ברעכט

אויס אַ מלחמה מיט די אַראַבישע מדינות, מוז ער זיין פלאַן פאַרוואַרפן אויף אַ לענגערע צייט. ווי וועט דאָס לאַנד אויסזען נאָך דער מלחמה? — האָט ביי אים אין געדאַנק געעגבערט..

אין קעגנזאַץ צו זיין טבע, האָט ער אין יענע טעג נאָכגעפאָלגט די טאָג־נייַעס, אָבער פון די אַלע גרויסע צייַטונגס־קעפּ און עקסטרע אויסגאַ־בעס, מיט וועלכע ער האָט זיך אָנגעלייענט, האָט ער אַרויסגענומען איין אויספיר: „פּונקט איצטער — אַ מלחמה".

ביי איינעם אַן אַרטיקל האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און פאַרטראַכט. דאָס דאָזיקע אַרטיקל איז געווען איבערגעדרוקט פון „אל אראַם". נאַצערס טרו־באַדור, חסנין היכל, האָט אויסגעטייטשט און אויפגעוויזן, אַז דאָס פאַרמאַכן דורך די מצרים דעם טיראַן־אויסגוס האָט נישט בלויז אַ סטראַטעגישע באַטייטונג. דאָס וועט פּסיכאָלאָגיש אַנטוואָפּענען די „יאַהודים" אויף אַזוי ווייט, אַז זיי וועלן פאַרלירן דעם חשק צו קעמפן. הייסט עס — האָט יורם געטראַכט — אַז ס'איז נאָך אַלץ אַ נערוון־קריג?

אַ ביסל שפּעטער האָט ער דעם געדאַנק אָפּגעוואָרפן. ער האָט געזען, ווי די ביוראָען, פאַבריקן און שטובן ווערן אויסגעליידיקט פון יונגע מענטשן, און ער האָט זיך געוווּנדערט וואָס מ'לאָזט אים נאָך זיצן אין דער היים. ער פלעגט שפּאַצירן אין די גאַסן און ווען די קינדער זענען געגאַנגען אין די שולן, האָט ער געהערט זייערע שמועסן:

— ווען איך בין אויפגעשטאַנען, איז שוין דער אַבא נישט געווען אין שטוב.

— מיין אבא איז נאָך נעכטן אַוועק אויפן פראָנט.

— מיין אבא אויך.

— מיין אבא איז אַ טאַנקיסט, ער דינט אין שריון (פאַנצער־אָפּטייל).

— מיין אבא איז אַ פּילאָט — ער פליט אין אַ „מיראַזש".

— מיין אבא איז אין „גולני".*

— מיין אבא האָט דריי גאָלדענע בענדלעך אַרום די אַרבל. ער דינט אין חיל הים (ים־פלאָט).

אָבער זייערע טאַטעס, שוין ווייַט פון די היימען, האָבן נאָך אַלץ זיך אַרומגעדרייט „ליידיק" לעבן די באַוואָפנטע טאַנקען אין די נגב־זאַמדן. די היץ האָט געבריט, אָנגעגליט די זאַמדן, אָבער די חיילים האָבן אויף קיין

* גולני — אַ באַקאַנטע שטורעם־דיוויזיע אין צה"ל.

איין רגע נישט געטאָרט אָפּלאָזן די „שווערע כלים״. דער שעף פון גענעראַל־שטאַב, רבין, האָט געהאַלטן פאַר נייטיק צו באַזוכן די סאָלדאַטן פון דער ערשטער ליניע. ער האָט אָנגעטראָפן אויף די אמתע חברה־לייט, דרייסטע רעזערוויסטן און אויף גענעראַל רבינס פראַגע „ווי פילט איר זיך דאָ?״ האָבן זיי צוריקגעפרעגט:

— מפקד, ווי לאַנג וועלן מיר זיך דאָ אַרומדרייען ליידיק, ווי די בעדווינער אין מידבר? באַפעל, און מיר וועלן אָנצינדן די מאָטאָרן...

אויף רבינס פנים האָט זיך באַוויזן אַ שמייכל:

— ייִנגלעך, ס׳וועט שוין לאַנג נישט דויערן — האָט ער מיט זיין אייגנאַרטיקער רויִקייט געזאָגט און איז אַריין אין דזשיפּ.

די עטלעכע ווערטער, וואָס זענען אַרויסגעזאָגט געוואָרן הינטערן פרייען הימל לעבן אַ פּאַנצער־איינהייט, האָבן אָפּגעהילכט איבערן גאַנצן לאַנד:

— ס׳וועט שוין לאַנג נישט דויערן.

— די מלחמה שטייט אויף דער שוועל.

די פענצטער זענען געווען אָפן און די מעלדונג פון צה״ל האָט זיך געריסן אין גאַס אַריין:

„אַלע די, וואָס געהערן צו די איינהייטן: מזמור לדוד, תשליך, יקום פורקן, אברהמעלע מלמד, ערב ראש חודש, אפיקומן, מלווה מלכה — זאָלן זיך גלייך צושטעלן אין זייערע זאַמלפּונקטן״.

מ׳האָט גערופן עטלעכע און צוואַנציק אַזעלכע איינהייטן, און ווי באַר דער ספּיקער האָט נאָך אַ מאָל איבערגעחזרט יורמס איינהייט, איז אים איינגעפאַלן, אַז ער וועט לויפן זיך געזעגענען מיט נאָענטע און אָנקלינגען צו צילען. אָבער באַלד איז אים דער געדאַנק פאַרגעקומען דערשראָקן־קינדעריש.

— וואָס נאָענטע, ווער נאָענטע? וואָס ווייניקער נאָענטע אַ זעלנער האָט, אַלץ בעסער איז אים אויפן פראָנט. זיין גאַנצע מיליטערישע אויסשטאַטונג, וואָס ער האָט באַדאַרפט מיטנעמען, האָט ער איינגעפּאַקט דורך מינוטן, און ס׳האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער וועט זיין דער ערשטער, וואָס וועט אָנקומען אינעם זאַמלפּונקט, אָבער ווען ער איז אַרויסגעקומען אויפן שאָסיי, איז דער וועג שוין געווען פול מיט הונדערטער מענטשן, וואָס האָבן געטראָגן רוקזעק אויף די פּלייצעס.

ער האָט זיך אַרומגעקוקט און געזען, אַז ביים ים־ברעג איז די באַוועגונג אַ נאָך גרעסערע. מחנות פּאַרט־אַרבעטער האָבן פּאַרלאָזט די משׂא־שיפן, וואָס האָבן געוואַרט אָנגעלאָדן און אויסגעלאָדן צו ווערן, און אַרויס פון די פּאַרט־טויערן צו די שאָסייען. — נישטאָ קיין הויז, פון וועלכן ס׳זאָלן נישט אַרויס קיין מאָביליזירטע.

אַ ביסל ווײַטער איז אים אַקעגנגעקומען אַ גאַנץ משפּחהלע. ער, אַ ליי־טענאַנט, אָנגעטאָן אין מיליטערישע קליידער און אין פולער באַוואָפענונג, האָט געטראָגן אויף דער האַנט זײַן קליין קינד און אויפן לינקן אָרעם — דעם „עוזי". דאָס קינד האָט זיך מיט איין הענטל אָנגעהאַלטן אין זיין קאַרק און די יונגע פרוי האָט אין אים הויך אַריינגערעדט. ער האָט זיך שטאַרק געאיילט. באַלד וועט ער זיך מיט זיי געזעגענען — דאָס קינד מיט דער פרוי וועט ער איבערלאָזן און דעם „עוזי" וועט ער מיטנעמען.

אַ פּאָר שעה שפּעטער איז שוין יורם, אָן איבערגעטוענער אין מילי־טערישע קליידער, געשטאַנען אויפן גרויסן איבונגפּלאַץ פון זײַן איינהייט ערגעץ ווו אין לאַנד.

ער האָט אַ בליק געטאָן אויף זיינע קליידער, ווי ער וואָלט געוועז ניי־געריק צו זען ווי ער זעט אין זיי אויס. די בלוזע איז אויף אים געווען אַ ביסל צו גרויס און צו די מיליטערישע מאַסיווע שיך איז ער נישט געווען צוגעוווינט. ער איז אַרומגעגאַנגען צווישן די מאָביליזירטע, געזוכט אַ באַ־קאַנטן געוועזער־חבר פונעם אַקטיוון דינסט. די יינגלעך זענען געווען אין אַ גוטן הומאָר, זיך געוויצלט:

— נו, איצט, אַז דו ביסט שוין דאָ, וועט דער אָרקעסטער אָנהייבן שפּילן...

— און מיר דאַכט זיך, אַז ער שפּילט שוין.

— זע נאָר די שיך, וואָס זיי האָבן מיר געגעבן...

— וועסט זיי קאָנען איבערטוישן...

— כ׳וויס בכלל נישט צו וואָס זיי האָבן געגעבן שיך... מ׳וועט זיי קאָנען אָנקלייבן אויף די וועגן. די אַראַבער אַנטלויפט זיך בעסער באָרוועס...

דער אַפּעל האָט זיך נאָך נישט געהאַט אָנגעהויבן, און די זעלנער האָבן זיך פרײַ באַוועגט אויפן פּלאַץ. יורם האָט אַ קוק געטאָן אויפן ניקלנעם קיי־טעלע מיטן נומער און בלוט־גרופּע־בלעכל, וואָס ער האָט געטראָגן אויפן

האַלדז — דאָס איז אַלץ וואָס כ׳פאַרמאָג — איז אים געקומען אויפן געדאַנק — דער פּלאַן איז געבליבן אין שופלאַד...

מאַנכע פון די רעזערוויסטע זענען אַרומגעגאַנגען פאַרטראַכט, אַנדערע ווידער אַ ביסל אומגעדולדיק. איינער האָט אַ זאָג געטאָן:

— מ׳רירט זיך נאָך אַלץ נישט פון אָרט.

— וואָס איילסטו זיך אַזוי צו שמעקן פולווער? מ׳וועט דיר די מינעס פון הינטער די פיס נישט צוכאַפּן...

— מ׳זאָגט, אַז ווער ס׳וועט אַרויפטרעטן אויף אַ טשעכישער מינע, אוואַנסירט מיט איין ראַנג, און ווער אויף אַ רוסישער — באַקומט מיט איין מאָל צוויי ראַנגעס...

אָבער אין מיטן דערינען איז אָנגעלאָפן אַ דזשיפּ. די אונטעראָפיצירן האָבן אויסגעשטעלט די רעזערוויסטן אין שערענגעס. צווישן די רייען האָט זיך געטראָגן אַ שעפּטשעריי:

— דער מפקד איז דאָ!

דער גאַנצער צערעמאָניאַל פון אויפנעמען די רעזערוויסטן האָט געדויערט עטלעכע מינוט. באַלד האָט זיך געהערט אַ באַפעל:

— אויפשטייגן!

די זעלנער זענען געלאָפן צו די אויטאָבוסן, וואָס זענען געשטאַנען אַרום דער באַזע. אַן אָפענער פאַנצער־אויטאָ האָט געפירט דער ערשטער. נאָך אים האָט זיך געצויגן אַ לאַנגע ריי טענדערס און ציווילע אויטאָס. דאָס שמאָלע וועגל, וואָס האָט געפירט צו דער באַזע, האָט נישט געטויגט פאַר איילעניש. די טענדערס האָב אַראָפּגעדרייט פון וועגל און געפאָרן איבער די פעלדער צום הויפּטטראַקט. די מאָטאָרן האָבן אָנגעהויבן העכער גרילצן, און הינטער זיי האָט זיך אויפגעהויבן אַ געדיכטער שטויבוואָלקן.

פאַר נאַכט האָט זיך דער קאַראַוואַן אָפּגעשטעלט אין אַ וועלדל, קעגן איבער די גולן־בערג. די זעלנער זענען אַראָפּגעשפרונגען און די אויטאָס זענען אַוועק פון דעם אָרט. די פאַרגייענדיקע זון האָט געשיינט איבער די סירישע פּאָזיציעס וואָס אויפן באַרג. די זעלנער האָבן זיך אַוועקגעזעצט אויף דער ערד. יורם האָט נאָך אַלץ נישט געוווסט וועלכע ס׳איז זיין איינהייט.

ווען די נאַכטשאָטנס האָבן גענומען איינהילן דעם טאָל איז אָנגעלאָפן אַ דזשיפּ, פון וועלכן ס׳איז אַרויס אַ העכערער אָפיציר. ער האָט געהאַלטן

אַ פּאַפּיר אין האַנט און לײַכטנדיק מיט אַ רויט לעמפּל האָט ער גענומען רופן די אָפיצירן.

יורם, דערהערנדיק ווי מ׳רופט אים, איז שנעל צוגעגאַנגען נענטער און סאַלוטירט.

— דאָס איז דיין כוח — האָט דער מפקד אים אַ וויז געטאָן אויף אַ גרופּע רעזערוויסטן — ביי טאָגליכט קאָנטראָליר זייער געווער און צי זיי האָבן די פולע אַמוניציע!

ער איז מיט אים אַוועקגעגאַנגען עטלעכע טריט ווייטער, אַרויסגע־נומען אַ פעלדמאַפּע און אים אָנגעוויזן:

— דאָס איז דער שטח, אויף וועלכן דו געפינסט זיך. דיין אָפּשניט איז אָט־אָ דאָ. באַפעלן וועסטו באַקומען דורכן פעלד־מיקראָפאָן. דעם פּאַר־בינדלער האַלט נאָענט ביי זיך.

יורם האָט סאַלוטירט. ער האָט גענומען זיין אייגהייט און אַוועק מיט זיי עטלעכע הונדערט טריט ווייטער און זיי זענען אויסגעקומען פּונקט קעגן איבער, ווו ס׳זענען געווען אָנגעשטעלט די האַרמאַטן־רערן פון די בערג אין טאָל אַריין.

ס׳איז געווען גאַנץ פרי. שטיקלעך הימל האָבן גענומען העלן מיט טאָג־שיין. זי האָט געעפנט דאָס פענצטער און זיך אַרומגעקוקט ווי ווייט נאָר די אויגן האָבן דערגרייכט. די קאָנטורן פון די ביימער און געביידעס אַרום האָבן זיך ערשט גענומען אויסשיילן פון אונטער דעם צעגאַנגענעם נאַכטנעפּל. אַלץ האָט זיך אויסגעוויזן ענלעך צו אַ גרויסער שיף, וואָס שווימט אויפן וואַסער און איילט צוצוקומען צום ברעג איידער ס׳הייבט זיך אָן דער גרויסער שטור־רעם. די הייזער און ביימער שטייען אין זייער גאַנצער רויקייט, אָבער באַלד קאָנען אָנפליען אלומיניום־פייגל און דאָס אַלץ פאַרוואַנדלען אין פוסטע חורבות. זי האָט געמאַכט אַן אַנאַלאָגיע צווישן דער לעצטער וועלט־מלחמה און נאַפּאָלעאָנס מאַרש אויף מאָסקווע. די רוסישע סטראַטעגן לאָזן אַריין דעם שונא טיף אין לאַנד אַריין און דערנאָך פאַרניכטן זיי אים אויף דער אייגענער ערד. אָבער ביי אַזאַ שמאָלן ערד־פּאַס — האָט זי געטראַכט — ווי אַזוי קאָן מען זיך אַזאַ זאַך דערלויבן?

זי האָט נישט באַדויערט, וואָס זי איז דאָ אַהערגעקומען. ס׳איז איר נאָר

אַ שאָד געווען וואָס דער חן אין יעדן ווינקל דאָ קאָן אַ ליאַדע מינוט צע־שטערט ווערן.

זי האָט גענומען אַ ביסל טיפער אַריינקלערן אינעם זין פון דעם קאָנ־פליקט. וואָס ווילן די עגיפּטער? צוליב וואָס האָבן זיי קאָנצענטרירט זייער אַרמיי ביי די גרענעצן? גייט זיי טאַקע אין טעריטאָריע, אָדער ווילן זיי מקיים זיין זייער דיקטאַטאָרס רוף — אַריינוואַרפן די ייִדן אין ים אַריין?

לאַנג איז זי געשטאַנען ביים אָפענעם פענצטער. ערשט ווען די זון איז צוגעקומען, איז זי פון דאָרט אַוועק. זי האָט זיך דערמאָנט, אַז היינט דאַרף יורם קומען זי מיטנעמען קיין חיפה און זי האָט זיך גענומען צוגרייטן.

זי איז צוריקגעקומען צו זיך, צו איר סביבה, צו די מענטשן וואָס זי האָט געקענט. זי האָט געפילט, אַז זי האָט אַ געליבטן. איז דאָס יורם? — האָט זי זיך געפרעגט — אָבער ס׳מוז זיין אַ מענטש אויף דער וועלט, וואָס האָט מיך ליב — ווער ער איז? דאָס וועט זיך אַרויסווייזן... זי האָט געוואָלט הערן אַ ביסל מוזיק און געעפנט דעם ראַדיאָ. באַלד זענען אירע מחשבות צערינען געוואָרן:

„לופט און יבשה־קאַמפן זענען אויסגעבראָכן אויף דער גרענעץ״.

„צה״ל־כוחות זענען אַריין אין קאַמף קעגן מצרישע דיוויזיעס, וועלכע האָבן זיך פאָרויסגערוקט צו דער ישראל־טעריטאָריע״.

„דער צה״ל־שפּרעכער מעלדעט: פון די פרימאָרגן־שעהן אָן קומען פאָר אויפן דרום־פראָנט העפטיקע קאַמפן צווישן מצרישע פאַנצער־דיווי־זיעס, וועלכע רוקן זיך פאָרויס און אונדזערע כוחות, וועלכע באַמיִען זיך זיי איינצוהאַלטן. די קאַמפן זענען אויסגעבראָכן נאָך אַ שפּאַנונג, וואָס האָט זיך געצויגן לענגער פון זעקס וואָכן. דורך דער צייַט האָבן די מצרים אַריַינ־געפירט אין סיני הונדערט טויזנט סאָלדאַטן, פאַנצער־דיוויזיעס און שווערע אַרטילעריע. דער העכסטער פּונקט פון דער מלחמה־שפּאַנונג איז דערגאַנגען בשעת אַן איראַקישער כוח איז אַריַינגעפירט געוואָרן אין סיני און מצריש מיליטער איז אַריַין קיין רבת־עמון״.

יאַניאַ האָט אַוועקגעוואָרפן דאָס קליידל, וואָס זי האָט געהאַלטן אין מיטן פרעסן און זי האָט כמעט הויך צו זיך אַ זאָג געטאָן:

„ער וועט שוין היינט נישט קומען. ער איז שוין זיכער אויפן פראָנט״.

ווי וועט ער דאָרטן אויסזען? — האָט זי געטראַכט — יורם דער בעל־

מחשבות מיט אַ ביקס אין האַנט און אַרום די לענדן — אַ גאַרטל מיט האַנט־גראַנאַטן...

זי האָט געוואָלט אַראָפּלויפן זיך זעען מיט מענטשן, עפּעס פרעגן, אָבער ס'איז נאָך געווען צו פרי און קיינער איז נאָך נישטאָ אין די לאַבאָראַטאָריעס.

נאָך איידער זי האָט באַוויזן זיך אָנצוטאָן, האָט זיך דערהערט אַן אַלאַרם־סיגנאַל און זי האָט געאײַלט אַראָפּצוגיין אינעם שאַלטער. אַ פּאָר מינוט שפּעטער איז דער אַלאַרם אָפּגערופן געוואָרן און זי איז אַוועק צו דער אַרבעט.

זי האָט זיך געריכט קיינעם נישט צו טרעפן. מלחמה איז מלחמה — און ס'קאָן נישט זיין קיין פּינקטלעכקייט ביי דער אַרבעט. צו איר דערשטויִנונג האָט זי שוין געטראָפן אַלע אַריינגעטאָן אין דער אַרבעט, ווי ס'וואָלט גאָרנישט געשען. ד"ר אַביגדור האָט זי באַגריסט מיט אַ שמייכל.

— אויב איר פירט אַ טאָגבוך, פאַרצייכנט, אַז ס'איז היַינט דער ערשטער טאָג מלחמה.

— אויב כ'זאָל יעדן מלחמה־טאָג פאַרצייכענען אויף איין זײַטל, מיינט איר, אַז הונדערט זײַטן וועלן גענוג זיין ?

— איך מיין, אַז צען זײַטן וועלן אויך זיין צו פיל...

— מיינט איר, אַז די גרויסמאַכטן וועלן זיך אַריינמישן און אָפּשטעלן דאָס פייער ?

— די וויכטיקסטע גרויסמאַכט זענען מיר אַליין — האָט ער איר געקוקט גלייך אין די אויגן אַריין — אויב מיר אַליין וועלן זיך נישט העלפן, וועט קיינער אויף אונדז קיין רחמנות נישט האָבן.

זי האָט נאָך געוואָלט עפּעס פרעגן, הערן, אָבער ד"ר אַביגדור האָט זיך גענומען פאַרען בײַ זײַנע אַרבעטס־מכשירים, און זי האָט פאַרשטאַנען, אַז מ'דאַרף זיך אַוועקזעצן צו דער אַרבעט.

גאָר אַנדערש ווי אַלע מאָל, האָט דעם טאָג אין איר געבושעוועט אַ שטאַרקער אומרו. יעדע מינוט האָט זיך איר אויסגעדאַכט, אַז זי הערט אַן עראָפּלאַן־גערויש איבער די הייזער, איבער די בנינים פון אינסטיטוט, אַ לויפן איבער טרעפּ אין די קעלערס, אָבער ווען זי האָט זיך אַרומגעקוקט איבערן ברייטן זאַל און געזען ווי אַלע זיצן רויִק ביי דער אַרבעט, האָט זי זיך ווי פאַרשעמט.

אַן ערגערניש האָט זי באַהערשט. אָט זיצט זי אין אַ ווינקל, אין אַן אינסטיטוט, באַשיצט און פאַרשטעלט מיטביימער, ווײַט פון אַ געפערלעך אָרט. „כ׳וועל זיך אַריבערכאַפּן קיין תל־אביב״ — האָט זי באַשלאָסן.

נאָך דער אַרבעט איז זי אַרויס צום שאָסיי. דער פאַרקער האָט אויסגעזען צו זײַן נאָרמאַל. אויפן הימל זעט מען נישט קיין עראָפּלאַנען. וואָס זי האָט יאָ באַמערקט — אַז אויף די אויטאָבוסן מוז מען וואַרטן אַ ביסל לענגער, און די יונגע שאָפערן, ווייזט אויס, זענען איבער נאַכט פאַרביטן געוואָרן אויף מענטשן מיט גרויע קעפּ.

איבערן וועג איז נישט געווען צו זען קיין מיליטערישע באַוועגונג. די פויערים אַרבעטן אויף די פעלדער. אין דער שטאָט תל־אביב איז געווען עפּעס מער צו באַמערקן.

לענג־אויס דעם ים־ברעג זענען געווען אָנגעשטעלט האַרמאַטן מיט די לופעס צום אָפענעם ים. די מאַנשאַפטן פון די אַרטילעריע־באַטעריעס האָבן געטראָגן קאַסקעס, געשטאַנען אין מיליטערישער גרייטקייט. אָנקוקנדיק די ערנסטע פּנימער פון די סאָלדאַטן איז זי רויִקער געוואָרן. זי איז געגאַנגען לענג־אויס דעם ים־ברעג און נישט געקאָנט זיך אָפּרייסן פון די געדיכטע באַדן־אַרטילעריע־באַטעריעס, פון די אָפיצירן, וועלכע האָבן נישט אַראָפּגענומען די גרויסע לאָרנעטעס פון די אויגן. ס׳איז געווען פאַר איר אַן איבעררעשונג צו זען אָט־אָ די בחורים אויף זייערע פּאָסטנס. זי האָט ווייטער געשפּאַנט און ביי יעדער האַרמאַטן־באַטעריע, וואָס זי האָט דערזען, האָט זיך איר אַלץ אויסגעדאַכט, אַז זי זעט יורמען. אין מיטן וועג זענען צוויי מאָל פאַרגעקומען לופט־אַלאַרמען, אָבער די מענטשן — האָט זי באַמערקט — גייען אַראָפּ פון גאַס מיט אַזאַ ווידערווילן, ווי ס׳וואָלט זיי נישט געווען ניחא דאָס אויסבאַהאַלטן זיך אין קעלערן, ווי זיי וואָלטן זיך געוואָלט פאַראייניקן מיט די זעלבער אויף די פּאָזיציעס.

זי איז אַהיימגעקומען אַ ביסל אַן אויפגעהייטערטע, אָבער פון דעם, וואָס זי האָט געזען און געהערט האָט זי נישט געקאָנט זיך אויסאַרבעטן אַ פאַרשטעלונג וועגן באַשטאַנד פון די מיליטערישע כוחות פוןביידע צדדים.

צו מאָרגנס, ווען זי איז אויפגעשטאַנען, האָט זי גענומען אַריינקוקן אין אַ גרויסער מאַפּע פון די ישראל־גרענעצן מיט די שכנותדיקע לענדער, און יעדן פּלאַץ, וווּ ס׳קומען פאָר די קאַמפן, האָט זי באַצייכנט מיט אַ רויטער פעדער.

די נייעסן פון פראָנט זענען געווען אַזוי איבערראַשנדיק, אַז זי האָט נישט באַוויזן אַלץ גענוי זיך אויסצוטײַטשן. זי האָט קוים פאַרצייכנט די קורץ־טרוקענע אָפיציעלע מעלדונגען:

„לאַטרון און דזשענין זענען געוואָרן פאַרנומען".

„די מצרים זענען געוואָרן אַרויסגעטריבן פון רפיח, אל עריש און חאן־יוניס".

„צה"ל האָט פאַרענדיקט דאָס פאַרנעמען צפון־סיני".

אַ ביסל שפּעטער האָט זי ווידער אין ראַדיאָ דערהערט אַ ידיעה, וואָס איז פאַר איר געווען אַן איבערראַשונג, און זי האָט געצווייפלט, צי זי האָט ריכטיק פאַרשטאַנען דעם העברעיִשן אינהאַלט:

„דער פייגטלעכער לופטפלאָט איז אינעם ערשטן טאָג פון די קאַמפן געוואָרן פאַרניכטעט. דער גרעסטער טייל — אויף דער ערד, אויף די מיליטערישע לופטפעלדער, פונעם שונא".

ערשט שפּעט ביי נאַכט, ווען דער קאָמאַנדיר פון ישראלדיקן לופט־פלאָט, גענעראל מרדכי הוד, האָט די ידיעה פערזענלעך געמאָלדן, איז זי געווען זיכער, אַז זי האָט דעם אינהאַלט ריכטיק פאַרשטאַנען:

„היינט האָבן מיר זיך פאַרמאָסטן מיט די לופט־כוחות פון מצרים, סיריע און ירדן. אין די דאָזיקע קאַמפן האָבן מיר פאַרניכטעט איבער פיר הונדערט עראָפּלאַנען פונעם שונא. אין מצרים אַליין דרייהונדערט עראָפּלאַנען. פון זיי: 30 שווערע באָמבאַרדירער פונעם טיפּ „טאָפּאָלעוו 16", 27 מיטעלע באָמבאַרדירער, 12 קאַמפס־עראָפּלאַנען „סוכאָי 7", 90 „מיג 21", 20 „מיג 17" און נאָך 32 טראַנספּאָרט־עראָפּלאַנען און העליקאָפּטערס. 20 פון די עראָ־פּלאַנען זענען געוואָרן אַראָפּגעשאָסן אין לופט־קאַמפן. אין סיריע זענען פאַרניכטעט געוואָרן 52 עראָפּלאַנען, פון זיי 30 „מיג 21", 20 „מיג 17" און צוויי באָמבאַרדירער „איל 28". אין ירדן איז געוואָרן פאַרניכטעט כמעט דער גאַנצער מיליטערישער לופטפלאָט: 20 „האַנטער", און 7 ספּאָרט־עראָפּלאַנען און העליקאָפּטערס".

אַ ביסל שפּעטער האָט יאַניאַ ווידער פאַרנאָטירט:

„ירושלים האָט זיך געפונען אַ גאַנצע נאַכט אין אַלאַרם־צושטאַנד. די שטאָט איז געדיכט באַשאָסן געוואָרן דורך ירדנישער שווערער אַרטילעריע און מינען־וואַרפערס".

„די ירדנישע ראַדאַר־סטאַציע אין מעלה החמשה איז פאַרנומען געוואָרן דורך אונדזערע כוחות".

„די סיריער באַשיסן מיט אַרטילעריע־פייער אַלע גרענעץ־ישובים. אַ ספּעציעל שווער פייער איז אָנגעצילט אויפן קיבוץ דן און משמר הירדן".

„אויפן דרום־פראָנט זענען געוואָרן פאַרנומען די פאָדערשטע פּאָזיציעס פון די מצרים, אין דער געגנט פון כונתילה. אין די הענט פון אונדזערע כוחות איז אַריינגעפאַלן אַ גרויסער שלל פון רוסיש געווער און ס׳זענען גענומען געוואָרן אַ גרויסע צאָל געפאַנגענע".

„אויפן מזרח־פראָנט האָבן די ירדנער אָנגעגריפן אַ סך פונקטן אין דער לענג פון דער גרענעץ".

„ביי נאַכט האָבן די ירדנער באַשאָסן מיט לאַנג־דיסטאַנץ־האַרמאַטן די געגנט פון תל־אביב. ס׳איז געטראָפן געוואָרן די פאַרשטאָט תל־ברוך".

„די ירדנער האָבן פאַרכאַפּט דעם ארמון הנציב, די הויפּטקוואַרטיר פון אונאַ און דעם שטח אַרום. פאַר טאָג האָבן די ירדנער געעפנט אַ פייער אויף טירת צבי, און מיט שווערער אַרטילעריע באַשאָסן דער הר הצופים".

„אין אַ קעגנאָנגריף האָבן אונדזערע כוחות אַרויסגעשטויסן די ירדנער פון פאַרנומענעם שטח אין ירושלים און אויפן ארמון הנציב פלאַטערט די ווייסבלויע פאָן".

מיטאָגצייט האָט זיך געהערט די שטימע פון משה דיין:

„זיי זענען מער פון אונדז, אָבער מיר וועלן זיי בייקומען — האָט געזאָגט דער זיכערהייטס־מיניסטער צו די חיילים — מיר זענען אַ קליין פאָלק, אָבער אַ דרייסט פאָלק. מיר ווילן שלום, אָבער מיר זענען שטענדיק גרייט מלחמה צו האַלטן פאַר אונדזער לעבן און אונדזער לאַנד".

אין דער לאַבאָראַטאָריע האָט מען גערעדט אויפן קול: פון די מצרישע לופט־באַזעס איז קיין זכר נישט געבליבן. אַלץ איז פאַרברענט און פאַרניכטעט. אין תל־אביב איז שטיל. די געשעפטן זענען אָפן. אַלץ „קלאַפּט", אַפילו „אל על" האָט נישט אָפּגעשטעלט דעם לופטפאַרקער.

וואָס פאַר אַ מלחמה איז דאָס? — האָט זי זיך געוווּנדערט — צי איז עס מעגלעך, אַז זינט דער לעצטער וועלט־מלחמה זענען פאָרגעקומען אַזעלכע סטראַטעגישע רעוואָלוציעס, וואָס קאָנען דורך עטלעכע טעג באַווייזן דאָס, וואָס ס׳האָט אַ מאָל געדויערט יאָרן? און נאָך עפּעס: ווי אכזריותדיק ס׳זאָלן נישט זיין די איצטיקע קאַמפן אויף די שלאַכטפעלדער, איז

אָבער צווישן די סעמיטישע פעלקער דער באַרבאַריזם נישט אַזוי שטאַרק, ווי ער איז געווען אין קולטורעלן אייראָפּע צווישן בערלין און לאָנדאָן. קיינער פון די קעמפנדיקע צדדים האָט נישט געפּרוווט צו מאַכן לופט־אַטאַקעס אויף אָפענע שטעט. צה״ל האָט נישט באָמבאַרדירט קאַיר און די עגיפּטער האָב נישט געוואַגט אַנצורירן תל־אביב.

אירע געדאַנקען האָט זי פאַר קיינעם נישט אַרויסגעזאָגט. זי האָט פאַרשטאַנען, אַז איר אויפנעם איז אַנדערש פון דעם אויפנעם פון די ותיקים און סאַברעס.

דעם זעלבן טאָג, ווען ס׳זענען אָנגעקומען די מיטאָג־צייטונגען האָט זי פּאַראינטערעסירט אַ פּאָליטישע ידיעה, וואָס איז געווען אָנגעגעבן מיט קידוש לבנה אותיות:

„דער זיכערהייטס־ראַט קאָן נישט פעסטשטעלן ווער ס׳איז געווען דער אָנגרייפער״.

„איך קאָן נישט פעסטשטעלן ווער ס׳האָט געגעבן דעם ערשטן שאָס״ — האָט דערקלערט או טאַנט, דער גענעראַל־סעקרעטאַר פון די פאַראייניקטע פעלקער״.

— אַהאַ! — איז זי אַזש אויפגעשפּרונגען — דאָס איז דער פּאַטש, וואָס או טאַנט האָט צוריקדערלאַנגט נאַצערן פאַר אַרויסטרייבן די אונאָ־סאָלדאַטן.

דעם טאָג איז שוין די סיטואַציע געוואָרן קלאָרער:

„צה״ל האָט פאַרנומען די אַלטשטאָט פון ירושלים און שכם״.

„אַ גרויסער מיליטערישער כוח איז אַריין דורכן „לייבן־טויער״ און פאַרנומען דעם גאַנצן שטח הינטער די מויערן״.

„משה דיין האָט ביים כותל המערבי צוגעשווירן די פּאַראַשוטיסטן: „מיר וועלן קיין מאָל פון דאַנען נישט אַוועקגיין!״.

„די פּאַראַשוטיסטן־דיוויזיע ליקווידירט די נעסטן פון ירדנישע סנייפּערס אין די ענגע געסלעך פון דער אַלטשטאָט״.

זי איז באַהערשט געוואָרן פון אַ פאַרלאַנג צו לויפן אַהין, ווו די קאַמפן קומען פאָר, עפּעס טאָן, מיט עפּעס צוהעלפן, נישט זיצן אין אַזעלכע גורל־דיקע טעג מיט פאַרלייגטע הענט, אין אַ רויִק ווינקל צווישן מויערן. ווי אַזוי מאַכט מען דאָס? ווו גייט מען זיך פאַרשרייבן?

אַ שטאַרק קלאַפּן אין טיר האָט איבערגעריסן אירע געדאַנקען. ס׳איז

ראַש אַריין ד״ר אביגדור. זי האָט אים כמעט נישט דערקענט. ער איז געווען אָנגעטאָן אין אַ כאַקי־אוניפאָרם. ער האָט אַ ביסל געסאָפּעט:

— כ׳בין געלאָפן מיט אַלע כוחות. אַ זעלטענע געלעגנהייט... הייבט זיך נישט אָן איבערצוטאָן, נאָר ווי איר שטייט און גייט! מאַיאָר צביה נעמט אונדז מיט קיין ירושלים. גלייך אויפן הר הצופים — זאָגט ער — ווען מיר אַרויף.

זי האָט אַ כאַפּ געטאָן איר האַנטבייטל און אַרויס פון צימער. אונטן האָט געוואַרט אויף זיי אַ מיליטערישער דזשיפּ. דער מאָטאָר האָט געאַרבעט. פון פאָרנט זענען געזעסן צוויי באַוואָפנטע אָפיצירן. איינער פון זיי האָט מיט אַ שמייכל געעפנט דאָס טירל. יאַניאַ איז אַריינגעשפּרונגען אינעווייניק און נאָך איר — ד״ר אביגדור.

— פאָר איבער רמלה! — האָט דער מאַיאָר געזאָגט צום צווייטן — ס׳וועט זיין נענטער.

— איר זעט — ד״ר אביגדור האָט עפּעס אַרויסגענומען פון טאַש — כ׳האָב מיטגענומען מיין טראַנזיסטאָר.

„קאַיר מעלדעט — מיר וועלן ממשיך זיין צו פירן די מלחמה".

„ירדן האָט זיך פולשטענדיק איינגעבראָכן".

„כוסיין האָט דורך וואַשינגטאָן אָנגעהויבן אונטערהאַנדלונגען וועגן פייער־איבערייס".

דער דזשיפּ איז געלאָפן מיט אַ מוראדיקער שנעלקייט. די רעדער זענען אונטערגעשפּרונגען. זיי האָבן אַלע איבערגעיאָגט, געאיילט קיין ירושלים.

— וואָס זענט איר אַזוי צעטראָגן? — האָט ד״ר אביגדור אַ קוק געטאָן אויף יאַניען — איר האָט אפשר מורא אַריינצופאָרן אין אַ שיסעריי?

— נישט אין דעם גייט מיר. כ׳קלער נאָר, צי מ׳וועט אונדז אַריינלאָזן.

— די זאָרג לאָזט איבער פאַר אונדז.

— וועלן מיר טאַקע זיין פון די ערשטע אויפן הר הצופים?

— ווי ציווילע — פון די סאַמע ערשטע.

דער וועג האָט איר אויסגעוויזן ציט זיך זייער לאַנג און זי האָט ווידער געפרעגט:

—— ס׳איז נאָך וויַיט קיין ירושלים?

— אָט זענען מיר שוין אויפן קאַסטעל־באַרג.

איינער פון די אָפיצירן האָט אַ קוק געטאָן אויפן האַנטזייגער:

— עפנט דעם טראַנזיסטאָר!

„דרייסיק רוסישע טאַנקען פון טיפ „54 T״ זענען געוואָרן פאַרניכטעט אויפן דרום־פראָנט״.

„די מצרים אַנטלויפן פון סיני און לאָזן איבער די שיך אויף די וועגן״.

„צה״ל געפינט זיך שוין אין געוויסע פונקטן דרייסיק קילאָמעטער פון סועץ־קאַנאַל״.

„דער זיכערהייטס־ראַט האָט איינשטימיק באַשלאָסן אויפצופאָדערן די צדדים אָפּצושטעלן דאָס פייער״.

— אַלע מאָל אַזוי — האָט ד״ר אביגדור קאָמענטירט — ווען דער זיכערהייטס־ראַט הערט, אַז די אַראַבער ליידן אַ מפּלה, איילט ער זיך מיט אַ באַשלוס זיי צו ראַטעווען. ווען ס׳וואָלט געווען פאַרקערט, וואָלט ער זיך גאָרנישט אַזוי געאיילט...

יאַניאַ האָט געוואָלט עפּעס איבערפרעגן, אָבער ד״ר אביגדור האָט אויפגעהויבן דעם טראַנזיסטאָר נאָענט צו די אויערן:

— רבין רעדט!

„דאָס מצרישע מיליטער איז געוואָרן באַזיגט. דער גאַנצער האַלב־אינדזל סיני געפינט זיך אין אונדזערע הענט״.

באַלד האָט דיין מוסיף געווען:

„דער מצרישער פאַפּירענער לעמפּערט האָט זיך איינגעבראָכן״.

— איר זעט, אַז כ׳בין גערעכט געווען. קיין צען בלעטלעך וועט איר שוין געוויס נישט אָנשרייבן אין אייער מלחמה־טאָגבוך.

— האָט שוין נאַצער קאַפּיטולירט?

— אין דעם גייט עס דאָך. נאַצער האָט אַ בייז האַרץ אויף מאָסקווע, וואָס זי האָט אים „אונטערגעפירט״... שטעלט ער זיך איצט אַקעגן דעם קרעמל און וויל נישט מודה זיין אין דער מפּלה. אָבער די רוסן וועלן געוויס זיך נישט לאָזן שפּייען אין דער קאַשע אַריין...

— און נישט בלויז צו מאָסקווע — דרייט זיך מאיר צביה אויס מיטן פּנים צו די ציווילע — אויך צו אונדז האָט ער טענות, וואָס מיר האָבן אים נישט צוגעשטעלט... וואַסער.

— וואָס מיינט איר דערמיט צו זאָגן — איז יאַניאַ נייגעריק.

— איך קום פון דאָרטן. אין דער מידבר שפּילט מער אַ ראָלע וואַסער

ווי פײַער. איך אַליין האָב פון פראָנט געמאָלדן: „שיק ווייניקער אַמוניציע און מער וואַסער".

דער דזשיפּ איז אַרײַנגעלאָפן אין שטאָט אַרײַן. דעם טאָג האָבן די ירושלימער פרײַער אָפּגעעטעמט. דאָס האַרמאַטן־פייער פון מזרח איז אין גאַנצן דערשטיקט געוואָרן. זיי זענען אַרויס פון די שוצקעלערס און מיט שמחה פאַרפולט די גאַסן.

דער דזשיפּ האָט פאַרקערעוועט אין די שמאָלע געסלעך פון מאה שערים. נאָענט ביי דער אַלטער גרענעץ זענען די געסלעך געווען פאַרשאָטן מיט גלאָז און די הייזער — דורכגעלעכערט מיט שראַפּנעלן. קופּעס גרוז האָבן פאַרשטעלט דעם וועג. ביים מאַנדעלבאַום־טויער האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט. אַ שטרענגע מיליטער־וואַך האָט פאַרשטעלט דעם וועג פאַר ציווילע, וועלכע זענען געשטאַנען ביים שלאַבאַן און געוואָלט אַרײַנדרינגען. מאַיאָר צביה האָט אַרויסגערוקט דעם קאָפּ, עפּעס אַ זאָג געטאָן דעם וואַך־אָפיציר און דער דזשיפּ איז אַרײַנגעלאָפן אין מזרח־ירושלים.

אַ פּאָר טריט נאָכן מאַנדעלבאַום־טויער האָט מאַיאָר צביה געהייסן אָפּשטעלן דעם דזשיפּ און אַ זאָג געטאָן צו ד"ר אביגדור:

— איר זעט פון אינעווייניק? אויב נישט — קומט אַרויס! אָט דאָ זענען געווען נעסטן פון זייערע מינען־וואַרפערס. קוקט אויף די ערדלעכער־גריבער, זעט ווי פּינקטלעך אונדזער אַרטילעריע האָט זיי אָנגעטראָפן. הינטער דעם הויז פון דער רעכטער זייט וועג האָבן זיי געהאַט אַ פּאָר האַרמאַטן. איר זעט ווי זיי זענען פאַרשיט?

ס'זענען זיי אַקעגנגעקומען טאַנקען און דער דזשיפּ האָט געמוזט אַראָפּ פון וועג אין פעלד אַרײַן. די בחורים זענען געשטאַנען אין דרויסן אויף די טאַנקען. פאַרשטויבטע, באַוואַקסענע, האָבן זיי געשאַלט און געזונגען.

אַ ביסל ווייטער, האַרט ביים וועג, האָט גערוט אַ קאָמפּאַניע פון דער ירושלימער דיוויזיע. די זעלנער, באַוואָפנטע מיט לאַנגע ביקסן, זענען געווען באַוואַקסן מיט בערדלעך און געקרייזלטע פּאות, אַרומגעוויקלטע הינטער די אויערן. בײַ טייל פון זיי האָבן די ציצית זיך אַרויסגעזען פון אונטער די בלוזעס. דאָ און דאָרט איז איינער געשטאַנען אָנגעטאָן אין תפילין און געדאַוונט פון אַ סידורל אַרויס. די וואָס האָבן געדרעמלט, האָבן געהאַלטן די ביקסן צווישן די פיס. מ'האָט זיי געוועקט עסן, אָבער קיינער

האָט זיך נישט אויפגעשטעלט. זיי זענען געווען אַזוי מיד, אַז זיי האָבן בעסער געוואָלט כאַפּן אַ דרעמל.

— אָט זענען מיר אויפן הר הצופים! — איז דער מאַיאָר דער ערשטער אַראָפּגעשפּרונגען פון דזשיפּ. די אָפיצירן זענען אַריין אינעווייניק אין דער געביידע און ד״ר אַביגדור מיט יאַניען זענען געבליבן שטיין לעבן די שיס־גריבער, וואָס האָבן אַרויסגעקוקט פון הינטער די מויערן.

— פון דאַנען האָבן זיי זיך פאַרטיידיקט — זאָגט ד״ר אַביגדור — זיי זענען געווען אַרומגערינגלט און געקעמפט, נישט אַרויפגעלאָזט דעם שׂונא אויף זייער טעריטאָריע.

— און זיי האָבן אויסגעהאַלטן דאָס אַרטילעריע־פייער?

— נאָך ווי! אַפילו אַטאַקעס פון דער נאָענט האָבן זיי אָפּגעשטויסן, און פאַרגעסט נישט, אַז למעשה איז דאָ געווען בלויז אַ פּאָליציי־אָפּטייל.

— ס'זענען געפאַלן אַ סך קרבנות?

— מ'ווייס נאָך נישט וויפל.

ד״ר אַביגדור האָט פאַרפירט אַ שמועס מיט עטלעכע זעלנער און יאַניאַ איז אַוועקגעגאַנגען אַ ביסל פאַרויס צום באַרג־אַראָפּהאַנג.

ערשט איצט האָט זי געזען ווי שיין ירושלים איז. באַרג און טאָל זענען געווען איינגעהילט אין אַ שלווהדיקער רויקייט, ווי ס'וואָלט גאָר נישט פּאַסירט, ווי זי וואָלט איצט אויפגעשטאַנען נאָך אַ לאַנגן שלאָף. פון קעגן איבער האָבן אָפּגעשפּיגלט גאָלדענע און זילבערנע קופּאָלן. אויף די מויערן פון אַלטשטאָט איז אויפגעגאַנגען אַ העל ליכט, געמאַכט די מויערן העכער, שטאָלטנער און יינגער. די באַוועגונג אין טאָל האָט אויסגעזען אַזוי נישטיק און קליין, גלייך ווי אַקעגן דער „אייביקער שטאָט" איז דער מענטש גאָר־נישט אַנזעעוודיק. דאָ און דאָרטן צווישן די בערג האָבן זיך געהויבן טורעמלעך און מיט זייערע שפּיצן זיך געריסן אין דער הייך אין הימל אַריין. זי האָט זיך געשטעלט אויף די שפּיץ פינגער און אַריינגעקוקט אינעווייניק אין דער אַלטשטאָט. אויף יענער זייט, לעבן דער מויער, האָט זי דערזען אַ גרויסן הויף, אין מיטן הויף — אַ גרויסע וואַששיסל און לעבן איר — אַ קופּערנע שעפּ. פון הינטער דער מויער קומט אַרויס אַ גרויער מאַן, אַ הויכער, אָנגעטאָן אין אַ פּורפּורנעם כאַלאַט. מיט אַ רויטן גאַרטל אַרום די לענדן און אַ ווייס מיצל אויפן קאָפּ. ער שטעלט זיך אַוועק ביי דער וואַששיסל און אַ קליין יינגל גיסט אַרויף אויף זיינע הענט אַ פולע שעפּ

וואַסער. דער גרויער מאַן ווישט נישט אָפּ די הענט. ער הייבט זיי אויף קעגן איבער די זון, און ווען זיי זענען שוין טרוקן, שטעלט ער זיך מיטן פּנים צו מזרח. זיינע אויגן פֿאַרמאַכן זיך און די פֿינגער צעשפּרייטן זיך אויף־געהויבערנערהייט. זיינע ליפּן נעמען ציטערן. ער בייגט זיך און שאָקלט זיך צום באַפרייטן באַרג...

דאָס געשטאַלט פֿונעם אַלטן מאַן האָט גענומען זיך פֿונאַנדערגיין אין די זונשטראַלן פֿון מיטאָגצייט און זי האָט נאָך אַלץ נישט פֿון דאָרט געקענט אָפּרייסן איר בליק. ערשט עמעצער האָט פֿעסט זי אָנגענומען ביי דער האַנט און זי האָט זיך דערשראָקן אומגעקוקט.

— ווו זענט איר אַוועק? — האָט ד״ר אַביגדור זיך געבייזערט — די אָפּיצירן איילן זיך. איר האָט בכלל דאָ נישט געטאָרט אַהערגיין. דאָ ליגן נאָך מינעס.

ער האָט זי גענומען אונטערן אָרעם, צוגעפֿירט צום דזשיפּ.

ווען זיי זענען אַראָפּגעפֿאָרן פֿון באַרג האָט זיך מאַיאָר צביה אויס־געדרייט און אַריינגערעדט אין דזשיפּ אַריין:

— דאָ, דורך דעם וועג, איז יעדע צווייי וואָכן אַדורכגעגאַנגען אונדזער קאַראַוואַן, באַגלייט מיט אונאָ־סאָלדאַטן, וואָס האָט צוגעפֿירט שפּייז און איבערגעטוישט אונדזער מאַנשאַפֿט אויפֿן הר הצופֿים. דאָ, אין דער גאַס, האָט מען תמיד דעם קאַראַוואַן באַוואָרפֿן מיט שטיינער. צוואַנציק יאָר זענען מיר דעם וועג דורכגעגאַנגען ווי געפֿאַנגענע, ביז — איר זעט? אויף די דעכער און גאַניקלעך, פֿון וועלכע ס׳האָט געהאָגלט מיט שטיינער, האָבן זיי אַרויסגעהאָנגען ווייסע פֿענער.

— קערן מיר זיך שוין אום קיין רחובות?

— אָ, ניין! מיר וועלן עולה זיין צום כותל — זאָגט דער מאַיאָר.

ווען זיי זענען צוגעקומען צום ברייטן שאָסיי אין טאָל, האָבן זיי דער־פֿילט דעם ריח פֿון אַ שׂריפֿה. יאַניאַ האָט אַזש אויפֿגעציטערט. פֿאַרברענטע דזשיפּן און פּאַנצער־וועגענער מיט צייכנס פֿון צה״ל האָבן נאָך געטליעט מיט רויך. די קאַסקעס פֿון די געפֿאַלענע זענען געווען צוזאַמענגענומען און אָנגעלייגט איינס אויף ס׳אַנדערע. דער וועג און די טראָטואַרן זענען געווען באַגאָסן מיט בלוט. דער מאַיאָר האָט אַ זאָג געטאָן:

— זיי זענען געווען פֿון די ערשטע, וואָס האָבן געשטורעמט די אַלט־שטאָט און געטראָפֿן געוואָרן פֿון די מויערן אַראָפּ.

ביים אַרויספאָרן אויפן באַרג האָבן זיך נאָך געהערט איינצלנע ביקסן־שאָסן.

— מ׳רייניקט נאָך אַלץ די סנייפּערס? — האָט זיך דער מאַיאָר גע־וווּנדערט.

זיי האָבן אָפּגעשטעלט דעם דזשיפּ אַ שפּאַר שטיקל וועגס פאַרן שער־אַשפּה. יאַניאַ איז געגאַנגען מיט די אָפיצירן און ד״ר אַביגדור איז געבליבן אַ ביסל הינטערשטעליק. פאַרן טויער איז געווען אַרויסגעהאָנגען אַ גרויסער טאָוול מיט ענגלישע שילדן פון די נאַכטלאָקאַלן און קנייפּעס, וואָס האָבן זיך געפונען אינעווייניק. אַן ענג שמאָל געסל, אָנגעפּראָפּט מיט געוועלבלעך, האָט געפירט צום כותל. די טירן מיט באַפּאַרבטן גלאָז און פאַרהענגלעך זענען געווען אָפן, אָבער קיינער איז שוין אינעווייניק נישט געווען. יאַניאַ האָט געהערט, ווי די אָפיצירן האָבן צווישן זיך אַ רעד געטאָן און זייערע פּנימער — האָט זי באַמערקט — זענען מלא כעס. זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט, געוואַרט ביז ד״ר אַביגדור איז צוגעקומען.

— אַט אַזוי האָט כוסיין אָפּגעהיטן די הייליקע ערטער — האָט דער מאַיאָר געקריצט מיט די ציין — לא די, וואָס זיי האָבן קיין ייִדן נישט צוגעלאָזט, זעט וואָס זיי האָבן דאָ אָפּגעטאָן! אין די אַלע געוועלבלעך דאָ, אויף וועלכע איר זעט נאָך די שילדן פון נאַכטלאָקאַלן, האָבן זיי געמאַכט זנות־לעכער. טוריסטן האָבן דאָ אַהער געשטראָמט, בויך־טענצערינס האָבן דאָ געטאַנצט און שיכורים האָבן דאָ פראַנק און פריַי געפירט זייער אויס־געלאַסן לעבן. דאָס פאַרשוועכן אַ ייִדיש הייליקטום איז קיינעם נישט אָנגע־גאַנגען. דער פּויפּסט האָט נישט פּראָטעסטירט און או טאַנט האָט נישט געשיקט קיין אויספאָרש־קאָמיסיע.

זיי האָבן פאַרקערעוועט אַ ביסל רעכטס. אַ שטויב האָט זיך אויפגעהויבן אונטער זייערע טריט. קיין ציווילע מענטשן האָט מען נאָך נישט געזען. אַרום האָבן געמיגניעט די רויטע היטעלעך פון פּאַראַשוטיסטן, וואָס זענען אַהערגעקומען צום כותל. מאַנכע האָבן שטילערהייט מתפלל געווען.

יאַניאַ איז געבליבן שטיין אַ ביסל פון ווייטן און געזען, ווי ס׳דערנענ־טערט זיך אַ הינקענדיקער סאָלדאַט אין אַ רויט היטל. דער „עוזי״ האָט שלאַבעריק געהאָנגען אויף זיין אָרעם און דער גאַרטל איז געווען באַהאָנגען מיט קוילן־מאַגאַזינדלעך און האַנט־גראַנאַטן. ער האָט געטראָגן בלויז איין געלן שיך. זיין רעכטער פוס איז געווען אַרומבאַנדאַזשירט ביז דער קני

און ער איז געגאַנגען אַנגעשפּאַרט אויף אַ שטעקן. אינסטינקטיוו איז זי אים אַקעגנגעלאָפן. אַ רגע האָט זי אים אַריינגעקוקט אין די אויגן, און ווען ער האָט גאָרנישט געזאָגט, האָט זי לייכט אים אָנגענומען ביי דער האַנט און געפירט אונטערן אָרעם. זי איז אָפּגעגאַנגען מיט אים עטלעכע טריט, אָבער דער בחור האָט צו איר נישט גערעדט. ער האָט נאָר אַ ווייז געטאָן, זי זאָל אים פירן צום כותל. זי האָט געזען ווי ביי יעדן טריט פאַר־קרימט זיך זיין פּנים פאַר ווייטיק. יעדע פּאָר טריט האָט ער זיך אָפּגע־שטעלט. זיינע אויגן האָבן געקוקט צו דער וואַנט, ווי ער וואָלט ציילן וויפל טריט עס זענען נאָך געבליבן צו איר. זי האָט אים צוגעהאַלטן מיט דער לינקער האַנט און מיט דער אַנדערער אים אַרומגענומען ביי די לענדן. ער איז געווען העכער פון איר און ס׳איז אויסגעקומען, אַז מיטן פּנים האָט זי אָנגערירט זיין האַלדז און זיין גאָמבע. אַ מאָדנע געפיל האָט אין איר אויפ־געבראָכן. זי האָט געוואָלט אים אַ כאַפּ טאָן אויף די הענט, ווי אַ קליין קינד. ערשט עטלעכע טריט פאַר דער וואַנט האָט זי געהערט זיין שטימע. ער האָט געבעטן זי זאָל אים אָפּלאָזן. ער האָט אַוועקגעוואָרפן דעם שטעקן, געשטעלט אַ טריט פאָרויס, זיך אַ וואַקל געטאָן און אַרויפגעפאַלן מיטן פּנים אויף דער וואַנט. ער האָט הויך אויפגעהויבן די הענט, מיט די שפּיץ פינגער זיך אָנגעכאַפּט אין די שפּאַלטן און לאַנג, לאַנג געקושט די הייליקע שטיינער...

ווען ס׳איז טאָג געוואָרן, האָט פון גאָר ווייט דער חרמון־באַרג גענומען שיינען מיט שניי, וואָס איז נאָך געלעגן אויף זיינע שפּיצן.

יורם איז אַ גאַנצע נאַכט נישט געשלאָפן, און ווען ער האָט פאַר טאָג איינגעדרימלט, האָט ער זיך געזען ביי יעלן אין הויז. ס׳איז געווען די אייגענע יעל וואָס אַ מאָל, נאָר אַ ביסל — האָט זיך אים אויסגעדאַכט — מידער און דערשראָקענער. ער האָט געוואָלט גיין מיט איר שפּאַצירן אין די סעדער, אָבער זי האָט אים פון שטוב נישט אַרויסגעלאָזט. זע — האָט זי אים געוויזן מיטן פינגער דורכן פענצטער — דער באַרג שפּייט מיט פייער און דו דרייסט זיך דאָ אַרום אין ציוילע בגדים ?... פאַר גרויס שרעק, אַז ער איז אָן געווער, האָט ער זיך אויפגעכאַפּט און אַ קוק געטאָן אויף זיך. ער איז געווען אָנגעטאָן אין די שיך, מיט דער גאַנצער באַוואָפענונג אויף זיך. וואָס דרייט זי דאָרט אַ קאָפּ, די יעל ? — האָט ער אַזוי זיך אַ זאָג געטאָן.

דער חלום האָט נאָך געשוועבט פאַר זיינע אויגן, און ער האָט אויסגע־שפרייט די פעלדמאַפּע אויף די קני׳ען: ריכטיק — איך געפין זיך נישט ווייט פון יעלס הויז. מיטן דזשיפּ איז עס ממש אַ שפּאַציר.

ער איז אַ ביסל אָפּגעגאַנגען פון זײַן לאַגער, אײַנגעוואַשן דעם קאָפּ מיט קאַלטן וואַסער און געוואָרן אָפּגעפרישט. ער האָט געטראָפן רפין און זאָבקן און זיך מיט זיי דערפרייט. זיי האָבן אַלע זיך אַוועקגעזעצט טרינקען קאַווע.

— ירושלים איז שוין באַפרייט — זאָגט רפי — און זיי האַלטן נאָך אין איין שיסן פון די בערג אַראָפּ.

— וועלן זיי טאַקע בלייבן די הערשער פון די גולן־בערג? — פרעגט זאָביק.

— איך מיין — זאָגט יורם — אַז מיר וועלן נאָך דאַרפן צו זיי אַרויפ־קלעטערן...

— ס׳איז נישט אַזאַ לייכט שטיקל אַרבעט, ווי דו שטעלסט זיך פאָר — שפּאַרט זיך זאָביק. זיי דאַרט אויבן זיצן אין בעטאָן־בונקערס מיט באַשיצטע שיסלעכער און מיר געפינען זיך אויפן פרייען פעלד. אַז מ׳וועט אַרויפגיין, וועלן זיי האָבן אַ גוטן צילבערעט. צווישן די פעלדזן וועט מען אַפילו קיין גריבל פאַרן קאָפּ נישט קענען מאַכן.

— מיר באַקומען פאַרשטאַרקונג. די פּאַנצער־דיוויזיעס, וואָס האָבן געקעמפט אין ירושלים, אײַלן אַהער — דערמוטיקט זיי יורם.

צווישן די טאַנקען זענען אַרומגעגאַנגען אָפיצירן און קאָנטראָלירט די קייטן. באַלד האָט אַן אַלאַרם־באַפעל זיי געשטעלט אויף די פיס און זיי זענען אַרייַנגעשפּרונגען אין די פּאַנצער־וועגענער.

— קדימה — פאָרויס!

יורם האָט באַקומען דורכן מיקראָפאָן פּרטים פון דער אַקציע. ער האָט געוווּסט וועלכער טאַנקען־פּאַלק עס וועט אַדורכברעכן דעם שטח פון די זרוע־פּאָזיציעס און דאַרפן איינעמען דעם אויבערשטן טייל. אַ ספּעציעלער אָפּטייל האָט די אויפגאַבע צו שיצן דעם אַדורכגעבראָכענעם וועג. ער מיט זיינע מענטשן וועלן ציען נאָך די טאַנקען און אַטאַקירן פון גאָר אַ צווייטער ליניע.

אויפן ערשטן טאַנק אין דרויסן איז געשטאַנען דער קאָמאַנדיר, אַ גברן. זיינע אויגן האָבן אויסגעדריקט זיכערקייט און דעצידירטקייט.

תחילת איז שטיל געווען. זיי האָבן שוין געהאַט זיך גערוקט אַ שפּאָר שטיקל פאָרויס — און אַרום זיי איז נישט געפאַלן קיין גראַנאַט, אָבער ווי נאָר זיי זענען אַרויסגעקומען אויפן פרייען פעלד, האָבן פון די בערג גע־נומען אויפפלאַמען פייערדיקע וואָלקנדלעך און אַנגעשלאָגן זיך אין די פאַנצער־וועגענער. דאָס פייער פאַרשטאַרקט זיך פון מינוט צו מינוט. די געטראָפענע טאַנקען און פאַנצער־וועגענער לייכטן אויף מיט אַ העליש פייער. דער גאַנצער שטח איז אָנגעגליט און אין דער היץ אַרייַן רייסן זיך נייע שערענגעס טאַנקען, הינטער וועלכע עס רוקן זיך מאָטאָריזירטע פוס־גייער־איינהייטן. פון אויבן טראָגט זיך אַ גערויש. מיראַזשן פליִען אַריבער, הייבן זיך אויפן באַרג אַרויף, קרייזן אַרום און זוכן די בונקערס. די בערג ציטערן אויף פון די שווערע קלעפּ פון די אויפרייסן, אָבער דאָס פייער פון די סיריער ווערט נישט שוואַכער.

— איך מיין — האָט יורם זיך אָנגערופן — אַז די מיראַזשן וועלן זיי ווייכער מאַכן.

— וואָס קאָנען די מיראַזשן דאָ אויפטאָן — שפּאָרט זיך רפי — אַז זייערע בונקערס האַלטן אויס פערטלטאָניקע באָמבעס.

ער האָט אָנגעשטעלט די לאָרנעטע און זיך אַרומגעקוקט. די ערשטע טאַנקען זענען שוין בײַם אַראָפּגאַנג פונעם באַרג. ער זעט, ווי אַ טאַנק ווערט אויפגעריסן פון אַ מינע. אַ טייל פון דער מאַנשאַפט שפּרינגען אַראָפּ און בלײַבן ליגן אונטערן פײַער אויפן פרײַען פעלד.

ס׳האָט זיי אויסגעמיטן אַ סאַפּערן־אָפּטייל און געאײַלט אויף באַרג אַרויף.

— אונדזערע טאַנקען האָבן נאָך נישט קיין מינען־כאַפּער, און מ׳מוז טאָן די מלאכה מיט די הענט — זאָגט יורם. זיי גייען פאָרויס אָפּצורוימען די מינעס.

— אַ טאַנק איז אַ טײַערע זאַך — כאַפּט אונטער רפי — מ׳קאָן גיכער מאָביליזירן טויזנט מענטשן ווי קויפן צען טאַנקען...

אַ קרייץ־פײַער האָט זיי אַרומגענומען פון אַלע זײַטן. נישט געווען קיין אויסוועג צו רוקן זיך פאָרויס. צוריק — איז קיין באַפעל נישט געווען. יורמס פאַנצער־אויטאָ האָט זיך אויף אַ מינוט אָפּגעשטעלט. דער טאַנק, וואָס האָט געראָלט פאָרויס, איז שטיל געבליבן: ער איז געטראָפן געוואָרן און אויפגעבליצט.

— אויסמײַדן די ברענענדיקע וועגענער — און פּאָרויס! — האָט געהילכט אַ באַפעל.

זיי האָבן אויסגעמיטן דעם ברענענדיקן טאַנק. נאָר צוויי פון דער מאַנשאַפט האָבן זיי געזען אַרויסשפּרינגען. זיי האָבן פּאַרקירעוועט אַ ביסל אין דער זײַט, כדי אויסצומיידן דאָס פײַער פון שונא, אָבער אויך דאָ האָט די אַרטילעריע אויפן באַרג זיי נישט אָפּגעלאָזט.

אַ גאַנצן טאָג האָט ער זיך געדרייט אין אַ פײַער־ראָד. אין דעם פײַער־ראָד ברענען טאַנקען, פּאַנצער־וועגענער, און אַרום ליגן פּאַרבלוטיקטע מענטשן. דער גולני־אָפּטייל האָט געהאַלטן אין מיטן שטורעמען תל־עזאזיאת און תל־פאחר. די זעלנער זענען אַרויסגעשפּרונגען פון די פּאַנצער־וועגענער און זיך אַרויפגעדראַפּעט אויף די בערג־פעלזן. דער פײַער־האָגל האָט זיי שיטערער געמאַכט. אָבער זיי האָבן נישט אויפגעהערט צו שטורעמען, גערוקט זיך אויף די בײַכער פּאָרויס, ביז זיי זענען צוגעקומען נאָענט צו די שטעכלדראָט־פּאַרצוימונגען.

— מיר האָבן בלויז צוויי שערן. די איבעריקע כלים זענען געבליבן אין די ברענענדיקע וועגענער.

— ווילסט אפשר צוריקגיין און ברענגען די כלים? — פרעגט ירון מיט חוזק.

— אָבער מיט וואָס וועט מען איבעררײַסן די שטעכלדראָטן?

— מיט האַנטגראַנאַטן — וואַרפט אַריין אַ וואָרט יורם.

אין גאַנצן אַ דרייסיק טריט טיילט זיי אָפּ פון פלויט. יורם האָט זיך אַרומגעקוקט. ער איז געבליבן מיט פינף מענטשן. איבער זייערע קעפּ פײַפן קוילן. שטאַרקע אויפרייסן אַרום זיי. פּלוצעם האָט זיין גאַנצער קערפּער זיך אַ וואָרף געטאָן, ווי ער וואָלט געוואוסט, אַז יעדע מינוט ליגן און וואַרטן הייסט אומקום. ער איז אויפגעשפּרונגען און אויסגעשריגן!

— א ח ר י י!

אַנטקעגן די רערן, וואָס האָגלען מיט פײַער, האָט ער גענומען לויפן צום פלויט צו. ער האָט מער נישט געהערט די שיסערײַ, נישט געזען דאָס פײַער. נאָך אַ טריט, צוויי, אַט האַלטן זיי שוין די שערן אין די הענט, האַקן אויף די ערשטע דראָטן. פּלוצעם דערפילט ער אַ ווייטיק אין אָרעם, די רעכטע האַנט ווערט ביי אים שלאַבעריק און מיד, ווי זי וואָלט אייַנגעשלאָפן.

— זאָל איך דיר העלפן? — פרעגט איציק.

— דו טו דאָס דײַניקע. איך וועל מיר שוין אַליין אַן עצה געבן.

פון אָרעם גיסט זיך ביי אים בלוט אין דער בלוזע אַריין און ווערט פאַרהאַלטן בײַם גאַרטל. די פאַרצוימונג איז שוין אַדורכגעשניטן ביז דער העלפט, אָבער דאָ אונטן זענען די פאָרטיפיקאַציעס פאַרבויגן מיט גראָבע בייגל שטעכלדראָט פון אינעווייניק, און דאָס פאַרהאַלט זיי. אָ, ווען ער האָט כאָטש אַ ברעט אַרויפצוואַרפן, מ׳זאָל קענען אַריבערשפּרינגען. ער פילט נאָך אַלץ נישט קיין שטאַרקן ווייטיק, בלויז דער „עוזי״ ווערט שווערער און הייבט זיך אָן אַרויסצוגליטשן פון זײַנע הענט... אין זײַן מוח בליצט אויף אַ געדאַנק. ווער ווייס, אפשר איז דאָס דער לעצטער לעבע־דיקער געדאַנק, וואָס איז אים איינגעפאַלן? אָט האָט ער שוין אויסגעטראַכט אַ דיק ברעט, אַ בריקל, איבער וועלכן מ׳קאָן אַריבערגיין און זיך נישט פאַרפּלאָנטערן אין די שטעכלדראָטן. קאָן איך נאָך שפּרינגען? — וויל ער ווייסן, און אינסטינקטיוו גיט ער זיך אַ וואָרף אויף דער גאַנצער ברייט פון די שטעכלדראָטן.

— אַריבערשפּרינגען איבער מיר! שנעל לויפט אַדורך! — באַפעלט ער מיט די לעצטע כוחות.

— צו ערשט האָט ער נאָך געציילט די טריט. יעדער טריט שנײַדט טיפער איין זײַן לייב אין די דראָטן אַריין. ער גלייבט שוין אַליין נישט, אַז זײַנע אויגן זעען נאָך, אָבער ער דערקענט דאָך יעדן איינעם, און אַזוי, מיטן פּנים צו דער ערד, זעט ער, ווי אַלע פינף זענען שוין אויף יענער זײַט פלויט. ס׳קומען נאָך אַנדערע, זיי שפּרינגען אַראָפּ פון אים און רייסן זיך אַרײַן אין די בונקערס. ס׳פּלאַצן האַנטגראַנאַטן, ס׳בליצן אויף מעסערס. מ׳האַלט נאָך אין איין לויפן איבער אים, אָבער מער ווי צוויי טריט מאַכט קיינער נישט איבער זײַן רוקן. יעדער טריט דריקט מער אַרײַן זיין ברוסט אין די שטעכלדראָטן, אָבער קיין ווייטיק פילט ער מער נישט. אַלץ הייבט זיך אָן אויסצומישן אין אַ גרויען נעפּל. וואָס אַ מאָל ווערט דער נעפּל טונקעלער און געדיכטער, ביז ער ווערט גאָר שוואַרץ און ער זעט שוין מער גאָרנישט...

ערשט ווען די פאָדערשטע צוויי בונקערס זענען פאַרנומען געוואָרן איז רפי צוריקגעלאָפן און געהאָלפן אים אַראָפּנעמען פון די שטעכלדראָטן. ער האָט אים אַנידערגעלייגט אויף דער ערד מיטן פּנים אַרויף און געעפנט זײַנע אויגן. געזען, אַז ער לעבט, האָט ער אים אָנגעהויבן מינטערן און

געשריגן ס׳זאָל קומען דער סאַניטאַר. דער פּלויט איז שוין געווען ברייט געעפנט, און דער ערשטער צה״ל־טאַנק איז אַרויפגעפאָרן אויף די גולן־בערג.

קאַפּיטל זיבעצן

אין דעם חודש צײַט, וואָס יורם איז געווען אויפן פראָנט, האָט ער זיך געענדערט נישט צו דערקענען. ער האָט פאַרלוירן אַ סך פון זײַן הומאָר. פון שפּיטאָל איז ער אַהיימגעקומען צו די עלטערן. ער האָט אויסגעזען בלײַך און אָפּגעשוואַכט און אַרומגעגאַנגען אַ שווייגנדיקער. אָבער ווי נאָר די ווונד פון אָרעם האָט זיך פאַרמאַכט און די צעשטאָכענע הויט האָט אויפגעהערט צו אייטערן, האָט אים גענומען ציִען צו די פּאַפּירן, וואָס ער האָט איבערגעלאָזט אין זיין צימער אין חיפה.

אַ ביסל איז ער נאָך געווען באַהערשט פון די מלחמה־קאָשמאַרן. ווי לעבעדיקע זענען אים געשטאַנען פאַר די אויגן די געפאַלענע געווער־חברים. אין די אויערן האָבן נאָך געזשומעט די עקספּלאָזיעס פון די האַר־מאַטן־קוילן. אָבער צום שטאַרקסטן האָט אים געמאַטערט דער געדאַנק ווי ער האָט זיך פאַרענדערט אויפן פראָנט. פון וואַנען איז צו מיר געקומען אַזאַ זעלנערישע האַרטקייט און הפקרדיקייט? — האָט ער זיך אַליין גע־פאָרשט.

דאָס לאַנד איז געווען אונטערן איינדרוק פון נצחון. דער ראַדיאָ איז געווען שווער באַלאָדן מיט באַריכטן און קאָמענטאַרן וועגן דער אַראַבישער מפּלה, אָבער ער האָט זיך צו דעם אַלעם נישט צוגעהערט. די גאַנצע פּרעסע איז געווען פול מיט מלחמה־רעפּאָרטאַזשן. לאַנגע האַרמאַטן־רערן האָבן אַראָפּגעקוקט פון די ערשטע זײַטן פון זשורנאַלן און צייטונגען. אָבער ער האָט דאָס אַלץ נישט געלייענט. מלחמה־אַלבאָמען האָבן זיך באַוויזן ווי שוואָמען נאָך אַ רעגן, די אַלבאָמען זענען צעכאַפּט געוואָרן, אָבער יורם האָט זיי אַפילו אין דער האַנט נישט גענומען. ער האָט נאָר געהאַלטן אין שמועסן מיט זיך אַליין.

וואָס ס׳קאָן אַלץ ווערן פון אַ מענטש, ווען מ׳טוט אים איבער אין מילי־טערישע קליידער און מ׳שיקט אים אין פעלד אַרײַן. ווער האָט דאָס מיך

אַרויפגעוואָרפן אויף די שטעכלדראָטן? — איך אַליין! צי איז טאַקע מעגלעך, אַז ס'האָט מיר גאָרנישט ווי געטאָן, ווען מיינע געוועזער־חברים זענען איבער מיר אַריבערגעטראָטן? ווער האָט זיך דאָס שטום צוגעקוקט, ווי אויף יענער זייט פּלויט קעמפט מען פּנים אל פּנים מיט מעסערס, און געפרייט זיך, ווען די ערשטע בונקערס זענען פאַרנומען געוואָרן? — איך! טאַקע איך אַליין!... ווי קום איך צו אַזעלכע מעשׂים? האָט זיך טאַקע אין מיר געהאַט אָנגעזאַמלט אַזוי פיל אכזריות, וואָס האָט געמוזט אויסברעכן? צי איז נישט אַ מאָל אויך פאַרוואונדעט געוואָרן מיין רחמנות־געפיל, מיין ליבע צום מענטש, מיין ווידערווילן צו פאַרגיסן מענטשלעך בלוט?

אַזוי האָט ער זיך אַרומגעדרייט עטלעכע טעג צווישן די וועגלעך און שטעגלעך אויפן כרמל. געווען אָנגעברוגזט אויף יעדן מענטשן, וואָס ער האָט באַגעגנט, און נישט געקענט איבערטראָגן די יסורים, וואָס האָבן אים געמאַטערט, ביז איין מאָל האָט ער זיך אַרומגעקוקט און דערזען, אַז ער איז ווידער צוגעקומען צו דער הייל פון אליהו הנביא. ער האָט זיך אַוועק־געזעצט אויף אַ שטיין ביים אַריינגאַנג. ער האָט זיך דערמאָנט אין זיין ערשטן אויספלוג אויפן כרמל, בעת ער איז אָנגעקומען אין שטאָט אַריין. ער האָט געקוקט אין דער ווייטקייט — אפשר קומט אָן דער שומרוני מיטן בלויען מיצל? אָבער ער האָט קיינעם אַרום נישט געזען. צופרידן דערפון, וואָס קיינער שטערט אים נישט, האָט ער נאָך טיפער גענומען אַריינטראַכטן אין זיינע ראַנגלענישן. און דאָ איז אים געקומען אויפן געדאַנק, אַז די איינ־ציקע פאַרגיטיקונג פאַר די אַלע אָפּווייכונגען קאָן אים געבן נאָר זיין פּלאַן, וואָס איז בעצם זיין ציל צו פאַרלייכטערן דעם מענטשס לעבן, צו געבן אים אַ שטיקל באַקוועמען באָדן, ער זאָל בויען זיין הויז, זיין ווירטשאַפט און נישט דאַרפן אַרויפקוקן צו די בערג, וואָס האָבן אים צוגענומען אַ שטיק אייגנס אין די סאַמע גרענעצן פון זיין לאַנד. אויף די גולן־בערג איז ער גאָר גע־ווען אין כעס. ער האָט זיי נישט געקענט מוחל זיין דאָס פאַרגאָסענע מענטש־לעכע בלוט. — „איצט זענען זיי אין אונדזערע הענט, און ס'וועט קומען אַ צייט ווען מ'וועט זיי אַריינוואַרפן אין טאָל אַריין" — האָט ער זיך גע־טרייסט און ס'האָט אים גענומען ציִען צו זיינע אויפגאַבעס.

ער האָט אָנגעהויבן צו פילן אין זיך אַ נייַעם כוח און אַ שטאַרקן ווילן. דרייסטקייט צו מעשׂים איז אין אים אויפגעגאַנגען. ער איז געווען זיכער, אַז ער וועט נישט אָפּטרעטן.

דעם זעלבן טאָג נאָך האָט ער אַלץ אַרויסגענומען פון די שופלאָדן און אַדורכגעקוקט. ער איז געווען צופרידן פון יעדן בלאַט, פון יעדער צייכענונג און אויסרעכענונג. — „כ׳האָב אַליין נישט געוווסט, אַז כ׳האָלט שוין אַזוי ווייט" — האָט ער צו זיך געזאָגט. אָבער ווען ער האָט גענומען צוריקלייגן די פּלענער אין די שופלאָדן האָט ער אַ טראַכט געטאָן: „וואָס וועט זיין ווען די מלאכה אויפן פּאַפּיר וועט שוין זיין פאַרענדיקט? וואָס טוט מען דער־מיט?".

ער האָט געוווסט, אַז קיין ענטפער אויף דער פראַגע וועט ער אַזוי לייכט נישט געפינען. ס׳איז אים אָבער איינגעפאַלן צו מאַכן אַ שטיקל חשבון וויפל אַזאַ אונטערנעמונג דאַרף קאָסטן.

ער האָט גענומען פאַר אַ מוסטער צוויי בערגלעך, וועלכע ער האָט פאַר דער זעקסטאָגיקער מלחמה געהאַט גוט באַטראַכט, אויסגעמאָסטן און טאָפּאָגראַפיש באַצייכנט. ער האָט אָנגעהויבן מיט די ערשטע טעכנישע צוגרייטונגען ביזן אויסגלייכן דעם „דאַך". ערשט שפּעט ביינאַכט איז ער צוגעקומען צו די אונטערשטע ציפערן, וואָס האָבן געוויזן קאַרגע צען מיליאָן לירות.

ווו נעמט מען אַזאַ ריזן־סומע? — האָט ער זיך געפרעגט. טרויעריקע געדאַנקען האָבן אים גענומען פּיקן אין קאָפּ. ער האָט זיך אָבער נישט געלאָזט פון די ציפערן באַצווינגען און מיט זיך אַליין איינגעטענהט: ווער זאָגט דען, אַז אַ דערפינדער מוז זיין אַן אונטערנעמער?

די תשובה האָט אים זייער נישט באַפרידיקט. ער האָט זיך גענומען מאַכן פאָרווורפן פאַר וואָס ער האָט בכלל אָנגעהויבן חשבונען. אָבער די באַלעבאַטים איבער געלט, ווער זיי זאָלן נישט זיין — פּריוואַטע אונטער־נעמער אָדער רעגירונגס־פאַרשטייער, וועלן באַלד וועלן וויסן תכלית, און אַ פרעג טאָן: מה יקר? שיין וועט ער אויסזען, אַז ער וועט נישט וויסן וואָס צו ענטפערן...

ער איז געווען אַריינגעטאָן אין די ציפערן און ער האָט אַפילו נישט געהערט, ווען ס׳איז ווער אַריינגעקומען אין הויז.

— צילאַ!

ער האָט זיך געפילט פאַרלעגן ווי אַ קינד. ער האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, פרעגן, אָבער זי האָט אים באַלד ביי דער טיר צוגעמאַכט דאָס מויל מיט אירע ליפּן.

זיי האָבן זיךביידע אַוועקגעזעצט פּנים אל פּנים און שווייַגנדיק זיך אָנגעקוקט. ס׳האָט זיך יורמען אויסגעדאַכט, אַז מיט איר שווייגן איז זי אויסן אים אָנצודייטן, אַז דאָס מאָל געהער די איניציאַטיוו צו אים... יעדע רגע האָט ער דערוואַרט, אַז זי וועט אויסברעכן מיט אַ פריידיקייט און אַרויפ־שפּרינגען אויף זיינע קניִען. ס׳האָט אים געצויגן צו איר, צו איר ווייסן האַלדז, צו איר אויסגעטאָקטן גוף, ער איז אָבער געווען אַזוי איבערראַשט מיט איר דערשיינען, אַז ער האָט געוואַרט זי זאָל עפּעס זאָגן.

— דו זעסט נאָך אויס אַ ביסל בלאַס. ביסט טאַקע געווען שווער פאַר־וווּנדעט ?

— כ׳ווייס נישט אויב שווער. אויפגעכאַפּט האָב איך זיך ערשט אין שפּיטאָל.

— ווי לאָזט מען דאָס פון זיך נישט הערן ? ווי שרייבט מען נישט אָן אַ בריוול ? האָסט נישט געוואָלט כ׳זאָל דיך קומען באַזוכן ? ביסט אַ שלעכטער בחור.

זי האָט דאָס געזאָגט זיס און אים אַ גלעט געטאָן, ווי מ׳גלעט אַ קליין קינד.

— ביסט געקומען מיך אויסזידלען ? — האָט ער אָנגעכאַפּט איר האַנט.

ער האָט געפילט, ווי קיין נאָענטערן מענטש האָט ער נישט אויף דער וועלט, און ווי אַן אויפגעוועקטער האָט ער גענומען דערציילן וועגן אַלעם, וואָס ס׳האָט מיט אים פּאַסירט אין די לעצטע חדשים.

זי האָט זיך צוגעהערט צו זיינע רייד. וועגן זיך האָט ער ווייניק גע־רעדט. ער האָט דערציילט, ווי זיינע חברים זענען געפאַלן לעבן אים. די ווינקלען פון זיין מויל האָבן זיך אַ ביסל אויסגעקרימט בשעת ער האָט געשילדערט, ווי אַ זעלנער פון שונא איז דורך אים געטראָפן געוואָרן. ער האָט זיך געריסן, געוואָלט אים געבן די ערשטע הילף, אָבער דאָס פייער האָט אים נישט צוגעלאָזט. זי האָט געפילט ווי אַ קוואַל פון יסורים שטראָמט פון אים אַרויס און איבערגעריסן זיינע רייד.

— כ׳וויל דיך עפּעס פרעגן : דעם דראַנג פון אַ קאָלעקטיוו צו מלחמה קאָן איך נאָך פאַרשטיין. מיט טויזנטער יאָרן צוריק זענען אויף דער זעלבער ערד פאָרגעקומען מלחמות, אפשר פּרימיטיווערע, אָבער נאָך מער אכזריות־דיקע. אָבער דעם יחיד פאַרשטיי איך נאָך אַלץ נישט. ווי קומט צו דיר, אַזאַ פיינפילנדיקער, אַזאַ מענטשנפריינד, דו זאָלסט שיסן צו אַ לעבעדיקן מענטש

און אים דערהרגענען? פֿאַרשטיי מיך נישט שלעכט, יורם. איך מיין נישט דיך פּערזענלעך, נאָר די טויזנטער יחידים אויפֿן שלאַכטפֿעלד, וועלכע זענען ענלעך צו דיר מיט זייערע געפֿילן און אַרט דענקען.

— כ׳וועל דיר זאָגן דעם אמת, צילאַ, אַז כ׳האָב זיך אַליין נישט דער־קענט. איך האָב וועגן דעם לאַנג אַריינגעטראַכט.

— און וואָס האָסטו אויסגעטראַכט?

— נעמסט אַרויס אַ מענטש פֿון זיין הויז, פֿון זיין סביבה, און האַלטסט אים אַ באַוואָפֿנטן אַ פּאָר וואָכן אין פֿעלד, ווערט ער פֿאַרוואַנדלט אין אַ מכשיר אין יענעמס הענט. נאָך דער ערשטער שלאַכט האָט נישט ביי אים קיין ווערט זיין אייגן לעבן און אויך נישט יענעמס לעבן. ער איז פֿעיִק צו הרגענען, רצחנען, פֿאַרגיסן מענטשלעך בלוט, פֿאַרברענען יענעמס און אַ מאָל אַפֿילו — זיין אייגענע וועלט.

— און מיט וואָס היילט אויס דער זעלנער, וואָס קערט צוריק פֿון דער מלחמה, זיינע יסורים?

— אויב ער האָט נישט פֿאַרשוועכט די ריינקייט פֿון זיין געווער: נישט געשאָסן צו אויפֿגעהויבענע הענט, נישט געהרגעט פֿון אַ לויער אַרויס, נאָר געקעמפֿט פּנים אל פּנים, אָדער פּאַנצער קעגן פּאַנצער — קאָן ער אין דעם געפֿינען אַ טרייסט.

— הייסט עס, אַז דו האָסט נאָר אָנגעוווירן אַ ביסל בלוט, אָבער נישט דיינע מענטשלעכע געפֿילן. ס׳קומט דיר דערפֿאַר אַן אויסצייכענונג, אַ מעדאַל.

— ווער דאַרף מעדאַלן? — האָט ער זיך פֿאַרקרימט.

— דיין אָפּשאָקלען זיך פֿון מעדאַלן האָט מיך נישט איבערראַשט. דו ביסט אַ טיפּישער גולני־סאָלדאַט, וואָס פֿאַרטראַגט נישט, אַז פֿאַרן איינשטעלן זיין לעבן זאָל מען אים געבן אויסצייכענונגען אָדער באַלוינען מיט מעדאַלן. כ׳האָב נאָר געוואָלט אַרויסבאַקומען אַ ראיה צו דעם, וואָס דו האָסט פֿריִער געזאָגט.

— ווי געפֿינסטו, זע איך אויס? — האָט ער אָפּגעלענקט דעם שמועס.

— לויט ווי יאַניאַ האָט מיר דערציילט, האָב איך זיך געריכט דיך צו טרעפֿן אין אַן ערגערן מצב.

— זי האָט מיך, זינט כ׳בין אַוועק אויפֿן פֿראָנט, נישט געזען.

— אָבער נאָכגעפֿרעגט וועגן דיר האָט זי זיך.

— דו האָסט מיך מער ליב ווי יאַניאַ...

— דאָס וועט מען שפּעטער זען. וואָס מיך אינטערעסירט איצט, איז צו דו ביסט ווידער פֿעיִק ערנסט צו טראַכטן?

— פֿולשטענדיק!

— אַרבעטסט ווייטער ביי דיין פּלאַן?

— מיט נאָך מער אינטערעס און אייפֿער ווי פֿריִער.

ביז איצט האָט יורם חושד געווען, אַז זי איז אים געקומען באַזוכן צוליב אַ וויטערדיקן פֿלירט, אָבער אין טאָן פֿון אירע לעצטע צוויי פֿראַגן האָט ער זיך אָריענטירט, אַז נישט וועגן אַ „פֿלירט" איז זי אַהערגעקומען, אַז דער שמועס וועט זיין אַן ערנסטער.

— אַ טעפּעלע קאַווע וועסטו טרינקען?

— מאַך.

ער האָט זיך גוט אין איר איינגעקוקט און געזען, אַז לעבן אים זיצט נישט די רייצנדיקע צילאַ מיט אירע ווייבלעכע קאַפּריזן. ס'האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז אַן אינספּעקטאָר איז געקומען אים עקזאַמינירן. אָ, ווי זי קען זיך אויגנבליקלעך ענדערן! אָט זעט זי אויס ווי אַ שטיל טייבעלע, וואָס לאָזט זיך גלעטן, און אָט זעט זי אויס ווי אַ רייטער מיט אַ רוט אין דער האַנט. אָט פֿלאַמט זי, און אָט איז זי קאַלט ווי אייז. ער האָט זי באַוווּנדערט און ליב געהאַט. ער האָט תמיד פֿאַרשטאַנען אין וואָס איר גייט, און גע־גלויבט אין דעם אייזערנעם ווילן און אין דער איניציאַטיוו פֿון דער דאָזיקער צאַרט־ווונדערלעכער פֿרוי. ער האָט פֿאַר איר גאָרנישט אויסבאַהאַלטן.

— סוף, סוף, ווי לאַנג נאָך האַלסטו זיך ביים אַרומטראָגן מיט דיין פֿאַרשלאָסענעם פּלאַן?

— פֿאַר מיר איז ער גאָר נישט אַזוי פֿאַרשלאָסן, ווי דו שטעלסט זיך פֿאָר. צוויי פּראָבלעמען זענען פֿאַר אונדזער לאַנד וויכטיק: באַזיגן דעם מידבר און וואַרפֿן בערג אין טאָל אַריין. ביי מיר איז עס איינע און די זעלבע זאַך. דאָס ערשטע איז פּשוטער און לייכטער, אָבער דאָס צווייטע איז ניצ־לעכער.

— אָבער ווי האַלסטו? ביסט שוין אויף אַ שטיקל דרך?

— די מלאכה אויפֿן פּאַפּיר האָב איך שוין כמעט געענדיקט, אָבער ווען כ'בין צוגעקומען צו דער פּראַקטישער זייט און דערין אַריינגעטראַכט, מוז איך דיר זאָגן דעם אמת, אַז אַ שווידער איז מיר אַדורך.

זי האָט גענומען אַ שלוק קאַווע און פֿאַררויכערט אַ סיגאַרעט.

— קודם כל בין איך צופרידן, אַז דו ביסט מיט מיר אויפריכטיק. אויב דו וועסט עפּעס באַהאַלטן פון די אַלע שוועריקייטן, וועלכע שטייען דיר אין וועג, אָדער וועלכע דו זעסט פאַר, וועט דאָס אָוועקרייסן אַ סך צייט, און ווער ווייס אויב ס׳וועט אויך נישט ברענגען אַנטוישונגען...

אין דעם מאָמענט האָט צילאַ געהאַט אין זינען איין זאַך: אויב ער וועט אַרויסווייזן וועלכע ס׳איז ספקות, וועט זי זיך פון דער גאַנצער זאַך צוריק־ציִען. ס׳איז פאַר איר געווען אַ דעצידירנדיקער שמועס, אין וועלכן וועג זי זאָל גיין און ווי אַזוי זי זאָל האַנדלען? צי זאָל זי זיך אַריינלאָזן אין אַן אַוואַנטורע און געפינען זיך אין אַ שפּאַנונג פון דורכפאַל אָדער דערפאָלג? אָבער יורם איז איצט געווען ביי זיך מער זיכער, ווי אַלע מאָל, און ווי ער וואָלט געלייענט אירע געדאַנקען, האָט ער דערקלערט:

— קיין שום ספיקות קאָנען ביי מיר נישט זיין. כ׳בין טיף איבערצייגט, אַז אַלץ וואָס כ׳וויל אונטערנעמען, איז נישט בלויז נייטיק, נאָר אויך צייטיק ס׳זאָל ווערן געבוירן. איך האָב געפּרוווט זיך אָפּטרייסלען פון דער פּראַק־טישער זייט...

— וואָס ווילסטו זאָגן דערמיט: „אָפּטרייסלען זיך פון דער פּראַקטישער זייט״? — האָט זי אונטערגעכאַפּט.

— די לעצטע טעג, אָדער בעסער געזאָגט — די לעצטע עטלעכע נעכט, ווען כ׳האָב געטראַכט וועגן דער פינאַנציעלער זייט פון דער אונטערנעמונג, האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז צווישן דער אידעע און דער פיזישער מעג־לעכקייט איז פאַראַן אַ דיקע מויער.

— אין וואָס האַנדלט זיך עס?

— אין איין זאַך — אין קאַפּיטאַל! ווער וועט קאָנען אָדער וועלן פינאַנ־סירן אַזאַ אונטערנעמונג?

— פאַר מיר איז נאָך נישט קלאָר אין וויפל עס האַנדלט זיך.

— איך האָב געמאַכט אַ „קליינעם חשבון״ און כ׳בין געקומען צום אויספיר, אַז בלויז דער ערשטער עקספּערימענט איז פאַרבונדן מיט אַ צענדליק מיליאָן פונט.

— דאָס איז אַלץ? און קיין אַנדערע שוועריקייטן זעסטו נישט פאַר?

— למשל?

— למשל, טעכנישע קאָמפּליקאַציעס. הילף פון ספּעציאַליסטן, וואָס מ׳דאַרף ברענגען פון חוץ־לארץ.

— ניין! קיין אַנדערע שוועריקייטן זע איך נישט פֿאַר. ס׳זענען נאָך פֿאַראַנען צוויי הויפּטפּראָבלעמען: דער ערשטער — צו באַקומען אַ דער־לויבעניש אויסצופֿירן מײַנע עקספּערימענטן אויף דער נאַטור, און דער צווייטער — ווער וועט זיין דער אונטערנעמער? איך האָב געוואָלט אָפּטיילן צווישן דעם בעל־מחשבה און דעם בעל־הבית. דאָס מיינט, אַז דער דערפֿינ־דער וועט איבערגעבן דעם בעל־הבית, דעם קאַפּיטאַליסט, צו זאָרגן פֿאַרן רעאַליזירן דעם פּלאַן, אָבער ביז וואַנען דער בעל־הבית וועט זיך נישט אָפּרופֿן, שטיי איך אַלץ נאָך אַליין.

צילאַ האָט געפֿילט, אַז זיינע רייד זענען אויפֿריכטיקע און זי האָט אים נישט געוואָלט באַלעסטיקן מיט אויפֿקלערן פּרטים.

יורם איז געווען צוגעגרייט, אַז דאָס געשפּרעך מיט צילען וועט זיך אויסשפּרייטן און אַנטוויקלען. ער האָט פֿאַרשטאַנען, אַז נישט אומזיסט איז זי געקומען צו פֿאָרן קיין חיפה. איר געמיט — האָט ער געזען — איז ווידער ווי פֿריִער, ווען זי איז אַריינגעקומען אין צימער אַ טאַנצנדיקע, אַ זינ־גענדיקע. האַלט זי דערפֿון? וועט זי איר טעמפּעראַמענט איינשפּאַנען אין דעם? אָדער איז עס פֿאַר איר נישט מער ווי עפּעס אַ סענסאַציע, מיט וועלכער זי וויל פֿאַרטרייבן די צײַט? אָבער אין דעם מאָמענט האָט צילאַ זיך ראַש אַ שטעל אויף געגעבן, צוגערוקט זיך צו אים נאָענט, ווי זי וואָלט געוואָלט אַנרירן זיינע ליפּן און האַסטיק אַ זאָג געטאָן:

— איך לעב דאָס אַלץ איבער צוזאַמען מיט דיר.

יורם האָט געוווסט וואָס אירע ווערטער באַדייטן. ער איז געווען אַזוי איבערגענומען פֿון די דאָזיקע ווערטער, וואָס זענען געווען טיפֿערע, מער סאָלידאַרישע און ליבלעכע, ווי ווען עס איז, אַז ער האָט זי אַ כאַפּ געגעבן און שטאַרק צוגעדריקט צו זיך.

ווען ער האָט זי באַפֿרייט פֿון זיינע הענט איז זי געווען אין גאַנצן שטיל. איר פּנים האָט אויסגעזען ווי אַן אויסגעלייטערטער הימל נאָך אַ פֿאַרגאַנ־גענעם שטורעם.

ווען זי איז אַהיימגעקומען זענען שוין די ליכטער אינעם פּראַנטצימער און אויף דער טעראַסע געווען אויסגעלאָשן. קיין פֿרעמדער מענטש איז אין הויז נישט געווען. די גרויסע וווינונג איז געוואָרן פֿאַר איר צו ענג. זי האָט נישט געפֿונען פֿאַר זיך אַ ווינקל צו זיין מיט זיך אַליין.

וואָס לענגער זי האָט אַריינגעטראַכט, אַלץ מער האָט זי יורמען פֿאַר־שטאַנען. ער גיט זיך אַליין אָפּ אַ חשבון, אַז מיט זיין פֿאַנטאַסטישן פּלאַן איז פֿאַרבונדן זיין לעבן. וועט עס אים געלונגען, וועט ער אויפֿלעבן; פֿאַלט ער אַדורך, איז ער גייסטיק טויט. אָבער ס'איז איינס פֿון די געוואַגטע און גרויסע מעשׂים, וואָס שטייען איבערן לעבן. ביי אַזאַ געוואַגטן שריט, איז לעבן אַ קלענערער פֿאַקטאָר, ווי דערגרייכן דעם ציל. ס'איז איר געקומען אויפֿן געדאַנק זי זאָל גיין צו איר פֿאָטער און זיך מיט אים באַראָטן, אָבער באַלד האָט זי דעם געדאַנק אויסגעלאַכט און פֿאַרשטאַנען, אַז מער ווי לעכערלעך קאָן זי זיך נישט מאַכן. אמת, איר פֿאָטער איז צו איר נישט בלויז אַ פֿאָטער, נאָר אויך אַ פֿריינד, אָבער צו עקספּערימענטאַלע אָדער אוואַנטוריסטישע שטיק האָט ער קיין מאָל נישט געהאַט קיין נייגונג, און זי האָט געוווּסט, אַז זי וועט אים נישט קענען איבעראַנדערשן.

זי האָט אַ בליק געטאָן אין דעם צימערל, ווו יאַניאַ האָט געוווינט. דאָס צימערל האָט ביי איר אויסגעזען לידיק און פּוסט, ווי אַ לידיק שטייגל, פֿון וואַנען דער פֿויגל איז אַרויסגעפֿלויגן און דאָס טירל איז געבליבן אָפֿן. זי האָט איצט באַדויערט, וואָס יאַניאַ געפֿינט זיך נישט אין הויז, כאָטש נישט איין מאָל האָט זי זיך געפֿילט אומבאַקוועם, וואָס דער אינטערעס פֿון איר און פֿון יאַניאַ, איז געווענדט אין איין ריכטונג... פֿון דער צווייטער זייט איז איר אַלע מאָל געווען גוט אויפֿן האַרצן, ווען זי האָט זיך געקענט מיט יאַניען אַדורכרעדן. דאָס רוב זענען יאַניעס אָנשויונגען און מיינונגען געווען פֿאַר איר פֿרעמד, פֿון דעסטוועגן האָט זי אין זיי ערנסט אַריינגעטראַכט. ס'זענען אָבער צווישן זיי פֿאַרגעקומען שמועסן, וואָס ביידע פּרויען האָבן זיך געפֿילט קרעמפּירט. יאַניאַ האָט אויסגעמיטן צו רעדן וועגן יורמען און זי, צילאַ, פֿאַרקערט — זי האָט געוואָלט וואָס מער מיט איר וועגן אים רעדן. טייל מאָל האָט זיך ביי איר דערוועקט עפּעס אַ מאָדנע געפֿיל: ס'האָט זיך איר אויסגעדאַכט, אַז זיי ביידע זענען צוויי לעגאַלע פּרויען פֿון איין מאַן; ער האָט ביידן גלייַכצייטיק מיט זיין השפּעה באַצוווּנגען און ביידע האָבן זיי אים גלייך ליב. אַ סעקונדע שפּעטער האָט אַ ווינט אַוועקגעיאָגט דעם דאָזיקן געדאַנק און מיטגעבראַכט אַ גאָר אַנדער געפֿיל: רעכט אויף יורמען האָט זי דאָך מער פֿון מיר — האָט זי מיט זיך אַליין איינגעטענהט.

אַ ביסל שפּעטער, ווען זי האָט זיך אין גאַנצן באַרויִקט, איז זי געקו־מען צו אַ פֿעסטן באַשלוס: אָן מיר וועט זיך דער יונג פֿון דער סיטואַציע

נישט אַרויסדרייען, און אויב ער וועט זיך האַלטן מיט זיינע פּלענער אויפן פּאַפּיר, וועט ער זײַן אומגליקלעך זיין גאַנץ לעבן.

זי האָט געדרייכערט איין פּאַפּיראָס נאָכן צווייטן און דער כּוח פון איר איניציאַטיוו און ענערגיע האָט אין איר ווידער אויפגעבראָכן.

ניין — האָט זי אַזש אויסגעשריגן — ער וועט זיך נישט קענען העלפן! פּונקט ווי מיין מאַן וואָלט נאָך ביזן הײַנטיקן טאָג נישט זוכה געווען צו זען זיינס אַ פּיעסע אויף דער בינע. זיינע אָנגעשריבענע פּאַפּירלעך וואָלטן נאָך געלעגן אין די שופלאָדן פון שרײַבטיש און קיינער וואָלט פון זיי נישט געוווסט, זיין נאָמען נישט געהערט. עפּענען די פאָרהאַנג פון אַ בינע פאַר אַן אומבאַקאַנטן דראַמאַטורג איז אפשר נישט קיין לײַכטער שטיקל אַרבעט ווי אַרײַנוואַרפן אַ באַרג אין טאָל אַריין...

ס׳האָבן פאַר איר אַ שוועב געטאָן אַלע פּנימער און באַקאַנטע, וועלכע זי האָט געהאַט, נישט נאָר אינעם לאַנד נאָר אויף דער וועלט און זי האָט געוואָלט אָנכאַפּן דעם פאָדעם, וואָס זאָל פירן צו דעם קניילעכל, פון וועלכן מ׳זאָל קענען ציִען געננג שטאָף פאַר דער גאַנצער אויפגאַבע. אין די קליינע שעהען פון דער נאַכט האָט זי זיך נאָך אַלץ געהאַלטן אין ראַנגלען מיט אירע געדאַנקען און נישט געקאָנט איינשלאָפן און אין דער פרי האָט זי געפילט ווי די פּוסטקייט, מיט וועלכע זי האָט זיך מיט אַ געוויסע צייט אַרומגעטראָגן, איז אין גאַנצן פאַרשוווּנדן. ס׳שטייט פאַר איר אַ ציל, וואָס האָט איר געפעלט און צו וועלכן זי האָט אָנגעהויבן בענקען. דאָס ערשטע וועט זי יורמען אַריינפירן אינעם הויז פון אַנט־וויקלונגס־מיניסטער. חנהלע, דעם מיניסטערס פרוי איז אירס אַ חברטע נאָך פון דער שולבאַנק און זי וועט שוין אַזוי איינאָרדענען, אַז יורם זאָל ווערן אויפגענומען דורך איר מאַן. די פראַגע איז נאָר ווי אַזוי דאָס אָנצוהייבן? זאָל זי פּשוט דערציילן חנהלען אין וואָס ס׳האַנדלט זיך, אָדער אפשר וועט בעסער זײַן זי זאָל איר סתם זאָגן, אַז אַ יונגער וויסנ־שאַפטלער איז אויסגעשטעלט אויף דער רעקאָמענדאַציע פון אַנטוויק־לונגס־מיניסטער, אַז די רעגירונג זאָל דערלויבן און אפשר אויך סובסי־דירן זיין דערפינדונג?

זי האָט זיך קוים דערוואַרט דער זייגער זאָל ווייזן צען און אָנגע־קלונגען צו חנהלען. דעם מיניסטערס פרוי איז געווען באַגייסטערט פון איר אָנגעזאָגטן באַזוך און צוגעשטאַנען, אַז צילאַ זאָל באַלד קומען.

פֿאַר נאַכט האָט צילאַ אָנגעקלונגען צו יאַניען און איר איבערגעגעבן אַ גרוס פֿון יורמען.

— ווען האָסטו אים געזען? — האָט זי געפֿרעגט.

— נעכטן.

— ער איז שוין געזונט?

— נישט נאָר ער איז געזונט, נאָר מיט נאָך מער ענערגיע ווי ער איז געווען פֿאַרן גיין אויפֿן פֿראָנט. און ביי דיר איז ער נאָך נישט געווען?

— ער האָט זיך נישט געוויזן, און איך וועל נישט לויפֿן צו אים.

צילען האָט דער אויסדרוק „לויפֿן צו אים" אַ שטאָך געטאָן און זי האָט שנעל פֿאַרענדיקט דעם שמועס.

יאַניאַ איז געווען אַליין. נאָכן גלײַענדיקן טאָג האָט דער פֿאַרנאַכט זיך גענומען אַראָפּלאָזן אויפֿן גאַנצן פּליין. די ברייטע צווייגן פֿון קעגן איבער האָבן זיך לייכט אַ וויג געטאָן און פֿאַרשאָטנט דאָס צימער. זי האָט זיך גענומען בונטעווען קעגן אים. „אַבי איך האָב זיך דעם קאָפּ פֿאַרדרייט און אַרומגעלאָפֿן זוכן אינפֿאָרמאַציעס, שעהען לאַנג גערעדט מיט קאָלעגן, און איצט, אַז כ'האָב שוין אָנגעזאַמלט אַ שפּאַר ביסל מאַטעריאַל, וואָס האָט געקאָנט אים ברענגען נוצן, באַווייזט ער זיך נישט". אָבער — האָט זי געטראַכט — אַ יונגער מענטש, וואָס קומט אַהיים פֿון פֿראָנט, קאָן זיין אין גאַנצן אַ געענדערטער, און ווער ווייס אויב ער האָט נישט אַ מאָל זיינע פּלענער אַרויסגעוואָרפֿן.

יענעם אָוונט איז זי נישט אַרויסגעגאַנגען פֿון שטוב. זי האָט צוזאַמענגענומען די אַלע נאָטיצן, נעמען פֿון מענטשן, אויסמעסטונגען פֿון די אַטאָם־אויוונס, פֿאַרשידענע ציפֿערן, וואָס זי האָט דורך דער צייט געהאַט אָנגעזאַמלט, און דעם גאַנצן מאַטעריאַל אויסגעסדרט אין אַ מוסטערהאַפֿטער אָרדענונג. „זאָל עס ליגן, אפֿשר וועט עס אים אַ מאָל צו נוץ קומען, אַרויסוואַרפֿן עס האָב איך אַלע מאָל צייט".

נאָך האַלבער נאַכט, ווען זי איז געווען פֿאַרטיק מיט דער אַרבעט, האָט זי דאָס איינגעפּאַקט אין אַ קאָנווערט און מיט גרויסע רוסישע אותיות אויפֿגעשריבן „יורם".

צו מאָרגנס האָט זי געהאַט אַ פֿרייען טאָג און זי האָט נאָך נישט געוווּסט וואָס מיט אים צו טאָן. זי איז אַ ביסל לענגער געשלאָפֿן און ווען זי האָט אויפֿגעוואַכט, האָט זי געטראַכט צו פֿאָרן אויף דער פּלאַזשע.

דער אָפּענער ברייטער ים, ווי זי האָט אים גערופן — „דער ישׂראל־ים״, האָט פאַר איר געהאַט אַ געוואַלדיקן צוצי־כּוח. אין מאָסקווע האָט זי קיין ים נישט געזען און אין אָדעס איז זי געווען בלויז איין מאָל.

זי האָט זיך אָנגעטאָן אין אַ באָדקאָסטיום און אַ קליידל פון אויבן. זי איז צוגעגאַנגען צום פענצטער אַ קוק טאָן, ווי דער טאָג זעט אויס. בכלל האָט זי ליב געהאַט צו באַטראַכטן דאָס היגע טאָגליכט, שטאַרקער און קלאָרער ווי אין מאָסקווע. זי האָט דערזען ווי אַ העלע מאַשין האָט זיך אַ ביסל ווײַטער אָפּגעשטעלט, און דער מאַן וואָס איז אויסגעשטיגן, האָט זיך איר געדאַכט, זעט אויס ווי יורם.

זי איז אַוועק פון פענצטער. „ס׳איז נישט מער ווי אַ דמיון״ — און זי האָט גענומען איינפּאַקן דאָס נייטיקסטע, וואָס זי נעמט תּמיד מיט אויף דער פּלאַזשע.

ווען זי איז שוין גרייט געווען אַרויסצוגיין האָט זיך דאָס גלעקל צעקלונגען און יורם האָט אַ נישט דרייסטער געעפנט די טיר.

— כ׳האָב נישט געוואָלט קומען צו דיר ווי אַן אָפיציעל־פאַרבעטענער גאַסט — האָט ער מיט אַ ביסל אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ זיך פאַרענטפערט — דאָס איז מײַנער אַן אַלטער אײַנגעווויין, און דו וועסט מיר געוויס מוחל זיין.

— וואָס איז וויכטיק יאָ אָדער נישט פאַרבעטן, דער עיקר, אַבי דו האָסט זיך דערמאָנט מיך צו באַזוכן.

— ווער זאָגט דען, אַז כ׳האָב דיך נישט באַזוכט?... כ׳בין נאָר פיזיש נישט דערשינען פאַר דיר, אָבער כ׳פלעג פון מאָל צו מאָל אַרײַנכאַפּן זיך אין דײַן צימער און זען וואָס דו מאַכסט. אַפילו אין מיליטערישן מונדיר, אַ באַוואָפנטער, אַ פאַרשטויבטער, האָב איך דאָס געטאָן. כ׳האָב זיך מיט דיר אַדורכגערעדט, און כ׳זאָל זיין אויפריכטיק — אַפילו זיך געקריגט.

— געקריגט? — האָט זי זיך צעלאַכט — צוליב וואָס זיך געקריגט?

— ווייסט דאָך... נו, צוליב מײַנע פּלענער.

ער האָט דערזען, אַז זי איז אָנגעטאָן און פאַרשטאַנען, אַז זי וויל ערגעץ ווו אַוועקגיין.

— אַזוי שפּעט צו דער אַרבעט? אפשר שטער איך דיר גאָר.

זי האָט אָװעקגעלײגט אין אַ זײַט דעם ספּאָרט־טאַש, װאָס זי האָט געהאַלטן אין האַנט.

— זיך! אַז דו ביסט שױן דאָ, האָב איך צײַט פֿאַר דיר.

— און װען איך קום נישט, װאָס װאָלסטו געטאָן?

— כ׳האָב געװאָלט גײן צום ים.

— און איך בין געקומען דיך פֿאַרבעטן, אַז דו זאָלסט גאָר גײן צו די בערג.

— צו די בערג, צו װעלכע בערג?

— געדענקסט אַז כ׳האָב דיר אַ מאָל צוגעזאָגט, אַז „מיר װעלן ספּעציעל פֿאָרן קײן ירושלים און דאָס באַטראַכטן״?

— אָבער ביז איצט האָסטו עס נאָך נישט מקײם געװען.

— צו דעם בין איך געקומען.

— כ׳בין גרײט, אָבער װעסט מוזן װאַרטן ביז כ׳װעל זיך איבערטאָן.

זי האָט זיך צו אים באַצױגן, װי צו אַ חולה, װאָס איז נאָר װאָס אַרױס פֿון שפּיטאָל, אָבער זײַן הומאָר האָט געענדערט איר שטימונג. ערשט איצט האָט זי געזען, װי מיט זײַן אַרײַנקום איז אין צימער געװאָרן ליכטיקער. די לאָקן פֿון זײַן טשופּרינע האָבן פֿאַרשטעלט זײַנע אױערן און די באַקנבערד זענען לענגער געװאָרן.

— דו מאַכסט מיר נישט קײן פֿאָרװורף, פֿרעגסט מיך נישט אַפֿילו פֿאַר װאָס כ׳בין נישט געקומען.

— כ׳שטעל מיר פֿאָר, אַ סאָלדאַט װאָס קומט אַהײם פֿון פֿראָנט איז אים שװער אַרײַנצוגײן אינעם ציװילן לעבן.

— נישט דאָס איז געװען די סיבה דערצו. פֿאַרקערט, כ׳האָב געװאָלט דעריאָגן דאָס, װאָס כ׳האָב אָנגעװוירן אין דער מלחמה־צײַט.

װען ער איז אַראָפּגעגאַנגען מיט איר צו דער מאַשין, האָט ער אין איר נישט געפֿילט קײן טראָפּן פֿאַרדרוס, צוליב דעם װאָס ער איז זי נישט געקומען באַזוכן.

דער טאָג איז געװען אַ קלאָרער און אַ שײנער. די זון האָט שױן געהאַט אַרײַנגעדרונגען צװישן די געדיכטע בײמער, און צוזאַמען מיט דער קלאָרקײט האָט זיך גענומען אין איר אױסשפּרײטן אַ האָפֿענונג. אַלץ, װאָס זי האָט געזען, איז געװען פֿול מיט זונליכט. װען זײ זענען

אַריינגעקומען קיין ירושלים האָט יאַניאַ דערפילט אַ קילערע לופט. אַ בלומען־ריח האָט זיך אַריינגעריסן דורכן אָפענעם פענצטער.

— דו טרייבסט צו שנעל די מאַשין — האָט זי סתם אַזוי אַ זאָג געטאָן — ווו זענען מיר אייגנטלעך?

— מיר פאָרן צו עין כרם.

אויפן שמאָלן וועגל ביַי די אַראָפּהאַנגען פון די בערג איז נישט געווען קיין אָרט זיך אָפּצושטעלן און זיי זענען געפאָרן ביזן באַרג אַרויף.

יורם האָט אָפּגעשטעלט די מאַשין און זיי זענען ביידע אַרויס.

— מיר זענען שוין אַ שטיק הינטער דער שטאָט — האָט זי געזאָגט.

— ס'איז נאָך אַלץ ירושלים. אָבער פון דאַנען קאָן מען זען די גאַנצע שטאָט.

פון אַלע זיַיטן אַרום האָבן צו זיי געקוקט נאַקעטע בערגקעפּ, דורכגעשניטענע מיט טיפע וואַדיס, ווי יעדער באַרג וואָלט זיך געהאַלטן פאַר אַ באַזונדערן מיוחס, וואָס וויל זיך נישט משדך זיין מיטן אַנדערן. אין דער ציַיט ווען די שפּיצן האָבן געשפּיגלט מיט זונשיין, איז דער טאָל געווען אָנגעכמורעט מיט שאָטן. ביַי שמאָלע אַספאַלט־וועגלעך זענען געלעגן פונאַנדערגעשפּרייט קליינע הייזלעך, וואָס האָבן אין וויַיטן האָריזאָנט אויסגעזען ווי שמאָלע אַש־קעסטלעך, צעשפּרייטע איבער די גאַסן פון שטאָט.

ער איז צוגעגאַנגען צו דער מאַשין, אַרויסגענומען די לאָרנעטע און איר דערלאַנגט.

— קוק זיך אַרום. זע דעם בוי־חורבן, וואָס די היַינטציַיטיקע אַרכיטעקטן האָבן אָנגעמאַכט אין דער אייביקער שטאָט.

ווען זי האָט אַראָפּגענומען די לאָרנעטע האָט ער צוגעגעבן:

— אויף די בעטאָן־ווענט קלעבן זיי אַרויף שטיינער־פּלאַטן, ס'זאָל כלומרשט אויסזען אייגנאַרטיק, אַנדערש ווי די גלאַט־אויסגעקאַלכטע מויערן אין תל־אביב. מיט דעם איז מען יוצא. דאָס אויג קאָן אפשר אָפּקומען מיט אַ פאַלש בילד, אָבער פאַר דער פּראַקטישער זיַיט פון שטאָטבוי איז עס אַן אומגליק. זע, למשל, ווען מיר נעמען אָט די צווייַ בערג פון דעם מערב־צפונדיקן ווינקל און וואַרפן זיי אַריין אין די טאָלן, קומט אַרויס אַ גלאַט שטיק באָדן. דאָס גלאַטע לאַנד קאָן זיך אויסבויען מיט גאַסן, אַלעען און פּאַרקן, און די לאַנדשאַפט וועט גאָר פאַרשענערט

ווערן, ווייל דער פּאַרבויטער קוואַרטאַל וועט דאָך עפּענען אַ ברייטערן האָריזאָנט אויף דער נאַטירלעכער בערגקייט, מיט וועלכן ער וועט זיין אַרומגעצוימט. די בערג אין הינטערגרונט זענען דאָך פיל העכער און שענער, ווי די בערגלעך, וואָס פאַרשטעלן זיי. האָסט דען אַן אַנונג וואָס פאַר אַ פּראַכט דאָס וועט צוגעבן ירושלים?

— אַ זין האָבן דיינע רייד, אָבער פאָרשטעלן זיך, ווי דאָס וועט אויסזען, איז מיר שווער.

ער איז געווען אין פולן טראַנס און אַפילו נישט געהערט, וואָס זי זאָגט. זיין פאַנטאַזיע האָט זיך ברייט אויסגעשפּרייט איבער דער גאַנצער שטאָט.

— קום, כ׳וויל דיר ווייזן נאָך איין פּלאַץ.

— ס׳איז אַ פאַרבויטער שטח. דו פאָרסט צו שנעל.

אָבער יורם האָט נישט געוואָלט פאַרלעשן די בילדערישע לענטע, וואָס האָט געשוועבט פאַר זיינע אויגן. ער איז ראַש געגעבן אַ פאָר צו צום פּלאַץ פאַר דער אוניווערסיטעט.

יאַניאַ האָט זיך אַרומגעקוקט איבער די בנינים. זי האָט געזוכט עפּעס אַן ענלעכקייט צום מאָסקווער אוניווערסיטעט, הגם דאָ איז אַלץ אין אַן אַנדער סטיל. זי האָט געוואָלט אַריינגיין אינעווייניק, אָבער יורם האָט זיך געאײַלט.

— באַזוכן די בנינים, אויב דו וועסט וועלן, וועלן מיר אַן אַנדערש מאָל. צו דעם דאַרף מען אַ גאַנצן טאָג. איצט וויל איך דו זאָלסט זען די געגנט, כ׳מיין טאַקע די געגנט, וואָס ליגט נאָך דאָ אַרום נאַקעט. קאָנסט גיין איבער בערג?

— זיכער! — האָט זי זיך צעלאַכט.

צווישן די בנינים איז געווען אַ שמאָל סטעזשקעלע, וואָס האָט געפירט אויפן פעלד אַרויס. באַלד האָבן זיי זיך אַראָפּגעלאָזט אין טאָל און ווידער אָנגעהויבן צו גיין העכער. איבערן וועג האָט ער איר אויפגעקלערט, ווי יעדעס אָרט הייסט, אַפילו די הויכקייט איבערן ים־פּלאַך האָט ער געוווּסט. יאַניען האָט זיך אויסגעוויזן, אַז זיי זענען שוין אָפּגעגאַנגען אַ שפּאַר שטיק וועג צו פוס. ערשט ווען זיי זענען אַרויפגעקומען אויפן ערשטן בערגל האָט ער זיך אָפּגעשטעלט. ער האָט אָנגעוויזן מיט דער האַנט אין טאָל אַריין.

— זעסט, ווי טיף ס׳ליגן דאָרט די שיינע געביידעס פונעם אוני־ווערסיטעט? אַז דו ביסט דאָרט געווען, האָסטו עס נישט באַמערקט. פון דער נאָענט דאַכט זיך, אַז אַלץ איז גלאַטיק אויסגעבויט. אָבער ווי זעט עס אויס אַ ביסל ווייַטער, אָט דאָ פון באַרג? און אָט גיב דאָרט אַ בליק. דאָס איז בית וגן. דאָ, פונקט קעגן איבער, האָט מען אויף די בערגלעך אָנגעוואָרפן בלאָקן־הייזער, לאַנגע בעטאָן־קאַסטנס, און אָנגעשטאָפּט זיי מיט מענטשן...

אַראָפּגייענדיק פונעם באַרג האָט יאַניאַ געקוקט אויפן באָדן און איבערגעקליבן די טריט צווישן די שפּיציקע שטיינדלעך. ער האָט זי געהאַלטן אונטערן אָרעם און זי האָט געהאַט אַ געפיל, אַז ער האָט זי פעסט צוגעשמידט צו זיינע דרייסטע מחשבות. אַ באַגער איז אין איר אויפגע־גאַנגען, אַז ירושלים זאָל אויסזען נאָך שענער, נאָך גרעסער, ווי ער שטעלט זיך פאָר.

— איך וויל מיר זאָלן נאָך צופאָרן אינעם מזרח־טייל פון דער שטאָט, איידער מיר גייען עסן מיטאָג.

די מאַשין האָט זיך געוויגט צווישן שמאָלע געסלעך. יאַניאַ האָט פאַרגאַפט געקוקט אויף די דורכגייער, אויף די קרעמער וואָס זענען געשטאַנען אויף די שוועלן פון די געוועלבלעך — יידן מיט פלושענע קאַפּעליושן און לאַנגע פאות. קינדער מיט לאַנגע ציצה־כנפות זענען אַדורכגעלאָפן דעם וועג מיט פריילעכע ליאַרמען. ער האָט געהאַט אַ פאַר־דאַכט, אַז די מענטשן זעען אויס אויסטערליש אין אירע אויגן.

— דאָס איז אונדזער אָפּשטאַם — האָט ער גערעדט און נישט אַראָפּגענומען די אויגן פונעם רעדל — אין זכות פון אָט די יידן וואָס האָבן קיין מאָל נישט פאַרלאָזט ירושלים, נישט פאַרענדערט זייער שפּראַך, זייערע מלבושים און זייערע מנהגים — זענען מיר ווידער דאָ!

ער האָט אַלץ געדרייט אין שאַרפע זיגזאַגן ביז זיי זענען אַרויסגע־קומען אויפן וועג קיין בית לחם.

— קענסט די געגנט?

— דאָ בין איך געווען אינעם ערשטן טאָג ווען ירושלים איז באַ־פרייַט געוואָרן.

אויף אַ שפּיץ פון אַ באַרג האָט ער זיך אָפּגעשטעלט. זיי זענען לאַנג געשטאַנען און באַטראַכט די שטאָט.

— גיב מיר דיין גרויסע לאָרנעטע — האָט זי אויסגעשטרעקט די האַנט.

די גאַנצע שטאָט האָט זיך אַנטפּלעקט ווי אויף אַ טאַץ. איינגעהילט אין אַשיקע זאַמדן האָט זיך דערנענטערט דער מידבר־יהודה, ווי ער וואָלט געוועןן דאָס פּוסטבענקעלע פון ירושלים. דאָרשטיק זענען דאָרט די זאַמדן, באַגעריק נאָך אַ טראָפּן וואַסער און אַ מענטשלעכן טראָט.

— ביסט שוין אַוודאי הונגעריק און איך האַלט דיר אויף מיט מיטאָג.

— ווען דו איילסט זיך נישט אַזוי — וואָלט איך דאָ געשטאַנען ביז זון־אונטערגאַנג. כ׳קאָן מיך נישט זאַט קוקן אויף דער שיינקייט פון דער שטאָט.

— גיב אַ קוק אין אָט דעם ווינקל. די בערג זענען דאָ אַנדערש, ווי אין דער מערב־שטאָט, און מיר דאַכט, אַז אויך זייערע געאָלאָגישע שיכטן זענען אַנדערע.

די בערג אַרום האָבן געהאָט די קאָליר פון ליים און קאַלכשטיינער. זיי האָבן אויסגעזען פּוסט און אָפּגעלאָזן.

— זענען נישט אַ מאָל די בערג אַנטשטאַנען פון פרע־היסטאָרישע ווולקאַן־אויסברוכן?

— ניין, אַרום ירושלים געפינט מען נישט קיין סימנים פון ווול־קאַנען. אַ ווולקאַן־אויסברוך, ווי אַלט ער זאָל נאָר נישט זיין, דערקענען מיר לויט די לאַווע־שיכטן, וואָס זענען אַריינגעמישט אין די שטיינער. די בערג דאָ שטייען אין זייער בראשיתדיקער באַשאַפונג און האָבן, ווייזט אויס, נישט געליטן פון קיין נאַטור־קאַטאַסטראָפעס.

צום מיטאָג האָבן זיי אַריינגעטראָפן אין אַ שמאָל ירושלימער געסל, נישט ווייַט פון דער אַלטשטאָט.

— דו ווייסט — האָט זי געזאָגט ווען זי האָט זיך אַוועקגעזעצט בייַם טישל קעגן איבער אים — די רייזע איז פאַר מיר אַזאַ איבעררעאַשונג, אַז כ׳האָב אַפילו פאַרגעסן דיר דערציילן וועגן אַ וויכטיקע זאַך, וואָס איז פאַרבונדן מיט אונדזערע היינטיקע שמועסן.

ער האָט נישט איבערגעריסן, זיינע אויגן האָבן אויסגעדריקט נייַגע־ריקייט.

— אין דער צייט ווען דו ביסט געווען אויפן פראָנט, האָב איך

וועגן דיר שטאַרק איבערגעקלערט, און כאָטש כ׳באַצי זיך אַלע מאָל מיט רעזערוו צו מיין אינטויציע, האָב איך אָבער דאָס מאָל איר גע־געגלייבט; אַז דו וועסט אַהיימקומען אַ גאַנצער און געזונטער. ווי נאָר כ׳בין צוריקגעקומען פון ירושלים און געזען, ווי די גאַנצע שטאָט איז באַפרייַט, האָב איך שוין אָנגעהויבן צו טראַכטן וועגן דיר און דייַן פּלאַן. כ׳האָב גענומען זאַמלען יעדע ידיעה און פאָרמולע, וואָס קאָן זיין פאַר דיר וויכטיק, וואָס דו זאָלסט קאָנען אויסנוצן, פאַרשטייט זיך — אַלץ וואָס האָט אַ שייכות צו מיין געביט, אויף וועלכן כ׳אַרבעט.

— און דו ביסט געקומען צו עפּעס אַ שטיקל אויספיר?

— אויב מ׳זאָל דאָ אינעם לאַנד פאַרבאָטן קליינע קערן־אויפרייסן פאַר שלום־צוועקן — איז דייַן גאַנצער פּלאַן נישט ווערט קיין קאָפּיקע. אויב אָבער עס געפינען זיך דאָ אין לאַנד מענטשן מיט פאַנטאַזיע פאַר דער צוקונפט, וואָס וועלן דיך וועלן אויסהערן און מיטהעלפן — האָסטו אַלע שאַנסן מצליח צו זיין.

— דו זאָגסט דאָס אונטערן איינדרוק פונעם הײַנטיקן אויספלוג, אָדער האָסטו פריִער אַזוי געטראַכט?

— כ׳וויל נישט זאָגן, אַז דער הייַנטיקער באַזוך האָט נישט אויף מיר משפיע געווען, אָבער כ׳מוז דיר אויפקלערן, אַז ווען כ׳קום צו די געזעצן און כללים פון באַפרייַען קערן־ענערגיע, בין איך זיכער נישט סענטי־מענטאַל.

זי האָט גענומען רעדן וועגן דער נייטיקייט פון אַ מאָדערנעם רעכן־קאָמפּיוטער, וואָס איז אומבאַדינגט וויכטיק ביים אויסחשבנען די וואָג פון די בערג און די קערן קראַפט, וואָס מ׳דאַרף דערצו באַנוצן. אָבער יורם האָט איר איבערגעריסן:

— צי וואָלט נישט בעסער געווען זאָלסט עס מיר לייענען פון די פּאַפּירלעך, וואָס דו האָסט אָנגעשריבן?

— דאָס וועט דיר גאָרנישט געבן. ס׳איז אַן אָנוואָרף פול מיט פאָר־מולעס, און עס האָט נישט קיין זין, כ׳זאָל נעמען דאָס דיר געניו אויס־טייַטשן. איבעריקנס, פעלן מיר אין מייַן העברעיִש פיל טעכנישע אויס־דריקן צו קאָנען דיר געבן אַלץ צו פאַרשטיין. אַפילו אַ טעכנישן הע־ברעיִש־רוסישן ווערטערבוך האָב איך נישט. אָבער אַחוץ מיינע נאָטיצן האָב איך גערהאַט געשפּרעכן מיט ערנסטע וויסנשאַפטלער פון אונדזער

אינסטיטוט אויף דעם געביט. כאָטש כ׳האָב נישט דערמאָנט נישט דיין נאָמען און נישט דיין פּלאַן.

— וואָס זשע איז דיין מיינונג?

— איך מיין — האָט זי גערעדט זייער שטיל — ווי נאָר דו וועסט אַריינגיין אין דער פּראַקטישער זייט פון דעם פּלאַן, וועסטו דאַרפן לענקען די אויפמערקזאַמקייט אין עטלעכע ריכטונגען. קודם כל דאַרפסטו וויסן, אַז די באַציִונג צו קערנקראַפט איז היינט אַ גאַנץ אַנדערע, ווי ס׳איז געווען מיט אַ צען יאָר צוריק, ווען דער פּחד פאַר אַטאָם־פאַר־ניכטונג האָט כולל געווען אַלץ וואָס ס׳האָט צו טאָן מיט אַטאָם. די סיטואַציע האָט זיך אָבער גרינטלעך געענדערט. אַטאָם־פיזיקער אין גאָר דער וועלט מאַכן איצט עקספּערימענטן אויסצונוצן אין אַ ברייטן פאַרנעם די קערנקראַפט פאַרן גוטס פון דער מענטשהייט. אָבער וואָס מיך אינ־טערעסירט, איז דער מצב דאָ אין לאַנד אויף דעם געביט. אונדזערע וויסנשאַפטלער און באַזונדער די, מיט וועלכע כ׳האָב גערעדט, טראָגן זיך אַרום מיט גאָר גרויסע פּלענער אויסצובויען שטאַרקערע אַטאָם־אויוונס. אַקטועל איז דאָס אויף צו קאָנען זיך באַנוצן מיט דער קראַפט זיס צו מאַכן ים־וואַסער. אַ פאַרשלאָג פון קאָנווענציאָנעלע מיטלען וועט קיין שום מאָדערנער פיזיקער נישט פאַרלייגן, ווייל דאָס איז צו שוואַך און צו אַלט. היינט צי מאָרגן — דער פאַרשלאָג וועט רעאַליזירט ווערן, ווייל דאָס לאַנד נייטיקט זיך אין גרעסערע קוואַנטומס וואַסער. און דאָס וועט עפענען אַ וועג צוצוקומען אויך צו דיין פּלאַן.

— אָבער צו דעם דאַרף מען דאָך אוראַניום.

— ביים היינטיקן טאָג— האָט זי אים געגעבן צו פאַרשטיין — אויב מיר זאָלן אויסבויען אין לאַנד נאָך עטלעכע אַטאָם־אויוונס, וועט מען אויך צו קיינעם נישט דאַרפן אָנקומען מ׳זאָל אונדז פאַרקויפן אור־אוראַניום. אוראַניום קאָן מען אַרויסציִען פון די פאָספאַטן, מיט וועלכע דער ים המלח איז רייך.

זיי האָבן שוין געהאַט אָפּגעגעסן און יאַניאַ האָט זיך נאָך נישט אויפגעשטעלט פון טישל. איר פּנים איז געווען פאַרטראַכט.

— כ׳וואָלט דיר געראָטן, זאָלסט נישט בלייבן זיצן אין דיינע ד׳ אמות. טרעף זיך מיט מענטשן, וועלכע האָבן די כלים אין דער האַנט. דו האָסט זיך מיט אַ צייט צוריק אויסגעדריקט וועגן דיין אומצוטרוי־

צו די היגע וויסנשאַפטלער און פאַכמענער אויף דעם געביט. איך בין נישט מסכים. קיינער וועט דיר דיין פּלאַן נישט אויסכאַפּן. אמתע וויסנ־שאַפטלער וועלן דיר קיין שטערונגען נישט מאַכן. אויף וויפל איך האָב זיי באַוויזן צו באַקענען, זענען זיי פּראָגרעסיווע מענטשן און זיי באַציִען זיך ערנסט אַפילו צו אַ פאַנטאַסטישן פּראָיעקט. איך אַליין ווייס פון אַ פאַל, ווען אַ גרופּע וויסנשאַפטלער האָבן אָפּגעגעבן אַ סך צײַט צו באַטראַכטן און אַנאַליזירן אַ פּראָיעקט פון אַן אומבאַקאַנטן, שוואַכן פיזיקער.

— און וואָס איז פון דעם געוואָרן?

— דאָס איז שוין נישט וויכטיק פאַר דיין ענין. כ׳וויל נאָר זאָגן, אַז ס׳איז פאַראַן אַ באַציִונג צו יונגע דערפינדער און מ׳וואַרפט נישט סתם קיין פּראָיעקטן אין קויש אַריין... אויך אין יענעם פאַל איז די הויפּט־אידעע געווען אויסגעשטעלט אויפן „ריינעם קערן־אויפּרײַס״. אָבער נישט דאָס איז געווען דער שטער. קאָמפּליצירט איז געווען דער ריזיקער פאַרנעם: צײַט, אַרבעטסטעג, די פּאָליטישע אויסווירקונג און אַ ביליאָנען קאַפּיטאַל, וואָס מ׳האָט באַדאַרפט אין דעם אַריינשטעקן. אין דיין פאַל איז עס גאָר אַנדערש. דו דאַרפסט נישט מאַכן אַלץ מיט איין מאָל. און מיליאָנען דאַרף מען אויך נישט באַלד אינוועסטירן. ס׳איז גענוג זאָלסט באַווײַזן אַ קליין שטיקל פלאַכלאַנד, ווי דו האָסט עס מיר היינט פונעם באַרג אַראָפּ געוויזן. דאָס איבעריקע וועלן שוין טאָן אַנדערע נאָך דיר... אונדזערע וויסנשאַפטלער וועלן דיך געוויס אויסהערן. ווי זאָגט מען? מ׳דאַרף קאָנען עפענען טירן.

— דאָס איז פאַר מיר אַ סך שווערער, ווי דו שטעלסט זיך עס פאָר.

— יורם! — זי האָט אויף אים אַ שטרענגן קוק געטאָן — סוף, סוף מוזטו זיין דעצידירט. אָדער דאָס אַלץ, וואָס דו האָסט מיר היינט געזאָגט איז ביי דיר אַ קינדעריש שפּילעכל, אָדער דו שלעפּסט עפּעס אַרויס פון טיפע וואַסערן און ווילסט דערמיט אַרויפשווימען אויפן אויבערפלאַך... קיינער איז נישט קיין נביא, ער זאָל וויסן, אַז דו האָסט יאָרן פאַר דעם אָוועקגעגעבן, און קיינער וועט נישט קומען צו דיר אין שטוב אַריין בעטן, דו זאָלסט אים דיין פּראָיעקט פאַרקויפן. מיך וווּנדערט, אַז דו, אַ געבוירענער אין לאַנד, זאָלסט נישט האָבן וועמען זיך אָנצופאַרטרויען אָדער מיט וועמען שותפות צו מאַכן...

— שותפות? שותפות קאָן איך נאָר מאַכן מיט דיר, פאַרשטייט זיך, אויב וועסט וועלן מיט מיר מיטאַרבעטן.

— מיטן גאַנצן האַרצן! — האָט זי הויך אויסגערופן — מיט מיין גאַנצן ווילן וועל איך דיר זיין בײַהילפיק און איבערגעגעבן, אַפילו אָן שותפות...

צילאַ האָט נישט געדרוט ביז יורם איז פאַרבעטן געוואָרן אין אַנט־וויקלונגס־מיניסטעריום און ער האָט דאָרט איבערגעגעבן זיין פּראָיעקט. מיט דעם — איז זי געווען זיכער — איז דער אָנהייב צו רעאַליזירן זיין פּלאַן געמאַכט געוואָרן. אָבער ס׳איז שוין אַדורך אַ האַלב יאָר, און קיינער האָט זיך נישט אָפּגערופן. איר אימפּולסיווע נאַטור האָט זי אַריינ־געפירט אין אַ שפּאַנונג, און וואָס לענגער דאָס האָט געדויערט, אַלץ שטאַרקער איז געוואָרן איר נייגעריקייט. זי האָט אַ סך מאָל געוואָלט אָנקלונגען צו חנהלען, דעם מיניסטערס פרוי, און זיך נאָכפרעגן ווי ס׳האַלט. אָבער זי האָט זיך דערפון אָפּגעהאַלטן. כ׳וויל מער נישט גיין דורך הינטערטירן — האָט זי ביי זיך אָפּגעמאַכט. טויג דער פּראָיעקט — וועט מען אים אָננעמען. טויג ער נישט — וועט קיינער דאָ נישט העלפן. אָבער וואָס איז מיט יורמען? פאַר וואָס לאָזט ער פון זיך נישט הערן? — האָט זי איבערגעקלערט.

איר געדולד האָט מער נישט אויסגעהאַלטן און זי האָט אָנגעקלונגען צו יורמען.

— קום שוין צו פאָרן! — האָט זי אַריינגעשריגן אין טעלעפאָן־טרייבל.

— וואָס איז געשען?

— פאַרליר נישט קיין צײַט. איך וואַרט אויף דיר.

זי האָט אַלע מינוט אַ קוק געטאָן אויפן האַנטזייגערל און ענדלעך האָט זיך געהערט אַ קלינגען ביי דער טיר.

יורם, אַ פריילעכער און אָן אויפגעהייטערטער, איז אַריינגעקומען.

— וואָס עפּעס אַזוי פּלוצעם און אין אַזאַ שפּעטער שעה?

— איך דאַרף דיך האָבן.

— ווו איז דיין מאַן?

— ער שלאָפט שוין.

— און אַז ער וועט זיך אויפכאַפּן?

— וועט ער עסן פרישטיק...

ער האָט גערעדט מיט אַ פריידיקער שטימע, וואָס איז אַריינגע־דרונגען אין האַרצן. „ער האָט געמוזט מיט עפּעס מצליח זיין" — האָט זי געטראַכט.

— כ'בין געווען בײַם מיניסטער מיט צוויי וואָכן צוריק.

— פאַר וואָס ביסטו באַלד נישט געקומען מיר דערציילן?

ער האָט זי גענומען קושן. זי האָט אים לײַכט אָפּגעשטופּט.

— נו, דערצייל שוין ווי האַלט עס דאָרט?

ערשט איצט האָט זיך יורם אָוועקגעזעצט און צילאַ — לעבן אים.

— דער גאַנצער וויזיט בײַם מיניסטער האָט פאַרנומען אַ פערטל שעה. ער האָט מיך אויפגענומען אין דער אַנוועזנהייט פון זיין סעקרעטאַר און צוויי מענער, וועלכע מ'האָט מיר פאָרגעשטעלט ווי קאָלעגן, אינ־זשענירן.

— וואָס האָט דער מיניסטער געזאָגט?

— רבותי — האָט דער מיניסטער געזאָגט — איר דאַרפט זיך אַדורכשמועסן און מיר צושטעלן אַ באַריכט מיט אַלע פּרטי פּרטים.

— מיט דעם ביסטו אַהיימגעגאַנגען און דו וואַרטסט?

— איך האָב שוין באַוויזן אָפּצוהאַלטן עטלעכע זיצונגען מיט די פאַכלייט. זיי האָבן מיך אויסגעהערט און געגעבן מיר די געלעגנהייט אַ סך צו רעדן. זיי זענען געווען אין דער ראָלע פון שווייגערס... בלויז קורצע פראַגעס האָבן זיי מיר געשטעלט. מר גפני האָט זיך אַרויסגעוויזן מיט זיינע פראַגן ווי אַ באַהאַוונטער אויף דעם געביט.

— וואַרט נאָר, גפני? אפשר איז דאָס אריק? אָבער אַ ביסל מוזטו דאָך זיך אָריענטירן ווי די זאַך באַשטייט

— איך האָב געהאַט דעם איינדרוק, אַז זיי האָבן מיין פּראָיעקט אַדורכגעטראַכט און פון אים באַאיינדרוקט געוואָרן.

— דאָס זאָגט נאָך גאָרנישט. מ'קאָן ווערן באַאײַנדרוקט. ס'קאָן גע־פעלן ווערן און ס'זאָל זיך אויסלאָזן מיט אַן „אָבער"...

— איך בין איבערצייגט, אַז די איינציקע שוועריקייט, וואָס זיי האָבן פאָרויסגעזען איז באַשטאַנען אין די אינוועסטיציעס: וויפל דאַרף מען אינוועסטירן? ווער וועט אינוועסטירן?

— צי האָסטו זיך נישט געקענט אָריענטירן, אין וועלכער ריכטונג זיי גייען?

— אין דעם פּרט האָב איך אַ קלאָר בילד. פון זייערע רייד האָב איך אַרויסגענומען, אַז זיי אַליין האָבן דערין אַ שטאַרקע פאַראינטערעסירונג: אַ פּערזענלעכע, מיט פּריוואַטער איניציאַטיוו, אָדער אויף דער ליניע פון זייער אַמט.

— מיינסטו דערמיט צו זאָגן, אַז זיי אַליין וועלן פיגורירן, ווי די טאַטעס פון דעם פּראָיעקט!

— אין דעם בין איך זיי נישט חושד. זיי מאַכן נישט דעם איינדרוק פון אַזעלכע, וואָס ווילן אויסנוצן יענעמס איינפאַל און מי. נאָכן פאַרענדיקן די אָפיציעלע געשפּרעכן איז מיר אויסגעקומען מיט איינעם פון זיי, אינזשעניר בן־ארצי צו רעדן און כ׳האָב אים פאַרשטאַנען.

— וואָס האָסטו פאַרשטאַנען?

— ער איז זייער אַ פּראַקטישער מענטש און ער האָט מיר אויפגעקלערט, אַז צו דער גאַנצער זאַך דאַרפן מיר אין דער ערשטער פאַזע אָנקומען צו דער רעגירונג. אָבער די רעגירונג וועט זיך צו דעם נישט צורירן ביז וואַנען ס׳וועלן נישט זיין פאַרזיכערט די נייטיקע פינאַנסיעלע מיטלען

— מיינסטו, אַז זייער רעקאָמענדאַציע וועט זיין אַ גינסטיקע?

— איך וויל זיך דערווייל אָפּהאַלטן פון אַרויסזאָגן יענעמס מיינונגען. וואָס מיך אינטערעסירט איצט, איז זייער אָנזאָג, אַז ביז דער פּראָיעקט וועט נישט זיין באַשטעטיקט, מוז אַלץ בלייבן אין געהיים. פאַרשידענע פאַקטאָרן קאָנען מאַכן גרויסע שטערונגען. באַזונדערס, זאָגן זיי, דאַרף מען זיך היטן פאַר „זשורנאַליסטישע נעזער״, פאַר די פּרעסע־מענטשן.

— וואָס רעכנסטו צו טאָן?

— ווען כ׳וואָלט געהאַט באַשטימט עפּעס צו טאָן, וואָלט איך דיר איצט נישט אַלץ דערציילט, נאָר צוגעוואַרט ביז וואַנען כ׳וועל שוין האָבן עפּעס ממשותדיקס, דערווייל הענגט נאָך אַלץ אין די לופטן. ס׳קאָן זיין, אַז ס׳וועט זיך אַראָפּלאָזן פון דער לופט און לאַנדן אויף אַ גוטער באַזע. אָבער צו דעם, מיין איך, איז נאָך אַ וויַיטער וועג.

— צי דער וועג איז וויַיט אָדער נאָענט — דאָס קאָן איך נישט וויסן. ס׳איז אַ מאָל פאַראַן אַ נאָענטער וועג, וואָס איז זייער וויַיט, ווייל

אין מיטן איז פֿאַראַן אַ טיפֿער גרוב אָדער אַ וואַסער, דורך וועלכע מ׳קאָן נישט אַריבערגיין, און ס׳איז פֿאַראַן אַ ווײַטער וועג, וואָס איז זייער נאָענט, ווייל בריקן פֿאַרבינדן אים... יאָ, כ׳האָב גאָר פֿאַרגעסן, אפֿשרווילסטו עפּעס טרינקען?

— מיט פֿאַרגעניגן. ס׳איז עפּעס אַזוי שטיל ביי דיר אין הויז.

— דו ביסט היינט גוט אויפֿגעלייגט, כמעט ווי אין עראָפּלאַן איבער די שנייוואָלקנס...

ער האָט זיך צו איר צוגעבויגן.

— צילאַ — ווען פֿאָרט מען ווידער? האָסט מיר נאָך נישט אָנגעגרייט דאָס קנעפּל...

— גיי, דו פּאַסקודניאַק! — האָט זי געמאַכט אַ ברוגזדיקע מינע — אַ קנעפּל מאָנט ער ביי מיר... וואָס זאָגט יאַניאַ צו דיין פּראָיעקט?

ער איז געבליבן אַ ביסל צעטומלט. געדאַכט האָט זיך, אַז ער האָט איר געדאַרפֿט דערציילן וועגן דעם אויספֿלוג מיט יאַניען אין ירושלים. ווער ווייס אויב זי האָט מיט דעם נישט אָנגעדייַט, אַז זי ווייסט עפּעס.

— איר, יאַניען, איז מיר נישט אַזוי לײַכט אָנגעקומען איבערצוצייגן אין מיין פּראָיעקט.

— וואָס הייסט, נישט אַזוי לײַכט אָנקומען? זי איז דען קעגן דיר?

— אין אָנהייב האָט זי זיך זייער געוואָקלט און אויפֿגענומען מיינע רייד, ווי אַ קינדער־מעשׂהלע, אָבער ענדלעך איז מיר געלונגען זי איבער־צוצייגן.

— וואָס פֿאַראַ כּישוף האָסטו אָנגעווענדט?

— דער כּישוף איז נישט געווען מײַנער. ס׳איז געווען דער כּישוף פֿון ירושלים.

— וואָס, אין ירושלים זענען היינט דאָ כּישוף־מאַכער?

— כ׳האָב יאַניען מיטגענומען קיין ירושלים, דער כּישוף פֿון דער שטאָט האָט אויף איר אַזוי געווירקט, אַז זי האָט זיך פֿאַרוואַנדלט פֿון אַ טרוקענע פֿיזיקערין אין אַ סענטימענטאַל מיידל...

— מיר דאַרפֿסטו נישט אַלץ אויסלייגן אין ווערטער. סײַ ווי באַ־מערק איך, אַז ס׳האָט זיך ביי דיר עפּעס געביטן. זעסט אויס צו זײַן אַ ביסל צעמישט. כ׳ווייס נישט צי פֿון ליבע צו דיין פּראָיעקט אָדער צו יאַניעס גרינלעכע אויגן...

— מיר האָבן געהאַט אַ האַרבן וויכוח. ס׳זענען געווען צווישן אונדז וועזנטלעכע חלוקי דעות. און די סענטימענטאַלקייט איז אויפגעשוווּמען ערשט ווען מיר זענען געווען אויף די בערג, ווײַט פון שטאָט. הערסט, צילאַ, די שיינקייט פון ירושלים קאָן מען זען נאָר ווען מ׳שטייט אויפן הר הצופים.

— דאַרפסט זיך נישט פאַרענטפערן פאַר מיר. אַ דערלויבעניש צו פאַרברענגען אַ טאָג מיט יאַניען האָסטו פון מיר אויך נישט באַדאַרפט. אדרבא, כ׳בין צופרידן וואָס דו דערמאָנסט זיך אַ מאָל מיטצונעמען זי אויף אַ שפּאַציר. ס׳איז נאַטירלעך, אַז צווישן אייך קאָן זיך אַנטוויקלען...

— גלייב מיר, צילאַ — האָט ער איר איבערגעריסן — ווען כ׳וואָלט געפילט, אַז כ׳האָב עפּעס צו יאַניען, וואָלט איך זיך נישט אָפּגעהאַלטן דיר וועגן דעם צו דערציילן. דאָס איינציקע וואָס פאַרבינדט מיך מיט איר איז, וואָס זי האָט מיר צוגעזאָגט הילף בײַם רעאַליזירן מיין פּראָיעקט.

— הייסט עס, אַז אויב יאַניאַ באַשטעטיקט דײַנע פּראָיעקטן, איז שוין גענוג, און דו דאַרפסט שוין קיינעם נישט...

— צילאַ — האָט ער זי אָפּגעמאָסטן מיט אַ שטאַרקן בליק — דו ווייסט, אַז זי איז איינע פון די בעסטע אויפן געביט פון אַטאָם־פיזיק. אין אַזעלכע נייטיקט זיך דאָס לאַנד. ווען דו וואָלסט דאָ אַהערגעבראַכט צען טויזנט אַנדערע, וואָלסטו דערמיט נישט אַזוי פיל אויפגעטאָן ווי דו האָסט געבראַכט זי איינע.

— אַזוי טייער איז זי אין דײַנע אויגן ?...

— מײַנע געפילן צו דיר זענען דורך דעם נישט געוואָרן אָנגערירט...

ער איז געבליבן זיצן מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. דאָס געשפּרעך האָט זיך ווײַטער נישט געקלעפּט. יורם האָט געהאַט עפּעס אַ שלעכט געפיל צו געפינען זיך נאָך האַלבער נאַכט מיט איר אַליין אין הויז. ער האָט זיך ראַש אויפגעשטעלט און געזעגנט.

— בלײַבט, אַז דו וועסט מיר לאָזן וויסן וועגן דער ווײַטערדיקער אַנטוויקלונג.

— יאָ, כ׳וועל שטיין מיט דיר אין קאָנטאַקט — האָט ער קאַלט אַ זאָג געטאָן.

אין אַ וואָך אַרום האָט צילאַ באַקומען צוויי טעלעגראַמעס. זי האָט

אַ קוק געטאָן אויף דער אונטערשריפט — ביידע טעלעגראַמעס פון דעם זעלבן מענטשן; איינע פון ניו־יאָרק און די צווייטע פון ירושלים. אין דער ערשטער לאָזט ער איר וויסן, אַז ער איז אַרויסגעפלויגן פון ניו־יאָרק, און אין דער צווייטער — אַז ער וואַרט אויף איר אין ירושלים. סיימאָן קאַרפּ איז דאָך דאָס!

„ער איז אַ ביסל צו פרי געקומען״ — האָט זי געטראַכט. ס׳הייבט זיך נאָך גאָרנישט אָן. ס׳איז נישטאָ אַ דערלויבעניש אָדער עפּעס אַזעלכעס, וואָס זאָל אים אינטערעסירן. די אַמעריקאַנער האָבן ליב פאַקטן און נישט קיין אילוזיעס.

ווי אַ פרייַנד פון איר פאָטער, האָט זי אים גוט געקענט. ווען נאָר ער איז געווען אין לאַנד האָט ער באַזוכט איר פאָטערס הויז.

מיט צוויי יאָר צוריק, ווען זי איז געווען אין ניו־יאָרק, האָט זי אים באַזוכט אין זיין אַפּאַרטאַמענט אויף דער פינפטער עוועניו. אַחוץ אַ באַדינער איז קיינער אין הויז נישט געווען. ווי נאָר זי איז אַריינגעקומען האָט ער געהייסן אָפּשטעלן די טעלעפאָנען. „איך בין פאַר קיינעם איצט נישטאָ״ — האָט ער באַפוילן דעם דינער.

קאַרפּס פאַרמעגן האָט אָנגעהויבן וואַקסן נאָך פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה. ווי יעדער אימיגראַנט פון זיין דור האָט ער אָנגעהויבן מיט די צען פינגער. וואָס ס׳איז ביי אים געווען אַנדערש, — ער האָט בשום אופן נישט געוואָלט גיין אַרבעטן אין שוויץ־שאָפּ, און נישט וווינען אויף דער איסט־סייד, ווי ס׳איז דעמאָלט געווען אָנגענומען ביי די ניי־געקומענע אימיגראַנטן. ער האָט אָנגעהויבן צו האַנדלען מיט דאַמען־קאָפּעליושן. מ׳האָט אים געזען און געקענט אין פיל ניו־יאָרקער גאַסן און קוואַרטאַלן. ער האָט אַזוי לאַנג געפּעדלט ביז ער איז געקומען צו וואָל־סטריט. דאָרט האָט ער זיך אָפּגעשטעלט. דאָס שמאָלע און קורצע געסל, צו וועלכן ס׳קומט נישט צו די זון, איז אים זייער געפעלן געוואָרן און געשיינט פאַר אים מיט ליכטיקע פאַרבן. ער האָט אויספאַרקויפט אַלע זיינע דאַמען־היט און זיך גענומען דרייען אויף דער בירזשע. דאָס תמיד פאַרשאָטנטע געסל האָט געלויכטן אין זיינע אויגן, אים כסדר געצויגן. ס׳האָט אין גאַנצן געדויערט דריי צענדליק יאָר — און ער האָט אָנגעהויבן טרייסלען מיט דער ניו־יאָרקער בירזשע. אָבער ביים סוף פון זיין אויפשטייג, ווען ער איז פעסט געזעסן אין זאָטל,

זענען ביי אים פֿאַרגעקומען עטלעכע אומגליקן און ער איז געבליבן אַן איינזאַמער מענטש.

זי איז אַרויס פֿון גאַראַזש. אין דער מאַשין איז געווען גענוג בענזין. זי האָט איינגעשלאָסן דעם מאָטאָר און געפֿאָרן קיין ירושלים.

ווען ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן צו גרינען די וועלדלעך אין ביידע זײַטן פֿון ירושלימער וועג, האָט זי זיך דערמאָנט, אַז בעת זי האָט זיך מיט אים געזעגנט, האָט ער זי אַ פֿרעג געטאָן: אפֿשר האָסטו וועלכע געלט־טראָבלס? אָבער זי האָט זיך געפֿילט פֿון דעם געטראָפֿן: — אַ דאַנק! מיר פֿעלט גאָרנישט אין ישראל.

ווען זי איז דעמאָלט געגאַנגען באַזוכן מיסטער קאַרפּ, האָט זי געוווּסט, אַז זי גייט צום רײַכסטן און גליקלעכסטן מענטש, וואָס זי קען. אָבער ווען זי איז אַרויסגעגאַנגען פֿון קאַרפּס הויז, האָט זי געהאַט דעם איינדרוק, אַז זי האָט נאָר וואָס געזען דעם אָרעמסטן און איינזאַמסטן, מיט וועמען זי האָט זיך ווען ס׳איז צונויפֿגעטראָפֿן. — אַזוי זענען זיי, די אַמעריקאַנער מיליאָנערן — האָט זי געטראַכט — אַ האַלב לעבן גיבן זיי אָפּ אויף ווערן אַ מיליאָנער — און די צווייטע העלפֿט ברעכן זיי זיך דעם קאָפּ ווי אַזוי פּטור צו ווערן פֿון די מיליאָנען: שענקען אויף סינאַגאָגעס, קירכעס, פֿאַרשרײַבן ירושהס און הערן נישט אויף אַרײַנטראַכטן ווי ס׳וועט בעסער זײַן צו פֿאַרתכלעווען זייער קאַפּיטאַל.

שפּעטער האָט אַ מאָדנער געדאַנק גענומען איר מאַטערן: זי דערמאָנט זיך, אַז ער האָט גענומען צו איר אַרויסווײַזן פֿאָטערלעכע סענטימענטן. ער האָט גערעדט צו איר ווי מ׳רעדט צו אַ קינד, עטלעכע מאָל געגלעט איר קאָפּ און גערופֿן זי טאָכטער. ער האָט איר דערציילט, אַז ער האָט געקענט איר מוטער, און ווען זי האָט אויף אים אַ קוק געטאָן, האָט זי געזען טרערן אין זײַנע אויגן. זי האָט דורך דער גאַנצער צייט וועגן דעם נישט געוואָלט טראַכטן, אָבער איצט, ווען זי האָט זיך דערין דערמאָנט, האָט זי געוואָלט אויסדרייען די מאַשין און צוריקפֿאָרן.

אין ניו־יאָרק האָט מען איר אויך אָנדערציילט אַ סך פּיקאַנטע מעשׂיות וועגן קאַרפּן: קודם כּל, וועגן דעם גײַעג פֿון פֿאַרשידענע אינסטיטוציעס, ווי אַזוי אַרויסצוקריגן פֿון אים דאָס פֿאַרמעגן; אַז אויף אים לויפֿן אַ סך שיינע פֿרויען: אלמנות, גרישות, און אַפֿילו יונגע מיידלעך חנדלען זיך צום גביר. געווען אויך פֿאַרלעך, וואָס די מענער

אַליין האָבן אונטערגעשטעלט זייערע יונגע ווײַבלעך, זיי זאָלן זיך שדכנען צו קאַרפּן און זאָגן, אַז זיי האָבן שוין אַריינגעטראָגן אַ תביעה אויף אַ גט און דערנאָך... ער וועט דען לאַנג אָנהאַלטן?... אָבער קאַרפּ האָט זיך פון קיין איינער פון זיי נישט געלאָזט כאַפּן אויף דער ווענטקע.

ווען דער געפלאַסטערטער וועג האָט זיך אויפגעהויבן באַרג־אַרויף, זענען אירע טריבע געדאַנקען געבליבן אין טאָל. זי איז געוואָרן הייטער און זיכער, אַז דער שליסל צו אינוועסטירן יורמס פּראָיעקט ליגט אין אירע הענט. זי האָט נאָר איבערגעקלערט: צי לוינט טאַקע פאַר דעם דאָזיקן ראָמאַנטישן יורם צו ברענגען פאַר אַ קרבן אַ טייל פון קאַרפּס פאַרמעגן, אַ פאַרמעגן פון אַ טראַגישן מענטש, וואָס האָט זיין גאַנץ לעבן קיין הנאה פון דער וועלט נישט געהאַט אויסער דאָס פאַרגעניגן צו „מאַכן געלט"?

און פון דער צווייטער זייט: צי איז ווערט אַזאַ מענטש — אַ גייציקער, אַ קמצן, אַ בלינדער „דאָלאַר־קנעכט", וואָס האָט זײַן גאַנץ לעבן זיך אַרומגעקריגט מיט זײַן סביבה, כדי צו זאַמלען אַ סענט צו אַ סענט — אַז זיין פאַרמעגן זאָל אָנגעווענדט ווערן פאַר אַן אידעע אָדער דערפינדונג, וועלכע וועט מאַכן אַן איבערקערעניש אין דער נאַטור, און ווי יורם רופט עס אָן — „שאַפן אַ נייע וועלט אויף דעכער"? די גאַנצע באַגעגעניש מיט קאַרפּן איז איר געוואָרן נישט ניחא. צי דאַרף זי טאָן אַ זאַך, וואָס איז קעגן איר ווילן? פון דער צווייטער זײַט האָט זי אָבער זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון, אַז אַן שווערע מיליאָנען איז יורמס פּראָיעקט נישט מער ווי אַן אילוזיע. זי האָט מיט נאָך מער שנעלקייט געטריבן די מאַשין באַרג־אַרויף קיין ירושלים.

ווען זי איז אַריינגעקומען אין „קינג דייוויד" האָט סיימאָן קאַרפּ זי אויפגענומען מיט שׂמחה, ווי מ'נעמט אויף אַן אייגענע טאָכטער.

זיי האָבן זיך אַוועקגעזעצט בײַ אַ טישל אינעם זוניקן גערטנדל לעבן דער טעראַסע. פון קעגן איבער האָבן אויף זיי געקוקט די מויערן פון דער אַלטשטאָט. אויף די הויכגאָרנדיקע טרעפּן צום הר ציון איז געווען אַ קליינע באַוועגונג. פון דער לינקער זײַט זענען געשטאַנען טוריסטן ביים אַריינגאַנג אין הורדוס פאַמיליע־קבר.

— וואָס קוקסטו אַזוי? — האָט קאַרפּ זי געפרעגט — ביסט נאָך נישט געווען אין ירושלים?

ער האָט באַשטעלט קאַווע.

— איר רייכערט נישט? — האָט זי אים סתם אַזוי אַ פרעג געטאָן.

— ס׳מאַכט נישט. דו מעגסט רויכערן. מיר שטערט עס נישט.

זי האָט אים גוט אָנגעקוקט. ער האָט איצט אויסגעזען עלטער און שטילער. זיין קאָפּ האָט שוין אין גאַנצן געגרויט. די קנייטשן אויפן שטערן זענען געווען טיפער, די אויגן ווייַסער, אויסגעלאָשענער. אָבער ווי נאָר ער האָט אָנגעהויבן מיט איר צו רעדן, האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז ער איז נאָך גענוג כיטרע.

— ווען נישט דייַן בריוו וואָלט איך גאָרנישט געקומען צו פליִען.

— איר האָט זייער גוט געטאָן. ס׳איז אַ זייער אינטערעסאַנטע אידעע.

— יאָ אינטערעסאַנטע אידעע, נישט אינטערעסאַנטע — פאַר מיר איז גענוג, אַז דו ביסט אינטערעסאַנט...

קיין פינגער אין מויל דאַרף מען צילען נישט לייגן. זי האָט באַלד פאַרשטאַנען, אַז פון פּראַקטישן שטאַנדפּונקט האָט ער מיט איין מאָל אָפּגעוואָרפן איר ווענדונג. איר זיכערקייט, אַז „פון קאַרפן וועט קומען די ישועה" איז אַריינגעפאַלן אין אַ תהום. זי האָט אַפילו איבערגעקלערט, צי זי זאָל ווענגן דעם מיט אים רעדן, אָדער גאָר זיך נישט מאַכן וויסנדיק און פאַרענדיקן מיט אַ בלויזן פרייַנדשאַפט־וויזיט. ער האָט דאָך אָבער יאָ דערמאָנט „אַז מיין בריוו האָט אים דאָ אַהערגעבראַכט" — האָט זי איבערגעקלערט — האָט זי באַשלאָסן באַלד צוצוטרעטן צום ענין.

— הערט זיך איין, מיסטער קאַרפּ, אויב איר האָט אויפמערקזאַם געלייענט מיין בריוו און זיך געגומען צייַט דאָ אַהערצוקומען — האָב איך אַ גרונד צו גלייבן, אַז נישט נאָר איך בין בייַ אייך אינטערעסאַנט, נאָר אַז דער עצם ענין וועגן וואָס כ׳האָב אייך געשריבן האָט אייך אינ־טערעסירט...

— נאָר אויף אַזוי ווייַט וויפל ס׳קאָן זיין אַ גוטע ביזנעס.

— נישט מער?

— פאַר ישׂראל האָב איך שוין גענוג געטאָן; אַ פערטל מיליאָן דאָלאַר פאַרן תל־אביבער אוניווערסיטעט. גיי גיב אַ קוק. אַ פּאַווילאָן איז דאָרט פאַראַן אויף מיין נאָמען. אַ האַלבן מיליאָן פאַרן טעכניקום און אַ קיילעכדיקן מיליאָן פאַרן ווייצמאַן־אינסטיטוט. פאַר פּריוואַטע מענטשן, אָדער פאַר זאַכן, וואָס קומען פון פּריוואַטער איניציאַטיוו, האָב איך נישט

קיין פילאַנטראָפּישע פאָנדן. זעסטו, פאַר דיר וואָלט איך געמאַכט אַן אויסנאַם. אָבער אַזוי ווי דו האָסט עס מיר שוין איין מאָל אין ניו־יאָרק אָפּגעזאָגט, וויל איך עס דיר נאָך אַ מאָל נישט פאָרלייגן... אָבער צו ערשט דערקלער מיר אין וואָס ס'האַנדלט זיך, און נאָך פריִער — ווי קומסטו בכלל דערצו. דיין מאַן איז אַ ביזנעסמאַן?

— מיין מאַן האָט נישט קיין אַנונג אין מסחר.

— וואָס פאַר אַ פּראָפעסיע האָט ער?

— ער איז אַ דראַמאַטורג.

— וואָס, אַ קאָמעדיאַנטשיק אויף דער בינע?

זי האָט איינגעביסן מיט די ציין די ליפּן:

— אים זעט מען נישט אויף דער בינע. ער שרײַבט נאָר בלויז.

— אַהאַ... טאָ ווי קומסטו צו אַזעלכע גרויספאַרנעמיקע ביזנעס?

— איך זע נישט אין דעם קיין ביזנעס, נאָר אַן אידעע, אַ סאָציאַלע אידעע.

— וואָס, ביסט טאַקע געוואָרן אַ סאָציאַליסטקע?

צילאַ האָט חשק געהאַט זיך אויפצושטעלן און אַנטלויפן פון טיש. זי האָט געמאַכט אַ גראָבן טעות: דער זעלבער סיימאָן קאַרפּ, וועמען מ'האָלט אין ניו־יאָרק פאַר אַן אַלטן און אָפּגעשאָלטן — שטייט נאָך מיט ביידע פיס אין די ביזנעס. ער געהערט צו די טיפן וואָס צעטיילן זיך אין צווייען: ווי אַ פילאַנטראָפּ האָט ער אַ ברייטע האַנט און איז אַ גאָלדענע נאַטור, דאַקעגן אין ביזנעס איז ער אויסגערעכנט, אַן אכזר. זי האָט אָבער נישט געוואָלט רעזיגנירן פון אויפדעקן פאַר אים דעם ענין און הערן זיין ענדגילטיקן באַשלוס.

— קומט אַריין אינעווייניק. די זון שטייט איצט אין מיטן הימל — האָט זי געזאָגט און זיך אויפגעשטעלט פון טיש.

זיי האָבן זיך אַוועקגעזעצט אין די טיפע פאָטעלן אין דער לאָבי און זי האָט ממשיך געווען:

— איר האָט מיך נישט איבערראַשט מיט אייער שנעלן אָפּזאָג, אַפילו נאָך איידער איר האָט אויסגעהערט אין וואָס ס'האַנדלט זיך. און אַלס סאָציאַליסטקע, ווי איר האָט מיך באַטיטלט, בין איך געקומען זען אויב איר זענט נישט אַזוי הילפלאָז ווי מ'האָלט אייך אין ניו־יאָרק...

דער אַמעריקאַנער האָט זיך שפּאָטיש צעלאַכט:

— האָסט אַוודאי געהערט אַז ס׳זענען פֿאַראַן אַ סך בעלנים מיך צו ירשהנען... נעם זיך נישט איבער... זיי לויפֿן שוין אַזוי אַ צענדליק יאָר... זיי אײַלן זיך, האַ ?...

— איך האָב געוואָלט קומען צו אײַך קיין ניו־יאָרק, אָבער כ׳שטעל מיר פֿאָר, אַז אין ישׂראל זענט איר בעסער געשטימט.

— פֿאַר דיר בין איך אומעטום גוט געשטימט און בין גרייט דיך אויסצוהערן.

— דאָ האַנדלט זיך אין גרויסע מעשׂים, וואָס דאַרפֿן פֿאָרקומען אין אַ קליין לאַנד. איינער אַ פֿרײַנד, אַ יונגער אָבער זייער פֿעיִקער אינ־זשעניר, האָט דערפֿינדן אַ פּלאַן צו פֿאַרגרעסערן דאָס לאַנד דורך אויס־גלײַכן בערג...

קאַרפּ האָט זיך גענומען דרייען אין פֿאָטעל און אַרויסגעוויזן נערוועז־זיטעט.

— וועגן דעם ווייס איך שוין. וואָס מיך אינטערעסירט איז, אויב די רעגירונג איז דערצו מסכּים.

— וועגן דעם פֿירן זיך אונטערהאַנדלונגען.

אַ פּיקאָלאָ איז פֿאַרבײַגעגאַנגען מיט אַ שוואַרצן טאָוול, אויף וועלכן ס׳איז עפּעס געווען אָנגעשריבן מיט ווײַסע אותיות. סיימאָן קאַרפּ האָט אַ בליק געטאָן:

— אַנטשולדיק, מ׳רופֿט מיך צום טעלעפֿאָן.

ווען ער איז צוריקגעקומען האָט ער שוין מיט איר גערעדט שטיי־ענדיק.

— איך באַדויער, וואָס כ׳קאָן נישט האָבן דאָס פֿאַרגעניגן מיט דיר ווײַטער צו רעדן. מ׳האָט מיך אײַנגעלאַדן אין מיניסטעריום. דער פֿינאַנץ־מיניסטער וואַרט אויף מיר.

ער האָט געזען איר מינע פֿון אַנטוישונג, האָט ער אַרויפֿגעלייגט די האַנט אויף איר אַקסל:

— הער מיך, צילאָ, פֿון דײַנע בלויזע רייד וועט גאָר נישט אַרויס־קומען. רוף צונויף דײַן דערפֿינדערישן אינזשענירל און די פֿאַראינטע־רעסירטע אין דער זאַך און לאָז מיר וויסן ווען, וועל איך קומען מיט מײַן אַדוואָקאַט צו דיר אין הויז. מיר וועלן די ביזנעס ברייטער אַרומ־רעדן. וואָס כ׳קאָן דיר צוזאָגן, אַז אויב דער פּראָיעקט וועט מיר אַרײַן

אין קאָפּ, וועל איך דיך נישט לאָזן לאַנג וואַרטן און גלייך אויפן אָרט וועסטו וויסן מיין שטעלונג. טו איצט, ווי ס׳פּירט זיך ביי אונדז: פאַר־בינד זיך מיט מיין אַדוואָקאַט מיסטער אַמיר און גיב אים איבער אַלץ, וואָס האָסטו מיר צו זאָגן, באַקען אים מיט דיין אינזשענירל, לייג אים פאָר די פּראָיעקטן, און איידער כ׳קום וועגן דעם אין דיין הויז, וועל איך שוין האָבן זיין מיינונג. אָט האָסטו זיין טעלעפאָן.

— ווי לאַנג בלייבט איר נאָך דאָ?

— אַ צוויי וואָכן.

אַריק גפני, דער דירעקטאָר פון אַנטוויקלונגס־מיניסטעריום, צילעס אַ ווייטער קרוב, האָט זיך אַרומגעדרייט און געריכערט איין סיגאַרעט נאָך דער צווייטער. יאַניאַ האָט פאַרטיפט אַריינגעקוקט אין אַ בינטל פּאַפּירן און יורם איז געזעסן לעבן איר און געשוויגן.

— און מ׳זעט אים נאָך אַלץ נישט — האָט זיך אָנגערופן איינער פון די פאַרבעטענע אינזשענירן.

צילאַ, אַן אויפגערעגטע, איז ווידער אַרויס אויף דער גרויסער טע־ראַסע, זיך אַרומגעקוקט, אָבער קיין שום מאַשין האָט זיך פאַרן הויז נישט אָפּגעשטעלט.

גפני האָט זיך אַוועקגעשטעלט לעבן צילען און אָנגעשפּאַרט ביידע הענט אויפן שטאַנג פון דער טעראַסע.

— איך קען אים בעסער ווי דו, אַז ער זאָגט צו, הייסט נאָך נישט אַז ער קומט.

— דו קאָנסט אים טאַקע פּערזענלעך?

— אין מיניסטעריום איז ער אַן אָנגעלייגטער גאַסט. זיין סעקרעטאַר פאַרפּלייצט אונדז מיט בריוו.

— שטייט ער מיט אייך אין פאַרבינדונג וועגן פּראָיעקטן, אינ־וועסטיציעס?

— כמעט פון אַלעם לאָזט זיך אויס אַ בוידעם. ער האָט בלויז גע־קויפט אַקציעס פון די נאַפט־זוכונגען. ער האָט געוואָלט אָפּקויפן די קופּער־מינעס, אָבער ס׳איז פון דעם גאָרנישט געוואָרן.

— איצט מעגסטו מיר שוין זאָגן: ווי האָט יורם אויסגעזען ביים מיניסטער?

— דער יונגערמאַן האָט געמאַכט אַ גוטן איינדרוק. כ׳האָב שוין פריִער געהאַט רעפערירט דעם מיניסטער דעם גאַנצן ענין. בלויז קורצע פראַגעס האָט ער אים געשטעלט.

— פאַר וואָס האָט עס געדאַרפט דויערן אַ האַלב יאָר ביז איר האָט אים אויפגענומען?

— אין אַנדערע פאַלן דויערט עס נאָך לענגער — יאָרן.

— דער עיקר, ווי האַלט עס?

— כ׳האָב דאָך דיר שוין געזאָגט, אַז דער מיניסטער האָט באַשטימט אַ קאָמיסיע: די אינזשענירן בן־ארצי, זוהר און איך אַלס פאָרזיצער.

— און ווי מיינסטו — זיי וועלן דעם פראָיעקט שטיצן?

— לויט דער רעקאָמענדאַציע, וואָס מיר האָבן איבערגעגעבן, שטיצן מיר פולשטענדיק יורמס פלאַן. די איינציקע באַוואָרעניש איז די פראַגע וועגן אינוועסטיציע־קאַפּיטאַל.

— אַזוי גלאַטיק איז עס צוגעגאַנגען?

— נישט אַזוי לײַכט, אָבער איך פערזענלעך בין געווען איבערצייגט, אַז דאָס איז אַ גוטער פראָיעקט, און ס׳איז גענוג געווען כ׳זאָל אַרייַנוואַרפן איין זאַץ: „וואָס ווילט איר? ער זאָל אַוועק מיט די פּאַפּירן קיין אויסלאַנד און פאַרקויפן דעם פּאַטענט?״

— מיינסטו טאַקע, אַז די גאַנצע זאַך איז אויסגעשטעלט אויפן געלט־זאַק, אויף קאַרפּן?

— איך האָב אַן אַנדערן פאָרשלאַג. וועסט שפּעטער הערן.

גפני האָט אַרויסגערוקט דעם קאָפּ איבער דער באַריערע פון דער טעראַסע און ווײַט זיך אַרומגעקוקט.

— צילאַ, ווו שטייט דאָס געשריבן, אַז כ׳מוז אויף אים וואַרטן מער ווי אַ האַלבע שעה? איך פאָר צוריק אין שטאָט אַרייַן.

— טו דאָס נישט? — האָט אים צילאַ אָנגעכאַפּט ביי דער האַנט — אויב דו גייסט אַוועק, האָט בכלל קיין זין נישט מיט אים צו שמועסן. אַ צווייט מאָל וועט ער זיכער נישט קומען.

— אויב איך בלײַב, וועסטו זיין אַן עדות פון אַ שאַרפער דעבאַטע. מיסטער קאָרפּ איז נישט אַזוי לײַכט איבערצוצייגן. איך קען שוין גוט זיינע טריקן, מיט וועלכע ער דרייט זיך אַרויס פון אונדזערע פאָרשלאַגן. אין רוב פאַלן טוט ער אַפילו פאַרקערט, ווי זיין אַדוואָקאַט ראָט אים צו

טאָן. כ׳מיין ס׳וואָלט בעסער געווען, ווען איך קום דאָ אין גאַנצן נישט אַהער. ביי מיר אין ביוראָ האָט ער אַ ביסל מער דרך ארץ... דער מיניס־טער האָט מיך אָבער געשיקט.

צילאַ איז געווען אין אַ געדריקטער שטימונג:

— ס׳איז באמת אַ שאָד מיר זאָלן זיך פונאַנדערגיין מיט גאָרנישט. קום, מיר וועלן דערווייל טרינקען אַ טעפל קאַווע.

זיי האָבן זיך אַוועקגעזעצט טיפער אין דער טעראַסע און שוין ביים ערשטן שלוק פון די טעפלעך האָבן זיי דערהערט ווי אַן אויטאָ האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַרן הויז. צילאַ איז אויפגעשפרונגען און אַרויס אין דרויסן.

דער אַמעריקאַנער איז אַריינגעקומען מיט נאָך אַ מאַן. דער שאָפער איז אויך מיטגעקומען און נאָכגעטראָגן עלעגאַנט איינגעפּאַקטע פּעקלעך.

— אַ שטאָט מיט ווילי־עס אויסגעבויט — האָט קאַרפּ ברייט אַ מאַך געטאָן מיט די הענט — אפשר אַ האַלבע שעה אַרומגעזוכט ביז מיר זענען צוגעקומען צו דיין הויז. מ׳פרעגט איתן — און קיינער ווייסט נישט. איז מיר איינגעפאַלן אַ פרעג צו טאָן „ווו וווינט דאָ דער סופר״ — האָט מען מיר באַלד געוויזן... וואָס, אַ העמינגוויי איז דיין מאַן? לייג דאָס אַוועק. דאָס איז פאַר דיר. וועסט עס שפּעטער אויפפּאַקן. אַ, שלום מיס־טער גפני! איר זענט אויך דאָ, קאָן מען דאָך שוין שטעלן די חופה... באַקענט זיך, דאָס איז מיסטער אַמיר, מיין אַדוואָקאַט.

צילאַ האָט דערלאַנגט די פּעקלעך דעם דינסמיידל. זי האָט געזען ווי דעם גאַסטס פּנים האָט אויפגעלעבט מיט אַ רויטלעכער קאָליר. גאָר אַן אַנדערער סיימאָן קאַרפּ ווי אין ניו־יאָרק, און אַפילו אין ירושלים...

— באַקענט, מיסטער קאַרפּ — צילאַ האָט אים אַרומגעפירט איבערן סאַלאָן — דאָס איז אינזשעניר יורם רביב, דער טאַקע וואָס דרייט אונדז אַ קאָפּ מיט זיין דערפינדונג... דאָס איז ד״ר יאַניאַ ציטרין, אַ פיזיקערין פון וויצמאַן־אינסטיטוט, און דאָס זענען די אינזשענירן בן־ארצי און זוהר. מר גפני דאַרף איך אייך דאָך נישט פאָרשטעלן...

— מיר דאַכט, אַז דיין הויז איז אַ גאַנצער מיניסטעריום. ווו איז דער מיניסטער אַליין, כ׳מיין דיין מאַן?

— ער איז אויף אָפּרו אין צפת.

— און דאָס מיניסטעריום פירט זיך אָן אים... כ׳האָב עפּעס געהערט, אַז ער האָט זיך „אַריינגעצויגן אויפן בראָדוויי״... וואָרט נאָר, יאָ, ווער

האָט דאָס מיר געזאָגט? דאַכט זיך גאַלאַמב. יאָ, גאַלאַמב אַליין האָט געזען אַ מוווי זײַנע, צי אַ פֿאַרשטעלונג. ער האָט מיך געוואָלט מיטשלעפּן, אָבער איך האָב נישט קיין צייט פֿאַר אַזעלכע נאַרישקייטן.

יורם איז געזעסן ווי אַ באַטויבטער. די האַלטונג פֿונעם אַמעריקאַנער האָט אויף אים געווירקט, אַז ער האָט געהאַט אַ ווילן צו אַנטלויפֿן פֿון צילעס הויז. ער האָט זיך צוגעבויגן צו יאַניען און איר אַ שעפּטשע געטאָן אין אויער אַריין:

— אָדער זי וואַרפֿט אַרויס דעם גראָבן געלטזאַק — אָדער איך אַנטלויף פֿון דאַנען.

אָבער יאַניאַ האָט אים אָפּגעהאַלטן:

— זיין האַלטונג דאַרף דיר נישט אָנגיין. ער איז נישט דײַן גאַסט און נישט אין דײַן הויז. כ׳מיין, אַז דער באַלעבאָסטע איז דאָס אויך נישט אָנגענעם. אויב צילאַ האָט אים פֿאַרבעטן, ווייסט זי וואָס זי טוט.

צילאַ האָט געוואָלט מיט עפּעס אים פֿאַרשטאָפּן דאָס מויל, האָט זי אַ פֿרעג געטאָן:

— מיסטער קאַרפּ, איר וועט עפּעס טרינקען?

— אַ גלאָז וואַסער מיט ציטרין... קאָווע טרינק איך נישט.

דער אַמעריקאַנער האָט מיט איין מאָל אויסגעטרינקען דאָס גאַנצע גלאָז וואַסער און פֿאַררויכערט אַ דיקן ציגאַר.

— מיסטער קאַרפּ, איר וועט אויך אפשר עפּעס צובײַסן?

— קיין זאַך נישט. איך עס נישט מער ווי צוויי מאָל אין טאָג. ווער איז זי? זי זעט אויס ווי אַ רוסישע.

— איר האָט אַן אויג, מיסטער קאַרפּ! — האָט צילאַ אים אונטער־געהאַלטן — זי איז טאַקע אַ נייע עולה פֿון מאָסקווע.

סיימאָן קאַרפּס הומאָר האָט זיך פֿאַרבעסערט פֿון מינוט צו מינוט:

— אויב אַזוי האָט שוין געלוינט דאָ אַהערצוקומען. כ׳בין שוין דאָס אַכטע מאָל אין לאַנד און קיין רוסישן אימיגראַנט האָב איך נאָך נישט באַגעגנט — ער האָט אָנגעהויבן צו רעדן מיט יאַניען.

— ער רעדט דאָך אַ פּרעכטיקן רוסיש — האָט יאַניאַ זיך דערפֿרייט.

— איך מיין — האָט גפֿני זיך אַרייַנגעמישט — אַז ס׳איז שוין צײַט אָנצוהייבן.

קאַרפּס פּנים האָט זיך געענדערט. ער האָט איבערגעריסן דעם

שמועס מיט יאַניען, עפּעס אויף ענגליש אַ שושקע געטאָן אין אויער פון זיין באַראַטער און געבליבן זיצן שטיל און ערנסט.

— צילאַ, הייב אָן — האָט גפּני אויסגערופן — בעסער וואָלט געווען ווען דו רעדסט ענגליש.

— ס׳וועט אָבער זיין אַ צעבראָכענער ענגליש — האָט זי זיך באַוואָרנט.

צילאַ האָט זיך אַוועקגעזעצט קעגן איבער דעם אַמעריקאַנער און גערעדט צו קאָרפּן אין פּנים אַריין:

— מיטן רשות פון דערפינדער וועל איך דאָ פאָרלייגן זיין פּלאַן ווי איך זע אים. כ׳וועל נאָר בקיצור באַרירן די הומאַניטאַרע און סאָציאַלע אַספּעקטן פון זיין פּראָיעקט. די טעכנישע און עקאָנאָמישע פּראָבלעמען וועל איך איבערלאָזן צו אייך מומחים. דאָ האַנדלט זיך נישט בלויז אין אַ זאַך, וואָס איז נייטיק פאַרן לאַנד, נאָר קאָן אויך ברענגען אַן אַגריקולטורעלע רעוואָלוציע פאַר אַ גרויסע צאָל נישט אַנטוויקלטע לענדער און פעלקער, וואָס ליידן פון אַ דוחק אין שפּייז.

זי האָט זיך אַ ווײַלע אָפּגערוט, געוואָלט זען, ווי עס רעאַגירט דער אַמעריקאַנער אויף אירע רייד, אָבער קאָרפּס פּנים איז איצט געווען פאַרגליווערט.

— אויב מיר זאָלן וועלן קוקן אין די נאָענטסטע דורות אַרײַן — האָט זי ווײַטער געצויגן — און אַפילו שוין הײַנט, איז דער פּראָבלעם נומער איינס, וואָס באַהערשט די וועלט — „די איבערבאַפעלקערונג״. גרויסע סאָציאָלאָגן רופן דאָס אָן מיט אַ פּשוטן נאָמען „די איבערבאַפעלקערונגס־עקספּלאָזיע״. פאַראַן צוויי באַזונדערע גרופּעס, פון קעגנזעצלעכע שולן און עקסטרעמע שיטות. די מיליטערלײַט ווילן דאָס פּראָבלעם לייזן מיט אַן אַטאָם־מלחמה, וואָס זאָל מאַכן שיטערער די באַפעלקערונג אויף דער וועלט מיט אַ דריטל. די סאָציאָלאָגן און הומאַניסטן האָבן אַ גאָר אַנדערן רעצעפּט: זיס מאַכן ים־וואַסער און קולטיווירן מדבריות. אַלע אַנדערע געדאַנקען אין דער היגזיכט, ווי פאַרקלענערן דעם נאַטירלעכן צוווקס, אָדער איבערוואַרפן גרויסע מאַסן פון איין קאָנטינענט אין אַן אַנדערן, האָבן נישט קיין אויסזיכטן צו דעם פּראָבלעם עפּעס פּראַקטישס בײַצוטראָגן...

— דו רעדסט דאָך טאַקע ווי אַ סאָציאַליסטקע — האָט קאַרפּ איבער־געריסן.

צילאַ האָט אים אָפּגעמאָסטן מיט אַ בייזן בליק און זיך אַפילו נישט אָפּגעשטעלט:

— שטילערהייט האָבן אפשר אָט־דיביידע גרופּעס, סײַ די מיליטאַריסטן, סײַ די סאָציאַלאָגן, אַ גלייכע מאָס אָנהענגער אין דער וועלט. דאָס פּראָבלעם גילט אפשר נישט אין די פאַראייניקטע שטאַטן, ווו ס׳איז נאָך אַלץ דאָ אַן עודף פון שפּײַז, און מ׳לאָזט נישט די פאַרמער פאַרזייען אַלע זייערע פעלדער, כדי די רעגירונג זאָל נישט האָבן קיין גרויסע היזקות בײַם אָפּקויפן די איבערגעבליבענע נישט פאַרנוצטע זאַפּאַסן ווייץ און קאָרן. אָבער אין אַנדערע וועלט־ווינקלען איז שוין פאַראַן אַ גרויסער שפּײַז־מאַנגל. געוויסע טעאָרעטיקער פון איבערבאַפעלקערטע לענדער ברעכן זיך שוין הײַנט די קעפּ, ווי אַזוי מיט איין מאָל פּטור צו ווערן פון גרויסע מענטשן־מאַסן, ווײַל ס׳פעלט אויס דאָס טעפּל רייז. טאָ פאַר וואָס זאָלן די הומאַניסטן נישט צוגעבן צו זייער איבערבאַפעלקערונגס־רעצעפּט נאָך איין קרייטעכץ — אויסגלייכן בערג, וואַרפן זיי אין טאָל אַריין, כדי אַרויסצובאַקומען פלאַכלאַנד און פאַר מיליאָנען אויסנוצן די ברכה פון דער ערד?

אין סאַלאָן איז שטיל געוואָרן. דער גרויסער וואַנטזייגער האָט שטיל געטיקטאַקט און צילעס קול האָט געקלונגען נאָך לויטערער און זיכערער:

— אַפילו ווען מיר זאָלן זיך באַגרענעצן צו רעדן בלויז וועגן אַ קליינער געגנט — אונדזער לאַנד — איז אינזשעניר רביבס איינפאַל אויך ביז גאָר וויכטיק. די אַלגעמיינע אָנערקענונג פאַר קולטיווירן מדבריות האָבן מיר שוין באַקומען, אָבער אויסגלייכן בערג — און ס׳רעדט זיך טאַקע וועגן בערג און נישט בערגלעך — האָבן מיר נאָך נישט אָנגעהויבן.

דער אַמעריקאַנער איז געזעסן אין שפּאַנונג. זיין אַדוואָקאַט האָט עפּעס פאַרצייכנט אין אַ נאָטיץ־ביכל און גפני האָט אַ ווײַז געטאָן צילען מיט דער האַנט זי זאָל אויפהערן.

— אין נאָמען פון אַנטוויקלונגס־מיניסטעריום באַגריס איך מיסטער קאַרפּ, וואָס ער האָט באַוויליקט צו קומען צו אונדזער זיצונג. כ׳וועל נישט דערגענצן דעם סאָציאַלן אַספּעקט, וועלכן ס׳האָט פאַרגעשטעלט פאַר אונדז גברת איתן — האָט גפני אָנגעהויבן — איך האַלט פאַר

פּאַסיקער דאָ צו רעפערירן וועגן דער פּראַקטישער זײַט. אָבער קודם כּל זאָלן מיר אויסהערן דעם דערפינדער גופא, כ׳מיין אינזשעניר יורם רביב.

יורם האָט זיך עפּעס נישט געפילט באַקוועם און אָנגעהויבן רעדן מיט אַ גרימאַסע.

— מײַנע פלענער האָב איך אײַך, קאָלעגן, פאָרגעלייגט און כ׳האָף, אַז זיי זענען אײַך קלאָר — האָט ער גערעדט צו די אינזשענירן — ס׳וואָלט געווען איבעריק כ׳זאָל דאָ איבערחזרן טעכנישע פּרטים. כ׳וויל בלויז אונטער־שטרייכן, אַז די גאַנצע קאָנסטרוקציע איז טעאָרעטיש צוגעגרייט. שוין נאָכן ערשטן עקספּערימענט וועלן מיר פּאַרוואַנדלען נישט באַוועלדערטע בערג און טאָלן אין אַ שטיק פּלאַכלאַנד, אויף וועלכן מ׳וועט קענען אויסבויען אַ שיין שטעטל. אין דער געשעפטלעכער זײַט האַלט איך זיך נישט פאַר קיין מומחה און לאָז דאָס איבער פאַר אײַך.

יאַניאַ האָט געוווסט אויף וואָס יורם ברוגזט זיך און ער האָט בײַ איר אויסגענומען מיט זיינע קורצע רייד. אַזוי דאַרף זיך אַ וויסנשאַפטלער האַלטן. אָבער צילאַ האָט געהאַט אַן אַנדערער מיינונג — ער האָט זיך אויפגעפירט גלײַך ווי מ׳מיינט נישט אים.

קאַרפּ האָט ווידער עפּעס אַ שעפּטשע געטאָן צום מאַן וואָס איז געזעסן לעבן אים און אַדוואָקאַט אָמיר האָט געפרעגט:

— וויפל מיינט איר, קען מען בײַם ערשטן עקספּערימענט אַרויס־ברענגען פּלאַכלאַנד?

— פופצן קוואַדראַט קילאָמעטער, בערך — האָט זיך יורם אָנגערופן.

— און אַ דערלויבעניש פון דער רעגירונג האָט איר שוין?

— דאָס וועט אונדזער מיניסטעריום באַזאָרגן — האָט גפני פאַר־זיכערט.

— און ווי גרויס וועט זיין דער פאַרנעם פון דעם צווייטן עקספּערי־מענט?

— בערך טאָפּל ווי דער ערשטער — האָט אינזשעניר בן־ארצי אָנגעוויזן.

— און ווי האַלט עס מיטן „קרן קימת” אָדער „מקרקעין ישׂראל”?

— מיר האַנדלען אונטער — זאָגט גפני.

— וויפל פאַרלאַנגען זיי?

— מיר האַנדלען אונטער אין אַלגעמיין, אין פּרינציפּ.

— ווער ווייס וויפל זיי וועלן זיך הייסן געבן — האָט זיך קאַרפּ אָנגערופן.

— זיי פאָדערן נישט קיין רעאַלן פּרייז — ווערט זיך גפני — יעדנ־פאַלס — אין די ראַמען ווי מ׳גיט אָוועק בוי־אונטערנעמער באָדן אויף צו בויען שיכונים.

— אָבער זיי גיט מען דאָך פּלאַכלאַנד — באַמערקט דער אַדוואָ־קאַט — אין געגעבענעם פאַל רעדט זיך דאָך וועגן פּוסטע בערג.

— דאָס וועט ווערן גענומען אין באַטראַכט — זאָגט אינזשעניר זוהר — מר גפני קען זיך גוט אויס אויף די זאַכן.

מיסטער קאַרפּ האָט זיך גענומען נערוועז דרייען אויפן בענקל.

— וויפל דאַרף עס קאָסטן? וויפל דאַרף מען אויף דעם האָבן?

— הונדערט מיליאָן איז אויך נישט צו פיל — האָט אים יורם אַ ברי געטאָן.

— הער זיך איין, גוטער ברודער — האָט דער אַמעריקאַנער אַרויס־געוויזן אויפרעגונג — איך בין אַ מאָל, אין דער אַלטער היים, געגאַנגען אין חדר אַריין. האָט דער רבי מיט מיר איינגעקנעלט אַ סוגיא וואָס כ׳געדענק נאָך היינט: תפסת מרובה לא תפסת — האָט ער געלערנט. ביי אַלע מײַנע ביזנעס, האָב איך נאָך נישט פאַרגעסן דעם רבינס ניגון און נישט זיין לערע. צו קיין הונדערטמיליאָניקע פּראָיעקטן שטיי איך נישט צו, אָבער מיט אַ קליין פּיצעלע פּלאַכלאַנד פאַרן ערשטן מאָל וואָלט אויך נישט געווען גוט זיך צו באַוויַיזן. ס׳וואָלט נישט געווען אָנזעעוודיק און גאָרנישט כדאי דערוועגן צו רעדן. און זיי וויסן, יונגערמאַן, אַז פּונקט אַזוי ווי צו קליין איז נישט אָנזעעוודיק, איז צו גרויס נישט צום אויס־פירן...

יורם איז אַ ביסל איבעררעשט געוואָרן פון דעם זאַכלעכן ענטפער און זיין ווידערווילן צום אַמעריקאַנערס אויפפירונג האָט נאָכגעלאָזט.

אַדוואָקאַט אַמיר האָט געוואָלט פאַרווישן דעם איינדרוק פון מיסטער קאַרפּס „גוטברודערישן” אַרויספאָר און ער האָט איבערגענומען די אי־ניציאַטיוו.

— אין וועלכער ריכטונג גייט איר אויף צו שאַפן די מיטלען?

צילאַ האָט אונטערגעכאַפּט:

— מיר דערוואַרטן, אַז ס׳וועט זיך געפינען אַ ייִד, וואָס וועט וועלן,

אַז אַ גאַנץ שטעטל אין ישראל זאָל טראָגן זיין נאָמען און ער וועט פינאַנסירן די אונטערנעמונג.

— הונדערט מיליאָן טאָלער? — האָט זיך קאַרפּ צעלאַכט.

— ס'איז גענוג צען — האָט אים צילאַ אַדורכגענומען מיט די אויגן.

אָבער מיסטער קאַרפּ איז שטיל געבליבן און גאָרנישט געענטפערט. גפני האָט זיך אַריינגעמישט:

— אַט האָסטו דעם ענטפער — האָט ער געזאָגט צו צילען — אַנוויי־זנדיק אויפן אַמעריקאַנער. און ווענדנדיק זיך צום אַדוואָקאַט האָט ער צוגעגעבן:

— מיר אין אַנטוויקלונגס־מיניסטעריום זענען גאָר אין אַן אַנדערער מיינונג. מיר ווילן אין דעם פאַל נישט זיין אויסגעשטעלט אויף נדבנעריי. בעסער צו האָבן צו טאָן מיט קאַפּיטאַליסטן־אינוועסטאָרן, וואָס זוכן גוטע ביזנעס, ווי מיט גוטע הערצער, וואָס שענקען נדבות, אָדער ייִדן וואָס ווילן זיך פאַראייביקן...

— איך פאַרשטיי אייך נישט — האָט זיך אָנגערופן דער אַדוואָקאַט.

— גאַנץ איינפאַך — האָט גפני מיט אים איינגעטענהט — אויב מיר וועלן זוכן אייגעם, וואָס זאָל דערין אַריינלייגן געלט ווי אַ פילאַנטראָפּ, קאָן מען וואַרטן צענדליקער יאָרן און אַזעלכן נישט געפינען. ווען יעדער ייִדישער פילאַנטראָפּ האָט צוואַנציק פּאַלעס, וואָלט אויך ווייניק געווען פאַר די, וואָס ווילן זיך אין אים אָנכאַפּן... האָבן מיר באַשלאָסן דעם גאַנצן פּראָיעקט און די אינוועסטיציעס אויפצושטעלן אויף אַ געשעפט־לעכער באַזע. מיר האָבן געשאַפן אַ קאָמפּאַני ווי אַלע אונטערנעמונגען: ווי די באַפּט־געזעלשאַפטן, ווי די פּאָספּאַטן. מיר האָבן אַ דערלויבניש צו פאַרקויפן ווערטפּאַפּירן. אין דער וועלט, און ספּעציעל אין דער ייִדי־שער וועלט, פעלן נישט קיין קאַפּיטאַליסטן, וואָס זאָלן האָבן דערין אַ פאַראינטערעסירונג. זינט דער אַנטשטייונג פון דער מדינה שטייגט דער באָדן פון טאָג צו טאָג. ווער נאָר ס'האָט געקויפט אַ שטיקל ערד, איז רייִך געוואָרן, און איך מיין, אַז ווער ס'וועט קויפן פון די ערשטע „טשערס" אונדזערע, וועט מאַכן גוטע ביזנעס. און נאָך עפּעס: מיר זענען גאָרנישט אויסגעשטעלט אויף „גרויסע קאַפּיטאַליסטן". מיר ווילן דאָס מאַכן פּאָפּולער און צוגענגלעך פאַר מענטשן פון מיטלקלאַס.

— וואָס מיינט איר דערמיט צו זאָגן? — פרעגט דער אַדוואָקאַט.

— איך מיין אויפצוקלערן, אַז מיר האָבן לעגאַליזירט אַ געזעלשאַפט „הר ועמק" און מיר וועלן אָנהייבן פאַרקויפן ווערטפּאַפּירן. די רעגירונג אַליין וועט זיך באַטייליקן מיט צוואַנציק פּראָצענט.

קאַרפּס פּנים האָט זיך צעפלאַמט. ער האָט אויפגעהויבן די רעכטע האַנט און אויסגערופן:

— איך קויף טשערס פאַר פינף מיליאָן!

קאַפּיטל נײַנצן

אין די אָפיציעלע קרייזן איז מען נאָך אַלץ געווען קעגן אויפּרייס און גפני האָט געהאַט אויסצושטיין גרויסע צרות. יורם האָט דערפון נישט געוווּסט. ער האָט אַרומגעוואַנדערט צווישן די בערג אין גליל העליון און קיין פּאַסיק אָרט פאַר זיין ערשטן אויפּרייס האָט ער אַלץ נישט געפונען. ער פלעגט אויפשטיין גאַנץ פרי און מיט זיין מאָטאָציקל פאָרן צו די בערג זיך אַרומקוקן. יעדער באַרג אויף וועלכן ער איז געשטאַנען, האָט אים אויסגעזען פּאַסיק פאַר זיין פּראָיעקט, אָבער ווען ער איז צוריק אַראָפּגעקומען אין טאָל אַריין, זענען די גראָזן און ביימער נאָך געווען באַהאַנגען מיט טוי־טראָפּנס. זייער יונגע גרינקייט האָט צו אים גערעדט, געוווּנקען, ווי זיי וואָלטן פאַר אים געוויינט מיט טרערן, ער זאָל זיי לאָזן צו רו, נישט פאַרשיטן מיט די פעלדזן פון באַרג. דערנאָך ווען די באַוואַסערונג־דריידלעך האָבן זיך געעפנט האָט דער גאַנצער טאָל אויפגעלעבט מיט פרישקייט און עפּעס איז אים געוואָרן אַ שאָד...

אַזוי האָט ער אַ פּאָר וואָכן געוואַנדערט פון טאָל צו באַרג און פון באַרג צו טאָל, ביז איין מאָל האָט ער געפונען צוויי בערג, וואָס זענען געשטאַנען איינער קעגן איבער דעם אַנדערן און צווישן זיי האָט זיך געשפּרייט אַ שמאָלער און טיפער טאָל. די קאָרע פון די בערג איז געווען ווייכער, ווי פון די הרי מנשה, און דער טאָל — אָרעמער, ווי צווישן אַנדערע בערג. ווי נאָר ער איז פון זיי אַראָפּ, האָט ער אויף דער צייכענונג, וואָס ער האָט געהאַלטן אין האַנט, געמאַכט אַ סימן מיט אַ רויטן בלײַיער.

„מיט זיי וועל איך אָנהייבן"! — האָט ער געטראַכט אַנטשלאָסן.

ער איז אַוועק אין ווייצמאַן־אינסטיטוט און גענומען צוגרייטן דעם פּלאַן פון אויפּרייס.

זיין אַרבעטסטאָג האָט זיך אָנגעהויבן אַכט אַ זייגער אין דער פרי און זיך פאַרצויגן ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין. ער איז געווען אַזוי אַריינ־געטאָן אין דער אַרבעט, אַז ער האָט קיין שום זאַך נישט געזען אַרום זיך. ווען ער וואָלט פריִער געוווסט, אַז מ׳וועט אים דערלויבן זיך באַנוצן מיטן מאָדערנסטן קאָמפּיוטער פון טיפּ „3600״, וואָס געהער צו דער קאָמיסיע פאַר אַטאָם־ענערגיע, וואָלט ער שוין מיט יאָרן צוריק געקענט לייזן אַ סך פאַרוויקלטע פּראָבלעמען. ער איז געווען אַזוי פאַרבליפט פון דער גע־שווינדקייט און קאָנסטרוקציע, מיט וועלכער דער קאָמפּיוטער אַרבעט, אַז ער האָט אַפילו נישט געהערט ווי די טיר עפנט זיך און צוויי מענטשן זענען אַריינגעקומען.

— איר וועט אַוודאי נישט האָבן קיין פאַראיבל פאַר אונדזער שפּעטן וויזיט — האָט ער דערהערט אַ באַקאַנטע, ווייכע שטימע.

ער האָט זיך אומגעקוקט. ד״ר אביגדור איז געשטאַנען לעבן אים און יאַניאַ האָט געשמייכלט.

— אדרבא. — ער האָט זיך אויפגעשטעלט פון בענקל.

יורם האָט שוין געוווסט, אַז ד״ר אביגדור שטייט בראש פון אַ גרופּע פיזיקער, וועלכע האָבן פרייוויליק זיך געמאָלדן צו העלפן אַדורכפירן זיין פּלאַן.

— מיר זענען געקומען הערן, ווי איר האַלט. פון אונדזער זייַט זענען נישטאָ מער קיין מניעות. כמעט אַלץ איז אָנגענומען געוואָרן און פּלאַנ־מעסיק צוגעגרייט. איר דאַרפט אונדז נאָר אָנגעבן אייערע ציפערן: פאַרנעם, וואָג, קוואַליטעט און האַרטקייט פון קעגנשטאַנד. אין געציילטע סעקונדן וועט דערויף דער קאָמפּיוטער ענטפערן.

— אָט האָט איר עס — האָט יורם זיי דערלאַנגט אַ פּאָר גרויסע בויגן קאַרטאָן־פּאַפּיר, געדיכט אָנגעשריבן מיט צייכענונגען — אָבער וואָס בייַ מיר עגבערט, איז די פראַגע פונעם „ריינעם אויפרייַס״ — האָט ער אַרויס־געוויזן זאָרג.

— ווען איר האָט אָנגעהויבן טראַכטן וועגן אייער פּראָיעקט, איז עס געווען אַ נאָך נישט געלייזטע פראַגע. הייַנט צו טאָג איז עס שוין אַ „טעגלעך ברויט״.

— זענען די רערן גרייט אָנצופילן מיט אויפרייס־מאַטעריאַל?

— אייערע רערן האָבן מיר געמוזט אַ ביסל קאָרעגירן. פאַר אַזאַ קליי־

נעם אויפּרײַס זענען די ווענט צו דיק ווי איר האָט אָנגעגעבן. מיר האָבן זיי דינער געמאַכט מיט פינף און זיבעציק מילימעטער און זיי ווערן שוין אָפּגעגאָסן אין עכו. כ׳וויל אײַך אויפמערקזאַם מאַכן, אַז אין די עקן האָבן מיר אַרײַנגעגעבן אַ פּולגוס פון אַנדערהאַלטן מעטער. איר פאַרשטייט אַליין, אַז אָן דעם וואָלט די קערן־קראַפט זיך אַרויסגעכאַפּט אין אַ נישט אָנגע־צייכנטער ריכטונג. אָנפילן די רערן מיטן „מאַטעריאַל״, דאָס איז שוין די לעצטע פאַזע... אונדזער שפּעטער באַזוך איז טאַקע אַ רעזולטאַט פון דעם, וואָס מיר האָבן שוין באַקומען דאָס „גרינע ליכט״ אויף אָנצוהייבן. איר דאַרפט זיך אַרויסרירן אין פעלד, אָנפירן מיט די אויסמעסטונגען און באַ־צייכענען די ליניעס ווו די רערן דאַרפן געלייגט ווערן. הגם ס׳געהער נישט צו איר, האָט אָבער ד״ר ציטרין אויסגעדריקט איר הסכמה אײַך צו זײַן בײַהילפיק בײַ די דרינגען־אַרבעטן אויפן פעלד. ווען אַלץ וועט שוין זײַן ווי געהעריק צוגעגרייט, וועט דער גאַנצער שטאַב קאָנטראָלירן יעדן פּרט, אָבער שוין אויף די בערג.

— אָבער פּראָפעסאָר — מיר ווייסן נאָך נישט וואָס פאַר אַ קוואַנטום קערן־קראַפט מיר דאַרפן באַפרייען, כדי די צוויי בערג אַרײַנצוּוואַרפן אין טאָל אַרײַן?

— איך מיין, אַז קיין מעגאַטאָן וועט מען דאָ נישט דאַרפן... אויב איר וועט געפינען פאַר פאַסיק דאָ צו בלײַבן אַ שעה, צוויי און אַדורכשטודירן אָט־אָ די צייכענונגען — האָט ער זיך געוואָנדן צו יאַניען — וועלן מיר שוין מאָרגן פרי האָבן אַ גענויעם באַריכט דערוועגן. צום באַדויערן קאָן איך דאָס נישט טאָן. די זיצונגען האָבן מיך אויסגעמאַטערט און איך פיל זיך אַ ביסל דערשעפּט.

— זייער גערן — האָט יאַניאַ געענטפערט — און גענומען די פּאַפּירן פון זײַן האַנט.

ווי נאָר ד״ר אביגדור איז אַרויסגעגאַנגען האָט יאַניאַ אַרומגענומען יורמען.

— דו ווייסט וואָס ס׳טוט זיך אינעם אינסטיטוט? וואָס פאַר אַ טראַסק זיי האָבן געמאַכט מיט דײַן פּראָיעקט? קיינער זאָגט דיר נישט קיין שבחים אין די אויגן, אָבער זיי שטייען אַלע הינטער דיר.

— האָסט אפשר וואָס מוסיף צו זײַן צו פּראָפ׳ אביגדורס דערקלערונג?

— די ערשטע גוטע בשורה, וואָס כ׳האָב דיר אָנצוזאָגן איז, אַז דער

נייַער אַטאָם־רעאַקטאָר איז אַן אויסגעצייכנטער. מ׳ווייסט נאָך נישט פון אים, און מ׳דאַרף נישט וויסן... ער האָט שוין באַוויזן אַרויסצוגעבן מאַ־טעריאַל פאַר אַ „ריינעם אויפרייס״, וואָס איז אין מיניאַטור־פאָרעם פּראַק־טיש און לאַבאָראַטאָריש אויסגעפּרוווט געוואָרן. דאָס איז שוין דאָס ווערק פון אונדזערע אייגענע וויסנשאַפטלער. קיין שום פרעמדער פיזיקער ווערט דאָרט נישט אַרייַנגעלאָזט. די נעכטיקע זיצונג, אויף וועלכער מיר האָבן דעם רעזולטאַט אַרומגערעדט, איז ממש פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שמחה פון דער אינסטיטוט־משפחה. אַפילו דער וויסנשאַפטלעכער פרעזידענט פון אינסטיטוט, פּראָפ׳ דשני, וואָס איז פון דער נאַטור אַ קאַלטבלוטיקער, האָט נישט אויסבאַהאַלטן זיין התלהבות. ווייז מיר נאָר די פּאַפּירן, וואָס דו האָסט צוגעגרייט.

אַ פּאָר מינוט איז שטיל געווען. יאַניאַ איז געלאָפן מיט די אויגן איבער די שורות, דערנאָך האָט זי אַ זאָג געטאָן:

— צו אַזאַ פאָרנעם, ווי דו האָסט דאָ באַצייכנט, דאַרפסטו האָבן קערן־אויפרייַסן צווישן פופצן און צוואַנציק טויזנט טאָן ט. נ. ט., גענוי וועלן מיר דאָס אויפנעמען אויפן קאָמפּיוטער. אַזאַ שוואַכן אויפרייס איז לייַכט צו פּראָדוצירן אַפילו מיט די פּרימיטיווע רעאַקטאָרס, וואָס מיר פאַרמאָגן. אויב כ׳וועל דיר אַנטפּלעקן — אָדער אפשר ווייסטו עס אַליין — אַז מיר פּראָדוצירן דאָ „שווער וואַסער״, וואָס גייט אַפילו אויף עקספּאָרט, וועסטו זיך באַלד באַפרייען פון דייַן זאָרג פון וואַנען מען נעמט די קערן־קראַפט. פאַר דעם, וואָס דו דאַרפסט, איז גענוג טראַפּנס. מיט איין גלאָז „שווער וואַסער״ צעוואַרפסטו די אַלע בערג, וואָס דו האָסט מיר געוויזן... פאַר־שטייסט ? דו וועסט אויף אונדז נישט דאַרפן וואַרטן. נאָך איידער דו וועסט פאַרטיק ווערן מיטן גראָבן די קאַנאַלן פאַר די רערן, וועלן שוין אין טיפע, גוט געהיטענע בונקערס ליגן אָנגעגרייט „די זאַכן״, וואָס וועלן גענוג זיין נישט נאָר פאַר דייַן ערשטן עקספּערימענט. און ווער מיינסטו פירט מיט דעם אַלעם אָן ? ווער איז די טרייַבקראַפט ? מר גפני, וואָס שיט ממש מיט גראָבע געלט־טשעקן ווו נאָר מ׳דאַרף, און פון די וויסנשאַפטלער — ד״ר אביגדור.

— האָסט געזען גפנין ?

— ער דרייט זיך דאָ יעדן טאָג. ער האָט שוין אויפגעשטעלט אַ גאַנצן שטאַב מיט מנהלי עבודה, אינזשענירן. איבער צוויי הונדערט אַרבעטער

זענען שוין אַנגאַזשירט געוואָרן און זיי וואַרטן, אַז די אַרבעטן זאָלן זיך אָנהייבן. מיר וועלן דאַרפן פאַרברענגען אַ פּאָר וואָכן אין פעלד. איך וועל האָבן די השגחה איבער די רערן.

— און דײַן אַרבעט אין אינסטיטוט?

— גפני האָט אַלץ דערלידיקט. דער אינסטיטוט שיקט מיך.

— איז אַלץ כשורה, ווי איך האָב עס פּלאַנירט?

— אין פּרינציפּ יאָ. בלויז דאָ און דאָרט קליינע אויסבעסערונגען, אָבער דאָס וווּנדערט אונדז נישט, ווײַל ס'האָט נישט צו טאָן מיט דײַן געביט.

— זאָג! כ'וויל וויסן וואָס? — איז ער אַזש אויפגעשפּרונגען.

— נעם זיך נישט איבער. פון וואַנען האָסטו וועגן דעם געזאָלט וויסן? די קאַנאַלן, ווו די רערן מיט אַטאָם־לאַדונגען וועלן דאַרפן אַרײַנגעלייגט ווערן, וועט מען מוזן גרינטלעך איבעראַרבעטן. כאָטש ס'וועט זיין אַ „רייַנער אויפרייס" מוז מען אָבער באַוואָרענען אַ חלל פאַר דעם ראַדיאָ־אַקטיוון אָפּפאַל. ס'טויג נישט, ווי דו האָסט געצייכנט, אַז די אַנגעלאָדענע רערן זאָלן ליגן פאַרשאָטן מיט ערד. יעדע דרייסיק מעטער מוז הינטער די רערן זיך געפינען אַן עפענונג פון אַכט מעטער טיף און לכל הפּחות צוויי מעטער די ברייט, אין וועלכער די גאַזן און דער „אָפּפאַל" זאָלן קענען אַרײַנדרינגען. מיט דעם איז מער־וויניקער געזיכערט, אַז דער רוב קערן־פּסולת זאָל זיך נישט צעשפּרייטן אין דער לופט, נאָר אַרײַן אין די גריבער און זיך אויסמישן מיט דער צעגאָסענער ערד־מאַסע. מיר האָבן פון קאָמפּיוטער גענויע ציפערן וויפל מיר דאַרפן באַנוצן קערן־קראַפט און אויך וועגן דעם ראַדיוס פון דער אויסשטראַלונג. וויפל קוביק מעטער ערד ס'וועט מיט איין מאָל געוואָרפן ווערן אין טאָל אַרײַן — דאָס איז שוין דײַן עסק.

פאַרן ערשטן אויפרייס האָט יורם אויסגעוויילט די הרי נפתלי.

אויפן גאַנצן אַרום, ווו נאָר מ'האָט זיך אַרומגעקוקט, זענען געווען אויפגעשטעלט געצעלטן און באַראַקן פאַר די אַרבעטער און בוי־טעכניקער. די באַראַקן האָבן זיך וואָס אַ מאָל פאַרמערט. מאַנכע פון זיי זענען געווען באַהאַנגען מיט טאָוולען פון „סולל", וואָס האָט די אַרבעט איבערגענומען. אין טאָל איז געווען אויסגעשטעלט אַ גרויסע שילד מיט די נעמען פון אינזשעניִרן, צווישן וועלכע ס'איז אויך געווען געשריבן: פאַראַנטוואָרטלעכער פאַר דער קערן־אַרבעט: ד"ר יאַניאַ ציטרין.

די ערשטע פּאַזע, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט אויסמעסטונגען, איז שוין געווען פאַרענדיקט. איצט איז יורם געשטאַנען ביים אַראָפּהאַנג פון באַרג און געהאַלטן אין האַנט אַ פעסטגעשטעלטן אַרבעטספּלאַן.

— אין אַ וואָך אַרום — האָט ער געזאָגט צו יאַניען — וויל איך שוין צוטרעטן גראָבן די קאַנאַלן פאַר די רערן. צום ווייניקסטן מוז איך זיי אויס־לייגן ביינציק מעטער הינטערן באַרגשפּיץ. ווי וועט מען אָבער דאָ צוקומען מיט אַזאַ שווערער אויסשטאַטונג? מיט קיין טראַקטאָר און בולדאָזער קאָן מען זיך נישט אַרויפדראַפּען.

— איך זע נישט קיין שום אָפּהאַלט — האָט זי זיך געוווּנדערט אויף זיינע רייד — די טעכניקער האָבן דאָס פריִער פאַרויסגעזען און גפני האָט געגעבן אָנצוגעהערן, אַז ער באַקומט אויסגעבאַרגט עטלעכע שווערע העלי־קאָפּטערס אַראָפּצולאָזן די „כלים” פון דער הייך.

אַ מינוט איז יורם שטיל געווען, ווי ער וואָלט געזען עפּעס אויסטער־לישס אין דמיון.

— דו ביסט גערעכט! — האָבן זיינע אויגן אויפגעלעבט — אַנדערש איז עס גאָרנישט מעגלעך. און מיר איז עס נישט איינגעפאַלן...

— כ׳וואָלט דיר גאָר געראָטן, זאָלסט זיך מיט די טעכנישע דעטיילן נישט פאַרנעמען. ס׳איז שוין פאַראַן אַ גאַנצער שטאַב מיט אַרבעטער און טעכניקער, און דאָס איז זייער אַרבעט. מיר דאַרפן היטן די וויסנשאַפט־לעכע זייט פונעם אויפרייס.

— דאַרפסט אָבער מיך אויך פאַרשטיין — האָט ער זיך ווי פאַרענטפערט — איך קאָן נישט פריִער רויִק זיין ביז כ׳וועל באַוואָרענען מיין גאַנצן פּראָיעקט מיט אַלע דעטיילן. פאַר דיר מעג איך זאָגן דעם אמת, אַז כ׳האָב מורא אויף ווערמען זיך צו פאַרלאָזן. וועל איך אומעטום קאָנען האָבן אַן אויפזיכט, האָב איך אַ האָפענונג, אַז מיין פּראָיעקט וועט געלינגען. דער קלענסטער פאַרזען קאָן דערפירן דערצו, מ׳זאָל האָבן אַזוי פיל דערגרייכט, אַז אויף די שיכטעס ערד, וואָס וועלן זיך נישט פּלאַנירטערהייט אָפּרייסן פון באַרג, זאָל וואַקסן דערנער...

— איך בין נישט איינשטימיק מיט דיר. דו דאַרפסט האָבן אַ ביסל מער זיכערקייט אין זיך און צוטרוי צו די מענטשן, וואָס האָבן דיך דאָ אַהערגעפירט. דאָ זענען שוין אַריינגעבראַקט מיליאָנען פונטן און ווערטפולע מחשבות פון מיינע קאָלעגן. ווו, מיינסטו, געפינט זיך דאָס קנעפּל פונעם

גאַנצן דערפֿאָלג פֿון דײַן פּראָיעקט, אויב נישט ביי אונדז אין די הענט? צי ס׳וועט יאָ אָדער נישט געלונגען — ווענדט זיך נאָר אויב די רערן וועלן זיין גוט צוגעגרייט און דער אויפֿרייס־מאַטעריאַל — פּראָפּאָרציאָנעל פֿאַר־טיילט. אַנדערש וועט עס נאָר מאַכן אַ לאָך אין באַרג... אין די זאַכן האָסטו קיין אָנונג נישט. אויב דו ווילסט אָנווערן דעם צוטרוי צו די אַטאָם־ספּע־ציאַליסטן, בלײַבט דיר נישט מער ווי אַוועקצוגיין פֿון דאַנען מיט ליידיקע הענט...

אויף יורמס פּנים האָט זיך אויסגעגאָסן אַ גרימאַסע:

— דו ביסט אַ ביסל צו שטרענג צו מיר. צווייפֿלען איז אין דער ווײסנשאַפֿט דער יסוד פֿון דערפֿאָלג. כּל־שכּן נאָך אין אַזאַ גראַנדיעזער אויפֿגאַבע. ס׳איז נישט פֿאַראַן קיין ערגערס און טרויעריקערס ווי ווען מען כאַפּט זיך צו שפּעט אויף אָן אָפּגעטועטעם פֿעלער.

— אָבער נישט אין וואָרע טעאָריעס — האָט זי אים איבערגעריסן — ספֿקות פֿירן אויפֿן וועג פֿון צוריקגיין, אָבער קיין איין טריט פֿאָרויס קאָן מען מיט זיי נישט שטעלן... אויב דו ווילסט שוין יאָ אַרויסגיין פֿון וויסנ־שאַפֿטלעכן תּחום, וואָלט כּדאַי געווען זאָלסט זיך דערוויסן, וואָס ס׳וועט ווערן מיט די צעשאָטענע הײַזלעך אין טאָל? אָ, זעסט די באַגרינטע בייטן ערד? די פֿלוימענביימער?

— גפֿני גילט דאָך ממש די מענטשן אָפּ. ער צאָלט פֿאַנטאַסטישע סומעס זיי זאָלן פֿאַרלאָזן...

— נישט יעדער וויל פֿאַרלאָזן זיין ערד פֿאַר געלט.

יורם האָט זיך געפֿילט געטראָפֿן.

— איך וואָלט צופֿרידענער געווען — אין זיין שטימע האָט געקלונגען אויפֿרעגונג — ווען דו וועגדסט דײַן אויפֿמערק צום סאַמע ענין, צו דער אויפֿרייסקראַפֿט גופֿא, ווי צו די מענטשן אין טאָל... אַ גרעסערע זאָרג האָב איך וועגן דער ראַדיאָ־אַקטיווער אויסשטראַלונג. איך קלער נאָך אַלץ איבער וועגן דעם.

— גיב מיר אַ פּאַפּיראָס, יורם — אין אַ געוויסן זין ביסטו גערעכט, און איך פֿאַרשטיי דיך. אַ קינד, וואָס הייבט ערשט אָן צו גיין אויף די פֿיסלעך, קוקט אַלץ מיט פֿאַרוווּנדערונג ווי מענטשן טאַנצן, און קאָן נישט פֿאַרשטיין, פֿאַר וואָס זיי פֿאַלן נישט אום אויפֿן הינטן... דו שרעקסט זיך אַלץ וועגן קערן־אויפֿרײַס, וואָס וועט געמאַכט ווערן אין אַ געגנט, וואָס איז

נאָענט באַפּעלקערט. דער מענטש, וואָס האָט אַ גאַנץ לעבן געאַרבעט מיט אַ רידעל, קוקט נאָך אַלץ אויפֿן בולדאָזער ווי אויף אַן איבעריקער נישט באַ־קוועמער זאַך... אָבער אין די לאַבאָראַטאָריעס, וווּ איך האָב געאַרבעט און אַרבעט איצט, גילט אַ פּרינציפּ זיך נישט אומצוקוקן אויף הינטן. דאָס וואָס איז נעכטן געווען אַ רעטעניש, לייענט מען היינט אַראָפּ פֿון אַ גרויסן פּלאַ־קאַט. קעגנשטאַנדן, צו וועלכע מ'האָט פֿאַר אַ יאָרן מורא געהאַט זיך צוצורירן, לאָזט מען היינט ליגן אויפֿן נאַכטטישל ביים בעט. איך פֿאַר־זיכער דיר, אַז צוואַנציק שעה נאָכן אויפֿרייס וועל איך פֿון די ערשטע דאָ, אויף דעם פּלאַץ, אַרומשפּאַצירן, און אַפֿילו נישט מיטנעמען אַ טאַשנ־טיכל צו פֿאַרשטעלן זיך דאָס מויל און די נאָז... אָבער זאָג מיר: פֿאַר וואָס האָסטו זיך דעצידירט גראָד אָנצוהייבן ביי די הרי נפתלי?

— קודם כל זענען דאָ די בערג אין אַ פּאַסיקער הויך — פֿון 475 ביז 800 מעטער איבערן ים־שפּיגל. איך האָב זיך אויך גערעכנט מיט די טיפֿערע ערד־שיכטן, וועלכע זענען אַ סך ווייכערע ווי אין די הרי מנשה. און נאָך אַ טעם איז דערביי: די געגנט אַרום איז ווייניקער באַפּעלקערט.

— ווייסטו שוין אויף וועלכע בערג דו האָסט געמאַכט דעם אויסוואַל?

— ענדגילטיק!

מיט די ווערטער האָבן זיי אָנגעהויבן אַראָפּצוגיין פֿונעם באַרגראַנד. ווען זיי זענען אַראָפּגעקומען, האָט שוין דער פֿאַרנאַכט פֿאַרטונקלט דעם גאַנצן טאָל.

קאַפּיטל צוואַנציק

הנני אליך הר המשחית נאם־יהוה המשחית
את כל־הארץ ונטיתי את־ידי עליך
וגלגלתיך מן הסלעים ונתיך להר שריפה.
ירמיהו נא, כה

אין אָנהייב האָט די אַנטשטייונג פֿון דער געזעלשאַפֿט „הר ועמק" נישט געמאַכט קיין גרויסן רושם. אויף דער בערזע איז זי נישט געווען נאָטירט און קיינער האָט זיך נישט אויף אירע ווערטפּאַפּירן נאָכגע־פֿרעגט. זי איז אָבער איינגעשטאַנען אין די געניטע הענט פֿון אריק גפני און ער האָט באַלד נאָך איר לעגאַליזירונג צעשיקט אַ קורצן באַריכט

אין דער פּרעסע. דאָס האָט אַרויסגערופן אַ קעגנשטעלן זיך פון די אינזשענירן און פון יורמען אַליין. זיי האָבן געטענהט, אַז יעדער פּירסום וועט שטערן צו דער עצם אויספירונג פונעם גאַנצן פּראָיעקט, אָבער גפני, וואָס איז אַנגעגאַנגען פאַר אַ „האַרטער נוס", האָט זיך געהאַלטן ביי ס'זייניקע. ער האָט צו זיי געזאָגט: „איר טוט זיך דאָס אייעריקע, די וויסנשאַפטלעכע און טעכנישע אַרבעט, און מישט זיך נישט אין די געשעפטלעכע ענינים. אין די דאָזיקע זאַכן ווייס איך שוין אַליין וואָס צו טאָן".

צוליב אָט דעם קליינעם סכסוך זענען אויף עטלעכע טעג אָפּגעשטעלט געוואָרן אַלע צוגרייטונגען צום אויפּרייס. גפני איז אָבער נישט געווען דער מענטש, וואָס זאָל זיך צוריקציען אָדער זיין נאָכגיביק. אדרבא, ער האָט גאָר אָנגענומען אַ נאָך מער שאַרפערע טאַקטיק.

אין אַ געוויסן טאָג האָט פון דער גאַנצער פּרעסע אַראָפּגעשריגן אַ ידיעה מיט גרויסע קידוש־לבנה־אותיות:

מ'הייבט אָן צו בויען אַ שטאָט אויף דעכער.

חיפה, פון אונדזער ספּעציעלן קאָרעספּאָנדענט.

„אַ יונגער אינזשעניר, אַ דיפּלאָמירטער פון חיפהער טעכניקום, האָט אויסגעאַרבעט אַ פּראָיעקט פון פאַרגרעסערן דאָס לאַנד מיט אַ פּיפּטל. בערג וועלן זיך פאַרפלעכטן איינער מיטן אַנדערן. טאָלן וועלן פאַרשיט ווערן און ס'וועלן זיך שאַפן גרויסע שטחים פלאַכלאַנד, אויף וועלכע מ'וועט קענען אויסבויען שטעט, דערפער און לאַנדווירטשאַפטלעכע ישובים".

אַ מער סענסאַציאָנעלע צייטונג האָט איבערגעגעבן:

„די נייע געזעלשאַפט „הר ועמק", מיט אַ גרונט־קאַפּיטאַל פון דריי הונדערט מיליאָן דאָלאַר וועט אויפשטעלן ווין־הײַזער אויף פלעצער, וואָס זענען פריִער געווען שטיינערדיקע בערג, צו וועלכע מ'האָט נישט געקאָנט צוקומען מיט קיין אַקער־אײַזן און אַפילו זיי נישט באַוועלדערן".

ערשט די מיטאָג־צייטונגען האָבן ממש אויפגעטרייסלט דאָס לאַנד:

„גרעסטע דערפינדונג אין לאַנד נאָכן זיס מאַכן ים־וואַסער".

„דרייסטער פּלאַן פון אַ יונגן אינזשעניר צו וואַרפן בערג אין טאָל אַריין און אויסצובויען שטעט און דערפער".

פון דער ערשטער זײַט האָט אַראָפּגעקוקט אַ גרויס בילד און אונטן איז געווען אונטערגעשריבן „דער באַרגרייסער".

אַ צווייטע מיטאָגצייטונג איז נאָך ווײַטער געגאַנגען:

„גרויסער אָפּקלאַנג אין אַמעריקע וועגן אַ דרייסטן אויפטו פון אַ יונגן ישראלי".

„רעוואָלוציע אין דער לאַנדווירטשאַפט אין דער גאַנצער וועלט!".

„אַטאָם־קראַפט פאַר שלום־צוועקן וועט ווערן אויסגענוצט צו גע־פינען גרויסע שטחים פלאַכלאַנד אין די ישראל־גרענעצן".

„יורם רביבס פּראָיעקט וועט פאַרמײַדן מלחמות".

אין די קאָפּעען אויף דיזענגאָף־גאַס איז נישט מעגלעך געווען אַרײַנ־צוקומען. אַלע טישלעך האָבן זיך געשאָקלט פון דער נײַעס. וויפל מ'האָט דערציילט און איבערדערציילט, איז אַלץ געווען ווייניק, און דער עולם איז געווען גיריק צו הערן נאָך און נאָך. די פּרעסע האָט דאָס נישט אָפּגעלאָזט און אויפן צווייטן טאָג אין דער פרי זענען די צייטונגען צעכאַפּט געוואָרן. מ'האָט געשלונגען די סענסאַציאָנעלע פּרטים:

„יונג מיידל, עולה פון רוסלאַנד, שטייט בראש פון יורמס פּראָיעקט בײַם אַדורכפירן דעם „באַרגרייסערס" פּלאַן מיט „ריינע אַטאָם־אויפרייסן". יאַניאַ דאַווידאָוונאַ ציטרין, אַ פיזיקערין פון פּראָפעסאָר לאַנדאַוס לאַ־באָראַטאָריעס — בראש פונעם וויסנשאַפטלעכן שטאַב פון דער קאָמיסיע פאַר אַטאָם־ענערגיע".

„אַלע אַקציעס פון דער חברה „הר ועמק" זענען צעכאַפּט געוואָרן אין משך פון צוויי טעג".

„וואָל־סטריט געקויפט פאַר זעכציק מיליאָן דאָלאַר אַקציעס פון „הר ועמק".

„די הויכקייטן פון די הרי נפתלי זענען שוין פול מיט באַראַקן און גע־צעלטן פון „סולל", וואָס פאַרנעמט זיך מיט דער טעכנישער זײַט פון „באַרג־רייסערס" פּראָיעקט. אויסמעסטער מיט שטענדער־אַפּאַראַטן פאַרענדיקן שוין זייער אַרבעט. העליקאָפּטערס לאָזן אַראָפּ אויף די באַרג־אַראָפּהאַנגען שווערע כלים, וואָס קיינער ווייסט נישט זייער פונקציע. אַ ספּעציעלע וואַך רינגלט אַרום די בערג און לאָזט קיינעם נישט צו. אונדזער שליח איז באַזייטיקט געוואָרן, ווען ער האָט זיך געוואָלט דערנעענטערן צום באַרג. מיר האָבן אַרומגעזוכט דעם „באַרגרייסער", אָבער ס'איז אונדז נישט

געלונגען אים אויסצוגעפינען. אין טאָל האָבן מיר געטראָפן אַ יונגע ווּיסנשאַפטלעריין, וואָס פאַרטרעט אים, אָבער זי האָט זיך אָפּגעזאָגט צו געבן וועלכע ס׳איז דערקלערונגען״.

אַ גאַנצע וואָך איז יורמס בילד נישט אַראָפּגעגאַנגען פון די צייטונגען און זשורנאַלן. ס׳האָבן זיך געדרוקט לאַנגע רעפּאָרטאַזשן, אָבער קיינעם פון די ציַיטונגס־מענטשן איז נישט געלונגען צו זען אָדער אינטערוויוּירן דעם „באַרגרייסער״.

די איינציקע, וואָס האָבן יאָ געוווּסט ווו יורם איז און זיך מיט אים באַגעגנט, זענען געווען אַגענטן פון זיכערהייטס־דינסט. ווי נאָר ער איז פאַר נאַכט צוריקגעקומען אין זײַן צימער אין חיפה, זענען אַריינגעקומען צוויי יונגע מענטשן אין ציווילע קליידער. זיי האָבן איבערגעדרייט די קלאַפּעס פון די מאַרינאַרקעס און זיך פאָרגעשטעלט.

— מיר זענען פון זיכערהייטס־דינסט.

יורם האָט זיך נישט געטאָן קיין ריר פון אָרט און מיט שטוינונג זיי אָנגעקוקט.

— מיט וואָס קאָן איך אייך דינען?

— מיר זענען געשיקט געוואָרן אייך צו היטן.

— וועמען?

— אײַך.

— צו וואָס? כ׳זאָל נישט אַנטלויפן?

— מ׳זאָל נישט מאַכן קיין איבערפאַל אויף אייך.

— ווער וועט מאַכן?

— די מענטשן פון טאָל.

— פאַר וואָס?

— זיי האָבן מורא פאַרן „באַרגרייסער״.

— איך וועל זיך אַליין היטן — האָט ער בייז געענטפערט.

— מיר האָבן אַ באַפעל פון אייך נישט אָפּצוטרעטן.

— און אַז איך ווינטש זיך דאָס נישט?

— אויף אייגענער האַנט קאָנען מיר נישט אַוועקגיין פון פאָסטן.

— אפשר זענט איר מיך געקומען אַרעסטירן?

— חלילה!

— טאָ זײַט מוחל און לאָזט מיך צו רו.

— ווילט איר אַזאַ דערקלערונג מיט אייער האַנט אונטערשרייבן?

— אַפילו מיט ביידע הענט!

זיי זענען אַוועק און יורם האָט פאַרמאַכט די טיר, ווייל אין צווייטן צימער האָט צו הויך גערוישט דער ראַדיאָ.

אין אָוונט האָט ווי געוויינלעך דער ראַדיאָ נאָכגעזאָגט, דאָס וואָס די מיטאָג־צייטונגען האָבן געשריבן:

„די קאָמיסיע פאַר אַטאָם־ענערגיע האָט געגעבן די הסכמה צו באַנוצן איר קאָמפּיוטער צו די אויסרעכענונגען פון בערג־אויפרייַסן".

„פּערציק געלערנטע פון וויצמאַן־אינסטיטוט האָבן פרייַוויליק זיך געמאָלדן צו העלפן רעאַליזירן אינזשעניר רביבס פּראָיעקט. צווישן זיי געפינט זיך אַ יונגע פיזיקערין, וואָס וועט האָבן די אויפזיכט איבערן אַטאָם־אויפרייס".

„דער „באַרגרייַסער" איינגעלאַדן קיין מעקסיקע און איטאַליע צו דעמאָנסטרירן זיין פּלאַן".

פאַר צילען זענען די טעג געווען ווי פייַער־וואָלקנס. זי האָט גע־וואָלט לויפן צו די הרי נפתלי זען יורמען, זען יאַניען.

— ס'איז דאָך שוין הייַנט פרייטיק — האָט זי גערעדט צו זיך — און זיי זענען געוויס פון דאָרט אַוועק.

אין אָוונט האָט זי געעפנט די טעלעוויזיע און באַלד געהערט דעם ספּיקערס קול:

„הייַנט גיבן מיר אָפּ דעם גאַנצן פּראָגראַם פאַר דער איינציקער טעמע — דער „באַרגרייסער".

זי האָט זיך קוים דערוואַרט צו זען יורמען אויפן עקראַן. אירע אויגן האָבן געפינקלט ווען דער ספּיקער האָט אים געשטעלט די ערשטע פראַגע:

— ווער האָט אייך אָנגערעגט צו דעם דאָזיקן געדאַנק?

— די השפּעה איז געקומען פון מיין פאָטער, אָבער דערמוטיקט האָט מיך אַ ביז גאָר אינטעליגענטע פרייַנדין מייַנע, אַ וווּנדערבאַרע פרוי...

יאַשאַ איז געזעסן לעבן צילען און דאָס מאָל אויך זיך צוגעקוקט מיט נייגער.

— איז דאָס טאַקע דער שטילער, סאָלידער בחור, וואָס פלעגט צו אונדז אַרײַנקומען? — האָט ער זי געפרעגט.

— דערקענסט אים נישט?

— דאַכט זיך ס'איז אַזוי געווען — האָט יורמס שטימע געהילכט איבערן סאַלאָן — כ'האָב זיך אַ מאָל צוגעהערט צו אַ שמועס אין מײַן טאַטנס הויז. אויף אַ תל־אביבער גאַס וווינט אַ מאַן, וואָס מער ווי ברויט און מילך עסט ער נישט, ווײַל ער האָט נישט אויף מער. ער פאַרנעמט זיך מיט אַ פּלאַן זיס צו מאַכן ים־וואַסער אין גרויסע קוואַנטומס. אויב כ'האָב נישט קיין טעות, האָט מען אָנגערופן דעם נאָמען האַלפּערן. ער וועט אַ מאָל זײַן גרויס, גרויס — האָט מײַן פֿאָטער געזאָגט — און מיר, און נישט נאָר מיר אַליין, נאָר די גאַנצע וועלט, וועט אים האָבן פאַר וואָס דאַנקבאַר צו זײַן. איך בין דעמאָלט געגאַנגען אין דער פאָלקסשול און מײַן קינדערישע פאַנטאַזיע האָט מיר אים פאַרגעשטעלט ווי אַ ריז, און ס'האָט מיך געצויגן אים צו זען. כ'האָב מײַן פֿאָטער נישט אָפּגעלאָזט ביז ער האָט מיר געוויזן וווּ דער מאַן וווינט. פון דעמאָלט אָן בין איך פאַרפאַלן געוואָרן פון שטוב אויף האַלבע טעג. איך בין געלאָפן זען דאָס הויז וווּ דער וווּנדערלעכער מאַן לעבט. ס'איז געווען אַן אַלט הויז מיט אָפּגעריבענע מויערן, מסתמא פון די ערשטע הײַזער אויף יענער גאַס. ווי נאָר כ'האָב אויסגעפונען, אַז אַזאַ מאַן וווינט טאַקע אויפן צווייטן שטאָק, האָב איך גענומען טראַכטן ווי אַזוי אַרײַנצוקומען אין זײַן שטוב. ס'איז מיר אײַנגעפאַלן, אַז איך זאָל דורך די רינעס אַרויף־כאַפּן זיך אויפן באַלקאָנדל וואָס גייט אַרויס אין גאַס, זיך באַהאַלטן אין אַ ווינקל און אַזוי אַרום זען וואָס ער טוט, ווי אַזוי ער מאַכט זיס ים־וואַסער...

אָבער אויף די ראַנדן פון באַלקאָנדל זענען געווען אָנגעשטעלט אַרום און אַרום בלומענטעפּ און כ'האָב נישט געקענט צוקומען, סײַדן כ'זאָל דאַרפן אַראָפּוואַרפן אַ פּאָר בלומענטעפּלעך. האָב איך פון דעם רעזיגנירט און געשטאַנען און געוואַרט. געוואַרט איין טאָג, צוויי, אָבער כ'האָב אַלץ דעם מאַן נישט געזען. איין מאָל, ווי איך שטיי אַזוי און וואַרט, קומט אָן אַ בריוו־טרעגער מיט אַ טאָרבע בריוו. אַ חמסין איז דעם טאָג געווען, און דער בריווטרעגער איז געווען פאַרשוויצט און מיד. „ילד", האָט ער מיך גע־פרעגט, „ביסט אפשר פון צווייטן שטאָק? גיב אָפּ דעם בריוו מר האַלפּערן". כ'האָב געכאַפּט דעם בריוו און מיט עטלעכע שפּרינג בין איך געווען אויבן. „כ'מוז אָפּגעבן דעם בריוו מר האַלפּערן אין האַנט אַרײַן", האָב איך געזאָגט

צו דער פרוי, וואָס האָט מיר געעפנט די טיר. „דאָרט זיצט ער“, האָט זי מיר געוויזן מיט דעם האַנט אויף אַ קליין צימערל, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ טונקעלער אַלקער. כ׳בין שטיל אַריינגעגאַנגען אין צימער, כדי אים נישט צו שטערן בײַם זיס מאַכן ים־וואַסער. ער איז געזעסן בײַם פענצטער, אויסגעדרייט צו מיר מיט דער פּלייצע, פאַרטאָן אין די פּאַפּירן אויפן אַלטמאָדישן שרײַבטיש. ער האָט אַפילו נישט געהערט, אַז כ׳בין אַרײַנגעקומען. כ׳בין צוגעגאַנגען און זיך געשטעלט אין אַ ווינקל פון שרײַבטיש. ער האָט זיך איבערגעוועקט פון זיינע געדאַנקען. כ׳האָב אים דערלאַנגט דעם בריוו. ער האָט אים געעפנט, איבערגעלאָפן מיט די אויגן און אים אַ וואָרף געטאָן אין אַ ווינקל פון טיש צווישן אַ שטויס פּאַפּירן. דעמאָלט האָט ער זיך צו מיר אויסגעדרייט און איך האָב געהאַט די געלעגנהייט צו זען זיין פּנים. „אַ דאַנק, בחורל“, האָט ער געזאָגט, און אַזוי ווי כ׳בין נאָך אַלץ געשטאַנען, האָט ער געמיינט, אַז כ׳וויל טרינקגעלט פאַרן ברענגען דעם בריוו. ער האָט גענומען זוכן אין די טאַשן, וויַיזט אויס, אַז קיין געלט האָט ער נישט געהאַט. האָט ער מיך געפרעגט: „ווילסט עפּעס?“. „איך וויל וויסן, אויב איר זענט דאָס דער מאַן, וואָס האָט אַנגעזאָגט זיס צו מאַכן אַלע ימען“, האָב איך קוים אַרויסגעשטאַמלט. דער מאַן האָט אויף מיר אַנגעשטעלט אַ פּאָר גרויסע שטוינענדיקע אויגן: „צו דעם ביסטו אַרויפגעקומען?“

— נישט דאָס ערשטע מאָל. כ׳דריי זיך שוין דאָ אַרום אַ גאַנצן זומער.

— וואָס ווילסטו וויסן?

— כ׳וויל וויסן אויב איך וועט געלונגען זיס צו מאַכן ים־וואַסער...

— איך האָף, אַז יאָ!

ער האָט זיך אויפגעשטעלט און אַ שפּרייז געטאָן צו מיר. איך האָב זיך פאַר אים דערשראָקן, אָבער ער האָט מיך אָנגענומען בײַ דער האַנט און מיט אַ זיסער שטימע געזאָגט:

— דו וועסט אויך עפּעס אויפטאָן! איך זע דאָס שוין אין דיר.

דורך דער צײַט, וואָס יורם האָט גערעדט, האָט מען אים געוויזן פון פּראָפיל, פון פאָרנט און פון גאַנץ נאָענט, אַזוי אַז זיין קאָפּ איז אויסגעקומען פאַרגרעסערט. ווען ער האָט געענדיקט זיין לאַנגן ענטפער האָט דער ספּיקער ווידער געפרעגט:

— צי קאָנט איר פאַרגלייַכן אייער פּראָיעקט מיט ענלעכע דערפינ־דונגען פון דעם מין?

— דאָס איז דאָך דאָס, וואָס כ'האָב נאָר וואָס געזאָגט. ס'איז המשך.

יורמס פּנים איז פאַרשוווּנדן פון עקראַן און מ'האָט ווידער געזען ווי העליקאָפּטערס פליִען איבערן באַרג. און אָט פליט אָן אַ לייַכטער העלי־קאָפּטער און פון אים שטייגן אויס יורם און יאַניאַ, לאַכנדיק איינער צום אַנדערן בלייַבן זיי שטיין אין טאָל.

— זעסט! — האָט יאַשאַ אויסגעשריגן — זי איז אויך דאָ!

די אַרבעטן האָבן זיך גערוקט פאָרויס מיט אַן אומגעווייִנלעכן טעמפּאָ. די אויסגעהאַקטע טרעפּן אין די פעלדזן זענען געווען ברייטע און דער־גרייכט ביזן באַרג אַראָפּ. די לייַכטע עלעקטרישע גראָב מאַשינען האָבן אויפ־געהערט רוישן. די אַרבעטער זענען געשטאַנען מיט האַלב נאַקעטע לייַבער אין די גריבער און זיי צוגעגרייט פאַר די רערן. מ'האָט קוים אַרויסגעזען די שפּיצן פון זייערע קעפּ. זיי האָבן הויך גערעדט צווישן זיך, געקלאַפּט מיט האַמערס, אַרויסגעוואָרפן פון די גריבער שטיינער, געמאָסטן די ברייט פון די רערן און די גריבער. ביַי די ראַנדן זענען אַרומגעגאַנגען די אַרבעטס־אָנפירער און נאָכגעקוקט אויב די גראָבנס וועלן אַרומנעמען דעם באַרג אין אַ האַלבראָד.

יורם האָט זיך אַרומגעדרייט און באַמערקט, אַז די גאַנצע מאַנשאַפט, פונעם אַרבעטער ביזן אינזשעניר, זענען צוזאַמענגעגאָסן ווי אין איין שבט. יעדער איינער איז פאַראינטערעסירט, אַז אַלץ זאָל ווערן גענוי אויסגעפירט.

ער איז אַרייַנגעגאַנגען אין אַ באַראַק־צימער, וווּ אויף קליינע טישלעך, צוזאַמענגעקלאַפּטע פון ברעטער, זענען געווען צעלייגט די פּלענער פון אויפּרייַס. ער האָט ווידער גענומען אַרייַנקוקן אין די צייכענונגען און נישט געזען דאָרט קיין שום זאַך, וואָס מ'זאָל דאַרפן ענדערן.

אין באַראַק זענען געווען נאָך צוויי מענער, אָנגעטוענע אין קורצע כאַקי־הייזלעך און גרינע טעמבלען אויף די קעפּ. יורם האָט זיי געקענט. חיימען און שמואליקן האָט ער געהאַלטן פאַר די בעסטע אַרבעטס־אָנפירער. זיי אַרבעטן אין „סולל" צוואַנציק יאָר. זיי זענען געווען מומחים פון לייגן קאַנאַלן פאַר רערן. שמוליק האָט זיך אַריבערגעבויגן איבער אַ מאַפּע־צייַ־כענונג און געפרעגט יורמען:

— מיר פֿאַרשטייען נישט צו וואָס איר דאַרפֿט האָבן די טיפֿקייטן הינטער די רערן.

— מ׳דאַרף עס האָבן — האָט יורם קורץ געענטפֿערט.

— אָבער נעמט דאָס פּראַקטיש, אינזשעניר. איר ווילט אַ טיף פֿון אַכט מעטער און אַ ברייט פֿון איין מיט אַ האַלבן. דאָס איז דאָך שווער אַדורכצופֿירן!

יורם האָט גענומען פֿון זיין האַנט דאָס געצייכנטע גלאַנציקע פּאַפּיר און מיט אַ רויטן בלייער אויסגעבעסערט.

— מאַכט עס צוויי מעטער דרייסיק די ברייט. שוין גוט?

— איצט קאָן מען זיך רירן... מיר גייען צו די גריבער. איר בלייבט דאָ? מיר קומען באַלד צוריק, אינזשעניר, לאָזט נישט איבער דעם צימער אָפֿן. מיר האָבן אַן אָנזאָג נישט צוצולאָזן קיינעם צו די מאַפּעס, אפֿשר זאָלן מיר צושליסן?

— איך האָב דאָ וואָס צו טאָן. כ׳וועל וואַרטן ביז איר וועט צוריקקומען.

אין באַראַק איז די לופֿט געווען אָנגעגליט. ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט אין דעם שמאָלן טירל און אַרויסגעקוקט אויפֿן פֿליין, ווו מ׳שלעפּט די רערן און מען גיסט צעמענט. ער איז געווען פֿול מיט פֿרייד. בכלל האָט ער היינט אַ גוטן טאָג. קיין שום קאָמפּליקאַציעס זענען היינט אויפֿן שטח נישט פֿאָרגעקומען. פּלוצעם האָט עפּעס אַ שוועב געטאָן פֿאַר זיינע אויגן, וואָס האָט אים אַוועקגעפֿירט פֿון די אַרבעטער, טעכניקער, מאַפּעס און צייכענונגען, ערגעץ ווייט, ווייט אויף אַ שטילער טעראַסע, וואָס שטייט אויף פֿלאַכלאַנד, איינגעהילט אין גרינס און בלומען... ער האָט דערזען צילען.

זי בענקט אַוודאי צו מיר — האָט ער אַ טראַכט געטאָן — אָבער שטאָלץ האַלט זי זיך. זי איז דורך דער גאַנצער צייט נישט אַהערגעקומען, און זי האָט אַפֿילו זיך נישט נאָכגעפֿרעגט אויף מיר.

ס׳האָט אים אַ ציִ געטאָן אינעווייניק אַריין. ער האָט זיך אַריבערגעבויגן איבערן טישל. און כהרף עין האָט ער שוין געהאַט אָנגעשריבן צו איר אַ גאַנץ בלעטל פּאַפּיר.

„מיין טייערע צילאַ, שטעל דיר פֿאָר, אַז אין מיטן דער אַרבעט, אַט אַזוי ווי כ׳שטיי איצט אויפֿן באַרג און האָב אויף זיך אַן עול פֿון דאגות און פּראָבלעמען — איז אַלץ פֿון מיינע אויגן פֿאַרשוווּנדן און כ׳האָב דיך דערזען.״

„ס׳וועט דיר זיין שווער צו גלייבן, אַז אין דער צייט ווען אין גאַנצן

לאַנד מיינט מען, אַז כ׳בין גליקלעך, האָט זיך מיר גאָר אַנגעהויבן צו בענקען נאָך גליק — אַ זאַך וואָס כ׳ווייס נישט, ווו ס׳געפינט זיך. אפשר ביסטו דאָס טאַקע?... און דו? בענקסטו טאַקע צו מיר? — אַזוי דאַכט זיך מיר אין דעם מאָמענט. אָבער ווען דאָס זאָל וואָר זײַן, צו וואָס טוסטו עס? מילא, אַז מיר גלוסט זיך אַ אַמאָל דיך צו זען, איז עס אַ נאַטירלעכע זאַך. כ׳בין נאָך אַ בחור, האָב נישט קיין אייגן הויז. אָבער דו? אַן אײַנגעפונדעוועטע אין אַן אייגענער נעסט — צו וואָס טוסטו דאָס?״

„מיין נישט, אַז דאָס איז אַ פּלוצעמדיקער אויסברוך פון אַ צעשפּילטער פאַנטאַזיע. לויט ווי איך קען דיך, קאָנסטו נאָך אָננעמען, אַז ס׳איז נישט מער ווי אַ דמיון פון אַ מאַן, ווען ער באַגערט: ניין, ס׳איז נישט אַזוי! שוין אַ שיינע פּאָר טעג, ווי איך באַמי זיך וועגן דיר נישט צו טראַכטן, בפרט איצט, ווען די אַרבעט ברענט אונטער די הענט. אָבער ס׳געשעט פּונקט דאָס פאַרקערטע: ווען דו באַווײַזט זיך, פאַרשווינדן די בולדאָזערס, די מענטשן אַרום, די העליקאָפּטערס פון אויבן צעגייען זיך אין די וואָלקנס, אַלץ אַרום איז אויסגעשפּרייט מיט דײַן געשטאַלט. דו ביסט אין טאָל און אויפן באַרג. אַ מאָל באַהאַלטסטו זיך דאָ ביי מיר אין דעם אַזבעסט־באַראַקל, און אַ מאָל לויפסטו אַ גאַנצן טאָג אַרום איבערן גליִענדיקן פּליין אין אַ באָד־קאָסטיום... כ׳ווייס, אַז פון אָנהייב אָן ביסטו די שטויסקראַפט פון דעם אַלעם, וואָס האָט מיך דאָ אַהערגעפּירט. און איצט? כ׳וועל צעוואַרפן דעם באַרג, אָבער דײַן האַרץ וועל איך נישט אָנרירן, ווײַל אין דײַן האַרצן ליגט אַ גאָלדענער באַרג גוטסקייט צו מיר... מיינסטו טאַקע, אַז איך בין דאָס ווערט? האַלטסטו מיך פאַר אַזוי רײַך, אַז כ׳וועל דיר קענען צוריקגעבן כאָטש אַ טייל פון דעם, וואָס ס׳קומט דיר בײַ מיר? טייל מאָל זע איך, ווי דו גיסט אַ ציִ אַ שטריק פון אַ לויטערן גלאָק און דײַן שטימע הייבט אָן צו קלינגען אין מיר. אָבער דעמאָלט, אָנשטאָט אַריינצוגיין אין טעמפּל, אַנטלויף איך גאָר פון אים״...

„איך וויל נישט אויסבעסערן קיין וואָרט פון דעם, וואָס כ׳האָב דיר דאָ אָנגעשריבן, אַפילו ווען כ׳זאָל וויסן, אַז כ׳בין דיר פאַרמיאוסט געוואָרן און דו ווילסט מער נישט הערן פון מיר. איך בעט, אַז דער בריוו זאָל פאַרמאַכטערהייט אָנקומען אין דײַן האַנט אַריין און דו זאָלסט ח״ו פון אים נישט האָבן קיין אומאָנגענעמלעכקייטן. דײַן יורם״.

ער האָט קוים געהאַט פאַרענדיקט דעם בריוו, ווי חיים און שמוליק זענען ראַש אַריינגעלאָפן.

— באַהאַלט ערגעץ די צייכענונגען! — זיי האָבן גענומען צוזאַמענ־נעמען די גרויסע בויגנס פון טישל — זיי וועלן אַלץ פאַרניכטן!

— ווו גייסטו דאָס באַהאַלטן? — האָט חיים געשריגן צו שמוליקן — דאָ הינטער דער טיר? זיי וועלן פאַרברענען דעם באַראַק!

— וואָס איז געשען? — האָט יורם אויסגעשריגן.

— איר ווייסט גאָר נישט, וואָס ס׳טוט זיך אין טאָל? זעט, זיי קלעטערן שוין אויף די טרעפּ, באַוואָפנטע מיט קאָסעס און רידלעס, אַפילו מאַלאַטאָוו־פלעשער האָבן זיי!

— ווער?

— די מענטשן פון טאָל.

— וואָס ווילן זיי? — יורם האָט אַלץ נישט געוווּסט וואָס ס׳טוט זיך.

— אַן אויפשטאַנד פון די מענטשן אין טאָל. איר ווייסט נישט וואָס זיי ווילן? קום חיים, מיר וועלן זיך אַדורכרײַסן און רופן פּאָליצײַ.

— נישט נייטיק — האָט זיך יורם אָנגערופן.

— טוט זיך איבער אין מיינע הויזן און שיך, זיי זאָלן אייך נישט דערקענען — האָט אים חיים געראָטן.

— איך האָב נישט בדעה צו פאַרשטעלן זיך אָדער אויסצובאַהאַלטן.

— זיי זוכן אייך, נאָר אייך! זיי וועלן אייך דורסן, צערײַסן אויף שטי־קער — האָט דער אַנדערער מנהל געשריגן.

— איך וועל זיי אַקעגנגיין — האָט יורם געזאָגט געלאַסן.

— בעסער שפּרינגט אַראָפּ פון באַרג.

— פאַר וועמען האָט איר מורא? פאַר די עטלעכע מענטשן, וואָס ווינען אין טאָל?

— עטלעכע מענטשן? אין די הונדערטער זענען זיי! די מענטשן פון טאָל האָבן מיטגעשלעפּט די מושבניקעס פון דער גאַנצער געגנט. אַפילו קיבוצניקעס גייען זיי נאָך פון הינטן. איר ווייסט דען, וואָס זיי האָבן שוין אין טאָל אָפּגעטאָן? אַלע געצעלטן האָבן זיי איבערגעדרייט. אין די בולדאָזערס האָבן זיי אַריינגעוואָרפן מאַלאַטאָוו־פלעשער און זיי ברענען ווי טרוקענע שפּענער. דער המון איז ווילד... כ׳וועל צוזאַמענרופן די אַרבעטער, מ׳זאָל זיך אַקעגנשטעלן.

ער איז אַרויסגעלאָפן פון באַראַק, אָבער יורם האָט אים צוריקגערופן.

— וואַרט! נישט מיט געוואַלט. אין קיין שלאַכטפעלד וויל איך דעם פּלאַץ נישט פאַרוואַנדלען.

— וואָס דען וועט איר טאָן?

— כ׳וועל צו זיי רעדן.

— זיי ווילן דען עפּעס הערן?

— ס׳קאָן נישט מעגלעך זיין, אַז די מענטשן פון טאָל זאָלן נישט האָבן קיין פאַרשטענדעניש פאַר דער זאַך, וואָס מיר טאָן דאָ.

— ס׳דאַכט זיך אייך, אינזשעניר. איר וועט זיך באַלד איבערצייגן, אפשר אויף דער אייגענער הויט...

זיי האָבןביידע פאַרלאָזט דעם באַראַק און אַרויס אין דרויסן.

יורם האָט פאַרקלעפּט דעם בריוו און אים אַריינגעלייגט אין טאַש. ער איז אַרויס אין דרויסן און געזען, ווי אַ מאַסע מענטשן קלעטערן אויף די פעלדזן־טרעפּ. ווען זיי זענען אָנגעקומען צום באַרג־אַראָפּהאַנג, איז ער זיי אַקעגנגעגאַנגען.

— ווו איז ער דאָ, דער יורם? — האָבן עטלעכע קולות געפרעגט.

— ער שטייט פאַר אייך.

— איר? — האָבן זיך וויַיבער צו אים גענומען רייַסן — אַט דאָס איז ער, דער וואָס וויל פאַרשיטן אונדזערע הייַזער, אונדזערע סעדער און גערטנער?

יורם איז געבליבן רויִק. ער האָט זיך קיין ריר נישט געטאָן און נישט געגעבן קיין פינטל מיט אַן אויג. די פרויען זענען שוין געווען נאָענט צו אים, אָבער אין דעם מאָמענט האָבן זיך עטלעכע קיבוצניקעס אָפּגערוקט.

— אָן די הענט! צו ערשט רעדט מיט אים.

— ניין רעדט נישט מיט אים, דרייט אָלץ, איבער, פאַרברענט.

— צו פאַרשטיינען קומט אים!

יורם האָט רויִק געפרעגט:

— און אַז איר וועט מיך פאַרשטיינען, מיינט איר, אַז ס׳וועט זיך מיט עפּעס ענדערן? דער פּראָיעקט וועט אָלץ איינס ווערן אויסגעפירט.

זיינע ווערטער האָבן די מענטשן פון טאָל נאָך מער צערייצט. זיי האָבן זיך געריסן צו אים מיט געבייַלטע פויסטן.

— מאַנספאַרשוינען, וואָס שטייט איר? צעברעכט אים די ביינער? — האָבן די ווײַבער געבונטעוועט.

זיי האָבן יורמען אַרומגערינגלט, אַריינגענומען אין דער מיט. דערוויַיל האָט זיך פון דער מאַסע אַדורכגעשטופּט אַן אַלטער מאַן מיט אַ צעקנייטשט, אָפּגעבריִנט פּנים. ער האָט זיך געווענדט צום המון און הויך אויפגעהויבן ביידע הענט.

— נאָר נישט קיין פּויסטן! — און דאַן איז ער צוגעגאַנגען נאָענט צו יורמען. זיין ביינערדיקע האַנט האָט זיך איינגעקלאַמערט אין יורמס אָרעם. ער האָט אים צוגעפירט עטלעכע טריט צום ראַנד פונעם באַרג.

— גיב אַ קוק אין טאָל אַריין — האָט ער גערעדט מיט אַ געבראָכענער שטימע — מענטשן פון דער צווייטער עליה ווינען נאָך דאָ. אַנדערע זענען געגאַנגען אין עמק יזראעל, און מיר האָבן זיך באַזעצט אין די בערג, מיט די אייגענע הענט דעם באָדן אָפּגערייניקט, אַרויסגעקליבן די שטיינער פון דער ערד און דעם באָדן פּרוכטבאַר געמאַכט. קינדער און אייניקלעך דאָ אויסגעהאָדעוועט. אַפילו די אַראַבער האָבן אונדז דאָ קיין מאָל נישט גע־טשעפּעט. קומסט דו און דו ווילסט, אַז מיר זאָלן איצט וואַנדערן ווי די בעדוִינער, כדי דו זאָלסט קענען אויספירן ס׳דייניקע און דעם גאַנצן טאָל צודעקן מיט אַ באַרג? ווער ביסטו? אַ סאַברע? אַ סאַברע טוט נישט אַזעלכע זאַכן!... הערסט, דאָס זאָגט דיר יואלי, יואלי, דער אַלטער פּויער, וואָס האָט דאָ די ערשטע בייטן ערד דורכגעקנאָטן,ביימער געפלאַנצט און גערטנער צעבליט. זעסט די צעפּאַדערטע הענט? זיי באַאַרבעטן שוין פערציק יאָר די ערד אין טאָל.

— סבא! — האָט יורם אָנגעהויבן צו אים רעדן, אָבער דער אַלטער האָט געוואָרפן מיטן קאָפּ און אַ מאַך געטאָן מיט די הענט:

— לאָז אָפּ! דו ווילסט אונדז אָפּמעקן פון דער ערד, ס׳זאָל קיין זכֵר נישט בלייבן.

— מיר וועלן צו דעם נישט דערלאָזן! — האָבן קולות פון המון אונ־טערגעכאַפּט.

— מיר וועלן זיך פון דאַנען נישט רירן!

— אָבער סבא...

— ער וויל אונדז געבן ביטערע פּילן, איינגעוויקלט ווי זיסע ציקער־לעך... — האָט דער המון געשטורעמט.

— פאַר פּאַלאַצן וועלן מיר אונדזערע כאַטעס נישט אויסבייַטן!

דער אַלטער האָט געזען, ווי דער המון ווערט צעווילדעוועט, האָט ער זיך אַרויפגעכאַפּט אויף אַ פעלדז און זיי איבערגעשריגן:

— אָבער וואָס האָבן מיר מיט זיי דאָ צו רעדן? מ'שיקט זיי, מ'באַצאָלט זיי, טוען זיי וואָס מ'הייסט. מירן גיין קיין ירושלים. פאַר דער כנסת וועלן מיר זיצן און קיינעם נישט אַרייַנלאָזן!

— אָבער קודם וועלן מיר דאָ אַלץ איבערדרייען. דאָ איז דער בעל דבר, דאָ איז זייער שטאָב.

מיט אַ ווילדן געלויף האָבן זיי זיך צעשפּרייט אין יעדן ווינקל. יורם איז געשטאַנען מיט פאַרלייגטע הענט און זיך צוגעקוקט. ס'ערשטע האָבן זיי צעוואָרפן דעם צריף, ווו ס'זענען געווען די פּלענער, דערנאָך האָבן זיי צוזאַמענגענומען אַלע כלים און געוואָרפן אין טאָל אַריין.

דורך דער גאַנצער צייַט זענען חיים און שמוליק נישט אָפּגעטראָטן פון יורמען, געווען גרייט פאַר אים זיך אייַנצושטעלן. חיים האָט אַ זאָג געטאָן:

— מיר וועלן זיי אַזוי לאָזן ווילדעווען?

— פאַר פאַרגעניגן זענען זיי דאָ אַהער נישט געקומען — האָט יורם געענטפערט.

איינער פון די מענטשן פון טאָל איז צוגעגאַנגען צו יורמען, אים אָנגעקוקט און זיך גערייצט מיט אים.

— ס'געפעלט דיר נישט? אפשר ווילסטו מיר זאָלן דיך אויך וואַרפן אין טאָל אַריין?

לאַנג נאָך האָבן די מענטשן פון טאָל געווילדעוועט איבערן גאַנצן פליין. ערשט ווען די זון האָט זיך גענומען זעצן אונטערן מערבדיקן שפּיץ פון באַרג, האָבן זיי איינציקווייז זיך צוריקגעצויגן אין זייערע כאַטעס אַריין.

ווי נאָר זיי זענען אַוועק האָט יורם באַפוילן די אַרבעטס־אָנפירערס:

— שטעלט אויף דעם באַראַק און זוכט אויס די מאַפּעס!

ער איז אַרומגעגאַנגען אַ דענערווירטער, אַ צעטראָגענער, אָבער פאַר־צווייפלט איז ער נישט געווען.

פאַר נאַכט איז דער באַראַק שוין געווען אויפגעשטעלט. חיים האָט אַראָפּגענומען דעם טעמבעל פון פאַרשוויצטן שטערן.

— אַלע מאַפּעס זענען דאָ. ס'פעלט נישט קיין שטיקל פּאַפּיר — האָט ער געמאָלדן יורמען.

— לייג זיי צוריק ווּ זיי זענען געלעגן.

— בעסער וואָלט געווען, ווען איר נעמט זיי מיט מיט זיך.

— ווּ וועל איך זיי האַלטן?

— איר פאָרט דאָך איצט צו זיך, קיין חיפה?

— איך פאָר נישט.

— ווּ וועט איר נעכטיקן?

— אָט דאָ, אין באַראַק.

— ס'איז אַ קעלט בײַ נאַכט.

— כ'וועל נישט פאַרפרוירן ווערן.

חיים מיט שמוליק האָבן זיך מיט אים געזעגנט.

— צינדט נישט אָן קיין ליכט — האָבן זיי אים געוואָרנט — אַז די מענטשן פון טאָל וועלן זען, אַז ס'לייכט זיך, וועט איר זיי דאָ האָבן אויף אַ נאַכטוויזיט...

— כ'וועל יאָ אָנצינדן.

די מנהלי עבודה האָבן אים גאָרנישט געענטפערט.

— אַ סאַברע, אַן עקשן — האָט שמוליק געזאָגט אַוועקגייענדיק — וועסט אים נישט בייגן...

זיי האָבן געאײַלט אין שטאָט אַרײַן און ס'ערשטע האָבן זיי טעלעפאָנירט צו גפנין.

— מר גפני, איר האָט געהערט וואָס ס'איז פאָרגעקומען? אַן אויפשטאַנד פון די מענטשן פון טאָל — האָט שמוליק אַרײַנגעשריגן אין טעלעפאָן־טרייבל.

— אַ סך זענען זיי געווען?

— אַ פאָר הונדערט.

— איז וואָס?

— מ'וועט מוזן אויפהערן.

— וואָס האָט איר געזאָגט — אויפהערן?

— די מענטשן פון טאָל האָבן אַלץ צעבראָכן, פאַרברענט.

— איר האָט זיך געשלאָגן מיט די מושבניקעס?

— געשלאָגן? יורם האָט אונדז פאַרבאָטן זיך אַרײַנצומישן אַפילו מיט אַ וואָרט.

— ווּ איז ער?

— אויפֿן אַראָפּהאַנג פֿונעם באַרג.
— וואָס טוט ער דאָרט ?
— ער איז דאָרט געבליבן נעכטיקן.
— זאָגסט דאָך, אַז זיי האָבן אַלץ איבערגעדרייט, פֿאַרברענט ?
— מיר האָבן צוריק אויפֿגעשטעלט דעם באַראַק פֿון די אינזשענירן.
— פֿאַר וואָס האָט איר איבערגעלאָזט דעם אינזשעניר אַליין ?
— ער האָט נישט געוואָלט זיך רירן פֿון אָרט.
— גייט מאָרגן צו דער אַרבעט און שטעלט אַלץ אויף.
— און ווי וועט זיין, אַז זיי וועלן נאָך אַ מאָל קומען ?
— טוט וואָס מ׳הייסט איך !

נאָך האַלבער נאַכט איז אין צריף קאַלט געוואָרן און יורם האָט נישט געהאַט מיט וואָס זיך צוצודעקן. אַ גאַנצע נאַכט איז ער געזעסן אויפֿן טיש און נישט געשלאָפֿן. דער קאָשמאַר פֿון די געשעענישן ביי טאָג האָט אים נישט געלאָזט צו רו. ווי נאָר זיינע אויגן האָבן זיך גענומען קלעפּן, איז דער אַלטער מושבניק געשטאַנען לעבן אים. ער האָט געזען זיין כעס און די טיפֿע קנייטשן ביי זיינע מוילווינקלען — און ער האָט צוריק אויפֿגעריסן די אויגן.

ווען אין באַראַק האָט אָנגעהויבן צו שאַריען אויף טאָג, האָט ער אויסגעריבן די אויגן און זיך באַמיט צו באַפֿרייען פֿון ביינאַכטיקן קאָשמאַר.

— אפֿשר זענען זיי גערעכט — האָט ער זיך אַליין געמאַכט אַ פֿאַרוווּרף — מ׳האָט פֿריִער געדאַרפֿט אַדורכקומען מיט זיי; ווייזט אויס, גפֿני איז אַזוי פֿאַרטאָן מיטן הייבן די פּרייזן פֿון זיינע אַקציעס, אַז זיין קאָפּ דערגרייכט שוין נישט ביזן טאָל... נאָך פֿינף מיליאָן, נאָר צען... און שולדיק בין איך. נאָר איך ! די גאַנצע מעשׂה, אַז גפֿני שיט אָפּ די מענטשן פֿון טאָל מיט געלט, איז נישט מער ווי אַ בלאָף. גפֿני האָט געוואָלט ס׳זאָל אַזוי הייסן, און אַ גוט באַצאָלטער רעפּאָרטער האָט געשריבן ווי ער האָט געוואָלט. איך האָב דאָס געדאַרפֿט באַוואָרענען אין קאָנטראַקט. אפֿשר אַ מיליאָן האָבן זיי אויסגעגעבן אויף רעקלאַמע. קינדער אין די וויגן קענען מיך שוין. ווער איז דער שולדיקער ? איך !

אויפֿן אַנדערן טאָג, באַלד אין דער פֿרי האָט זיך ווידער אָנגעהויבן אַן אינטענסיווע אַרבעט. די אינזשענירן זענען אַרומגעלאָפֿן, דורכגעקוקט און פֿאַרצייכנט וואָס ס׳איז באַשעדיקט געוואָרן, וואָס פֿון דער אויסשטאַטונג

מ׳קאָן פאַרריכטן, און וואָס מ׳דאַרף ברענגען אויף ס׳נײַ. זיי האָבן שוין געהאַט אַן אינסטרוקציע פון „אויבן" נישט אָפּצושטעלן די אַרבעט אַפילו אויף אַ שעה. אָבער ווי נאָר די אַרבעטן האָבן זיך אָנגעהויבן האָבן ווידער זיך באַוויזן די מענטשן פון טאָל. יורם האָט זיי דערזען פון אויבן און ער איז צו זיי אַראָפּגעגאַנגען אין טאָל אַריין. זייער כעס איז נישט קלענער געווען ווי נעכטן, אָבער דערקענט האָט ער, אַז דאָס מאָל ווילן זיי מיט אים רעדן.

דער אַלטער יואלי האָט אַ ביסל געסאָפּעט און אויסגעזען אָפּגעשוואַכט. ער האָט גאָרנישט גערעדט, אַפילו קיין „שלום" נישט געזאָגט. ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט קעגן איבער יורמען, ווי ער וואָלט אים וועלן שיצן פאַר עפּעס שלעכטס. זיינע אויגן האָבן אויסגעדריקט אַ פאַרצווייפלונג אַ געבעט.

אין יורמען האָט אויפגעבראָכן אַן אויסערגעוויינלעכע ליבשאַפט צום זקן. ער האָט נישט געוואַרט ביז ער וועט אים עפּעס פרעגן אָדער זיך אָנ־הייבן מיט אים צו קריגן.

— סבא — האָט ער אים אַרומגענומען מיטביידע הענט — קיין האָר פון אייער גרויען קאָפּ וועט נישט געמינערט ווערן און קיין פּיצל פעלדז וועל איך פון באַרג נישט אַראָפּוואַרפן ביז איר וועט מיך נישט ליב באַקומען ווי אַן אייגענעם זון.

אַ קול האָט איבערגעריסן:

— אונדז וועסטו נישט נעמען מיט קיין שיינע רייד. דײַן גלאַטיק צינגל וועסטו לאָזן הערן אין דער טעלעוויזע...

יורם האָט אויף דעם צווישנרוף קיין אַכט נישט געלייגט. ער האָט דאָס קול נישט געהערט, דעם המון נישט געזען, נאָר מיט נאָך מער וואַרעמקייט גערעדט צום אַלטן מאַן.

— אייער אַלט הויז וועט נישט חרוב ווערן, נאָר איר וועט עס פאַר־שענערן און פאַרגרעסערן. איר וועט נישט אַראָפּפאַלן, נאָר איר וועט זיך אויפהייבן. איר וועט נישט וואַנדערן פון דאַנען, נאָר אַנדערע וועלן קומען צו אייך. איך שווער אייך צו, אַז פון בעסטן שטיק פּלאַכלאַנד, וואָס מיר וועלן אויסגלייכן, וועלן מיר פאַר אייך אויסטיילן אַ נחלה, פאַר אייך און פאַר די אַלע אַנדערע מענטשן פון טאָל. נישט פאַר מיר טו איך דאָס, סבא, נאָר פאַר דער מדינה. פאַר די, וואָס זענען שוין דאָ און פאַר יענע, וואָס וועלן פון די גלותן דאָ אַהערקומען. יעדער שפּאַן אייגענע ערד איז פאַר אונדז

לעבנסוויכטיק. יעדעס שטיקל פלאַכלאַנד באַטײַט פאַר אונדז קיום. קוקט זיך גוט איין, סבא, וועט איר זען, ווי דער באַרג איז נישט מער ווי אַ משחית. ווי דער נביא ירמיהו האָט אויף אים געזאָגט: „המשחית את כל הארץ ונתתיך להר שריפה", ער פאַרכישופט אונדזער אויג און לאָזט הונגערן אונדזער מאָגן... שיקט זיי אַלע אַהיים, יואלי. איר בלײַבט דאָ מיט מיר. איך וועל אייך אַלץ אויסטייטשן און איר וועט האָבן נחת פון אייער זון.

דעם זקנס פּנים האָט זיך אויסגעלייטערט, און ער האָט געקוקט אויף יורמען מיט ליכטיקערע אויגן.

— און דו וועסט דיין צוזאָג האַלטן?

— איך זאָג נישט קיין ליגן.

און זיי וועלן דיך פאָלגן?

— פאָלגן!

— שווינדלער! — האָט זיך געהערט אַ געשריי.

— גלייבט אים נישט, יואלי!

— לאָמיר אים אַרויפשלעפּן אין דער הייך און איבער די פעלדזן אַריינוואַרפן אין טאָל אַריין!

אָבער דער אַלטער האָט קיינעם צו יורמען נישט צוגעלאָזט. ער האָט זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צום עולם און הויך אויפגעהויבן די הענט:

— טרעט אָפּ פון אים! — האָט ער אויסגעשריגן — גייט אַהיים! גייט אַהיים, און איך וועל שוין מיט אים אַדורכקומען.

— נעמט אַהיים יואלן — האָבן די מענטשן פון טאָל געשריגן — דער אַלטער איז משוגע געוואָרן...

קאַפּיטל איין און צוואַנציק

אַלץ איז געווען צוגעגרייט צום אויפרייס. די אָנגעלאָדענע רערן זענען שוין געווען פאַרשאָטן און דער האַרטער בעטאָן, וואָס האָט זיי באַדעקט, האָט געוויזן, אַז זיי ליגן אין אַ קיילעכדיקן האַלבראָד אַרום דער הויכקייט פון באַרג. אויף אַ סך שטעלן האָבן אַרויסגעשטאַרצט איזאָלירטע פּלאַסטיקשנירן אַריינגעשטעקטע אין שטאָלענע, איבערגעדעקטע קעסטלעך, פאַרמאַכטע מיט פּרענטן און פאַרשלאָסענע מיט האַקשלעסער. דער מינירטער

האַלבראַד איז שוין געווען אָפּגערייניקט פון די לייכטע גראָבמאַשינען און טעכנישע כלים. אַרבעטער זענען אויפן באַרג מער נישט געווען, נאָר אין עטלעכע פונקטן זענען סײַ ביי טאָג און סײַ ביי נאַכט געשטאַנען באַוואָפנטע שומרים מיט אָנגעלאָדן געווער און מיט מיקראָפאָן־אַפּאַראַטלעך אין די הענט. אויך דער באַראַק פון די אינזשענירן איז שוין געווען צענומען, אָבער דער באַרג איז נאָך אַלץ געשטאַנען מיטן קאָפּ אַרויף. אין דער הייך איז ער געווען אין גאַנצן הויל, ווי אַן אָפּגעשוירענער שעפּס. נאָר אַ ביסל אַראָפּצו זענען אויף אים געוואַקסן ווילדע קוסטעס, וואָס האָבן זיך אַדורכגעריסן דורך די פעלדזן־שפּאַלטן. פון טאָל אַרויס האָבן זיי אויסגעזען ווי שיטערע בראָדאַוווקעס אויף אַ גראָבער הויט. אַ שאַרף ווינטל איז אויפן שפּיץ באַרג אַרומגעלאָפן, אָפּגעבלאָזן פון אים דעם שטויב, ווי אַ כירורג רייניקט אָפּ אַ שטיק הויט פאַר דער אָפּעראַציע. אָבער די קוסטעס, מיט וועלכע ער איז געווען באַוואַקסן, האָבן זיך קיין ריר נישט געטאָן, מחמת זיי זענען געווען דאַר־שטעכעדיק און פאַרטריקנט.

די מענטשן פון טאָל האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז דער שפּיץ באַרגקאָפּ ציטערט, ווי אַ זקן, וואָס האָט פאַרלוירן דעם שטעקן, מיט וועלכן ער שפּאַרט זיך אונטער. ס'איז זיי געווען אַ רחמנות אויפן באַרג און ס'האָט זיי געצויגן אַרויפצוגיין, באַפאַלן די שומרים און אָפּצוראַטעווען דעם באַרג. אָבער דער אַלטער יואלי האָט דעם באַרג גאָר אַנדערש געזען, ווי אַנומלט, ווען ער האָט גערעדט מיט יורמען. ער האָט אַזוי פיל יאָרן געלעבט מיטן באַרג צוזאַמען. אַלע טאָג האָט ער באַוווּנדערט זיין ריזן־פאַרנעם און ער האָט זיין האָפענונג און גלויבן צום באַרגס שטאַרקייט נישט פאַרלוירן. ער האָט איצט אויסגעגלייכט זיין קאָפּ און לאַנג אַרויפגעקוקט אין דער הייך.

— ס'איז דען ערד? — האָט ער גערעדט צו די מענטשן פון טאָל — ס'איז דאָך אַ גיגאַנט פון לויטער האַרטן פעלדז, גראַניט. טויזנטער זאַוויע־רוכעס האָט דער באַרג איבערגעלעבט און ווער ווייס וויפל ערד־ציטערנישן. רעגן־שלאַקסן האָבן פון אים קיין קרישל נישט אָפּגעשווענקט און די זון האָט אים נישט ווייכער געמאַכט. איצט קומען די קליינע מענטשעלעך און ווילן אים אײַנבייסן?... זאָרגט נישט — האָט ער זיי געטרייסט — דער באַרג וועט זיך נישט לאָזן! — ער דאַרפט נישט מיר זאָלן זיך פאַר אים אָננעמען... זיי וועלן אים נישט קענען אויפברעכן, אויפרײַסן, צעשפּאַלטן...

אָבער די מענטשן פון טאָל זענען געווען אין אַן אַנדערער מיינונג:

— זאָגט דאָס נישט, יואלי — האָבן זיי אים איבערגעשפּאַרט — דער באַרג, זאָגט איר, איז אַ ריז? זינט היראָשימאַ איז אין משך פון רגעס פאַר־ברענט געוואָרן, זענען מער קיין ריזן נישטאָ אויף דער וועלט! איר שטעלט זיך נישט פאָר, וואָס פאַר אַ פאַרבאָרגענער כוח ס׳ליגט אינעם אַטאָם... אַפילו דעם גאַנצן ערדקיילעך קען מען מיט אים אויפרייסן און צעמאָלן אויף שטויב, און אַ ווינט וועט דעם גאַנצן שטויב צעטראָגן צווישן די שטערן...

— פון קוקן אויפן באַרג אַרויף וועט גאָרנישט אַרויסקומען — האָט זיך איינער אָנגערופן — נייע נחלות האָבן זיי אונדז פאַרזיכערט. אַנטשע־דיקונג האָבן מיר שוין באַקומען, און ס׳איז נאָר אַ שאָד יעדן טאָג, וואָס מיר דרייען זיך דאָ אַרום ליידיק. פאַר אונדז איז בעסער, אַז זיי זאָלן וואָס פריִער אויפרײַסן דעם באַרג.

— גפּניס אָן אַגעגנט! — האָבן די מענטשן פון טאָל מיט פאַראַכטונג זיך פון אים אָוועקגעדרייט.

די הײַזלעך און די הינערשטאַלן זענען שוין געווען פונאַנדערגענומען. זיי האָבן אַרומגעזוכט און געגנישטערט, אפשר וועלן זיי נאָך עפּעס געפינען פון דעם, וואָס זיי האָבן פאַרגעסן מיטצונעמען, אָבער אויפן פּלאַץ איז שוין גאָרנישט געווען. די טראַקטאָרן זענען אַריינגעפאָרן גלייך אין די הײַזלעך, זיי אויסגעגלייכט מיט די ערד, און ס׳איז שווער געווען עפּעס צו געפינען און אַרויסצונעמען. אויך דאָס געהילץ, וואָס האָט אַרויסגעשטאַרצט פון דער ערד, איז געווען צעפּיצלט און פאַרפוילט, זעענדיק, אַז זיי האָבן דאָ מער נישט וואָס צו טאָן, האָבן זיי זיך דאָס לעצטע מאָל ברייט אַרומגעקוקט איבערן טאָל.

נאָך קיין מאָל איז אין זייערע אויגן דער טאָל נישט געווען אַזוי שיין. דער שמאָלער און לאַנגער פּאַס ערד האָט אויסגעזען, ווי ברייטע פּיאַטעס פוןביידע בערגס פיס. ס׳איז פון אים אויפגעגאַנגען אַ פּאַרע, ווי פון אַ צע־יאַכמערט פערד, וואָס האָט זיך אָפּגעשטעלט נאָך אַ לאַנגן גאַלאָפּ. ווי נאָר ס׳איז געוואָרן קילער, איז דער נעפּל זיך צעגאַנגען און דאָס גאַנצע שטיק פעלד האָט געגומען זיך חנדלען מיט העל גרינע בעקלעך פון ירקות, פעלדער און סעדלעך. אַזוי האָט אויסגעזען פון ווײַטנס, אָבער ווען זיי זענען צוגעגאַנגען נעענטער צו די פעלדער, האָבן זיי געזען ווי די ירקות־בייטן זענען שוין אַ שפּאַר ביסל פאַרוואָרלאָזט. זיי זענען דורשטיק נאָך וואַסער און

דאַרפֿן אַ דעזינפֿעקציע־טוש קעגן פֿעלד־אינזעקטן. דורך די פּאָר טעג, וואָס זיי זענען פֿון דאַנען אַוועק, זענען די טאָמאַטן־שטענגלעך דינער געוואָרן און אין די בלעטער האָבן זיך אַרײַנגעכאַפּט געלע פֿלעקן מיט קליינע לעכעלעך. די אוגערקעס זענען צו גרויס אויסגעוואַקסן און פֿאַרן מאַרק טויגן זיי שוין נישט. די פֿלומען־און עפּל־ביימער זענען געשטאַנען מיט די צווײַגן אַראָפּגעלאָזט און הינטער זיי זענען אָנגעשאָטן דינע ביסלעך פֿון זייער פּרוכט. ס'איז דאָ איצט שטיל געווען אין טאָל. סטאַדעס האָבן זיך מער נישט געפּאַשעט, קיין מעקען פֿון אַ שעפּס אָדער אַ שרייען פֿון אַן אייזל האָט זיך מער נישט געהערט און קיין געזאַנג פֿון די שניטערס איז שוין מער נישט אויפֿגעגאַנגען. זיי האָבן זיך צוגעאײַלט, מער נישט געוואָלט קוקן און מיט אַ באַשווערט האַרץ האָבן זיי זיך געזעגנט מיטן טאָל.

אין דעם טאָג האָט שוין יורמס טעכנישער שטאָב זיך געהאַט איבערגעטראָגן אויפֿן צווייטן באַרג, וואָס איז געשטאַנען קעגן איבער, אויף צפֿון־זײַט. דאָ איז שוין די אַרבעט אָנגעגאַנגען אַ סך לײַכטער ווי פֿריער. סיי די אַרבעטער און סיי די אַרבעטס־אָנפֿירערס האָבן שוין געוווּסט, וואָס זיי האָבן צו טאָן. כמעט יעדן טאָג האָבן זיי באַקומען נײַע אויסשטאַטונג און די צאָל מענטשן צו דער אַרבעט איז פֿאַרטאָפּלט געוואָרן. דער צוגאַנג צום באַרג ב', ווי זיי האָבן אים גערופֿן — איז געווען אַ סך לײַכטער ווי אויפֿן באַרג א'. אויך יורם איז געווען אַ סך פּראַקטישער. ער האָט אויפֿגעשטעלט אַ גרעסערן „טעכנישן באַראַק”, וואָס האָט געדינט פֿאַר אַ ביוראָ און געלאָזט אַרײַנשטעלן אַ פֿעלדבעטל. פֿון חיפה האָט ער געבראַכט אַ ביסל וועש, אַ קישן און אַ קאָלדרע.

יאַניאַ האָט באַלד אין דער פֿרי געאײַלט אויפֿן באַרג אַרויף. ווען זי איז אַרײַנגעקומען אין באַראַק איז נאָך יורם געשלאָפֿן. זי האָט עפּעס געזוכט אויפֿן טיש צווישן די פּאַפּירן און אים נישט געוואָלט אויפֿוועקן, אָבער יורם האָט דאָס דערפֿילט.

— בוקר טוב! אַזוי פֿרי?

— דו שלאָפֿסט ווי אין אַ וויגל — איר פֿריילעכקייט האָט אָפּגעשלאָגן צווישן די ליידיקע ווענט פֿון באַראַק — און זי האָט ווײַטער געזוכט צווישן די פּאַפּירן.

— וואָס זוכסטו?

— כ׳האָב דאָ איבערגעלאָזט פאַר דיר אַ צעטעלע מיט אַ וויכטיקער אָנווייַזונג. האָסט עס געלייענט?

— כ׳האָב גאָרנישט געזען.

— דערפאַר בין איך אַזוי פרי אַהערגעקומען. כ׳בין צוליב דעם אַ גאַנצע נאַכט נישט געשלאָפן.

— אַזוי וויכטיק איז עס?

— מער ווי דו קענסט זיך פאָרשטעלן.

— ווילסט אַרויסגיין אויף אַ מינוט? וועל איך דיר העלפן זוכן.

— מעגסט אויפשטיין. איך שטער דיר? איך קוק נישט...

ער איז אויפגעשטאַנען, זיך איינגעוואַשן אין קאַלט וואַסער, אַרויפגעצויגן דאָס העמד, צוגעגאַנגען צום טישל און איר אַ קוש געטאָן.

— ס׳דאַכט זיך דיר. האָסט עס אַוודאי פאַרגעסן אָוועקצולייגן, אַ נישט וואָלט עס געווען. געדענקסט נישט וועגן וואָס?

— איך געדענק — האָבן אירע אויגן נאָך אַלץ געזוכט — אָבער שריפט־לעך האָב איך דאָס בעסער אויסגעלייגט. כ׳האָב זיך געכאַפּט, אַז מ׳וועט אויפן באַרג ב׳ דאַרפן אָפּשטעלן די אַרבעטן.

יורם איז געוואָרן איבעררעשט.

— צוליב וואָס?

— צוליב דעם, וואָס ס׳טויג נישט ביידע בערג אויפצורייסן צוזאַמען.

— אָבער דער בלויזער באַרג א׳ וועט דאָך נישט קאָנען פאַרפולן דעם טאָל.

— דאָס ווייס איך.

— און דאָך...

— און דאָך דראָט עס מיט אַ געפאַר.

— וואָס איז געשען?

זי האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן ראַנד פון בעטל.

— לויטן פּלאַן האָבן די לאָדונגען אין „ב״ באַדאַרפט עקספּלאָדירן זיבן מינוט שפּעטער ווי דער „א״ וועט ליגן אין טאָל. מיר האָבן אָבער באַרעכנט, אַז דער אויפרייס פון „א״ קאָן צעשטערן אַלע איינריכטונגען און צוגרייטונגען פון „ב״, נאָך איידער מיר באַנוצן זיי.

— ווילסטו, אַז מ׳זאָל מיטן „ב״ וואַרטן נאָך אַ פּאָר יאָר?

— איך זע נישט קיין אַנדערן אויסוועג — האָט זי געזאָגט אַנט־שלאָסן — אָבער אַזוי לאַנג ווי ביים „א" וועט עס נישט דאַרפן דויערן.

— איך בין בשום אופן נישט מסכים — האָט ער זיך געוואָרפן אויפ־גערעגט.

— צו דעם איז נישט נייטיק דיין הסכמה. ס׳איז גענוג, אַז די ספּעציאַ־ליסטן פון אַטאָם־ענערגיע האָבן אַזוי באַשלאָסן.

— יאַניאַ — האָט ער אויף איר כמעט געשריגן — ווי לאַנג ווילסטו כ׳זאָל דאָ שלאָפן אין באַראַק?

— דו ביסט דאָ נישט אַהערגעקומען שלאָפן — האָט זי געענטפערט — דיין אויפגאַבע איז וואַך צו זיין, און אונדזער — צו זיין גאַר, גאַר פאָרזיכטיק.

ער האָט אַ ווײַלע געטראַכט און איז ווייכער געוואָרן.

— מיט וואָס קאָנסטו העלפן ס׳זאָל אַזוי לאַנג נישט דויערן?

— איך האָב גערעדט וועגן דעם מיט פּראָפעסאָר אביגדור. ער קומט היינט ספּעציעל אַהער.

— וואָס טראַכט איר צו טאָן?

— לויט ווי איך פאַרשטיי וועט מען דערווייל די אַרבעטן דאַרפן אָפּ־שטעלן.

— אַלע?

— געוויס אַלע: די אויסמעסטונגען, דאָס פאַרטיפן די גריבער אַרום באַרג, די בעטאָן־פאַרזיכערונגען. די רערן אַפילו קאָן מען נישט אַהער־ברענגען ביז דער „א" וועט נישט ליגן אין טאָל. אָנפילן זיי מיט קערן־קראַפט, וואָלט געווען אַ קאַטאַסטראָפע. ס׳קאָן זיין, אַז אַפילו דאָס, וואָס דו האָסט שוין באַוויזן צו טאָן, וועט אויך צעשטערט ווערן. די גריבער אויף די רערן וועלן געוויס צוריק פאַרשאָטן ווערן, און דאָס אַליין איז שוין אַ גרויסער שאָדן. נעם נישט אַלץ אויף זיך...

— ס׳איז אַ מעשׂה אָן אַן עק — האָט יורם אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט.

— וואָס איילסטו זיך אַזוי? צוליב אַ פּאָר חדשים ווילסטו אַלץ איינ־שטעלן, קאַליע מאַכן!

ער האָט נישט געענטפערט. די לאַגע האָט זיך פאַרפלאָנטערט — האָט ער געטראַכט — כ׳האָב זיך גוט אַריינגעדרייט. ווי אַזוי קריכט מען אַרויס דערפון — האָט ער אַליין נישט געוווּסט. אַז יאַניאַ אַליין זאָל שטעקן

דעריק, אַז פון איר איז די איניציאַטיוו אַרויסגעקומען — האָט ער זיך נישט פאַרגעשטעלט. אָבער אַז זי האָט צו דעם געגעבן איר צושטייער — אין דעם איז ער געווען זיכער. די גאַנצע צײַט האָט זי מיר פאַרזיכערט, אַז ס׳איז נישט מער ווי אַ„קערן־שפּילעכל" — און צום סוף — אַנשטאָט וואָס זי האָט דעם געדאַנק פון מאַכן צוויי באַזונדערע אויפרייסן באַדאַרפט אָפּווענדן — האָט זי אים גאָר אונטערגעשטיצט. ביז מ׳וועט באַווײַזן אויפן „ב" עפּעס צו טאָן, וועלן קומען די רעגנס, און בײַ אַ פײַכטן וועטער איז נישט דאָס זעלבע, ווי אין טרוקענע טעג, ווען די זון שײַנט. דער „שטויב", ווי ווייניק ער זאָל נישט זיין, מישט זיך אויס מיט פײַכטקייט, מיט וואַסער. דאָס קלענסטע וואָל־קנדל קאָן מאַכן אַ מבול און צעטראָגן אַ ראַדיאָ־אַקטיוון רעגן איבערן גאַנצן לאַנד. ס׳איז אַ מעשׂה, הייסט עס, אויף נאָך אַ יאָר. און אין די באַדינגונגען, ווייסט ער, איז יעדע אָפּשלעפּונג עלול צו זיין שעדלעך פאַרן גאַנצן פּלאַן. דער עיקר צוליב דעם, וואָס ס׳הייבן זיך אָן צו באַווײַזן אין דער פּרעסע שטימען, וואָס באַצייכענען דעם גאַנצן פּראָיעקט ווי „אַ פאַנטאַזיע". ער האָט געצויגן מיט די אַקסלען.

— גוט, כ׳וועל הערן וואָס פּראָפעסאָר אביגדור וועט זאָגן...

— און אויף מיר האָסטו מורא זיך צו פאַרלאָזן? — איר שטימע האָט געקלונגען ווי באַליידיקט.

— חס וחלילה!... נאָר ווייסט דאָך...

— כ׳בין נישט ווינציקער פאַראינטערעסירט אינעם דערפאָלג פון דעם פּראָיעקט ווי דו, און דאָס וואָס כ׳ראָט דיר, איז פאַר דער טובה פון דער זאַך גופא.

— איך האָב נישט קיין שום גרונט אַנדערש צו טראַכטן. איך טראַכט נאָר, צי ס׳וואָלט נישט כדאַי געווען אַריבערצוכאַפּן זיך אין אינסטיטוט און דעם ענין נאָך אַ מאָל אַדורכצוטראַכטן.

— זיי קומען באַלד דאָ אַהער. איך וואַרט טאַקע אויף זיי.

דאָס וואַרטן איז פאַר יורמען געווען אַ גרויס אָפּקומעניש. דורך דער צײַט האָט ער עפּעס געשמועסט מיט יאַניען, אָבער פון וואָס נאָר ער האָט אָנגעהויבן איז אַלץ אַרויסגעקומען אַ חלוקי דעות, ווי עלעהיי צווישן אַ צעקריגט פּאָרל.

ענדלעך זענען זיי אָנגעקומען. צו יורמס שטוינונג זענען זיי געווען אַ פּאָר צענדליק מענטשן. דער גאַנצער וויסנשאַפטלעכער שטאָב איז גע־

קומען. ס'איז אויך מיטגעקומען אריק גפני און אַדוואָקאַט אַמיר, קאַרפּס באַפּולמעכטיקטער.

אויפֿן גאַנצן פֿליִען איז נישט געווען קיין הויז ווו יורם האָט געקאָנט זיי אויפֿנעמען. אין באַראַק האָט ער זיי נישט געוואָלט אַריינפֿירן, און זיי וואָלטן אויך אַלע נישט געקאָנט אַהין אַריין. איז ער צו זיי אַראָפּגעגאַנגען און אויפֿגענומען אין דרויסן, אויפֿן פֿרייַען פֿעלד.

ס'האָט אויסגעזען, ווי מיט דער גאַנצער גרופּע וויסנשאַפֿטלער פֿירט אָן גפני. הגם ער האָט אַרויסגעוויזן אַ ביסל סוחרישע אומרויִקייט, האָט ער אָבער זיך פֿאַרהאַלטן מיט טאַקט און זיך נישט געאײַלט.

— קאָנט איר אונדז פֿירן אויפֿן „אלף־באַרג"? — האָט ער זיך גע־ווענדט צו יורמען.

יורם האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און געגאַנגען פֿאָרויס.

זיי האָבן געשפּאַנט פּאַמעלעך. די זון איז געווען אַ ביסל צו שאַרף פֿאַר זייערע פּנימער, וואָס זענען געווינט צו זיצן צווישן מאַסיווע מויערן, דער רוב פֿון זיי זענען געווען באַיאָרטע מענטשן, און אַרויפֿקלעטערנדיק אויף די פֿעלדזן־טרעפּן, האָבן זיי זיך אַ ביסל איינגעבויגן און אָפּגעשטעלט אָפּ־רוען, אָבער ווען זיי זענען צוגעקומען צום אַראָפּהאַנג בײַ די ליניעס, ווו די רערן זענען געווען איינגעגראָבן, זענען זייערע טריט גרינגער געוואָרן און זיי האָבן זיך צעשפּרייט איבערן גאַנצן האַלבראָד, מיט וועלכן דער באַרג איז געווען אַרומגענומען.

ביי יעדן ברעטל מיט אַ רויטן צייכן, וואָס איז געווען איינצעמענטירט בײַ די פֿאַרשיטע רערן־גראָבנס, האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט. יורם האָט אויף אַלע פֿראַגן קלאָר און דייטלעך געענטפֿערט. יאַניאַ מיט ד"ר אביגדור האָבן אָנגעהויבן אַרומקרייזן פֿון דער צווייטער זײַט באַרג און נאָך צוויי שעה האָבן זיי זיך צונויפֿגעטראָפֿן אין דער מיט פֿון באַרג.

זיי האָבן געזוכט אַן אָרט ווו זיך אָוועקצוזעצן און אָפּרוען, אָבער דער באַרג האָט געהאַט אויף זיך אַזוי פֿיל שפּיציקע שטיינער, אַז זיי האָבן זיך נישט געקענט אַנידערזעצן, און זיי זענען, אַ ביסל שוין מידע, צוריק אַראָפּ אין טאָל אַריין.

אין טאָל איז נאָך געווען אַ שטיק פֿעלד באַוואַקסן מיט גרינע גרעזער. האָבן זיי זיך אויסגעזעצט אין אַ ראָד אָפּרוען, און די אַרבעטס־אָנפֿירער האָבן זיי געבראַכט אַ קאַלטן טרונק.

יורם האָט געוווּסט, אַז דאָס איז די קאָמיסיע, וואָס דאַרף ענדגילטיק באַשליסן וועגן דעם אויפּרײַס, אָבער די פיזיקער האָבן גערעדט וועגן אַנ־דערע זאַכן — וועגן דער נאַטור אַרום — אָבער נישט וועגן דעם, צו וואָס זיי זענען געקומען. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז זיי ווילן נישט ער זאָל זײַן אַנוועזנדיק בעת זיי וועלן אָנהייבן דיסקוטירן וועגן אויפּרײַס. ער האָט זיך אַנטשולדיקט, אַז ער מוז צוליב עפּעס אַרויפגיין אויפן „בית־באַרג" און איז אַוועק. יאַניאַ איז געבליבן.

אַ שפּאַר שטיקל צײַט האָט ער פאַרברענגט אויפן באַרג. ער האָט גערעדט מיט די אַרבעטס־אָנפירערס, מיט די אַרבעטער, און נישט געהאַט זיי וואָס צו זאָגן. ער איז ווידער צוגעגאַנגען צום באַרג־ראַנד, אַראָפּגעקוקט אין טאָל אַריין און געזען, ווי די פּערציק געלערנטע זיצן נאָך אַלץ אויפן גראָז, וואַרפן מיט די הענט, שאָקלען מיט די קעפּ און דיסקוטירן. האָט ער פאַר־שטאַנען, אַז ס'איז נאָך צו פרי זיך צוריקצוקערן און ער איז געגאַנגען אָנקוקן די כלים און מאַטעריאַלן, וואָס מ'האָט דאָ אַרויפגעבראַכט צוצוגרייטן די גריבער פאַר די רערן. באַלד איז ער אומגעדולדיק געוואָרן און מער נישט געוואָלט וואַרטן.

ווען ער איז אַראָפּגעקומען, האָבן זיי זיך שוין געהאַט אויפגעשטעלט. זייערע פּנימער — האָט ער באַמערקט — זענען ליכטיקער ווי פריִער. דאָס ערשטע האָט ער דערהערט, ווי ד"ר אביגדור זאָגט צום אינזשעניר צור פון אַנטוויקלונגס־מיניסטעריום:

— ס'איז שוין נאָכן באַשלוס. צוריק אָנהייבן צו דיסקוטירן האָט קיין זינען נישט.

אָבער וואָס דער באַשלוס איז, האָט ער אַלץ נאָך נישט געוווּסט, און די דערוואַרטונג דאָס געוווּר צו ווערן האָט צעמישט אַלע אַנדערע זײַנע גע־דאַנקען.

שווײַגנדיקע, ווי זיי וואָלטן נאָך אַרײַנגעטראַכט אין אַ שווערן ענין זענען די מיטגלידער פון דער קאָמיסיע געגאַנגען אין „גענדזנשריט" מיטן שמאָלן וועגל צום שאָסיי, ווו ס'זענען געשטאַנען זייערע מאַשינען. יורם האָט זיי באַגלייט. אָבער אַזוי ווי זיי האָבן אים גאָרנישט געזאָגט, האָט ער אויך נישט געוואָלט איבערפרעגן. אַלע האָבן זיך אַוועקגעזעצט ביי די רעדלעך, אָנגעצונדן די מאָטאָרן, נאָר גפני, ד"ר אביגדור און יאַניאַ זענען שטיין גע־בליבן.

— און איר? — האָט יורם געפרעגט.

— איך בלײַב דאָ — האָט ד״ר אביגדור אים געענטפערט — אויפהייבנדיק אַ האַנט צום געזעגענען די מאַשינען, וואָס האָבן גערירט פון אָרט.

יאַניעס אויגן האָבן גערעדט, געשמייכלט צו אים. אַ באַהאַלטענע פרייד איז געווען אויסגעגאָסן אויף איר העל פנים. יורם האָט געקוקט אויף איר מיט פרעגנדיקע אויגן, אָבער קיין וואָרט צו איר האָט ער נישט אַרויסגערעדט.

זיי זענען צוריקגעגאַנגען צום באַרג. דער רויש פון די אָפּפאָרנדיקע מאַשינען האָט זיך שוין מער נישט געהערט. אַרום איז שטיל געווען, נאָר בײַ יורמען אין האַרצן האָט דער געוויטער נאָך אַלץ אָנגעהאַלטן.

ערשט ווען זיי זענען געקומען אין באַראַק, ווו יורם האָט זיך אויפגעהאַלטן האָט ד״ר אביגדור זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ פּירעקיקן בענקל אַן אַן אָנלען און אַ זאָג געטאָן צו יורמען:

— איצט זענט איר דער בעל־הבית פון אויפרײַס!

— ווען ער זאָגט אים, אַז ער איז אַ פאַנטאַסט, וואָלט ער נישט אַזוי איבערראַשט געוואָרן, ווי דערפון, וואָס ער האָט אים אָנגערופן „בעל־הבית״. דאָס געפיל פון פרייד האָט אים פאַרשטעלט די קעל און ער האָט געמוזט אָפּכאַפּן אַ ביסל לופט ער זאָל זיין בכוח עפּעס איבערצופרעגן.

— וועט איר דאָ זיין בײַם אויפרייס?

— יאָ!

— און די מענטשן, וואָס וווינען אין דער סביבה, דאַרפן וועגן דעם וויסן?

— געוויס.

— פון וואָס פאַראַ ראַדיוס דאַרף מען זיי דערווײַטערן?

— דאָס וויסן מיר שוין — האָט זיך גפני אַרײַנגעמישט — מיר וועלן היינט נאָך איבערגעבן אַ רשימה פון די אַלע ישובים, וואָס דאַרפן פאַרלאָזן די פלעצער אויף זעקס און דרייסיק שעה. אויך הג״א* וועט אַרומרינגלען דעם באַרג.

— אַ באַרג? — האָט יורם אָנגעשטעלט אַ פּאָר פרעגנדיקע אויגן — ס'גייט דאָך אין צוויי בערג.

---

* הג״א — לופט־פאַרטיידיקונג.

— צו ערשט וועט מען אויפרייסן דעם באַרג, וואָס איז באַצייכנט מיט „אַלף" — האָט ד"ר אביגדור געזאָגט רויִק.

— אויפן „בית־באַרג" גייען דאָך שוין אָן די אַרבעטן...

— איר וועט זיי נאָך היינט דאַרפן אָפּשטעלן.

יורם איז בלאָס געוואָרן. יאַניעס האַנט שטעקט דערין — איז ער געוועזן זיכער. ער האָט זיך געווענדט צו גפנין, ווי ער וואָלט ביי אים געזוכט שוץ.

— און איר באַשטייט דערויף?

— מיר טוט דאָס לייד, אָבער צו די פיזיקער וויל איך זיך נישט אַריינ־מישן.

— אָבער אויפקלערן ווי גרויס ס'וועט זיין דער שאָדן, מעגט איר דאָך.

— נישט איך וויל עפּעס דיקטירן, און נישט זיי וועלן זיך לאָזן דיקטירן.

— און איר האָט אַנדערש געטראַכט, ווי מיר האָבן באַשלאָסן? — האָט ד"ר אביגדור געפרעגט יורמען מיט פאַרדאַכט.

— איך בין זיכער געווען, אַז דער צווייטער באַרג דאַרף אויפגעריסן ווערן מיט זיבן מינוט שפּעטער.

— איר האָט זיכער פאַרגעסן צו נעמען אין אַכט, אַז דאָס איז אַ זאַך, וואָס באַרירט נישט בלויז דעם באַרג... מיט די מענטשן וואָס וווינען אין דער סביבה, מיט זיי, זייערע הייזער, סטאַדעס און פעלדער מוז מען זיך אויך רעכענען... פון איין אויפרייס, ווי מיר האָבן אים צוגעגרייט, קאָן קיין שלעכטס נישט געשען. אָבער צוויי מיט איין מאָל — דאָס איז שוין גאָר עפּעס אַנדערש. מיר באַזיצן נאָך נישט די געהעריקע דערפאַרונג, אַז מיר זאָלן זיך דאָס קאָנען דערלויבן... יעדנפאַלס. ווי כ'האָב שוין פריִער געזאָגט: דער באַשלוס פון דער קאָמיסיע איז באַשלוס און ס'קאָן גאָרנישט געענדערט ווערן.

די זיצונג אין אַנטוויקלונגס־מיניסטעריום האָט זיך אָנגעהויבן אין די נאָכמיטאָג־שעהן און זיך פאַרצויגן ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין. ס'איז געווען די לענגסטע זיצונג, וואָס איז אין דעם מיניסטעריום ווען ס'איז פאָרגעקומען. מ'קאָן אַפילו זאָגן, אַז אויך די שטורמישסטע. דעם פאָרזיץ האָט געפירט דער מיניסטער אַליין, און דאָס אַליין איז שוין געווען אַ באַווייז וועגן דער וויכטיקייט פונעם ענין. אין דער זיצונג האָבן אָנטייל גענומען פאָרשטייער פון זיכערהייטס־דינסט, געלערנטע פונעם

וויצמאַן־אינסטיטוט, עטלעכע מוניציפּאַליטעט־פּאַרשטייער, אַ פאַרשטייער פון דער קאָמיסיע פאַר אַטאָם־ענערגיע. גפני איז דערשינען מיט זיינע וויכטיקסטע אינזשענירן און מיט זיינע אַדוואָקאַטן פון „הר ועמק״. אויך יורם איז געווען פאַרבעטן, אָבער ער איז נישט געקומען און געשיקט צוויי אינזשענירן, ווי זיינע פאַרטרעטער.

אויפן סדר־היום איז געשטאַנען איין פראַגע, וואָס מ׳האָט זי געקענט אָפּפּטרן מיט אַ קורצער דעבאַטע, אָבער באַלד אין אָנהויב זענען געוואָרן אַרויסגערוקט פאַרשידענע מיינונגען און מ׳האָט נישט געקענט קומען צו קיין טאָלק.

גפני מיט זיינע מענטשן האָבן געהאַלטן, אַז דער אויפרייַס דאַרף קומען אומגעריכט, און אין גאַנצן לאַנד דאַרף מען וועגן דעם זיך דערוויסן ערשט לאחר המעשׂה.

— צו וואָס באַאומרויִקן די גאַנצע באַפעלקערונג, אַז בסך הכל דאַרף זיי די גאַנצע זאַך נישט אָנגיין — האָט ער געטענהט — די מענטשן פון טאָל וווינען שוין נישט דאָרט. דריי קילאָמעטער אַרום דעם באַרג איז נישט פאַראַן קיין מענטש, קיין הויז. פרעגט די געלערנטע — האָט ער אָנגעוויזן אויף ד״ר אביגדור — וועלן זיי אייך זאָגן, אַז אויף אַזאַ מרחק וועט עס קיינעם נישט שאַטן. לשם פאַרזיכטיקייט וועלן מיר נאָך פריִער אַרויסנעמען די עטלעכע אַראַבישע משפּחות, וואָס וווינען פיר קילאָמעטער אָפּגערוקט פון באַרג — און דאָס איז אַלץ!

— און די ראַדיאָ־אַקטיווע אויסשטראַלונג, דער שטויב? — פרעגן די מוניציפּאַליטעט־פּאַרשטייער.

— איך אַליין — רופט זיך אָפּ ד״ר אביגדור — וועל בעתן אויפרייַס זיין אַנדערהאַלבן קילאָמעטער נאָענט פונעם באַרג.

— אין אַ בונקער? — באַמערקט מיט אַ שמייכל דער פּאָליציי־קאָמיסאַר.

— אויפן פרייַען פעלד!

— וואָס פאַראַ באַווייַזן קענט איר אונדז פאָרלייגן, מיר זאָלן זיך שטיצן אויף אייער טעזע?

— וואָס נאָר איר ווילט. אָט דאָ האָט איר דעם אַרויסזאָג פון דער קאָמיסיע פאַר אַטאָם־ענערגיע, די אויסרעכענונגען פון קאָמפּיוטער וועגן קרייז פון דער אויסשטראַלונג און פון דער אויפטרייסלונג. וואָס נאָך ווילט איר?

— און אַ באַוויַיז, אַ באַוויַיז פון דערפאַרונג האָט איר?

— דאָס וועט איר אויך באַקומען... נאָר אין אַ וואָך אַרום...

— מסכים. וועט איר דעמאָלט באַקומען אַ דערלויבעניש אויפן אויפ־רייַס...

גפני איז געוואָרן מלא כעס:

— די דערלויבעניש דאַרפן מיר נישט פון אייך. דאָס האָט שוין געגעבן די רעגירונג. דערווײַל איז נאָך די פּאָליציי אַן אינסטיטוציע, וואָס איז מחויב אויסצופירן די אינסטרוקציעס פון דער רעגירונג, און נישט פאַרקערט...

— איך רוף אייך צו אָרדענונג, מר גפני — האָט זיך אָנגערופן דער פאָרזיצער — נישט אַזוי ענערגיש! מיר האָבן דאָ נישט פאַרבעטן די פּאָליציי־פאָרשטייער, כדי צו דערמאָנען זיי, אַז זיי זענען נישט זעלבשטענדיק... כ'האָב הייַנט באַקומען אַ בריוו פון אינערן־מיניסטער, וואָס כ'וויל אייך פאָרלייענען:

„צום אַנטוויקלונגס־מיניסטער, פערזענלעך. פון אינערן־מיניסטער.

„היות ווי ס'גייען אַרום קלאַנגען, אַז די חברה „הר ועמק", וואָס אונטער אייער פּראָטעקטאָראַט, קלייבט זיך צו מאַכן אַן אַטאָם־אויפרייַס אין די הרי נפתלי, בעט איך אייער אויפמערק צום פּאַראַגראַף כ"ט, סעיף ג' פון זיכער־קייטס־געזעץ, וועלכער זעט פאָר, אַז קיין שום קאָנווענציאָנעלע אָדער אַנ־דערע אויפרייַסן טאָרן נישט געמאַכט ווערן, אויב ס'איז פאַראַן אַ געפאַר, אַז פון דער עקספּלאָזיע קאָן באַשעדיקט ווערן דאָס פאַרמעגן פון פּריוואַטע, געזעלשאַפטלעכע אָדער רעגירונגס־געביידעס, וואָס אין אַזאַ פאַל איז יעדע פאַרזיכערונגס־געזעלשאַפט פּטור צו באַצאָלן די שאָדנס. אין דעם קאָנקרעטן פאַל בין איך גרייט מקיל צו זיין, בתנאי, אויב די חברה „הר ועמק" וועט שטעלן צו אייער דיספּאָזיציע אַ באַנק־גאַראַנטיע לכל הפחות אויף פיר מיט אַ האַלבן מיליאָן ל"י, אין פאַל ווען ס'וועלן אין רעזולטאַט פון אויפרייַס אַנטשטיין שאָדנס אין דער סביבה און ס'וועט נייטיק זיין צו באַצאָלן פּיצויים. מיט דעם מאָמענט ווען איר וועט דאָס באַשטעטיקן, איז מצד מיין מיניסטעריום חל דער היתר אויפן אויפרייַס."

— וואָס זאָגט איר צו דעם? — האָט דער פאָרזיצער געפרעגט.

אַלע זענען דערשטוינט געוואָרן. זיי האָבן געוווּסט, אַז מיט דעם איז די דיסקוסיע געענדיקט, אָבער אַדוואָקאַט אַמיר, קאָרפּס פאָרשטייער אין דער דירעקציע פון „הר ועמק", האָט זיך אויפגעשטעלט און געזאָגט:

— מיר גיבן!

מיט דעם האָט דער עניין געדאַרפט זײַן דערלײדיקט, אָבער דער פּאָלי־צײ־פאַרשטײער האָט אַרויסגערוקט נאָך באַוואָרעניש.

— ווען ווילט איר דורכפירן דעם אויפרײַס? — האָט ער געפרעגט.

— פאַר טאָג.

— ווילט איר, אַז מענטשן זאָלן פון דער אויפטרייסלונג אַרויספאַלן פון די בעטן און נישט וויסן צוליב וואָס?

— זיי וועלן עס שפּעטער געוווירן ווערן — האָט גפני שאַרף אָפּגע־ענטפערט.

— און אַז איר וועט אָנטרעפן אויף האַרץ־קראַנקע, וואָס וועלן זיך איבערשרעקן און באַקומען אַ האַרץ־אַטאַקע? ווייסט איר מיט וואָס דאָס איז פאַרבונדן?

— פון ווײַטנס וועט מען נישט אַזוי שטאַרק שפּירן, און אין צפת איז מען צוגעוווינט צו לײַכטע ערד־ציטערנישן.

די דיסקוסיע האָט זיך ווײַטער פאַרצויגן, אָבער שוין אין אַ מער רויִקער און אַפילו פרײַנדלעכער אַטמאָספער. ערשט נאָך האַלבער נאַכט איז מען געקומען צו אַ פּשרה.

קיין עפנטלעכן קאָמוניקאַט וועט מען פאַרן אויפרײַס נישט פאַרעפנט־לעכן, אָבער די באַפעלקערונג ביז אויף אַ מרחק פון זעקס קילאָמעטער פון באַרג — וועט מען יאָ אַרויסנעמען, און מ׳דאַרף שוין צוגרייטן עפנטלעכע לאָקאַלן: שולן, בתי כנסת, קלובן, וואָס געפינען זיך נאָענט אין דער סביבה, כדי אײַנצוקוואַרטירן דאָרט די מענטשן אויף זעקס און דרייסיק שעה.

מאָנטיק מיטאָגצייט איז די גאַנצע אַרבעט אויפן באַרג אָפּגעשטעלט געוואָרן. דער קאַסירער האָט מיטגעבראַכט אַ גאַנץ וואַליזקעלע געלט, אויס־צוצאָלן די אַרבעטער דעם לוין פאַר אַ וואָך פריִער, און מ׳האָט זיי אָנגעזאָגט, אַז זיי זאָלן נישט צוריקקומען צו דער אַרבעט ביז מ׳וועט זיי לאָזן וויסן.

צוויי שעה שפּעטער איז שוין דער גאַנצער שטח געווען אָפּגערייניקט פון מענטשן. בלויז די וואָך אַרום די רערן אויפן אַראָפּהאַנג פון באַרג איז נאָך געשטאַנען און יורם מיט די צוויי אַרבעטס־אָנפירערס האָבן עפּעס פיבערהאַפט צוגעגרייט אינעם קליינעם געצעלט, וואָס איז נאָך געשטאַנען אין טאָל.

באַלד איז אָנגעקומען דער טעכנישער פּערסאָנאַל, וואָס די פיזיקער האָבן געשיקט. דאָס זענען געווען אַכט יונגע מענטשן. זיי זענען געקומען מיט צוויי פאַרמאַכטע טענדערס און אַראָפּגענומען פון דאָרט פאַרשידענע קעסטלעך און אַפּאַראַטן. יורם האָט זיי אָפּגעוואַרט.

ווי נאָר זיי זענען אַראָפּ פון די מאַשינען האָבן זיי באַלד גענומען זיך איבערטוען. זיי האָבן אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די קליידער, געעפנט די קעסט־לעך און פון דאָרט אַרויסגענומען עפּעס מאָדנע מלבושים: לאַנגע הויזן, ביי די קנעכלעך שמאָל ווי זאָקן און צוזאַמענגעשטיקעוועט מיט וועסטן. אויף די קעפּ — פאַרמאַכטע היטלען, וואָס זענען אַריבערגעגאַנגען ביז איבערן קאַרק און פאַרמאַכט דאָס פּנים ווי אַ גאַזמאַסקע. דערנאָך האָבן זיי אָנגעטאָן לאַנגע הענטשקעס ביז איבער די אָרעמס. חיים און שמוליק האָבן זיי געהאָלפן פאַרשפּילען די קליידער.

— זיי זעען אויס — האָט שמוליק געזאָגט — ווי זיי וואָלטן זיך גע־גרייט צו מאַכן אַ שפּאַציר אויף דער לבנה...

— ווי גראָב די הויזן זענען. וואָס איז דאָס פּלאַסטיק אָדער גומי? — האָט חיים געוואָלט וויסן.

צוויי פון די סאַפּיאָרן האָבן די קליידער נישט אָנגעטאָן. זיי זענען אַרומ־געגאַנגען און באַקוקט יעדן איינעם אויב די קליידונג איז הערמעטיש פאַר־מאַכט און אים געהאָלפן אַרויפשטייַגן אויפן באַרג אַרויף.

די וואַך איז נאָך אַלץ געשטאַנען אַרום די רערן־גראָבנס. די סאַפּיאָרן האָבן אַנידערגעקניט און יעדע זאַך באַטראַכט. דערנאָך האָבן זיי צוגעלייגט פאַרשידענע אַפּאַראַטלעך צו דער ערד און מיט הערטרייבלעך אויף די אויערן זיך איַינגעהערט, ווי אַ דאָקטער, וואָס אונטערזוכט די לונגען פון אַ פּאַציענט. קניענדיקערהייט זענען זיי געקראָכן מיט די אַפּאַראַטלעך אַרום די אויפרייַס־לאָדונגען. איינער פונעם אַנדערן איז געווען אָפּגערוקט אַ צוואַנציק מעטער און זיי האָבן זיך אַדורכגערעדט. ס'האָט לאַנג געדויערט ביז זיי האָבן זיך אויפגעשטעלט.

— ס'איז בסדר — האָבן זיי געזאָגט צו יורמען — מיר נעמען איבער די קאָמאַנדע איבערן אויפרייַס.

— כ'וויס דערפון — האָט ער צוגעשטימט.

— איר מעגט הייסן די וואַך אַוועקגיין פון דאַנען.

דעם זעלבן טאָג האָבן לאַנגע קאַראַוואַנען פון פאַרשידענע ווינקלען

און דערפֿער מיט האַק־און־פּאַק געצויגן קיין ראש פּינה און בית שאָן. זיי זענען געפֿאָרן מיט לאַסטאויטאָס, מיט פֿערד־און־וואָגן, באַלאָדענע מיט מעבל און מלבושים. טייל זענען געריטן אויף אייזלען, אַנדערע זענען גאָר געגאַנגען צו פֿוס. מ'האָט געטריבן סטאַדעס שעפּסן און קי. ס'האָבן זיי באַגלייט פּקידים פֿון „הר ועמק". די מענטשן האָבן נישט אויסגעזען ווי פּליטים. זיי זענען נישט געווען טרויעריק, פֿאַרקערט, זיי האָבן געמאַכט דעם איינדרוק פֿון עולה־רגלניקעס און זיך געוויצלט.

— זיי האָבן אונדז קונציק אַרויסגענאַרט.

— מ'האָט זיך נישט באַדאַרפֿט רירן פֿון אָרט.

— דער אַלטער יואלי האָט זיך דאָך נישט געקאָנט דערוואַרטן...

— נאָך גוט, אַז מ'האָט נישט באַדאַרפֿט מיטצונעמען די הינער און אינדיקעס.

— לאָך נישט, זיי האָבן פֿאַר די עופֿות־שטייגן גוט באַצאָלט.

— די „תנובה" וואָלט קיין העלפֿט נישט געגעבן.

— ווען דער קאָמיטעט אײַלט זיך נישט אַזוי, וואָלטן זיי דערלייגט.

— וואָס ווילסטו? פֿאַר זעקס און דרייסיק שעה — פֿיר טויזנט — ס'מאַכט דאָך אויס מער ווי הונדערט לירות אַ שעה.

— און דאָס איבערפּעקלען זיך, דאָס אויפּפּאַקן און אַראָפּנעמען?

— ס'לוינט זיך דיר...

— און אַז די הײַזער און שטאַלן וועלן ווערן באַשעדיקט?

— הלוואַי! וועט מען אויסבויען נײַע. ס'ליגן דאָך פֿינף מיליאָנדלעך קויציע...

— האָט זיך זיי דען דאָס עסק געלוינט?

— וואָס קאָנסטו דערגיין ביי אַמעריקאַנער געלטזעק...

אַלע פּאָליציי־סטאַציעס האָבן געשיקט פֿאַרשטאַרקונגען און נאָך האַלבער נאַכט איז שוין די גאַנצע געגנט אַרום באַרג געווען אַרומגערינגלט מיט אַ קייט פֿון פּאָליציי און הג"א־מענטשן, אַלע וועגן, פֿעלדוועגלעך און אַפֿילו סטעזשקעס, וואָס האָבן געפֿירט צום באַרג, זענען געווען שטרענג באַוואַכט. דער קרייז איז געווען אַ גרויסער, ווײַל ער איז געווען אָפּגערוקט זעקס קילאָמעטער פֿונעם באַרג און מ'האָט געדאַרפֿט אַ סך מענטשן. אַחוץ דעם זענען אַרומגעלאָפֿן אָפֿענע פּאָליציי דזשיפּן אויף די וועגן און פֿעלדער

און אַכטונג געגעבן אויב ס'פֿאַרגנבעט זיך נישט ווער, אַ נײַגעריקער אָדער אַ פּאַררוקטער, אין דער פֿאַרמאַכטער געגנט.

די נאַכט איז געווען אַ קאַלטע, אַן אויסגעשטערנטע, און פֿאַר די מענטשן, וואָס זענען געשטאַנען אויף דער וואַך, איז זי געווען גאָר אַ לאַנגע. די קלײנע שעהען האָבן נאָך אַלץ אָנגעהאַלטן און ס'האָט אָנגעהויבן נאָך קעלטער ווערן, אָבער זיי זענען אַלע וואַך געווען און מיט אָנגעשטרענגטע אויגן האָבן זיי געזוכט אין דער פֿינצטערניש אַ מענטשלעכן שאָטן. פּלוצעם זענען עטלעכע וואַכפּאָסטנס איבערראַשט געוואָרן. זיי האָבן פֿון ווײַטנס דערזען ליכט. אַ ביסל שפּעטער האָבן זיי שוין געהערט רוישן אַ מאַשין. פֿון טאָל אַרויס איז אָנגעקומען אַ דזשיפּ. ער איז געפֿאָרן איבערן פֿעלד, און ווען ער האָט זיך דערנענטערט, האָבן זיי אים פֿאַרהאַלטן. דער, וואָס איז געזעסן בײַם רעדל, איז אַרויסגעשפּרונגען און נאָך אים — נאָך דרײַ. די וואַכמענטשן האָבן זיי אָנגעקומט מיט פֿאַרדאַכט. יענע האָבן נאָך געטראָגן די גומיהויזן און די מאַסקעס האָבן זיי געהאַלטן אין די הענט.

— ווער זענט איר? — האָבן די פּאָליציאַנטן זיי געפֿרעגט — וואָס טוט איר דאָ?

— פֿון דער חברה „הר ועמק" זענען מיר. מיר אײַלן...

— מיר מוזן אײַך פֿאַרהאַלטן.

ס'איז צוגעקומען אַ פּאָליציי־קאָמיסאַר. ער האָט מיט זיי גערעדט קורץ און באַלד איז די זאַך געוואָרן אויפֿגעקלערט.

— דאָס זענען דאָך די טעכניקער פֿון אויפֿרײַס. לאָזט זיי ווײַטער פֿאָרן!

— האָט איר אַלע צוריקגעקערט? — האָט דער קאָמיסאַר איבערגע־פֿרעגט — איז שוין דאָרט קיין לעבעדיקער נפש נישט פֿאַראַן?

— בלויז עטלעכע ווייסנשאַפֿטלער, די „טאַטעס פֿון אויפֿרײַס" געפֿינען זיך אין דער נאָענט.

— ס'וועט נאָך לאַנג דויערן?

איינער פֿון די סאַפּיאָרן איז צוגעגאַנגען צו דער לאַמטער פֿון דזשיפּ און געקוקט אויפֿן האַנטזייגער.

— נאָך זעכצן מינוט מיט צוואַנציק סעקונדן...

זיי זענען צוריק אַרײַן אין דזשיפּ.

— זאָגט זיי אָן — האָט איינער, וואָס איז געזעסן בײַם רעדל געזאָגט צום קאָמיסאַר — אַז זיי זאָלן אונדז אַדורכלאָזן. מיר וועלן באַלד צוריקפאָרן.

ווי נאָר דער דזשיפּ איז אַוועק, האָבן די וואַכלײַט יעדע מינוט באַקומען דורך די האַנט־מיקראָפאָנען מעלדונגען:

נאָך צוועלף מינוט.

עלף.

צען.

אַ פּאָר מינוט שפּעטער האָט זיך ווידער געהערט:

אַכטונג! אַכטונג!

זיבן.

זעקס.

פיר.

דריי.

אַ מינוט פאַרן אויפרײַס:

בלייבן שטיין אויף איין פוס!

פאַרשטאָפּן די אויערן מיט גומי־פּראָפּנס און אָנטאָן די מאַסקעס!

ס׳האָט שוין געשאַריעט אויף טאָג. פון מזרח האָט דער הימל גענומען העלן ווי אַן איי. די וואַכלייט האָבן אין געדאַנק שוין געציילט די סעקונדעס. פּלוצעם זענען זיי ווי פאַרטויבט געוואָרן. די בערג האָבן אַ ציטער געטאָן. אַ געוואַלדיקער אויפרײַס האָט אַ טרייסל געטאָן די ערד אונטער זייערע פיס. מאַנכע האָבן זיך אַ וואַקל געטאָן, אַנדערע זענען אומגעפאַלן און ביז זיי האָבן זיך אויפגעשטעלט איז שוין געווען נאָך אַלעמען.

אין מירון און צפת איז דער ציטער געווען נאָך שטאַרקער. די בערג האָבן זיך אָפּגערופן מיט אַ מעכטיקן ווידערקול. די מענטשן האָבן זיך אויפ־געכאַפּט, זיך אַרומגעקוקט, אויב דער סופיט איז נישט אַראָפּגעפאַלן אויף די בעטן, אָנגעטאַפּט די ווענט, צי זיי האָבן זיך נישט געשפּאָלטן, אָבער אַפילו די עלטסטע כאַטע איז אין שטאָט נישט אײַנגעפאַלן און קיין שויב איז נישט אַרויס פון די פענצטער.

די חברים פון קיבוץ דשא זענען אַרויף אויף די דעכער. זיי האָבן זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זײַטן. אָבער קיין שום פײַערבליץ אָדער רויכנעפּל איז נישט אויפגעגאַנגען. ערשט ווען ס׳איז גוט טאָג געוואָרן, האָבן זיי געזען, אַז דער שפּיץ פון באַרג איז אָפּגעהאַקט, ווי מ׳וואָלט אים מיט אַ גרויס

מעסער אָפּגעשניטן דעם קאָפּ ביז איבער די אַקסלען און צום ערשטן מאָל האָבן זיי דערזען די הײַזער מיט די רויטע דעכער פונעם דאָרף מיכא, וואָס דער באַרגקאָפּ האָט געהאַט פאַרשטעלט.

קאַפּיטל צוויי און צוואַנציק

יאַניאַ מיט יורמען זענען געווען די ערשטע, וואָס האָבן זיך דערנענטערט צום אָרט פון אויפרײַס. אַ האַלבער טאָל צופוסנס פון באַרג איז געווען פאַרשאָטן. די קליינע סעדלעך האָט מען נישט אַרויסגעזען, אַפילו נישט די שפּיצן פון די פּאַלמעס און איילבירטנביימער. די פעלדזן זענען געווען צעברעקלט און געלעגן אין טאָל ווי אַ ווייכע האַנט וואָלט זיי שלאָפּערדיקערהייט אויסגעלייגט אויף אַ גוט געבעט געלעגער, וואָס צוקאָפּנס איז עס העכער און די פיס רירן אָן דעם דיל. די צווייטע העלפט טאָל איז נאָך אַלץ געווען באַהאָפטן מיטן באַרג, וואָס איז געשטאַנען קעגן איבער.

— קוק, ווי ס'זעט אויס — האָט יורם איר אַ וויז געטאָן די נידעריקע זײַט פון טאָל — בין איך נישט געווען גערעכט?

— איך ווייס נישט וואָס דיר צו ענטפערן — האָט זי זיך געפילט ווי עפּעס שולדיק — כ'קאָן נאָר צוגעבן, אַז לויט די וויסנשאַפטלעכע מאָטיוון, מיט וועלכע די קאָמיסיע האָט זיך גערעכנט, איז אַנדערש נישט מעגלעך געווען, ווי צו מאַכן דעם עקספּערימענט נאָר מיט איין באַרג.

— דאָס איז אַ האַלבע אַרבעט — האָט ער זיך געבונטעוועט — פּלאַכלאַנד זעט מען דאָך נישט. כ'שעם זיך זיי דאָס צו ווײַזן.

— לויט מײַן חשבון איז אַרײַנגעוואָרפן געוואָרן אין טאָל אַרײַן אַ מיליאָן מיט אַ פערטל קוביק מעטער ערד — און דאָס איז שוין אָן און פאַר זיך אַ גרויסער דערפאָלג.

— דאָס זאָגסטו. מ'וועט הערן וואָס זיי וועלן זאָגן. קום, גפּני וואַרט אויף מײַן ערשטן באַריכט.

ווען זיי זענען מיטאָגצייט צוריקגעקומען, איז שוין די גאַנצע מאַנשאַפט פון דער אויפרײַס־קאָמיסיע געווען אויפן אָרט. זיי האָבן זיך אַרומגעדרייט איבערן פּלאַץ נאָענט פון די אַנגעוואָרפענע פעלדזן און ערדשיכטן. זיי האָבן צווישן זיך גערעדט הויך.

— וויַיזט אויס, אַז דער „ריינער" אויפרייַס איז גאָרנישט שוואַכער ווי דער געוויינלעכער.

— מיר וועלן פון דעם קאָנען אַ סך לערנען — האָט זיך יאַניאַ אָנ־גערופן.

— ד"ר אביגדור איז צוגעגאַנגען צו יורמען.

— ס'האָט זיך געלוינט! — האָט ער אים פעסט געדריקט די האַנט — איר זענט געגאַנגען אויפן ריכטיקן וועג.

— אָ, דער־אָ האָט מיר קאַליע געמאַכט די גאַנצע שמחה — האָט ער אַ וויַיז געטאָן אויפן אַנדערן באַרג, וואָס איז נאָך געשטאַנען מיטן קאָפּ אַרויף.

— דער־אָ איז שוין אויך אין אונדזערע הענט. מיר מוזן זיך אָבער נאָך גוט באַוואָרענען...

— איך פאַרשטיי אייך נישט, פּראָפעסאָר. ס'איז דען ווער אומגעקומען פון אויפרייס?

— נישט אין דעם גייט עס — האָט זיך אויפן פיזיקערס פּנים באַוויזן אַ גוטמוטיקער שמייכל — מיר וועלן וויַיטער נישט קאָנען פאָרזעצן, ביז מ'וועט נישט אַדורכפירן די געהעריקע אויספאָרשונגען.

— איר מיינט וויפל ערד די קערן־לאָדונג האָט איבערגעוואָרפן? יאַניאַ האָט מיר שוין געזאָגט, אַ זי שאַצט אָפּ, אַז מער ווי אַ מיליאָן מיט אַ פערטל קוביק מעטער ערד איז איבערגעוואָרפן געוואָרן אין טאָל אַריין.

— ד"ר ציטרין האָט אַן אויג. מיט קיין סך האָט זי זיך נישט טועה געווען... אָבער נישט דאָס שטייט היַינט אויפן סדר־היום... מיר ווילן זיך איבערצייגן אין דער אייגנשאַפט פונעם „ריינעם" אויפרייס. מיר האָבן שוין אַרויסגעשיקט אין דער געגנט אַ מאַנשאַפט אויסצופאָרשן, אויב ס'זענען פאַראַן שפּורן פון ראַדיאָ־אַקטיווער אויסשטראַלונג. פאַרגעסט נישט, אַז דאָס איז נישט געווען קיין אונטערערדישער אויפרייַס. כאָטש די לאָדונגען זענען געווען באַהאַלטן אין די גריבער, זענען זיי אָבער זיך צעפלויגן צו־זאַמען מיט דער באַרג־מאַסע, און מיר האָבן אין דעם פאַל צו טאָן מיט אַן אויפרייַס אין דער אַטמאָספער, נישט אַזאַ אָפענעם ווי מ'מאַכט דאָס פאַר מיליטערישע צוועקן, אָבער דאָך אַן אַטמאָספער־אויפרייַס. שפּורן פון ראַדיאָ־אַקטיווקייט מוזן זיין. ס'איז נאָר אַ פראַגע אין וואָס פאַר אַ פאָרעם זיי גע־פינען זיך. איר זעט? די וואָלקנדלעך אויפן הימל געפעלן מיר אויך נישט...

— און נאָך דעם קאָנען מיר זיך שוין נעמען צום „בית־באַרג"?

— אויך נאָך נישט!

— אויף וואָס נאָך דאַרף מען וואַרטן?

ד״ר אביגדור האָט גענומען פּאַמעלעך שפּאַצירן מיט יורמען.

— ס׳וווּנדערט מיך, אַז ד״ר ציטרין האָט אייך דאָס נישט אויפגעקלערט. גראָד די זאַכן געהערן צו איר ספּעציאַליטעט. נישט נאָר די ריינקייט פון דער אַטמאָספער איז וויכטיק, מיר מוזן אויך וויסן, וואָס ס׳האָט זיך אָפּגעלייגט אויף דער אויבערפלאַך פון דער פּלאַנעט. דער אויפרייַס איז נישט אַדורכגעפירט געוואָרן אין מידבר נעוואַדאַ, נאָר אין אַ געדיכט באַבאַפעלקערטער געגנט מיט תבואה און ירקות־פעלדער. מיר האָבן אויך אַרויסגעשיקט אַ שטאַב צוזאַמענצוקלייבן אין אַ ראַדיוס פון דרייסיק קילאָמעטער, פּראָבעס פון כל מיני פּירות און ירקות, וואָס וואַקסן אויף דער אויבערפלאַך: אוגערקעס, טאָמאַטן און קרויט, דער עיקר קרויט, וואָס איז צום מייניסטן עמפּפינדלעך אויף ראַדיאָ־אַקטיוון שטויב.

— דאַרפט איר האָבן די פּרוכטן נאָר פון איין טאָג און איר מאַכט עס אין איין מאָל?

— געוויס נישט. יעדן טאָג באַזונדער, און אַזוי ביז פערציק טעג.

— און מיט דעם זענען פאַרענדיקט אייערע אויספאָרשונגען?

ד״ר אביגדור האָט אויף אים אַ בליק געטאָן.

— מ׳זאָגט, אַז די אַרכעאָלאָגן און באַרג־אינזשענירן זענען קאַלטע טיפּן... אָבער ווי ס׳ווייַזט זיך אַרויס געראָט איר אין זיי נישט אַריין... לויט אייער טעמפּעראַמענט האָט איר אַלע מעלות פון אַן אויסגעצייכנטן יעגער־פּליִער...

יורמס געמיט איז שוין געווען גענוג אָנגעזאַלצן און ס׳האָט אים שוין נישט געאַרט מיט וואָס נאָך ד״ר אביגדור וועט זיך וועלן באַוואָרענען.

— וואָס נאָך פאַר אַ שוועריקייטן זעט איר פאַר?

— ס׳איז בכלל נישט קיין שוועריקייטן. ריכטיקער וואָלט געווען, ווען איר רופט דאָס פאַרזיכטיקייטן. נאָך בעסער — איבערצייגונגען... מיר מוזן זיך איבערצייגן, וואָס ס׳שטעקט אין יעדן גרעזל פון דער סביבה נאָכן אויפרייַס.

יורם האָט געפילט ווי די בלוטן הייבן אָן אין אים צו זידן, און ער האָט זיך מיט אַלע כוחות איינגעהאַלטן, ער זאָל נישט אַרויס פון די כלים.

— איר האָט דאָך נאָר וואָס געזאָגט, אַז טאָמאַטן און קרויט זענען פון די עמפּינדלעכסטע געוויקסן און איר וועט זיי אויספּאָרשן אין אינסטיטוט.

דער פיזיקער האָט גאָרנישט אָנגעווירן פון זיין רויִקייט:

— אָבער גראָזן נעמען מיר נישט מיט. מיט גראָזן און פּאַשע־געוויקסן זענען מיר זיך גאָר אַנדערש נוהג... מיר לאָזן אַרויף אויף די פעלדער סטאַדעס מעלק־קי און שעפּסן, זיי זאָלן זיך פיטערן מיט די גראָזן וואָס מיר פאַר־דעכטיקן, און ערשט שפּעטער...

— און איר נעמט זיי אויך אין אינסטיטוט צו אונטערזוכן?...

— איר טרייבט אַ ביסל איבער, מיין טייערער אינזשעניר — האָט זיך אין זיין טאָן געפילט אויפרעגונג — קיין פלאַץ פאַר קי און שעפּסן אין אינ־סטיטוט האָבן מיר נאָך נישט. פון די קליינע קרוליקעס און עטלעכע מאָל־פּעס, וואָס מיר האַלטן, האָבן מיר שוין אויך גענוג אויסצושטיין צוליב די ריחות... די סטאַדעס קי און שעפּסן, וואָס וועלן זיך פיטערן מיט די גראָזן, לאָזן מיר איבער אין די שטאַלן ביי זייערע פאַרמערס. וואָס מיר נעמען יאָ, איז די מילך... יעדן טאָג אַ פלעשל, צווייהונדערט גראַם מילך פון יעדן שעפּס און יעדער קי, און דאָס צוויי, דריי שעה ווי זיי קומען צוריק פון די פעלדער, און אַזוי כסדר פערציק טעג. אויב נאָך דער צייט וועלן מיר אין דער מילך נישט געפינען קיין ראַדיאָ־אַקטיווע שפּורן, איז אַ סימן, אַז ס׳איז באמת געווען אַ „ריינער" אויפרייס.

יורם האָט אַדורכגעלעבט אַ שווער שטיקל צייט. דעם טאָג האָט ער געשטופּט אין דער נאַכט אַריין, און די נאַכט האָט ער געוואָלט אויפרייסן מיט טאָגליכט. ער איז געוואָרן מאָגערער, די אויגן האָבן געגומען ביי אים נערוועז לויפן. ער האָט נישט געקאָנט דערוואַרטן זיך אויף די רעזולטאַטן פון די עקספּערימענטן. ער האָט אַלץ געהאַלטן אין איין איבערקלערן, וואָס ס׳קומט דאָרט פאָר אין די לאַבאָראַטאָריעס. טייל מאָל איז ער אַפילו דאָרט אַריינגעגאַנגען, אָבער ער האָט זיך געשראָקן פאַרן רעזולטאַט.

צוויי שאַרפע קעגנער זענען פאַראינטערעסירט אין דעם רעזולטאַט — דער באַרג און ער. זענען די גראָזן נישט געוואָרן אָנגעשטעקט — האָט ער געוווּנען; וועט מען אין דער מילך געפינען ראַדיאָ־אַקטיווקייט — האָט דער באַרג אים מנצח געווען. ער שטייט פאַר אַ דורכפאַל און קיינער פאַר־מאָגט נישט אַזאַ קאַפּיטאַל, וואָס זאָל אים קאָנען ראַטעווען פון באַנקראָט —

האָט ער זיך אַליין געגריזשעט. מיט זייערע עקספּערימענטן פאַרסמען זיי מיר דאָס לעבן — האָט ער געזיפצט. — איין וואָך לויפט נאָך דער אַנדערער, און מ׳הערט נישט און מ׳זעט נישט.

ער האָט געוואָלט אַנטלויפן פון דאַנען, אַנטלויפן פון מענטשן, אויס־באַהאַלטן זיך פון טאָגליכט. צו וועמען אַנטלויפט מען? ווו געפינט מען אַ פריינד אין אַן עת צרה? צילאַ! צו צילען וועט ער אַנטלויפן!

זעקס וואָכן איז ער ביי איר געווען און פון שטוב זיך נישט אַרויסגע־רירט, ווי איינער, וואָס איז צעקריגט מיטן געזעץ און היט זיך פאַר אַ פּאָ־ליציייִש אויג. דורך דער גאַנצער צייַט איז ער אַרומגעגאַנגען אָנגעבלאָזן. טייל מאָל האָט ער צילען אויסגעטייַטשט פון וואַנען זיין פאַרביטערונג נעמט זיך. זי האָט געהאַט געדולד און אים אויסגעהערט. כאָטש ס׳האָט זי געאַרט וואָס ער איז ווייניקער העפלעך, און האָט אַפילו נישט געפרעגט, אויב ער באַלעסטיקט זי נישט און צי ער מעג וויַיטער זיך אויפהאַלטן ביַי איר אין הויז. זי האָט אים פאַרשטאַנען און שטילערהייט אים פאַרגעבן. אָבער יאַשאַ האָט זיך געקרימט און נישט איין מאָל געפרעגט ווי לאַנג דער מרה־שחורה־דיקער גאַסט טראַכט נאָך דאָ צו בלייַבן.

— זעסט דאָך, אַז ער איז צעבראָכן — האָט זי אים איַינגענומען — ער רעדט ווייניק, ער עסט ווייניק און ער ענטפערט נאָר ווען מ׳פרעגט אים איבער צוויי מאָל די זעלבע זאַך. ער זוכט שוץ אין אונדזער הויז. ווילסטו כ׳זאָל אים אַרויסטרייַבן.

— וואָס איז אים? — האָט יאַשאַ אויסגעשריגן — כ׳פאַרשטיי מ׳קומט אויף אַ פּאָר טעג, אַ וואָך! אָבער אַרומדרייען זיך וואָכן ווי אַ מרוק אין יענעמס שטוב?

— ווער וויים? מעגלעך, אַז זיין גאַנצער פּראָיעקט האַלט זיך אויף אַ האָר... קיין אַנדערע זאָרגן, מיין איך, האָט ער נישט. אַבי מ׳האָט אָנגע־מאַכט אַ טאַראַראַם אין דער טעלעוויזיע...

— קאָנסט גאָרנישט וויסן — האָט יאַשאַ נישט איַינגעשטימט — ער זעט אויס ווי אַן אַנטוישטער פאַרליבטער. אפשר האָט יאַניאַ אים פאַרראַטן, איבערגעלאָזן...

— גיי, פרעג אים!

זי האָט יאַשאַן געלאָזט שטיין, אַרייַנגעלאָפן צו זיך און כעסיק פאַרהאַקט די טיר.

זי האָט געוואָלט זיך אַנידערזעצן, אָבער די פיס האָבן זיך נישט איינ־געבויגן. זי האָט געשפּאַנט אַרויף און אַראָפּ, ביז זי איז צוגעגאַנגען צו דער קאָמאָדע, ווו זי האָט געהאַלטן איר קאָסמעטיק און געעפנט איין שופלאָד נאָכן אַנדערן.

פון אַ פּודער־שאַכטעלע, וואָס איז איר צופעליק געקומען אין דער האַנט אַריין, האָט זי אַרויסגענומען יורמס אַ בריוו און אָנגעהויבן לייענען:

ער דערלויבט זיך מיט מיר צו פיל — האָט זי אויסגעלאָזן דעם כעס צום בריוו — אָט בענקט ער, חלשט מיך צו זען — דאָס אַלץ, ווען ער דרייט זיך אַרום צווישן די בערג און אויפרייס־מאַטעריאַלן, אָבער ווען ער איז פון דער נאָענט, גאַנצע טעג מיט מיר אונטער איין דאַך, ראַזירט ער זיך אַפילו נישט יעדן טאָג. גייט אַרום אָפּגעלאָזן. אָבער דאָס איז מיין שולד. ווען איך וואָלט אים נישט געווען צוגעלאָזן צו זיך, וואָלט ער נישט געהאַט די זיכערקייט, וואָס ער האָט. וואָס מיינט ער מיט דעם, וואָס ער שרייבט: „כ'האָב נאָך נישט קיין אייגן הויז, קיין אייגן ווינקל״? וויל ער חתונה האָבן? וואָס וואַרט ער? ער האָט דאָך יאַניען...

פאַרן הויז האָט זיך אָפּגעשטעלט אַ מאַשין.

— זע נאָר ווער ס'איז דאָ! — האָט יאַשאַ ראַש אויפגערוקט די טיר פון איר צימער — גפּני, אונדזער פריינד גפּני!

— פאַלסט צו אונדז אַריין ווי אַ באָמבע — האָט צילאַ אים באַגריסט — אַ גאַנץ יאָר זעט מען דיך נישט.

גפּני האָט אַפילו זיך נישט פאַרענטפערט, נאָר האַסטיק אַ פרעג געטאָן:

— אפשר ווייסט איר ווו אינזשעניר רביב געפינט זיך?

— ער איז דאָ. אין אונדזער הויז האַלט ער זיך אויף.

— און איך זוך אים אַרום — האָט דער גאַסט פריינער אָפּגעעטעמט — מ'קאָן אים זען?

— ער שלאָפט איצט. זעץ זיך, נורית דערלאַנג קאַווע פאַר דריי — האָט צילאַ באַפוילן.

— אַ מענטש לאָזט אַלץ איבער און לייגט זיך גאָר שלאָפן.

— ער זעט אויס מיד, פאַרמאַטערט.

— מיד און פאַרמאַטערט האָט ער נאָך צייט צו זיין אין פופציק יאָר אַרום... וואָס זאָגסטו, צילאַ, צו אונדזער געלונגענעם אויפרייס?

— אָבער כ'הער, אַז איר האָט נאָר געמאַכט אַ האַלבע אַרבעט.

— ווי! מ׳וואָלט שוין לאַנג געהאַט געענדיקט, אָבער אונדזערע פּראָ־פּעסאָרן... היות ווי מ׳האָט נאָכן נעוואַדאַ־אויפרײַס געפונען אָנגעשטעקטע גראָזן אין יאַפּאַן, האָבן זיי נישט געוואָלט מסכים זיין ביז זיי האָבן געמאַכט אַנאַליזן אויף דער מילך פון די קי און קאָזעס פון ראש פינה...

— וואָס איז דער רעזולטאַט?

— די טאָמאַטן מעג מען עסן, אויף די לאָנקעס מעגן זיך פּאַשען סטאַדעס, און די מילך מעג מען טרינקען רויערהייט...

— יורמען וועט דאָס פרייען צו הערן — האָט יאַשאַ געזאָגט.

— ער וועט אויפלעבן! — האָט צילאַ אונטערגעהאַלטן.

— און אַזוי לעבט ער נישט? — האָט גפני געלאַכט.

— דו שטעלסט דיר גאָר נישט פאָר, ווי ער זעט דאָ אויס, ווי ער דרייט זיך אַרום אַ שווײַגנדיקער אין די לעצטע טעג.

— אין די לעצטע טעג זאָגסטו? מ׳זוכט אים, מ׳וואַרט שוין אויף אים צוויי וואָכן. ער דאַרף באַלד אָנהייבן די צוגרייטונגען צום צווייטן אויפרײַס.

יאַשאַ איז געוואָרן דערפרייט:

— מיר וועלן אים דאָס איבערגעבן.

— וואָס איבערגעבן? ער וועט אויפשטיין און איך נעם אים באַלד מיט.

— אָבער ער שלאָפט דאָך נאָך.

— מעגסט אים אויפוועקן, צילאַ! ער וועט, אסור, נישט זיין בייז אויף דיר, וואָס דו האָסט אים אויפגעוועקט...

דער צווייטער אויפרײַס איז שוין לײַכטער צוגעגאַנגען און האָט זיך נאָך בעסער איינגעגעבן ווי דער ערשטער. מ׳האָט שוין נישט מורא געהאַט עפנטלעך וועגן דעם צו מעלדן: דער ראַדיאָ און די פּרעסע האָבן באַצײַטנס אָנגעזאָגט, מ׳זאָל זיך נישט דערשרעקן. די באַפעלקערונג האָט די ידיעה רויִק אויפגענומען, און הערנדיק, אַז ס׳וועט פאָרקומען אַן אויפרײַס אין גליל העליון, האָט מען זיך דערצו באַצויגן, ווי מ׳הערט, אַז מאָרגן, אין דער שעה, וועט פאָרקומען אַ לופט־אַלאַרם און די סירענעס וועלן שאַלן. די באַפעלקערונג אַרום דעם באַרג האָט מען דאָס מאָל נישט באַלעסטיקט ווי בײַם ערשטן אויפרײַס, און מ׳האָט זיי דערווײַטערט בלויז אויף אַ מרחק פון דריי קילאָמעטער, און דאָס אויך — אין גאַנצן אויף צוואַנציק שעה.

וויפל שפּאַנונג און פּחד די מענטשן פון דער סביבה האָבן איבערגע־

לעבט ביז זיי האָבן דערפילט דעם ערדציטער און געהערט די טויב־מאַכנ־דיקע דעטאָנאַציע — איז עס זיי אָפּגעצאָלט געוואָרן מיט דער פרייד וואָס זיי האָבן געהאַט, ווען זיי האָבן מיט די אייגענע אויגן געזען די רעזולטאַטן.

און ס׳איז געווען וואָס צו זען! פון טאָל איז קיין צייכן נישט געבליבן. אַ גרויס שטיק פלאַכלאַנד האָט זיך געשפּרייט פאַר זייערע אויגן און געווען באַהאָפטן מיט די צופיסנס פון די בערג. דאָ און דאָרט זענען געווען גריבער און טאָלן, וואָס האָבן אויסגעזען ווי די כוואַליעס אויף אַ צעוויגטן ים. אויף מאַנכע ערטער זענען געווען אָנגעשאָטן שיכטעס צעבראַזגעטע פעלדזן און הינטער זיי — טיפע אָפּגרונטן. די צעשפּאָלטענע פעלדזנשטיקער האָבן זיך אַראָפּגעקאָלערט אין די זייַטן, געשאָפן שיפּע ווענט און פאַרהאָלטן די ערד־שיכטעס. וויפל מ׳האָט זיך איינגעקוקט, האָט מען אָבער אַלץ נישט געקאָנט זיך פאָרשטעלן, אַז דאָס איז געטאָן געוואָרן דורך מענטשלעכע הענט, דורך מענטשלעכן שׂכל. גיכער האָט עס אויסגעזען ווי אַ נאַטור־קאַטאַסטראָפע — ווי אַן ערד־ציטערניש אָדער אַ ווולקאַן־אויסברוך.

גרויס און קליין האָבן געשטראָמט פון נאָענט און וויַיט, צו זען דעם וווּנדער. מענטשן זענען געשטאַנען אויף די אַרומיקע בערגלעך, אויף דעכער און באַלקאָנען, קינדער האָבן אַרויפגעקלעטערט אויף די שפּיצןביימער, וואָס זענען געווען נאָענט פון באַרג, און זיך צוגעקוקט. טייל האָבן מיטגעבראַכט לאָרנעטקעס און אַרויסגעשריגן די וווּנדער, וואָס זיי זעען. די מענטשן, וואָס האָבן פריִער געקענט דעם טאָל, האָבן זיך גאָר נישט געקאָנט זאַט קוקן, און זיי האָבן פאַר יענע, וואָס זענען געקומען פון וויַיט, אויסגעטייטשט:

— אַ נאַסער טאָל געווען. די שעפּסן זענען געוואָרן זאַמאָקשעט,* זיך נישט געכאָוועט, און די מענטשן, וואָס האָבן דאָ געוווינט, זענען געווען אָנגעזאָפּט מיט אַטרעטיזם.

— און ווו ווועלן די מענטשן פון טאָל זיך אַהינטאָן?

— זיי זענען גוט באַזאָרגט געוואָרן — הלוואי אויף אונדז געזאָגט.

— גיב נאָר אַ קוק וואָס פאַר אַ גרויסער שטח ערד! מ׳קאָן אים קוים מיטן אויג דערזען. אַ גאַנצע שטאָט וועט מען דאָ קענען אויסבויען.

---

* זאַמאָקשעט — אַ קראַנקייט ביי שעפּסן, ענלעך צו שווינזוכט.

— וואָס מיינסטו? זי וועט נישט צו נוץ קומען? דער גליל העליון האָט דאָך טאָקע נישט קיין הויפּטשטאָט.

— אַ שטיק ערד, גרויס ווי גאַנץ באר שבע.

— האָסט מיר די ווערטער פון מויל אַרויסגענומען — דער נגב מעג האָבן אַ הויפּטשטאָט און דער גליל נישט?

— און ווי שיין אָרום איז. ס'איז עפּעס ליכטיקער געוואָרן.

— און אַזוי וועט עס שוין בלײַבן? — האָבן אַנדערע געפרעגט. אָבער די מענטשן פון גליל זענען מער בקי אין די זאַכן.

— דאָס איז שוין אַן עסק פאַר בולדאָזערס און טראַקטאָרן. מ'מוז נאָך וואַרטן ביז די ערד וועט זיך אָפּלייגן, ערשט דעמאָלט קאָן מען אָנהייבן אויסגלייכן דעם באָדן.

צווישן די מענטשן איז אויך געשטאַנען יורם. ער האָט מיט קיינעם נישט גערעדט, געווען פאַרטאָן אין געדאַנקען. ס'איז געווען מער, ווי ער האָט זיך פאַרגעשטעלט: דער שטח איז געווען גרעסער און דער באַרג אינעווייניק איז געווען ווייכער, ווי די געאָלאָגישע פּראָגנאָזע. אַצינד איז זיין גאַנצע פּראָ־יעקט געווען פאַרטיק, און ער האָט מער נישט געהאַט דאָ וואָס צו טאָן. ויפל מאָל ער האָט שוין געוואָלט אַוועקגיין, האָט דאָס פלאַכלאַנד אים צוריקגעצויגן. ער האָט לאַנג געקוקט דערויף און אַלץ נישט געקענט דערזען דערין אַן אייגן פּנים, פּונקט ווי אַ מענטש קוקט זיך אַ מאָל לאַנג אָן אין שפּיגל און עס וווּנדערט אים: אַזוי זע איך אויס? דאָס בין איך? צום סוף האָט ער זיך אין עפּעס דערמאָנט. ער האָט פון פאַרשידענע ערטער פון שטח גענומען עטלעכע טאָרבעלעך ערד און אַוועק מיט זיי מאַכן אַנאַליזן.

אָבער ווי נאָר ער איז אָנגעקומען אין אינסטיטוט, האָט ער באַגעגנט גפנין.

— צו וואָס האָסטו עס מיטגעבראַכט? — איז אים נישט געפעלן געוואָרן.

— מ'וועט מאַכן אַנאַליזן. ס'קאָן זיין, אַז ס'איז פרוכטבאַרע ערד.

— קיין חמרה* איז עס געוויס נישט.

— ס'דאַרף אויך נישט זיין — האָט שוין יורמען פאַרדראָסן, וואָס ער מישט זיך אַרײַן אין זאַכן, וואָס געהערן נישט צו אים.

---

* פעטע ערד פון ברוינעם קאָליר.

— און אַז ס'וועט זיך אַרויסווייַזן, אַז אויף אַזאַ באָדן קאָן וואַקסן ציבעלעס מיט פּלפּל, וואָס וועט דערפון אַרויסקומען?

— וועט מען צוריק באַזעצן די מענטשן פון טאָל.

— ס'איז אַ שטאָטישער געביט. מ'וועט קיין שעפּסן און קי דאָרט נישט אַרויפלאָזן! — האָט גפני גערעדט מעשה בעל־הבית.

— איך האָב די מענטשן פון טאָל צוגעזאָגט, אַז זיי וועלן דאָ אַהער צוריקקערן און באַקומען נחלות. אַ נישט, וואָלט דער אויפשטאַנד אָנגעהאַלטן! — האָט יורם אַן אויפגערעגטער אויסגעשריגן.

— אַ שטאָט וועט מען דאָרט אויפבויען, אַ שטאָט! מ'רעדט שוין דערפון אין די הויכע פענצטער, אין אַלע גאַסן. דער פינאַנץ־מיניסטער, דער ועד־הפועל, אַמעריקאַנער אינוועסטיטאָרן — אַלע ווילן שיטן מיט געלט.

— און די מענטשן פון טאָל? — האָט יורם נישט אָפּגעלאָזט.

— מ'וועט זיי פאַרגיטיקן. מיט געלד וועל איך זיי באַשיטן. כפל־כפלים ווי ס'קומט זיי. אָבער דאָ וועט מען בויען אַ שטאָט! אפשר די גרעסטע שטאָט אין גליל.

— דאָס וועט מען נאָך זען. קודם לאָמיך נאָר האָבן די אַנאַליזן אין האַנט.

ווען ער איז אַרויסגעגאַנגען האָט ער אויפן וועג צום טויער באַגעגנט ד"ר אביגדור.

— פאַנטאַסטיש! — האָט ער באַגריסט יורמען. — אַזאַ דערפאָלג מיט איין קלאַפּ... אַכצן קוואַדראַט קילאָמעטער פלאַכלאַנד! דאָס איז דאָך אַ מעשה פון אַכצן טויזנט דונאַם, ווער האָט זיך דאָס געזאָלט ריכטן...

— כ'וועל אייך אפשר איבערראַשן, ווען איר וועט הערן, אַז מיר טוט גאָר באַנג. איך באַדויער, וואָס כ'האָב פרובירט זיך נישט באַוואָרנט.

— איר מיינט וועגן אייער שׂכר? ס'איז נישט אָנצונעמען, אַז זיי זאָלן וועלן אייך טאָן אַן עוולה.

— נישט אין דעם גייט מיר. כ'האָב פאַרטריבן די מענטשן פון טאָל...

— און גפני וואָס זאָגט?

— ס'איז נישט דער אייגענער גפני...

— נו, ער איז נאָך נישט דער גאַנצער בעל־הבית. מיר האָבן אויך נאָך וואָס צו זאָגן. זייט זיכער, אַז קיין עוולה וועט די מענטשן נישט געשען. מיר וועלן פּראָטעסטירן...

יורם האָט זיינע ווערטער אויפגענומען ווי אַן אומשולדיקן ענטפער פון אַ געלערנטן, אַן ענטפער, וואָס האָט קיין שום ממשות נישט. ער איז פון אים אַוועקגעגאַנגען מיט לאַנגזאַמע טריט.

אויב אַזוי — האָט ער באַשלאָסן — וועל איך מיר טאַקע הייסן פּעט באַצאָלן. מײַן האָנאָראַר איז נאָך נישט באַשטימט און אַפילו נישט אַרומגע־רעדט געוואָרן. כ'וועל מיר הייסן באַצאָלן... וויפל זאָגן זיי? אַכצן קוואַדראַט קילאָמעטער? טאַקע אַכצן מיליאָן, אַ מיליאָן פאַר אַ קילאָמעטער. מיט אַ צולאָג פון יאָרלעכע טאַנטיעמעס — אַ רענטע אין דער הייך פון אַ פּראָ־פעסאָרן־געהאַלט. דאָס געלט וועל איך צעטיילן די מענטשן אין טאָל, און פאַר מיר איז גענוג דער געהאַלט. נאָר בעסער וועט זיין — איז אים געקומען אין זינען אַריין — אַז כ'וועל פריִער דעקלאַרירן, אַז מײַן גאַנצע באַלוינונג גייט פאַר אַ ווילטעטיקן צוועק — אַנטשעדיקונג פאַר די פּויערים פון טאָל. די גאַנצע סומע וועט זיין פריַי פון שטייערן און זיי וועלן באַקומען מער ווי טאָפּלט... אַלס צולאָג וועט ער נאָך פאָדערן, מ'זאָל אויף דעם באָדן אויפ־שטעלן אַ טעכניקום פאַרן גליל.

אַ שיינע פּאָר טעג האָבן די געדאַנקען אים אַזוי געמאַטערט, אַז ער האָט זיך אויפן נײַעם פּלאַכלאַנד נישט באַוויזן, ערשט ווען ער איז אַ וואָך שפּעטער אַהינגעקומען, האָבן שוין אויפן שטח גערוישט שווערע בולדאָ־זערס, טראַקטאָרן און לאַסטאויטאָס. דער שטח האָט געמומען גאַנץ אַנדערש אויסזען ווי באַלד נאָכן אויפרײַס. די שטילקייט איז אויסגעטוישט געוואָרן מיט מאַשינען־גערויש, מיט קולות פון מענטשן, הייבמאַשינען האָבן די גרעסערע פעלדזן־סקאַלעס אַרייַנגעוואָרפן אין די גריבער אַריין. די בולדאָ־זערס האָבן אויף זיי אַרויפגעוואָרפן ערד, צוגעקוועטשט און אויסגעגלײַכט, און ס'האָבן גענומען אַרויסקוקן שטיקלעך פּלאַכלאַנד מיט אַן אַשיקן קאָליר. די אויסגעגלייכטע שטיקלעך פּלאַכלאַנד זענען נאָך נישט געווען פאַראייניקט מיט זיך. ס'האָבן זיי אָפּגעטיילט גריבער און אַנשיטן, אָבער די בולדאָזערס זענען ווי גרינגע ווערעם אַרומגעקראָכן אויף די צעשפּאָלטענע בערג, איינ־געביסן זיך מיט שטאָלענע ציינער, געריסן שטיקער, וווּ נאָר ס'איז איבער־געבליבן אַ שטיקל הויקער פון די בערג, און געבראַנגט די ערד אין די גריבער אַריין.

ער איז געשטאַנען אין אַ זײַט. דער גאַנצער שטח האָט געטאַנצט פאַר זיינע אויגן. נישט קיין גאַל פּלאַכלאַנד האָט ער איצט געזען, נאָר אַ שטעטל,

אַ גאַנצע שטאָט מיט גאַסן, אַלעען, סקווערן און פּאַרקן. פּלוצעם האָט אים ווער איבערגעוועקט: „ביסט צופרידן פון דײַן נצחון? דו האָסט אונדז פאַר־טריבן, האַ?" — הערט ער דעם אַלטן יואלס קול — און ער פילט ווי יענער קלאַפּט אים אין פּלייצע.

יורם האָט זיך אומגעקוקט און קיינעם נישט געזען. אָבער ער האָט דאָך געפילט ווי ס׳קלאַפּט אים ווער אין פּלייצע...

אַנשטאָט יואלין האָט ער גאָר דערזען אַ גרופּע אויסגעפּוצטע מענטשן. נאָך זיי זענען נאָכגעגאַנגען אַרבעטער און געשלעפּט גרויסע טעלעוויזיע־אַפּאַראַטן. די שפּיגל־גלעזער האָבן אים אָנגעהויבן רײַסן די אויגן. ער האָט נישט געוואָלט זיי זאָלן זיך צו אים צוטשעפּען, איז ער תיכף מיט אַ זײַטיק וועגל אַוועק פונעם שטח.

יורמס בילד איז געווען אַרויסגעהאַנגען אין די פענצטער פון געשעפטן און זיין נאָמען איז נישט אַראָפּ פון די צייטונגען. אין חיפה האָט ער זיך מער נישט געקענט אויסבאַהאַלטן פאַרן טומל, איז ער צוריקגעפאָרן צו זײַנע עלטערן אין רמת־אביב, אָבער אין דער תל־אביבער גאַס האָט ער זיך סיי ווי נישט געקענט באַווײַזן. ווי נאָר מ׳האָט אים דערזען, איז ער געוואָרן אַרומגע־רינגלט מיט מאַסן מענטשן. קינדער, און אַפילו דערוואַקסענע, האָבן זיך צו אים געשטופּט מיט העפטן אין האַנט און געבעטן אויטאָגראַפן. מ׳האָט זיך נאָר געוווּנדערט וואָס ער, אַזאַ וויכטיקער מענטש, גייט אַזוי פשוט אָנגעטאָן — אין אַ העמד, אין לייוונטענע הויזן מיט צוויי גלייכע הינטערטאַשן און אין סאַנדאַלן.

די זשורנאַליסטן און רעפּאָרטערן, וואָס יורם האָט געטראָפן אויפן פלאַכלאַנד, האָבן אויף זיך לאַנג נישט געלאָזט וואַרטן. די בילדער און טעלעגראַמעס האָבן זיי צעטראָגן איבער דער גאַנצער וועלט. זיי האָבן די זאַך אַזוי פאָרגעשטעלט, ווי מ׳וואָלט באַזעצט דאָס ערשטע שטיק פלאַכלאַנד אויף דער לבנה.

„צוויי בערג פון די הרי נפתלי פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ גרויס שטיק פלאַכלאַנד".

„אינזשעניר רביבס פלאַכלאַנד איז גענוג אויסצובויען אַ גרויסע שטאָט".

„אַנטוויקלונגס־מיניסטער אויפגענומען אַ דעלעגאַציע קיבוצניקעס,

וואָס פאָדערן מ׳זאָל שיקן דעם „באַרגרייסער״ אין די בערג פון יהודה, וואַרפן אין טאָל אַריין די בערג אַרום מעלה און פאַרגרעסערן דעם באָדן פון קיבוץ״.

„קריסטלעכע רייַכע פרוי, גרעפין פון אויסטראַליע, אָפּגעשריבן איר גאַנצע ירושה — פופצן מיליאָן שטערלינג פאַר ,באַרגרייסערס׳ פּראָיעקטן״.

מיט יעדן טאָג איז אַלץ מער קלאָר געוואָרן אין דער וועלט, אין וואָס ס׳באַשטייט די גרויסקייט און חשיבות פון יורמס פּלאַן. אַזוי האָט דער ראַדיאָ־קאָמענטאַטאָר פון „בי נייעס״ אויסגעטייַטשט דעם ענין מיט קנאה און מיט אַ פּאָליטיש־פייַנטלעכן אונטערשלאַק:

„דער דערפאָלג פון אינזשעניר יורמס פּראָיעקט האָט פאַרקלענערט די איינגערעדטע מורא פון די אַראַבישע לענדער פאַר דער „ישׂראל־עקספּאַנ־סיע״. דער יונגער ישׂראלי האָט באַוויזן, אַז דעם באָדן דאַרף מען נישט האַלטן, ווי די נאַטור האָט אים אונדז געגעבן. מ׳קאָן אים איבעראַנדערשן און אַרויסבאַקומען פלאַכלאַנד אָן יענעמס שאָדן...״.

דער אָפּרוף פון דער געזעלשאַפט און די לויבגעזאַנגען אין דער פּרעסע האָבן די אַרבעטן בייַם צוגרייטן דאָס פלאַכלאַנד נאָך מער צוגעאיילט. אין פאַרלויף פון הונדערט טעג האָט דער גאַנצער שטח אויסגעזען ווי אַ גרויסער ספּאָרטפּלאַץ און גפּני אַליין האָט גענומען אונטעריאָגן דאָס באַשטימען די פייַערונג פון באַנייען דעם שטח און לייגן דעם גרונטשטיין פאַרן ערשטן בנין.

— ס׳איז נאָך נישט דאָ קיין פּלאַן — האָבן די אַרכיטעקטן זיך מיט אים געקריגט.

— דעם פּלאַן וועט איר צוגרייטן שפּעטער. אין דער צייַט פון דער מאַסן־עליה האָט מען אויך געבויט טויזנטער הייַזער אָן באַשטימטע פּלענער...

— און ווו ווייסט איר צו לייגן דעם ערשטן פונדאַמענט?

איין בנין קאָן מען אומעטום אַרייַנקוועטשן אין אַ הויפּטפּלאַן.

— אָבער אויף איין בנין מוז מען אויך האָבן אַ פּלאַן. מיר ווילן דאָ נישט בויען די באַקאַנטע שערענגעס ווייַסע הייַזער... מיר ווילן אַ נייעם סטיל.

— און די שטאָט האָט אויך נישט קיין נאָמען — האָבן אַנדערע אונ־טערגעהאַלטן.

— דער נאָמען פון שטאָט דאַרף זיין דעם דערפינדערס. אָבער ער וויל אַן אַנדערן — האָט גפני זיך געקאָכט.

— אינטערעסאַנט, וואָס פאַר אַ נאָמען וויל ער?

— צו דעם האָט קיינער קיין דעה נישט. אויף דעם איז פאַראַן אַ קאָמיסיע, וואָס איר קאָמפּעטענץ איז צו געבן נעמען נייע ישובים.

— זיי וועלן אים נאָכגעבן... — האָט גפני געגעבן אַ רמז.

איצט האָט זיך אָנגעהויבן אַ גרויסע מחלוקה מיט יורמען. גפני האָט געפּרוווט מיט גוטן:

— פאַרלאַנגסט אַ זאַך וואָס איז אוממעגלעך — האָט ער אים אויסגעטײַטשט. ווי אַזוי קאָן דאָס זיין? ס'איז דאָך בכלל נישט קיין העברעיִשער נאָמען...

— קוק אים אָן און לאַך נישט — האָט יורם אים דאָס ערשטע מאָל גרינגגעשעצט — געשעפטן קאָנסטו פירן, אָבער אַ שייטל חומש האָסטו נישט געלערנט...

— אַהאַ — האָט זיך גפני געגעבן אַ קראַץ אין שטערן, ווי נאָר יורם איז פון אים אַוועק — אַצינד איז פאַר מיר אַלץ קלאָר... איך ווייס שוין אין וואָס אים גייט... ער וועט נישט אָפּטרעטן. מ'וועט אים מוזן נאָכגעבן...

אויפן שטח האָט נאָך געראַיעט מיט טעכנישע עסקאַדרעס: אינזשענירן, אַרכיטעקטן, אויסמעסטער און קבלנים, וואָס האָבן זיך געריסן צו באַקומען בויפּלעצער און שוין איז געווען באַשטימט דער חנוכת העיר פון דער נײַער שטאָט אויפן דרייסיקסטן יוני.

פון איין זײַט האָט מען געפּלאַסטערט גאַסן, געפּלאַנצט די ערשטע ביימלעך, און פון דער אַנדערער האָט מען צוגעגרייט גרויסע שטאַנגען אויף פענער.

עטלעכע טעג איידער די פײַערונג האָט זיך אָנגעהויבן האָבן אין צענטער פון פלאַכלאַנד שוין געפלאַטערט די פענער און מ'האָט געהאַלטן בײַם פאַרענדיקן אַ גרויסן סטאַדיאָן מיט טויזנטער זיצפּלעצער.

אין ישׂראל איז מען צוגעוווינט צו פײַערלעכקייטן, וואָס קומען פאַר אונטערן פרײַען הימל, אָבער אַזאַ פאַראַד, ווי מ'האָט צוגעגרייט בײַם עפענען דאָס נייע שטעטל אין גליל געדענקט קיינער נישט. „דער נס פון גליל".

ווי די מאַסן האָבן דאָס שטיק פלאַכלאַנד אָנגערופן, האָט זיך געטראָגן

איבערן גאַנצן לאַנד און אויסער אים. פון אַלע וועגן האָבן געשטראָמט מאַסן מענטשן: אַלטע תושבים פון לאַנד און טוריסטן; יונגע בחורים און מיידלעך און גאַנצע פאַמיליעס מיט קליינע קינדער. אין אַלע שולן זענען די תלמידים געווען באַפרייט פון די לימודים אויף צוויי טעג. די אַרבעטער־ראַטן פון פאַבריקן און גרויסע ביוראָס האָבן אויסגעפועלט אָפּצושטעלן די אַרבעט. אַפילו רבנים און ייִדן מיט לאַנגע קאַפּאָטעס האָט מען געזען שטראָמען אין גליל. לאַנגע רייען וועגענער, געשפּאַנטע אין פערד און פּרדהס, האָבן זיך געפּלאָנטערט צווישן די טאַקסיס און אויטאָבוסן, אַפילו צו פוס און רייַ־טנדיק אויף אייזלען האָבן מענטשן געצויגן צום נייַעם פּלאַכלאַנד. כוואַליעס טוריסטן זענען געקומען אין לאַנד, און איידער זיי זענען אַרויס־געפאָרן, האָבן זיי זיך באַזאָרגט מיט פּלעצער צו די פייַערונגען אין גליל. אַרום און אַרום. ווו נאָר דאָס אויג האָט געקאָנט דערגרייכן, זענען געווען אויפגעשטעלט לייַוונטע געצלטן. בייַ די וועגן זענען געווען אויסגעשטעלט שטענדערס מיט וואַסער, זיסוואַרג און געבעקסן. די היץ האָט געבריט און דער עולם האָט פון די טישלעך אַלץ אָפּגערייניקט.

ווען דער טאָג האָט אויפגעבראָכן, האָט מען גענומען אייַנוויקלען די געצעלטן און דער גאַנצער עולם האָט זיך געלאָזט צו פוס אויפן פּלאַכלאַנד אַרויף. אַפילו זקנים אָנגעלענטע אויף שטעקנס האָט מען געזען גיין. הונ־דערטער פּריַווילעגיע מיט גרינע לענטעס אויף די אָרעמס האָבן זיך פאַר־נומען מיטן עולם, אָנווייַזנדיק די פּלעצער, באַזעצט זיי. די מענטשן, וואָס האָבן געהאַט נומערירטע פּלעצער, האָט מען אַרויפגעלאָזט אויף דער גאַ־לעריע, און די גרויסע מאַסן האָבן זיך אויסגעזעצט אויף דער ערד, אַרום דער טריבונע.

אומעטום, ווו די ערד איז געווען אויסגעגלייַכט, זענען געווען אַרייַנגע־שטעקט שטעקעלעך, וואָס האָבן אָנגעצייכנט גאַסן און פּלעצער. אַ סך גיריקע אויגן האָבן אויף דעם שטיקל פּלאַכלאַנד געקוקט.

די טריבונע איז געשטאַנען הינטער אַ וואַנט ווייסבלויע פענער, באַפּוצט מיט בלומען און סערווירט מיט פלאַשן ווייַן און וואַסער. די דיפּלאָמאַטן־לאָזשע האָרט בייַ דער טריבונע האָט זיך אָנגעהויבן פאַרפולן, אָבער די בענקלעך אויף דער טריבונע זענען נאָך אַלץ געווען ליידיק. נאָענט פון דער דיפּלאָמאַטישער לאָזשע זענען געווען אויסגעשטעלט פערציק בענקלעך פאַרן

וויסנשאַפטלעכן שטאַב. אין דער ערשטער ריי איז געזעסן ד״ר אביגדור מיט יאַניען.

— פאַר וואָס זענט איר נישט געקומען צוזאַמען מיט יורמען? פאַר אייך זענען אָנגעגרייט צוויי פּלעצער אויף דער טריבונע, אין דער רעכטער זײַט פֿונעם אַנטוויקלונגס־מיניסטער.

— כ׳האָב אים נישט געזען. ער איז מיך נישט געקומען פאַרבעטן.

— דאָס זאָגט נאָך גאָרנישט. מיט אינזשעניר רביב איז פאַרגעקומען אַ שטיקל טעות. ער איז געבוירן אַ דיכטער און געוואָרן אַן אינזשעניר... אַ מענטש מיט שטימונגען מוז מען פאַרשטיין, און טייל מאָל אַפילו מוחל זיין.

ס׳האָט געדויערט מער ווי אַ פערטל שעה, און די טריבונע איז נאָך אַלץ נישט געווען באַזעצט.

— די פײַערונג גייט צו קריכנדיק — האָט ד״ר אביגדור זיך דענער־ווירט — איך האָף, אַז די צווייטע שמחה וועט פאַרקומען אין בעסערן טעמפּאָ.

— איר מיינט ביי אַ צווייט שטיק פלאַכלאַנד?

— ניין — איז ד״ר אביגדור געוואָרן מער פאַמיליאַר — איך מיין בײַ אייער אייגענער שמחה... מיין פרוי וויל דווקא זיין אייער אונטערפירערין צו דער חופה...

יאַניאַ האָט זיך אַ ביסל פאַררויטלט. ער האָט דערוואַרט פון איר אַ ענטפער, אָבער זי האָט געשוויגן.

די בענקלעך אויף דער טריבונע האָבן זיך גענומען באַזעצן, אָבער דעם מיניסטער האָט מען נאָך אַלץ נישט געזען. גפני האָט נאָך זײַן פּלאַץ אויף דער טריבונע נישט געהאַט פאַרנומען. ער איז אַרומגעלאָפן אַ פאַרפאַרעטער. ד״ר אביגדור האָט אים אָפּגעשטעלט:

— ווו איז דער אַנטוויקלונגס־מיניסטער?

— ער זיצט נאָך אַלץ און האַנדלט אונטער מיט די מענטשן פון טאָל. פון דעם טאָג אָן ווען זיי האָבן אָנגעקוקט דעם באָדן און געזען, אַז ער טויג נישט פאַר לאַנדווירטשאַפט, טרעטן זיי נישט אָפּ פון זיין טיר. זיי דראָען מיט אַ דעמאָנסטראַציע און מיט צעשטערן די פײַערלעכקייט. כ׳מוז לויפן. כ׳וויל מיסטער קאַרפן אַרויפפירן אויף דער טריבונע. אָ, דאָרט זיצט ער. ער וויינט פאַר פרייד...

— ווי האַלט עס? — האָט נאָך אַלץ ד״ר אביגדור אים נישט אָפּ־געלאָזט.

— מ׳איז שוין מיט זיי אַדורכגעקומען, אָבער זיי טרעטן נישט אָפּ ביז די קאָנטראַקטן וועלן נישט זיין אונטערגעשריבן דורכן מיניסטער. נאָך אַ פּאָר מינוט, און ער וועט דאָ זיין.

און אַזוי ווי זיי רעדן צווישן זיך, הערט זיך אָן אָנהייב פון אַ בראַוואָ־פּאַטשעריי. ווען זיי האָבן זיך אומגעקוקט, האָבן זיי געזען ווי די אָרדנערס פירן צו דער טריבונע אַ מאַן מיט אַ פרוי. וואָס נענטער זיי זענען צוגעקומען, אַלץ מער האָבן זיך די אַפּלאָדיסמענטן פאַרשטאַרקט, און ווען יורם איז אַרויף אויף דער טריבונע, האָט דער גאַנצער עולם זיך אויפגעשטעלט:

— יחי יורם! יחי יורם! — האָבן זיי געשאַלט און געפּאַטשט מיט די הענט.

דער אַנטוויקלונגס־מיניסטער איז שוין אָנגעקומען, אָבער יורם איז נאָך אַלץ געשטאַנען און די בראַוואָ־אויסרופן האָבן זיך נישט איינגעשטילט. דער פאָרזיצער האָט יורמען אַ וויז געטאָן ער זאָל זיך אַוועקזעצן. לעבן אים איז געזעסן צילאַ.

זי איז איצט געווען די גליקלעכסטע אויף דער פייערונג. זי האָט געזען די מענטשן פון דער טריבונע, דעם גרויסן ים קעפּ, וואָס האָט זיך געוויגט אַרום, דאָס פלאַכלאַנד, וואָס האָט זיך אויסגעלייגט ווי אַ געלעגער, אָבער געשפּירט האָט זי, אַז איבער דעם אַלעם פלאַטערט איר געפיל צו אים. יורם! נישט נאָר איז ער צו איר ערלעך, נאָר ער שעצט זי מער ווי זי איז ווערט. מ׳מוז האָבן אַן אייזערנעם כאַראַקטער אַוועקצוגעמען דעם כבוד און דאָס פאַרגעניגן פון אַ פּאַך־קאַלעגין, וואָס האָט אים אַזוי פיל מיטגעהאָלפן, און אַוועקזעצן מיך לעבן זיך אויף דער טריבונע. יאַניאַ וועט זיכער אים דאָס קיין מאָל נישט מוחל זיין...

דער עולם איז שוין געזעסן שטיל אויף זייערע פּלעצער. אויך דער פאַרטיידיקונגס־מיניסטער און דער שעף פון גענעראַל־שטאַב זענען שוין געווען. מ׳האָט געוואַרט אויפן מדינה־פּרעזידענט.

אַ שאַלן פון פאַנפאַרן האָט זיך דערהערט און דער נשיא איז אָנגעקומען.

דער אַנטוויקלונגס־מיניסטער האָט אָנגעהויבן זיין רעדע מיט אַ באַ־גריסונג פאַרן נשיא המדינה, און דאַן האָט ער געזאָגט:

„איך גראַטוליר אייך און בענטש אייך צו דער דערעפענונג פונעם

נײַעם ישוב. קודם כל באַגריס איך דעם דערפינדער פונעם פּראָיעקט אינ־זשעניר יורם רביב.

איך דריק אויך אויס מײַן וואַרעמען דאַנק דער גאַנצער מאַנשאַפט, וואָס האָט צו דעם גרויספּאַרנעמיקן אויפטו מיטגעהאָלפן: די אַרבעטער, אַרכיטעקטן, אינזשענירן, וויסנשאַפטלער פון ווייצמאַן־אינסטיטוט. אַ באַזונדערן יישר כוח דעם ערשטן נדבן פון דעם פּראָיעקט, מר קאַרפּ פון ניו־יאָרק.

לויטן דערפינדערס ווילן גיב איך דעם נײַעם ישוב דעם תנכישן נאָמען צ ל ה, דעם נאָמען, וואָס משה האָט פאַרשריבן אין בראשית.* און זאָל דער בראשית פון די שטאָט צילה זײַן אַ גוטער בראשית פאַר ברידערשאַפט און שלום צווישן אַלע פעלקער און פאַר נאָך הונדערט אַזעלכע שטיקער פלאַכלאַנד אין דער מדינה״.

אויף דער טריבונע איז געלעגן אַ פאַרוויקלטע מגילה, און ווי נאָר דער מיניסטער האָט פאַרענדיקט זײַן באַגריסונג האָט דער פּאָרזיצער זיך געווענדט צום נשיא:

— כבוד הנשיא! איר ווערט געבעטן צום לייגן דעם גרונטשטיין צום ערשטן בנין פון דער שטאָט צילה.

אַלע האָבן זיך אויפגעשטעלט פון די ערטער בעת דער פרעזידענט מיט דער סוויטע זענען אַראָפּגעגאַנגען פון דער טריבונע. דערנעבן איז געווען אַ גרוב. אַ וויאַדרע צעמענט מיט אַ קעלניע איז געשטאַנען אָנגעגרייט. דער אַנטוויקלונגס־מיניסטער לייענט די מגילה און דער פרעזידענט דעקט זי צו, אַריינוואַרפנדיק די ערשטע קעלניע צעמענט.

מער האָט מען שוין קיין וואָרט נישט געקענט דערהערן. דער גאַנצער עולם האָט זיך אַ לאָז געטאָן אין טענץ.

די טענצער האָבן געזונגען און צענדליקער אָרקעסטערס פון שולן און ספּאָרט־קלובן האָבן זיי באַגלייט, און ס׳איז שווער געווען צו הערן אַ וואָרט. אָבער אין מיטן דעריין האָבן זיך די מיליטערלייט אַדורכגערעדט און זייערע פּנימער זענען געוואָרן ערנסט. איינער פון זיי האָט זיך אָנגערופן צו יורמען:

— איר האָט דאָס פאַר אונדז געהאַלטן בסוד. פאַר וואָס זענען מיר נישט פריִער וועגן גאַנצן פּראָיעקט אינפאָרמירט געוואָרן?

— מיר האָבן נישט פאַרגעזן, אַז איר וועט דעריין האָבן אַן אינטע־

---

* ויקח־לו למך שתי נשים שם האחת עדה ושם השנית צלה. (בראשית ד, יט)

רעס — האָט יורם זיך פֿאַרענטפֿערט — און איצט איז שוין צו שפּעט?

— זיכער.

— מעג איך וויסן וועגן וואָס עס גייט?

— ווען מיר באַטראַכטן אייער פּראָיעקט פֿאַרן אויפֿרײַס, וואָלטן מיר געהאַט וואָס צוצוגעבן. מיר וואָלטן צו ערשט אין טאָל אויפֿגעבויט אַ פּאָר־נעמיקן טונעל, מיט גאַסן און גרויסע פּלעצער. איר אָריענטירט זיך געוויס, צו וואָס דאָס איז נייטיק...

— אויך וועגן דעם האָב איך געטראַכט — האָט יורם זיי געקוקט גלייך אין די אויגן אַרײַן — אָבער צום באַדויערן האָב איך דאָס געמוזט אָפּוואַרפֿן.

— אַליין, אויף אייגענער האַנט?

— ס׳איז נישט נייטיק געווען קיינעמס הסכּמה — האָט יורם געזאָגט שוין מיט זעלבשטענדיקייט — אַפֿילו די בעסטע מיליטערישע אינזשענירן און טעכניקער וואָלטן דאָ נישט געהאָלפֿן...

— אַזוי מיינט איר? — האָט דער פֿאַרטיידיקונגס־מיניסטער איבער־געפֿרעגט.

— די קראַפֿט, מיט וועלכער די בערג זענען אַרײַנגעוואָרפֿן געוואָרן אין טאָל אַרײַן, וואָלטן יעדע בעטאָן־רושטאָוואַניע, אַפֿילו די דיקסטע, צעריבן אויף שטיקלעך.

— איך דאַנק אייך — האָט דער מיניסטער יורמען דערלאַנגט די האַנט, און באַלד ווי ער איז אַוועקגעגאַנגען אַ זאָג געטאָן צום שעף פֿון גענעראַל־שטאַב:

— דער יונג איז אַ גאון! אַ שאָד, וואָס כ׳האָב אים דערוועגן איבער־געפֿרעגט. מיר פֿאַרן אַהיים.

אָבער דער עולם האָט זיי פֿאַרשטעלט דעם וועג און איינגעשלאָסן אין ראָד פֿון די טענצער.

— זיי טאַנצן גאַרנישט שלעכט, די גענעראַלן...

קאַפּיטל דריי און צוואַנציק

מער ווי אַלע, האָט געטאַנצט צילאַ. זי איז אַרײַנגעפֿאַלן אין אַ התלהבות, געטאַנצט מיט מיליטערלײַט און ציווילע, מיט יונג און אַלט. זי האָט זיך

געפילט, ווי זי וואָלט צוריק אַרײַן אין די מיידלשע יאָרן, ווען איר טרוים איז געווען צו האַלטן זיך אין די אָרעמס פון אַ מאַן, וואָס וועט מיט זײַן גייסט און טאַלאַנט איבערקערן וועלטן. איצט איז זי געוואָרן די גייסטיקע באַזיצערין פון אַ נײַ שטיק פלאַכלאַנד, וואָס איז ווי פאַר איר באַשאַפן געוואָרן. זי האָט זיך נישט געקאָנט אָנזעטיקן מיטן געדאַנק, אַז אַלץ, וואָס זי זעט דאָ, האָט זיך אויסגעפיקט אין איר סאַלאָן. אָבער אַלץ האָט איבער־געשטיגן איר שׂכל, איר פאַנטאַזיע. זי האָט שוין דערפילט דעם ריח פון די ביימער, וואָס וועלן דאָ וואַקסן; זי האָט געזען די פאַרבן פון די בלומען אין די גערטנדלעך און אין ברייטע אַלעען. מיט וועמען טאַנצט זי איצט? מיט וועמען זי טאַנצט, זעט זי יורמס פּנים. ווער ס׳נעמט זי איצט אַרום, פילט זי דעם ציטער, וואָס יורם רופט אין איר אַרויס. ער האָט זי צוגעפירט צו אַ גאָלדענער שטול, ווי אַ קעניגין זי באַזעצט, געקרוינט און פאַראייביקט מיט אַ שטאָט אויף איר נאָמען.

אָבער ווי נאָר זי האָט זיך נאָך די טענץ אָוועקגעזעצט אָפּרוען, איז זי ווי פאַרשטיינערט געוואָרן. הענט און פיס זענען ביי איר אַזוי מיד געוואָרן, אַז זי האָט מיט זיי נישט געקאָנט רירן.

„ס׳איז דער לעצטער טאַנץ מיינער — האָט זי געטראַכט — זיי, יורם און יאַניאַ, הייבן אָן צו לעבן, און בײַ מיר האָט זיך אַלץ אויסגעלאָזט. כדי נישט שולדיק צו בלײַבן, האָט ער מיר אָפּגעצאָלט אַ חוב, אָבער פאַרליבט איז ער אין דער מאָסקווער טויב, וואָס כ׳האָב באַפרײַט פון שטייגל"...

ס׳האָט אין איר זיך דערוועקט אַן אויסערגעוויינלעכע אַמביציע מיט־צולעבן נאָך אַ שטיקל צײַט מיט יורמס פּלענער. זי האָט געפילט, אַז ס׳וועט פאַר איר אוממעגלעך זיין זיך צוריקצוציען אין איר הויז און ווי אַ שאָטן זיך אַרומדרייען אין דער דאַרטיקער שטילקייט.

ווען זי איז אַהיימגעקומען זענען די מחשבות אירע געוואָרן נאָך מער אימפּולסיווער:

„כ׳האָב זיך אַליין אומגליקלעך געמאַכט. כ׳האָב געטאָן ווי יענער שיכּור — פאַרזויפט דאָס גאַנצע פאַרמעגן און איבערגעבליבן זענען בלויז די ליידיקע פלאַשן. וואָס ס׳איז מיר געבליבן — זענען די ליידיקע פלאַשן, פון וועלכע ס׳פילט זיך נאָך דער גוטער ריח פונעם אַלטן וויין, וואָס כ׳האָב גע־טרונקען. ווען כ׳וואָלט געווען אַ קריסטין, וואָלט איך באַדאַרפט אַוועק אין אַ קלויסטער, ווערן אַ נאָנע. וואָס בלייבט מיר איבער? אַנטלויפן פון מענטשן,

אַנטלויפן ווײַט, אַוועק קיין אַפריקע, גיין אין אַ טאָל פון קרעציקע און זיין דאָרט אַ באַדינערין דאָס גאַנצע לעבן?״

יאַשאַ האָט געזען, אַז זי איז אין גאַנצן דערשלאָגן. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז ס׳פעלט איר אַ ביסל שלאָף. ער האָט איר געהאָלפן זיך אויסטאָן און אַנלענען אויף דער קאַנאַפּע. ער האָט אויסגעשלאָסן דעם טעלעפאָן און דאָס גלעקל ביי דער טיר, און מיט שטילע טריט איז ער אַרויס.

באַלד האָט זי דערפילט יורמען לעבן זיך. מיט נאָך אַ שטאַרקערן פלאַם ווי אין פאַריז האָט זי אים געדריקט צו זיך. אירע ליפּן האָבן זיך באַוועגט אין שלאָף: „ביסט מיינער, מיינער״!

ס׳איז געווען אויפן אָפענעם פעלד. אַ שווערער נעפל האָט איינגעהילט דאָס גרויסע שטיק פלאַכלאַנד און זי האָט אים קוים געזען, אָבער זיין שטימע האָט זי קלאָר געהערט:

„איך האָב זיך קיין מאָל נישט אָפּגעזאָגט פון פערזענלעכן גליק, אָבער ווען דאָס גליק האַלט דיך פון ביידע זייטן, בלייַבט מען אָן באַוועגונג. מיין גליק האָב מיר פאַרגעשטעלט ליב צו האָבן אַ פרוי, ליב צו האָבן דיך, אָבער ווען די פאַרווירקלעכונג פון מיין אידעע מאַכט מיך גליקלעך, בלייַבט שוין קיין סך נישט איבער פאַר דיר״.

„ביסט אַ נאַרישער יונג, יורם! — האָט זי געשריגן פון שלאָף — דו ווייסט אַפילו נישט ווי גליקלעך כ׳בין געווען מיט דיר. האָסט אַ סך געוואָרן, אָבער מיך האָסטו פאַרשפילט. איך האָב געזען דיין צעשטראָלט פּנים אין די צייטונגען — לעבן יאַניען. איך פאַרגין דיר דאָס גליק, ביי מיר ביסטו אַ פרייַער פויגל, אָבער זי וועט דיר אָנטאָן קייטעלעך אויף די הענט״...

זי האָט אים אָפּגעשטופּט פון זיך און זיך געוואָרפן אויפן געלעגער. זי האָט זיך גענומען וועקן, געהערט ווי מ׳פרעגט:

— צילאַ איז אין דער היים?

— צילאַ איז אין גליל, צילאַ איז אין דער היים, צילאַ איז אומעטום — האָט יאַשאַ בייסיק געענטפערט.

זי האָט זיך איבערגעוועקט, און ווען זי האָט דערזען יאַניען מיט בלומען אין דער האַנט, האָט זי זיך אויפגעזעצט.

יאַניאַ האָט איר דערלאַנגט די בלומען און זיך מיט איר צעקושט.

— איך גראַטוליר דיך צוליבן אָנרופן די נייע שטאָט אויף דיין נאָמען —

האָט זי סתם אַזוי אַ זאָג געטאָן, אָן התלהבות, כמעט קאַלט — קוקנדיק אויף אַ גרויס נײַ בילד, וואָס האָט געהאָנגען אויף דער וואַנט.

צילאַ האָט בלויז אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. זי האָט געהאַלטן די בלומען אין האַנט. באַטראַכט יעדע בלום, אַריינגעקוקט אין אירע קנאָספּן, ווי זי וואָלט וועלן אַריינקוקן צו זיך אַליין, אין איר אייגן האַרץ און נשמה.

— וואָס איז דײַן מאַן עפּעס אַזוי אויפגערעגט? — האָט יאַניאַ גע־פרעגט, ווי נאָר יאַשאַ איז אַרויסגעגאַנגען פון סאַלאָן.

— נאָך דער פּייערונג אויפן פּלאַכלאַנד דערקען איך אים נישט.

— ס׳קאָן זיין, אַז ער איז איבערראַשט געוואָרן פון דעם כבוד, וואָס מ׳האָט דיר אָנגעטאָן?

— ווייס איך וואָס...

יאַניאַ קוקט זי אָן פאַרשנדיק. זי זעט אויס זייער דערשלאָגן. עפּעס איז דאָ געשען — טראַכט זי. זי האָט זיך געריכט צילען צו טרעפן אַ פרייי־לעכע, אַ טאַנצנדיקע, ווי זי קען זי. און דאָ איז זי גאָר אין אַזאַ שטימונג, ווי זי וואָלט נאָך וועמען געווען אין טרויער. אויף וויפל זי ווייסט, האָט זי קיין מאָל זיך נישט געלאָזט באַצווינגען פון איר מאַנס געמיט. און אפשר טראָגט זי זיך ווידער אַרום מיט נײַע גרויסע אידעען? אָדער איז עס גאָר די כוואַליע פון אומעט וואָס קומט אָפּט נאָך דער פרייד, און מ׳קאָן זיך אַליין נישט דער־קלערן, וואָס דאָס איז?

— איך וויל דיך נישט צווינגען צו זאָגן מיר די סיבה פון דײַן שטימונג, כ׳וואָלט אָבער געווען צופרידן, ווען כ׳קען דיך צוריקפירן צו דיין גוטן נאָרמאַלן הומאָר.

צילאַ האָט אַוועקגעלייגט די בלומען פון האַנט. זי האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס מיידל איז איצט צו איר אַהערגעקומען נישט בלויז כדי איר צו גראַטולירן, נאָר אויך נאָך אַן עצה צו אַ וויכטיקן שריט, וואָס שטייט איר פאָר. אַלע ראַנגלענישן, וואָס האָבן געברויזט אין צילען האָבן אַרויסגע־וואָרפן אַ פּאָר אומפאַרשטענדלעכע ווערטער:

— מעגסט אים זאָגן, אַז דו האָסט אים ליב. און ס׳איז דאָ פּאָר וואָס ליב צו האָבן. קאָנסט צוגעבן, אַז פון מיין זייט זע איך דאָס גערן...

יאַניאַ האָט זיך אָנגעהויבן צו רויטלען, דערפילט זיך נישט באַקוועם, כאָטש קיינער אויסער זיי ביידע האָבן דעם שמועס נישט געהערט. זי האָט זיך ערשט אָפּגערופן נאָך אַ לענגערן שווייגן:

— איך בין נישט אויף אַזוי פיל אומשולדיק, אַז כ׳זאָל מיר נישט קענען קיין עצה געבן מיט אויסדריקן געפילן צו אַ נאָענטן חבר. די פראַגע איז אָבער, אַז קיין שום סיטואַציע האָט נישט געבראַכט דערצו, אַז אַזעלכע ווערטער זאָלן זיך לייכט אַרויסזאָגן...

— דאָס קומט אַלע מאָל אַזוי פאָר. די אמתע שפּירונגען ברעכן אויף מיט איין מאָל און מען ווייסט אַפילו נישט פון וואַנען זיי האָבן זיך גענומען. מיין נישט, אַז איך וויל דיך אויספאָרשן. איך טראַכט נאָר וועגן איין זאַך: וווהין צו אַנטלויפן פון דעם הויז.

— ווילסט אפשר גיין צו יורמען? — האָבן יאַניעס אויגן גענומען גלאַנצן.

— כ׳וועל מיט דיר זיין אויפריכטיק: ווען ער שלאָגט מיר דאָס פאָר, וואָלט איך אים נישט אָפּגעזאָגט.

— אויף אייביק?

צילאַ האָט צוריקבאַקומען איר רויִקייט:

— אייביק איז אַן אַבסטראַקטער באַגריף. איך באַניץ אים נישט און פאַרשטיי אים נישט. אין איין טאָג לעבן קאָן זיין אייביקייט און אין אַ יובל יאָרן — צײַטווייליקייט. איך האָב אַ ווילן אים צו באַגלייטן נאָך אַ פּאָר יאָר, ווי לאַנג ער וועט אָנגיין אַלס „באַרגרייסער".

— און דערנאָך וועסטו אים פאַרלאָזן?

— האָסט מיך נישט געלאָזט אַרויסברענגען מיין געדאַנק. איך וואָלט אים געוואָלט באַגלייטן, אָבער כ׳וואָלט זיך נישט געפילט אומגליקלעך, ווען ער דערקלערט מיר, אַז ער איז פאַרבונדן מיט דיר...

— צי וואָלט עס נישט געווען פאַר דיר אַ טראַגעדיע?

— טראַגעדיע איז אייביקייט. אין יעדן בלעטל, וואָס פאַלט אַראָפּ פון בוים, איז פאַראַן טראַגעדיע. כ׳בין אַלע מאָל אַנטלאָפן פון אַ גליקלעך לעבן, ווייל כ׳האָב נישט געוואָלט פטרן צײַט מיט פוסטקייט.

יאַניאַ האָט אויף איר אַ פאַרשנדיקן בליק געטאָן. אַלץ, וואָס זי זאָגט, איז וואָרהאַפטיק — האָט זי געטראַכט. זי מיינט נישט מיך אָפּצונאַרן. ערשט איצט האָט זי אָנגעהויבן צו פאַרשטיין צילעס באַציִונג צו יורמען און גע־מאַכט דערפון אַן אויספיר פאַר איר צוקונפט. ס׳האָט זיך איר אויסגעוויזן, ווי זי קוקט אַרײַן אין אַ טיפן טונעל. ערשט איצט איז פאַר איר קלאָר געוואָרן, אַז יורמס געפילן צו צילען זענען נישט סתם פרײַנדלעכע, נאָר טיף פאַר־

וואָרצלטע. אַ קלייניקייט? ער האָט אויסגעפּועלט, מ׳זאָל אָנרופן די שטאָט אויף איר נאָמען. און כאָטש דער עצם געדאַנק האָט איר ווי געטאָן, האָט זי זיך אָבער געטרייסט, אַז זי דאַרף דאָס צילען פאַרגינען, שוין צוליב דעם אַליין, וואָס זי האָט זיך פאַר איר איינגעשטעלט און אַרויסגענומען זי פון הינטערן אייזערנעם פאַרהאַנג. אָבער ווי לאָגיש דאָס האָט איר אויסגעזען, האָט זי פאָרט צילען מקנא געווען.

— עפּעס בעסערס האָסטו גאָרנישט געקענט טאָן — האָט יאַניאַ גע־פילט ווי טרערן קומען איר אין די אויגן — האָסט פאַר מיר געעפנט אַ פאַרהאַנג, מיין אייגענעם פאַרהאַנג, און איך זע וואָס ס׳טוט זיך... אָבער שרעק זיך נישט. וועגן מיר קלער נישט. איך בין גענוג שטאַרק צו קאָנען דאָס אויפנעמען. ס׳קאָן זיין, אַז דו ביסט גערעכט: אָן דיר וועט אים שווער זיין צו טראָגן די לאַסט.

— פּונקט אַזוי ווי מיט מיר וועט אים זײַן שווער טעטיק צו זײַן — און זי האָט זיך צוריק אָנגעלענט אויף דער קאַנאַפּע.

יאַניאַ האָט געזען, ווי די אויגן ביי צילען הייבן זיך אָן צו קלעפּן. זי האָט זיך אויפגעשטעלט און שטיל אַרויס פון הויז.

„ס׳איז שרעקלעך — האָט צילע גערעדט צו זיך — צו וווינען אין אַזאַ גערוים הויז, צו האָבן אַזוי פיל פרײַהייט — און דאָך זיך פילן אַזוי ענג און געבונדן, ווי איך".

זי איז געווען אויסגערוט. קיין שפּור מידקייט פון דער נעכטיקער פײַערונג איז אין איר נישט געבליבן. זי איז האַסטיק אַראָפּגעשפּרונגען פון בעט און אָנגעהויבן שרייען: „יאַשאַ יאַשאַ" אָבער ער האָט נישט גע־ענטפערט. דאָס דינסטמיידל איז אַריינגעקומען און שטיל געזאָגט:

— דער בעל־הבית איז באַלד אין דער פרי אַוועקגעפאָרן און געזאָגט, אַז ער קומט ערשט שפּעט אין אָוונט.

— גוט — האָט זי צופרידן געזאָגט — איך וועל באַלד אַרויסגיין. גרייט מיר צו אַ וואַנע.

זי האָט איבערגעלאָזט די וואַנע און זיך געשטעלט אונטערן טוש. נאָך קיין מאָל האָט זי נישט אַזוי אָנגעקוקט יעדן טייל פון איר קערפּער, ווי איצט. זי האָט זיך געדרייט אַקעגן איבער דעם שפּיגל אין אַלע זייטן, ווי אַ שייב־הייט, וואָס גרייט זיך צו אַ קאָנקורס און וויל וויסן אויב איר פיגור וועט

געפעלן די זשורי. ס׳וואַסער האָט געטריפט פון איר פּנים, פון די בריסטן, אָבער זי האָט אַלץ אַריינגעקוקט אינעם שפּיגל און געוואָלט וועמען דערזען. זי האָט געזוכט יורמען...

— ניין! — האָט זי ביי זיך אָפּגעפּסקנט — צו יאַניען וועט ער קיין מאָל נישט פילן די דאָזיקע ציִונג ווי צו מיר.

זי האָט זיך געוווּנדערט, וואָס ערשט נעכטן איז זי געווען צעבראָכן און אומגליקלעך. אַ געדאַנק, ווי אַ שאַרף ווינטל וואָס גיט אַ בלאָז פון ים, האָט איר אונטערגעזאָגט, אַז זי דאַרף נישט אויסבאַהאַלטן אירע געפילן צו אים. אין איין רגע האָט דער געדאַנק אַוואַנסירט: שאַנדע? ווי קינדעריש איך טראַכט נאָך. די סאַמע שיינקייט פון לעבן ליגט דאָך אין דעם, אין מיינע געפילן צו אים.

זי האָט אַרויפגעוואָרפן אויף זיך דעם באָדכאַלאַט, אַרויסגעלאָפן אין סאַלאָן און מיט נאָך נאַסע פינגער געדרייט דאָס רעדל פון טעלעפאָן.

זי האָט אים געטראָפן אין שטוב. זיין קול האָט טיף אין איר אָפּגעקלונגען.

— איך האָב געוואָלט דו זאָלסט זיך אָפּרופן, אָבער ווייַזט אויס, אַז מ׳מוז דיך מינטערן. דו ביסט נאָך אַלץ פאַרחלשט נאָך דעם גרויסן יום־טוב דייַנעם — האָט זי אים געמאַכט אַ שפּאַסיקן פאָרוווּרף.

— איך האָב נישט פאַרגעסן אין דיר — האָט ער איר צוריקגעענטפערט. זיין שטימע איז געווען אויפריכטיק און אָנגענעם.

— נישט נייטיק דו זאָלסט זיך פאַר מיר פאַרענטפערן. איך האָב דיך אָפּגערופן, כדי דו זאָלסט וויסן, אַז כ׳וויל דיך שוין זען. טאַקע שוין!

— ביסט אַליין אין שטוב?

— אַליין.

— איך לויף שוין צו דער מאַשין.

זי האָט אים באַגעגנט ביי דער טיר, אים אָנגענומען ביי דער האַנט און אַרייַנגעפירט צו זיך אין בודואַר.

— איך האָב געהאַט אַ געפיל דיך צו זוכן, ווי מ׳זוכט אַ קינד, וואָס האָט זיך נישט צו דער צייַט צוריקגעקערט אַהיים...

יורם האָט זיך דערפילט אַ ביסל שולדיק:

— נאָך דעם אַלעם בין איך אַ ביסל פאַרמאַטערט. ס׳וועט דויערן טעג,

אפשר וואָכן, ביז כ׳וועל צוריק אַרײַנגיין אינעם קורס פון מיין געוויינלעך לעבן — האָט ער זי אַרומגענומען.

זי האָט אים נישט געענטפערט. ס׳איז געווען דאָס פּאַרקערטע, ווי זי האָט זיך פאַרגעשטעלט. זי האָט אָנגעהויבן רעדן וועגן עפּעס אַנדערש.

— דו ווייסט, יאַניאַ איז נעכטן געווען בײַ מיר.

— כ׳ווייס — האָט יורם באַשטעטיקט — כ׳האָב גערעדט מיט איר טעלעפאָניש און געהאַט דעם איינדרוק, אַז זי איז געווען אַ ביסל אומצופרידן פון דעם וויזיט.

— האָט זי דיר דאָס געזאָגט?

— זי האָט מיר גאָרנישט געזאָגט, אָבער עפּעס האָט זיך מיר אַזוי אויס־געדאַכט.

— ס׳קאָן זיין, אַז דאָס איז געווען מיין שלעכטע שטימונג...

— ווידער צוליב דײַן מאַן? — האָט ער געשפּאַסט.

— דאָס מאָל צוליב דיר...

זי האָט אַרויפגעלייגט אַ האַנט אויף זיין אַקסל, אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויף זיין ברוסט, ווי זי וואָלט זיך געוויגט מיט אים אין אַ שטילן טאַנץ, און שווייגנדיק אים אָנגעקוקט. ער האָט געפילט איר הייסן אָטעם, דאָס קלאַפּן פון איר האַרץ. ס׳האָט זיך אים געדאַכט, אַז איר גוף הייבט אָן צו ציטערן. באַלד וועט זי זיך צעלאַכן מיט איר קלינגענדיק געלעכטער — אָדער גאָר צעוויינען.

— וועגן וואָס טראַכסטו? — האָט ער זי געוועקט.

— איך טראַכט וועגן דעם — האָט זי געזאָגט מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן — אַז דאָס גאַנצע מענטשלעכע לעבן איז איין לאַנגע אידעען־קייט. קליינע אידעען, גרויסע אידעען — דאָס איז נישט וויכטיק. פּריִער־נאָך ווי איין אידעע ווערט פאַרווירקלעכט, פלעכט זיך שוין אַריין אַ נײַע. אַנדערש איז גאָרנישט מעגלעך ממשיך צו זיין. בײַ מיר איז איין אידעע פאַרווירק־לעכט געוואָרן, אָבער אַ נײַע איז נישט געקומען.

קאַפּיטל פיר און צוואַנציק

באַלד נאָך דער פייערונג האָט גפני פאַרבעטן יורמען אין מיניסטעריום און זיך מיט אים אַדורכגעשמועסט:

— איך מיין, אַז נאָך צילה, וועסטו זיך שוין פאַרנעמען אויף די אַלפּן אויך... אַצינד קען מען שוין רעדן וועגן דעם — האָט ער געזאָגט. דיַין אַלטער יואלי וועט שוין נישט האָבן צו דיר קיין טענות. די מענטשן פון טאָל זענען געוואָרן פאַרגיטיקט מער ווי זיי האָבן פאַרלאַנגט. אויך דיר — דאַכט זיך — האָבן מיר קיין עוולה נישט געטאָן. כ׳מיין, נישט קיין מאַטעריעלע און נישט קיין מאָראַלישע. די שטאָט טראָגט דעם נאָמען פון דיַין געליבטע... כאָטש ווער ווייס וואָס פון אַזאַ ליבע קאָן אַרויסקומען... פאַר מיר דאַרפסטו זיך נישט היטן. איך קען צילען פריִער ווי דו... איך וויל נישט, אַז דאָס זאָל זיין דאָס ערשטע און לעצטע ווערק דיַינס. ס׳איז איַינגעפּלאָסן אַזוי פיל געלט, אַז מיר קאָנען אויפבויען אַ פינפטל פון לאַנד. מיר זענען גרייט דיר צו געבן גרעסערע פולמאַכטן און ברייט צו באַלוינען די מענטשן, וואָס מ׳וועט דאַרפן באַזייטיקן פון צווישן די בערג. כ׳וועל דיר אויסזאָגן אַ סוד: דער מיניסטער רעכנט זיך מיט יעדן וואָרט, וואָס דו זאָגסט, און דיַינער אַ פּראָיעקט אויף נאָך דריי אַזעלכע שטעטלעך וואָלט גאָר קיין גוזמא נישט געווען...

יורם האָט אַלץ אויסגעהערט און גאָרנישט געענטפערט.

— דו פילסט זיך אפשר באַליידיקט פון זיכערהייטס־מיניסטערס באַמערקונג — האָט גפני אים געפּאָרשט — נאַרישקייטן! — דאָס איז נישט קיין מיליטערישע באַזע...

— נישט אויפן זיכערהייטס־מיניסטער פיל איך זיך באַליידיקט, נאָר אויפן אַנטוויקלונגס־מיניסטער.

— מיינסטו דאָך מיך...

— אוודאי דיך.

— וואָס פאַרא שלעכטס האָב איך דיר געטאָן?

— דו ביסט אַזוי פאַרקאָכט אין דער קאָשע, אַז דו פילסט אַפילו נישט אַז זי הייבט אָן אַנצוברענען. אויב עס זאָל וויַיטער אַזוי גיין, וועט קיין גוטס דערפון נישט אַרויסקומען.

— איך פאַרשטיי נישט קיין איין וואָרט.

— אויב דו ביסט צוגעווינט, מ'זאָל דיר אַלץ אַרויפֿלייגן אויפֿן טעי־לער, וועל איך דיר דאָס צו ליב טאָן. ס'געפֿעלט מיר בכלל נישט אייער באַלעבאַטעווען אויפֿן פּלאַכלאַנד. מיין כוונה איז געווען אַ גאַר אַנדערע — צו פֿאַרקויפֿן דעם באָדן פֿאַר אַרבעטער און פֿאָלקסמענטשן, בעיקר צו יונגע פּאָרלעך, העלפֿן זיי אויסצובויען זיך אייגענע הייזער און שאַפֿן אַן אַטמאָ־ספֿער פֿון אַ שטיל ווינקל אין גליל, שוין אָפּגערעדט דערפֿון, וואָס לכתחילה בין איך געווען זיכער, אַז די מענטשן פֿון טאָל וועלן דאָ אויף ס'ניי זיך באַזעצן. און איר האָט געמאַכט פֿונעם פּלאַכלאַנד אַ ביזנעס מיט פּלענער פֿאַר וואָלקנקראַצער, האָטעלן, פֿאַבריקן און ווער ווייס וואָס...

— וועגן דער רויִקייט פֿון גליל העליון דאַרפֿסטו זיך נישט זאָרגן. דער גליל איז גענוג רויִק, אפֿשר נאָך צו פֿיל רויִק... דעם באָדן קאָן מען נישט פֿאַרקויפֿן. דאָס געזעץ זאָגט, אַז ער איז אַ נאַציאָנאַל אייגנטום. מ'קאָן אים נאָר פֿאַרפּאַכטן. נו, פּרוּוו נאָר צו פֿאַרקויפֿן, וועסטו ערשט זען וואָס פֿאַראַ באָדן־ספּעקולאַציע ס'וועט זיך דאָ מאַכן.

— איך בין קעגן נאַציאָנאַליזירן — האָט יורם אויסגעשריגן — מ'קען נישט איינפֿירן קאָמוניסטישע גרונטגעזעצן און מיטן איבעריקן זיך אויפֿ־פֿירן לויטן קאַפּיטאַליסטישן מינהג...

— צוליב דעם ווילסטו ברוגז ווערן?

— מיטן אויפֿבוי בין איך נישט ברוגז. כ'בין נאָר קעגן די באָדן־קאָנ־צעסיעס, וואָס איר טיילט מיט אַ ברייטער האַנט צו גרויסע פֿירמעס און אינסטיטוציעס און פֿאַר יחיד האָט איר נישט קיין פֿאַרשטענדניש. נאָך מער פֿאַרדריסט מיך, וואָס דו הייסט מיך אָנהייבן אַ נײַעם פּראָיעקט בעת דער ערשטער איז נאָך נישט פֿאַרענדיקט.

— ווילסט וואַרטן ביז די שטאָט וועט זיך אויסבויען?

— נישט נאָר וואַרטן, נאָר העלפֿן בויען! ס'קומט מיר דאָס פֿאַרגעניגן צו זען ווי די שטאָט בויט זיך. אפֿשר אויך צו באַמערקן מײַנע אייגענע פֿעלערן, כדי זיי אַ צווייט מאָל אויסצובעסערן.

ווען ער איז אַוועק פֿון גפֿניס ביוראָ האָט ער פֿאַרגעסן ווער די בעל הבתים זענען, צו וועמען די בויפּלעצער זענען איבערגעגעבן געוואָרן, און דער סאַמע געדאַנק, אַז דאָס שטיק פּלאַכלאַנד בויט זיך, האָט אים אָנגעפֿילט מיט פֿרייד. ער האָט מער נישט געקענט איינזיצן אין דער היים.

צו מאָרגנס איז ער שוין דאָרט געווען. אין צילה האָט מען אָנגעהויבן

בויען גאַסן. מ׳האָט געהאַלטן אין איין פּלאַסטערן נײַע וועגן און אויך די ערשטע ביימלעך אין פּאַרק זענען פאַרפּלאַנצט געוואָרן. די אַרבעט האָט אים פאַרכאַפּט. ער האָט געוואָלט עפּעס טאָן מיט אייגענע הענט. ער האָט איבערגעטאָן זיך אין אַרבעטס־קליידער, איז אַוועק צו די בוי־אַרבעטער און געהאָלפן אויפשטעלן רושטאַוואַניעס. נאָך דער אַרבעט פלעגט ער זיך לאַנג אַרומדרייען אין די פאַרשפּריצטע קליידער איבערן שטח, מעסטן מיט די טריט ווי גרויס ער איז, און חשבונען אין געדאַנק וויפל ס׳קאָן דאָ פאַר־בויט ווערן. אין אַ פּאָר חדשים אַרום איז נאָך אַ גרעסערע פרייד אין אים אויסגעבראָכן: ער האָט אָפּגעציילט צוויי הונדערט הײַזער וואָס האַלטן זיך אין מיטן בויען.

פון גאַנצן לאַנד האָט זיך געמאַכט אַן אַנגעלויף אויפן נײַעם שטעטל. פאַבריקן פון שווער־ און מיטל־אינדוסטריע זענען אַהין אַריבערגעפירט געוואָרן. דער טוריסטן־שטראָם האָט זיך פאַרגרעסערט פון טאָג צו טאָג.

און פונקט אַזוי ווי ס׳זענען געווען צופרידענע זענען אויך געווען אַ סך אומצופרידענע. יורמס פאַרוואורפן, וואָס ער האָט געמאַכט גפנין, האָבן זיך גע־הערט פון די ברייטע מאַסן. טויזנטער אַרבעטסמענטשן האָבן געשטרעבט צו באַקומען אַ פּלאַץ זיך אויסצובויען אַן אייגן הויז. און דאָ האָט מען געזען, ווי איבער די בויפּלעצער פון צילה האָבן פאַרהאַנט גרויסע פירמעס און רײַכע קבלנים. אַ שמועה איז אַרומגעגאַנגען, אַז דער גאַנצער באָדן איז איבערגעגעבן געוואָרן דעם קרן קימת לישראל. אין דער צײַט, ווען אין צילה, אין גליל איז שטיל געווען, האָט אַ שטורמישע דעמאָנסטראַציע פון יונגע מענטשן, סטודענטן זיך אַרײַנגעריסן אין הויף פון די צענטראַלע קרן קימת־ביוראָען אין ירושלים:

— נעמט אַראָפּ די הענט פון גליל!

— אַ מאָל האָט דער קרן קימת אויסגעלייזט באָדן פון די אַראַבער — הײַנט מוזן ייִדן אויסלייזן דעם באָדן פון קרן קימת!

— אַ נחלה, אַן אייגן הויז ווילן מיר אויסבויען אין צילה!

— די וועלדער, וואָס איר האָט געפּלאַנצט, וועלן סײַ ווי געוואָרפן ווערן אין די טאָלן אַריין. פּלאַכלאַנד דאַרפן מיר!

— נעמט אַראָפּ דעם מס־חכירה* פון די בתי משותף, פון די שיכונים, פון אַרבעטמענטש!

---

* מס־חכירה — באָדן־שטייער פאַר אַ דירה אויף קרן קימת־ערד.

גפני איז געווען אַ מענטש פון גליל. ער איז געבוירן געוואָרן אין צפת און זיך גערעכנט פאַר אַ ותיק פון פינפטן דור. זיין יחוס האָט זיך אָנגעהויבן מיט קבלה־יידן און שטייט היינט אין ביי געענדיקטע אַקאַדעמיקער, קיינער האָט נישט געוווסט וועגן זיין שוואַכקייט צום גליל. ער איז געווען שטאָלץ מיטן נגב, וואָס ווערט וואָס אַ מאָל מער קולטווירט און באַפעלקערט, ער האָט געקענט יעדעס ווינקל פון לאַנד, אָבער פאַרן גליל איז ער אין שטאַנד געווען אַוועקצוגעבן זיין לעבן. ווען יורם קלייבט אָפ פאַר זיין פלאַן אַן אַנדער אָרט, נישט דעם גליל, איז אַ ספק, צי ער וואָלט בכלל זיך געווען אַנגאַזשירט אין אַזאַ ענין. ער האָט געהאַלטן, אַז דער גליל איז נישט אויסגעפאָרשט און אַז ס'איז נאָך גאָר ווייניק דערין געטאָן געוואָרן. ער האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט חלומות וועגן גליל העליון. ער האָט געגלייבט, אַז מ'קאָן דאָרט געפינען אייזן און ניקל, און ווער ווייס, וואָס נאָך פאַר אַן אוצרות. יורמס ענטפער, אַז ער מוז נאָך אַ ביסל וואַרטן ביז ער וועט זיך פאַרנעמען אויף צוגרייטן אַ גרויס שטיק פלאַכלאַנד, האָט אים אומרויִק געמאַכט. ער האָט איבערגעקלערט, אויב יורם טראַכט נישט צו באַשטימען זיין צווייטן פראָיעקט אין די בערג פון יהודה. ער האָט אים דערפאַר זייער אָפגעהיטן און זיך באַמיט עפעס אַרויסצובאַקומען פון אים. גפני האָט געוואָלט, אַז יורמס טעטיקייט זאָל זיך אין גאַנצן קאָנצענטרירן אויפן צפון פון לאַנד. די גאַנצע צייט, וואָס גפני האָט געוווינט אין ירושלים, האָט ער אַלץ געטראַכט זיך צוריקצוקערן אין גליל. אָבער איצט האָט ער געזען, אַז ווען ער וועט זיך צוריקקערן, וועט דער גליל שוין זיין גרויס, רייך און אויסגעוואַקסן מיט אַ צענדליק נייע שטעט. ער האָט אַפילו נישט געטראַכט זיך צו לאָזן באַגנוגענען מיט אויפבויען דאָס שטעטל צילה. דאָס איז פאַר אים נאָר געווען דער ערשטער פרווו פון אַ באַוועגונג אויפצובויען דעם גליל. טאָג און נאַכט האָט ער אַריינגעקלערט, ווי אַזוי די שטאָט צילה צו רעקלאַמירן און פאָפולאַריזירן. ער האָט זיך נישט באַגנוגנט מיט דעם, וואָס טויזנטער משפחות האָבן זיך דאָרט געוואָלט באַזעצן, נאָר ער האָט אַלץ געזוכט פרנסה־קוואַלן פאַר דער שטאָט. זייער אָפט איז ער געקומען אין וויצמאַן־אינסטיטוט, געפירט לאַנגע געשפרעכן מיט געלערנטע פון פאַרשידענע געביטן, פאָרגעלייגט עקספערימענטן — ביז ס'איז אים געלונגען צו אָרגאַניזירן עטלעכע גרופעס וויסנשאַפטלער, וואָס זאָלן זיך פאַרנעמען מיט דעם נייע שטיק פלאַכלאַנד. אַ גרויסע הילף איז פאַר אים געווען ד"ר

אביגדור. בעת אַנדערע געלערנטע האָבן זיך באַצויגן מיט ביטול צו זיינע פאַר־שלאָגן „וועגן די גרויסע אוצרות, וואָס מ׳דאַרף אַנהייבן זוכן אין די גליל בערג״, האָט ד״ר אביגדור אים אויסגעהערט און ער האָט געהאַט דעם איינ־דרוק, אַז זיין באַציִונג איז ווי איינער זאָגט: „אַלץ אוממעגלעכע איז מעג־לעך״. וואָס ער וויל פון די געלערנטע און פאָרשער, האָט ער נישט געקענט באַצייכענען, אָבער ער האָט געמיינט אַרויסצובאַקומען פון דעם נייעם שטיק לאַנד עפּעס אַזוינס, וואָס איז מער ווי דער ווערט פונעם פלאַכבאָדן. ער האָט אַליין נישט געוווּסט, אין וועלכער ריכטונג ער זאָל לענקען די וויסנ־שאַפטלעכע קאָמיסיעס. דאָס האָט אים אָבער נישט אָפּגעהאַלטן צו וועקן פאָרשידענע פאָרשער, צוזאַמענשטעלן עקספּעדיציעס און צו זאָרגן פאַר דעקן די הוצאות. „עפּעס וועט פון די פאָרשונגען אַרויסקומען״ — האָט ער געהאָפט.

פון טאָג צו טאָג איז גפניס שפּאַנונג געוואָרן גרעסער. ער איז געשטאַנען אין פאַרבינדונג מיט די פאָרשער, זיך נאָכגעפרעגט. די ענטפערס, וואָס ער האָט באַקומען, האָבן אים נישט באַפרידיקט: מ׳פאָרשט, מ׳מעסט, מ׳שטודירט, אָבער קיין איין ריכטיק וואָרט האָט קיינער נישט אַרויסגעזאָגט.

איין מאָל, אָנקומענדיק גאַנץ פרי אין זיין ביוראָ, האָט ער געטראָפן אויפן טיש אַ גאַנצן פּאַק פּאַפּירן, און צווישן זיי — אַ ברייטן באַריכט פון איינער פון די וויסנשאַפטלעכע קאָמיסיעס, וואָס ער האָט אָרגאַניזירט.

אַ שפּאָר שטיקל צייַט האָט ער געלייענט. זיין פּנים האָט זיך צע־שטראַלט. דער באַריכט איז געווען אַזוי קלאָר, אַז ער האָט אַפילו נישט געהאַט וואָס איבערצופרעגן. ער האָט אַרייַנגערופן זיין סעקרעטאַרין און איר דיקטירט אַ באַריכט פאַר דער פּרעסע און ראַדיאָ.

ער האָט זיך אויפגעשטעלט, אַ קוק געטאָן אויפן זייגער. די שעה איז געווען צען אין דער פרי. ער האָט געדאַרפט זיין אויף אַ זיצונג, אָבער ער איז געווען איבערגענומען מיט דעם באַריכט און ער האָט געזאָגט: „ס׳וועט נישט טויגן אויב יורם וועט זיך דאָס גלייך מיט אַלע דערוויסן פון דער פּרעסע״ — און ער איז אַוועק אַליין אים איבערגעבן דעם באַריכט.

קומענדיק קיין צילה האָט ער אים לאַנג ארומגעזוכט ביז ער האָט אים געטראָפן ביי די בוי־אַרבעטער.

— וואָס טוסטו דאָ? — האָט גפני אים וואָרעם באַגריסט.

— אַט זעסט דאָך, כ׳העלף בויען.

— ווער האָט דיך אַנגאַזשירט?

— סתם אַזוי, פאַר פאַרגעניגן וועגן.

— קום — האָט גפני אים גענומען אונטערן אָרעם — וועסטו האָבן אַ גרעסערן פאַרגעניגן.

ווי נאָר זיי זענען אַוועקגעגאַנגען אַ ביסל פון דעם בויענדיקן זיך הויז האָט גפני געעפנט די טעקע און אַרויסגענומען אַ פּעקל פּאַפּירן.

— זעסט — האָט ער געוויזן יורמען — מ׳איז שוין צו עפּעס דערגאַנגען. אָט האָסטו דעם ערשטן באַריכט פון אַ גרופּע פאָרשער וועגן נײַעם פלאַכלאַנד, וועגן דײַן שטאָט צילה.

יורם האָט אָנגעהויבן לייענען, אָבער גפני איז געווען אומגעדולדיק און פון פאָרויס געזאָגט, אין וואָס ס׳האַנדלט זיך:

— אין באַריכט זאָגט זיך, אַז די לופט אין צילה האָט זיך לחלוטין געענדערט און איז אַן אַנדערע ווי פריִער, ווי אין גאַנצן גליל העליון. נאַ, זע וואָס כ׳האָב אונטערגעשטראָכן: די וויסנשאַפטלער דערקלערן דאָס דערמיט, וואָס די אָפּגעהאַקטע בערגקעפּ גיבן פון זיך אַרויס פאַרבאָרגענע כוואַליעס זויערשטאָף און אַנדערע כעמישע, נאָך נישט אויסגעפאָרשטע אויסדאַמפונגען, וואָס קיינער האָט זיך נישט גערינכט, אַז זיי שטעקן אין די טיפענישן פון אַלטע בערגפעלדזן, און די אויסשטראַלונג קאָן אָנהאַלטן טויזנטער יאָרן. נאַ, הער! — האָט גפני אים אָנגעכאַפּט בײַם אָרבל — די קלימאַטאָלאָגן פאַרזיכערן, אַז זיי האָבן געמאַכט עקספּערימענטן און אויסגעפונען, אַז די לופט אין צילה איז גוט פאַר נערוון־קראַנקע, נאָך אַ בעסערע, ווי אין באַרימטע קורערטער אין אויסלאַנד. נו, וואָס זאָגסטו דערצו? — האָט גפני אים געקלאַפּט גוטברודעריש איבער די פּלייצעס — ווייסטו דען ווי אָפּצושאַצן דעם גליל העליון?...

— אויף דעם האָב איך זיך גאָרנישט גערינכט — האָט יורם געענטפערט מיט רעזערוו, מיינענדיק, אַז גפני שאַצט איבער.

אין אָוונט, ווען ער האָט געעפנט דעם ראַדיאָ, האָט ער אַלץ געהערט וואָס גפני האָט אים דערציילט, און אַ טאָג שפּעטער האָט ער די וויסנשאַפטלער געזען אין טעלעוויזיע, ווו זיי האָבן נאָך ברייטער אויסגעטײַטשט דעם באַטײַט פון דער קלימאַטישער אַטמאָספער פון דער נײַער שטאָט צילה.

פון דעמאָלט אָן האָט צילה אָנגענומען דעם כאַראַקטער פון אַ קוראָרט פאַר קראַנקע און אַ פּרנסה־שטאָט פאַר געזונטע. צילה איז זיך צעוואַקסן אין דער לענג און אין דער ברייט און זי האַלט נאָך אין איין אויסבויען און אויסברייטערן זיך.